STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03514

FUN BARUKH SPINOZE BIZ SHEMUEL ALEKSANDER

I. S. Polishuck

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל.מ. שטיין
שיקאגא

דר. יצחק פאָלישוק

פון ברוך ספינאזע ביז שמואל אלעקסאנדער

אַ קריטישער אַנאַליז און אַן אייגענער בליק

אַרויסגעגעבן פונם שיקאַגער שטאַט קאָמיטעט פון

יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

פאַרלאַג ל. מ. שטיין שיקאַגע

. . Copyright, 1956 by . .
DR. I. S. POLISHUCK, CHICAGO, ILL.

602

From Boruch Spinoza to Shmuel Alexander
(A critical analysis and a personal view.)
• • L. M. STEIN, PUBLISHER • •
• Chicago, Illinois, Nineteen Fifty-Six •

א י נ ה אַ ל ט

א. עטלעכע באַמערקונגען צום לייענער

ב. אַריינפיר

1. דער מאַרך און באַוואוסטזיין (קערפּער פאַרשטאַנד פּראָבלעם) — 21

2. ספּענסער, בערגסאָן און אַלעקסאַנדער — 42

3. ספּינאָזע און אַלעקסאַנדער — 53

4. דערקענטעניש לערע (היסטאָרישער איבערבליק) — 92

5. די קאָגניטיווע רעלאַציע (די באַוואוסטזיניקע פאַרהעלטעניש) — 101

6. אַספּעקטן (דערשיינונגען) — 115

7. אמת און טעות (די דריטע קוואַליטעטן) — 134

8. עסטעטיק (שיינקייט און מיאוסקייט) — 156

9. גוטס און שלעכטס (עטיק) — 185

10. ווערטן אין אַלגעמיין — 200

11. פרייהייט (בחירה) — 215

12. דייעטי (דאָס געטלעכע) און גאָט — 228

13. דייעטי און רעליגיע — 237

14. דייעטי און ווערטן — 248

15. דערגאַנצונג און באַמערקונגען — 257

16. אַ קריטישער אַנאַליז און אַן אייגענער בליק — 266

שלוס — 293

„גלאָסאַרי" (דעפיניציעס און דערקלערונגען פון טעכנישע טערמינען) — 296

זוכצעטל — 312

דעם מחברס פריערדיקע ווערק:

1) די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן. אַ רעאַליסטישע באַטראַכטונג פון דער וועלט און דעם מענטשלעכן וויסן. 2 בענד. (1939).

2) די אַנטוויקלונג פון אייראָפּייעשן דענקען און דער יידישער בייטראָג. אין 2 בענד. (1945).

עטלעכע באַמערקונגען צום לייענער

איך האָב גענומען אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע פאַרן אויסגאַנגס פונקט צו געבן אַ קריטישן איבערבליק וועגן דעם פילאָזאָפישן דענקען אין דער לעצטער צייט דערפאַר וואָס ער איז דער איינציקער וואָס האָט געשאַפן אַ גאַנצע פילאָזאָפיע (אַ פילאָזאָפישן סיסטעם), וועלכע איז באַזירט אויף דער וויסנשאַפט און אויפן עוואָלוציע באַגריף.

פילאָזאָפיע איז אַ שווערער ענין: דענקער נעמען זיך אונטער צו דערקלערן פּראָבלעמען, וועלכע די וויסנשאַפט קען ניט דערקלערן און דער פאַרשטאַנד קען ניט באַגרייפן. די פּראָבלעמען פאָדערן אָבער אַ דערקלערונג; זיי קענען ניט איגנאָרירט ווערן אײנפאַך דערפאַר, וואָס זיי ווערן אַרויסגערופן פון דערשיינונגען אין דער וועלט גופא און לאָזן זיך ניט איגנאָרירן. דערצו איז דער מענטשלעכער שכל אַזאַ, וואָס קען ניט און וויל ניט בלייבן שטיין ביי ניט געלייזטע פּראָבלעמען:—צי מען וויל, אָדער ניט, דענקט זיך סיי ווי ווייטער. און ווען מען קען עפּעס ניט דערקלערן, פּראָבירט מען טרעפן, מען ספּעקולירט:—דאָס איז פּשוט גערעדט פילאָזאָפיע.

לויט די פּראָבלעמען, וואָס זי וויל לייזן, איז פילאָזאָפיע שווער בכלל; אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע איז נאָך שווערער דערמיט, וואָס ער האָט געשריבן האַרט, טרוקן און פּראָפעסאָריש פּעדאַנטיש אָן וועלכע עס איז ביישפּילן, וועלכע זאָלן העלפן צו דערקלערן אַ שווערן ענין.

דער ערשטער טייל פון זיין פילאָזאָפיע איז דער שווערסטער (ער עצה׳ט דעם אַלגעמיינעם לייענער אָנהייבן פונעם צווייטן בוך). לויט דעם פּלאַן פון זיין סיסטעם האָב איך אים געמוזט נאָכפאָלגן, איז אויך מיין ערשטער טייל דער שווערסטער.

מיין עצה צום אַלגעמיינעם לייענער איז, אַז נאָכדעם וואָס ער וועט איבערלייענען דעם אַריינפיר, וואָס וועט אים באַקענען מיטן אַלגעמיינעם אינהאַלט, זאָל ער אָנהייבן לייענען פונעם 15טן קאַפּיטל (דערגאַנצונג און באַמערקונגען) און לייענען ביזן סוף פונעם בוך. דאָס וועט אים באַקענען מיט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע

און מיט מיינע אויסזעצונגען אין אַ לייכטער ניט פּעדאַנטישער שפּראַך.

נאָך דעם וואָלט איך געעצה'ט צו לייענען דאָס אַכטע קאַפּיטל וועגן עסטעטיק (וועגן קונסט). דאָס קאַפּיטל האָב איך געשריבן לויט זיינע עסייען; עס איז לייכט און אינטערעסאַנט. ערשט נאָכדעם זאָל דער אַלגעמיינער לייענער אָנהייבן פונם ערשטן קאַפּיטל און לייענען ווי לאַנג עס לאָזט זיך.

איך בין זיכער אַז דער וואָס וועט נאָכפאָלגן דעם פּלאַן וועט מיט אַביסל אָנשטריינגונג איינבייסן די גאַנצע ארבעט.

אַרײַנפיר

דער וויכטיקסטער אויפטו פונם ניינצענטן יאָרהונדערט איז געווען די טעאָריע פון עוואָלוציע; דער געדאַנק, אַז אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען און ס'קומט פאָר אין דער פאָרמע פון עוואָלוציע, אין דער אָרגאַנישער וועלט. דער עוואָלוציע באַגריף האָט געפירט צו אַ רעוואָלוציע אינם דענקען וועגן דער וועלט.

דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפיע פונם שטאַנדפונקט פון עוואָלוציע און האָט זי פאַרשפּרייט, איז געווען הערבערט ספּענסער. ער איז געווען אַ זייער פּראָדוקטיווער שרייבער און האָט זיינע ווערק געשריבן פאַרן אַלגעמיינעם געבילדעטן עולם, זיינען זיינע ווערק ווייט און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט. ער האָט מער אויפגעטאָן צו פאַרשפּרייטן דעם פילאָזאָפישן געדאַנק פון אוניווערסאַלער עוואָלוציע, ווי ווער עס איז. ווען מען זאָל אַפילו צוגעבן, אַז זיין סינטעטישע פילאָזאָפיע האָט ניט קיין צופיל אמתע דערקלערונגען וועגן דעם עוואָלוציע פּראָצעס און ער ווערט ניט צו ערנסט באַטראַכט אין דער אַקאַדעמישער וועלט, האָט ער פונדעסטוועגן מיט זיין אויפטו פאַרדינט די רעפּוטאַציע, אַז ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער מענטש פונם יאָרהונדערט.

דער צווייטער דענקער פון וועלט פאַרנעם, וואָס האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפיע פונם שטאַנדפונקט פון עוואָלוציע, איז געווען הענרי בערגסאָן. ער האָט געשריבן אויסשליסלעך פאַר דער אַקאַדעמישער וועלט; זיין נאָמען האָט אָבער אַריבערגעשטיגן די אַקאַדעמישע קרייזן און איז אַלגעמיין באַקאַנט געוואָרן. מען קען צווייפלען צי עמיצער פאַרטייַדיקט איצט זיין מיסטישן באַגריף וועגן אַ וויטאַלן אימפּולס („לעבן" „צייט"), אַז ער איז דער גאָט פון דער וועלט און צי האָט ער אַפילו נאָכפאָלגער בכלל; פונדעסטוועגן דאַרף מען צוגעבן, אַז ער האָט פאַרדינט דעם נאָבעל פּריז פאַר ליטעראַטור. זיין צענטראַלער געדאַנק, ווי ער דערקלערט אים, איז זיכער אַ פאַלשער; דער געניאַלער אופן, ווי ער דערקלערט אים, האָט געווירקט אַז דער עוואָלוציע באַגריף זאָל אָנגענומען ווערן אין דער פילאָזאָפישער וועלט.

די צוויי זיינען ניט געווען די איינציקע, וועלכע האָבן געשאַפן ווערק וועגן פילאָזאָפיע פונם שטאַנדפונקט פון עוואָלוציע

פאַר אַלעקסאַנדערן און מאַרגענען, זיי זיינען אָבער געווען די וויכטיקסטע, גיב איך אין קורצן איבער זייערע צענטראַלע געדאַנקען אין דער אַרבעט.

אַלעקסאַנדער זאָגט — זיין פילאָזאָפיע באַשטייט פון אַ פּירוש אויף ספּינאָזעס פילאָזאָפיע. און מאַרגען זאָגט: „מיין רוף איז צוריק צו ספּינאָזען". זיי ביידע האָבן אָנגעהויבן זייערע ווערק מיט ספּינאָזען און זיי פאָלגן אים נאָך אַ היפּש ביסל. פאַרשטייט זיך, אַז ספּינאָזעס צענטראַלע געדאַנקען ווערן אויף אַן אומדירעקטן אופן באַטראַכט.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגעשריבן אַ קליין ביכל אונטערן נאָמען „ספּינאָזע ענד טיים" (ספּינאָזע און צייט) אין וועלכן ער דערקלערט זיין פּירוש אויף ספּינאָזען. הייב איך אָן מיטן קליינעם ביכל וואָס פירט דירעקט צו זיין רוים-צייט מעטאַפיזיק. די מעטאַפיזיק איז איינע פון די שווערסטע טיילן פון זיין סיסטעם; מען קען ניט אָנהויבן צו פאַרשטיין ווי רוים און צייט, אָדער רוים-צייט, ווי ער פאַראייניקט זיי, קענען פאָרמירן דעם פונדאַמענט פון דער וועלט. כדי צו מאַכן דעם ענין אַביסל לייכטער גיב איך אַ קורצן איבערבליק וועגן רוים און צייט ווי ניוטאָן האָט זיי דערקלערט לויט דעם שכל הישר.

קאַנט האָט ניוטאָנס באַגריף וועגן רוים און צייט אַנאַליזירט און האָט באַוויזן, אַז ווי מען זאָל זיי ניט דערקלערן, פאַלט מען אַריין אין ווידערשפּרוכן (אַנטינאָמיעס). כדי צו לייזן דעם פּראָבלעם האָט ער באַשטימט, אַז זיי באַלאַנגען ניט צו דער וועלט, נאָר זיי זיינען דעם מענטשנס אייגענע פאָרמען לויט וועלכע ער מאָדעלירט די רעאַליטעט. מיט רוים און צייט האָט ער פון דער וועלט צוגענומען די פונדאַמענטאַלע פאָרמען (קאַטעגאָריעס) און אוים מיט דער וועלט, ווי זי ווערט פאַרשטאַנען פונם שכל הישר און פון דער וויסנשאַפט. פאַר די דייטשישע מעטאַפיזיקער איז עס געווען ווי געוואונטשן; זיי האָבן זיך געקענט פלפּולן אויף וויפיל זייער האַרץ האָט געגלוסט. פאַר וויסנשאַפטלער, ווי העלמהאָלץ (גראָדע אַ דייטש) צום ביישפּיל, איז עס געווען ריינע משוגעת.

אין דער אַרבעט ווערט אָנגעוויזן ווי דאָס האָט געפירט צו אַ שפּאַלטונג צווישן דער וויסנשאַפט, וואָס טרעט האַרט באַ דר'ערד און די ספּעקולאַטיווע דענקער, וואָס האָבן זיך געלאָזט פירן פון זייער פאַנטאַזיע, אַז העגעל האָט געזאָגט: דער עפּל וואָס איז געפאַלן אויף ניוטאָנס קאָפּ (די וויסנשאַפט בלע"ז) האָט געטאָן אַזוי פיל שאָדן, ווי דער עפּל וואָס די מוטער חוה האָט געגעסן.

דער מאַטעריאַליזם פון דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט, וואָס איז געווען באַזירט אויף האַרטע אַטאָמען, וואָס באַוועגן זיך אין

אַ לײדיקײט, פון דער צװײטער זײט, האָט ניט נאָר ניט געהאַט קײן פּלאַץ פאַר פילאָזאָפיע, נאָר אַפילו ניט פאַרן באַװאוסטזײן: — אין הארטע אַטאָמען קען ניט פאָרקומען קײן דענקען.

אין דער אַרבעט װערט אָנגעװיזן, אַז ס'האָט זיך געפאָדערט צו ענדערן דעם צוגאַנג צו דער װעלט, אַז ס'זאָל קענען געמאַכט װערן שלום צװישן דער װיסנשאַפט און דער פילאָזאָפיע. דער שלום איז געקומען װען די ביאָלאָגישע װיסנשאַפט האָט זיך אַנט־װיקלט און דער באַגריף װעגן עװאָלוציע איז אָנגענומען געװאָרן און אין דער פיזיקאַלישער װיסנשאַפט איז דער אַטאָם געשפּאָלטן געװאָרן. פון דעם מאָמענט אָן איז ניט דער אַטאָם גענומען געװאָרן פאַרן אויסגאַנג פּונקט, נאָר די אָרגאַניזאַציע פון די עלעמענטן. װען אַלעקסאַנדער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף זײן סיסטעם זײנען שוין די ענדערונגען פאָרגעקומען; אַ סך פילאָזאָפן האָבן שוין אָנגענומען אַ רעאַליסטישן אויסגאַנגס פּונקט, אַז די װעלט עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פונם מענטשנס װיסן װעגן איר. ער אַלײן איז געװען אײנער פון די װאָס זײנען איבערגעגאַנגען פון אַן אידעאַליסטישן אַרט דענקען אויף אַ רעאַליסטישן. ער האָט ניט געהאַט קײן שװעריקײטן צו פאַראײניקן פילאָזאָפישע געדאַנקען מיט װיסנשאַפטלעכע פאַקטן.

אין דעם פריער דערמאָנטן ביכל, אין װעלכן ער זאָגט אַז זײן פילאָזאָפיע באַשטײט פון אַ פּירוש אויף ספּינאָזען, זאָגט ער אויך, אַז ער באַטראַכט פאַרן װיכטיקסטן אויפטו אין פילאָזאָפיע אין דער לעצטער צײט בערגסאָנס דערקלערונג װעגן דער באַדײטונג פון צײט פאַרן פּראָצעס פון עװאָלוציע.

װי באַקאַנט איז ספּינאָזעס װעלט, װי ער האָט זי באַטראַכט, געװען אַ פּאַרטיקע, אַ סטאַטישע; ער האָט זי באַטראַכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון אײביקײט (סוב ספּעשיע עטערנאַטאַטום). װען מען נעמט אַזאַ אויסגאַנגס פּונקט באַמערקט מען ניט די באַדײטונג פון צײט (אינם 17טן יאָרהונדערט האָט מען ניט געװאוסט װעגן קײן עװאָלוציע פּראָצעס).

װען אַלעקסאַנדער האָט גענומען די װעלט פון דעם שטאַנד־פּונקט פון עװאָלוציע, איז דינאַמיזם, באַװעגונג און ענדערונג, געװען אײנגעשלאָסן אין זײן אויסגאַנגס פּונקט. דאָס דערקלערט זײן באַגײסטערונג פאַר בערגסאָנען, װאָס האָט געשאַפן אַ פילאָ־זאָפיע אין װעלכער צײט װערט באַטראַכט פאַרן קרעאַטיװן פאַקטער (גאָט, װיטאַלער אימפּולס) פון דעם עװאָלוציע פּראָצעס. דער געדאַנק איז װי פאַר אים צוגעגרײט געװאָרן.

ער נעמט ספּינאָזעס אויסגעשפּרײטקײט פאַר רוים און בערג־סאָנס דויער פאַר צײט און פאַראײניקט זײ און באַטראַכט זײ פאַרן פונדאַמענטאַלן אורשטאָף פון דער װעלט. פון זײ שטאַמט אַרויס

מאַטעריע און אַלץ מיט אַלעמען אין דער וועלט. דעם ערשטן באַנד פון זיין צוויי בענדיקן סיסטעם גיט ער אָפּ צו דערקלערן די רוים־צייט מעטאַפיזיק און די פונדאַמענטאַלע פאָרמען און רעלאַציעס פון זאַכן (קאַטעגאָריעס).

ס'איז ממש צו באַוואונדערן די חריפות מיט וועלכע ער אַנאַליזירט רוים־צייט פון פאַרשיידענע ווינקלען און פון פאַרשיידענע שטאַנדפונקטן, וויאַזוי ער דערקלערט אַ מעטאַפיזישן ענין, וואָס איז למעלה מן השכל, מיט אַזויפיל איינצעלהייטן אויף פאַרשיידענע אופנים. ער ווערט ניט מיד איבערצו'חזר'ן זייער שייכות און זייער ווירקונג איינער אויפן צווייטן. מען זעט ממש, אַז ער האָט פאַרגעניגן פון זיינע טיפזיניקע דערקלערונגען און באַווייזן פאַר וואָס ער באַטראַכט זיי פאַרן פונדאַמענטאַלן אורשטאָף פון דער וועלט און וויאַזוי פון „ריינער באַוועגונג" איז אַלץ אין דער וועלט אַנשטאַנען.

איך ציטיר עטלעכע פּלעצער פון זיין ווערק כדי אָנצואַווייזן ווי ער דערקלערט דאָס ניט פאַרשטענדלעכע. אייניקע פון זיינע דערקלערונגען זיינען אויך מיר ניט פאַרשטענדלעך (איך בין ניט דער איינציקער וואָס פאַרשטייט זיי ניט). מעגלעך, זיי זיינען ניט פאַרשטענדלעך דערפאַר וואָס ער נוצט די מאַטעמאַטישע טערמינען, ווי פונקט, ליניע, קאָנטינואום און אַז. וו. לויט זייער אייגנאַרטיקן מאַטעמאַטישן מיין, וואָס איז מיר ניט באַקאַנט (ער איז געווען אַ באַדייטענדער מאַטעמאַטיקער). מען זאָגט, אַז אויף דעם ספּעציעלן מאַטעמאַטישן געביט איז אין דער לעצטער צייט אויפגעטאָן געוואָרן אַ סך וואָס העלפט צו פאַרשטיין די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דער וועלט. פאַרשטייט זיך, אַז נאָר מאַטעמאַטיקער קענען וועגן דעם אַרויסזאָגן אַ קאָמפּעטענטע מיינונג.

איך זע ניט איין דעם פאַרצוג וואָס מען קריגט ווען מען נעמט צייט־רוים צוזאַמען ווי אַ פונדאַמענטאַלן באַגריף וועגן דער רעאַליטעט (אָנטאָלאָגיע). ווען מען פאַרשטייט זיי ניט באַזונדער, העלפט ניט דאָס וואָס מען פאַראייניקט זיי ווי אַן איינהייט. מען קען פאַרשטיין, אָדער אָם ווינציקסטענס מיינען אַז מען פאַרשטייט, די מינקאָווסקי־איינשטיין צייט־רוים קאָמבינאַציע, ווייל זיי שליסן איין אַ מאַטעריאַלן אונטערגרונט אַרום וועלכן צייט־רוים ענדערן זיך אין שייכות צו דער באַוועגענדער מאַטעריע. „ריינע באַוועגונג", אָן וועלכן עס איז מאַטעריעלן קערפּער, וואָס זאָל זיך באַוועגן, איז ניט פאַרשטענדלעך. דאַרף מען עס נעמען ווי ער זאָגט מיט „נאַטירלעכער פיעטעט": — עס קען ניט דערקלערט ווערן.

זיין צייט־רוים מעטאַפיזיק (אָנטאָלאָגיע) ווערט אָפּגעגעבן דאָס גאַנץ לאַנגע דריטע קאַפּיטל. פאַר דעם, ווי אַן אַריינפיר צו

דעם, זיינען די ערשטע צוויי קאַפּיטלען. אינם ערשטן קאַפּיטל „דער מאַרך און באַוואוסטזיין“ (קערפּער פאַרשטאַנד פּראָבלעם) ווערן געגעבן די רעזולטאַטן פון וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען און מיינונגען פון וויסנשאַפטלער וועגן דעם מאַרך אין שייכות צום באַוואוסטזיין. דאָס קאַפּיטל ווערט פאַרענדיקט מיט אַלעקסאַנדערס מיינונג לויט זיין רעאַליסטיש-מאַניסטישן בליק. דאָס קאַפּיטל איז לייכט און אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט.

אינם צווייטן קאַפּיטל „ספּענסער, בערגסאָן און אַלעקסאַנדער“ ווערן אין קורצן איבערגעגעבן ספּענסערס און בערגסאָנס צענטראַלע געדאַנקען וועגן דער פילאָזאָפיע פון עוואָלוציע. עס איז אַ קורץ קאַפּיטל און ענטהאַלט ניט קיין ספּעציעלע שוועריקייטן. עס ווערט פאַרענדיקט מיט דעם וואָס אַלעקסאַנדער האָט גענומען פון בערגסאָנען.

אין די קאַפּיטלען פיר, פינף און זעקס ווערן דערקלערט די פאַרשיידענע פאַזן פון אַלעקסאַנדערס דערקענטעניש לערע (די טעאָריע פון וויסן, עפּיסטעמאָלאָגיע) וויאַזוי מען ווייסט אין דער אינערלעכקייט פונם פאַרשטאַנד וועגן דער אויסערלעכער וועלט. דער קעגנשטאַנד איז בכלל אַ שווערער, נאָך שווערער איז ער פאַר אַ מאָניסטישן רעאַליסט (נעאָ-רעאַליסט) וואָס וויל ניט שפּאַלטן די נאַטור אויף צוויי, אויף אַ פיזישן טייל און אַ פּסיכישן טייל. אַלעקסאַנדער האָט עס נאָך געמאַכט אַ סך מער קאָמפּליצירט מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעהויבן פון דער צייט-רוים מעטאַפיזיק און פון צייט-רוים האָט ער לויט דער עמערגענטער עוואָלוציע אַרויסגעבראַכט די דערקענטעניש לערע, דעם וויסן וועגן דער וועלט, און ניט לויט דעם לייכטערן מעטאָד צו אָנהויבן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, פון דעם וויסן וועגן דער וועלט, און פון דעם וויסן וועגן דער וועלט צוקומען צום עצם פון דער רעאַליטעט גופא. ער האָט גענוצט דעם שווערערן מעטאָד דערפאַר, וואָס ווי אַ מעטאַפיזיקער, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט (אָנטאָלאָגיע), האָט ער געוואָלט באַווייזן ווי דעם מענטשנס וויסן איז אויף אַן עמערגענטן אופן אַרויסגעקומען פון דער רעאַליטעט, פון צייט-רוים.

אַלעקסאַנדער גייט ניט איבער מיט אַמאָל פון אָנטאָלאָגיע (די לערע וועגן דעם עצם פון דער וועלט) צו עפּיסטעמאָלאָגיע (די לערע וועגן דעם מענטשלעכן וויסן וועגן דער וועלט). ער טוט עס שטופּן ווייס. ער בויט אַזוי צו זאָגן די וועלט גופא מיטן מענטשלעכן וויסן וועגן איר צוזאַמען אַט ווי ער זאָל געווען זיין ביי מעשה-בראשית. פאַר אים, פאַר אַן אויסגעהאַלטענעם מאָניסט (רעאַליסט), געפינט זיך אַלץ מיט אַלעמען אויף איין קאַנווע: די וועלט, דער וויסן וועגן איר אינם מענטשלעכן פאַרשטאַנד און

אפילו פאַנטאַזיעס און חלומות, אַלץ מיט אַלעמען געפינען זיך אויף איין אויבערפלאַך: — די נאַטור איז איינע; זי קען ניט גע־שפּאַלטן ווערן אויף אַ פיזישן טייל און אַ פּסיכישן טייל.

אין די קאַפּיטלען ווערן באַטראַכט די אַזוי אָנגערופענע פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן. זיי קענען ניט סומירט ווערן; עס איז גענוג צו זאָגן, אַז פון זיי באַשטייט דער טייל פון דער רעאַליטעט וואָס ווערט אויפגענומען דורך די חושים (אייגענ־טלעך ווערן דורך די חושים נאָר אויפגענומען די סעקונדערע קוואַליטעטן, קאָלירן, קלאַנגען, און אַז. וו.); מען ווייסט וועגן זיי פון דערפאַרונג (עמפּירישער, אָדער פּערצעפּציאָנעלער וויסן) צום אונטערשייד פון צייט, רוים, אָדער צייט־רוים, די קאַטעגאָריעס (די פונדאַמענטאַלע פאָרמען פון דער וועלט געביידע), וועלכע קומען צוזאַמען מיט דערפאַרונג, זיי שטאַמען אָבער ניט פון דער־פאַרונג. זיי צווינגען זיך אַרויף אויפן פאַרשטאַנד ווי געצוויגענע שלוסן צו דערגאַנצן דאָס וואָס מען ווייסט פון דערפאַרונג (עמפּי־רישער וויסן).

דאָס זיבעטע קאַפּיטל באַהאַנדלט דעם פּראָבלעם פון אמת. אויבן אויף דוכט זיך אויס, אַז ס'דאַרף זיין אַ לייכטער ענין: — יעדער איינער ווייסט וואָס איז אמת אָדער ניט אמת. ווען אָבער ס'האַנדלט זיך וועגן דעם אמת פון דער וועלט און וועגן דעם אמת פונם מענטשלעכן וויסן, איז ניט אַזוי לייכט צו באַשטימען וועגן אמת, עס ווענדעט זיך אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דער רעאַ־ליטעט גופא און צו וואָס מען באַנוצט דעם טערמין אמת.

אַלעקסאַנדער זאָגט אַז ביז 1913 האָט ער געהאַלטן אַז אמת און רעאַליטעט איז איינע און די זעלבע זאַך, זיי זיינען סינאָנימען. אין 1913 האָט ער איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות; זיי זיינען ניט איינע און די זעלבע זאַך. אין 1913 האָט שוין אַלעק־סאַנדער געהאַט אונטער זיך פערציק יאָר פילאָזאָפישן דענקען און די גאַנצע צייט האָט ער געלעבט אין טעות וועגן אַ פונדאַ־מענטאַלן פילאָזאָפישן באַגריף און ערשט נאָכדעם האָט ער איינ־געזען זיין טעות. דאָס איז אַ באַווייז, אַז דער ענין איז ניט אַזוי לייכט ווי ער זעט אויס.

דאָס קאַפּיטל הייבט זיך אָן מיט די פאַרשיידענע מיינונגען וואָס דענקער האָבן וועגן דעם פּראָבלעם פון אמת און פון די מיי־נונגען זעט מען, אַז די שוועריקייט פונם פּראָבלעם נעמט זיך פון דעם וואָס ניט אַלע דענקער מיינען דאָס זעלבע ווען זיי ריידן וועגן רעאַליטעט און וועגן אמת. איינקע האָבן אין זינען די רעאַליטעט גופא און אַנדערע דענאָטירן מיט אמת די לאָגיק פונם דענקען וועגן דער וועלט און די אויסגעהאַלטנקייט פונם דענקען גופא. פון אַלעקסאַנדערס פונדאַמענטאַלע באַגריפן איז שווער צו זען דעם

אונטערשייד צווישן אמת און רעאַליטעט. דערפֿאַר איז דאָס קאַפּיטל ניט צו לייכט.

אמת, שיין און גוט רופֿט אַלעקסאַנדער אָן די דריטע קוואַליטעטן. דער אונטערשייד צווישן די ערשטע און צווייטע און די דריטע קוואַליטעטן באַשטייט אין דעם וואָס די ערשטע און צווייטע באַלאַנגען צו דער פּערצעפּציע (חושים-איינדרוקן) ווי פֿאַקטן און די דריטע באַלאַנגען צו דער קאָנצעפּציע; זיי באַשטייען פֿון מענטשלעכע באַגריפֿן. דער מענטש גיט עפּעס צו צו דער רעאַליטעט.

אונטער שיין און מיאוס ווערט פֿאַרשטאַנען דער פּראָבלעם פֿון עסטעטיק. ווען אַלעקסאַנדער האָט פֿאַרענדיקט זיין פֿילאָזאָפֿישן סיסטעם האָט ער זיך באַשעפֿטיקט מיט דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון עסטעטיק; ער האָט אסך געשריבן וועגן עסטעטיק. זיינע עסייען זיינען געשריבן אין אַ לייכטער שפּראַך; זיי זיינען פֿריי פֿון דער טעכנישער שפּראַך פֿון זיין סיסטעם. דאָס איז איינער פֿון די לייַנגסטע קאַפּיטלען אין דער אַרבעט (קאַפּ. 8, עסטעטיק) און ס'איז אויך אַ זייער אינטערעסאַנטער קאַפּיטל. עס ווערט אין דעם איבערגעגעבן דער אינהאַלט פֿון פֿינף עסייען אין וועלכע אַלעקסאַנדער דערקלערט ווי די קרעאַטיווע קונסט האָט זיך אַנטוויקלט. אין דער לעצטער עסיי פֿירט ער דורך אַ פּאַראַלעל צווישן דעם כאַראַקטער פֿונם פּראָצעס פֿון דער שאַפֿונג פֿון קונסט דורך דעם קינסטלער און די אורשפּרינגלעכע קרעאַציע פֿונם קאָסמאָס. לויט זיין מיינונג קאָפּירט דער קינסטלער די אורשפּרינגלעכע קרעאַציע פֿונם קאָסמאָס. פֿון דעם פּראָצעס ווי דער קינסטלער שאַפֿט קען מען, לויט זיין מיינונג, זען ווי דער קאָסמישער שאַפֿונגס פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען. געוויס איז עס אַ פֿאַנטאַזיע פֿון אַ ראָמאַנטישן מעטאַפֿיזיקער; עס איז אָבער אינטערעסאַנט. דאָס קאַפּיטל גיט אַ שליסל צו זיין מעטאַפֿיזיק, עס קען דינען ווי אַן אַריינפֿיר אין זיין מעטאַפֿיזיק.

דאָס קליינע קאַפּיטל (9) וועגן דעם פּראָבלעם פֿון מאָראַל, אַז מאָראַל און רעליגיע זיינען פֿאַרשיידענע ענינים, אַז זייער צוזאַמענקונפֿט איז אַ היסטאָרישער און ניט קיין אָרגאַנישער, איז ניט קיין נייעס. פֿאַר אים איז די צעטיילונג זייער וויכטיק. דאָס וואָס רעליגיע איז בין אדם למקום און מאָראַל איז בין אדם לחברו, איז פֿאַר אים זייער וויכטיק צו אינטערפּרעטירן רעליגיע אויף זיין אייגנאַרטיקן אופֿן.

נאָך די דריי קאַפּיטלען פֿון די אַזוי אָנגערופֿענע דריטע קוואַליטעטן, אָדער די באַגריפֿן וועגן די ווערטן: אמת, שיין און גוט, האָט ער אַ קאַפּיטל וועגן דעם ענין ווערטן בכלל (10). אין דעם קאַפּיטל ברענגט ער אַרויס דאָס, אויף וואָס ער האָט שוין פֿריער אָנגעמערקט, אַז ווערטן באַגריפֿן שטאַמען אַרויס פֿון ענלעכע אייגנ-

שאפטן וואס חיות באזיצן אין א רודימענטארן צושטאנד. פאר אים, ווי א מאניסטיש-רעאליסטישער מעטאפיזיקער, וואס פאר־טיידיקט אן איינהייטלעכן נאטוראליסטשן גאנג אין דער נאטור, איז די פארבינדונג צווישן דעם מענטשן מיט דער חית זייער וויכטיק. מיר דוכט זיך אבער, אז אין דעם פאל, ווי אין אסך ענלעכע פאלן, איז ביי אים דער וואונטש דער פאטער פונם געדאנק. מיר וואלט זיך זייער געוואלט אים נאכפאלגן, צום באדויערן קען איך עס ניט טאן: — איך זע צו בולט די שוואכע זייטן פון זיין סיסטעם.

נאך דעם פאלגט א פאר׳יתום׳ט קאפיטל (11) אונטערן נאמען „פרייהייט", עס באשטייט פון א לעקציע, וואס ער האט געהאלטן. די פארבינדונג פון דעם קאפיטל מיטן סיסטעם איז א לויזע. עס איז אבער אין איינקלאנג מיט זיינע אלגעמיינע באגריפן. אין דעם קאפיטל דערקלערט ער ווי ס׳איז מעגלעך צו האבן א פרייען ווילן און אן אלגעמיינעם דעטערמיניזם, אז ווען מען פארשטייט וואס פרייע האנדלונג מיינט, איז ניטא קיין ווידערשפרוך צווישן פרייע האנדלונג און קאוזאליטעט (אורזאך און פאלג). זיין דער־קלערונג איז אן אייגנארטיקע, מען קען זען, אז ער צאלט א חוב ספינאזען.

דערמיט שליסט ער זיין אלגעמיינע באטראכטונג און אין די לעצטע דריי קאפיטלען (12, 13, 14 — דער פערטער בוך לויט זיין טיילונג) דערקלערט ער דעם מיין פון „דייעטי" (געטלעכעס, הייליקעס), וואס צוזאמען מיט רוים און צייט, איז עס פאר אים דאס וויכטיקסטע פון זיין מעטאפיזיק. רופט ער דאך זיין סיסטעם אן „ספיים, טיים ענד דייעטי". די דריי קאפיטלען הייסן: „דייעטי ענד גאט", „דייעטי ענד רעלידזשן" און „דייעטי ענד וועליו". זיי באשטייען פון ניינציק זייטן. אין זיי ווייזט ער ארוים זיין גאנצע חריפות; ווען איך וואלט ניט געוואוסט, אז ער האט ניט געלערנט קיין גמרא, וואלט איך געזאגט נאר א גמרא קאפ קען זיך אזוי חקרנען (מיט 85-95 יאר צוריק האט אין סידני, אויסטראליע, זיין מוטער, די אלמנה, וואס האט געשטאמט פון אפריקע, פאר אים ניט געקענט קריגן קיין גמרא מלמד — קיין אויטא-ביאגראפיע האט ער ניט געשריבן).

די קאפיטלען זיינען ניט צו שווער, מען דארף זיי אבער לייענען מיט „קאפ", מען זאל קענען אויפכאפן זיין מיין און זען צו וואס ער ציעלט. סומירן קען מען זיי ניט. דאס איינציקע וואס איך קען וועגן זיי זאגן איז, אז זיין רעליגיע איז ניט קיין רעליגיע אינם אנגענומענעם זינען פון ווארט; זיין גאט, וועלכער איז טייל־ווייס אין דער וועלט און טיילווייס דארף די וועלט אים ערשט ארויסברייגגען, איז ניט קיין גאט, און זיין „דייעטי" באשטייט פונם עוואלוציע פראצעס פון איין זייט און פונם אייביקן מענטש־

לעבן אידעאַל, וואָס קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן פשוט דערפאַר וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע פירט צו העכערס און שענערס: — דער מענטשלעכער שטרעבנדער גייסט שטעלט זיך ניט צופרידן מיטן דערגרייכטן, פון דער צווייטער זייט.

איצט וועלן געמאַכט ווערן עטלעכע באַמערקונגען וואָס אַן זיי וועט פעלן אַ טייל פונם תמצית. אַלעקסאַנדער פירט דורך אַ קלאַסיפיקאַציע אינם עוואַלוציע פּראָצעס וואָס שפּאַלט די דער־שינענע אויף „קערפּער" און „נשמה" (מאַינד) אַנאַלאָגיש צום מענטשלעכן אָרגאַניזם. די טיילן זיינען ניט קיין פיקסירטע ווי אין אַן אָרגאַניזם; די קאָנאָטאַציע ענדערט זיך: — דאָס וואָס פאַרן פריערדיקן צושטאַנד איז אָנגערופן געוואָרן „נשמה", איז דער קערפּער אין דער העכערער גראַדאַציע, אָט ווי שטאַפּלען אין אַ לייטער גייען איינער נאָכן אַנדערן. דער ערשטער שטאַפּל איז רוים (קערפּער), דער צווייטער איז צייט („נשמה"). ווען מאַטעריע קומט אריין אין דער וועלט, ווערט צייט באַטראַכט פאַרן קערפּער און די מאַטעריע איז די „נשמה". און ווען לעבן קומט אריין אין דער איראַרכיע פון דער וועלט, איז לעבן די „נשמה" און מאַטעריע דער קערפּער און אז. וו. דאָ פירט ער אריין נאָך טערמינען: — דאָס שטרעבן צו העכערעס און נייעס רופט ער אָן „דייעטי" און דאָס העכערע, וואָס דאַרף קומען, רופט ער אָן „גאָט". אַזוי גיך ווי דער צושטאַנד וועט דערגרייכט ווערן, איז אויס מיט דעם „גאָט" און „דייעטי" וועט ווייטער שטרעבן צו „גאָט" און אז. וו.

ווי בערגסאָן באַטראַכט ער צייט פאַר דער טרייב־קראַפט פון דער וועלט. ער נאַטוראַליזירט אָבער דעם פּראָצעס. ער באַנוצט אויך אַ טערמין „ניצוס" (שטרעבן). דער אונטערשייד צווישן „דייעטי" און „ניצוס" איז וואָס דער לעצטער טערמין דאַרף מיינען אַ דינאַמישער כוח. די קלאַסיפיקאַציע און די טערמינאָלאָגיע איז פאַר אים וויכטיק כדי צו קענען אַרויסברייגנען זיין ספּעציעלן מיין אין יעדן איין פאַל.

15) „דערגאַנצונג און באַמערקונגען" באַשטייט פון אַ קליין קאַפּיטל וואָס דערגאַנצט זיין סיסטעם מיט דער הילף פון זיינער אַ פּאָפּולערער לעקציע און איך מאַך אויך באַמערקונגען צו דער־קלערן פאַרשיידענע פאַזן פונם סיסטעם.

16) דאָס לעצטע קאַפּיטל באַשטייט פון מיין אַ קריטיק וואָס איך נעם אָן און וואָס איך נעם ניט אָן. מיין צוגאַנג צום סיסטעם איז אַן אַנאַליטישער און קריטישער פונם אָנהויב ביזן סוף. אין דעם קאַפּיטל הזר איך איבער מיינע אויסזעצונגען און אויף דעם אופן ברייננג איך אַרויס מיין אייגענעם בליק. איך פּרעטענדיר ניט עפּעס צו מחדש זיין און גיב אויך ניט קיין אייגענעם אני מאמין. דאָס האָב איך געגעבן אינם לעצטן טייל פונם צווייטן באַנד פון מיין

ארבעט „די אנטוויקלונג פון באוואוסטזיין און דער פראצעס פון וויסן". דער אויפמערקזאמער לייענער וועט אליין געפינען מיין בליק אין דער ארבעט.

איך גיב צו א קורצע אפהאנדלונג (טיילוויים לויט מארגענען) וועגן דער וויכטיקייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. אלעקסאנדער דערמאנט עס נאר אומדירעקט, ער באשעפטיקט זיך ניט דערמיט.

וועגן זיין פילאזאפישן אויפטו איז גענוג צו זאגן, אז מען שטעלט אים אוועק אין איין ריי מיט ספינאזען און קאנטן, און לארד ליסטאוועל זאגט ער איז געווען דער אלגעמיין אנערקענטער פירער פון גייסט פון זיין דור אין ענגלאנד. איך קען נאר צוגעבן, אז ער האט דערגרייכט די טיפקייט, וואס דער מענטשלעכער פארשטאנד קען דערגרייכן און די הויך ווי די מענטשלעכע פאנ־טאזיע קען פליען. דורות וועלן געווים אנגערעגט ווערן פון דעם אל־ארומגענעמענעם פון זיין סיסטעם. פאר זיין סיסטעם דארף מען שטיין מיט דער זעלבער באוואונדערונג ווי מען שטייט פאר ראפאעלס מאדאנע אדער מייקל אנדזשעלאס משה. עס איז דאס העכסטע און טיפסטע, וואס דער מענטשלעכער גייסט קען גרייכן.

וועגן זיין אנערקענען זיך פאר א יידן קען מען זאגן, אז וועגן זיין קינדהייט ווייסט מען ניט צופיל. איך וועל ציטירן פראפעסער דזש. ליירדן, וועמען ער האט איבערגעלאזט צו פארעפנטלעכן זיינע געבליבענע כתבים. ער זאגט „ער איז געווען א זייער שטאלצער ייד און איז הויך געשעצט געווארן ביי די יידן. ער איז געווען אן איבערגעגעבענער ציוניסט און איז געווען א רעגולער בייטראגער צו פארשיידענע ציוניסטישע פאנדן. ער איז געווען ערן וויים־פרעזידענט פון די פריינט פונם ירושלימער אוניווערזיטעט און פלעגט פארטרעטן דעם אוניווערזיטעט ווען נויטיק פאר געזעל־שאפטלעכע צוועקן. ער האט געשיקט ביכער צום אוניווערזיטעט און איז געווען דער פארזיצער פון דעם ביבליאטעק קאמיטעט פונם אוניווערזיטעט. ער האט איבערגעלאזט דעם אוניווערזיטעט א טויזנט פונט".

דר. חיים ווייצמאן האט ליירדן צוגעשיקט דעם פאלגענדן בריוו: „פרעגסט מיך וואס פאר א ייד ער איז געווען. ער איז פון זיין יוגענד אן געווען טיף צוגעבונדן צו דער יידישער טראדיציע. די ערשטע איי, וואס איך האב ביי אים געגעסן, האט מען מיר דערלאנגט אין א זילבערנע שיסעלע, האט ער באמערקט: „דאס שיסעלע האט מען מיר געגעבן א מתנה צו מיין בר־מצוה". ער האט מיר דערציילט, אז אין זיין יוגענט איז ער געווען באקאנט מיט אסך וויכטיקע דייטשישע יידן צווישן וועלכע עס האבן זיך גע־פונען לאצארוס און שטיינטאל. ווען ער איז בארימט געווארן

האָט ער ניט אויסגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו קומען צווישן יידן. ביזן סוף פון זיין לעבן איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער קהילה... ער האָט זיך באַקאַנט מיט לאָרד באַלפורן; ער האָט וועגן זיך געזאָגט „ווי אַ פאַלשטענדיק אַסימילירטער האָב איך אויפגעהערט צו גלויבן אין אַסימילאַציע". ער איז נאָך געווען אַ ציוניסט ווען ציוניזם איז ניט געווען אין דער מאָדע".[1] עס מיינט ער איז געווען אַ גאַנצער ייד.

[1] זע „פילאָסאָפיקעל ענד ליטעראַרי פיעסעס", ז. 93.

ערשטער קאַפּיטל

דער מאַרך און באַוואוסטזיין (קערפּער־פאַרשטאַנד פּראָבלעם)

דער אויסזען און די פּאַסיוויטעט פון דער אומאָרגאַנישער וועלט און דער אויסזען און דאָס אַקטיווע רעאַגירן פון דער אָרגאַנישער וועלט, זיינען אַזוי פאַרשידן איינער פונם צווייטן, אַז די טיילונג אויף צוויי פאַרשיידענע וועלטן איז געווען אַ נאַטירלעכע, אַ זעלבסט פאַרשטענדלעכע. עס זיינען געשאַפן געוואָרן אָן אַ שיעור פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס וועגן דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן זיי. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, דרישן, יוקסולן און ווילדן קאַרן, עטלעכע פון די גאָר לעצטע וויטאַליסטן, אַז מען זאָל זען אַז אַפילו אין דער לעצטער צייט האָט וויטאַליזם געהאַט אַ היפּש ביסל פאַרטיידיקער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין באַווייזן ווי פאַרשידן די צוויי וועלטן, די אומאָרגאַנישע און אָרגאַנישע, זיינען. אייניקע פון די וויטאַליסטישע דענקער זיינען געווען אַזוי טיף, גלענצענד און איבערצייגענד, אַז זיי האָבן פאַר אַ צייט געהאַט אַ באַשטימענדע ווירקונג אויף דער פילאָזאָפישער וועלט.

וויסנשאַפטלער, פון דער צווייטער זייט, אַרבעטן אין דער ש[illegible] זיי זיינען באַשיידן. ווען זיי דערגרייכן עפּעס אין זייער פאָרשונג, אינפאָרמירן זיי וועגן דעם צו דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. די אַלגעמיינע וועלט ווערט קויב באַקאַנט מיט זייער אויפטו. ווען אַ וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונג ווערט אַפילו באַקאַנט, האָט דער דורכשניט מענטש אַ קליינעם באַגריף וועגן דער וויכטיקייט פון דער דערגרייכונג.

דאָס איינציקע וואָס די אַלגעמיינע וועלט ווייסט וועגן „ווירוסן" איז, אַז זיי זיינען „טאָקסינס" (סמ'ען), וואָס פאַראורזאַכן קראַנקהייטן. נאַטירלעך, ווייסט זי אַז די „טאָקסינס" זיינען זייער קליין, ס'איז שווער זיי צו כאַפּן ביי זייער שעדלעכער אַרבעט. מער ווי דאָס ווייסט ניט די אַלגעמיינע וועלט וועגן זיי; זי ווייסט ניט און וואָלט געווי ניט פאַרשטאַנען, ווען מען זאָל איר דערקלערן, אַז די אולטראַ־מיקראָסקאָפּישע ברואים באַזיצן אייגנשאַפטן אי פון דער אומאָרגאַנישער, אי פון דער אָרגאַנישער וועלט, אַז זיי פאַראייניקן די צוויי וועלטן, ווי שערינגטאָן און אַנדערע האָבן עס דערקלערט. עס איז מעגלעך, אַז מיט דער אַנטדעקונג פון די

„ווירוסן" איז אויסגעפונען געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע סודות פון דער נאַטור. דאָס וויסן נאָר און קענען אָפּשאַצן, וויסנשאַפטלער. עס איז אַ פאַקט, אַז אויף דער אַלגעמיינער וועלט האָט די אַנטדעקונג פון „ווירוסן" ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. אַסך וויסנשאַפטלער האַלטן, אַז מיט דער אַנטדעקונג איז דער גרענעץ פון דער אומאָרגאַנישער וועלט און דער אָרגאַנישער וועלט, אָפּגעשאַפט געוואָרן.

וויסנשאַפטלעכע אויפטועכגען זיינען טעכנישע, זיי קומען גראַדיק און שטופן־ווייז, ווערן זיי אָפּט ניט באַמערקט; פון דער צווייטער זייט זיינען פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס פאַרשטענדלעך און זייער אינטערעסאַנט, רעגן זיי די פאַנטאַזיע.

פילאָזאָפירן איז געוויס אינטערעסאַנט און סטימולירענד, עס קען אַפילו ווערן סענסאַציאָנעל. פילאָזאָפיע באַרייכערט דעם מענטשלעכן גייסט און גיט פליגל צו דער פאַנטאַזיע. ווען אָבער עס איז אַ פראַגע וועגן באַרייכערן דעם אַקטועלן וויסן, איז איין וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונג וויכטיקער פון אַ וועלט מיט ספּעקולאַציעס, וואָס בלייבן הייגגען אין דער לופטן. די אַנטדעקונג פון די „ווירוסן" האָט אויפגעטאָן מער ווי אַלע ספּעקולאַציעס פון די וויטאַליסטן.

דאָס, וואָס, מען גלויבט, ס'איז אויפגעטאָן געוואָרן וועגן דער מעגלעכער פאַרבינדונג צווישן דער אומאָרגאַנישער און דער אָרגאַנישער וועלט דורך דעם וואָס מען האָט אַנטדעקט די „ווירוסן", איז דערווייל ניט אויפגעטאָן געוואָרן אויפן געביט פונם מענטשלעכן באַוואוסטזיין אין שייכות צום מאַרך. אויף דעם געביט געפינט מען זיך נאָך אין די גרענעצן פון ספּעקולאַציע. געוויס גלויבן וויסנשאַפטלער, אַז זיי דערנאָענטערן זיך צו אַ לייזונג פון דעם פּראָבלעם; קיינער אָבער וועט ניט זאָגן, אַז דער פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן. שערינגטאָן זאָגט „טראָץ דעם וואָס אַ פיזיאָלאָג האָט געזאָגט מיט 60 יאָר צוריק, אַז וואָס אנבאלאנגט וועגן דער שייכות פון מאַרך מיטן פאַרשטאַנד וועלן מיר מוזן בלייבן אומוויסנד, דענקען מיר היינט וויניקער ווי בעכטן, אַז די ענדלעכע גרענעצן פון פאָרשונג זיינען שוין דערגרייכט געוואָרן. דער פּראָבלעם, וועלכן איך האָב בלויז באַרירט אין אַלגעמיינע שטריכן, האָט די מעלה וואָס ער גיט דעם פאָרשער דעם פאַרגעניגן פון וואַנדערן, וואָס איז בעסער ווי שטיין אויף איין אָרט. דער פאַרגעניגן קומט פון דעם וואָס ווען מען וואַנדערט, האָפט מען אַז מען וועט קומען צום געוואונטשטן פּלאַץ. אַסך פאָרשער דענקען מיר וועלן דערגרייכן דעם ענד־ציל פון דער פאָרשונג". (ציטירט פון דער לעקציע „די בריין ענד איטס מעקאַניזם").

פון דער צייט ווען ער האָט געהאַלטן די לעקציע ביז איצט זיינען אַסך פאָרשונגען געמאַכט געוואָרן וועגן דער פאַרבינדונג צווישן דעם מאַרך מיטן באַוואוסטזיין און אַ היפּש ביסל איז אויסגעפונען געוואָרן, די פאַרבינדונג איז אָבער ניט אויסגעפינען געוואָרן. די הויפּט סיבה איז וואָס די פאָרשונגען מוזן געמאַכט ווערן אויף אַן אומדירעקטן אופן.

אומדירעקטע פאַרשונגען ווערן שטענדיק געמאַכט: — יעדע איינע מאַרך שעדיגונג, וואָס צעשטערט דעם נאָרמאַלן גאַנג פונם באַוואוסטזיין, איז פּאָטענציעלער מאַטעריאַל ווי צו שטודירן די שייכות צווישן דעם מאַרך מיטן באַוואוסטזיין. דער הויפּט חסרון פון אומדירעקטער פאָרשונג איז וואָס דער רעזולטאַט קען אינטערפּרעטירט ווערן אי פאַר אַן איינהייט־לעכן פּראָצעס און אי פאַר אַ דואַליזם פון צוויי באַזונדערע רעאַליטעטן, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט פאַר אַ באַשטימטער פונקציע. האָט דאָך דער פילאָזאָף, בערגסאָן, מיט זעכציק יאָר צוריק באַזירט זיין דואַליזם אויף פאַלן פון מאַרך קראַנקע און האָט געהאַט אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט. ער האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג אויף דער וויסנשאַפטלעכער וועלט דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געניצט קיין וויסנשאַפטלעכן מעטאָד: — ער האָט געצויגן אַ פּאָזיטיוון שלוס פון אַ נעגאַטיוון רעזולטאַט, נעמלעך: אַז דערפאַר וואָס די איינהייטלעכקייט פונם פּראָצעס איז דירעקט ניט דעמאָנ־סטרירט געוואָרן, איז דאָס אַ געגעבענער באַווייז, אַז די צוויי פּראָצעסן זיינען פאַרשיידן. דער שלוס איז ניט קיין באַרעכטיקטער. אין דער וויסנשאַפט הערשט אַ כלל, אַז ווען מען געפינט עפּעס אויס ציט מען פון דעם אַ שלוס. ווען מען געפינט גאָרניט אויס, בלייבט די פראַגע אָפן פאַר וויטערדיקער פאָרשונג. לויט די וויסנשאַפטלעכע כללים האָט ער ניט געהאַט קיין רעכט צו ציען קיין שלוסן. אין דער ווירקלעכקייט האָבן מאַרך פאָרשונגען געפירט צום פאַרקערטן רעזולטאַט. זיי האָבן געפירט צו אַן איינהייטלעכן פּראָצעס פונם מאַרך מיט דעם באַוואוסטזיין.

ווי ס'איז פריער באַמערקט געוואָרן קען דער מאַרך און דער באַוואוסטזיניקער פּראָצעס, וואָס קומט אין אים פאָר, ניט געפאָרשט ווערן צוזאַמען אויף אַן אָביעקטיוון אופן. זיי קענען אַפילו ניט שטודירט ווערן באַזונדער ווי צוויי פאַזן פון אַן איינהייטלעכן פּראָצעס. אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען קען מען דירעקט ניט צוקומען צום מאַרך מען זאָל קענען פאָרשן דעם באַוואוסטזיין וואָס קומט אין אים פאָר. פון דער צווייטער זייט איז דער פּראָצעס פון באַוואוסטזיין אַ דירעקטער און אוממיטלבאַרער. פונם אייגענעם פּראָצעס פון באַוואוסטזיין קען מען צום אייגענעם מאַרך ניט צוקומען. אומדירעקט פאָרשט מען זייער שייכות שטענדיק. אויף איניקע פאָרשונגען, וועלכע זיינען דעם מחבר פון די שורות באַקאַנט, וועט אָנגעוויזן ווערן.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט דער נעוראָלאָג, העברי העד, אָנגעשריבן אַ צוויבאַנדיק ווערק אונטערן נאָמען „אפאזיע" (די צעשטערונג פון זכרון אין אַ געשעדיקטן מאַרך). העד האָט שטודירט די „אפאזיע" אין סאָלדאַטן וואָס האָבן געהאַט מאַרך וואונדן. ער האָט געוואוסט דעם פּלאַץ פון דער וואונד און האָט אויך געוואוסט וועגן דעם כאַראַקטער פון דער „אפאזיע", האָט ער פון דעם וויסן געצויגן שלוסן וועגן דער שייכות פונם פּראָצעס פון באַוואוסטזיין מיטן מאַרך און האָט אַרויסגעבראַכט, אַז דער באַוואוסטזיניקער פּראָצעס איז פאַרבונדן מיט דער פונקציע פונם מאַרך

אין דער פאָרמע פון געשטאַלטונגען, אָדער ספערעס און ניט ריין אַנאַטאָ־מיש. אַלעקסאַנדער האָט נאָכגעפאָלגט העדן און האָט געצויגן דעם שלוס, אַז ס׳איז ניט גענוג צו פאָרשן דעם פּראָצעס באַזונדער, מען דאַרף פאַר־איניקן דעם בעוואוסטזיין מיטן מאַרך.

ווי אַ הילף צום ווייטערדיקן וועט אָנגעוויזן ווערן אויף עטלעכע פאָרשונגען וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט געמאַכט געוואָרן, פון דעם וועט מען קענען זען ווי מען האַלט איצט מיטן ענין.

אין 1950 איז אין ענגלאַנד דערשינען אַ קליין ביכל, וואָס באַשטייט פון אַ סימפּאָזיום. דער נאָמען פונם ביכל איז „פיזיקל בייסיס אָוו מאַינד" (דער פיזישער באַזיס פונם פסיכישן). עס באַשטייט פון קורצע לעקציעס פון וויסנשאַפטלער און דענקער. זיי דערקלערן וואָס מען ווייסט וועגן דער פאַרבינדונג צווישן דעם מאַרך און דעם באַוואוסטזיין.

דער אָנהויב וועט געמאַכט ווערן מיט דער מיינונג פון אַ פאָרשער וועגן דער אַנאַטאָמישער סטרוקטור פונם מאַרך; עס וועט געגעבן ווערן די מיינונג פון פּראָפעסאָר לאַ־קראָס. ער זאָגט: „ווען מען צעשטערט דעם צענטער פונם מאַרך אין אַ ראַץ וואו די פונקציע פון זען ווערט רעגיסט־רירט, וועט דער ראַץ נאָך בלייבן מיט גוטער ראיה. ער וועט זיך נאָך קענען אָריענטירן אין רוים ווי אויך אין פּאָזיציע. ווען דער זעלבער צענטער ווערט צעשטערט ביי אַ מענטשן, ווערט ער פאָלשטענדיק בלינד.

דער אונטערשייד דערקלערט זיך דערמיט וואָס אין ראַצן איז נאָך דער ראיה צענטער צעשפּרייט און געפינט זיך נאָך טיילוויס אין די פּרימיטיווע טיילן פונם מאַרך. דאָס איז אַ געווינס לטובת דער ראַץ; דערפאַר אָבער איז איר ראיה בכלל אַ באַגרענעצטע. אינם מענטשן האָט דער אויבערשטער מאַרך פאָלשטענדיק איבערגענומען די פונקציע, איז זיין ראיה אַסך אַ בעסערע און אַ פאָלקאָמענערע; ער ווערט אָבער פאָל־שטענדיק בלינד ווען דער צענטער ווערט צעשטערט.

מיר האָבן אַ רעכט צו גלויבן, אַז די קאָנצענטרירונג פון דער פונקציע אינם אויבערשטן מאַרך איז ניט נאָר נויטיק אַז קאָמפּליצירטע פּסיכישע פּראָצעסן זאָלן זיך קענען אַנטוויקלען, נאָר אַז מען זאָל האָבן אַ באַוואוסטזיניקן קאָנטראָל...

מיט דער אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן געקראָגן פון די פאָרשונגען וועגן דער סטרוקטור און דער אָרגאַניזאַציע פונם מאַרך און אויך פון דעם וואָס מען האָט געלערנט פון די ענדערונגען, וואָס אַ צעשטערונג פירט אַריין אין דער פּסיכישער אַקטיוויטעט, קען מען אויסגעפינען דעם אַנאַ־טאָמישן סיסטעם, וואָס איז נויטיק ער זאָל פאָרמירן דעם באַזיס פאַר דער אַקטיוויטעט פון באַוואוסטזיין".[1]

דער אויסצוג האָט צוויי פּונקטן אויף וועלכע מען דאַרף אָנווייזן: ער ציינט אָן אויפן עוואָלוציע פּראָצעס, אַז אין נידעריקערע חיות איז

---

[1] „פיזיקל בייסעס אָוו מאַינד", זז. 24־22.

דער מאַרך כמעט איבעראַל גלייך (עקוויפּאָטענשל); איין טייל קען ביז אַ באַשטימטן גראַד איבערנעמען די פונקציע פון אַ צווייטן. דער צווייטער פונקט, אַ וויכטיקערער, איז וואָס ער ווייזט אָן, אַז די פסיכישע אַקטיווי־טעט איז באַזירט אויף דער סטרוקטור און אויף דער פונקציע פון דער אָרגאַניזאַציע פון דעם מאַרך. וויסנשאַפטלער האַלטן אַלץ מער און מער, אַז די באַוואוסטזיניקע אַקטיוויטעט איז אַ רעזולטאַט פון דעם פּראָצעס וואָס קומט פאָר אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך גופא. געוויס קען עס נאָך אינגאַנצן ניט באַוויזן ווערן, די פאַקטן אָבער פירן צו דער באַשטימונג.

די צווייטע מיינונג, וואָס וועט געגעבן ווערן, איז פונם מאַרך פיזיאָ־לאָג, אדריאַן; ער איז דער וויכטיקסטער עקספּערימענטאַלער פאָרשער וועגן דער פונקציע פונם מאַרך. ער זאָגט אַז יעדער איינער, וואָס וויל פאַרשטיין דעם מאַרך, האָט דעם געפיל, אַז ער שטייט פאַר אַ פּראָבלעם, וועלכער קען ניט געלייזט ווערן; ער קען ניט געלייזט ווערן דערפאַר, וואָס „דער טייל פונם בילד אינם מאַרך, וואָס וועט שטענדיק פעלן, איז וועלכער באַשעפטיקט זיך מיטן פאַרשטאַנד; דער טייל וואָס דאַרף דערקלערן ווי אַ באַשטימטע ווירקונג אויף די נערוון רופט אַרויס אַן אידייע, אָדער, פאַרקערט, ווי אַ געדאַנק קען באַשטימען וועלכע נערוון זאָלן אַרויסגע־רופן ווערן פאַר דער באַטרעפנדער אַקטיוויטעט...

דער פיזיאָלאָג האָט ניט קיין אַנדער וועג ווי צו באַטראַכטן זיין ענין, אויסער אויף אַ נאַטור וויסנשאַפטלעכן אופן. דאָס פירט אָפט צו שווע־ריקייטן... עס מוז דערמאָנט ווערן אַ פונקט וועגן וועלכן מיר ווייסן זייער וויניק, בעמלעך: וועגן דעם מהות פונם זכרון און וויאַזוי געוואוינהייטן ווערן פאָרמירט. מיר ווייסן ניט קיין זאַך וועגן די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אינם מאַרך, ווען עפּעס ווערט אין אים רעגיסטרירט. און ווי עס איז באַקאַנט לערנען אויך חיות פון דערפאַרונג...

ווי עס זעט אויס, באַשטייט די אַקטיוויטעט (אינם מאַרך) אין דעם וואָס עס קומט פאָר אַן ענדערונג אויף דער אויבערפלאַך פון דער צעל; זי דערלויבט עטלעכע מאָלעקולן צו אַנטלויפן. אַזאַ ענדערונג קען פאָר־קומען פופציק מאָל אין אַ סעקונדע... ווען מיר זעען אַ ליכט, אָדער ווען מיר הערן אַ קלאַנג, שטראָמען אינם מאַרך אַריין אסך נערוו אָנרעגונגען, וואָס זיינען ענלעך איינע אויף דער צווייטער. זיי קומען אָבער אַריין דורך פאַרשיידענע וועגן און אין פאַרשיידענע פלעצער פונם מאַרך. ווען זיי קומען אַריין אין איין באַשטימטן פלאַץ דערזעען מיר עפּעס; ווען זיי קומען אַריין אין אַ צווייטן פלאַץ דערהערן מיר אַ קלאַנג...

מיר קענען נאָר באַוואוסטזיניק ווערן אין דער צייט ווען דער מאַרך איז וואַך און איז נאָרמאַל. אין דעם נאָרמאַלן צושטאַנד זיינען אסך נערוון שטענדיק אַקטיוו אָן אונטערשייד צי סיגנאַלן קומען אַריין, אָדער ניט. ווען ס׳וואָלט געווען מעגלעך צו רעקאָרדירן אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אויף דער אויבערפלאַך פונם מאַרך, וואָלט דער רעקאָרד באַוויזן, אַז עלעקטרישע

שטראָמען פליסן אויף אים שטענדיק: — די נערוו צעלן זיינען שטענדיק אַקטיוו. מען קען עס פאַרגלייכן צו וואַסער וואַלן, וועלכע ווערן אַרויס־געריפן דורך אַ ווינט.

ווען מיר שלאָפן איין הערט די עלעקטרישע אַקטיוויטעט אויף אַזוי גוט ווי די פּסיכישע אַקטיוויטעט הערט אויף צו פונקציאָנירן. ווען מיר הייבן אָן חלומען, הייבט זיך אויך אָן די אַקטיוויטעט פון די נערוו צעלן אָט ווי שטייענדע וואַסער הייבט זיך אָן באַוועגן ווען מען וואַרפט עפּעס אין איר אַריין. דער וואונדער אינם נערוון סיסטעם איז וואָס ווען די אָנרעגונג קומט פאַר אין איין באַשטימטן פּלאַץ דערזעען מיר ליכט און ווען זי קומט אַריין אין אַ צווייטן פּלאַץ דערהערן מיר אַ קלאַנג און אַז. וו. ווען מיר זיינען רואיק קומט ניט פאָר קיין גרויסע עלעקטרישע אַקטי־וויטעט אַרום די צעלן. אַזוי גיך ווי מיר הייבן אָן דענקען אינטענסיוו, מיר קאָנצענטרירן זיך, ווערן די עלעקטרישע שטראָמען אַקטיוו. מען קען ממש זען די אַקטיוויטעט. מען קען זי רעגולירן מיט דער הילף פון אָנרע־גונגען און מען קען פאַרגלייכן און מעסטן ליכט פלאַטערונגען: — די פלאַטערונגען וועלן פאָרקומען גלייכצייטיק מיט די עלעקטרישע שטראָמען אינם מאַרך.

איך האַלט, אַז מיר האָבן אַ רעכט צו גלויבן, אַז מיר וועלן קענען סאָרטירן פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן (פון צעלן), וועלכע שטימען מיט איינפאַכע פּסיכישע פּראָצעסן, ווי דער פּראָצעס פון זען, אָדער הערן. דאָס איז דאָס ערשטע וואָס אַ פיזיאָלאָג דאַרף טאָן ווען ער וויל אויסגעפינען וואָס ס'קומט פאָר ווען מיר דענקען און וויאַזוי דער באַוואוסטזיין ווערט באַווירקט פון דעם וואָס ס'קומט פאָר אינם מאַרך".[1]

דאָס ציטירטע איז, מעגלעך, ניט קלאָר פאַר איינעם וואָס איז ניט באַקאַנט מיטן ענין. ביסלעכווייז וועט עס דערקלערט ווערן. דערווייל וועט אָנגעוויזן ווערן, אַז אדריאַן פירט־דורך אַ פּאַראַלעל צווישן עלעקטרישע שטראָמען, וועלכע ווערן רעגיסטרירט פון אַפּאַראַטן, ווען מען דענקט, מיטן פּראָצעס פונם דענקען גופא. די עלעקטרישע שטראָמען שטעלן זיך אָפּ ווען מען שלאָפט איין און זיי ווערן אַקטיוו ווען מען הייבט אָן חלומען.

מען קען די שטראָמען מעסטן ווי זיי פאַרגרעסערן זיך און פאַר־קלענערן זיך לויט דער שטאַרקייט פון ליכט אָדער קלאַנגען סטימולי־רונגען אויף די באַטרעפנדע חושים. אַזויווי מען האָט פאַר זיך אַ פאַקט אַז אַן עלעקטרישער שטראָם קומט פאָר אינם מאַרך ווען מען דענקט, האָט מען אַ רעכט צו ציען דעם שלוס, אַז דער עלעקטרישער שטראָם אינם מאַרך און דער גלייכצייטיקער דענקען, באַשטייען פון צוויי פאַזן פון איינעם און דעם זעלבן פּראָצעס. אדריאַן פאַרצייכנט דעם פאַקט וועגן דער פּאַראַ־לעלער אַקטיוויטעט פונם דענקען און דעם עלעקטרישן שטראָם אינם מאַרך, אָבער ווי אַ שטרייַנגער פיזיאָלאָג קען ער ניט ציען קיין שלוס אַז

[1] איביד, זז. 5, 11.

אַן עלעקטרישער שטראָם אינם מאַרך איז אידענטיש מיטן דענקען ווען די צוויי פּראָצעסן זיינען אַזוי פאַרשידן איינער פונם צווייטן.

דער דריטער וויסנשאַפטלער, וואָס וועט באַטראַכט ווערן, איז דער קאַנאַדער מאַרך כירורג, פּענפילד. אויך ער איז אַ פּיאָנער אויף זיין געביט פון פאָרשונג. זיין פאָרשונג וועט געגעבן ווערן צוזאַמען מיטן אינהאַלט פון אַ בוך וואָס ער האָט צוזאַמען מיט אַ צווייטן פאָרשער פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען „סערעבראַל קאָרטעקס" (אויבערשטער מאַרך־מאַנטל). זיי האָבן געמאַכט פאַרשיידענע אָפּעראַציעס אויפן אָפענעם מאַרך און האָבן אין דער זעלבער צייט סטימולירט דעם מאַרך מיט עלעקטרישע אַפּאַראַטן אין פאַרשיידענע טיילן פונם מאַרך.

אַזויווי די אָפּעראַציעס זיינען געמאַכט געוואָרן אונטער אַ לאָקאַלער אַנאַסטעזיע, איז דער חולה געווען באַוואוסטזיניק (אַ באַמערקונג: דער מאַרך פילט ווייטיקן פון יעדן טייל פון קערפּער, אָבער ניט פון זיך גופא: — ער האָט צעלן פאַרבינדונגען צו פילן פון יעדן טייל, נאָר אָבער ניט פון זיך אַליין: — ווען מען שניידט אים פילט מען ניט קיין ווייטיק).

ווען די כירורגן האָבן עלעקטריש סטימולירט אַ פּלאַץ אינם מאַרך וואו אַקוסטישע זכרונות זיינען לאָקאַליזירט, האָט דער חולה זיך דערמאָנט וועגן עפּעס וואָס ער האָט פריער געהערט. ווען די כירורגן האָבן צוגע־לייגט די „עלעקטראָדן" צו אַ פּלאַץ וואו פּסיכישע ראיה איז לאָקאַליזירט, האָט דער חולה געזאָגט ער זעט באַקאַנטע פּלעצער און אַז. וו.

דער אינהאַלט פון דעם בוך, אַזוי גוט ווי דער אינהאַלט פון דער לעקציע, באַשטייט פון פאַרשיידענע קוריאָזן וואָס די חולאים האָבן דער־ציילט ווען די כירורגן האָבן סטימולירט מיט עלעקטרישע דראָטן פאַר־שיידענע נערוון צענטערן, אָפּאַר עפּיזאָדן וועלן דאָ איבערגעגעבן ווערן. איינער האָט איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון אַ חלום וואָס ס'האָט זיך אים געחלומט מיט אַ צייט צוריק. ער האָט געדענקט דעם חלום אויך נאָך דעם ווי מען האָט צוגענומען די „עלעקטראָדן" פון די צעלן.

זיי גיבן איבער אַ זייער אינטערעסאַנטן און באַלערנדן פאַל: אַ לע־רערין איז איבערגעשראָקן געוואָרן פון אַ מאַן וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע משונה'דיקע קליידער. דאָס שרעקלעכע בילד איז רעגיסט־רירט און פיקסירט געוואָרן אין איר זכרון. פון צייט צו צייט איז די שרעקלעכע וויזיע, דער מאַן מיט די משונה'דיקע קליידער, געקומען פאַר איר בפועל ממש און זי האָט איבערגעלעבט דיזעלבע שרעק ווי דאָס ערשטע מאָל.

ס'איז ניט געווען קיין שום מיטל ווי צו פּטור ווערן פון דער שרעק־לעכער וויזיע. ענדלעך איז זי געקומען צו דר. פּענפילדן; ער האָט גע־עפנט איר מאַרך־שאַרבן און האָט סטימולירט פאַרשיידענע פּלעצער אין איר מאַרך. ווען ער האָט סטימולירט אַ באַשטימטן פּלאַץ, איז די לערערן אַריינגעפאַלן אין אַ קאָנוואולציע און האָט אָנגעהויבן שרייען מען זאָל

צונעמען דעם מאַן. דער כירורג האָט מיט זיין מעסער אָפּגעשניטן עטלעכע צעלן, איז דער מאַן מער ניט געקומען.

אין דעם פאַל איז די דירעקטע פאַרבינדונג פונם מאַרך מיטן אינהאַלט פונם באַוואוסטזיין דעמאַנסטרירט געוואָרן אויף אַ דירעקטן אופן. קיין נאָענטערע פאַרבינדונג קען מען זיך אַפילו ניט פאָרשטעלן. נאַטירלעך, אַז דאָס לייזט ניט דעם פּראָבלעם אינגאַנצן; עס גיט ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע: — וויאַזוי קען זיך אַן אידייע, וואָס איז אַ באַגריף, געפינען אין אַ צעל, וואָס איז מאַטעריע? דאָס איז דערווייל אַ פילאָזאָפישע פראַגע, וועלכע וויסנשאַפטלער מיידן אויס (אדריאַן איגנאָ־רירט זי ניט). פענפילד באַשעפטיקט זיך מיט איר אינגאַנצן ניט. אין זיין קורצער אָפּהאַנדלונג אינם קליינעם ביכל באַרירט ער בלויז די פראַגע, הגם זי איז ניט אינגאַנצן ניי. ער באַזירט זי אָבער אויף עקספּערימענ־טאַלע פאָרשונגען. ער זאָגט: „איך נעם אָן, אַז דער הערשנדער באַוועגנדער (מאָטאָרישער) פּלאַץ פונם מאַרך דאַרף זיך געפינען אינם אויבערשטן טייל פונם מאַרך־שטאַם (אָפּטיק טאַלאַמוס), דאָרט וואו עמפינדלעכע (סענזאָ־רישע) אינפאָרמאַציע וועגן אָנטאַפּן פּאָזיציע, בילדלעכע פאָרשטעלונגען און זכרונות געפינען זיך און וואו באַוואוסטזיניקער קאָנטראָל ווערט גע־נוצט... אַסך באַוויזן פירן צו באַשטימען, אַז אין יענעם פּלאַץ געפינט זיך דער צענטער; דאָרט איז די רעזידענץ פון דעם באַוואוסטזיין. אַזוי זעט עס אויס. דער צענטער קען אָבער נאָר פונקציאָנירן דעמאָלט, ווען צוזאַמען מיט אים ווערן גענוצט קאָרעספּאָנדירנדע צענטערן פונם אויבערשטן מאַרך. יעדער איין טייל טראָגט צו אַ באַשטימטן אַספּעקט פון דער פּסיכישער אַקטיוויטעט. אין אַ געוויסן זינען איז דער העכערער מאַרך־שטאַם, ווען ער ווערט גענומען צוזאַמען מיט די קאָרעספּאָנדירנדע טיילן פונם אויי־בערשטן מאַרך, די רעזידענץ פון דעם באַוואוסטזיין: — דאָס איז דער פיזישער באַזיס פון דעם פאַרשטאַנד".[1]

דאָס נויטיקט זיך אין אַ דערקלערונג. דער מאַרך באַשטייט פון צוויי טיילן; איין טייל געפינט זיך אינם רוקן־ביין און דער צווייטער אין קאָפּ. דער רוקן־מאַרך פאַרענדיקט זיך אין קאָפּ. אַרום זיין אויבערשטן טייל געפינט זיך דער אויבערשטער מאַרך־מאַנטל (סערעברום, „נייער־מאַרך"). אַלע האַרט־ביינערדיקע חיות האָבן דעם רוקן טייל פונם מאַרך. דעם אויבערשטן מאַרך (מאַרך־מאַנטל) האָבן חיות נאָר לויטן גראַד פונם עוואָלוציע לייטער. אַ זשאַבע האָט ניט מער ווי אַ דין הייטל און דער מענטש האָט דעם גרעסטן מאַרך־מאַנטל (ער איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי דער מאַרך פון אַ גאָרילע און די לעצטע האָט דעם גרעסטן מאַרך פון אַלע מאַלפּעס). דער אויבערשטער טייל פונם רוקן־מאַרך איז אויסגעברייט און צעצווייגט אין טיילן (אָפּטיק טאַלאַמוס און „נוקלעע"). אינם אויבן ציטירטן זאָגט פענפילד (און דאָס איז די אַלגעמיינע מיינונג), אַז דער

[1] איביד, זז. 64, 63.

טייל פונם מאַרך איז פאַרבונדן מיט אַלע טיילן פונם אויבערשטן מאַרך (מאַרך־מאַנטל) און צוזאַמען זיינען זיי דער פיזישער באַזיס פונם פאַר־שטאַנד (פסיכיק, „מאַינד"). אין אים איז דער זיץ־פּלאַץ (רעזידענץ) פון די עמאָציעס, עמפּינדונגען, מאָטאָרישע אַקטיווּיטעט און אַפילו פון זכרונות, וואָס איז דער באַזיס פונם באַוואוסטזיין. די העכערע אַקטיוויטעט קען ער נאָר האָבן צוזאַמען מיט די קאָרעספּאָנדירנדע טיילן פונם אויבערשטן מאַרך און זיינע צענטערן.

ווען מען רעדט געוויינטלעך וועגן דעם מענטשלעכן מאַרך אין שייכות צו באַוואוסטזיין, מיינט מען דעם אויבערשטן מאַרך־מאַנטל. דאָס ווייטער־דיקע באַציט זיך צו אים. אין אים קומען פאָר די עלעקטרישע שטראָמען, וואָס וועלן באַטראַכט ווערן.

דער רעדאַקטאָר פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן זשורנאַל: „עלעקטראָ־ענסעפּעלאָגראַפיע", וואָס מיינט רעגיסטראַציע פון די עלעקטרישע שטראָ־מען, וועלכע קומען פאָר אינם מאַרך, גריי וואָלטער, האָט אָנגעשריבן אַ בוך אונטערן נאָמען „די ליווינג בריין" (דער לעבעדיקער מאַרך). לויט זיין מיינונג קומען פאָר אינם מאַרך פאַרשיידענע עלעקטרישע שטראָמען (אַלפאַ, בעטאַ, מעטאַ און מעגלעך מער שטראָמען). יעדער שטראָם זאָל האָבן אַ באַשטימטע פונקציע. די שטראָמען ענדערן זיך ווען ס'קומט פאָר אַן ענדערונג אין דעם דענקען, אָדער אין דער אַקטיוויטעט פונם מאַרך בכלל. דער בוך לייענט זיך מיט אויסערגעוויינטלעכן אינטערעס. מען קען מיט זיכערקייט גלייבן, אַז מיט דעם מעטאָד וועט מען ענטדעקן אַ היפּש ביסל סודות וועגן דעם פּראָצעס פון באַוואוסטזיין. לויט דעם מחבר'ס דערקלערונגען קען מען שוין איצט לייזן אַסך פּראָבלעמען מיט דער הילף פון די פאַרשונגען וועגן די פאַרשיידענע עלעקטרישע שטראָמען.

אויף איין פּראָבלעם וועט דאָ אָנגעוויזן ווערן. פאַר העכער צוויי טויזנט יאָר איז דאָס פאַליקע (עפּילעפּסיע) שטודירט געוואָרן; ביבליאָ־טעקן, קען מען זאָגן, זיינען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער קראַנקהייט און מען האָט ביז דער לעצטער צייט ניט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס אייגנט־לעך פאַראורזאַכט די קאָנוואולציעס. מען האָט גאָרניט געפונען אינם מאַרך וואָס זאָל דערקלערן די עפּילעפּטישע אָנפאַלן. מיט דער הילף פון די עלעקטרישע שטראָמען האָט מען ניט נאָר אויסגעפונען די סיבה פון די קאָנוואולציעס, נאָר די סיבה פאַרוואָס מען האָט קיין זאַך ניט געפונען אינם מאַרך פון די עפּילעפּטיקער. איצט, האָפט מען, אַז מיט דער הילף פון אָפּעראַציעס וועט מען אַסך עפּילעפּטיקער קענען באַפרייען פון די אָנפאַלן.

ווען אַדריאַנס מיינונג איז געגעבן געוואָרן זיינען די עלעקטרישע שטראָמען באַטראַכט געוואָרן אומדירעקט, איצט וועט דירעקט געזאָגט ווערן וועגן זיי עטלעכע ווערטער און דאָס וועט געבן אַ מעגלעכקייט צו דערקלערן די עפּילעפּטישע אָנפאַלן.

יעדע איין מאַרך־צעל פון די דרייצן ביליאָן צעלן, וואָס געפינען זיך

אינם מאַרך, איז אַ מיקראָסקאָפּישע עלעקטרישע באַטערייע וואָס שיקט פון זיך אַרויס שטראָמען ווען די צעל איז אַקטיוו. אין אַ נאָרמאַלן מאַרך האָבן אַלע צעלן ענלעכע פּאָטענציעס פון עלעקטרישער ענערגיע און זייער אַקטיוויטעט ווערט גלייכמעסיק קאָנטראָלירט. דערפאַר איז מעגלעך אַז פאַרשיידענע עלעקטרישע שטראָמען זאָלן גלייכצייטיק צירקולירן אינם מאַרך און דער באַוואוסטזיניקער פּראָצעס זאָל נאָרמאַל פונקציאָנירן. ביי דעם וואָס ליידעט פון עפּילעפּסיע, איז באַוויזן געוואָרן דורך די עלעקטרישע אַפּאַראַטן, וואָס מעסטן די עלעקטרישע שטראָמען, אַז אין אַ באַשטימטן פּלאַץ אינם מאַרך געפינט זיך אַ בינטל צעלן מיט אַן אומגעהייער גרויסן ענערגיע פּאָטענציאַל. מיטאָמאָל שיסט פון זיך דאָס בינטל נערוון אַרויס אַן אומגעהייערן עלעקטרישן שטראָם, וועלכער פאַרפּלייצט ממש מיט זיך דעם גאַנצן מאַרך און רופט אַרויס אַ גרויסע נערוון אַקטיוויטעט. דידאָזיקע אַבנאָרמאַלע אַקטיוויטעט פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון נאָרמאַלער פונקציע פון די נערוון־צעלן און דערמיט פאַרניכטעט זי דעם באַוואוסטזיניקן פּראָצעס און אין דער זעלבער צייט אַקטיווירט זי די קערפּערלעכע צענטערן און אַ קאָנוואולציע איז דער רעזולטאַט. ווען דער אַבנאָרמאַלער רעזער־וואואַר פון ענערגיע ווערט אויסגעליידיקט, הערט די קאָנוואולציע אויף און אַ ליטאַרגיע, אַן אַבנאָרמאַלער שלאָף, פאַרנעמט דעם פּלאַץ. ווען דער עפּילעפּטיקער וואַכט אויף פון שלאָף געדענקט ער קיין זאַך ניט פּשוט דערפאַר, וואָס מיטן אָנפאַל פאַרלירט ער דעם באַוואוסטזיין.

ווען מען ווייסט דעם פּלאַץ וואו דער אַבנאָרמאַלער בינטל נערוו צעלן געפינט זיך, און דאָס קען מען וויסן אי פון דער אַראַ, דעם צייכן פאַר דער קאָנוואולציע, אי דורך דעם עלעקטרישן אַפּאַראַט מיט וועלכן מען קען פאַרצייכענען דעם פּלאַץ וואָס שיקט אַרויס דעם אַבנאָרמאַלן עלעקטרישן שטראָם. אויב מען קען דעם פּלאַץ אויסשנײַדן, אָדער אויף אַן אַנדער אופן צעשטערן, קען מען אויסהיילן דעם עפּילעפּטיקער.

ווי פריער געזאָגט איז עס אַן אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנטער בוך. אין אים ווערט דערקלערט דער פּראָצעס פון באַוואוסטזיין, באַדייטונג, דענקען, און אַפילו פערזענלעכקייט, מיט דער הילף פון די עלעקטרישע שטראָמען אין מאַרך. נאַטירלעך, אַז אַ לייעקער קען ניט וויסן צי אַלץ איז אין דערווירקלעכקייט ווי דער מחבר דערקלערט עס; גריי וואָלטער איז אָבער אדריאַנס אַ תלמיד און איז אַכצן יאָר רעדאַקטאָר פון אינטער־נאַציאָנאַלן זשורנאַל פון עלעקטראָענסעפעלאָגראַפיע, דאַרף מען אָננעמען אַז ער ווייסט וואָס ער רעדט.

נאָך אַ וויכטיקער בוך, וואָס וועט אין קורצן באַטראַכט ווערן, טראָגט דעם נאָמען „מאַינד" ווי אַ סאָציאַלע דערשיינונג. ער איז געשריבן גע־וואָרן פון אַן ענגלישן דאָקטער פון מעדיצין, וואָס באַזיצט אַ סאָלידן פילאָזאָפישן וויסן און דער מאַנוסקריפּט איז געלייענט געוואָרן פון דעם פילאָזאָף, בערטראַנד ראַסעל, און פון אַ ריי וויסנשאַפטלער פון די פאַר־שיידענע וויסנשאַפטן וואָס ער באַרירט. פאַרשטייט זיך, אַז זיי וואָלטן ניט

דורכגעלאזט קיין טעותן אין זייערע פאכן. זיין אויסגאנגס פונקט איז, אז דאס וואס ווערט פארשטאנען אונטערן טערמין „מאינד" (פסיכיק, פארשטאנד) איז ניט מער ווי די אינטעגראטיווע פונקציע פונם נערוון סיסטעם וואס מאניפעסטירט זיך דורך באוואוסטזיניק ווערן וועגן דעם וואס ס'קומט פאר אינם מארך. אלע פארשיידענע מענטאלע מאניפעסטאציעס זיינען, לויט זיין מיינונג, א רעזולטאט פון דערפארונג, איבערהויפט פונם סאציאלן פאקטער. כדי צו פארשטיין פאלקאמען זיין שטאנדפונקט וועט ער דירעקט ציטירט ווערן. ער זאגט: „עקספערימענטן אויף חיות האבן באוויזן, אז ווען אפילו די אויפנעמענדע פלעצער פון די ספעציעלע חושים זיינען געבליבן גאנץ האט זיך געפאדערט, אז א מינימאלער טייל פונם אויבערשטן מארך־מאנטל זאל בלייבן ניט באריִרט, אז די חיה זאל זיך קענען אריענטירן, אדער עפעס לערנען. אן אויסער געוויינטלעך ענלעכע דערשיינונג קומט פאר אינם מענטשן ווען ער וואכט אויף פון א כימישער באטויבונג. ער לעבט איבער א שטופע ווען גענוג טייל איז רעקופירירט געווארן ער זאל צייגן סימנים פון וואכזאמקייט פארן באאבאכטער און זאל אפילו מעגלעך מאכן צו פארברייגגען מיט אים אויף א ראציאנאלן אופן. ווען אבער ער ווערט פאלשטענדיק פריי פון דער באטויבונג, ווייסט ער ניט וועגן דעם געשפרעך, אדער אז ער איז געווען באוואוסטזיניק פאר א צווייטן און ניט פאר זיך גופא... פון דעם קען מען זען, אז דער פראצעס פון באוואוסטזיניקן דענקען דערשיינט נאר דעמאלט, ווען א ספעציעלע ריי פון באדינגונגען זיינען פאראן אינם מארך. די נאטור פון דידאזיקע באדינגונגען איז אנטפלעקט געווארן דורך די פארשונגען, וועלכע זיינען געמאכט געווארן דורך דער עלעקטרישער אקטיוויטעט פונם מארך. מען האט אויסגעפונען, אז אן אנאסטעטיק פארבלאקירט די אסאציאציע נערוון, וועלכע פארבינדן נארמאל אלע טיילן פונם מארך צוזאמען. דער רעזולטאט איז, אז אימפולסן דערגרייכן דעם מארך פון דער סביבה, זיי קומען צום ריכטיקן פלאץ, זיי רופן אבער דארט ניט ארויס די נויטיקע אקטיוויטעט. נאך עפעס פאסירט: דער באטרעפנדער שטח אינם מארך ווערט פארנומען פון א לאנגזאמער ריטמישער אקטיוויטעט וואס האט ניט קיין שום שייכות מיט די סענזארישע אימפולסן. דידאזיקע אקטיוויטעט פארנעמט דעם גאנצן מארך. ווען דער מארך ווערט באפרייט פון דער באטויבונג, פארטרייבן די אריינקומענדע אימפולסן די ספעציעלע לאנגזאמע וואלן און דער מארך ווערט באפרייט פונם מאנאטאנעם ריטם.

אין נארמאלן וואכזאמעם צושטאנד באשטייט די עלעקטרישע אקטיוויטעט פונם מארך פון שנעלע פארשיידענע שנעל־בייטענדע ריטמען, וועלכע האלטן זיך אין איין בייטן אדאנק די אן אויפהער אריינקומענדע אימפולסן פון דער סביבה. ענלעכעס קומט פאר ווען מען וואכט אויף פון שלאף. עס זעט דערפאר אויס, אז באוואוסטזיין איז א פראדוקט פון דער פארשיידענער אקטיוויטעט פון די צעלן אינם מארך. דאס ווערט באשטעטיקט דורכן פאקט וואס ווען דער מארך ווערט באהערשט פון א כוואליע פון

אײנפאָרמיקער אַקטיוויטעט, ווי עס איז דער פאַל אין עפּילעפּסיע, אָדער דורך אַן אַנדער סיבה, פאַרלירט מען דעם באַוואוסטזיין. ווען מען האָט פאַר זיך אָט די אַלע באַווייזן איז שווער צו געפינען פּלאַץ פאַר אַ מאַינד, וואָס איז אַ זעלבסטשטענדיקער פאַקטער: אַלץ איז פאַרבונדן מיטן מאַרך. דער מאַרך אנטהאַלט אין זיך מער ווי בלויז קענען דערקלערן דעם פּראָצעס פון באַוואוסטזיין; ער קען אויך ביז אַ גרויסן גראַד געבן אַ רעכענונג וועגן דער רייכקייט פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג״.[1]

דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע, באַלערנטע מיינונג. איר באַדייטונג איז גרויס דערפאַר, וואָס זי איז באַזירט אויף עקספּערימענטאַלע און עמפּי־רישע פאַקטן און ניט אויף ספּעקולאַציעס. פאַרשטייט זיך, אַז ער דער־קלערט ניט די גאַנצע מענטשלעכע פּסיכיק אין דעם אויסצוג. ער גיט נאָר דעם אָנהויב און ברייגנט אַרויס, אַז אינם פּראָצעס פון באַוואוסטזיין איז ניט נאָר נויטיקט מען זיך ניט אין קיין אומאָפּהענגיקן מאַינד, נאָר אַז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ זעלבסטשטענדיקן פאַקטער, מען קען אים אַפילו ניט אַריינברייגנען.

נאָך דעם ווי ער באַווייזט, אַז דער באַוואוסטזיין איז אַ פּראָדוקט פון די פאַרשיידענע עלעקטרישע אימפּולסן וואָס באַמבאַרדירן דעם מאַרך גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע פּלעצער, גייט ער איבער צו דערקלערן דעם אינהאַלט פון באַוואוסטזיין, אָדער פונם מאַרך, וואָס פאַר אים איז עס איינע און די זעלבע זאַך. זיינע דערקלערונגען זיינען אַ היפּש ביסל באַזירט אויף אדריאַנס פאַרשונגען, וועלן זיי געגעבן ווערן ווי ער גיט זיי אין אדריאַנס נאָמען. ער זאָגט: אדריאַן האָט באַוויזן, אַז די אַקטיוויטעט איז אינם מאַרך רוימלעך אויסגעשפּרייט און אַז עס קומען שטענדיק פאָר קאָמפּליצירטע בייטענדע געשטאַלטונגען פון אָנרעגונגען. דער מאַרך, האַלט ער, איז גרויס גענוג, ער האָט גענוג פּלאַץ ער זאָל קענען אין זיך רעגיסטרירן אַלע מעגלעכע געשטאַלטונגען, וועלכע דערשיינען פאַר אים אין יעדער צייט. ער איז גרויס גענוג צו אַנטהאַלטן אַ מאַפּע פון דער גאַנצער וועלט מיט אַלע דעטאַלן וואָס די חושים קענען אַריינברייגנען. עס זאָל מיינען, אַז דאָס הויפּט כאַראַקטעריסטישע פון דער אַקטיוויטעט פונם מאַרך איז צו פאַרמירן רוימלעכע געשטאַלטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלץ, מיט וואָס די חושים קומען אין באַרירונג, ווערט פון זיי רעגיסטרירט; עס קומט פאָר אַ מין סעלעקטיווע אַקטיוויטעט. דאָס ווייסט מען פון דערפאַרונג. מען געדענקט נאָר אַזעלכע זאַכן, וועלכע האָבן אַ שייכות צווישן זיך. אדריאַן זאָל האָבן דערקלערט זכרון אין פיזיאָלאָגישע טערמינען אין דער פאָרמע פון אַ רעגיסטראַציע אין אַ בינטל פון נערוון צעלן אין זייערע פאַרבינדונגען וואָס ווערן צוריק געבראַכט דורך ענלעכע סטימולירונגען.[2]

---

[1] דר. דאַרען „מאַינד״, ז. 4־23.

[2] איביד, ז. 8־137.

ווי מען קען זען איז זיין פאַרזוך אַ גאַנץ וואַגיקער; ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַווייזן, אַז דאָס וואָס מען ווייסט איצט וועגן דער אַקטיוויטעט אינם מאַרך איז גענוג מען זאָל קענען דערקלערן די מענטש־לעכע פּסיכיק און אַז דאָס וואָס מען ווייסט, צוזאַמען מיטן פּראַצעס פון דעם זויסן גופא, קען מען דערקלערן דורך דער פונקציע פונם מאַרך און אַז אַלע אַבסטראַקציעס, איינשליסנדיק מאַטעמאַטיק און לאָגיק, האָבן זייער פּלאַץ אינם קאָנקרעטן און זיי קענען רוימלעך דערקלערט ווערן. ער באַהויפּטעט, אַז די איצטיקע באַגריפן וועגן רוים לויט איינשטיינס ניט יוקלידער (רימענס) געאָמעטריע, און די באַגריפן פון דער פיזיקאַ־לישער וויסנשאַפט בכלל, שטיצן זיין מיינונג. ער פאַרענדיקט דעם בוך מיט „פון דעם אַלעמען האָט מען אַ רעכט צו זאָגן, אַז די פונקציע פונם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, ווי די וויסנשאַפט באַווייזט, קען מער פאַרשטאַנען ווערן אויפן באַזיס פון דער פונקציע פונם מאַרך, ווי דורך אַ זעלבסט־שטענדיקן ספּיריטועלן כוח וואָס שטאַמט אַרויס פון אַ הייליקן קוואַל".

דער צוגאַנג פון וויסנשאַפטלער צום מאַרך באַוואוסטזיין פּראָבלעם וועט פאַרענדיקט ווערן מיט אַ היפּאָטעזע פון אַ נעוראָלאָג. די היפּאָטעזע איז אייגנטלעך ניט קיין נייע, די פאַרשונגען אויפן לעבעדיקן מאַרך האָבן אָבער געהאָלפן צו דערקלערן די היפּאָטעזע אויף אַ מער קאָנקרעטן אופן. אײדער די היפּאָטעזע וועט געגעבן ווערן, וועט אָנגעוויזן ווערן אויף אַן עמפּירישן פאַקט, אַז ווען מען שאַפט אָפּ די קערפּערלעכע סענסאַציעס ווי באַרירונג, באַוועגונג און אַז. וו., ווי אויך דאָס הערן, פאַרלירט מען דעם באַוואוסטזיין אַפילו דעמאָלט ווען דער חוש פאַר זען און שמעקן איז געבליבן גאַנץ.

דער עמפּירישער פאַקט איבערצייגט, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ אייגנשאַפט ווי באַוואוסטזיין בכלל. באַוואוסטזיין איז אַ רעזולטאַט פון דעם קאָנטאַקט וואָס דער אָרגאַניזם האָט מיט דער סביבה: — מען ווערט באַוואוסטזיניק אדאנק די איינדרוקן וואָס דער נערוון סיסטעם באַקומט פון דער אויסער־לעכער וועלט. עס מיינט, אַז באַוואוסטזיין באַשטייט פון אַ פונקציע וואָס שטאַמט אַרויס פונם נערוון סיסטעם און ניט פון אַן עפּעס וואָס האָט אַן אייגענע עקזיסטענץ פאַר זיך.

איצט וועט די היפּאָטעזע געגעבן ווערן. זי באַשטייט אין דעם וואָס דער נעוראָלאָג דערקלערט וויאַזוי מיין, אָדער באַדייטונג, אַנטשטייט אין דער איבערלעבקייט פונם מענטשנס מאַרך. ער דערקלערט זיין היפּאָטעזע מיט דער הילף פון אַביישפּיל פונם אויטאָמאַטישן טעלעפאָן. ווען מען וויל עמיצן אָפּרופן אויפן אויטאָמאַטישן טעלעפאָן דרייט מען דאָס רעדל פונם ציפער בלאַט לויט די באַטרעפנדע בוכשטאַבן און ציפערן פונם באַטרעפנדען אַבאָנענט. די בוכשטאַבן און ציפערן ווערן רעגיסטרירט אין דער פאָרמע פון עלעקטרישע געשטאַלטן, וועלכע קאָרעספּאָנדירן צו דער קאָמבינאַציע פונם באַטרעפנדן נומער און אויף דעם אופן ווערט דער אַבאָנענט אינפאָרמירט דורך אַ קלינג, אַז מען רופט אים אויפן

טעלעפאָן. אויף אַן ענלעכן אופן, גלויבט ער, ווערן עלעקטרישע סימבאָלן פון ווערטער־באַדייטונגען רעגיסטרירט אין געשטאַלטן אינם מאַרך. ווען מען הערט אַ באַטרעפנדעס וואָרט, אָדער מען זעט עס אין שריפט, פאַלט דער פאַטערן אַריין ווי אַ שליסל און עפנט אַ שלאָס און די באַטרעפנדע באַדייטונג אַנטשטייט אינם פאַרשטאַנד אינערלעך צום מאַרך. ער פאַר־ענדיקט „אַלע סטימולן, צי פון ליכט, אָדער פון קלאַנג, אָדער וועלכע ס'איז אַנדערע סענסאַציעס קומען אַריין אינם מאַרך אין דער פאָרמע פון עלעקטרישע סטימולירונגען און עס זעט אויס, אַז די פונדאַמענטאַלע פונקציע פונם נערוון סיסטעם איז צו אַנאַליזירן דידאַזיקע געשטאַלטן און צו געפינען די ענלעכקייטן צווישן די פאַרשיידענהייטן".[1]

דער פאַרגלייך פון אַ טעלעפאָן סיסטעם מיט דעם מאַרך איז אַן אַלטער, ביז דער לעצטער צייט האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ פאַנטאַזיע, איצט, האַלט דער נעוראָלאָג, איז דער פאַרגלייך אַ באַרעכטיקטער. די צוקונפט וועט באַווייזן אויף וויפיל ער איז גערעכט.

פון די מיינונגען פון די וויסנשאַפטלער קען מען קריגן דעם איינדרוק, אַז דער פּראָבלעם וועגן דעם פיזישן באַזיס פון דער פסיכישער פונקציע האַלט באַם געלייזט ווערן. אין דער אמתן האַלט עס ניט אַזוי נאָענט ווי עס זעט אויס. ווי עס האַלט אין דער ווירקלעכקייט וועט באַוויזן ווערן דורך דער מיינונג פונם צווייטן צד: — די ספּעקולאַטיווע דענקער.

אין דעם סימפּאָזיום האָבן אויך אייגטייל גענומען דריי ספּעקו־לאַטיווע דענקער. אַזויווי זייערע מיינונגען זיינען קריטישע, וועט נאָר געגעבן ווערן איין מיינונג, וואָס שליסט אויך איין די אַנדערע מיינונגען; עס וועט געגעבן ווערן די מיינונג פון דעם יידיש־ענגלישן שטאַטסמאַן און פילאָזאָף, הערבערט סעמועל. ער נעמט אָן אַלע פאַקטן וואָס זיינען אַרויס־געבראַכט געוואָרן פון די וויסנשאַפטלער, ער נעמט ניט אָן די שלוסן, וואָס זיי זיינען געניגט צו ציען פון די פאַקטן. ער גיט זיין קריטיק אין דער פאָרמע פון אַ פראַגע, וואָס ער שטעלט אויף אַ קאָנקרעטן, הגם אומ־דירעקטן, אופן מיט דער הילף פון אַ ביישפּיל וואָס וועט דאָ איבערגעגעבן ווערן. זיין ביישפּיל איז פון אַ שאַך שפּילער וואָס טראַכט פאַר אַ לאַנגער צייט וועגן דעם צוג וואָס ער זאָל מאַכן. עס זעט אויס, אַז אין געדאַנק האָט ער שוין געמאַכט אַלע מעגלעכע צוגן און האָט געזען אַז וואָס פאַר אַ צוג ער וועט ניט מאַכן, וועט עס ניט פאַרבעסערן זיין פּאָזיציע: — ער מוז פאַרלירן די שפּיל. נאָכטראַכטענדיק פאַר אַ לאַנגער צייט, הייבט ער אויף ביידע הענט און זאָגט: „איך גיב אָפּ, די שפּיל איז אַ פאַרלאָרענע". סעמועל ווענדעט זיך צו די וויסנשאַפטלער און בעט זיי זיי זאָלן, מיט דער הילף פון די עלעקטרישע שטראָמען, וועלכע פליסן אין דער זעלבער צייט אינם שפּילערס מאַרך, אים דערקלערן דעם שאַך שפּילערס געדאַנקען גאַנג וואָס קומט פאָר אין זיין מאַרך.

[1] זע ראַסעל ברין אינם סימפּאָזיום: „די פיזיקל בייסעס אָוו מאַינד", ז. 53.

אין סעמועלס קריטיק זיינען איינגעשלאָסן צוויי פראַגן, אויף וועלכע ער וויל מען זאָל ענטפערן. איין פראַגע איז מען זאָל אים דערקלערן וויאַזוי מען קען אידענטיפיצירן דעם באַוואוסטזיניקן פראָצעס, וואָס קומט פאָר אינם שפּילערס מאַרך, מיט די עלעקטרישע שטראָמען וואָס ווערן רעגיסטרירט דורך אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט, ווען זיי זיינען פונדאַמענטאַל פאַרשיידן. אדריאַן שטימט מיט אים איין, אַז זיי קענען ניט אידענטיפיצירט ווערן און מען דאַרף צוגעבן אַז דעם נעוראָלאָגס אַנאַלאָגיע מיטן אויטאָמאַטישן טעלעפאָן העלפט ווייניק.

די צווייטע פראַגע איז אַ וויכטיקערע; אויף איר קען מען דאָ נאָר אָנווייזן, זי קען ניט באַטראַכט ווערן. דער שאַך שפּילער רעאַגירט ניט בלויז אין דער פאָרמע פון אורזאַך און פאָלג; ער רעאַגירט דורך אַ פרייער באַשטימונג, אַז די שפּיל איז אַ פאַרלאָרענע און ער גיט זי אויף. ער האַנדלט מיט אַן אויסרעכענונג ווי אַ פרייער אַגענט, אַז דער פּלאַן צו געווינען האָט זיך ניט איינגעגעבן און דערפאַר גיט ער אויף — ער אַנערקענט, אַז ער האָט פאַרלאָרן. פאַר דעם אַלעמען איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין כימיש־עלעקטרישע פּראָצעסן. דאָס דאַרף מען צוגעבן. פאַרשטייט זיך, אַז סעמועל האָט ניט דערוואַרטעט קיין ענטפער פון די וויסנשאַפטלער אויף די פראַגן וואָס ער האָט זיי געשטעלט. ער האָט געוואוסט אַז זיי קענען אים ניט געבן קיין ענטפער. ער האָט געשטעלט די פראַגן מיט דער כוונה אָנצוּווייזן פאַר וואָס ער קען ניט אָננעמען זייערע דערקלערונגען און אויף דעם אופן אַרויסברייגען זיין צענטראַלן געדאַנק, אַז די פראַגן זיינען פונדאַמענטאַלע; זיי באַלאַנגען צו דער פילאָזאָפיע און ניט צו דער וויסנשאַפט. מיט דער באַהויפּטונג מיינט ער, אַז אין די גרענעצן פון דער וויסנשאַפט קען מען די פראַגן ניט דערקלערן; מען קען וועגן זיי נאָר געבן ספּעקולאַטיווע מיינונגען וואָס זייער אמת קען ניט באַוויזן ווערן, גאַנץ איינפאַך דערפאַר, וואָס זיי שליסן אין זיך איין אַן איראַציאָנאַלן מאָמענט וואָס איז למעלה מן השכל.

ער גופא נעמט אָן אַ פּסיכאָ־פיזישן דואַליזם, אַז די רעאַליטעט באַשטייט פון אַ פיזישן און פּסיכישן עלעמענט וואָס קומען זיך צוזאַמען אינם מענטשלעכן מאַרך און ווירקן צוזאַמען.

דער דואַליזם האָט אונטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע, ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעקאַרטן אין דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט ווען ער האָט פאָסטולירט צוויי סובסטאַנצן, אַ מאַטעריאַלן אין דער פאָרמע פון אויסגעשפּרייטקייט און אַ גייסטיקן סובסטאַנץ אין דער פאָרמע פון דענקען. דער דואַליזם האָט אָנגענומען צוויי פאָרמען: — פּסיכאָ־פיזישע אונטעראַקציע און פּסיכאָ־פיזישער פּאַראַלעליזם פון צוויי באַזונדערע שטראָמען. בערג מיט ביכער זיינען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן ביידע פאָרמען און מען קען ניט זאָגן אַז מען האָט עפּעס דערגרייכט. די פּראָבלעמען וואָס זיי שאַפן זיינען שווערער און מער קאָמפּליצירט, ווי די, וועלכע זיי ווילן לייזן. די הויפּט שווועריקייט פון דער אינטעראַקציע פון די צוויי שטראָמען

אינם מאַרך באַשטייט אין דעם וואָס דער פיזישער סיסטעם איז רוימלעך און איז פּאָלקאָמען אין זיך; ער האָט ניט קיין פּלאַץ וויאַזוי דער גייסטיקער סיסטעם, וואָס איז ניט רוימלעך, זאָל קענען אַריינקומען אין אים און דורך אים ווירקן. ער האָט פּשוט ניט קיין פּלאַץ און קיין אופן צו קענען אויפנעמען און באַווירקט ווערן פונם פרעמדן ניט רוימלעכן סיסטעם און ער האָט אויך ניט קיין אופן ווי ער זאָל ווירקן אויפן גייסטיקן סיסטעם ווען ער גופא קריגט אַן אָנרעגונג פון דער סביבה. די אונטעראַקציע קען בשום אופן ניט דערקלערט ווערן. דאָס האָט שוין איינגעזען לייבניץ אינם זיבצענטן יאָרהונדערט און האָט פאָרמולירט דעם פּאַראַלעליזם פון צוויי באַזונדערע סיסטעמען, וועלכע זאָלן לויפן פּאַראַלעל אינם מענטשלעכן מאַרך. די צוויי סיסטעמען זאָלן געווען פאָרמירט ווערן פונם באַשאַפער (גאָט); ער האָט אין זיי אַריינגעגעבן אַזאַ פאָלשטענדיקע האַרמאָניע, וואָס הגם זיי ווערן ניט באַווירקט איין סיסטעם פונם צווייטן, לויפן זיי האַרמאָניש די גאַנצע צייט.

דער פּאַראַלעליזם זאָל אויף דעם אופן אויסמיידן די שווער־ריקייט פון דער אונטעראַקציע. דער פּאַראַלעליזם מיידעט טאַקע אויס די שווע־ריקייט פון דער אונטעראַקציע, אָבער ערשטנס נויטיגט ער זיך אין גאָטס עטאַבלירטער האַרמאָניע, וואָס ניט נאָר וויסנשאַפטלער, נאָר אויך פילאָזאָפן זיינען ניט צופיל באַגייסטערט פאַר אַזאַ אינטערפּרעטאַציע און צווייטנס העלפט דער פּאַראַלעליזם סיי ווי ניט פּשוט דערפאַר, וואָס אויב ער מישט זיך ניט אַריין אין דער אַקטיוויטעט פונם פיזישן סיסטעם, ווירקט ער בכלל ניט אויף אים.

פּסיכאָ־פיזישער דואַליזם איז לייכט צו אָננעמען, אָבער שווער, אויב ניט אוממעגלעך, צו דערקלערן. אַזוי ווי ער נויטיקט זיך אין גאָטס הילף איז אויסער אין רעליגיעזע קרייזן איז ער ניט צופיל פּאָפּולער. פון דער צווייטער זייט האָט דער אַלטער מאַטעריאַליזם פון האַרטע קייקעלעך (אַטאָמען) וואָס באַוועגן זיך אין רוים, זיך ניט געקענט רירן פון אָרט: — פון די האַרטע קייקעלעך (אַטאָמען) קען מען ניט אַרויסברייגען קיין פּראָצעס פון באַוואוסטזיין. דער אומצופרידנשטעלנדער צושטאַנד פונם דואַליזם און דער האָפנונגסלאָזער צושטאַנד פונם מאַטעריאַליזם, האָבן געפירט דערצו אַז אידעאַליזם (אַז דאָס גייסטיקע אין דער נאַטור איז די רעאַ־ליטעט און דאָס פיזישע באַשטייט פון אַ צייטווייליקער דערשיינונג) זאָל הערשן אין דער פילאָזאָפיע ביז דער לעצטער צייט.

די וויסנשאַפט איז אָבער דורכאויס נאַטוראַליסטיש, צי די וויסנ־שאַפטלער גיבן עס צו אָדער ניט. דער אַנאָמאַלער צושטאַנד האָט געפירט צו אַן אָפענעם, אָדער באַהאַלטענעם אַנטאַגאָניזם, צווישן דער וויסנשאַפט און דעם ספּעקולאַטיוון געדאַנק.

דער אַנאָמאַלער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז דער צייט ווען דער באַגריף וועגן עוואָלוציע האָט באַהערשט דעם דענקען פון איין זייט און די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף נייע

יסודות, פון דער צווייטער זייט. די ענדערונגען אין די באַגריפן האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט אַריינצופירן האַרמאָניע צווישן דער וויסנשאַפט און דער פילאָזאָפיע. דער רעזולטאַט איז, אַז רעאַליזם האָט פאַרנומען דעם אויבן אָן אין דער פילאָזאָפיע.

ווען מען נעמט אָן, אַז די וועלט, ווי זי פּרעזענטירט זיך צו די חושים, איז די אַבסאָלוטע רעאַליטעט, מוז מען זיך רעכענען מיט די עמפּירישע און עקספּערימענטאַלע פאַקטן פון דער וויסנשאַפט און מען דאַרף זיי נאָכפאָלגן וואוהין זיי פירן. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין און זיין וויסן וועגן דער וועלט, מוז מען זיך רעכענען מיט די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען וועגן דעם נערוון סיסטעם און מיט זיין שייכות צום פּראָצעס פון באַוואוסטזיין.

די אַלע ענדערונגען האָבן געפירט צו אַ רעאַליסטיש־מאָניסטישן בליק טראָץ פאַרשיידענע קעגנערישע שטימען ווי פון הערבערט סעמועלן און אַנדערע. אין דער דערקענטעניש־לערע, אין דער טעאָריע פון וויסן: — ווי אַזוי מען ווייסט און וואָס מען ווייסט, האָט עס געפירט צום אַזוי אָנגערופענעם טאָפּעלטן אַספּעקט אין שייכות צום מאַרך־באַוואוסטזיין, אַז זיי באַשטייען פון צוויי אַספּעקטן פון אָן איינהייטלעכער דערשיינונג: — דאָס, וואָס ס'דערשיינט אינם באַוואוסטזיין, בשעת מען דענקט, איז דער צווייטער אַספּעקט פון דער זעלבער דערשיינונג פון דעם וואָס ווערט רעגיסטרירט אויסערלעך מיט דער הילף פון עלעקטרישע אַפּאַראַטן, וואָס איז דער ערשטער אַספּעקט: — זיי זיינען צוויי פאַזן פונם זעלבן פּראָצעס.

הערבערט סעמועל פרעגט די וויסנשאַפטלער זיי זאָלן אים דער־קלערן וויאַזוי מען קען אידענטיפיצירן עלעקטרישע שטראָמען אויסלערלעך מיטן דענקען אינערלעך, וויאַזוי מען קען אידענטיפיצירן פיזיאָלאָגיע אינם מאַרך מיט אידייעס אינם פאַרשטאַנד? אדריאַן זעט אויך ניט ווי מען קען עס טאָן. געוויס קען מען עס דירעקט ניט באַווייזן; עס זיינען אָבער פאַראַן ביישפּילן וועגן דערשיינונגען וואָס האָבן אויסגעקוקט צו זיין אוממעגלעך און זיי זיינען איצט עמפּירישע און עקספּערימענטאַלע פאַקטן. ווען לאַ־וואזיאַ האָט צעשפּאָלטן וואַסער אויף צוויי גאַזן, האָט לאַמאַרק געזאָגט „ס'איז אַן אַבסורד: איך ווייס וואָס גאַזן זיינען און וואָס וואַסער איז. צו זאָגן, אַז וואַסער באַשטייט פון גאַזן איז אַן אַבסורד". אויבן־אויף האָט אויסגעזען, אַז ער איז גערעכט. איצט ווייסט יעדער איינער אַז וואַסער באַשטייט פון צוויי גאַזן. מאַרגען רופט עס אָן אַן עמערגענט און קאָסמיש־גענעטיש דאַרף עס באַטראַכט ווערן פאַר אַן עמערגענט. וואָס ס'מיינט אַ נייע דער־שיינונג, וואָס איז פריער ניט געווען.

ווען מען נעמט עוואָלוציע פאַרן אויסגאַנגס פּונקט איז אויב ס'איז מעגלעך, אַז איין עמערגענט זאָל דערשיינען אינם לויף פון צייט, פאַרוואָס זאָל אַ צווייטער עמערגענט ניט קענען דערשיינען אויף אַן ענלעכן אופן? פאַרוואָס זאָל אַזאַ דערשיינעניש נייעס ניט קענען פאַרקומען אין דער אינער־לעכקייט פונם מאַרך ווען ער האָט דערגרייכט די מענטשלעכע שטופע?

פאַרוואָס זאָל ניט קענען דערשיינען קיין באַוואוסטזיניקער פּראָצעס אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך ווי אַ נייער עמערגענט? ווער קען עס זאָגן אַז אַזאַ עוואָלוציע פּראָצעס קען ניט פאָרקומען? זאָגט טאַקע דער פילאָזאָף, רוי וואוד סעלאַרס, אַז מען דאַרף אָננעמען די קאַטעגאָריעס פון דער פיזיאָלאָגישער וויסנשאַפט, מען דאַרף אָבער צו זיי צוגעבן ווי אַן עמערגענטע דערשיינונג דעם קוואַליטאַטיוון אַספּעקט פון באַוואוסטזיניקייט וואָס מאַניפעסטירט זיך אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך. די פונקציע פון דעם מאַרך און דער באַוואוסטזיין, באַשטייען פון צוויי אַספּעקטן פון אַן איינהייטלעכן פּראָצעס. אין אונדזער באַוואוסטזיין געפינען מיר זיך אין דער אינערלעכקייט פון דער רעאַליטעט גופא. פאַרשטייט זיך, אַז פונם באַוואוסטזיין קען מען ניט צוקומען צום אייגענעם מאַרך פשוט דערפאַר וואָס דער פּראָצעס פון באַוואוסטזיניק ווערן איז איינהייטלעך מיט דעם וואָס קומט פאָר אינם מאַרך גופא.

דאָס ציטירטע קען באַטראַכט ווערן ווי אַן אומדירעקטער ענטפער וואָס סעלאַרס וואָלט געגעבן הערבערט סעמועלן אויף דער פראַגע ווי קען מען אידענטיפיצירן דעם דענקונגס פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אין דער אינערלעכקייט פונם באַוואוסטזיין, מיט די אויסערלעך רעגיסטרירטע עלעקטרישע שטראָמען ווען זיי זיינען אַזוי פאַרשיידן איינער פונם צווייטן? דער ענטפער איז, אַז דער אינערלעכער דענקען און דער באַוואוסטזיניקער איבערלעבונג בכלל, באַשטייט פון אַ מאַניפעסטאַציע פונם צווייטן אַספּעקט אינם מאַרך ווען זער לעצטער האָט דערגרייכט די מענטשלעכע שטופע, אין דער צייט ווען דער ערשטער אַספּעקט ווערט אויסערלעך רעגיסטרירט עלעקטריש לויט דער אַקטיוויטעט פון די באַטרעפנדע צעלן אינם מאַרך.

סעלאַרס וואָלט צוגעגעבן, אַז אין דער אינערלעכקייט פונם באַוואוסטזיין געפינט מען זיך אין דער אינערלעכקייט פון דער רעאַליטעט גופא. דאָס זיינען צוויי אַספּעקטן פון איין פּראָצעס אין דעם מאַרך ווען דער לעצטער האָט דערגרייכט די מענטשלעכע שטופע. סעלאַרס רופט דעם באַוואוסטזיניק ווערן אָן אַן עמערגענטע דערשיינונג וואָס איז קוואַליטאַטיוו לויט דעם כאַראַקטער און איז אידענטיש מיטן כימיאָ־עלעקטרישן פּראָצעס וואָס ווערט אויסערלעך רעגיסטרירט אויף אַפּאַראַטן דורך אַ באַאָבאַכטער.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ פילאָזאָפישע השערה (היפּאָטעזע) וואָס קען ניט באַשטעטיקט ווערן אויף אַ דירעקטן אופן, דערפאַר וואָס מען קען די צוויי אַספּעקטן ניט צוזאַמענברענגען. דעם באַוואוסטזיניקן אַספּעקט לעבט מען איבער אין דער אינערלעכקייט פונם באַוואוסטזיין און דעם צווייטן אַספּעקט רעגיסטרירט אַ באַאָבאַכטער אויסערלעך דורך אינסטרומענטן. זייער אידענטישקייט קען דירעקט ניט באַוויזן ווערן; זי לאָזט זיך אָבער אָננעמען הגם מיט שוועריקייטן וואָס ניט יעדער איינער וועט וועלן פאַרזען. פון דער צווייטער זייט קען די אומדירעקטע באַשטעטיקונג ניט איגנאָרירט ווערן.

אין זיין בוך „די ליווינג בריין״ (דער לעבעדיקער מאַרך) באַשעפּ־טיקט זיך גריי וואָלטער אַ היפּש ביסל מיט דעם וואָס מען האָט שוין ביז איצט דערגרייכט מיט דער הילף פון די רעקאָרדירטע עלעקטרישע שטראָמען. לויט זיין מיינונג קען מען שוין איצט קלאַסיפיצירן דעם כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, ווי די געמיט צו־שטאַנדן, לויט די ענדערונגען אין די עלעקטרישע שטראָמען. ער איז זייער אָפּטימיסטיש וועגן די מעגלעכע דערגרייכונגען אויף דעם געביט. נאַטירלעך, אַז ס'איז שווער עפּעס צו זאָגן וועגן אַ ענין וועגן וועלכן מען ווייסט בכלל ניט קיין סך. עס זעט אָבער אויס, אַז מען האָט געקראָגן אַ שליסל צו דער פונקציע פונם מאַרך וואָס זאָגט צו צו וואַרפן אַ שיין אויפן פּראָצעס פון באַוואוסטזיין אין פאַרבינדונג מיטן מאַרך. דער צוזאָג איז אַ גרויסער. מער ווי דאָס קען דער מחבר פון די שורות ניט זאָגן.

אין דער אָפּהאַנדלונג ביז איצט וועגן דעם מאַרך און דעם באַ־וואוסטזיין איז דער מאַרך גענומען געוואָרן פאַרן אויסגאַנגס פונקט. אמת, צום סוף איז אַריינגעפירט געוואָרן דער פילאָזאָפישער צוגאַנג ווי דער פּאַראַלעליזם פון צוויי פּראָצעסן, די אינטעראַקציע אינטערפּרעטאַציע פון די צוויי פּראָצעסן איז דערמאָנט געוואָרן און ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן מיטן דאָפּעלטן אַספּעקט ווי איין פּראָצעס מאַניפעסטירט זיך אויף צוויי אופנים. דער אויסגאַנגס פונקט איז אָבער געווען דער מאַרך ווי דער באַוואוסטזיין קומט אין אים פאָר.

איצט וועט דער באַוואוסטזיין (פאַרשטאַנד, מאַינד) גענומען ווערן פאַרן אויסגאַנגס פונקט. דאָס קאַפּיטל וועט פאַרענדיקט ווערן מיט אַ קורצער דערקלערונג וויאַזוי אַלעקסאַנדער פירט אַריין דעם באַוואוסטזיין אינם אָנהויב פון זיין צווייטן באַנד. ער זאָגט „מיין כוונה איז צו פרעגן צי פאַרשטאַנדן (מאַינדס) קומען ניט אַריין אין זייער באַשטימטן אָרט לויט דער אָרדנונג פון עמפּירישע עקזיסטענצן? ס'וואָלט געווען אַסך זיכערער ווען זיי (די מאַינדס) וואָלטן צום ערשטן דערמאָנט געוואָרן אינם ריכטיקן פּלאַץ צום סוף פון דער אָרדנונג. דער מעטאָד וואָלט מיך גע־צוואונגען צו נוצן באַגריפן, וועלכע וואָלטן געבליבן שווער ביז מען וואָלט זיי געקענט אָנווענדן צו פאַרשטאַנדן״.[1]

דאָס איינציקע וואָס מען קען פאַרשטיין אינם עניגמאַטישן פּאַראַ־גראַף איז דאָס וואָס ער גיט צו, אַז ער פירט אַריין דעם באַוואוסטזיין (מאַינד, פאַרשטאַנד) אויף אַן אומדירעקטן און ניט פאַרשטענדלעכן אופן. ביסלעכוויז דערקלערט ער דאָס ניט פאַרשטענדלעכע. ער זאָגט „עס איז דערפאַר וואָס וועגן אונדזערע פאַרשטאַנדן קריגן מיר דערפאַרונג צוזאַמען מיט אַ ריי פאַראייניקטע פּראָצעסן, וועלכע האָבן אַ פּסיכישן כאַראַקטער, וואָס באַזיצט די קוואַליטעט פון „מענטאַלעס״, אָדער ווי איך וועל אָפּט נוצן: דעם כאַראַקטער פון באַוואוסטזיין... די דערפאַרונג פירט אונדז צו

[1] „ספּייס, טיים ענד דייעטי״, באַנד 2, ז. 3.

פּאַראייניקן אונדזערע פּסיכישע פּראָצעסן מיטן קערפּער, ספּעציעל מיט אונדזער נערוון סיסטעם, צו זיין מער פּינקטלעך, מיט באַשטימטע טיילן פון אונדזער מאַרך. מיר לאָקאַליזירן אונדזערע פּסיכישע (מענטאַלע) פּראָצעסן אין דער זעלבער צייט און אויפן זעלבן אָרט, מיט די באַשטימטע פּראָצעסן פון די נערוון. אָן אויך אָט דעם אופן ווערן מיר טיילוויז באַקאַנט פון דערפאַרונג און טיילוויז דורך דעם טראַכטן גופא, אַז דער פּראָצעס פון אַן אייגנאַרטיקער קוואַליטעט פונם פאַרשטאַנד, אָדער פונם באַוואוסטזיין, איז אין דער זעלבער צייט אויך אַ פּראָצעס פונם נערוון סיסטעם, וואָס איז אַ העכסט דיפערענצירטער און קאָמפּליצירטער פּראָצעס פון אונדזער קערפּער. דערפאַר זיינען מיר געצוואונגען צו גיין ווייטער ווי אָנגענומען, אַז ס'איז ניט מער ווי אַ צופעליקע קאָרעלאַציע פונם פּסיכישן פּראָצעס מיטן נערוון פּראָצעס; מיר דאַרפן זיי אידענטיפיצירן" און ווייטער „די פּסיכישע און די נערוון פּראָצעסן באַשטייען פון איין עקזיסטענץ און ניט פון צוויי עקזיסטענצן".[1]

פונם ציטירטן קען מען זען, אַז ער נוצט פאַרשטאַנד און באַוואוסטזיין ווי סינאָנימען, זיי מיינען פאַר אים איינע און די זעלבע זאַך. ער דערקלערט, אַז דער פאַרשטאַנד, דער באַוואוסטזיניקער פּראָצעס, ווי אַ קוואַליטעט, פּרעזענטירט מיט זיך אַ פּראָבלעם און אין דער זעלבער צייט אַנטהאַלט ער אין דער פאַראייניקונג אויך די לייזונג איינפאַך דערפאַר, וואָס די דערפאַרונג פירט צו אַ פאַראייניקונג פון דעם פּראָצעס אינם נערוון סיסטעם מיטן פּראָצעס אינם באַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען איינע און די זעלבע זאַך.

אין דער קורצער דערקלערונג געפינט זיך אַלץ וועגן דעם פאַרשטאַנד וואָס ער זאָגט אַרויס דירעקט אין דרייסיק זייטן און אומדירעקט אין פאַרשיידענע אַנדערע פּלעצער. ער איז אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט; פאַר אים איז די פיזיאָלאָגישע פונקציע פונם נערוון סיסטעם, וואָס ווי אַ פונקציע מאַניפעסטירט זי זיך דורך אויסערלעכער פאַרשונג, דער אויסערלעכער אַספּעקט פון וועלכן די אינערלעכע באַוואוסטזיניקייט איז די מאַניפעסטאַציע (דער אינערלעכער אַספּעקט). ניט נאָר גלויבט ער ניט אין קיין דואַליזם, אַז דער אינהאַלט אינם פאַרשטאַנד עקזיסטירט פאַר זיך; ער גלויבט אַפילו ניט אין קיין דואַלער מאַניפעסטאַציע. דער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין אינהאַלט און האָט אים אויך ניט וואו צו נעמען. ער רעאַגירט בלויז אויף זאַכן און דערשיינונגען, וועלכע פּרעזענטירן זיך צו אים פון דער סביבה. ער באַשטייט פון אַן אינערלעכער מאַניפעסטאַציע פון דער פונקציע פונם נערוון סיסטעם. ווי אַן אייגנאַרטיקע קוואַליטעט (באַוואוסטזיניקייט) באַשטייט ער פון מער ווי פון דער פונקציע און איז אויך אַנדערש פון איר. ער איז אַ נייער עמערגענט און איז אייגנאַרטיק; אַנדערש קען ער ניט דערקלערט ווערן.

---

[1] איביד, זז. 4, 5, 9.

די נאָר וואָס געגעבענע דערקלערונג פירט אים צו אַ וויטערדיקן אונטערשייד וואָס מוז פאַרשטאַנען ווערן ווען מען וויל אים נאָכפאָלגן אין זיינע פונדאַמענטאַלע באַגריפן. ער שפּאַלט דעם פּראָצעס אויף צוויי צוגאַנגען צו אים, אָדער אויף צוויי אופנים: — ווי אַ פונקציע אין שייכות צו דער אויסערלעכער וועלט און ווי אַ פּסיכישע איבערלעבונג אינערלעך. פאַר דעם נוצט ער צוויי טערמינען: — אין דער שייכות צו דער אויסער־לעכקייט, ווי אַ רעאַגירונג אויף אַ דערשיינונג, רופט ער אָן דעם פּראָצעס קאָנטעמפּלאַציע, וואָס ס'מיינט באַנעמען אָדער באַטראַכטן דאָס אויסער־לעכע. ווי אַן אינערלעכע איבערלעבונג אינם אָרגאַניזם פונם זעלבן פּראָצעס רופט ער עס אָן אַ גענוס (ענדזשוימענט). עס מוז עפּעס פאַרקומען מען זאָל עס קאָנטעמפּלירן. עס מוז אויך זיין אַ געפיל, אָדער איבערלעבונג ווי אַן אינערלעכער גענוס (ענדזשוימענט). ער זאָגט: „די דערפאַרונג וואָס מיר האָבן אינערלעך (גענוס, ענדזשוימענט), דאָס וואָס מיר נעמען אויף און לעבן איבער און וואָס ס'באַשטייט פונם באַוואוסטזיניקן פּראָצעס, ווען ס'ווערט באַטראַכט, איז עס קאָנטעמפּלאַציע״.[1]

דאָס, וואָס איז דאָ געגעבן געוואָרן אין עטלעכע זאַצן, פאַרנעמט ביי אים אַ היפּש ביסל זייטן; ער דערקלערט עס אויף פאַרשיידענע אופנים, ווי יעדער איין דענקער, וואָס זאָגט עפּעס נייעס, אָדער ער ברייננגט אַרויס דאָס אַלטע אויף אַ נייעם אופן, נוצט ער אַן אייגנאַרטיקע טערמינאָלאָגיע כדי זיך צו אונטערשיידן פון אַנדערע און אַרויסברייינגען זיין מיין. פאַר־שטייט זיך, אַז ער ווידערהאָלט זיך אַ היפּש ביסל. דער תמצית איז דאָ געגעבן געוואָרן. ניט אַלץ וואָס ער זאָגט מוז אָנגענומען ווערן; ער מוז אָבער פאַרשטאַנען ווערן צי מען וויל עס אָננעמען, אָדער ניט.

ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם וואָס איז פון אים געבראַכט געוואָרן, קען מען זען אַז ער זאָגט דאָס זעלבע וואָס די וויסנשאַפטלער האָבן אויף זייער אופן אַרויסגעזאָגט. ער האָט עס געשריבן מיט אַסך יאָרן פריער איידער די פאָרשונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, האָט ער זיך מיט זיי ניט געקענט באַנוצן און מעגלעך ער וואָלט זיך מיט זיי סיי ווי ניט באַנוצט; ווי אַ ספּעקולאַטיווער דענקער און מעטאַפיזיקער, האָט ער געהאַט זיין אייגענעם צוגאַנג. דערצו האָט ער געשריבן פאַר דער אַקאַ־דעמישער וועלט, האָט ער ניט געדאַרפט אַריינברייינגען קיין איינצעלהייטן וואָס יעדער איינער קען זיי קריגן פון די באַטרעפנדע ווערק.

אַזוי ווי מיט די פּראָבלעמען, וואָס אַלעקסאַנדער האָט באַרירט, וועט זיך אויסקומען צו באַשעפטיקן, אין איין פאָרמע אָדער אין אַ צווייטער פאָרמע, מער ווי איין מאָל, וועט דערמיט דאָס אַריינפיר קאַפּיטל פאַר־ענדיקט ווערן.

---

[1] איביד, באַנד 2, ז. 5.

צווייטער קאפיטל

ספענסער, בערגסאָן און אַלעקסאַנדער.

דער ווירקטיקסטער אויפטו פונם ניינצענטן יאָרהונדערט איז אַן צווייפל דער וואָס דער געדאַנק פון עוואָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן פון דער וויסנשאַפטלעכער און פילאָזאָפישער וועלט. געוויס האָלט קיינער איצט ניט, אַז די סיבות, וואָס דאַרווין האָט אָנגעגעבן, זיינען גענוג צו דערקלערן דעם עוואָלוציע פּראָצעס, די ווירקטיקייט פונם אויפטו באַשטייט אָבער ניט אין די באַווייזן, וואָס ער האָט געבראַכט צו איבערצייגן אַז אַזאַ פּראָצעס איז פאַראַגעקומען, נאָר אין דעם פאַקט, וואָס אים איז געלונגען צו איבערצייגן די וויסנשאַפטלער, אַז די אָרגאַנישע וועלט איז ניט אַראָפּ־געפאַלן פון הימל פיקס און פאַרטיק ווי זי איז איצט, נאָר אַז אַן עוואָלוציע פּראָצעס איז פאַרגעקומען; — זי האָט זיך געענדערט און אַנטוויקלט.

דער געדאַנק פון עוואָלוציע, וואָס איז פריער אָנגענומען געוואָרן אין דער אָרגאַנישער וועלט און איז אויסגעברייטעט געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער וועלט, האָט געמאַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אינם דענקען און האָט געגעבן פליגל צו דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע. איצט איז דער באַגריף וועגן עוואָלוציע אָנגענומען געוואָרן אינם מענטשלעכן דענקען און די פילאָזאָפיע פון עוואָלוציע, אינם ברייטן זינען, איז דער רעזולטאַט. ער האָט פאַראייניקט די פילאָזאָפיע מיט דער וויסנשאַפט און האָט פאַר־היילט דעם בראַך, וואָס איז געווען צווישן זיי אינם ניינצענטן יאָרהונדערט אין אָנהויב אין דייטשלאַנד און וואָס איז שפּעטער געבראַכט געוואָרן קיין ענגלאַנד וואו דער העגעליאַניזם האָט געהערשט פאַר אַ לאַנגער צייט.

מעגלעך, ס'איז ניט געווען קיין צופאַל וואָס דאַרווין, דער מחבר פון „אָרידזשען אָוו ספּיסיעס״ (דער אויפקום פון די מינים) און ספּענסער, דער ערשטער פילאָזאָף פונם עוואָלוציע באַגריף, זיינען ניט געקומען פון דער שטרייגנער אַקאַדעמישער וועלט, דערפאַר זיינען זיי געווען פריי אין זייער דענקען. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז אויך די אַקאַדעמישע וועלט איז אין זייער צייט שוין געווען צוגעגרייט אָנצונעמען דעם עוואָלוציע באַגריף.

ספּענסער האָט אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פון עוואָלוציע פאַר דאַרווינען. ער האָט אָנגעהאַלטן צו פאָרמירן די סינטעטישע

פילאָזאָפיע פאַר גאַנצע פופציק יאָר, האָט ער מער געווירקט ווי ווער עס איז, אַז דער עוואָלוציע באַגריף זאָל פאַרשפּרייט ווערן אין דער אַלגעמיין געבילדעטער וועלט. ער האָט באַזעסן אַ גרויסן טאַלאַנט, ער האָט געקענט דענקען און איז געווען אַ פּראָדוקטיווער שרייבער, איז ער געווען זייער פּאָפּולער. מען האַלט אַז ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער מענטש אין דער אַלגעמיין געבילדעטער וועלט אינם ניינצענטן יאָרהונדערט. זיינע פאַרדינסטן פאַרן ברייטן עולם זיינען אומשעצבאַר. זיינע צען מאַסיווע בענד וועגן דער סינטעטישער פילאָזאָפיע פונם שטאַנדפּונקט פון עוואָלוציע ענטהאַלטן אין זיך, אַלץ וואָס מען קען זיך פאַרשטעלן, אָנהייבנדיק פון די ערשטע פּרינציפּן (מעטאַפיזיק) און ענדיקנדיק מיט די פּרינציפּן פון עטיק. (אויסער דער סינטעטישער פילאָזאָפיע האָט ער אָנגעשריבן צען בענד וועגן פאַרשיידענע ענינים).

עס וואָלט אפשר געווען ריכטיק, ווען מען זאָל זאָגן, אַז אויף וויפיל ער איז געווען פּאָפּולער אין דער אַלגעמיין געבילדעטער וועלט, אויף אַזוי וויניק האָט מען אים געשעצט אין דער אַקאַדעמישער וועלט. ער אַליין איז געווען שולדיק פאַרוואָס די אַקאַדעמישע וועלט האָט זיך וויניק גערעכנט מיט זיינע מיינונגען: — ער האָט געוויס געקענט דענקען, ער האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט מיינונגען פון וויסנשאַפטלער אין זייערע פאַכן, ווי אַפאַר ביישפּילן וועלן עס באַווייזן. ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר האָט ער געלייענט, אַז דערוואָרבענע אייגנשאַפטן ווערן ניט איבערגעגעבן בירושה. האָט ער זיך ניט גערעכנט מיט דעם, וואָס דאָס האָט געשריבן אַ פאַכמאַן וועגן זיין ספּעציאַליטעט. אים איז געפעלן געוואָרן דער געדאַנק, אַז דערוואָרבענע אייגנשאַפטן גיבן זיך יאָ איבער צום צווייטן דור, האָט ער פון דעם שטאַנדפּונקט געשריבן זיין סינטעטישע פילאָזאָפיע פאַר 50 יאָר, ניט קימערנדיק זיך וואָס וויסנשאַפטלער האָבן אַ פאַרקערטע מיינונג.

דער אַמעריקאַנער פילאָזאָף, רויעס, האָט אָנגעשריבן אַ ביכל וועגן ספּענסערן, אין וועלכן ער זאָגט אַז ספּענסער האָט אין זיין גאַנצן לעבן ניט איבערגעלייענט קיין איין בוך וועגן ביאָלאָגיע און דאָס האָט אים ניט געשטערט צו אָנשרייבן צוויי מאַסיווע ווערק וועגן די פּרינציפּן פון ביאָלאָגיע. דער ביאָלאָג, ראַי לאַנקעסטער, דערציילט, אַז ספּענסער האָט אים איינגעלאַדן צו הערן זיין מיינונג וועגן ביאָלאָגיע; אָבער אַנשטאָט צו הערן זיין מיינונג האָט ספּענסער געגומען אים דערקלערן ענינים וועגן ביאָלאָגיע. אַזוי ווי די דערקלערונגען זיינען באַשטאַנען פון טעות'ן, פון ניט וויסן קיין ביאָלאָגיע, האָט ער געוואָלט קאָרעגירן ספּענסערן. האָט ספּענסער פאַרשטאָפּט זיינע אויערן אום ניט צו הערן אַ מיינונג וואָס שטימט ניט מיט זיין מיינונג. ספּענסער האָט אויף אַזויפיל ניט געדולדעט קיין מיינונג, וועלכע האָט ניט געשטימט מיט זיינער, אַז ער האָט זיך געמאַכט אויערן פאַרשטאָפּערס און ער האָט זיי גלייך אָנגעטאָן ווען מען האָט עפּעס געזאָגט וואָס האָט ניט געשטימט מיט זיין מיינונג. ער איז געווען אַן אין זיך זעלבסט

איינגעגלויבטער פאַנאַטיק.

אַזוי ווי ער האָט ניט געלערנט אין קיין אוניווערזיטעט און איז אויך ניט געווען קיין לערער אין קיין אוניווערזיטעט, האָט ער פשוט ניט געוואוסט וואָס ס'קומט פאַר אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט און דערפאַר האָבן זיך וויסנשאַפטלער און פילאָזאָפן, ניט געקענט רעכענען מיט זיינע פאָפולערע ווערק, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פאַרן אַלגעמיינעם עולם.

ספּענסער איז דאָ בלויז וויכטיק ווי דער ערשטער דענקער, וועלכער האָט גענומען דעם געדאַנק פון עוואָלוציע פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט און האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפישן סיסטעם באַזירט אויף ערשטע פּרינציפּן (מעטאַפיזיק) רייך עמפּיריש אין איינקלאַנג מיט וויסנשאַפטלעכע פאַקטן ווי ער האָט זיי אינטערפרעטירט. איין זאַך איז זיכער, נעמלעך, ער האָט געקענט דענקען; קיינער וועט אין דעם ניט צווייפלען. פאַרשטייט זיך, אַז קיין אומוויסנדער מענטש איז ער ניט געווען, ער האָט געלעבט, ווי אַ קריטיקער האָט זיך אויסגעדריקט, אין אומשולדיקער איזאָלאַציע פון דער אַלגעמיין פילאָזאָפישער וועלט.

זיינע ערשטע פּרינציפּן האָט ער געשריבן אין 1862 און, באַטירלעך, האָט ער אפּערירט מיט די באַגריפן פון יענער צייט. ער האָט אָנגעהויבן פון דעם, אַז דער מענטשלעכער וויסן איז אַ רעלאַטיווער, וואָס ס'מיינט, אַז ער האָט אָנגעהויבן פון עפּיסטאַמאָלאָגיע (דער פּראָצעס פון וויסן). דאָס רעלאַטיווע פירט אָבער אַלץ ווייטער און ווייטער ביז עס דערגרייכט דאָס אַבסאָלוטע (אָנטאָלאָגיע, אָדער מעטאַפיזיק). וועגן דעם אַבסאָלוטן (און אַזאַ, האָט ער געהאַלטן, דאַרף זיין) קען מען גאָרניט וויסן; עס איז דאָס אומבאַוואוסטבאַרע (אַננאָועבל). ספּענסער איז געווען אַן אַגנאָסטיקער; ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס אומבאַוואוסטבאַרע איז אַן ענין פאַר רעליגיע, פילאָזאָפיע דאַרף זיך באַשעפטיקן מיטן באַוואוסטבאַרן, מיט דעם וואָס מען קען וויסן.

דאָס איז וועגן זיין אַזוי אָנגערופענער מעטאַפיזיק; וועגן דער פילאָזאָפיע פון עוואָלוציע האָט ער אָנגענומען, אַז אינם פּראָצעס פון עוואָלוציע קומט פאַר אַ קאָנצענטראַציע פון מאַטעריע און פאַרשווענדונג (דיסי־פּישן) פון באַוועגונג. דאָס אַלץ ווערט דורכגעפירט דורך דעם געזעץ פון קראַפט (לאָו אָוו פאָרס). דער געזעץ פון קראַפט דאַרף מן־הסתם קומען פונם אומבאַוואוסטבאַרן. דאָ איז ער ניט צופיל קלאָר; ער האָט עס געלאָזט אָפן.

מען קען זען, אַז קיין צופיל אָריגינעלער דענקער איז ספּענסער ניט געווען; די פונדאַמענטאַלע באַגריפן, מיט וועלכע ער האָט אָפּערירט, האָט ער גענומען וואו ס'האָט זיך געלאָזט נעמען. ער האָט זיי אינטער־פּרעטירט אויף זיין אייגענעם שטייגער און האָט געשאַפן די סינטעטישע פילאָזאָפיע, אָבער זאָל אונטערשטראָכן ווערן אַז אַן מעטאַפיזיק (דאָס אומ־באַוואוסטבאַרע) איז ער זיך אויך ניט באַגאַנגען: פון וואָס מען זאָל ניט אָנהויבן, איז אויב מען וועט עס נאָכפאָלגן ווייט גענוג, וועט עס פירן צו

אַ מאָמענט ביי וועלכן מען וועט מוזן בלייבן שטיין פאַר אַ ניט געלייזטן פּראָבלעם, וועגן וועלכן מען וועט נאָר קענען ספּעקולירן, אָבער ניט דער־קלערן. וועגן דעם זאָגט ווייטהעד, אַז פון וואָס מען זאָל ניט אָנהויבן, וועט עס פירן צו אַ פּלאַץ פון וועלכן מען וועט אויף ווייטער ניט האָבן קיין וועגווייזער, מען וועט קענען אויסקלייבן פּריקוויליק וועלכן וועג מען וועט אַליין וועלן; זיין עצה איז, אַז אינם ווייטערדיקן זאָל מען נאָכפאָלגן אַ ליניע וואָס זאָל האַרמאָנירן מיטן פריערדיקן און ניט לאָזן דעם געדאַנק שפּרינגען וואוהין ער וויל.

נאָך ספּענסערן האָבן אַסך דענקער געשריבן פילאָזאָפישע ווערק פונם שטאַנדפּונקט פון עוואָלוציע. זיי וועלן דאָ אויסגעלאָזט ווערן; עס וועט נאָר באַטראַכט ווערן דער וויכטיקסטער דענקער פון דעם פּעריאָד, הענרי בערגסאָן. ער איז געווען אַ גענִיאַלער דענקער און אַ גלענצנדער שריפט־שטעלער און האָט געהאַט בריליאַנטענע איינפאַלן. ער איז געווען אַ מעטאַ־פיזיקער און האָט געוואָלט מען זאָל אים פאַר אַזעלכן באַטראַכטן. אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען מיט דער כוונה צו באַשטעטיקן זיין מעטאַפיזיק, וואָס איז פאַקטיש געווען זיין אויסגאַנגס פּונקט.

מעטאַפיזיק ליגט זיך ניט אויפן שכל: — עס איז שווער צו אָננעמען עפּעס וואָס לאָזט זיך ניט פאַרשטיין און וואָס קען ניט דערקלערט ווערן. נאָך שווערער איז פאַר אַ רעאַליסטיש געשטימטן מענטשן נאָכצופאָלגן בערגסאָנען אין זיין מיסטיק און אין זיין גלאָריפיצירן די אינטואיציע פונם אינסטינקט, אַז ער באַזיצט אַ וויסן וואָס דער פאַרשטאַנד פאַרמאָגט ניט. ווען אָבער מען וויל אים לייענען מוז מען אים נאָכפאָלגן ווי פאַנ־טאַסטיש און אומגלויבלעך ס׳זאָל ניט קלינגען דאָס וואָס ער פאַרטיידיקט. און זיין מעטאַפיזיק איז זייער פאַנטאַסטיש; זי לאָזט זיך ניט אָננעמען פון אַ ראַציאָנאַל דענקענדן מענטשן.

בערגסאָנס פונדאַמענטאַלער געדאַנק וועגן מעטאַפיזיק איז אַז די אַבסאָלוטע פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דער וועלט באַשטייט פון „לעבן" ניט אינם זינען פון לעבעדיקע אָרגאַניזמס, נאָר ווי עפּעס פונדאַמענטאַלעס פאַר זיך וואָס מאַניפעסטירט זיך דורך לעבעדיקע אָרגאַניזמס. די פונ־דאַמענטאַלע רעאַליטעט פון „לעבן" האָט די פאָלגענדע נעמען: — וויטאַלער אימפּולס, צייט, דויער, ריינער זכרון, איבער־באַוואוסטזיין און גאָט. די דאָזיקע רעאַליטעט איז אין דער אמתן איינע; ער גיט איר די פאַרשיידענע נעמען לויט אירע פאַרשיידענע מאַניפעסטאַציעס און לויט די פאַרשידענע קאָמבינאַציעס. אַלץ איבעריקעס אין דער וועלט באַשטייט פון אַ מין אָפּפאַל, פון פּסולת פונם קרישטאַל ריינעם לעבן. אינעווייניק אינם אָפּפאַל שטראָמט דער אָריגינעלער לעבנס אימפּולס און ער טרייבט דאָס פאַרגליווערטע טויטע לויט דעם עוואָלוציע פּראָצעס. ווען מען זאָל עס נעמען מעטאַפיזיש און מעטאַפאָריש, דאַרף עס מיינען, אַז לכתחילה אין אָנהויב איז בלויז געווען די אַבסאָלוטע רעאַליטעט, דער אַזוי אָנגערופענער לעבנס שטראָם. אין דער צייט פון זיין פליסן זיינען איניקע טיילן פאַר־

האַרטעוועט געוואָרן; זיי פאַרמירן די רעאַלע וועלט און אַלץ וואָס ס׳געפינט זיך אין איר. אין איר אינערלעכקייט פליסט דער לעבנס שטראָם לויט דעם עוואָלוציע פּראָצעס צוריק צו זיין אור קוואַל כדי זיך צו באַהעפטן מיט דער ריינער רעאַליטעט, מיטן לעבנס אימפּולס.

דאָס נאָר וואָס דערקלערטע זעט אויס צו זיין פאַנטאַסטיש. אַז די סכעמע איז אָבער אַ ריכטיקע וועט באַשטעטיקט ווערן דורך זיין אַ מעטאַפאָרישן ביישפּיל פון זיין „קרעאַטיווער עוואָלוציע״. ער זאָגט: „לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ כלי וואָס איז אָנגעפילט מיט אַ זייער צוזאַמענגעפּרעסטן דאַמף; די כלי האָט שפּאַלטן דורך וועלכע דער דאַמף רייסט זיך אַרויס. דער דאַמף שטראָם איז כמעט אינגאַנצן צוזאַמענגעפּרעסט אין טראָפּנס, וואָס פאַלן צוריק. די צוזאַמענגעפּרעסטע טראָפּנס און זייער צוריקפאַלן, ברעכן דעם שטראָם. דאָס איז אַ פאַרלוסט, אַ מין דעפיציט. אַ קליינער טייל אָבער פונם פליסנדן דאַמף בלייבט ניט צוזאַמענגעפּרעסט פאַר אייניקע סעקונדן; דער טייל פּראָבירט אויפצוהאַלטן די פאַלנדע טראָפּנס. דאָס איינציקע וואָס געלינגט זיי איז אָנצוהאַלטן פאַר אַ ווײַלע די טראָפּנס פון פאַלן. אויף אַן ענלעכן אופן מוזן אַרויסשפּריצן אַן אַן אויפהער שטראָמען פון אַ רעזערוואואַר אין וועלכן ס׳געפינט זיך לעבן. פון די צוריקפאַלנדע טראָפּנס פאַרמירט זיך אַ וועלט. עוואָלוציע פון די לעבעדיקע מינים אין דער וועלט רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם אורשפּרונגלעכן שטראָם און די אורשפּרונגלעכע ריכטונג פון דעם שטראָם, וועלכער פליסט אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג פון מאַטעריע״.[1]

דאָס איז דער צענטראַלער געדאַנק פון זיין מעטאַפיזיק. געוויס זעט עס אויס מאָדנע, אַז די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט (לעבן, גייסט, גאָט און די אַנדערע נעמען) זאָל אין אָנהייב באַשטיין פון אַ וויטאַלן אימפּולס, וואָס איז „ריינער לעבן״ (גייסט און אַז. וו.), זאָל זיך באַדעקן מיט אַ האַרטער טויטער קאָרע (מאַטעריע) און דער לעבנס אימפּולס זאָל זיך דורך דעם צוריק דורכרייסן לויטן עוואָלוציע פּראָצעס און צוקומען צום אורשפּרונגלעכן קוואַל פון וועלכן דער לעבנס אימפּולס האָט אַרויסגעשטראָמט. געוויס דאַרף דער מעטאַפאַר ניט גענומען ווערן וואָרטערלעך. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז ווען מען הייבט אָן פון גייסט (גאָט) און מען באַקליידעט אים מיט מאַטעריע (די מאַטעריעלע וועלט) און דער עוואָלוציע פּראָצעס דאַרף אים צוריק ברייננגען צום אורשפּרונגלעכן צושטאַנד, האָט מען פאַר זיך דעם מעטאַפאַר.

כדי צו באַווייזן, אַז זיין מעטאַפיזיק איז אַ ריכטיקע, האָט בערגסאָן אָנגעשריבן אַ ריי ערשט קלאַסישע ווערק טיף אין אינהאַלט און פּראַכטפול אין פאָרם. ער האָט אַזוינע טיפזיניקע איינפאַלן און פּראַכטפולע מעטאַפאָרן, אַז מען דערמאָנט אים אַסך מער צוליב די זייטיקע ענינים, ווי צוליב זיין מעטאַפיזיק.

---

[1] זע „קריאייטיוו עוואָלושן״, ז. 247.

אין זיין דיסערטאַציע ווערק „טיים ענד פרי וויל" (צייט און פרייער ווילן) האָט ער אַרויסגעבראַכט דעם אונטערשייד צווישן צייט און רוים. זיין פונדאַמענטאַלער געדאַנק איז, אַז מען האָט ניט פאַרשטאַנען דעם כאַראַקטער פון צייט. דאָס, וואָס מען האָט אָנגענומען פאַר צייט, איז אין דער אמתן רוים. צייט איז דער דויער וואָס פליסט אין דער אינערלעכקייט און וועלכן מען פילט ווי אַ לעבנס אימפּולס. צייט איז דער שאַפנדער אַגענט (גאָט) לויט דעם עוואָלוציע פּראָצעס און רוים איז דער אָפּפאַל, די פסולת, וואָס צייט זאָל האָבן פאַרלאָרן אינם פּראָצעס פון פליסן. צייט איז דער קרעאַטיווער גייסט (גאָט) וואָס האָט אַלץ באַשאַפן.

אין זיין ערשטן בוך האָט בערגסאָן אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון זיין רעליגיעז־מיסטישער מעטאַפיזיק, אַז צייט, לויט די פאַרשיידענע נעמען, וואָס ער האָט איר געגעבן אין איינקלאַנג מיט די פאַרשיידענע פונקציעס וואָס ער האָט איר אינם באַטרעפנדן פאַל צוגעשריבן, איז די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט, דער שאַפנדער און טרייבנדער כוח פון אַלץ מיט אַלעמען.

אָט דעם צענטראַלן געדאַנק האָט אַלעקסאַנדער, ווי ער אַליין גיט צו, ביי אים גענומען. ער האָט אים נאַטוראַליסטיש אינטערפּרעטירט און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בערגסאָנס רעליגיעז־מיסטישער אינטערפּרעטאַציע און פון אַלץ, וואָס איז ביי בערגסאָנען מיטגעגאַנגען מיט זיינע פאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס אין זיין מיסטישער מעטאַפיזיק.

דער ערשטער בוך איז אַ טיפזיניקער און איז געשריבן אויף אַ פּראַכטפולן אופן. בערגסאָן איז פאַלשטענדיק געווען באַקאַנט מיט די פּסיכאָלאָגישע און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע פאַקטן פון זיין צייט און האָט זיי אויסגענוצט אויף אַ זייער געלונגענעם אופן.

אין זיין צווייטן בוך, וואָס ער האָט געשריבן מיט פינף יאָר שפּעטער (1894) אונטערן נאָמען „מעטער ענד מעמאָרי" (מאַטעריע און זכרון), האָט ער פאַרטיידיקט די זעלבע מעטאַפיזיק אין אַ גאַנץ אַנדער פאַרבינדונג און אויפן פּלאַץ פון „צייט" האָט ער באַנוצט דעם טערמין „ריינער זכרון". דער צענטראַלער געדאַנק איז געווען צו באַווייזן, אַז „ריינער זכרון" איז ניט לאָקאַליזירט אינם מאַרך. אויף דער פראַגע וואו געפינט זיך זכרון, אויב ער איז ניט אינם מאַרך? האָט ער געענטפערט, אַז די פראַגע באַ־ווייזט אַז מען פאַרשטייט ניט דעם עצם פון „ריינעם זכרון". די פראַגע וואו דעזיגנירט רוים און „ריינער זכרון" געפינט זיך אין צייט און ניט אין רוים. ער האָט געמאַכט דעם איצט באַרימטן פאַרגלייך, אַז דער מאַרך האָט אַזאַ שייכות מיטן זכרון, ווי דער הייגער מיטן קלייד, וואָס מען הייגט אויף אים אַרויף.

אין 1903 האָט ער אָנגעשריבן אַ קליין ביכל אונטערן נאָמען „אַן אַריינפיר צו מעטאַפיזיק", וואָס קען דינען פאַר אַן אַריינפיר צו זיין קאַ־פּיטאַלן ווערק „קרעאַטיווע עוואָלוציע", וואָס איז די קרוין פון זיינע שאַפונגען. אין דעם קליינעם ביכל ברייגנט ער אַרויס דעם אונטערשייד

צווישן אַנאַליטישן דענקען און „אינטואיטיווער סימפּאַטיע". דער ערשטער איז אַן אומדירעקטער, וואָס באַטראַכט דעם ענין פון דרויסן און דער צווייטער איז אַ דירעקטער, וואָס דרינגט אַריין אין דער אינערלעכקייט פונם ענין. דאָס, אונטער די נעמען אינטעלעקט און אינסטינקט, איז די טעמאַ פון זיין וויכטיקסטן ווערק „קרעאַטיווע עוואָלוציע", אין וועלכן ער אַנאַליזירט דעם עוואָלוציע פּראָצעס און ווייזט אַן אויפן אונטערשייד צווישן דעם פאַרשטאַנד און דעם אינסטינקט; ער זאָגט: „עס זיינען פאַראַן זאַכן וואָס דער אינטעלעקט קען זוכן, אָבער ער אַליין קען זיי קיינמאָל ניט געפינען. עס זיינען פאַראַן זאַכן וואָס דער אינסטינקט אַליין וואָלט געקענט געפינען, נאָר ער וועט זיי קיינמאָל ניט זוכן".

דער עניגמאַטישער אַפאָריזם ענטהאַלט אין זיך בערגסאָנס מיינונג וועגן די לימיטאַציעס פון דעם אינטעלעקט, אַז זיין זוכן (ער האָט אין זינען צו וועלן פאַרשטיין די רעאַליטעט) איז אַ ברכה לבטלה, אַן אַרויס־געוואָרפענע אַרבעט; ער קען ניט פאַרשטיין די רעאַליטעט.

כדי בולט אַרויסצוברייַנגען זיין מעטאַפיזיק האָט בערגסאָן אַנאַלי־זירט דעם דואַליזם, אָדער די צוויי־אייניקייט, מיט וועלכער מען באַ־געגנט זיך אין פאַרשיידענע דערשיינונגען. אַזויווי ער איז געווען אַ גאַני־אַלער אַנאַליטיקער און האָט געהאַט ברילליאַנטענע איינפאַלן, האָט דער מעטאָד אַסך בייגעטראָגן ער זאָל ווערן באַרימט און אומשטערבלעך.

איין טייל פון דער צוויי־אייניקייט איז אין איינער, אָדער אין אַ צווייטער פאָרמע, געווען אַ טייל פון זיין מעטאַפיזיק און אַ צווייטער טייל איז, לויט זיין מיינונג, געווען אַ פּראָדוקט פונם עוואָלוציע פּראָצעס (אַן אָפּפאַל פון דער רעאַליטעט, לויט זיין אינטערפּרעטאַציע). די באַזונדערע טיילן זאָלן זיך האָבן געווען פאַראייניקט אינם היסטאָרישן פּראָצעס און איצט מאַכט מען אַ טעות ווען מען נעמט זיי פאַר גלייכע שותפים. ער האָט אויך זיך גענומען די אויפגאַבע אָנצואווייזן אויף די טעותן און אויף דעם אופן דערגרייכן צום עצם פון זיין מעטאַפיזיק.

אין זיין ערשטן ווערק האָט ער גענומען די צוויי־אייניקייט פון צייט און רוים, ער האָט זיי אַנאַליזירט אויספירלעך און האָט אַרויסגע־בראַכט זיין מעטאַפיזישן געדאַנק, אַז צייט, ווי ער האָט זי אינטערפּרעטירט, איז די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט, דאָס קרעאַטיווע געטלעכע און רוים איז ניט מער ווי אַן אָפּפאַל פון צייט. אין זיין צווייטן ווערק האָט ער גענומען מאַטעריע און „ריינעם זכרון" און האָט אַרויסגעבראַכט, אַז מאַטעריע איז אַן אָפּפאַל פון דער רעאַליטעט און „ריינער זכרון" איז אַן אינטעגראַלער טייל פון צייט און דעריבער אַ טייל פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט. אין דעם דריטן גרויסן ווערק האָט ער גענומען דעם אינטעלעקט מיטן אינסטינקט ווי אַ צוויי־אייניקייט און האָט זיי גרונטלעך אַנאַליזירט לויטן עוואָלוציע פּראָצעס. דער רעזולטאַט פון זיין אַנאַליז איז דער אויבן געבראַכטער אַפאָ־ריזם, אַז דער אינטעלעקט קען ניט באַגרייפן די רעאַליטעט פשוט דערפאַר, וואָס ער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן פונם עוואָלוציע פּראָצעס פאַר אַן

אַנדער צוועק. זיין פונקציע איז אַ ריין פּראַגמאַטישע. ער איז ניט מער ווי אַן אינסטרומענט פאַר האַרטע זאַכן; ער קען אַנאַליזירן מאַטעריע, ער קען אָבער ניט אַריינדרינגען אין „לעבן” און עס פאַרשטיין. דאָס לעצטע קען נאָר טאָן דער אינסטינקט, וויל ער עס ניט טאָן. דאָס איז דער תמצית פונם גרויסן ווערק „קרעאַטיווע עוואָלוציע”. עס מיינט, אַז דער אינסטינקט איז אַ טייל פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט: — צייט, דויער, גאָט און אַז. וו.

בערגסאָן איז געווען אַ רעליגיעזער מיסטיקער אין זיין מעטאַפיזיק, ער איז אָבער געווען אַן עמפּיריקער, ער האָט זיך אויסשליסלעך באַנוצט מיט וויסנשאַפטלעכע פאַקטן אין זיינע ווערק כדי מיט זייער הילף אַרויס־צובריינגען זיין מעטאַפיזיק.

אין זיין ערשטן ווערק האָט ער זיך באַנוצט מיט פאַקטן פון דער פּסיכאָלאָגיע. אין זיין צווייטן ווערק האָט ער זיך באַנוצט מיט פאַקטן פון דער נעווראָלאָגיע און אין זיין דריטן ווערק האָט ער גענומען פאַקטן פון דער ביאָלאָגיע. ער האָט די וויסנשאַפטן גרינטלעך שטודירט. געוויס קען מען צווייפלען צי די פאַקטן האָבן באַשטעטיקט זיין מעטאַפיזישן אויסגאַנגספּונקט און צי האָט ער זיי גענוצט לויט די כללים פון דער וויסנשאַפט. דאָס באַשטרייטן פאַרשיידענע וויסנשאַפטלער.

דער צענטראַלער געדאַנק פון זיין ווערק „קריאייטיוו עוואָלושן” איז געווען צו באַווייזן ווי דער וויטאַלער אימפּולס שאַפט אַלץ מיט אַלעמען אין דעם לויף פון דעם עוואָלוציע פּראָצעס. לויט זיין אינטערפּרעטאַציע, האָט יעדע חיה אינם לויף פון עוואָלוציע אַנטוויקלט איר געצייג, אינ־סטרומענטן, מיט וועלכע זי האָט געקעמפט פאַר איר עקזיסטענץ. דער מענטש איז דער איינציקער וואָס האָט אין זיין קערפּער ניט אַנטוויקלט קיין אייגענע וואָפן מיט וועלכע ער זאָל קענען קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ; ער האָט זיך געדאַרפט באַנוצן מיט וואָפן (שטיינער, שטעקנס), וועלכע האָבן זיך געפינען אין דער סביבה. די נויט האָט אים געצוואונגען צו שאַרפן זיין פאַרשטאַנד (אינטעלעקט) און זיך אויסלערנען צו מאַכן געצייג. פון דעם קען מען, לויט בערגסאָנס מיינונג, זען, אַז דער אינטעלעקט האָט זיך אַנטוויקלט ער זאָל קענען נוצן האַרטע זאַכן (מאַטעריע).

אויף דעם אופן האָט דער אינטעלעקט באַם מענטשן פאַרנומען דעם פּלאַץ פונם אינסטינקט און האָט אים באַרויבט פון דער פיאיקייט צו קענען אַריינדרינגען אין דער רעאַליטעט, אין „לעבן”. פון דער צווייטער זייט זיינען די אינסעקטן געבליבן מיטן אורשפּרינגלעכן אינסטינקט און זיי שטראָמען אין דער אינערלעכקייט פונם לעבן גופא. דערפאַר קען די ווילדע בין פּאַראַליזירן ניין נערוון צענטערן אינם „קאַטערפּילער” (ווע־רעמל צושטאַנד) און אים ניט טויטן, כאָטש זי האָט ניט געלערנט קיין אַנאַטאָמיע: — זי שטאַמט אינם „לעבן שטראָם”, וועמענס גאַנג איז צו פּאַראַליזירן און ניט טויטן. ער זאָגט אויך, אַז דאָס זעען האָט אַרויסגע־בראַכט דאָס אויג און ניט דאָס אויג האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַן אינסטרו־מענט צו זעען. (אַ באַמערקונג איז אין פּלאַץ: אייניקע באַהויפּטונגען זיינען

גערויס ניט קיין ריכטיקע, ווי דער מאַרך און זכרון, די בין מיט איר „ווייסן" און אז. וו. און אַנדערע זיינען פון אים אינטערפרעטירט געוואָרן אויף אַ ניט דערלויבלעכן אופן. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע געצויגענע שלוסן זיינען פאַלש פון אָנהויב ביזן סוף, ווי ס׳איז באַוויזן געוואָרן פון וויסנ־שאַפטלער)..

נאָך דעם ווערק, וואָס האָט אים געמאַכט באַרימט, איז בערגסאָן אַנטשוויגן געוואָרן פאַר גאַנצע 25 יאָר. (ער האָט אין צווישן צייט אָנגעשריבן אַ ווערק וועגן רעלאַטיוויטעט און צייט. עס איז, ווי ס׳זעט אויס, אויף ענגליש ניט איבערגעזעצט געוואָרן. עס ווערט ניט דערמאָנט אין דער ענגלישער פילאָזאָפישער ליטעראַטור).

אין 1932 איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ ווערק, אויף וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אויף דעם געאַרבעט 25 יאָר. דער נאָמען איז „טו סאָרסערס אוו מאָראַליטי ענד רעלידזשן" (צוויי קוואַלן פון מאָראַל און רעליגיע). ווי אין זיינע פריערדיקע ווערק אָפּערירט ער מיט אַ דואַליזם וועגן אַ סטאַטישער (סאָציאַלער) מאָראַל און רעליגיע און וועגן אַ דינאַמישער (מיסטיש־אמתער). דער צענטראַלער געדאַנק איז, אַז נאָר די קריסטלעכע מיסטיקער האָבן דערגרייכט צום יסוד פון דער רעאַליטעט, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך פאַלשטענדיק אָפּגעזאָגט פונם אינטעלעקט און האָבן זיך איבערגעגעבן צום מיסטישן עקסטאַז. ניט די יידישע נביאים און אַפילו ניט זיין רבי, פּלאָטינוס, האָבן דערגרייכט די רעאַליטעט, אָדער, ווי ער זאָגט אויף אַ פּלאַץ, די געטלעכקייט.

דאָס ווערק איז געשריבן אין אַ לייכטער און אינטערעסאַנטער פאָרמע, ווי בערגסאָן האָט געקענט שרייבן. די פילאָזאָפישע וועלט האָט עס אָבער קאַלט אויפגענומען; מען האָט זיך אין דער צייט באַפרייט פון זיין צויבער און וייניק האָבן אים נאָכגעפאָלגט אין זיין מעטאַפיזיש־רעליגיעזן מיסטיציזם. ווי לויד מאָרגען האָט געזאָגט; ער לייענט מיט פאַרגעניגן בערגסאָנס ליטעראַרישע פּאָעמעס, דאָס טוט ער אָבער אין זיין פרייער צייט, ווען ער וויל זיך אָפּרוען פון זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

בערגסאָן איז געווען אויסגעהאַלטן פון אָנהויב ביזן סוף; ער האָט אָנגעהויבן ווי אַן אַנטי־אינטעלעקטואַליסט און מיסטיש־רעליגיעזער מעטאַפיזיקער און האָט געענדיקט ווי אַזעלכער. מען וואונדערט זיך אין יידישע קרייזן: ווי קומט עס וואָס ער איז אויף דער עלטער אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פונם קאַטאָליציזם? מענטשלעכע פּסיכישע איבערלעבונגען איז אָפט שווער צו פאַרשטיין; ווי עס זעט אָבער אויס איז בערגסאָן, אויסער זיין יידישן נאָמען, קיינמאָל ניט געווען קיין ייד. מען זאָגט, אַז זיין מוטער איז געווען אַן אירלענדערין, פאָלגלעך אַ קאַטאָלישע; קיין יידישע דערציאונג האָט ער ניט געקראָגן און זיין פרוי איז געווען אַ קאַטאָלישע. מעטאַפיזיק בכלל, און זיין מעטאַפיזיק בפרט, איז געווען גאַנץ נאָענט צו טעאָלאָגיע, איז פאַר אים, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט קאַטאָליקן און זיין

מיסטיק איז געווען נאָענט צו קאַטאָלישער מיסטיק, געווען לייכט זיך אַריינצוגליטשן אינם קאַטאָליציזם. האָט דאָך אים זיין פריינט און תלמיד, זשאַק מאַריטאַין, נאָך אין 1913 פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס ער מאַכט ניט דעם לעצטן שריט צו וועלכן זיין פילאָזאָפיע פירט אים.

ספענסער און בערגסאָן זיינען באַטראַכט געוואָרן, אַז זיי זאָלן דינען ווי אַן אַריינפיר אין אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע פון דער עמערגענטער עוואָלוציע פון אַ היסטאָרישן פערספעקטיוו און אויף דעם אופן אַנווייזן ווי די טעאָריע פון עוואָלוציע האָט געפירט, אַז דענקער זאָלן נעמען דעם ביאָלאָגישן אויסגאַנגס פונקט און זאָלן אינטערפרעטירן פילאָזאָפיע לויטן פּרינציפּ פון עוואָלוציע, אַז דער קאָסמאָס איז ניט אַראָפּגעפאַלן פונם הימל אַ פאַרטיקער, נאָר אַז אַלץ מיט אַלעמען אין דער וועלט האָט זיך אַנטוויקלט פון אַן איינפאַכער און מער פרימיטיווער פאָרמע.

ספענסער איז געווען דער ערשטער דענקער וואָס האָט גענומען דעם באַגריף פון עוואָלוציע פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט און כאָטש מען זעט ניט, אַז אַלעקסאַנדער זאָל פון אים געווען נעמען וועלכע עס איז פונדאַמענטאַלע באַגריפן, האַלט מען, אַז ער איז פון אים שטאַרק באַווירקט געוואָרן; מען באַטראַכט אים אַפילו פאַר ספענסערס אַ יורש, ווי עס וועט אויף דעם אָנגעוויזן ווערן אין אַן אַנדער פאַרבינדונג.

וואָס אנבאַלאַנגט בערגסאָנען איז פון אים אַלעקסאַנדער זייער אַסך באַווירקט געוואָרן; ער גיט עס אַליין צו. ער האָט פון בערגסאָנען גענומען זיין פונדאַמענטאַלן מעטאַפיזישן געדאַנק. אויסערלעך זיינען זייערע מעטאַפיזישע אינטערפרעטאַציעס זייער ענלעך איינע אויף דער צווייטער. עס וועט אָבער אָנגעוויזן ווערן אויף דעם קאַרדינאַלן אונטערשייד צווישן זיי. בערגסאָן האָט פאָסטולירט אַ מיסטישן וויטאַלן אימפּולס, אַן אַזוי אָנגערופענעם לעבנס שטראָם, וועלכן ער האָט אידענטיפיצירט מיט צייט און אויך מיט גאָט. אַלע זיינע ווערק האָט ער געשריבן מיטן צוועק צו באַווייזן, אַז זיין מיסטיש־רעליגיעזע מעטאַפיזיק ענטהאַלט אין זיך דעם אמת וועגן דער וועלט. ער האָט אַפילו געצוואונגען פאַקטן זיי זאָלן באַשטעטיקן זיין מעטאַפיזיק. און נאָך אַלע זיינע באַמיאונגען האָט ער ניט געשאַפן קיין פילאָזאָפישן סיסטעם אינם אָנגענומענעם זינען פון וואָרט. אַפילו זיין מאָנומענטאַלע ווערק, זיין „קרעאַיטיוו עוואָלושן”, איז ניט קיין סיסטעם; ער האָט עס געשאַפן מיטן אויסשליסלעכן צוועק צו באַווייזן, אַז דער אינטעלעקט קען גאָרניט וויסן וועגן דער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט פון דער וועלט, וועגן דעם „וויטאַלן אימפּולס”, וועגן דעם „לעבנס שטראָם”. נאָר דער „אינסטינקט”, וואָס זאָל זיך געפינען אין דער אינערלעכקייט פון דער רעאַליטעט, וואָלט געקענט אינפאָרמירן וועגן דער רעאַליטעט פון דער וועלט, ווען ער וואָלט געווען באַשטימט פאַר וויסן און ניט פאַר האַנדלען.

אַזויווי מען קען ניט שאַפן קיין פילאָזאָפיע פון דעם וויסן וואָס מען קען קריגן פונם אינסטינקט האָט זיין דענקען בערגסאָנען געפירט אין זיין לעצטן ווערק צו אָננעמען, אַז נאָר די קריסטלעכע מיסטיקער, וואָס

האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונם ראַציאָנאַלן דענקען, נאָר זיי האָבן אין זייערע מיסטישע געפילן און איבערלעבונגען דערגרייכט דעם אמת וועגן דער וועלט, די געטלעכקייט אַליין.

בערגסאָן האָט אָנגעהויבן ווי אַ רעליגיעזער מיסטיקער און האָט פאַרענדיקט זיין פילאָזאָפיע ווי אַ מיסטיקער. דאָס איז געווען זיין אויס־שליסלעכער צוועק און מען דאַרף אָננעמען, ער האָט געדענקט אַז ער האָט אים דערגרייכט.

אַלעקסאַנדער האָט ביי בערגסאָנען גענומען זיין אויסגאַנגס פונקט; ער האָט אים דערקלערט אויף אַ נאַטוראַליסטישן אופן און האָט געשאַפן אַ רעאַליסטישן פילאָזאָפישן סיסטעם. דער אונטערשייד צווישן בערגסאָנס קרעאַטיווער עוואָלוציע און אַלעקסאַנדערס עמערגענטער עוואָלוציע באַ־שטייט אין דעם וואָס בערגסאָן הייבט אָן פון אַ מיסטישן קרעאַטיוון אַגענט (גאָט, וויטאַלער אימפּולס, צייט און אַז. וו.), וועלכער זאָל אויף אַ מיסטע־ריעזן אופן אַרויסברייינגען דעם עוואָלוציע פּראָצעס און אַלעקסאַנדער נעמט דעם פּראָצעס גופא פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט און ער פאָלגט נאָך די פאַקטן וואוהין זיי פירן אים.

פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט איז ניט געמיינט געוואָרן צו זאָגן, אַז ביי אַלעקסאַנדערן איז ניטאָ קיין דאָגמאַטישער אַרבעטראַרער מאָמענט. געוויס איז ער פאַראַן; ער איז פאַראַן ביי יעדן מעטאַפיזיקער וואָס פּראָ־בירט זיך דערגרונטעווען צו דער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט. ווען אַלעק־סאַנדער הייבט אָן פון צייט־רוים, ווי די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דער וועלט, איז דער אָנהויב אַ ריין דאָגמאַטיש אַרבעטראַרער: ער האָט ניט קיין שום באַווייזן אַז זיין אָנהויב איז אַן אַבסאָלוט אמת׳ער: מעטאַ־פיזיק באַשטייט פון ריינער ספּעקולאַציע. דער וואָס וויל זיך ניט באַ־שעפטיקן מיט מעטאַפיזיק, מוז בלייבן שטיין ביי אַגנאָסטיציזם, ביי אַן איך וויס ניט; ער מוז אָבער צוגעבן, אַז אַן עפּעס מוז זיך געפינען ווייטער און טיפער פון דעם ביי וואָס ער גופא קלייבט אויס צו בלייבן שטיין: — אָט ווי ספּענסערס אומבאַוואוסטבאַרע. ער גיט צו, אַז עס איז פאַראַן עפּעס ווייטער און טיפער פון דעם וואָס ער ווייסט. ער בלייבט אָבער שטיק ביי דעם וואָס ער ווייסט. דער מעטאַפיזיקער בלייבט ניט שטיין ביי אַגנאָסטיציזם, ביי איך וויס ניט; ער ספּעקולירט ווייטער און ווייטער אויף אַן אַרבעטראַרישן אופן. מעטאַפיזיק, ווי קונסט, רעגט די פאַנטאַזיע און גיט פליגל דעם מענטשלעכן גייסט צו זוכן און פאָרשן ווייטער ווי דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד קען גרייכן. האַלטן טאַקע איניקע, אַז פילאָזאָפיע בכלל און מעטאַפיזיק בפרט, באַלאַנגט מער צו קונסט, צו פּאָעזיע, ווי צו ווּיסנשאַפט. ווי ס׳זאָל ניט זיין, איז עס אינטערעסאַנט.

דריטער קאפיטל

ספינאָזע און אַלעקסאַנדער.

דער גורל האָט באַשטימט, אַז אַלעקסאַנדער זאָל אין אַסך היג־זיכטן זיין ענלעך אויף ספינאָזען. ווי ספינאָזע איז ער געווען אַ ייד, ער איז געווען אַ וואָרעמערער ייד פון ספינאָזען. ווי ספינאָזע איז ער געווען אַ קראַנקער מענטש, ער האָט זיין גאַנצן לעבן געליטן פון אַן אויערן קראַנקהייט וואָס האָט אים געמאַכט פאַלשטענדיק טויב אויף דער עלטער. ווי ספינאָזע איז ער אויך געבליבן אַ בחור אויף זיין גאַנצן לעבן. ער איז ניט געווען אַזוי עלנד ווי ספינאָזע, פאַרקערט, ער איז געווען אַרומגע־רינגלט פון קרובים און פריינט. ער האָט אויך דערגרייכט אַ גרויע עלטער; ספינאָזע איז געשטאָרבן יונג.

זייער נאָענסטע שייכות איז געווען אין זייער פילאָזאָפישן דענקען. זיי זיינען ביידע געווען טיפע דענקער און האָבן איבערגעלאָזט פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס זיינען אין זייער צייט ניט גענוי אָפּגעשאַצט געוואָרן. ער איז מער אַנערקענט געוואָרן פון ספינאָזען, קיין רושם האָט ער אָבער ניט געמאַכט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך באַטראַכט פאַר ספינאָזעס אַ תלמיד. ער האָט אַזוי הויך געשעצט ספינאָזען, אַז ער האָט געוואונטשן אויף זיין קבר זאָל מען אָנשרייבן „צוזאַמען מיט ספינאָזען האָב איך געמאַכט טעות׳ן”.

ער האָט געהאַלטן, אַז זיין פילאָזאָפיע באַשטייט בלויז פון אַ פירוש אויף ספינאָזעס פילאָזאָפיע, אַז ער האָט נאָר אַריינגעפירט אַ קליינע ענ־דערונג אין זיין דענקען. אויפן ערשטן בליק זעט עס אויס ניט מער ווי אַ קליינע ענדערונג; ווען אָבער מען פאָלגט די ענדערונג נאָך לויט זיין קליין ביכל „ספינאָזע ענד טיים” (ספינאָזע און צייט), זעט מען, אַז הגם זיין פילאָזאָפיע איז ענלעך אויף ספינאָזעס פילאָזאָפיע, באַשטייט זי אין דער אמת׳ן פון אַ נייעם סיסטעם, וואָס איז באַזירט אויף אַנדערע יסודות און ווערט אויך אַנדערש אינטערפּרעטירט.

געוויס האָט ער עס געוואוסט, ער איז אָבער געווען ספינאָזעס אַ פאַרערער און איז געווען אַ באַשיידענער מענטש, האָט ער זיך באַטראַכט פאַר ספינאָזעס אַ תלמיד. ער האָט זיך אַפילו פאַרענטפערט פאַרן אָפּנויג פון ספינאָזען; ער האָט געזאָגט, אַז די גרויסקייט פון אַ דענקער באַשטייט

ניט אין דעם וואָס מען פאָלגט אים נאָך בלינד, נאָר אין דעם וואָס ער סטימולירט צו ווייטערדיקן דענקען און שאַפן. דאָס איז געוויס אַן אמת. דערצו איז ער ווירקלעך אַ היפּש ביסל באַווירקט געוואָרן פון ספּינאָזען און הגם זייערע פילאָזאָפיעס זיינען פאַרשיידן, איז פאַראַן אַ פונדאַמענ־טאַלע ענלעכקייט צווישן זיי.

אויסער ספּינאָזען איז ער באַווירקט געוואָרן פון אַריסטאָטעלן און פון בערגסאָנען. פון די צוויי דענקער האָט ער גענומען פונדאַמענטאַלע באַגריפן און האָט זיי אינקאָרפּאָרירט אין זיין סיסטעם. ער האָט אַסך גענומען ביי אַנדערע, דער סיסטעם, ווי אַ פילאָזאָפישער סיסטעם, איז זיינער אַן אייגענער. אים האָט ער אין ערגעץ ניט גענומען.

דער אַריינפיר אין זיין פילאָזאָפיע וועט געמאַכט ווערן לויט דעם פריער דערמאָנטן קליינעם ביכל, לויט וועלכן ס'איז לייכטער צו דער־קלערן זיין פילאָזאָפיע, כאָטש ער גופא האָט זי פריער אַרויסגעבראַכט אין זיין פונדאַמענטאַלן ווערק „ספּייס, טיים ענד דייעטי" (רוים, צייט און דאָס געטלעכע). אין דעם דאָזיקן ווערק האָט ער פאָלשטענדיק פאָרמו־לירט זיין מעטאַפיזישן בנין, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין איין בויען אין פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען און אין לעקציעס.

דאָס קליינע ביכל „ספּינאָזע ענד טיים" (ספּינאָזע און צייט) באַ־שטייט פון איין לעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לאָנדאָן אין 1921 פאַר דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט. אין דער לעקציע האָט ער אַרויסגעבראַכט זיין פילאָזאָפישע שייכות צו ספּינאָזען און די פונדאַ־מענטאַלע ענדערונג, וואָס ער האָט אין איר אַריינגעפירט. ער האָט אָבער אין דער זעלבער צייט באַטאָנט, אַז ער איז ניט זיכער צי ספּינאָזע וואָלט אין זיין צייט צוגעשטימט צו דער ענדערונג. איצט, האַלט ער, מוז אַזאַ ענדערונג געמאַכט ווערן.

איידער זיין פילאָזאָפיע וועט באַטראַכט ווערן וועלן געמאַכט ווערן עטלעכע ביאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן אים גופא. ער איז געבאָרן געוואָרן אין אויסטראַליע אין 1859 און האָט דאָרט געקראָגן זיין דערציאונג. ער איז געווען אַ זייער פלייסיקער סטודענט און האָט געהאַט אויסער גע־וויינטלעך גוטע פיאיקייטן און גאָר גרויס התמדה; ער האָט געוואונען דעם ערשטן פריז אין אַלע לימודים אין וועלכע מען האָט געגעבן פריזן אינם מעלבורן אוניווערזיטעט. לויטן רעקאָרד פונם אוניווערזיטעט האָט אַזעלכעס ניט פאַסירט ניט פריער און ניט שפּעטער. ווי ס'זעט אויס האָט ער באַזעסן די אייגנשאַפט צו קענען זיך קאָנצענטרירן אין זיין לערנען אויף אַזוי פיל, אַז אַלע אַנדערע לעבנס אינטערעסן זאָלן פון אים אויסגעשלאָסן ווערן. דאָס איז, מעגלעך, די סיבה פאַר וואָס ער האָט ניט חתונה געהאַט. עס זעט אויס, אַז ער האָט זיך ניט גענויטיקט אין קיין אַנדערע לעבנס באַדערפענישן. צו דעם שלוס קומט דער רעדאַקטאָר פון זיינע איבערגעבליבענע שריפטן אין די ביאָגראַפישע באַמערקונגען וואָס ער מאַכט וועגן אַלעקסאַנדערן. אַזוינע בוך־ווערים זיינען ניט קיין

זעלטנהייט. אין דער אַקאַדעמישער וועלט באַגעגנט מען זיך מיט זיי אָפּט. עס דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז ער איז ניט געווען קיין פּרוש אינם אַנגענומענעם זינען פון וואָרט. ער האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט; ער האָט אַפילו פאַר אַ צייט געהאַט וואָכנטלעכע ימים טובים ביי זיך אין הויז און ער איז געווען דער אָנפירער פון די פּאַרוויילונגען. ער איז געווען אַן אַקטיווער פירער אינם קאַמף פאַר פרויען רעכט אין ענגלאַנד.

זיינע גרויסע פיייקייטן און זיין שטאַרקער דראַנג צו שטודירן, האָבן געווירקט זיין מוטער זאָל צושטימען אים לאָזן פאָרן קיין ענגלאַנד צו שטודירן (זיין פאָטער איז געשטאָרבן איידער ער איז געבאָרן געוואָרן). די רייזע האָט אין יענער צייט געדויערט 3½ חדשים.

אין ענגלאַנד איז ער אַריין אינם אָקספאָרד אוניווערזיטעט. ער האָט געקראָגן אַ „פעלאָושיפ" (דער אוניווערזיטעט האָט אים אויסגעהאַלטן). ער איז געווען דער ערשטער ייד וואָס האָט געקראָגן אַ „פעלאָושיפ" אין אַן ענגלישן אוניווערזיטעט. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דעם אוניווערזיטעט פופצן יאָר ווי אַ לערער. פאַר קיין פּראָפעסאָר האָט מען אים ניט באַשטימט. די סיבה, פאַר וואָס מען האָט אים ניט באַשטימט פאַר קיין פּראָפעסאָר, איז ניט באַקאַנט. מעגלעך, אַז די סיבה איז געווען וואָס ער איז געווען אַ ייד. עס איז אויך מעגלעך, אַז ס'איז געווען דערפאַר, וואָס אָקספאָרד איז פילאָזאָפיש זייער קאָנסערוואַטיוו און ער האָט גלייך פון אָנהויב אָן אַרויסגעוויזן אָפּנייגונגען אין נייע ריכטונגען.

נאָך לאַנגע זוכענישן און אַ היפּש ביסל עגמת נפש, האָט ער געקראָגן אַ פּראָפעסאָר שטעלע אינם אין יענער צייט קליינעם מאַנטשעסטער אוניווערזיטעט. מיט דעם אוניווערזיטעט איז ער געווען פאַרבונדן פון 1893 ביז 1924, ווען ער האָט דערגרייכט די עלטער ווען לויטן געזעץ דאַרף מען אויפגעבן האַלטן לעקציעס אין אַן אוניווערזיטעט. ער איז אָבער פאַרבליבן פאַרבונדן מיטן אוניווערזיטעט ביזן טויט אין 1937. זיין גאַנצן פאַרמעגן ($50,000) האָט ער איבערגעלאָזט דעם אוניווערזיטעט, וואָס איז געווען זיין היים און וועלכן ער האָט געהאָלפן גרויס מאַכן.

ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג; זיינע ערשטע אַרבעטן זיינען געווען לויט דער נעאָ־העגעליאַנישער טראַדיציע וואָס האָט געהערשט אין אָקספאָרד. זיי האָבן ניט געהאַט קיין גרויסן ווערט אויסער איין ווערק וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1889 אונטערן נאָמען „סאָשיעל אָרדער ענד פּראָגרעס". פאַר יענער צייט איז עס געווען אַ זייער וויכטיק ווערק, עס האָט געוואונען דעם ערשטן פּריז פונם קעמברידזשער אוניווערזיטעט. עס האָט געהאַט עטלעכע אויפלאַגעס ביז אין 1912, ווען ער האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט און האָט מער קיין אויפלאַגעס ניט געוואָלט אַרויסגעבן. ער האָט באַשטימט ס'זאָל שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, ווייל אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט געענדערט זיין בליק וועגן די פּראָבלעמען וואָס ווערן אין דעם באַהאַנדלט. (עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די אַקאַדעמישע וועלט רעכנט זיך ניט

מיט זיין מיינונג; זיין ווערק ווערט איצט אויך איצט גענוצט פאַר רעפערענץ אין אוניווערזיטעטן).

אין מאַנטשעסטער האָט ער פאַר אַ לאַנגער צייט כמעט גאָרניט געשריבן אויסער רעצענזיעס וועגן פילאָזאָפישע ווערק. מעגלעך, ער האָט ניט געשריבן דערפאַר, וואָס ער איז געווען צופיל באַשעפטיקט מיט העלפן צו רעאָרגאַניזירן דעם אוניווערזיטעט פון אַ פּריוואַטן קאָלעדזש פאַר מענער אויף אַ רעגולאַר אוניווערזיטעט פאַר ביידע געשלעכטן. זיין קאַמף פאַר פרויען רעכט אין און אויסער דעם אוניווערזיטעט, ווערט באַטאָנט אינם מעמאָראַנדום פון זיין ליטעראַרישן רעדאַקטאָר. (ער גיט איבער ווי אַלעקסאַנדער פלעגט פירן די דעמאָנסטראַציעס פון פרויען. ער פלעגט גיין דער ערשטער אין דער ריי אַ הויכער מיט אַ לאַנגער באָרד און פלעגט טראָגן די נאַציאָנאַלע פלאַג. עמילי פּאַנקהורסט, די הויפּט פירערין פון די סופראַזשעטן אין ענגלאַנד, איז געווען זיינע אַ תּלמידה). ער איז געווען דער „דין" פון די דריי פאַקולטעטן (פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און פון „פאַין אַרטס"). דאָס האָט געוויס ביי אים צוגענומען אַסך צייט, דערצו האָט ער אין יענער צייט געהאַלטן אין ענדערן זיין בליק אויף דער וועלט, האָט ער ווייניק געשריבן.

אין דעם סוף פון ניינצענטן יאָרהונדערט און דעם אָנהויב פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער וויסנ־שאַפט וואָס האָבן געפירט צו אַן ענדערונג אין דעם בליק אויף דער וועלט. די הויפּט ענדערונגען זיינען באַשטאַנען אין דער אַנטוויקלונג פון דער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט מיטן באַגריף וועגן עוואָלוציע בראש, וואָס האָט געפירט צו אַ רעוואָלוציע אינם דענקען. די צווייטע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט: — די שפּאַלטונג פונם אַטאָם, די קוואַנטום טעאָריע און איינשטיינס רעלאַטיווע טעאָריע. דענקער האָבן אָנגעהויבן זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון הנפש. די אַלע ענדערונגען האָבן געפירט מען זאָל איבערשאַצן די ווערטן; זיי האָבן געפירט צו אַ שטילער רעוואָלוציע אין דער פילאָזאָפיע.

מימים קדמונים האָט אידעאַליזם (אַז דאָס גייסטיקע איז מער פונ־דאַמענטאַל פונם פיזישן) געהערשט אין דער פילאָזאָפיע דערפאַר, וואָס דער אַלטער מאַטעריאַליזם (מאַטעריאַלע קייקעלעך: אַטאָמען) האָט ניט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר דער אָרגאַנישער וועלט בכלל און פאַרן מענטשן, מיט זיין באַוואוסטזיניקן דענקען, בפרט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ פאַל־שטענדיקע ענדערונג אין דעם באַגריף וועגן מאַטעריע מען זאָל קענען אָנהויבן צו דענקען אין רעאַליסטישע טערמינען (אַז די אויסערלעכע וועלט איז מער פונדאַמענטאַל פון דעם דענקען; פון דעם וואָס ווערט אָנ־גערופן דאָס גייסטיקע).

דער באַגריף וועגן עוואָלוציע האָט געגעבן אַ נייעם צוגאַנג ווי צו באַטראַכטן די רעאַליטעט, אַז זי איז ניט אַראָפּגעפאַלן פונם הימל פאַרטיק

ווי זי איז איצט, נאָר זי האָט זיך אַנטוויקלט פון אַ רויער, מער פּרימיטיווער, פאָרמע.

דאָ איז ניט דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן צו דערקלערן די באַדייטונג פון דער ענדערונג און אַנווייזן צו וואָס זי האָט געפירט; עס איז אויך ניט דאָס אָרט וואו אַ דערקלערונג קען געגעבן ווערן וועגן דעם אונטערשייד צווישן אידעאַליזם און רעאַליזם ווי פילאָזאָפישע סיסטעמען. אומדירעקט וועט דער אונטערשייד אַרויסגעבראַכט ווערן אין לויף פון דער אָפּהאַנדלונג; זיי זיינען דערמאָנט געוואָרן פאַרבייגייענדיק, אום אָנצוּווייזן, אַז די צייט איז רייף געוואָרן פאַר אַריינפירן אַן ענדערונג אינם דענקען וועגן דער וועלט.

אַלעקסאַנדער איז ניט געווען דער ערשטער וואָס האָט געצויגן פילאָזאָפישע שלוסן פון די ענדערונגען אין דער וויסנשאַפט; דער ערשטער איז אין ענגלאַנד געווען דער דענקער ג. ע. מאָאָר. (אין אַמעריקע איז דער ערשטער געווען דער פילאָזאָף, וו. דזשיימס. דאָ וועט די ענגלישע ליניע נאָכגעפאָלגט ווערן, זי פירט דירעקט צו אַלעקסאַנדערן). אַזויווי אָבער ער איז געווען מער אַ פילאָזאָפישער קריטיקער, ווי אַ ספּעקולאַטיווער דענקער, האָט ער נאָר אַרויסגעבראַכט די פאַטאַלע טעותן אינם אידעאַליסטישן אויסגאַנגס פּונקט. דאָס, צוזאַמען מיט די ענדערונגען אין דער וויסנשאַפט, האָבן געעפנט די טיר פאַר אַ רעאַליסטישן צוגאַנג צו דעם דענקען וועגן דער וועלט.

בערטראַנד ראָסעל איז געקומען צו ענלעכע שלוסן אַדאַנק זיינע פאָרשונגען אין דער אַזוי אָנגערופענער מאַטעמאַטישער לאָגיק. נאָך די צוויי זיינען געקומען אַסך אַנדערע דענקער, וועלכע האָבן קריטיקירט דעם פילאָזאָפישן אידעאַליזם און האָבן פאַרטיידיקט אַ רעאַליסטישן אויסגאַנגס פּונקט. קיין איינער פון זיי האָט אָבער ניט פאַרמירט קיין רעאַליסטישן פילאָזאָפישן סיסטעם. דאָס לעצטע האָט געטאָן אַלעקסאַנדער, וועמען מען האָט באַטראַכט פאַר אַ נאָכלויפער. דאָס איז געווען איינע פון די סיבות פאַרוואָס מען האָט אים ניט באַמערקט פאַר אַ לאַנגער צייט.

כאָטש לויט זיין נאַטור איז ער געווען אַ געמעסיקטער מענטש, ער איז ניט געווען פאַראינטערעסירט אין קיין סענסאַציעס, האָט ער, ווי ס'זעט אויס, באַזעסן די אייגנשאַפט פון אַ מיסיאָנער (מען קען עס זען פון זיין אַקטיוון קאַמף פאַר פרויען רעכט). ווען ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ רעאַליסטישער פילאָזאָפיע (אַז דאָס פיזישע אין דער נאַטור איז מער פונדאַמענטאַל פונם גייסטיקן), האָט ער זיך גענומען פּראָפּאַגאַנדירן זיין נייעם בליק אויף, אַן אַקטיוון אופן; ער איז אַרומגעפאָרן און האָט געהאַלטן לעקציעס אין פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן, ווי אויך אין דער אַריסטאָטעלער געזעלשאַפט פון וועלכער ער איז געווען פּרעזידענט פאַר אַ לאַנגער צייט. פיר זיצונגען אין אַ ריי זיינען אין דער געזעלשאַפט אָפּגעגעבן געוואָרן צו דיסקוטירן זיין נייעם פילאָזאָפישן בליק. אַזעלכעס האָט אין דער אַריסטאָטעלער געזעלשאַפט ניט פּאַסירט ניט פריער

און ניט שפּעטער. דער רעזולטאַט פון זיין אונערמידלעכער אַקטיוויטעט איז געווען וואָס ער איז אויף אַזויפיל אַנערקענט געוואָרן, אַז מען האָט אים איינגעלאַדן צו האַלטן די גיפאָרד לעקציעס, וואָס איז דער גרעסטער כבוד אַ וויסנשאַפטלער, אָדער דענקער, קען קריגן אין ענגלאַנד.

דאָס איז געווען אַן עפּאָכע־מאַכנדע באַשטימונג; זיין מאַגנום אָפּוס: „ספּייס, טיים ענד דייעטי", איז דער רעזולטאַט פון זיינע גיפאָרד לעקציעס. אין דער אַקאַדעמישער וועלט ווערט דאָס דאָזיקע ווערק באַטראַכט פאַרן וויכטיקסטן אויפטו אין דער פילאָזאָפיע אין דער לעצטער צייט. מען פאַרגלייכט עס אין באַדייטונג מיט ספּינאָזעס „עטיק", מיט קאַנטס „קרי־טיק פון ריינעם פאַרנונפט" און מיט ברעדליס „אַפּירענס ענד רעאַליטי". אַסך האַלטן, אַז ס'וועט האָבן אַזאַ רעוואָלוציאָנערע ווירקונג אויפן פילאָ־זאָפישן דענקען, ווי די דערמאָנטע ווערק האָבן געהאַט. ביז איצט האָט עס אַזאַ רעוואָלוציאָנערע ווירקונג אין דער אַלגעמיינער פילאָזאָפישער וועלט ניט געהאַט. געוויס איז ער אַלגעמיין באַקאַנט אין דער אַקאַדע־מישער וועלט און ער ווערט באַטראַכט אין ערנסטע ווערק. קיין אַלגעמיין רעוואָלוציאָנערע ווירקונג, אַז ער זאָל זיך אַריינרייסן אין דער אַלגעמיי־נער ליטעראַטור, האָט ער ניט געהאַט. אויסער אין דער אַקאַדעמישער וועלט, איז ער לגמרי ניט באַקאַנט.

עס קען אָנגעוויזן ווערן אויף עטלעכע סיבות פאַר וואָס ער איז ניט אַזוי באַקאַנט, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיין באַקאַנט. די ערשטע סיבה איז וואָס ער איז זיין גאַנצן לעבן געווען פאַרבונדן מיט אַ קליינעם פּראָ־ווינציעלן אוניווערזיטעט. וואָלט ער געווען פאַרבונדן מיט אָקספאָרד, אָדער קעמברידזש, וואוהין אַסך אַמעריקאַנער פאָרן צו שטודירן, וואָלט ער געוויס געווען אַסך מער באַקאַנט. צווייטנס איז ער געווען אַ קראַנקער, איז ער פון לאַנד ניט אַרויסגעפאָרן. ער איז קיינמאָל אין אַמעריקע ניט געווען, האָט מען וועגן אים ניט געשריבן. אויף דער עלטער איז ער פאַל־שטענדיק געוואָרן טויב, ער האָט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. דריטנס האָט ער וויניק געשריבן, האָט מען וועגן אים ווייניק געשריבן און פערטנס האָט ער ניט באַזעסן בערגסאָנס גייניאַלן שריפטשטעלערישן טאַלאַנט, וויטהעדס מעטאַפיזישע טיפזיניקייט, אָדער בערטראַנד ראַסעלס פּאַראַדאָקסאַלע טראַציקייט; — ער איז ניט געווען סענסאַציאָנעל, האָט מען פון אים ניט גערעדט אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען (איגנטלעך איז ברעדלי אויך ניט אַלגעמיין באַקאַנט טראָץ דעם וואָס אין זיין צייט האָבן אַסך געהאַלטן, אַז זיין „אַפּירענס ענד רעאַליטי" איז אַזוי וויכטיק, ווי קאַנטס „קריטיק פון ריינעם פאַרנונפט").

נאָך די אַלגעמיינע באַמערקונגען וועט זיין פילאָזאָפיע באַטראַכט ווערן און, ווי פריער געזאָגט, וועט דער אָנהויב געמאַכט ווערן מיטן קליינעם ביכל „ספּינאָזע ענד טיים". אַלעקסאַנדער הייבט אָן די לעקציע מיט אַ דערקלערונג פאַרוואָס ספּינאָזע האָט פאַרזען די באַדייטונג פון צייט, וואָס איצט איז עס דער פונדאַמענטאַלער מעטאַפיזישער פּראָבלעם. ספּי־

באַזע האָט אָנגעהויבן מיט גאָט (סובסטאַנץ, נאַטור), וואָס לויטן אַלגעמיינעם באַגריף, אָדער דעפיניציע, שליסט ער אין זיך אַלץ איין. צו גאָט קען מען ניט צושרייבן דעם אַטריבוט צייט. צייט שליסט אין זיך איין פּראָצעס, ענדערונג, וואַקסונג, שאַפונג און אַז. וו. עפּעס קומט, וואָס איז פריער ניט געווען און עס פאַרשווינדט אויך אין לויף פון צייט. די אַלע פּאַסירונגען און אייגנשאַפטן, קענען ניט באַנוצט ווערן צום באַגריף וועגן גאָט. זיי ווידערשפּרעכן זיין עצם. ער איז אַבסאָלוט און פאָלקאָמען. פאַר אים איז אַלץ אַ פּערמאַנענטער יש. ער איז צייטלאָז, אָדער אויסער צייט, וואָס דאָס זאָל ניט מיינען. דער ספּינאָזע גאָט, סובסטאַנץ, אָדער נאַטור, ווערט גענומען פונם שטאַנדפּונקט פון אייביקייט (סוב ספּעשיע עטערנאַטאַטוס). דאָס איז אויך דער אויסגאַנגס פּונקט פון די אָביעקטיווע אידעאַליסטישע פילאָזאָפן פאַר וועמען די רעאַליטעט באַשטייט פונם „אַבסאָלוט", וואָס איז אין זיך כולל אַלץ מיט אַלעמען פון אייביק ביז אייביק. דאָס, וואָס איז ווייניקער פונם „אַבסאָלוט", איז ניט קיין רעאַליטעט; עס איז ניט מער ווי אַ דערשיינונג („אַפּירענס").

לויט ספּינאָזעס אויסגאַנגס פּונקט איז ניט נאָר גאָט (סובסטאַנץ, נאַטור) צייטלאָז, אויך זיינע צוויי „אַטריבוטן", אויסגעשפּרייטקייט (רוים) און דענקען (דאָס גייסטיקע), זיינען צייטלאָז. צייט, ווי אַ דערשיינונג אין דער רעאַליטעט, ברייגנט ער ערשט אַריין ווען ער באַטראַכט די צוויי „אומענדלעכע מאָדוסן", באַוועגונג און רו (צופיל קלאָר איז דאָס ניט: — אומענדלעך מיינט אייביק, צייטלאָז). מען דאַרף אָבער אין זינען האָבן, אַז ספּינאָזעס אויסגאַנג פּונקט איז געווען אַ סטאַטישער און ניט קיין דינאַמישער: לויט דער שאַפנדער נאַטור (גאָט אָדער „נאַטורא נאַטוראַטוס"). ערשט אין דער געשאַפענער נאַטור (נאַטורא נאַטוראַטאַ) קומט דאָס צייט־ווייליקע, די אַזוי פון אים אָנגערופענע מאָדוסן און צייט ווערט אַ פאַקטער. צייט איז פאַר אים געווען אַ „מאָדוס" אינם רוים.

נאָך דער קורצער דערקלערונג ווי ספּינאָזע האָט אַריינגעבראַכט צייט, וואָס, זאָל צוגעגעבן ווערן, איז ניט צופיל קלאָר און קען אויך קלאָר ניט געמאַכט ווערן (ספּינאָזע איז בכלל ניט קלאָר), וועט אַלעקסאַנדערס אַמענדאַציע אויף ספּינאָזען באַטראַכט ווערן. ער הייבט אָן דאָס קליינע ביכל „ספּינאָזע ענד טיים" ווי פאָלגט: „ווען מען וואָלט מיך געפרעגט אין וואָס באַשטייט דער כאַראַקטעריסטישער שטריך אינם פילאָזאָפישן דענקען פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, וואָלט איך געענטפערט: אין דעם וואָס מען האָט אַנטדעקט צייט. איך מיין ניט, אַז מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז דער לעצטער צייט אום זיך צו באַקענען מיטן ענין צייט; איך מיין אָבער, אַז מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן צו נעמען דעם ענין צייט ערנסט. מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז צייט איז אַן אומ־באַדינגטער אינגרידיענט אין דעם צוזאַמענשטעל פון זאַכן". דאָס, גיט ער צו, איז געווען בערגסאָנס ביישטראָג צו פילאָזאָפיע. בערגסאָן, זאָגט ער, איז געווען דער יעניקער וואָס האָט גענוי אַרויסגעבראַכט די באַדייטונג

פון צייט אינם צוזאַמענשטעל פון דער רעאַליטעט.

ער נעמט אָן בערגסאָנס אינטערפּרעטאַציע פון צייט אין אַ גע־ענדערטער נאַטוראַליסטישער פאָרמע און מאַכט זיין פּירוש (אַמענדאַציע, ענדערונג), וואָס ער גיט צו, ספּינאָזע וואָלט אין זיין צייט ניט געקענט אָננעמען. איצט, האַלט ער, מוז אַ רעאַליסט די ענדערונג אָננעמען. ער איז געדעכט, טראָץ דעם וואָס זיין פריינט, לויד מאָרגאַן, קוויינקלט זיך; ער וויל מאַכן אַ פּשרה, וואָס לאָזט זיך ניט מאַכן (ער וויל אָנהאַלטן ביידע: צייט און דענקען). זיין ענדערונג (פּירוש) באַשטייט אין דעם וואָס אויפן פּלאַץ פון ספּינאָזעס צוויי אַטריבוטן פון דער סובסטאַנץ, אויסגעשפּרייט־קייט (רוים) און דענקען (גייסטיקעס), נעמט ער רוים און צייט צוזאַמען, ווי אַן איינהייט, פאַר דער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט.

אייגנטלעך איז עס ניט איין ענדערונג (פּירוש, אָדער אַמענדאַציע), נאָר עטלעכע ענדערונגען: 1) ער זאָגט זיך אָפּ פון ספּינאָזעס סובסטאַנץ (גאָט, נאַטור), וואָס געפינט זיך אונטער די אַטריבוטן; ער מאַכט פון איר אַ קאַטעגאָריע. 2) ער פאַרבייט דענקען אויף צייט וואָס צוזאַמען מיט רוים איז די רעאַליטעט. 3) ער פירט ערשט אַריין דענקען, אַ פּסיכישע אייגנשאַפט אינם מענטשן, ווי אַ נייע דערשיינונג (עמערגענט) און 4) ער נעמט אָן אַ דינאַמישן אויסגאַנגס פּונקט מיטן עוואָלוציע פּראָצעס אויפן פּלאַץ פון ספּינאָזעס סטאַטישער אייביקייט. די אומרואיקע צייט איז דער דינאַמישער פאַקטער אין דער וועלט.

ער האַלט, אַז רוים און צייט באַזונדער זיינען ניט מער ווי אַב־סטראַקטע באַגריפן און ניט קיין רעאַליטעט; די רעאַליטעט איז איינע, זי באַשטייט פון רוים־צייט צוזאַמען. פון דער דאָזיקער איינהייט, נעמט ער אָן, האָט זיך אַלץ אין דער נאַטור אַנטוויקלט אין דער פאָרמע פון עמערגענטע דערשיינונגען.

אַלעקסאַנדער איז ניט געווען דער ערשטער וואָס האָט פאַראייניקט רוים מיט צייט. דער ערשטער איז געווען אַן אונגאַרישער דענקער אינם אָנהויב פונם יאָרהונדערט. ער איז ניט איבעריק באַקאַנט אַפילו אין דער אַקאַדעמישער וועלט. ער ווערט זעלטן דערמאָנט, האָט ער ניט געהאַט קיין ווירקונג אויפן דענקען. דער צווייטער, וואָס האָט געמאַכט אַ פאַר־בינדונג, איז געווען דער פיזיקער, מינקאָווסקי, אין 1908. זי איז איבער־גענומען געוואָרן פון איינשטיינען און איז געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער רעלאַטיוויטעט טעאָריע.

עס איז פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן מינקאָווסקיס באַגריף פון דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט און אַלעקסאַנדערס רוים־צייט מעטאַפיזיק. לויט מינקאָווסקין געפינט זיך מאַטעריע אין דעם פיר דימענ־ציעלן רוים־צייט און רוים־צייט ענדערן זיך. לויט אַלעקסאַנדערס מעטאַ־פיזיק איז רוים־צייט די פונדאַמענטאַלע איינהייט און מאַטעריע איז איינע פון די קאַטעגאָריעס. זיין פילאָזאָפיע באַשטייט פון אַ דערקלערונג וויאַזוי

דער עמערגענטער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אַרויסשטאַמענדיק פון רוים־צייט.

אום צו מאַכן לייכטער צוצוקומען צו אַלעקסאַנדערס רוים־צייט מעטאַפיזיק, וואָס איז למעלה מן השכל, וועלן געמאַכט ווערן עטלעכע באַמערקונגען וועגן רוים און צייט ווי זיי ווערן דערקלערט באַזונדער.

יעדער איינער איז זיכער, ער ווייסט גענוי וואָס רוים, אָדער צייט איז. די זיכערקייט האָט ער אָבער ביז מען פרעגט אים ער זאָל דערקלערן וואָס ער מיינט זיי זיינען, ביז מען בעט אים צו דערקלערן זייער עצם אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן. אַזוי גיך ווי ער נעמט זיך צו דערקלערן זייער עצם, געפינט ער אויס צו זיין אייגענער דערשטוינונג, אַז ניט נאָר קען ער זיי ניט דערקלערן, ער קען זיי אַפילו ניט אָנהויבן צו באַגרייפן. וועלכע דערקלערונג ער זאָל וועגן זיי ניט געבן, פאַלט ער אַריין אין אַ ווידערשפּרוך און ענדלעך מוז ער צוגעבן, אַז ער קען זיי ניט דערקלערן, אָדער אַפילו פאַרשטיין.

רוים און צייט, ווי אַ מעטאַפיזישער פּראָבלעם, איז אַזוי אַלט ווי דער ספּעקולאַטיווער דענקען איז אַלט. יעדער איין דענקער, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט מעטאַפיזיק, מוז אים באַטראַכטן. ווען מען וואָלט צוזאַמען געמומען אַלע ווערק, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן רוים און צייט פּראָבלעם, וואָלטן זיי געווים אָנגעפילט מער ווי איין ביבליאָטעק און ערשט האָבן זיי דעם פּראָבלעם ניט געלייזט. דאָ וועט נאָר אָנגעוויזן ווערן אויף די צוויי פונדאַמענטאַלע באַגריפן, וואָס איינעם האָט ניוטאָן פאַרטיידיקט און דעם צווייטן האָט לייבניץ פאַרטיידיקט און צו וואָס זיי האָבן געפירט אין דער לעצטער צייט.

ניוטאָן האָט געזאָגט אַז רוים באַשטייט פון אַ דריי דימענציעלן ק אָ נ ט י נ ו אַ ו ם, וואָס קען עקזיסטירן זעלבסטשטענדיק פאַר זיך. וואָס ס'מיינט, אַז ווען מען וואָלט אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין רוים, פון אים אַרויסגענומען, וואָלט דער ליידיקער רוים אָנגעהאַלטן זיין זעלבסטשטענ־דיקע עקזיסטענץ. דאָס איז דער אַזוי אָנגערופענער כלי באַגריף וועגן דעם עצם פון רוים. לויט דער אינטערפּרעטאַציע קומט אויס, אַז רוים באַשטייט פון אַ גיגאַנטישער פּירקאַנטיקער כלי אין וועלכער אַלץ אין דער וועלט געפינט זיך.

דאָס איז דער עמפּירישער באַגריף וועגן רוים, וואָס שטאַמט פון מענטשלעכער דערפאַרונג און שטימט מיטן שכל הישר. אויף קיין אַנדער אופן קען מען זיך אַפילו ניט פאָרשטעלן קיין רוים. אָבער אַזוי גיך ווי מען דענקט נאָך אַז אַזוינוי אַ כלי מוז זיך ערגעץ ענדיקן איז די פראַגע, וואָס געפינט זיך אויסער די גרענעצן פון דער כלי, אָדער פון „דרויסן" פון דער כלי? בלייבט מען שטיין געפּלעפט, ווייל קיין אַנדער ענטפער אויסער אַז פון דרויסן פון דער כלי רוים, געפינט זיך ווייטער רוים, קען מען ניט געבן. ס'מיינט אַן אַ סוף און אָן אַן ענד. אַזוי ווי אָבער וועגן אַן אומענדלעכן רוים קען מען ניט דענקען און קיין אומענדלעכע

כלי קען מען זיך ניט פאָרשטעלן, בלייבט מען שטיין ביי אַ ניט געלייזטן פּראָבלעם. דער כלי באַגריף וועגן רוים ברעכט צוזאַמען. (די אַנדערע אויסזעצונגען קעגן ניוטאָנס רוים באַגריף, ווי די סיבה פאַר גראַוויטאַציע און ליכט באַוועגונג, זיינען צו טעכניש).

וועגן צייט זאָגט ניוטאָן, אַז צייט באַשטייט פון אַן אומענדלעכן שטראָם אין איין דירעקציע פון פריער אויף שפּעטער. דער שטראָם קען ניט אָפּגעשטעלט ווערן און זיין דירעקציע קען ניט געענדערט ווערן: — מען קען ניט מאַכן, אַז צייט זאָל פליסן אויף צוריק. דער דאָזיקער שטראָם (צייט) זאָגט ער, איז אומאָפּהענגיק פון אַלץ אין דער וועלט. צייט וואָלט אָנגעהאַלטן פליסן ווען אַפילו קיין שום פּאַסירונג וואָלט ניט פאָרגעקומען.

דער דאָזיקער באַגריף וועגן צייט איז אַ פּראָדוקט פון דער מענטש־לעכער דערפאַרונג; ער שטימט מיטן שכל הישר: — דער לויף פון צייט ווערט רעגיסטרירט דורך דעם זייגער. אַזוי גיך אָבער ווי מען פרעגט די איינפאַכע פראַגע: — וואָס איגנטלעך פליסט ווען עס קומט ניט פאָר קיין שום פּאַסירונג? בלייבט מען שטיין געפּלעפט, מען ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן: — מען קען זיך ניט פאָרשטעלן אַ פליסן פון גאָרניט. עס מיינט, מען מוז זיך פאָרשטעלן, אַז עפּעס פּאַסירט אום מען זאָל קענען רעגיסטרירן צייט.

די צווייטע פראַגע, וואָס קומט אויפן זינען ווען מען דענקט וועגן צייט, איז: ווען האָט זיך דער פּראָצעס פון פליסן פון צייט אָנגעהויבן? אויף דער פראַגע קען מען ניט געבן קיין ענטפער פּשוט דערפאַר, וואָס פאַר דעם אָנהויב האָט אויך עפּעס געמוזט פאָרקומען, און דאָס מיינט ווייטער אַן אָנהאַלטנדער לויף פון צייט. עס מיינט גאַנץ איינפאַך, אַז מען קען זיך ניט פאָרשטעלן קיין אָנהויב פון צייט בכלל.

אויב עס איז ניט געווען קיין אָנהויב, איז די פראַגע: ווי האָט אַן אומענדלעכקייט געקענט קומען צו אַ איצטיקן מאָמענט וואָס קען אָפּגע־האַקט ווערן און באַטראַכט ווערן פאַר אַ סוף? אַן אומענדלעכקייט קען ניט האָבן קיין אָנהויב און ניט קיין סוף. אַן אומענדלעכקייט, אָדער אַן איי־ביקייט, קען ניט קומען צו אַן איצט, וואָס קען גענומען ווערן פאַר אַ סוף. די פליסנדע צייט, ווי ניוטאָן האָט זי זיך פאָרגעשטעלט ריין דאָגמאַטיש, ברעכט, ווי מען זעט, צוזאַמען.

דאָס זיינען די אַזוי אָנגערופענע אַנטינאָמיעס (ווידערשפּרוכן) פון רוים און צייט, וואָס קאַנט האָט אויספירלעך אַנאַליזירט און אום זיי צו לייזן איז ער געקומען צום שלוס, אַז ס'זיינען ניטאָ קיין אָביעקטיווע רוים און צייט אויסער דעם מענטשן; זיי באַשטייען פון פאָרמען אין דעם מענטשן גופא לויט וועלכע ער נעמט אויף די רעאַליטעט (די אַזוי פון אים אָנגערופענע „זאַך ווי זי איז פאַר זיך"). אַזוי ווי פון זיינע אייגענע רוים און צייט פאָרמען קען זיך דער מענטש ניט אויסטאָן; ער זעט דורך זיינע אויגן, ער הערט דורך זיינע אויערן און אַז. וו., קען ער ניט וויסן

ווי די אַקטועלע רעאַליטעט קוקט אויס איידער זי ווערט אָנגעטאָן אין דעם מענטשנס פאַרמען.

קאַנטס לייזונג פונם רוים און צייט פּראָבלעם ווערט אָנגערופן אַ גוואַלד שפּרונג (טור-לאַ-פאָרס). דערמיט וואָס ער האָט איבערגעטראָגן דעם רוים-צייט פּראָבלעם פון דער אָביעקטיווער וועלט צום מענטשן ווי זיין אַ פאַרמע, לויט וועלכער ער מאָדעלירט די רעאַליטעט, האָט ער דעם פּראָצעס ניט געלייזט, ער האָט אים נאָר, ווי בערטראַנד ראַסעל זאָגט, אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז ביז איצט איז דער פילאָזאָפישער וועלט ניט געלונגען זיך פון אים צו באַפרייען. מען שטייט איצט ביי אַ נייעם אָנהויב.

לעצטנס איז געקומען איינשטיין מיט זיין רעלאַטיווער טעאָריע, אין וועלכער ער האָט אינקאָרפּערירט מינקאָווסקיס פיר דיאַמענציעלן רוים-צייט, און האָט אַרויסגעבראַכט, אַז רוים-צייט זיינען ניט זעלבסטשטענדיק און פיקסירט, נאָר זיי זיינען אָפּהייננגיק פון דער שנעלקייט פון דער רעלאַ-טיווער באַוועגונג פון דעם קערפּער, פון דער אַזוי גערופענער „רעפערענץ-ראַם” (דער באַוועגנדער קערפּער פון וועלכן זיי ווערן באָאָבאַכטעט). דאָס, אויב ס'איז ריכטיק, באַרויבט זיי איגנאַנצן פון דעם יחוס, מיט וועלכן מען האָט זיי באַקרוינט.

לייבניץ, און אַסך פאַר אים, האָבן אָנגענומען דעם רעלאַציע באַגריף פון רוים און צייט, אַז זיי, רוים און צייט, זיינען ניט קיין עקזיסטענצן פאַר זיך, נאָר זיי באַשטייען פון רעלאַציעס; רוים איז אַ רעלאַציע, אַ פאַרהעלטניש צווישן קערפּערס, און צייט איז אַ רעלאַציע צווישן פּאַסי-רונגען. לויט דער אינטערפּרעטאַציע קומט אויס, אַז ווען מען וואָלט אויסגעליידיקט די וועלט פון אַלץ, וואָס ס'געפינט זיך אין איר, וואָלט רוים אויך פאַרשווינדן און ווען קיין שום פּאַסירונג וואָלט ניט פאָרגעקומען אין דער וועלט, ווען קיין שום פּאַסירונג וואָלט ניט רעגיסטרירט געוואָרן אין דער וועלט, וואָלט צייט אויך פאַרשווינדן. לויד מאָרגען איז אויך איצט טיילוויז געניגט אָנצונעמען די רעלאַציע אינטערפּרעטאַציע פון רוים און צייט טראָץ דעם וואָס זיין אַלגעמיינער פילאָזאָפישער בליק איז אַזוי נאָענט צו אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע, אַז זיי ווערן געוויינטלעך באַ-טראַכט צוזאַמען, אַז זיי פאַרטיידיקן דעם זעלבן פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט.

אינם אָנהויב פון דער אָפּהאַנדלונג איז אַלעקסאַנדער ציטירט גע-וואָרן, אַז ער באַטראַכט בערגסאָנס אינטערפּרעטאַציע וועגן דער באַדייטונג פון צייט פאַרן וויכטיקסטן אויפטו אין דער פילאָזאָפיע אין דער לעצטער צייט. פאַר בערגסאָנען איז צייט דער לעבנס אימפּולס, וואָס איז די פונ-דאַמענטאַלע רעאַליטעט פון וועלכער אַלץ אין דער וועלט, איינשליסנדיק רוים, איז אַנשטאַנען. פונם וויטערדיקן וועט מען קענען זען, אַז אַלעק-סאַנדער איז אַ היפּש ביסל באַווירקט געוואָרן פון בערגסאָנען אין זיין אינטערפּרעטאַציע פון צייט.

פון דעם ביז איצט געזאָגטן קען מען זען, אַז אויך איצט זיינען רוים

און צייט צענטראַלע פּראָבלעמען אין דער פילאָזאָפיע. אויך אַלעקסאַנדער נעמט זיי פאַר זיין מעטאַפיזישן אויסגאַנגס פּונקט אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק „ספּייס, טיים ענד דייעטי” (רוים, צייט און דאָס געטלעכע). ער הייבט אָן מיט רוים־צייט און ענדיקט מיטן געטלעכן.

דער צענטראַלער געדאַנק פון זיין פילאָזאָפיע איז: ווען מען נעמט צייט און רוים באַזונדער זיינען זיי ניט מער ווי אַבסטראַקט־מענטשלעכע באַגריפן; זיי רעפּרעזענטירן ניט קיין רעאַליטעט פון דער וועלט. די רעאַליטעט באַשטייט, לויט זיין מיינונג, פון רוים־צייט ווי אַן איינהייטלעכע פונדאַמענטאַלע איינהייט, וואָס קען ניט צעטיילט ווערן. זיי זיינען ניט קיין אייגנשאַפטן פון אַ רעאַליטעט, נאָר די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט גופא. הגם זיי זיינען אַן איינהייט, וואָס קען ניט געטיילט ווערן, פירט ער פאָרט אַריין אַן אונטערשייד צווישן זיי. ער פאַרגלייכט זיי צום מענטשלעכן אָרגאַניזם, וואָס הגם ער איז אַן איינהייט, באַשטייט ער פון אַ פיזישן טייל (קערפּער) און אַ פּסיכישן טייל (פאַרשטאַנד, מאַינד). אַנאַלאָגיש צום מענטשלעכן אָרגאַניזם זאָל דאָס רוימלעכע, אין דער רוים־צייט איינהייט, זיין דער קערפּער און דאָס צייטלעכע פון דער זעלבער איינהייט, זאָל זיין דער פאַרשטאַנד (מאַינד).

אָט דער דואַליזם אין אַן איינהייט איז דער פונדאַמענטאַלער באַגריף אין זיין פילאָזאָפיע. אויף דעם זעלבן אופן באַטראַכט ער, אַז מאַטעריע איז קערפּער און לעבן איז מאַינד און אז. וו. דאָס נידעריקערע אויפן לייטער פון עוואָלוציע איז דער קערפּער און דאָס העכערע איז דער מאַינד. דער געדאַנק גופא שטאַמט פון אַריסטאָטעלן, אַלעקסאַנדער האָט אים אָבער פאָלשטענדיק געענדערט און אויף אַ מאָדערנעם אופן אינטערפּרעטירט.

געוויס קען מען שטעלן די פראַגע: צי מען קען לעגיטים מאַכן אַזוינע טיילונגען און זיי באַזירן אויף אַנאַלאָגיעס. אַלעקסאַנדער אָבער מאַכט זיי און באַזירט זיין גאַנצע פילאָזאָפיע אויף זיי. אַלעקסאַנדער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער, ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט ענינים, וואָס זיינען למעלה מן השכל און מעטאַפיזיקער דערלויבן זיך צו ספּעקולירן אויף פאַרשיידענע אופנים. ניט יעדער איינער איז געניגט זיי נאָכצופאָלגן.

ער באַשעפטיקט זיך אַ היפּש ביסל צו באַווייזן, אַז זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק, ווי דער פונדאַמענט פון דער וועלט, איז אַ ריכטיקע. צי ס'איז אים געלונגען צו איבערצייגן, אַז זיין היפּאָטעזע איז אַן אמתע קענען זיין מיינונגס פאַרשיידנהייטן. וועגן פילאָזאָפיע בכלל און וועגן מעטאַפיזיק בפרט, קען מען ניט זאָגן צי די דערקלערונגען זיינען ריכטיקע אָדער ניט, עס איז ריינע ספּעקולאַציע. דאָס, וואָס קען באַווייזן ווערן פאַקטיש, אָדער אַפילו היפּאָטעטיש, ווערט אַ טייל פון דער וויסנשאַפט. פאַר פילאָזאָפיע בלייבן בלויז פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען וועגן וועלכע מען קען נאָר אַרויסזאָגן ספּעקולאַטיווע מיינונגען, וואָס צו אייניקע דענקער וועלן זיי אַפּעלירן ווי מעגלעכע אמתן וועגן דער וועלט און צו אַנדערע ניט. יעדע

אין מיינונג וועגן אַ פונדאַמענטאַלן פּראָבלעם קען אָפּגעפרעגט ווערן און זי ווערט טאַקע אָפּגעפרעגט. פּשוט דערפאַר, וואָס אין דער וועלט בכלל און אין דעם מענטשנס וויסן בפרט, איז פאַראַן אַן איראַציאָנאַלער, ניט פאַרשטענדלעכער מאָמענט, וואָס קען ניט דערקלערט ווערן. פילאָזאָפן קענען בלויז אַרויסזאָגן סברות, פאָרמירן סיסטעמען אין וועלכע אַנדערע דענקער געפינען פאַטאַלע פעלערן און פּרובירן געבן זייערע דערקלערונגען. קומען נאָך זיי אַנדערע און ווייזן אָן אויף זייערע שוואַכע פּונקטן. פרעגט מען טאַקע: צוליב וואָס זיך באַשעפטיקן מיט ענינים, וועלכע קענען ניט דערקלערט ווערן? אויף דער פראַגע איז פאַראַן נאָר איין ענטפער: — דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז אַזאַ וואָס וויל ניט און קען ניט בלייבן שטיין ביי ניט־געלייזטע פראַגן: — עס דענקט זיך ווייטער.

די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ענינים, וואָס זיינען למעלה מן השכל און פּרובירן דערקלערן דאָס ניט פאַרשטענדלעכע, זיינען מעטאַפיזיקער; זיי שאַפן פילאָזאָפישע סיסטעמען. אַלעקסאַנדער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער און האָט געוואָלט מען זאָל אים פאַר אַזאַ באַטראַכטן.

ווי פריער געזאָגט, האָט ער זיין מאָנומענטאַלע ווערק אָנגעהויבן מיט דער רוים־צייט מעטאַפיזיק, וואָס איז דער שווערסטער טייל פון זיין פילאָזאָפיע. פון זיין שטאַנדפּונקט איז ער, מעגלעך, געווען גערעכט: — ווען ער האָט גענומען עוואָלוציע פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט, האָט ער געדענקט ער דאַרף אָנהויבן פון דעם, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַרן פונ־דאַמענטאַלסטן אין דער נאַטור און דערקלערן ווי אַלץ מיט אַלעמען אין דער וועלט האָט פון דעם אַרויסגעשטאַמט. רוים־צייט איז דאָס פונדאַ־מענטאַלסטע, האָט ער פון זיי אָנגעהויבן. פאַר די וואָס איז שווער אים נאָכצופאָלגן, האָט ער גע׳עצה׳ט אָנצוהויבן פונם צווייטן לייכטערן באַנד.

דער אָנהויב וועט געמאַכט ווערן מיט אַ קורצן אויסצוג ווי ער דערקלערט רוים־צייט. דאָ וועט עס ניט געגעבן ווערן ווי אַ דערקלערונג, נאָר צו באַקענען מיטן אופן ווי ער באַטראַכט רוים־צייט. ער זאָגט: „רוים איז לויט זיין נאַטור צייטלעך און צייט איז רוימלעך... ווען צייט וואָלט געווען זעלבסטשטענדיק, ווען זי וואָלט עקזיסטירט אַליין פאַר זיך, וואָלט ניט געווען מעגלעך קיין קאָנטינואיטעט... ווען עס וואָלט ניט עקזיסטירט קיין שום זאַך אַחוץ צייט, וואָלטן בלויז געקענט זיין פאַרשיידענע מאָ־מענטן און ניט קיין אָנהאַלטענדע צייט. עס וואָלט געווען אַ מאָמענט פון שטענדיקן איצט, וועלכער וואָלט זיך איבערגע׳חזר׳ט און באַנייט. אַ באַאָבאַכטער וואָלט נאָר געהאַט אַן איצט, ניט קיין פריער, אָדער אַ שפּעטער...

ווען דער פריערדיקער מאָמענט יוערט ניט פאַרלאָרן און ווערט ניט פאַלשטענדיק פאַרשוואונדן, איז עס אַדאַנק דעם וואָס ס׳געפינט זיך אַ קאָנטינואום אויסער צייט, וועלכער פאַרזיכערט און האַלט צוזאַמען דעם פריער מיטן איצט און דעם פריער מיטן שפּעטער. די דאָזיקע עקזיסטענץ באַשטייט פון רוים.

ווען מען נעמט רוים פאַר זיך, לויט זיין ספּעציעלן כאַראַקטער, ווי אַ צוזאַמען־עקזיסטירנדע גאַנצקייט, האָט ער ניט קיין טיילן. אַזוי ווי צייט איז ניט מער ווי אַן איצט, אַזוי איז רוים בלויז אויסגעשפּרייטקייט און איז ניט מער ווי אַ ליידיקייט... דערפאַר מוז זיך געפינען אַזאַ פאָרמע פון עקזיסטענץ, אַזאַ עפּעס, וואָס אַליין איז ער ניט רוימלעך, און אָט דער עפּעס שאַפט די אונטערשיידן צווישן רוימלעכע טיילן. די אַנדערע פאָרמע פון עקזיסטענץ איז צייט... אַן רוים וואָלט ניט געקענט זיין קיין צוזאַמענהיינג פון צייט, און אַן צייט וואָלטן ניט געווען קיין פונקטן פאַר אַ צוזאַמענבונד... עס מיינט אַז ס'איז ניטאָ קיין צייט־מאָמענט אַן פּאָזיציע אין רוים און ס'איז ניטאָ קיין פונקט אין רוים אַן אַ מאָמענט פון צייט. איך מאַך די באַשטימונג, אַז אַ פונקט פּאַסירט אין אַ מאָמענט און אַ מאָמענט פאַרנעמט אַ פונקט. אין דער אמת'ן זיינען באַר פאַראַן פונקט־מאָמענטן, אָדער בלויז פּאַסירונגען. אַנאַלאָגיש איז ניטאָ קיין בלויזער רוים אָדער בלויזע צייט: — עס עקזיסטירט רוים־צייט, אָדער צייט־רוים...

אויב פונקטן וואָלטן גלייך קאָרעספּאָנדירט צו מאָמענטן, וואָלטן זיי געווען ענלעך אויף די מאָמענטן און רוים וואָלט ניט געווען דאָס וואָס מיר ווייסן וועגן אים... צייט וואָלט באַשטאַנען פון אויסגעשפּרייטער ליידיקייט און וואָלט ניט געווען קיין צייט לויט ווי מיר ווייסן וועגן איר ווי אַן אַנ־האַלטנדער פליסן פון פריער אויף שפּעטער. אום זי זאָל קענען פליסן אין מאָמענט נאָכן צווייטן און מען זאָל קענען אונטערשיידן פונקטן אין רוים, מוזן די צייט מאָמענטן ווידערהאָלט ווערן און פאַרנעמען מער ווי איין פונקט... רוים מוז פאַרשטאַנען ווערן ווי פאַרמירט דורך צייט און דאָס איז דערפאַר, וואָס צייט איז דער קוואַל פון ענערגיע. מען קען זאָגן, אַז רוים פאָלגט נאָך צייט ווען מען האָט אין זינען, אַז ס'קען ניט זיין קיין צייט אַן רוים אין וועלכן די צייט לאָזט איבער אַ סימן נאָך זיך... ווען מען וואָלט אַנגענומען, אַז צייט שאַפט פון זיך גופא נייעם רוים, וואָלט עס געמיינט, אַז מען איגנאָרירט דעם פאַקט, אַז צייט איז אומענדלעך (דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן אין שייכות צו רוים)... אויף אָט דעם אופן פאַרשטייען מיר דעם וואוקס פון צייט, אָדער די היסטאָריע פונם אוניווערז ווי אַ גאַנצן, אָדער יעדן איינעם פון זיינע טיילן ווי זיי זיינען, אַן אָנהאַלטענדע טיילונג פון מאָמענטן פון צייט צווישן פונקטן פון רוים. עס ווערט ניט פאַרמירט קיין נייער רוים, ווייל ער קען ניט פאַר־מירט ווערן ווען דער גאַנג פון צייט אַראַנזשירט אַזוי, אַז פונקטן ווערן פאַרשיידענע פונקט־מאָמענטן און אויך מאָמענטן ווערן פאַרשיידענע פונקט־מאָמענטן".[1]

עס איז שווער, אויב ניט אוממעגלעך, אים נאָכצופאָלגן אין זיין דערקלערונג פאַרוואָס מען דאַרף נעמען רוים־צייט ווי אַן איינהייט, פשוט דערפאַר, וואָס אויב זיי קענען ניט פאַרשטאַנען ווערן באַזונדער,

[1] „ספּיס טיים ענד דייעטי", ז. 44 — 51, 61 — 63, באַנד 1.

העלפּט ניט די פּאַראַליניקונג. ווען ער זאָגט אויף אַ פּלאַץ, אַז די מאָמענטן פון צייט שפּרינגען איבער די שפּיצן פון רוים, איז עס אַ געלונגענער אויסדרוק; קיין באַגריף איז עס אָבער ניט. עס איז ניט פאַרשטענדלעך ווי אַן איינהייט קען זיך שפּאַלטן אויף טיילן, וואָס פאַר זיך קענען זיי ניט פאַרשטאַנען ווערן און אין דער זעלבער צייט זאָל אייך טייל פון דער איינהייט שפּרינגען אויף די שפּיצן פון אַ צווייטן טייל פון דער זעלבער איינהייט. און אין דער זעלבער צייט מוז מען צוגעבן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט (רוים און צייט) וואָס קען ניט אָוועקגעטראַכט ווערן. אַזוי גיך ווי מען דענקט וועגן דער רעאַליטעט, מען שטעלט זי זיך פאַר, קומען רוים און צייט ווי דער פונדאַמענט פון דער דאָזיקער רעאַליטעט. דאָס איז דער איראַציאָנעלסטער טייל פון מעטאַפיזיק. דער מענטשלעכער באַגרענעצטער שכל קען ניט דער־קלערן דאָס אומדערקלערבאַרע. רעאַליסטיש־געשטימטע דענקער, צו וועמען אַלעקסאַנדערס אויסגאַנגס פונקט וועט אַפּעלירן, וועלן זיין גענייגט אים נאָכצופאָלגן אין זיין מעטאַפיזיק טראָץ די אומפאַרשטענדלעכע איראַ־ציאָנאַלע טיילן. זיי וועלן גלויבן און האָפן, אַז מעגלעך אים איז געלונגען זיך צו דערטראַכטן צום פונדאַמענטאַלן אין דער נאַטור, צו דער אַבסאָ־לוטער רעאַליטעט. זיי וועלן גענייגט זיין אָנצונעמען זיין פילאָזאָפיע טראָץ דעם איראַציאָנאַלן און דעם ניט־פאַרשטענדלעכן אין זיין מעטאַפיזיק. אַנדערע דענקער, איבערהויפּט אידעאַליסטיש גענייגטע, וועלן זיך אָפּ־שטעלן אויף די אַזוי־אָנגערופענע אַנטינאָמיעס, אויף די ווידערשפּרוכן אין זיין פילאָזאָפיע, און אַזוינע ווידערשפּרוכן זיינען ביי אים, אַזוי גוט ווי אין יעדן אַנדערן פילאָזאָפישן סיסטעם, פאַראַן אַ היפּש ביסל — זיי וועלן, נאַטירלעך, זיין סיסטעם ניט אָננעמען.

אַלעקסאַנדער גיט אָפּ דעם רוים־צייט פּראָבלעם הונדערט און אַכציק זייטן דירעקט; אומדירעקט באַשעפטיקט ער זיך מיטן רוים־צייט פּראָבלעם אין דער גאַנצער אַרבעט: — איז דאָך רוים־צייט פאַר אים דער שאַפנדער געוועב, די געבור־מוטער פון אַלץ מיט אַלעמען אין דער נאַטור. ער אַנאַליזירט רוים און צייט, אָדער, לויט זייער פאַרבינדונג, רוים־צייט, פון פאַרשידענע שטאַנדפונקטן — פיזישע רוים־צייט פאַר זיך אין זייער אומענדלעכקייט און אין זייער פאַרהעלטעניש (רעלאַציע) צו זאַכן און פּאַסירונגען; מענטאַלע, אָדער פּסיכישע, איגערלעכע איבער־לעבונגען אין שייכות צו רוים־צייט און מאַטעמאַטישע באַגריפן וועגן רוים און צייט. זיין אָפּהאַנדלונג איז אַ קאָמפּעטענטע אַרום און אַרום, ער רעדט ווי אַ פאַכמאַן אין אַלע טיילן פון דער וויסנשאַפט און פילאָ־זאָפיע, מיט וועלכע ער באַשעפטיקט זיך. זיין קאָמפּעטענץ ווערט פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט.

זיין אויסגאַנגס־פונקט איז אַ דינאַמישער, ער נעמט די „פּאַסירונג" (געשעעניש, אונטערשטראַכן פון אים) פאַר פונדאַמענטאַל אין דער נאַטור. פאַרשטייט זיך, אַז אויך רוים־צייט באַשטייט ביי אים פון אַ פּאַסירונג.

דערפאַר טאַקע רופט ער זיי אַן באַוועגונג, אָדער ריינע באַוועגונג. זיי באַשטייען פון ריינער באַוועגונג, ווייל קיין שום זאַך (עוועגט) איז אין זיי אין אָנהויב ניט געווען און קיין פּאַסירונג איז ניט פאָרגעקומען: — רוים־צייט אַליין זאָל זיך האָבן געווען באַוועגט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ באַוועגונג איז געווען איינפאָרמיק, אָדער איינצייטיק פשוט דערפאַר, וואָס דער לויף פון צייט ענדערט זיך ניט.

מען האָט פאָרגעלייגט אַלעקסאַנדערן ער זאָל ענדערן דעם נאָמען פון רוים־צייט אויף ריינער באַוועגונג. עס וואָלט געמאַכט אַסך לייכטער צו פאַרשטיין זיין פילאָזאָפיע. פונם ווייטערדיקן וועט אָבער ווערן קלאָר, אַז ער האָט אַזאַ ענדערונג ניט געקענט מאַכן; זי וואָלט אים באַרויבט פון דער שאַפנדער פונקציע, וואָס ער שרייבט צו צו צייט ווי די נשמה (מאַינד) פון רוים.

דער אויסדרוק ריינע באַוועגונג איז פאַר אים אַן אינטערפּרעטאַציע פון דער פונדאַמענטאַלער רוים־צייט פונקציע; זי קען אָבער ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער רוים־צייט מעטאַפיזיק. ער איז אָבער סיי ווי אָריינגעפאַלן אין שוועריקייטן, פריער מיט דער ריינער באַוועגונג און נאָכדעם מיט די פאַרשיידענע באַוועגונגען וואָס זאָלן האָבן געווען אַרויסגעבראַכט די עמפּירישע וועלט, די וועלט פון די עמערגענטע דערשיינונגען. אַלעקסאַנדער האָט גענומען דאַרווינס עוואָלוציע באַגריף און האָט אים פאַרבונדן מיט מאָרגענס עמערגענטער אינטערפּרעטאַציע און האָט, צוזאַמען מיט זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק, געשאַפן זיין פילאָזאָפישן סיסטעם.

איידער אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזיק וועט ווייטער באַטראַכט ווערן איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דר. בראָאַדס קריטיק און ווי אַלעקסאַנדער האָט אויף איר רעאַגירט. בראָאַד האָט אין צוויי לאַנגע אַרטיקלען אינם פילאָזאָפישן זשורנאַל „מאַינד" אויספירלעך באַטראַכט אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזיק; ער האָט אויך מיט אים פּערזענלעך קאָרעספּאָנדירט און האָט אים געבעטן צו געבן אַן ענטפער אויף די אויסזעצונגען אינם זעלבן זשורנאַל „מאַינד". דר. בראָאַד האָט אים געפרעגט עטלעכע האַרבע שאלות. דאָ וועט נאָר אויף איינער אָנגעוויזן ווערן; עס וועט אויך געגעבן ווערן אַלעקסאַנדערס אַלגעמיינער ענטפער. דר. בראָאַד פרעגט: וואָס באַוועגט זיך אין דער אַזוי־אָנגערופענער ריינער באַוועגונג ווען ס'איז ניטאָ קיין שום זאַך אויסער רוים־צייט? אָדער: אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט די אַזוי־אָנגערופענע פּאַסירונג, ווען קיין שום פּאַסירונג קומט ניט פאָר? און ווייטער: וויאַזוי אַנטשטייען פאַרשיידענע לאָקאַלע באַוועגונגען אין אַן איינהייטלעכער איינצייטיקער באַוועגונג?

אין זיין ענטפער זאָגט אַלעקסאַנדער אומגעפער פאָלגענדעס: — ער וואַנדערט אויף אַ פינצטערן וועג, אויף וועלכן פאַר אים האָט קיינער ניט געטראָטן, טאַפּט ער אין דער פינצטער. דער אונטערשייד צווישן אים און דעם, וועלכער לייענט זיין ווערק, באַשטייט אין דעם, וואָס ער זעט

זיין פילאָזאָפיע אין איר גאַנצקייט, דערבליקט ער אינטואיטיוו דאָס אומ־פאַרשטענדלעכע; זיין בליק איז אַ סינטעטישער. דער קריטישער לייענער אַנאַליזירט זיין ווערק, ער צעברעקלט עס אין באַזונדערע טיילן און וויל פאַרשטיין יעדן טייל באַזונדער, האָט ער אַסך מער שוועריקייטן פון אים. דאָס וואָס ער (אַלעקסאַנדער) גופא קען ניט פאַרשטיין, אָדער ער קען ניט דערקלערן, נעמט ער עס אָן „מיט נאַטירלעכער פיעטעט". ער דערקלערט אין אַן אַרטיקל וואָס ער מיינט אונטער נאַטירלעכער פיעטעט. ער זאָגט: „די נאַטירלעכע פיעטעט, וועגן וועלכער איך רעד, איז די וואָס אַ וויסנ־שאַפטלעכער פאָרשער נעמט אָן מיט לאָיאַליטעט די מיסטעריעס אין דער נאַטור, וועלכע ער קען ניט דערקלערן און ער האָט ניט קיין רעכט צו פּראָבירן זיי צו דערקלערן. איך וועל עס כאַראַקטעריזירן מיט דער גע־וואוינהייט צו וויסן ווען צו בלייבן שטיין און ניט שטעלן קיין פראַגן דער נאַטור".

אין זיין לעקציע „ספינאָזע און צייט" זאָגט ער: „דעם פילאָזאָפס גרויסע פונדאַמענטאַלע באַגריפן ווערן ניט באַשטעטיקט; זייער אמת זעט מען. באַוויזן זיינען ניט מער ווי אינסטרומענטן, וועלכע העלפן אַנדערע זיך צו איבערצייגן אינם פילאָזאָפס וויזיע" (ביידע ציטאַטן זיינען גענומען פון אַלעקסאַנדערס ווערק).[1]

געוויס איז עס ניט קיין צופרידנשטעלנדער ענטפער, ער גיט צו, אַז ער קען ניט געבן קיין ענטפער אויף די פראַגן. דערפאַר וואָס אין יעדן פילאָזאָפישן סיסטעם זיינען פאַראַן פאַטאַלע פעלערן, וואָס, ווען מען שטעלט זיך אָפּ אויף זיי, מוז מען זיך אָפּזאָגן פונם סיסטעם, זיינען אַסך, זייער אַסך דענקער, מעגלעך די מאַיאָריטעט, קעגן פּראָבירן שאַפן פילאָזאָפישע סיסטעמען. זיי האַלטן, אַז ס'האָט ניט קיין שום זינען צו שאַפן סיסטעמען ווען מען קען ניט באַוויזן, אַז זיי אַנטהאַלטן דעם אמת וועגן דער וועלט, און מען קען באַווייזן דאָס פאַרקערטע, אַז זיי אַנטהאַלטן אין זיך פאַטאַלע פעלערן.

אַלעקסאַנדער איז אָבער, ווי ספינאָזע, געווען אַ מעטאַפיזיקער; ער האָט געגלויבט, אַז זיין דערקלערונג וועגן דער פונדאַמענטאַלער רעאַ־ליטעט פון דער וועלט איז נאָענטער צום אמת, ווי וועלכע עס איז אַנדערע אינטערפּרעטאַציע. ער האָט אָנגענומען, אַז רוים־צייט איז דער פונדאַמענט, אָדער דאָס סובסטאַנציעלע אין דער וועלט און אויף דעם מעטאַפיזישן פונ־דאַמענט האָט ער אויפגעשטעלט זיין פילאָזאָפישן וועלט בנין. ער האָט אָנגענומען, אַז צייט איז דינאַמיש, אירע מאָמענטן „לויפן" אויף די „שפּיצן" פון רוים. צוזאַמען, ווי אַן איינהייט, פאָרמירן זיי די קאַטעגאָריעס (די פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן), וועלכע דערשיינען צוזאַמען מיט זאַכן און דערשיינונגען, אַלס די עמערגענטן פון דער וועלט.

צייט זאָל, לויט דער אינטערפּרעטאַציע, זיין די נשמה און רוים

1 „פילאָסאָפיקל ענד ליטעראַרי פּיסעס", זז. 229 און 373.

זאָל זיין דער קערפּער. אַנאַלאָגיש ווי לעבן קען ניט עקזיסטירן אויסער אַן אָרגאַניזם, דורך וועלכן לעבן מאַניפעסטירט זיך, אַזוי קען צייט ניט עקזיסטירן אויסער רוים. די אומרואיקייט פון צייט, איר לויפן און טרייבן רוים צו פאָרמירן אַלץ אין דער וועלט, רופט אַלעקסאַנדער אַן ניסוס (שטרעבונג אָדער טרייבן צו אַנטוויקלונג). דער ניסוס פון צייט איז זייער ענלעך אויף בערגסאָנס וויטאַלן אימפּולס, וואָס איז אויך דאָס געטלעכע אין דער נאַטור. דידאַקטיק אינטערפּרעטאַציע האָט ער דירעקט גענומען ביי בערגסאָנען און ער גיט עס צו; ער פּראָבירט אָבער עס צו נאַטוראַליזירן און עס איינקאָרפּאָרירן אין זיין נאַטוראַליסטישן וועלט בילד. פאַר דעם נאָמען פון זיין רעאַליסטישער פילאָזאָפיע האָט ער אָנגענומען דעם טערמין וואָס לויד מאָרגען האָט געמאַכט פּאָפּולער: עמערגענטע עוואָלוציע, עוואָלוציע פון ווערן, פון דער דערשיינונג פון נייעס אין לויף פון צייט.

דער נאָמען עמערגענטע עוואָלוציע צייגט אָן אויפן אונטערשייד צווישן אַלעקסאַנדערס (און מאָרגענס) אינטערפּרעטאַציע און בערגסאָנס קרעאַטיווער עוואָלוציע. בערגסאָן נעמט דעם קרעאַטיוון אַגענט, דעם מיסטישן וויטאַלן אימפּולס, וואָס איז אויך צייט, פאַרן גאָט פון אַלץ מיט אַלעמען, פון וועמען אַלץ, איינשליסנדיק רוים, שטראָמט אַרויס לויט אַ מיסטישער עמאַנאַציע, און אַלעקסאַנדער נעמט אָן אַ רעאַליסטישן אויסגאַנגס פּונקט לויט וועלכן די נאַטור גופא אין דער פאָרמע פון רוים-צייט, ווי אַן איינהייט, ברענגט אַלץ פון זיך גופא אַרויס. געוויס קען אויך ביי אים די אומרואיקייט פון צייט, מיטן ניסוס, באַטראַכט ווערן פאַר אַ שאַפנדן כוח, וואָס מען שרייבט געוויינטלעך צו צו גאָט, ווי אויף דעם וועט נידריקער אָנגעוויזן ווערן. איז ערשטנס זיין גאַנצע אינטערפּרעטאַציע אַ ריין נאַטור-ראַליסטישע און צווייטנס דאַרף די וועלט מיטן מענטשן פון זיך גופא ערשט אין לויף פון צייט אַרויסברענגען דאָס געטלעכע. ווען דאָס געטלעכע וועט קומען, וועט עס זיין די נשמה, פאַר וועלכער די גאַנצע וועלט וועט זיין דער קערפּער. דערפאַר טאַקע רופט ער זיין ווערק אַן „רוים, צייט און דאָס געטלעכע״: — רוים-צייט איז דער פונדאַמענט פון זיין וועלט געביידע און דאָס געטלעכע איז דער העכסטער פּונקט צו וועלכן די געביידע דאַרף ערשט געבראַכט ווערן. עס מיינט, אַז די וועלט איז ניט פאַרענדיקט געוואָרן מיטן מענטשנס קומען; דאָס געטלעכע אין דער נאַטור דאַרף ערשט קומען.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אַלעקסאַנדערן אַ היפּש ביסל קריטיקירט אין טעאָלאָגישע קרייזן פאַר דעם וואָס אויפן פּלאַץ פון אַ גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער פּאָסטולירט די וועלט אַז זי זאָל גאָר פון זיך אין לויף פון צייט פאָרמירן אַ גאָט. אויף דער קריטיק האָט אַלעקסאַנדער געענטפערט אין אַ לעקציע, אַז ס׳איז אַסך שענער און געוויס דערהאַבענער, צו באַטראַכטן פאַר געטלעך דאָס צו וואָס די גאַנצע נאַטור שטרעבט און ברענגט פון זיך אַרויס, ווי פּאָסטולירן אַ גאָט, וועלכער שטופּט די נאַטור פון אונטן אַרויף.

אַלעקסאַנדערס רוים־צייט מעטאַפיזיק און זיין פילאָזאָפיע בכלל, ווערט אָנגערופן רעאַליזם. ער נעמט די רעאַלע וועלט, ווי אַן עקזיסטענץ פאַר זיך, אומאָפּהייניגיק פונם מענטשנס וויסן וועגן איר, פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט. מיט דעם אונטערשיידעט ער זיך פון אידעאַליזם, וואָס נעמט אַן דעם מענטשנס וויסן פאַרן אויסגאַנגס פונקט און די וועלט זאָל באַשטיין פון אַ מין מאָדעלאַציע פון דער מענטשלעכער פּסיכיק (סובּיעקטיווער אידעאַליזם). אָדער דאָס אַרומיקע, מיט וועלכן דער מענטש קומט אין באַרירונג, באַשטייט ניט פון מער ווי פון ציטווייליקע דערשיינונגען (אַפּירענסעס), וואָס זיינען ניט מער ווי טיילן פון איין גאַנצעס און דערפאַר זיינען זיי ניט די אַקטועלע רעאַליטעט. די רעאַליטעט איז איינע און דאָס איז דער אַזוי אָנגערופענער אַבסאָלוט: — די טאָטאַליטעט פון אַלץ מיט אַלעמען (אָביעקטיווער אידעאַליזם).

אַלעקסאַנדער זאָגט: „ס'איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, אַז אָביעקטן זיינען אָפּהייניגיק פון מיין פאַרשטאַנד ער זאָל וועגן זיי וויסן, אָדער זיי באַנעמען... זיי זיינען אָבער ניט אָפּהייניגיק פונם פאַרשטאַנד מיט זייערע קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפטן. די אייגנשאַפטן באַלאַנגען צום אָביעקט גופא. אַ פאַרשטאַנד איז אומבאַדינגט נויטיק בכדי צו אויפנעמען אַ בלויען קאָליר; דאָס בלויע, דער קאָליר גופא, איז ניט אָפּהייניגיק פון אַ פאַרשטאַנד, ער זאָל אים מאַכן בלוי".[1]

פון דעם ציטירטן קען מען זען, אַז ער איז געווען אַ נעאָ־רעאַליסט, אַז אין זיין פילאָזאָפיע פאַרטיידיקט ער דעם נעאָ־רעאַליסטישן שטאַנדפונקט. ער האָט געהאַלטן, אַז אָנטאָלאָגיע (די לערע וועגן דער רעאַליטעט, מעטאַפיזיק) דאַרף פירן צו עפּיסטאָמאָלאָגיע (די לערע וועגן דעם וויסן וועגן דער רעאַליטעט). אין זיין דערקענטעניש לערע (עפּיסטאָמאָלאָגיע) אונטערשיידעט ער זיך פון די קריטישע רעאַליסטן, וועמענס פילאָזאָפיע באַשטייט פון אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן נעאָ־רעאַליזם און אידעאַליזם. (די קריטיש־רעאַליסטישע פילאָזאָפיע איז אויספירלעך באַהאַנדלט געוואָרן אינעם מחברס ווערק „די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן").

סכעמאַטיש קען אַלעקסאַנדערס רעאַלע וועלט פאַרגליכן ווערן צו אַ לייטער (ל. מאָרגען פאַרגלייכט זי צו אַ פּיראַמיד). דאָס ערשטע שטאַפּל פונם סכעמאַטישן לייטער זאָל זיין רוים. דאָס צווייטע שטאַפּל איז צייט, וואָס איז די נשמה פון רוים אין דער רוים־צייט איינהייט. דאָס העכערע שטאַפּל פון צייט זאָל באַשטיין פון די קאַטעגאָריעס, איינשליסענדיק מאַטעריע. פאַר מאַטעריע זאָל צייט זיין דער קערפּער און די מאַטעריע די נשמה. דאָס נאָך העכערע שטאַפּל זאָל זיין לעבן, פאַר וועלכן מאַטעריע זאָל זיין דער קערפּער. נאָך העכער זאָל זיין פאַרשטאַנד און לעבן זאָל

[1] „די בייסעס און רעאַליזם", ז. 24.

זיין דער קערפּער. נאָך דעם קומט גאָט און די גאַנצע וועלט וועט זיין זייַן קערפּער.

די קערפּער־נשמה סכעמע איז פאַר אַלעקסאַנדערן געווען וויכטיק כדי מיט איר הילף אַרויסצובריינגען דעם געדאַנק, אַז דער עוואָלוציע פּראָצעס איז ניט געבליבן שטיין באַם מענטשן; ער האַלט אָן, און אַז די געטלעכקייט וועט אין לויף פון צייט קומען ווי אַן עמערגענטע דערשיי־נונג. פאַר אים איז די סכעמע וויכטיק; זי איז אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין מעטאַפיזיק: — זי איז איינגעשלאָסן אין זיין אויסגאַנגס פּונקט. פונדעסטוועגן קען זי אויסגעלאָזט ווערן און די עמערגענטע פילאָזאָפיע קען באַטראַכט ווערן אָן איר. לויד מאָרגען, וועמען אַלעקסאַנדער פאָלגט נאָך אינם עמערגענטן באַגריף, נעמט די סכעמע ניט אָן. ער ווייזט אָן, אַז עמערגענטן זיינען דערשינען אָן אַ שיעור: — יעדע איין ענדערונג פון אַ קוואַליטעט, אין וואָס די ענדערונג זאָל ניט באַשטיין, איז, לויט זיין מיינונג, אַן עמערגענטע דערשיינונג.

דער אָנהויב צו באַטראַכטן די עמערגענטע פילאָזאָפיע לויט אַלעק־סאַנדערן ווערט געמאַכט מיט די אַזוי אָנגערופענע קאַטעגאָריעס ווי זיי זיינען אַרויסגעקומען פון רוים־צייט. אונטער קאַטעגאָריעס ווערט פאַר־שטאַנען די פונדאַמענטאַלע פאָרמען, וועלכע קומען מיט זאַכן און פּאַ־סירונגען ווי רעלאַציעס און אַז. וו. זיי גופא זיינען ניט קיין אָביעקטן פון דערפאַרונג; זיי ווערן ניט אויפגענומען דורך די חושים. זיי קומען אָבער צוזאַמען מיט די אָביעקטן פון דערפאַרונג.

אַלעקסאַנדער רעכנט אויס די פאָלגענדע קאַטעגאָריעס: אידענטי־טעט, פאַרשיידנהייט, עקזיסטענץ, אוניווערסאַל, פּאַרטיקולאַר, אינדיווידועל, רעלאַציע, אָרדער, סובסטאַנץ, קאַוזאַליטעט, קוואַנטיטעט, אינטענסיווי־טעט, גאַנצקייט, טיילן, נומערן און באַוועגונג.

עס בעט זיך אַ דערקלערונג: דער וועלכער באַשעפטיקט זיך ניט מיט קיין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, האָט שוועריקייטן צו פאַרשטיין וועגן וואָס ס׳האַנדעלט זיך. די ווערטער זיינען אים גוט באַקאַנט, ער ווייסט זייער איינפאַכן מיין: — צוליב וואָס דאַרף דער פילאָזאָף זיך באַשעפטיקן מיט אַזאַ איינפאַכן ענין? דער ענטפער איז, אַז פאַרן פילאָזאָף איז עס ניט קיין איינפאַכער ענין, נאָר, ווי ס׳וועט באַוויזן ווערן, אַ זייער קאָמ־פּליצירטער ענין. אַלעקסאַנדער באַטראַכט די אָפּהאַנדלונג וועגן די קאַ־טעגאָריעס פאַרן וויכטיקסטן טייל פון זיין פילאָזאָפיע. ער גיט זיי אָפּ ביי האַלב פון זיין ערשטן באַנד. ווי אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט קען ער ניט שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל און אַ פּסיכישן טייל. ער קען ניט אָננעמען קיין עקזיסטענץ פון מאַטעריע באַזונדער און גייסט באַזונדער. פאַר אים איז די נאַטור, איינשליסענדיק דעם דענקען, אייג־הייטלעך: — אַלץ געפינט זיך אין דער אויסערלעכער וועלט, פּשוט דער־פאַר, וואָס דער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין אייגנס און האָט ניט וואו עס צו נעמען. די קאַטעגאָריעס זיינען, לויט דער אינטערפּרעטאַציע, אַ

מאַניפעסטאַציע פון רוים־צייט, זיי באַשטייען פון דער אומענדערנדער סטרוקטור פון דער וועלט. זיי בלייבן שטענדיק דיזעלבע ווען אַלץ איבע־ריקעס ענדערט זיך.

די אויפגאַבע פונם נעאָ־רעאַליסט איז צו באַווייזן וויאַזוי די קאַ־טעגאָריעס קריגן אַ פּלאַץ אין דער אָביעקטיווער וועלט ווען זיי אַליין קענען ניט באַטראַכט ווערן פאַר עקזיסטענצן פאַר זיך. זיי קומען מיט זאַכן ווען די לעצטע פּרעזענטירן זיך צו די חושים (דערפאַרונג). זיי געפינען זיך שטענדיק מיט די זאַכן און קענען פון זיי ניט באַזייטיקט ווערן. זיי ענדערן זיך אויך קיינמאָל ניט און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי גופא ניט קיין פּראָדוקט פון דערפאַרונג. זיי, די אַזוי אָנגערופענע קאַטעגאָריעס, זיינען אייביקע פאָרמען פון דער וועלט געבוידע. זיי געפינען זיך אין דער דערפאַרונג אַ־פּריאָרי, וואָס ס׳מיינט: זיי געפינען זיך צו־זאַמען מיט דעם וואָס דערשיינט פאַר די חושים (דערפאַרונג), טראָץ דעם וואָס זייער אָפּשטאַם קען ניט דערקלערט ווערן עמפּיריש (פון דער־פאַרונג).

דער ענין קאַטעגאָריעס, ווי מען קען זען, איז זייער אַ שווערער בכלל, נאָך שווערער איז ער פאַרן נעאָ־רעאַליסט. ער איז שווער בכלל, וואָס, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען ניט קיין עקזיסטענצן פאַר זיך, קומען זיי צוזאַמען מיט עקזיסטענצן (זאַכן און דערשיינונגען). דער אידעאַליסט, ווי קאַנט, צום ביישפּיל, און טיילוויַיז דער קריטישער רעאַליסט, גיט זיך אַן עצה, ער לאָקאַליזירט זיי אינם מענטשנס פאַרשטאַנד ווי אַ צוגאָב פונם פאַרשטאַנד צו דער אויסערלעכער רעאַליטעט. דער נעאָ־רעאַליסט קען דאָס ניט טאָן, ווייל עס מיינט אָננעמען אַ דואַליזם און שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל אויסער דעם מענטשן און אַ פּסיכישן (מענטאַלן) טייל וואָס דער מענטש זאָל פון זיך צוגעבן, וואָס זאָל קומען פון אַן אַנדער ספערע און ניט פון דער נאַטור.

דאָס פירט צום צענטראַלן פּראָבלעם פונם נעאָ־רעאַליסט׳ס טעאָריע פון וויסן (עפּיסטאָמאָלאָגיע, דערקענטעניש לערע), וואָס ווערט אויספירלעך באַטראַכט ווערן אין דער נויטיקער פאַרבינדונג. דאָ איז ער בלויז דער־מאָנט געוואָרן כדי צו אָנצואווייזן פאַרוואָס אַלעקסאַנדער באַמיט זיך אַזוי שטאַרק צו דערקלערן די קאַטעגאָריעס לויט אַ ריין מאָניסטישן אויסגאַנגס פונקט, אַז די רעאַליטעט איז איינע און אַלץ איז פאַרמירט געוואָרן פון רוים־צייט.

איצט קען מען איבערגיין צו אָנווייזן ווי אַלעקסאַנדער דערקלערט די קאַטעגאָריעס. ער ווערט ציטירט ווערן; ער זאָגט: „ווען מען עקזאַמע־נירט די קאַטעגאָריעס געפינט מען אויס, אַז זיי באַשטייען פון די פונ־דאַמענטאַלסטע אייגנשאַפטן, אָדער כאַראַקטער שטריכן, פון רוים־צייט ניט ווי אַ טאָטאַליטעט, נאָר פון באַזונדערע טיילן. זיי באַלאַנגען צו אַלץ וואָס עקזיסטירט, דערפאַר, וואָס אויב מיין השערה איז אַ באַגרינדעטע, באַשטייען עקזיסטירנדע זאַכן ענדגילטיק און לויט זייער איינפאַכער פאָרמע,

פון אונטערשיידן פון רוים־צייט; זיי זיינען די קאָמפּלעקסן פון פּאַסירונגען, וועלכע זיינען פאָרמירט געוואָרן אינם אור־שטאָף... עס זעט אויס צו זיין אַ פאַקט, אַז די קאַטעגאָריעס שטאַמען אַרויס פון רוים־צייט״.[1]

דער קורצער אויסצוג איז ניט געגעבן געוואָרן כדי צו איבערצייגן, אַז אַלעקסאַנדער האָט באַוויזן וויאַזוי די קאַטעגאָריעס שטאַמען אַרויס פון רוים־צייט. ער זאָגט עס אַפילו ניט. נאָך זיין לאַנגער אָפּהאַנדלונג איז קענטיק פון דעם אויסצוג, אַז ער אַליין צווייפלט ביז אַ גראַד צי זיין דער־קלערונג איז צופרידנשטעלנד. דער אויסצוג ווייזט נאָר אָן אויף דעם מעטאָד וואָס ער נוצט צו דערקלערן די קאַטעגאָריעס.

כדי צו קענען אים נאָכפאָלגן אין זיינע דערקלערונגען דאַרף מען האָבן אַסך אַ רייכערע פאַנטאַזיע ווי דער מחבר פון די שורות פאַרמאָגט. זיין איינציקע טרייסט איז וואָס ער איז ניט דער איינציקער וואָס קען ניט נאָכפאָלגן אַלעקסאַנדערן; ער האָט צו זיך אַסך שותפים. דאָס איז אָבער ניט אַלעקסאַנדערס שולד, נאָר די שולד פון דעם ענין גופא וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט דערקלערן. אין דער זעלבער צייט אָבער איז מען זיכער, אַז ס׳האַנדעלט זיך וועגן אַ רעאַליטעט וואָס מוז אָנגענומען ווערן, אַז זי קומט מיט די דערשיינונגען פון דער עמפּיריק, פון דער דערפאַרונג.

אַלעקסאַנדערס אויסגאַנגס פּונקט איז, אַז אַלץ אין דער וועלט שטאַמט סוף כל סוף אַרויס פון רוים־צייט. די פריער אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס קומען שטענדיק מיט זאַכן און דערשיינונגען. ווען מען אַנאַליזירט זיי זעט מען, אַז זיי באַשטייען פון די פונדאַמענטאַלע אייגנ־שאַפטן, פון טיילן פון רוים־צייט, קומט שוין במילא אויס אַז זיי שטאַמען אַרויס פון רוים־צייט.

וואָלט אַלעקסאַנדער געווען באַזעסן בערגסאָנס שריפטשטעלערישן טאַלאַנט און זיינע געניאַלע איינפאַלן צו נוצן מעטאַפאָרן אויף אַזאַ גלענ־צענדן אופן, ווי בערגסאָן האָט גענוצט, וואָלט מען אים אַסך לייכטער געקענט נאָכפאָלגן און ער וואָלט אויך, מעגלעך, מער איבערצייגט; ער האָט אָבער געגעבן זיינע דערקלערונגען אויף אַ דירעקטן און איינפאַכן אופן, זיינען זיי ניט נאָר ניט איבערצייגענד, זיי זיינען שווער און אָפט ניט פאַרשטענדלעך. ער האָט, ווי עס זעט אויס, דאָס אַליין געפילט און מען האָט זיך אויך ניט געשעמט אים אויף דעם אָנווייזן. ער איז געווען גאַנץ אויפריכטיק אין זיינע ענטפערס. ער זאָגט: „ווען מען פרעגט מיך וואָס זיינען די וועגן אויף וועלכע ריינע באַוועגונג האָט אונטער דער דירעקציע פון צייט געפירט צו דער דערשיינונג פון מאַטעריעלע קאָמ־פּלעקסן פון באַוועגונג (די קאַטעגאָריעס), וואָס מיר געפינען אין דער וועלט פון זאַכן... קען איך בלויז ענטפערן: איך ווייס ניט. עס איז ניט די אויפגאַבע פונם מעטאַפיזיקער עס צו דערקלערן ווען דער פיזיקער גיט אים ניט קיין אָנווייזונגען. ס׳דאַרפן רעגיסטרירט ווערן די עקזיסטענץ

1 זע „ספּיס, טיים ענד דייעטי״, בוך 1, ז. 189.

פון עמערגענטע קוואַליטעטן, ווי אייניקע וואָלטן געזאָגט, לויט דעם באַ־צווייגענדן ברוטאַלן פאַקט; אָדער ווי איך וואָלט געגוצט אַ ווייכערן טער־מין, זיי דאַרפן אָנגענומען ווערן פונם פאַרשער „מיט נאַטירלעכער פיע־טעט".

עס דאַרף מיינען, אויף וויפיל די וויסנשאַפט גיט אים פאַקטן, פאָלגט ער זיי נאָך. דאָס איבעריקע דערגאַנצט ער מיט זיין פילאָזאָפישן גלויבן „מיט נאַטירלעכער פיעטעט": — ער גיט צו, אַז ער קען עס ניט דערקלערן. ער האָט אויפגעשטעלט אַ פילאָזאָפישן בנין אָן פאַקטן, ריין ספעקולאַטיוו. צו דעם וואָס זיין מעטאַפיזיק וועט אַפּעלירן, וועט ער זי אָננעמען; צו דעם וואָס זי וועט ניט אַפּעלירן, וועט ער זי ניט אָננעמען. מער ווי דאָס קען ער ניט טאָן.

נאָך דעם ווי ער דערקלערט אויספירלעך ווי די קאַטעגאָריעס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון רוים־צייט אָדער פון ריינער באַוועגונג, דערקלערט ער די דערשיינונג פון יעדער איין קאַטעגאָריע פון די אויבן אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס; ער באַמיט זיך צו באַווייזן וויאַזוי צייט, טרייבנדיק רוים, האָט זיי און נאָכדעם, די מאַטעריעלע וועלט, געשאַפן. דאָס אַלץ וועט דאָ אויסגעלאָזט ווערן; עס לאָזט זיך בשום אופן ניט סו־מירן אויף וועלכן עס איז פאַרשטענדלעכן אופן. פאַקטיש איז עס בכלל ניט פאַרשטענדלעך, ווי דר. בראָאַד און אַנדערע האָבן אויף דעם אָנגעוויזן. ווי געזאָגט, קען מען אים דערפאַר ניט באַשולדיקן; דער גאַנצער ענין איז למעלה מן השכל און, ווי פריער באַמערקט, קען מען ניט דערקלערן איין השערה מיט דער הילף פון אַ צווייטער השערה.

מיט די קאַטעגאָריעס ענדיקט זיך דער מעטאַפיזישער טייל פון זיין פילאָזאָפיע און ער גייט איבער צום עמפּירישן טייל, צו דעם טייל וואָס קומט פון דערפאַרונג, וועלכן מען נעמט אויף דורך די חושים. ער גייט איבער צו באַטראַכטן די דערשיינונג פון כאַראַקטער שטריכן (קוואַליטעטן) פון זאַכן דורך וועלכע זיי אונטערשיידן זיך איינע פון דער צווייטער און וועלכע זיינען דערשינען אינם לויף פונם עוואָלוציע פּראָ־צעס, וואָס ער און מאָרגען רופן אָן עמערגענטע עוואָלוציע.

קוואַליטעט, ווי אַ קאַטעגאָריע (אַ פונדאַמענטאַלע איגנשאַפט, וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן), איז פילאָזאָפיש שטענדיק באַטראַכט געוואָרן צווישן די קאַטעגאָריעס ווי איינע פון זיי. אַלעקסאַנדער און מאָרגען, לייגן זי אַוועק פאַרן ווינקל־שטיין פון זייער גאַנצער פילאָזאָפישער געביידע; די ענדערונג פון קוואַליטאַטיווע איגנשאַפטן אינם עוואָלוציע פּראָצעס איז דער שליסל צו זייער גאַנצער פילאָזאָפישער געביידע. דערמיט ווערט ניט פאַרמינערט איר חשיבות ווי אַ קאַטעגאָריע, פאַרקערט, איר חשיבות ווערט אומגעהייער פאַרגרעסערט; זיי טראָגן זי אָבער איבער פונם מעטאַ־פיזישן טייל פון דער פילאָזאָפיע צו דעם עמפּירישן טייל ווי אַ דער־שיינונג אין דער עמפּירישער וועלט, אין דער וועלט פון דערפאַרונג, וואָס

מאַניפעסטירט זיך דורך די חושים. ווי אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך ווערט זי פון זיי ניט באַטראַכט.

אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דעם עמפּירישן טייל פון דער פּי־לאָזאָפיע פון עמערגענטער עוואָלוציע וועט לויד מאָרגען און ניט אַלעק־סאַנדער, נאָכגעפאָלגט ווערן. אין די גרענעצן פון דער עמפּירישער וועלט פאָלגט אַלעקסאַנדער אויך נאָך מאָרגענען דערפאַר, וואָס מאָרגען, וואָס איז געווען איינער פון די באַדייטענדסטע ביאָלאָגן און פאַרגלייכונגס פּסיכאָלאָגן, האָט די איינצעלהייטן מער שטודירט און מער וועגן זיי געשריבן.

אין זייערע פונדאַמענטאַלע פילאָזאָפישע בליקן אונטערשיידן זיי זיך. אַלעקסאַנדער איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער נעאָ־רעאַליסט; ער איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל און אַ גייסטיקן טייל, און מאָרגען איז געווען געניינגט צום קריטישן רעאַליזם. ער האָט אָנגענומען אַ באַ־גרענעצטן דואַליזם, אָדער אַ מין טאָפּעלטן אַספּעקט אין דער טעאָריע פון וויסן (עפּיסטעמאָלאָגיע, דערקענטעניש לערע). ווי אַ שטרייננגער וויסנ־שאַפטלער איז ער ניט אינגאַנצן געווען געניינגט נאָכצופאָלגן אַלעקסאַנדערן אין זיינע מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס. ער ווייזט אָן וואו ער בלייבט שטיין, ווייל ער קען ווייטער מיט אים ניט מיטגיין, טראָץ דעם וואָס ער סימפּאַטיזירט מיט זיינע ספּעקולאַציעס (אַזויווי ער איז געווען אַ זייער באַגאַבטער שריפטשטעלער און האָט באַזעסן אַ גרויסע ערודיציע, און האָט זיך אָסך באַשעפטיקט מיט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע, האָט דער מחבר פון די שורות מער געלערנט פון אים וועגן אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע, ווי פון אַלעקסאַנדערן).

פאַרשטייט זיך, אַז מאָרגען איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אויסשליס־לעך דערפאַר, וואָס מיט דעם טייל פון דער עמערגענטער פילאָזאָפיע, מיט וועלכן ער באַשעפטיקט זיך אויספירלעך, באַשעפטיקט זיך אַלעקסאַנדער כמעט אינגאַנצן ניט. ער אידענטיפיצירט זיך מיט מאָרגענען. עס דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז מאָרגענס אָפּהאַנדלונג שליסט אין זיך אויך איין זיין אַלגעמיין פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט, וועט ער געגעבן ווערן; עס וועט אָבער אָנגעוויזן ווערן, אַז אין דער אינטערפּרעטאַציע אונטערשיידעט ער זיך פון אַלעקסאַנדערן. אַזוי גיך ווי דער טייל וועט דערקלערט ווערן, וועט אַלעקסאַנדער, ניט מאָרגען, נאָכגעפאָלגט ווערן.

מאָרגען דערקלערט די פילאָזאָפיע פון עמערגענטער עוואָלוציע אינם אָנהויב פון זיין בוך מיטן זעלבן נאָמען: „אימערדזשענט עוואָלושן" (עמערגענטע עוואָלוציע), ווען ער ווייזט אָן אויפן אונטערשייד צווישן עמערגענטן (ניי געקומענע) און רעזולטאַטן. אַ רעזולטאַט איז אַ נייער צוזאַמענשטעל פונם אַלטן, וואָס אַנטהאַלט אין זיך ניט קיין שום נייעס.

אַן עמערגענט באַשטייט פון אַן ענדערונג אין עפּעס, וואָס אַנט־האַלט נייעס וואָס איז אינם פריערדיקן ניט געווען. אַ ביישפּיל וועט דער־

קלערן וואָס מאָרגאַן מיינט אונטער אַן עמערגענטן נייעם: ווי מען ווייסט, באַשטייט וואַסער פון די צוויי עלעמענטן, פון הידראָגין (וואַסערשטאָף) און פון אָקסעדזשען (זויערשטאָף). לויט אירע אייגנשאַפטן (קוואַליטעטן) איז וואַסער פאַלשטענדיק פאַרשיידן פון די צוויי גאַזן פון וועלכע זי איז סינטעזירט ווי אַן עמערגענט. מאָרגאַן זאָגט: וואָס אָנבאַלאַנגט דעם שטאָף, פון וועלכן וואַסער איז סינטעזירט, שטאַמט דער שטאָף אַרויס פון די באַטרעפנדע צוויי גאַזן; וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער דער וואַסער, ווי אַ סובסטאַנץ, איז זי פאַלשטענדיק פאַרשיידן פון די גאַזן פון וועלכע זי איז סינטעזירט געוואָרן. די וואַסער איז, לויט אירע קוואַליטאַטיווע אייגנ־שאַפטן, ווי פליסיקייט, נאַסקייט און אַלע אירע פאַרשיידענע אייגנשאַפטן, אַ נייע עמערגענטע דערשיינונג. דאָס נייע, דאָס וואַסערדיקע, באַהויפּטעט ער, איז ניט נאָר ניט געווען אין די גאַזן, נאָר ס׳האָט אויך ניט געקענט פאָראויסגעזען, אָדער פאָראויסגעזאָגט ווערן. לויט זיין מיינונג איז וויפיל מען זאָל ניט אַנאַליזירן די צוויי גאַזן אויף אַלע אופנים, וועט מען פון די אַנאַליזן ניט קענען פאָראויסזען, אָדער פאָראויסזאָגן די אייגנשאַפטן פונם נייעם עמערגענטן סינטעז, פון דער וואַסער. מען וועט די אייגנ־שאַפטן ניט קענען פאָראויסזען, אָדער פאָראויסזאָגן דערפאַר, וואָס די נייע אייגנשאַפטן (קוואַליטעטן), דאָס וואַסערדיקע, באַשטייט פון אַ נייער דערשיינונג, פון אַן עמערגענט וואָס איז אין די גאַזן ניט געווען. ער האַלט, אַז אין יעדער נייער דערשיינונג אויף דער היסטאָרישער אַרענע קומט עפּעס וואָס איז פאַלשטענדיק ניי, וואָס איז אינם פריערדיקן ניט געווען. די קוואַליטעט פון דער וואַסער, לויט אירע אייגנשאַפטן, איז ניט געווען אין די גאַזן. די וואַסער איז אַנדערש לויט איר אינערלעכער שייכ׳ות און לויט איר אויסערלעכער ווירקונג. די אינערלעכע שייכות רופט ער אָן די אָרגאַניזאַציע פונם שטאָף און די אויסערלעכע שייכות באַשטייט פון די פאַרשיידענע ווירקונגען אויף דער סביבה. עס איז אַ נייע קוואַליטעט, וואָס איז פאַלשטענדיק פאַרשיידן פון דער פריערדיקער קוואַליטעט, זי איז אַ נייער עמערגענט.

פון זיין ביישפּיל קען מען זען, אַז ער נעמט אָן אַז דער עמערגענ־טער עלעמענט איז קאַטעגאָריש איינגעשלאָסן אין יעדן כימישן סינטעז פון וואָס ער זאָל ניט באַשטיין. ס׳מיינט, אַז יעדע נייע קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפט, פון וועלכן סינטעז ס׳זאָל ניט זיין, קען ניט פאָראויסגעזען, אָדער פאָראויסגעזאָגט ווערן, ווען אַפילו מען זאָל פאַלשטענדיק וויסן וועגן אַלע אייגנשאַפטן פון די עלעמענטן, אָדער אינגרידיענטן, פון וועלכע דער סינטעז איז פאָרמירט. יעדע נייע קוואַליטעט באַשטייט פון אַ קאַטעגאָ־רישער דערשיינונג וועגן וועלכער מען קען קיינמאָל גאָרניט וויסן אידער די נייע קוואַליטעט קומט.

ווי אַ דערקלערונג פון זיין שטאַנדפּונקט זאָגט ער, ער נעמט אָן וויטהעדס מיינונג, אַז אַן עלעקטראָן אין אַן אָרגאַניזם מוז ניט לויפן אויפן זעלבן אופן ווי ער לויפט אויסער דעם אָרגאַניזם. ער נעמט אָן אַן אַר־

גאַנישן בליק און ניט קיין מעכאַנישן.

עס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אין זיין אינטערפּרעטאַציע פון די עמערגענטן מאַכט ער ניט קיין אונטערשייד צווישן עמערגענטן, וועלכע זיינען נאָך איצט ניטאָ, נאָר זיי וועלן מעגלעך קומען אינם ווייטערדיקן לויף פונם עוואָלוציע פּראָצעס און אַזוינע, וועלכע זיינען שוין לאַנג סינטעזירט געוואָרן. אין ביידע פאַלן קען מען פון דעם אַנאַליז פון די עלעמענטן ניט וויסן וועגן די קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפטן פונם סינטעז. ער האַלט: איינמאָל אַן עמערגענט, שטענדיק אַן עמערגענט. דער בײַשפּיל איז גענומען געוואָרן פון זיין ערשטן בוך וועגן עמערגענטער עוואָלוציע (ער האָט אָנגעשריבן 4 ביכער וועגן דעם ענין). ער רעדט וועגן אַ סינטעז וואָס עקזיסטירט (ער נוצט ניט וואַסער פאַר אַ ביישפּיל; ער נוצט אַ ווייניקער באַקאַנטן סינטעז). אין זיין פערטן בוך נוצט ער אַ בײַשפּיל פון אַ סינטעז, וואָס זאָל איצט נאָך ניט זיין. ער זאָגט: אין די הייס־גליענדע שטערן, אין וועלכע מאַטעריע געפינט זיך אין אַ צעשמאָלצענער פאָרמע פון עלעקטראָנען און פּראָטאָנען, זיינען ניטאָ קיין אַטאָמען, אָדער מאָלעקולן; זיי זיינען דאָרט נאָך ניט סינטעזירט געוואָרן. ווען, זאָגט ער, די עלעקטראָנען און פּראָטאָנען וואָלטן באַזעסן די העכסטע אינטעליגענץ וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָלטן זיי ניט געקענט פאָראויסזען, אָדער פאָראויסזאָגן, וועגן דעם צושטאַנד פון אַטאָמען און מאָלעקולן, וואָס וועלן קומען. זיי וואָלטן עס ניט געקענט טאָן דערפאַר, וואָס די נייע קוואַליטעטן, וואָס זיי וועלן באַזיצן, איז נאָך ניטאָ. זי וועט קומען אין דער פאָרמע פון אַ נייער סובסטאַנץ.

פון די ביישפּילן זעט מען, אַז ער אונטערשיידעט ניט צווישן די עמערגענטן פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וועלכע דאַרפן ערשט קומען און צווישן אַ סינטעז וואָס איז איצט שוין פאַראַן: — איינמאָל אַן עמערגענט מיט אַ נייער קוואַליטאַטיווער אייגנשאַפט, אַלעמאָל אַן עמערגענט, ווען מענס אייגנשאַפטן קענען ניט פאָראויסגעזען, אָדער פאָראויסגעזאָגט ווערן פון די עלעמענטן, וועלכע נעמען אין אים אַנטייל. מען קען זען, אַז טעאָרעטיש איז ער פאַלשטענדיק גערעכט: — אויב די קוואַליטאַטיווע איינגשאַפט איז אַ נייע, איז זי אַלעמאָל ניי, באַטירלעך, אַז אויך אין דעם פאַל היינגט עס אָפּ פונם „אויב”, ווייל עס קען זיך אַרויסווייזן אַז די אייגנשאַפט איז ניט פאַלשטענדיק ניי און מען קען זי פאָראויסזען. אָבער וועגן דעם, וואָס איז איצט ניטאָ און מען ווייסט אָפּילו ניט צי ס'וועט קומען, קען מען גאָרניט זאָגן. וועגן עפּעס, וואָס איז פאַראַן, וואָס קען אַנאַליזירט און סינטעזירט ווערן, איז אַ געפאַר צו מאַכן דאָגמאַטישע באַהויפּטונגען. אָט האָט מען אינם סוף פונם 19טן יאָרהונדערט געמיינט, אַז מען ווייסט שוין אַלץ וועגן דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט און מער איז ניטאָ וואָס צו טאָן; איז געקומען דער 20טער יאָרהונדערט און האָט באַוויזן, אַז מען האָט גאָרניט געוואוסט. דערפאַר דאַרפן אַזוינע פראַגן בלייבן אָפן: — קיינער קען ניט וויסן, וואָס מען וועט אין דער צוקונפט

יאָ וויסן, אָדער ניט וויסן.

אַזוי ווי אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דער עמערגענטער עוואָ־לוציע, ווי זי איז געגעבן געוואָרן, איז פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונ־טערשייד צווישן מאָרגענען און אַלעקסאַנדערן, וועט אויף דעם אונטער־שייד אָנגעוויזן ווערן. די דערקלערונג וועט קלערער מאַכן די אינטער־פּרעטאַציע פון עמערגענטער עוואָלוציע בכלל. אַלעקסאַנדער, ווי אַ פילאָ־זאָף, וועמען דער אַבסטראַקטער עוואָלוציע פּראָצעס אינטערעסירט, האָט פאָרמולירט די מעטאַפיזיק פון רוים־צייט, אַז די אומרואיקייט פון צייט, דער ניסוס, האָט אינם לויף פון דער קאָסמישער געשיכטע אַלץ מיט אַלעמען געשאַפן. ער איז פאַראינטערעסירט אינם היסטאָרישן פּראָצעס, אין וועלכן, לויט זיין מיינונג, צייט איז ניט געווען קיין קאָסמישער ליידיק גייער, זי האָט אַקטיוו אַלץ באַשאַפן און, נאַטירלעך, האָט זי אויך דעם עמערגענט, וואָסער, היסטאָריש סינטעזירט ווי אַ קוואַליטאַטיוו נייע דערשיינונג. ער זאָגט גאָרניט וועגן דעם סינטעז פון וואָסער איצט, אָדער וועגן וועלכן ס'איז אַנדערן כימישן פּראָצעס איצט. דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער ענין, וואָס האָט מיט זיין פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט קיין שום שייכות ניט און איז אַפילו ניט אין איינקלאַנג מיט זיין פונדאַמענטאַלן אויסגאַנגס פּונקט, אַז צייט איז דער קרעאַטיווער פאַקטער. אין אַ כימישן פּראָצעס אין דער לאַבאָראַטאָריע שפּילט די צייט ניט קיין שום ראָלע אינם זינען זי זאָל זיין אַ קרעאַטיווער פאַקטער. פאַר אים איז דאָס קוואַליטאַטיווע, ווי אַ קאַטעגאָריע, איינמאָל פאַר אַלעמאָל היסטאָריש אַרויסגעבראַכט געוואָרן. ער זאָגט אויך גאָרניט וועגן דעם ניט קענען פאָראויסזען, אָדער פאָר־אויסזאָגן וועגן אַ סינטעז פון די עלעמענטן פון וועלכע ער ווערט שטענ־דיק סינטעזירט. מען האָט אַ רעכט אָנצונעמען, אַז פאַר אים איז עס אַן אָפענע פראַגע.

ער אונטערשיידט זיך אויך פון מאָרגענען אין זיין פילאָזאָפישער אינטערפּרעטאַציע פון דער עמערגענטער עוואָלוציע. ער זאָגט אויס־דריקלעך, אַז געוויי ווייסט ער ניט וואָס אייגנטלעך צווינגט דער צייט מיט איר ניסוס אַרויסצוברענגען נייעס. ער נעמט עס אָן מיט „נאַטירלעכער פיעטעט" און, ווי ער גיט צו, ער „בויגט דעם קאָפּ פאַרן פאַקט". עס מיינט: ער נעמט אָן דעם פאַקט און גיט צו, אַז ער קען אים ניט דערקלערן. מאָרגען האָט אַן אַנדער מיינונג; ער קאָמענטירט, אַז אים איז ליבער דער אויסדרוק נאַטירלעכע פיעטעט, ס'איז אַ ווייכערער אויסדרוק ווי אַגנאָ־סטיציזם. אים אָבער שטעלט ער ניט צופרידן. ער זאָגט: „צי ס'וועט מיר אַ טובה טאָן, אָדער ניט, איך בעם אַן גאָט, אָדער אַ געטלעכער צוועק, געפינט זיך אונטער דעם פּראָצעס". ער זאָגט, אַז פילאָזאָפיש האָט ער אַ רעכט דאָס צוצוגעבן. ווייטער דערפון גייט ער ניט. פון דעם וואָס ער דערקלערט זיך פאַר אַ נאַטוראַליסט, אַז ער נעמט ניט אָן קיין שום בראָך אין דער נאַטור, אַז איר גאַנג איז אַן איינהייטלעכער און זי מאַכט ניט קיין אויסנאַמען, קען מען זען וואָס ער מיינט מיטן ווייטער גייט ער ניט.

עס איז נאָר־וואָס אָנגעוויזן געוואָרן אויף דעם וואָס זעט אויס צו זיין אַן אונטערשייד צווישן מאָרגענס און אַלעקסאַנדערס אינטערפּרעטאַציע פון עמערגענטער עוואָלוציע. אַזוי ווי זיי ביידע ווערן געוויינטלעך גענומען צוזאַמען און זיי שטיצן טאַקע איינער דעם צווייטן ביז אַ גאַר גרויסן גראַד, וועט אָנגעוויזן ווערן אויף דעם אין וואָס זיי אונטערשיידן זיך. מאָרגען פאָלגט ניט נאָך אַלעקסאַנדערן אין זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק און אין דער ראָלע וואָס ער שרייבט צו צו צייט ווי די טרייב קראַפט פון עוואָלוציע. וואו ער בלייבט שטיין, בלייבט מיט אים שטיין דער מחבר פון די שורות.

אין דער וויטערדיקער אָפּהאַנדלונג וועט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע געענוי באַטראַכט ווערן; עס וועט פון צייט צו צייט אָנגעוויזן ווערן וואָס דער מחבר פון די שורות קען ניט אָננעמען. אַלעקסאַנדער פאַרשוויגט דאָס, וואָס זעט אויס צו זיין דער ווינקל־שטיין פון מאָרגענס אינטערפּרעטאַציע, אַז די נייע קוואַליטעט קען ניט פאָראויסגעזען, אָדער פאָראויסגעזאָגט ווערן, ווען מען איז אַפילו באַקאַנט מיט אַלע כאַראַקטער אייגנשאַפטן פון די אינגרידיענטן, פון וועלכע דאָס נייע ווערט סינטעזירט. וועגן דעם איז פריער געמאַכט געוואָרן אַ באַמערקונג, אַז דאָס וואָס מען ווייסט איצט ניט, איז ניט קיין באַווייז, אַז מען וועט עס אויך אין דער צוקונפט ניט וויסן און איבערהויפּט דאַרף מען ניט מאַכן קיין דאָגמאַטישע באַהויפּטונגען וועגן דער צוקונפט, צי מען וועט עפּעס יאָ, אָדער ניט וויסן.

מאָרגען איז באַטראַכט געוואָרן פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלער אין דער לעצטער צייט; מען האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער איז אַ פאַכמאַן אין יעדן איין קעגנשטאַנד וואָס מען לערנט אין אַן אוניווערזיטעט. מען קען אים ניט אָוועקמאַכן מיטן האַנט אַפילו ווען מען קען אים ניט נאָכגיין אין זיין אינטערפּרעטאַציע. ער האָט אָנגעשריבן פיר ביכער אין וועלכע ער דערקלערט זיין שטאַנדפּונקט. צוויי ביכער באַשטייען פון די גיפאָרד לעקציעס און צוויי ביכער באַשטייען פון אומדירעקטע ענטפערס אויף פאַרשיידענע קריטיקן. דער מחבר פון די שורות האָט געענוי שטודירט אַלע פיר ביכער און ער זעט נאָך אַלץ ניט אויף וואָס מאָרגען באַזירט זיין פילאָזאָפישע מיינונג, אַז אַ קוואַליטעט פון אַ סינטעז איז אַלעמאָל ניי. די פראַגע איז אַן איינפאַכע: אויב די גאַנץ, פון וועלכע וואַסער איז סינטעזירט, אַנטהאַלטן אין זיך ניט די קוואַליטעט פון דער וואַסער, איז פון וואַנען קומט די קוואַליטעט, דאָס וואַסערדיקע אין דער וואַסער אין דעם געגעבענעם ביישפּיל? דאָס איז אַ פראַגע וואָס דאַרף איבערגעלאָזט ווערן פאַר דער וויסנשאַפט צו לייזן און, האָפּענטלעך, וועט זי זי לייזן. דערפאַר נעמט דער מחבר פון די שורות ניט אָן מאָרגענס דאָגמאַטישע באַהויפּטונג, אַז מען קען ניט פאָראויסזען אָדער פאָראויסזאָגן אַ סינטעז ווען מען האָט די אינגרידיענטן צוזאַמען מיטן סינטעז.

אין דער ליכט פון דעם ברייטערן פּערספּעקטיוו נאָך מאָרגענס

אינטערפּרעטאַציע פון דער עמערגענטער עוואָלוציע און דער קורצער איבערבליק וועגן ספּענסערס און בערגסאָנס פילאָזאָפיע פון עוואָלוציע, וועט זיין לייכטער נאָכצופאָלגן אַלעקסאַנדערן אין זיינע דערקלערונגען. צופיל לייכט וועט ער אויך אינם ווייטערדיקן ניט זיין. כדי אים מאַכן נאָך לייכטער, וועט אַ קורצע איבערחזרונג געגעבן ווערן.

ער הייבט אָן בויען זיין וועלט געביידע פון רוים־צייט, וואָס ער רופט אויך אָן ריינע באַוועגונג. פון דעם מאַטעריאַל, מיט דער הילף פון אַ ניסוס (שטרעבונג), לייגט ער אַוועק די גרונטלאַגן פון דער וועלט געביידע, די אַזוי אָנגערופענע קאַטעגאָריעס, די אייביקע שייכותן און שטריכן, וועלכע קומען צוזאַמען מיט די זאַכן און דערשיינונגען פון דער עמפּירישער קאָנקרעטער וועלט. נאָך די קאַטעגאָריעס גייט ער איבער צו די זאַכן און דערשיינונגען, וואָס באַזיצן קוואַליטעטן; זיי זיינען צייט־ווייליקע, זיי קומען און פאַרשווינדן און זייערע קוואַליטעטן ענדערן זיך לויטן עמערגענטן עוואָלוציע פּראָצעס. דער פריער געבראַכטער ביישפּיל וועגן דער ענדערונג פון די צוויי גאַזן אויף וואַסער וועט עס אילוסטרירן. דער שטאָף פון די צוויי גאַזן (הידראָגין און אָקסעדזשן) איז אין דער וואַסער דערזעלבער ווי אין די גאַזן, די ענדערונג איז אין דער סוב־סטאַנץ, אין דער קוואַליטעט, אין דער אייגנשאַפט פון וואַסער, וואָס איז פאַלשטענדיק פאַרשיידן פון די אייגנשאַפטן (קוואַליטעטן) פון די גאַזן. אין יעדן נייעם עמערגענט, אין יעדער נייער דערשיינונג, איז דער רויער שטאָף דער זעלבער וואָס פריער, די ענדערונג איז אין דער קוואַליטעט, אין די נייע אייגענשאַפטן פונם דערשיינענעם: — ווי די וואַסער און די גאַזן אילוסטרירן עס.

לויט אַלעקסאַנדערן זיינען די פאַרשיידענע דערשיינונגען און ענדערונגען, אַ רעזולטאַט פון לאָקאַלע באַוועגונגען אין דער ריינער באַוועגונג. ער זאָגט: „הגם פאַקטיש איז יעדע עמפּירישע עקזיסטענץ (יעדע זאַך) אַ וועלכע עס איז פאָרמע פון באַוועגונג; עס איז דער אופן פון דער באַוועגונג גופא וואָס מאַכט די באַשטימטע עקזיסטענץ עמפּיריש... וואָס אָנבאַלאַנגט דער באַוועגונג גופא, אָדער דעם רוים, אָדער דער צייט, זיינען די דערשיינונגען אַ פּריאָרי, זיי זיינען ניט עמפּיריש (זיי קומען ניט פון דערפאַרונג). אין דערווירקלעכקייט איז די קאַטעגאָריע פון באַוועגונג ניט מער ווי אַן אַנדער אויסדרוק פונם פאַקט, אַז יעדע איין עקזיסטענץ איז אַ טייל פון רוים־צייט... פון דעם קען מען זען, אַז באַ־וועגונג געפינט זיך אויף דער ליניע פונם גרענעץ צווישן דעם קאַטעגאָרישן און דעם עמפּירישן רעגיען", וואָס דאַרף מיינען: באַם וואָרצל, אָדער קוואַל.

ער איז געוויס גערעכט אין דעם עניגמאַטישן אויסצוג; עס פאָדערט זיך אָבער אַ פּירוש זיין אינהאַלט זאָל ווערן פאַרשטענדלעך. קאָלירן און קלאַנגען ווערן אויפגענומען דורך די חושים; זיי זיינען עמפּירישע עמער־גענטן לויט זייערע קוואַליטעטן (קאָלירן און קלאַנגען). אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אַ רעזולטאַט פון באַשטימטע באַוועגונגען. די באַוועגונגען

זיינען פאַרשיידן פון די קאָלירן און קלאַנגען, וועלכע זיי ברייננען אַרויס. די באַוועגונגען גופא זיינען אַ פּריאָרי, עס מיינט, זיי קומען ניט פון דערפאַרונג; זיי זיינען קאַטעגאָריש און רעדוצירן זיך צו דער אורשפּרונג־לעכער רוים־צייט. אין זיין אייגענער שפּראַך דערקלערט ער, אַז: „ס'איז פאַראַן אַ באַוועגונג־קוואַליטעט, ווי ס'איז פאַראַן אַ רויטקייט און זיסקייט... ווען אָבער אַלע אַנדערע עמפּירישע קוואַליטעטן זיינען פאַרבונדן מיט באַוועגונג, איז די קוואַליטעט באַוועגונג ריין צייט־רוימלעך".

אויך דאָס איז פון זיין שטאַנדפּונקט ריכטיק; עס פאָדערט אָבער אויך אַ פּירוש. אַלעקסאַנדער, ווי אַ נעאָ־רעאַליסט, האָט אָנגענומען, אַז אַלץ געפינט זיך אין דער נאַטור ניט אין דעם מענטשן; די קאָלירן און קלאַנגען זיינען אין דער נאַטור, ווי די באַוועגונגען פון וועלכע די קאָלירן און קלאַנגען זיינען אַ רעזולטאַט. ער האָט איינגעשטימט מיט ווייטהעדן, אַז די רויט־גליענדע שטראַלן פון דער פאַרגייענדער זון זיינען אַזוי גוט אין דער נאַטור, ווי די עלעקטראָנען און פּראָטאָנען, פון וועלכע זיי ווערן פאָרמירט. ער האָט אָבער אין דער זעלבער צייט געדאַרפט דערקלערן, אַז קאָלירן און קלאַנגען זיינען עמפּירישע דערשיינונגען, זיי קומען און פאַרגייען, און די באַוועגונגען, וועלכע פּראָדוצירן זיי, זיינען ניט קיין עמפּירישע דערשיינונגען.

ווי אַ רעאַליסט, אַ מעטאַפיזיקער, וואָס האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפישן סיסטעם, האָט ער געהאַט אַ היפּש ביסל שווערע פּראָבלעמען צו לייזן. דאָ שטייט ער ביי איינעם פון זיינע שווערסטע פּראָבלעמען: — ער דאַרף דערקלערן דעם איבערגאַנג פונם מעטאַפיזישן טייל פון זיין פילאָזאָפיע צום עמפּירישן טייל; ער דאַרף באַווייזן ווי רוים־צייט, ווי ריינע באַוועגונג און די קאַטעגאָריעס, האָבן אין לויף פון צייט אַרויסגעבראַכט (עמער־גענט) די פאַרשיידענע זאַכן אין דער וועלט. צו ערשט דאַרף ער אָנווייזן ווי פון באַוועגונג, וואָס קען נאָר אַנאַליזירט ווערן קוואַנטיטאַטיוו (ווי שנעלקייט פון לויף), זיינען דערשינען קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפטן, ווי פאַרשיידענע קאָלירן, קלאַנגען און אַז. וו. געוויס איז דאָ פאַראַן עפּעס קאַטעגאָרישעס, וואָס קען ניט דערקלערט ווערן. ער מאַכט אָבער אַ פאַרזוך עפּעס צו דערקלערן און זיינע דערקלערונגען זיינען אַ היפּש ביסל שווערלעך פּשוט דערפאַר, וואָס זיינע דערקלערונגען באַשטייען פון אַב־סטראַקטע ספּעקולאַציעס אָן וועלכן עס איז קאָנקרעטן ביישפּיל, וואָס זאָל געבן אַ בילדלעכן באַגריף. אָט ווי ער דערקלערט די דערשיינונג פון קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפטן פון באַוועגונגען (קוואַנטיטעטן). ער זאָגט: „ווען מען האָט אין זינען, אַז אַלע עקזיסטירענדע זאַכן, אָן וועלכן עס איז אונטערשייד וואָס פאַר אַ קוואַליטעטן זיי זאָלן ניט באַזיצן, באַשטייען אין לעצטן אַנאַליז פון קאָמפּלעקסן פון באַוועגונגען, מעגן מיר באַטראַכטן ענדערונג פאַר אַ פאָרמע פון באַוועגונג אין וועלכער איין ריי פון באַ־וועגונגען פאַרבייט אַ צווייטע, וועלכע איז אויך אַ רעזולטאַט פון באַוועגונג. מען קען עס דערקלערן אויפן אופן ווי איין באַוועגונג זאָל זיך געפינען אין

אַ צווייטער באַוועגונג. דער כאַראַקטער פון די איבערגאַנגס באַוועגונגען קען זיין פאַרשיידן אין באַזונדערע פאַלן. ווי איין געדאַנק קען פירן צו אַ צווייטן, אַזוי איז די באַוועגונג אַ דערפאַרונג פון אַ דירעקטן איבערגאַנג פון צוויי באַוועגונגען. אין יעדן איין פאַל האָבן מיר ניט נאָר דעם אונטערשייד, נאָר אויך אַ באַוועגונג, וועלכע ענדערט זיך דורך אונטערשטעלן איין עמפּירישן צושטאַנד אויפן פּלאַץ פון אַ צווייטן. דער שלוס איז, אַז די ענדערונג איז ניט קיין קאַטעגאָרישע נאָר אַן עמפּירישע".

צופיל קלאָר איז עס געוויס ניט; דער צענטראַלער געדאַנק איז, אַז ענדערונג, אין וואָס די ענדערונג זאָל ניט באַשטייק, באַלאַנגט צו דער עמפּירישער וועלט, צו דער וועלט פון דערפאַרונג וואָס מען קריגט דורך די חושים און ניט צו דער קאַטעגאָרישער וועלט (מעטאַפיזיק), וואָס שטאַמט ניט פון דערפאַרונג.

דער איבערגאַנג פון מעטאַפיזישער ספּעקולאַציע צו דער קאָנקרעטער וועלט פון דערשיינונגען מיט דער הילף פון מאַניפּולירן פאַרשיידענע באַוועגונגען איז אַ היפּש שווערער ענין. פאַר אים, וואָס איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסטישער רעאַליסט, איז די ספּעקולאַציע געווען זייער וויכטיק; מען קען זאָגן, זי איז געווען באַשטימענד פאַר זיין פילאָזאָפיע. ער האָט געדאַרפט באַווייזן וויאַזוי קוואַליטעטן זיינען אַנטשטאַנען אין אַ מידיאום פון באַוועגונגען, וויאַזוי אַן ענדערונג איז פאַרגעקומען פון קוואַנטיטעט אויף קוואַליטעט. אין דעם האָט ער זיך טיילווייז אַרויסגעהאָלפן מיטן צויבער וואָרט עמערגענטע עוואָלוציע; דער טערמין אָבער אַליין פירט צו אַגנאָסטיציזם און ניט צו קיין פילאָזאָפישן סיסטעם. אום צו פאָרמירן אַ סיסטעם האָט ער געמוזט אפּערירן מיט אידייעס און, וואו מעגלעך, אויך מיט פאַקטן. דאָס האָט ער געטאָן מיט אויסערגעוויינטלעכער פּינקטלעכקייט.

ווי אַ סיסטעם בויער איז ער געווען היפּטזעכטלעך פאַראינטערעסירט צו דערקלערן די פילאָזאָפיע פון עמערגענטער עוואָלוציע ווי אַ גאַנצע און ניט מיט אירע איינצעלנע דעטאַלן, אָדער נואַנסן. דאָס ניי דערשיינענע איז פאַר אים, ווי פאַר לויד מאָרגענען, באַשטאַנען אין אַ נייער קוואַליטעט, וואָס איז אַנדערש פונם פריערדיקן, טראָץ דעם וואָס ס'באַשטייט פונם זעלבן שטאָף ווי דאָס פריערדיקע. די נייע קוואַליטעט איז אַ רעזולטאַט פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע פונם אַלטן שטאָף. עס איז ניי אינם זינען וואָס די עמערגענטע קוואַליטעט איז ניט געווען אינם פריערדיקן.

אין קורצן איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן ווי אַלעקסאַנדער פלייסט זיך צו באַווייזן וויאַזוי קוואַליטאַטיווע כאַראַקטער אייגנשאַפטן, וועלכע קומען און פאַרשווינדן, זיינען ווי עמערגענטן געקומען מיט קאַטעגאָריעס וואָס זיינען פּערמאַנענט.

עס איז איינע פון די פונדאַמענטאַלסטע פּראָבלעמען. אויף דער פראַגע צי ס'איז אים געלונגען צו דערקלערן דאָס, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו דעמאָנסטרירן, איז דער ענטפער: עס איז אים גע־

לונגען ביז אַ באַשטימטן גראַד. ווען מען פאַרזעט די שווערקייטן, אויב ניט די אוממעגלעכקייטן, וויאַזוי פון באַוועגונגען, וואָס קענען בלויז אַנאַליזירט ווערן קוואַנטיטאַטיוו לויט דער שנעלקייט פון די באַוועגונגען, זיינען אַנטשטאַנען קוואַליטעטן (ווי קאָלירן, קלאַנגען און אז. וו.), וועלכע ווירקן אויף די חושים. ווען מען פאַרזעט די דאָזיקע שווערקייטן, איז מען גענייגט אים נאָכצופאָלגן. שטעלט מען זיך אָבער אָפּ אויף די שווע־ריקייטן, קען מען ניט זיין אַזוי זיכער; מען קען נאָר זאָגן, אַז אים איז, מעגלעך, מער געלונגען ווי אַנדערע פאַר אים.

דער פּראָבלעם, וואָס ער האָט געוואָלט און געמאַכט אַ פּאַרזוך צו לייזן, איז אַזוי אַלט ווי דער פילאָזאָפישער דענקען איז אַלט. פּלאַטאָן האָט אים געפּרוּווט לייזן מיט זיין אידייען לערע; אַריסטאָטל האָט אים געוואָלט לייזן מיט דער מאַטעריע פאָרמע קאָמבינאַציע. ספּינאָזע האָט זיך אונטער־גענומען אים צו לייזן מיט דער הילף פון אַטריבוטן און מאָדוסן אינטער־פּרעטאַציע. דזש. לאָק האָט זיך אונטערגענומען אים צו לייזן מיט דער הילף פון אידייעס אינם פאַרשטאַנד. קאַנט און די אידעאַליסטישע פילאָ־זאָפן נאָך אים, האָבן אים געוואָלט לייזן דורך דעם וואָס זיי האָבן איבער־געטראָגן די גאַנצע רעאַליטעט צום פאַרשטאַנד גופא. אין דער לעצטער צייט האָט דער פילאָזאָף, סאַנטיאַנאַ, אויפגעלעבט די עסענצן און דר. בראָאַד און אַנדערע, האָבן אים געוואָלט לייזן מיט דער הילף פון „סענזאָ", וואָס דאָס זאָל ניט מיינען. און ווייטהעד איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געשאַפן אַ נייע טערמינאָלאָגיע פון „אָביעקטן" און „עווענטס", אַז די טערמינאָלאָגיע זאָל אים העלפן לייזן דעם פּראָבלעם, וואָס די אַלטע טערמינאָלאָגיע האָט ניט געקענט לייזן. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז ניט קיין פראַגע וועגן אַ געענדערטער טערמינאָלאָגיע, נאָר וועגן אונטער־שטעלן נייע באַגריפן.

די פאַרשיידענע דערקלערונגען, אויף וועלכע עס איז נאָר וואָס אָנגעוויזן געוואָרן, כדי צו לייזן דעם פּראָבלעם, זיינען אַסך שווערער און ווייניקער צופרידנשטעלענד ווי אַלעקסאַנדערס אינטערפּרעטאַציע. דער־פאַר הערט מען זיך צו צו זיינע מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס. ער איז דער איינציקער, וואָס האָט פאַרמירט אַן אויסגעהאַלטענעם פילאָזאָפישן סיסטעם אין דער לעצטער צייט אויף אַ רעאַליסטישן פונדאַמענט.

נאָך דעם ווי ער ווערט פאַרטיק מיט דער דערקלערונג וועגן די קוואַליטעטן, ווי עמפּירישע דערשיינונגען, וואָס ענדערן זיך, זיי קומען און פאַרשווינדן, אַנטשטייט די פראַגע: וואָס, אייגנטלעך, ענדערט זיך? אָדער: וואָס קומט און פאַרשווינדט? קוואַליטעטן, אין וואָס זיי זאָלן ניט באַשטיין (קאָלירן, קלאַנגען און אַז. וו.), קענען דאָך ניט הייגגען אין דער לופטן?

אומדירעקט איז אויף דער פראַגע געגעבן געוואָרן אַן ענטפער ווען די עמערגענטע עוואָלוציע איז באַטראַכט געוואָרן לויט מאָרגענען. דאָרט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז די קוואַליטאַטיווע ענדערונגען

קומען פאַר אין דער סובסטאַנץ. מאָרגען איז אָבער ניט געווען קיין מעטאַפיזיקער איז ער געבליבן שטיין ביי דער עמפירישער וועלט. אַלעקסאַנדער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער; ער האָט געדאַרפט דערקלערן פון וואַנען די אַזוי אָנגערופענע סובסטאַנץ איז אַריינגעקומען אין דער עמפירישער וועלט. ער גיט אָפּ צען זייטן צו דערקלערן וויאַזוי די פאַרמירטע סובסטאַנץ מיט די קוואַליטעטן, ווי אַ טייל פון רוים, ווערט אָפּגעטיילט פונם גאַנצן רוים. ער זאָגט: „די סובסטאַנץ ווערט צוגעשטעלט פון רוים (פאַקטיש פון רוים־צייט) אין וועלכער די קוואַליטעטן זיינען אַראַנזשירט. יעדע איין קוואַליטעט איז איינגעשלאָסן אין דער סובסטאַנץ דערפאַר, וואָס זי איז אין דער אינערלעכקייט פון רוים און זי (די קוואַליטעט) פאַראייניקט די סובסטאַנץ".[1]

אין זיין הויפּט פילאָזאָפישן ווערק איז ער זייער טעכניש, איז שווער צו זאָגן וואָס ער מיינט אונטערן טערמין סובסטאַנץ. אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן קונסט, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַסך יאָרן שפּעטער, דערקלערט ער זיין מעטאַפיזיק גאַנץ איינפאַך. ער זאָגט: „עס ווערט אין דער אַרבעט פאַרגעשלאָגן, אַז דער פונדאַמענטאַלער שטאָף פון דער וועלט איז צייט־רוים גופא, וועלכע פיזיקער נעמען אָן ניט בלויז ווי אַ כלי פאַר זאַכן און אויך ניט פאַר אַ בלויזער פאָרמע פון פסיכיק; נאָר עפּעס מער אָדער ווייניקער פיזישעס. איך וואָג אָנצונעמען אַז די מאַטעריע, וועלכע פיזיקער פאָסטולירן ווי אַ צוגאָב צו צייט־רוים, איז ניט דאָס פונדאַמענטאַלסטע נאָר (ווי מאַטעריע) האָט זי אַליין אַרויסגעשטאַמט פון צייט־רוים. אַזאַ שטאָף (ווי צייט־רוים) ,קען אויך אָנגענומען ווערן, איז באַוועגונג... די אורשפּרונגלעכע באַוועגונג איז ניט קיין באַוועגונג פון מאַטעריעלע טיילן; די מאַטעריעלע טיילן קומען ערשט שפּעטער".[2]

אינם ציטירטן ברייננגט ער אַרויס, אַז צייט־רוים רופט פון זיך אַליין אַרויס באַוועגונג אָדער, אַז צייט־רוים איז אַליין באַוועגונג אין דער פאָרמע פון זיך אַליין ענדערן און פון זיך גופא אַרויסברייננגען די מאַטעריעלע וועלט (עווענט). ער נוצט ווייטהעדס טערמינאָלאָגיע און רופט עס אַן „עווענט" (פאַסירונג): די אַזוי אָנגערופענע פאַסירונג באַשטייט פון אַן אָרגאַניזאַציע אין אַ פונקט פון צייט־רוים. מיט דער הילף פון ווייטהעדס טערמינאָלאָגיע מאַכט ער אַ פאַרזוך צו פאַרבינדן זיין פילאָזאָפיש קוואַליטאַטיוון צוגאַנג צו דער וועלט, וויאַזוי די מענטשלעכע חושים נעמען זי אויף, מיטן פיזיקערס קוואַנטיטאַטיוון צוגאַנג צו די דערשיינונגען פון דער וועלט, ווי אַ דינאַמישע פאַרהעלטעניש צווישן זאַכן (עווענטס) דינאַמיש פאַר זיך און דער מענטש איז ניט מער ווי אַ באַאָבאַכטער פון די פאַסירונגען; ער רעגיסטרירט זיי בלויז.

דאָ בעט זיך אַ דערקלערונג וואָס וועט העלפן עס צו פאַרשטיין.

---

[1] באַנד 1, ז. 272.

[2] זע „אַרטיסטיק קריאיישן ענד קאָסמיק קריאיישן".

אינם אָנהויבן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט (גאַליליי־ניוטאָן) זיינען די צוויי צוגאַנגען, דער פילאָזאָפישער צוגאַנג צו דער וועלט ווי זי איז ווי אַן אַבסאָלוטע רעאַליטעט (אָנטאָלאָגיע) און דער פיזיש־מאַטעמאַטישער צוגאַנג צו שטודירן בלויז די פאַרהעלטענישן צווישן קערפּערס ווען זיי באַוועגן זיך (דער וויסנשאַפטלעכער צוגאַנג צו דער דינאַמיק אין דער וועלט), צעטיילט געוואָרן.

דער פילאָזאָפישער צוגאַנג קען אָנגערופן ווערן אַ קוואַליטאַטיווער; דער פילאָזאָף וויל זיך דערגרונטעווען צו דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט און וויל וויסן פון וואָס זי באַשטייט, און דער צווייטער צוגאַנג קען אָנגערופן ווערן דער קוואַנטיטאַטיווער, אָדער וויסנשאַפטלעכער, וואָס שטודירט די געזעצן פון באַוועגנדע קערפּערס. (אין אָנהויב פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט איז די טיילונג געווען וויכטיק; איצט איז זי אַ שטערונג).

מען קען זען, אַז ס'איז פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן די צוויי צוגאַנגען צו דער וועלט. דאָס, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע פאַרן פילאָזאָף ווען ער וויל פאַרשטיין אין וואָס די רעאַליטעט באַשטייט (אָנטאָלאָגיע), קען איגנאָרירט ווערן פון דעם פיזיש־מאַטעמאַטישן וויסנ־שאַפטלער ווען ער שטודירט די דינאַמישע געזעצן פון די זיך באַוועגנדע קערפּערס.

ווען ס'וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פילאָזאָף האָט געמאַכט אַ טעות אינם עצם פון דער רעאַליטעט; די רעאַליטעט איז אינגאַנצן אַנ־דערש, ווי ער האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, וואָלט זיין ספּעקולאַטיווע מיינונג פאַרלאָרן װעלכן עס איז ווערט. פאַרן וויסנשאַפטלער וואָלטן די פאַר־העלטענישע, אָדער געזעצן, געבליבן די זעלבע.

פונדעסטוועגן קענען די צוויי צוגאַנגען ניט אָפּגעטיילט ווערן איינער פונם צווייטן; זיי זיינען פאַרקניפּט און פאַרבונדן צווישן זיך, זיי דערגאַנצן איינער דעם צווייטן. ווייטהעד האָט פאָרגעשלאָגן אַ צוטראָט צו דער וועלט, וואָס וואָלט אין זיך איינגעשלאָסן ביידע צוגאַנגען; עס וואָלט זיך אָבער געפאָדערט פאַלשטענדיק ענדערן דעם באַגריף וועגן זאַכן און דערשיי־נונגען. ער האָט אַפילו געשאַפן אַ ספּעציעלע טערמינאָלאָגיע פאַר דעם צוועק. זיין ענדערונג איז אַזאַ ראַדיקאַלע, אַז ס'גלויבט זיך ניט מען זאָל ביז איצט געווען מאַכן אַ טעות אינם באַגריף וועגן זאַכן און אין זייערע פאַרהעלטנישע.

זיין פאָרגעשלאָגענע ענדערונג איז ניט אָנגענומען געוואָרן; מען באַנוצט זיך אָבער אָפט מיט זיין איגנאָרטיקער טערמינאָלאָגיע; עס מיינט, אַז מען רעכנט זיך פאָרט מיט זיינע ספּעקולאַציעס. די באַמערקונגען וועלן אַרויסהעלפן אין דער ווייטערדיקער אָפּהאַנדלונג.

ביז איצט איז די פילאָזאָפיע פון דער עמערגענטער עוואָלוציע באַטראַכט געוואָרן פונם קוואַליטאַטיוון שטאַנדפּונקט ווי זאַכן ענדערן זיך. איצט וועט דאָס עמערגענטע געגעבן ווערן ווי דער וויסנשאַפטלער זעט עס און דערקלערט עס. עס וועט געגעבן ווערן מער ווי אַלעקסאַנדער האָט

וועגן דעם; עס וועט אָבער זיין אַסך וויניקער ווי מאָרגען זאָגט וועגן דעם ענין.

די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט אָפערירט איצט מיט עלעקטרישע אַנרעגונגען, מען באַטראַכט עס פאַר אַ נייער וויסנשאַפט. די וויסנשאַפט ווערט אָנגערופן וואַלן מעכאַניק; בלויז מאַטעמאַטישע פיזיקער פאַרשטייען גענוי דעם מיין פון די ווערטער. זיי אָפערירן אויך מיט באַגריפן וועגן אַקטיווע רוים צענטערן, וואָס דאָס זאָל ניט מיינען. דער אַלגעמיינער עולם האָט וועגן דעם אַלעמען ניט דעם קלענסטן באַגריף: — ער הערט וועגן עלעקטראָנען און פראָטאָנען, אַז זיי באַשטייען פון עלעקטרישע אַנרע־גונגען, און ער דענקט ער ווייסט וואָס ס׳מיינט.

עס וועט איבערגעגעבן ווערן אין קורצן וואָס דער מחבר פון די שורות האָט געלייענט וועגן דעם. דער הידראָגין אַטאָם באַשטייט פון אַן אָרגאַניזאַציע פון צוויי עלעמענטן (אַן עלעקטראָן און אַ פּראָטאָן). דער הידראָגין אַטאָם ווערט באַטראַכט פאַרן ערשטן עמערגענט; דער גאַז הילִיאָם באַשטייט פון אַ העכערער אָרגאַניזאַציע; ער האָט מער ווי צוויי פונדאַמענטאַלע עלעמענטן. די שווערערע אַטאָמען אַנטהאַלטן אין זיך אַ גרעסערע צאָל עלעמענטן, וואָס זיינען קאָמבינירט אויף אַ קאָמפּליצירטן אופן (פיזיקער דערמאָנען אויך אַנדערע פונדאַמענטאַלע עלעמענטן אינם אַטאָם, ווי ניוטראָנען, פּאָטאָנען און אז. וו.).

די פאַרשיידענע שווערערע אַטאָמען זיינען העכערע עמערגענטן. ווען מען גייט העכער אין דער ריכטונג פון דער עמערגענטער עוואָלוציע, מען נעמט צוויי אָקסידזשען אַטאָמען און מען סינטעזירט זיי מיט איין ציליקאָן אַטאָם, קריגט מען אַ העכערן עמערגענט, זאַמד, וואָס איז ווי אַ סובסטאַנץ פאַרשיידן פון אָקסידזשען און ציליקאָן. ווען מען סינטעזירט דריי מאָלע־קולן פון „ציליקאָן דיאָקסייד" קריגט מען קרעמען, וואָס איז לויט דער קוואַליטעט אַנדערש פון זאַמד. אין דעם געגעבענעם ביישפּיל זיינען די עלעמענטן די זעלבע; דער אונטערשייד איז אין דער צאָל פון די עלעמענטן און אין זייער אָרגאַניזאַציע.

פון דעם ביישפּיל קען מען זען ווי אַן אונטערשייד אין דער צאָל פון די עלעמענטן און אין זייער אָרגאַניזאַציע, פאָרמירט אַ נייעם סוב־סטאַנץ (עמערגענט) מיט נייע אייגנשאַפטן, אַ נייע קוואַליטעט. ווייטהעד און מאָרגען מיט אים, גלויבן, אַז מעגלעך, די עלעמענטן גופא ענדערן זיך, ווען די צאָל פון די עלעמענטן און זייער אָרגאַניזאַציע, ווערט גע־ענדערט. אויב דאָס לעצטע איז ריכטיק, קען עס זיין אַ גרונט פאַרוואָס אַ נייער עמערגענט זאָל ניט קענען פאַראויסגעזען, אָדער פאַראויסגעזאָגט ווערן: פאַרן פשוטן טעם וואָס דער פונדאַמענטאַלער עלעמענט ענדערט זיך און דערפאַר דערשיינט אַ נייע קוואַליטעט. נאַטירלעך, אַז מען זאָל ניט קענען וויסן וועגן דער נייער קוואַליטעט איידער דער עלעמענט גופא האָט זיך געענדערט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ריינע ספּעקולאַציע.

אין די גרענעצן פון דער אומאָרגאַנישער וועלט איז ניטאָ קיין

גרויסע שווערקייטן וועגן דעם כאַראַקטער פונם קאָסמישן עוואָלוציע פּראָצעס. אַפילו די, וועלכע נעמען ניט אָן דעם עמערגענטן שטאַנדפּונקט, באַקעמפן אים ניט איבעריק. זיי זיינען, אַזוי צו זאָגן, גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין. דער שטרייט הייבט זיך אָן אַזוי גיך ווי מען פּראָבירט צו פאַראייניקן די אומאָרגאַנישע וועלט מיט דער אָרגאַנישער וועלט ווי אַן איינהייט אין דעם קאָסמישן עוואָלוציע פּראָצעס. אויף דעם גרענעץ צווישן דעם אומאָרגאַנישן און דעם אָרגאַנישן, אַנטשטייט אַ העפּטיקער קאַמף צווישן פאַרטיידיקער פון קעגנזעצטע שטאַנדפּונקטן. די קעגנער פונם איינהייטלעכן עוואָלוציע פּראָצעס האַלטן, אַז לעבעדיקע אָרגאַניזמס זיינען אַזוי פאַרשיידן פון דער טויטער וועלט, אַז מען קאָן זיי קיין פאַל ניט באַטראַכטן צוזאַמען ווי איין גאַנצעס אינם עוואָלוציע פּראָצעס.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגענומען אַן איינהייטלעכן עמערגענטן שטאַנד־פּונקט אויף דער גאַנצער ליניע. אין זיינע ווערק האָט ער זיך אָבער ניט באַשעפטיקט מיט קיין איינצעלהייטן. ער האָט צוגעגעבן, אַז זיין פריינט מאָרגען איז מער קאָמפּעטענט פון אים צו דערקלערן די איינצעלהייטן פונם עמערגענטן עוואָלוציע פּראָצעס. מאָרגען, ווי פריער באַמערקט, האָט אָנגעשריבן פיר ביכער און אַ צאָל אַרטיקלען אין וועלכע ער דער־קלערט זיין שטאַנדפּונקט. ער זאָגט אויסדריקלעך, אַז ער זעט נישט קיין שום באַרעכטיקונג וואָס זאָל דערלויבן צו מאַכן אַ בראָך צווישן דער אומאָרגאַנישער און אָרגאַנישער וועלט. ער נעמט אָן, אַז די נאַטור איז איינהייטלעך אויף דער גאַנצער ליניע; זי האָט אין זיך ניט קיין פּלאַץ פאַר אַן איבערנאַטירלעכן, אָדער אויסער נאַטירלעכן פאַקטער. אויף דעם אופן ווי ס'איז דערשינען וואַסער פון צוויי גאַזן, אויף דעם זעלבן אופן איז פאָרגעקומען די פאַרמירונג פון לעבעדיקע אָרגאַניזמס אין דער אומ־אָרגאַנישער וועלט. ער האָט דערקלערט דעם פּראָצעס פון דער עמער־גענטער עוואָלוציע אין די גרענעצן פון זיינע פאָרשונגען, אין די ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן. זיי האָבן אים ניט צוגעפירט צום סאַמע אָנהויב פון דער גרענעץ ליניע וואו די אומאָרגאַנישע וועלט ענדיקט זיך און די אָרגאַנישע וועלט הייבט זיך אָן, האָט ער דעם פונדאַמענטאַלן טייל אויסגעלאָזט; דער טייל ליגט אויסער דער גרענעץ פון זיין פאַך.

דער פּראָבלעם וועגן דעם אַרויסשטאַם פון דער אָרגאַנישער וועלט פון דער אומאָרגאַנישער איז ביז דער לעצטער צייט געווען דער שווער־סטער פאַר ביאָלאָגישע כימיקער און פיזיאָלאָגן צו לייזן. אין דער לעצטער צייט האָבן וויסנשאַפטלער געמאַכט אַזוינע אַנטדעקונגען אין דער מיקראָ־ביאָלאָגישער וויסנשאַפט, אַז אַסך וויסנשאַפטלער האַלטן, אַז דער פּראָ־בלעם איז שוין אַ געלייזטער. עס וועט דאָ געגעבן ווערן די מיינונג פון אַ פאַכמאַן אויף דעם געביט. זיין מיינונג איז ספּעציעל וויכטיק דערמיט וואָס ער האָט זי אַרויסגעזאָגט אין די גיפאָרט לעקציעס וואָס דאַרפן זיין פריינטלעך צו רעליגיע.

אין זיין ווערק „מען אָן היס נייטשור“ (די מענטשלעכע נאַטור) זאָגט

דער נאָבעל פּריז געווינער, שערינגטאָן: „ווען מען נעמט לעבן אינם ברייטן זינען פון וואָרט קומט אין דעם ניט פאָר קיין שום זאַך וואָס זאָל זיין פאַרשיידן פון אַנדערע ענערגיע סיסטעמען מיט וועלכע מיר זיינען באַקאַנט, אויסער דעם וואָס אין אַנדערע סיסטעמען קומט דער פּראָצעס פאָר שנעלער און איז ווייניקער באַלאַנסירט. ס'איז ניטאָ קיין שום אונטערשייד צי ס'האַנדלט זיך וועגן אַן אַטאָם, אַ מאָלעקול, אַ קאָמפּליצירטן קאָלויד, אָדער עס האַנדעלט זיך וועגן אַ ווירוס, אַ פלאַנץ, אָדער גאָר וועגן אַ פילצעליקן אָרגאַניזם. יעדער איינער פון זיי באַשטייט פון אַ סיסטעם, וועלכער באַוועגט זיך רעלאַטיוו צו זיין סביבה. ווען מען נעמט דאָס רעאַגירן פון אַ לעבעדיקן קערפּער פאַר אַ ביישפּיל רופט מען דעם רעאַגירן אָן „לעבן". ווען מען נעמט די רעאַגירונג פון די ניט לאַנג צוריק אַנטדעקטע ווירוסן פאַר אַ ביישפּיל, וואַקלען מיר זיך: מיר ווייסן ניט צי מיר זאָלן עס אָנרופן לעבן אָדער ניט. עס איז ניטאָ קיין שום אונטערשייד אין די רעאַגירונגען פון די אַלע אויסגערעכנטע סיסטעמען.

דער אונטערשייד צווישן זיי איז ניט אינם עצם פון זייער נאַטור, נאָר אינם גראַד פון זייער קאָמפּליצירטקייט. די טיילן פון די עלעמענטן און פון די פונדאַמענטאַלע מאָדעלן זיינען ניט קיין נייע. אַטאָמען פון די עלעמענטן, וועלכע זיינען נידעריקער פון זיי, זיינען מער אַלגעמיין פאַרשפּרייט אויף דער ערד. „לעבן" איז אַ נאָמען וואָס ווערט געגעבן צו באַשטימטע קאָמפּלעקסן, וועלכע זיינען אַראַנזשירט און אינטעגרירט אין אַן אָרגאַניזאַציע וואָס פאָרמירט אינדיווידואַליטעט. דערפאַר ריידן מיר ניט וועגן „לעבן" ווען עס האַנדעלט זיך וועגן אַן איינפאַכער אָרגאַניזאַציע... דער ענערגיע סיסטעם, וועלכן מיר רופן אָן „לעבן" איז פונדאַמענטאַל ניט פאַרשיידן פון דעם ענערגיע סיסטעם, וועלכן מיר רופן אָן „ניט לעבעדיקער סיסטעם"; ביידע סיסטעמען זיינען כימישע.

מען קען נאָך מאַכן אַ טראָט ווייטער און אָנווייזן, אַז דער פאָרשער פון דער נאַטור קען אָנצייגן אויף אַ ריי סיסטעמען, וועלכע געפינען זיך צווישן די „לעבעדיקע" און די „ניט לעבעדיקע" סיסטעמען, ווי ווירוסן, צום ביישפּיל, זיינען: — זיי קענען אָנגערופן ווערן ווי מען וויל. עס איז ניט מער ווי אַן אָנגענומענע מיינונג צו באַטראַכטן לעבן אַנדערש ווי מען באַטראַכט אַ פיזיאָ־כימישן סיסטעם. וויסנשאַפטלער האַלטן, אַז די־דאָזיקע מיינונג איז ניט קיין באַרעכטיקטע. עס איז ניט מער ווי אַ טראַדיציע וואָס מען האָט אַ רעכט צו נוצן אין סאָציאַלן זינען אָבער ניט אויף קיין אַנדער אופן. די פיזיקאַלישע און כימישע וויסנשאַפטן זאָגן זיך אָפּ פון דעפינירן לעבן; זיי מיידן אינגאַנצן אויס דעם טערמין... ווען מען אַנאַליזירט די כאַראַקטער אייגנשאַפטן פון זייערע פּראָצעסן רעדוצירן זיי זיך צו די פּראָצעסן פון פיזיק און פון כימיע. ניט די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט און ניט די כימישע וויסנשאַפט, געפינט אין זיי עפּעס, וואָס זאָל זיי אונטערשיידן פון פיזיק און פון כימיע. דאָס וואָס מיר רופן אָן „לעבן" לויט אונדזער באַשטימונג, איז ניט מער פון פיזיק און כימיע. אויב ס'איז

אַזוי, אַנטשטייט די פראַגע: וואָרום זאָל מען ניט באַטראַכטן די אַנדערע סיסטעמען, וועלכע באַשטייען ניט פון צעלן, אָדער פון גאַנצע קערפּערס, פאַר „לעבעדיקע"? וואָרום זאָל מען ניט באַטראַכטן די באַזונדערע טיילן פון די מאָלעקולן פון דער צעל אויפן זעלבן אופן, ווי מען באַטראַכט די צעל? עס איז ניטאָ קיין שום סיבה פאַרוואָס איינציקע צעלן זאָל מען אָנרופן לעבעדיקע און אַנדערע זאָל מען אָנרופן ניט לעבעדיקע סיסטעמען... ווען אַ דעפיניציע שליסט עפּעס איין און זי שליסט עפּעס אויס, דאַרף זי האָבן לאָגישע גרענעצן לויט וועלכע זי מאַכט אירע דעפיניציעס. דער טערמין לעבן האָט ניט אַזעלכע גרענעצן".

ווען שערינגטאָן, וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשער, אויב ניט דער וויכטיקסטער פאָרשער, אויף דעם געביט, זעט ניט קיין שום אונטערשייד צווישן לעבעדיקע און ניט לעבעדיקע אָרגאַניזאַציעס, דאַרף מען אָננעמען אַז ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן זיי. דערצו דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז דידאָזיקע מיינונג האָט ער אַרויסגעזאָגט אין די גיפאָרד לעקציעס, וועלכע בערטראַנד ראָסעל באַטראַכט פאַר רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע און ער איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט: — דער אַבסאָלוטער באַדינג פון די גיפאָרד לעקציעס איז, אַז נאָר אַזאַ וויסנשאַפטלער, אָדער דענקער, וואָס האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו רעליגיע, קען איינגעלאַדן ווערן זיי צו האַלטן.

פונם ציטירטן פון שערינגטאָנען קען מען זען, אַז דענקער האָבן אַ רעכט צו ציען אַן איינהייטלעכע ליניע פון דעם עוואָלוציע פּראָצעס; זיי דאַרפן ניט שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ לעבעדיקן טייל און אַ טויטן טייל. זיי האָבן אַ רעכט אָנצונעמען, אַז די נאַטור איז איינהייטלעך. זיי דאַרפן אויך ניט אַריינפירן קיין אויסערנאַטירלעכן און איבערנאַטירלעכן פאַקטער, וועלכער זאָל דאַרפן איינטייל נעמען אין דעם פּראָצעס.

דאָס פירט צו דער פראַגע וויאַזוי, גלויבט מען, זיינען לעבעדיקע אָרגאַניזמס דערשינען אויף דער ערד? אַז ס'איז געווען אַ צייט ווען קיין שום פאָרמע לעבן האָט ניט געקענט עקזיסטירן אויף דער ערד איז קיין ספק ניט. מען קען ניט צווייפלען, אַז די אומאָרגאַנישע וועלט איז עלטער פון דער אָרגאַנישער וועלט ווי מען זאָל זי זיך ניט פאָרשטעלן, די געאָלאָגישע פאָרמאַציעס ציייגן אויף דעם אָן. דירעקט קען מען אויף דער פראַגע ניט ענטפערן, אומדירעקט ווערן געגעבן ספּעקולאַטיווע מיינונגען. דריי מיינונגען וועלן דאָ געגעבן ווערן.

אין 1954 איז אין ענגלאַנד דערשינען אַ סימפּאָזיום אונטערן נאָמען „ניו ביאָלאָדזשי" (די נייע ביאָלאָגיע). אין דעם סימפּאָזיום האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע ביאָלאָגן פון ענגלאַנד. דער אינהאַלט איז זייער אַ טעכנישער; די וויסנשאַפטלער באַשעפטיקן זיך מיטן מעטעאָראָלאָגישן צושטאַנד וואָס, ווי זיי נעמען אָן, האָט געהערשט אין דער אַטמאָספערע אין דער פאַר־היסטאָרישער צייט, אַז לעבעדיקע אָרגאַניזמס זאָלן זיך קענען אַנטוויקלען. זיי שטעלן צונויף פאַרשיידענע כימיש־

פיזישע קאָמבינאַציעס, וועלכע האָבן געקענט שטופּנווייז סינטעזירן עלע־מענטן פון וועלכע אָרגאַניזמס זאָלן אַרויסקומען.

די וואָס פאַרטיידיקן די מיינונג האַלטן, אַז אין דער לאַבאָראַטאָריע איז ניט געלונגען צו סינטעזירן עלעמענטן אויף אַזאַ אופן דערפאַר, וואָס מען ווייסט ניט קיין זאַך וועגן דעם אַטמאָספערישן צושטאַנד און אויך ניט וועגן די פיזיש־כימישע קאָמבינאַציעס, וועלכע וואָלטן געמאַכט מעגלעך אַזעלכע סינטעזן און וואָלט מען אפילו געוואוסט, גלויבן אייניקע, אַז מען קען ניט פאַרמירן דעם נויטיקן אַטמאָספערישן צושטאַנד, אַז מען זאָל קאָנען מאַכן אַזוינע סינטעזן. נאַטירלעך, אַז דאָס זיינען ריינע ספּעַ־קולאַציעס; קיינער קען ניט זאָגן צי זיי זיינען ריכטיקע, אָדער ניט. דאָס איינציקע וואָס מען קען זאָגן איז, אַז די פאַרטיידיקער פון דער מיינונג זיינען נאַטוראַליסטן און ס׳זעט אויס, אַז זיי גייען אויפן ריכטיקן וועג און ס׳ווילט זיך גלויבן אַז זיי וועלן דעם סוד אַנטדעקן; די „טאָקסינס״, וואָס געפינען זיך אויפן גרענעץ צווישן לעבעדיקע אָרגאַניזמס און דער אומאָרגאַנישער וועלט, קענען דינען פאַר אַ באַווייז, אַז לעבעדיקע אָרגאַ־ניזמס זיינען אַרויסגעקומען פון דער אומאָרגאַנישער וועלט.

אַ צווייטע מיינונג איז, אַז לעבעדיקע אָרגאַניזמס האָבן אייביק עקזיסטירט אויף פּלעצער וואו די באַדינגונגען זיינען געווען גינסטיק פאַר לעבן צו עקזיסטירן. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער קען ניט זאָגן, אַז דאָס איז אוממעגלעך, לויט אָבער ווי דער אַסטראָנאָם, דזשיימס דזשינס, האָט אויסגערעכנט, איז עס ניט גלויבלעך. ערשטנס צווייפלט ער צי אַזוינע באַדינגונגען, ווי אויף דער ערד, קענען געגוי ערגעץ וואו דופ־ליצירט ווערן, און צווייטנס איז ניט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז אָרגאַ־ניזמס וואָלטן געקענט טראַנספּאָרטירט ווערן דורך דעם צווישן די שטערנס רוים. דאָס, זאָגט ער, איז כמעט אוממעגלעך.

אַ דריטע מיינונג איז, אַז לעבן איז אַנטשטאַנען דורך אַ צופאַל, וועלכן מען קען זיך ניט פאָרשטעלן. אויך די אינטערפּרעטאַציע איז מעגלעך אָנצונעמען. די מערהייט וועט אָבער געגויגט זיין אָנצונעמען די ערשטע אינטערפּרעטאַציע, זי לייגט זיך אויפן שכל.

פערטער קאַפּיטל

דערקענטעניש לערע (היסטאָרישער איבערבליק)

ווען אַלעקסאַנדער ווערט פאַרטיק מיטן קערפּער־פאַרשטאַנד פּראָ־בלעם, וואָס פאַקטיש באַלאַנגט ער מער צו דער וויסנשאַפט ווי צו דער פילאָזאָפיע, גייט ער איבער צום פילאָזאָפישן טייל פון דער דערקענטעניש לערע (עפּיסטאָמאָלאָגיע, די טעאָריע פון וויסן); ער גייט איבער צו דער פראַגע: וויאַזוי וויסט דער מענטש אין דער אינערלעכקייט פון זיין באַוואוסטזיין וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער אויסערלעכער וועלט? און וועגן דעם אופן ווי דער פּראָצעס פון וויסן קומט בכלל פאָר?

די רעאַליסטישע דערקענטעניש לערע איז אַ שווערע און אַ קאָמ־פּליצירטע; די נעאָ־רעאַליסטישע דערקענטעניש לערע, וואָס איז אויס־געהאַלטן מאָניסטיש און וועלכע זאָגט זיך אָפּ פון שפּאַלטן די נאַטור אויף צוויי, אויף אַ פיזישן טייל אויסערלעך און אַ פסיכישן טייל אינם פאַר־שטאַנד, איז נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער. אָן אַ צוגרייטונג קען מען זי זיכער ניט פאַרשטיין. אַז זי זאָל זיין מער אָדער ווייניקער צוגייגלעך און פאַרשטענדלעך, וועט נויטיק זיין צו געבן אַ קורצן איבערבליק וועגן דעם ענגלישן עמפּירישן דענקען און דעם אַלגעמיין אייראָפּייאישן ראַציאָ־נאַלן (אינטעלעקטועלן) דענקען. דירעקט איז דער אָפּנויג ניט פאַרבינדן מיט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע; ער וועט אָבער אַסך העלפן צו קענען פאַרשטיין אַלעקסאַנדערס טעאָריע פון וויסן, זיין דערקענטעניש לערע.

דעם ענגלישן עמפּירישן דענקען הייבט מען געוויינטלעך אָן מיט דזש. לאָקן. (דעם קאָנטינענטאַלן אינטעלעקטואַלן דענקען הייבט מען אָן מיט לייבניצן. ער וועט ניט באַטראַכט ווערן). דזש. לאָקס בליק ווערט אָנגערופן רעפּרעזענטאַטיווער רעאַליזם. ער האָט אָנגענומען אַז דער מענטשלעכער וויסן וועגן דער אויסערלעכער וועלט באַשטייט פון וויסן די אידייעס (בילדער פאַרשטעלונגען און סימבאָלן), וועלכע געפינען זיך אינם אייגענעם פאַרשטאַנד און וואָס באַשטייען פון קאָפּיעס פון די זאַכן פון דער אויסערלעכער וועלט. ער ווערט אָנגערופן רעפּרעזענטאַטיווער רעאַליזם דערפאַר, וואָס דער אַקטועלער וויסן באַשטייט אין וויסן די קאָפּיעס אינם פאַרשטאַנד, וועלכע רעפּרעזענטירן די אויסערלעכע זאַכן.

דער רעפּרעזענטאַטיווער רעאַליזם האָט צוזאַמענגעבראָכן ווייל ער האָט ניט געקענט דערקלערן: — וויאַזוי קען מען עפּעס וויסן וועגן דעם, וואָס ס'געפינט זיך אויסער דעם פאַרשטאַנד, ווען מען ווייסט נאָר וועגן די קאָפּיעס, וועלכע געפינען זיך אינם אייגענעם פאַרשטאַנד? פון וואַנען קען זיך נעמען דער וויסן וועגן דער אויסערלעכער וועלט, ווען דער פאַר־שטאַנד ווייסט בלויז זיינע אייגענע אידייעס, וועלכע געפינען זיך אין אים גופא? פון דעם קרייז פון די אייגענע אידייעס קען זיך דער פאַרשטאַנד ניט אַרויסרייסן און דערפאַר האָט דער מענטש ניט קיין רעכט צו ציען שלוסן, אַז זיינע אידייעס זיינען קאָפּיעס פון עפּעס וואָס זאָל זיך געפינען אין דער אויסערלעכער וועלט.

די פראַגן און אַסך אַנדערע, האָט געשטעלט בישאָף בוירקלי, וואָס איז געקומען נאָך לאָקן. אַזוי ווי ער האָט אויף זיי ניט געקענט קריגן קיין ענטפער (אייגענטלעך האָט ער קיין ענטפער ניט געוואָלט), האָט ער גע־צויגן אַ שלוס, אַז קיין זאַכן זיינען איבערהויפּט ניטאָ אויסער אַ פאַרשטאַנד (גאָטס פאַרשטאַנד). עקזיסטירן מיינט זיך געפינען אין אַ פאַרשטאַנד.

נאָך אים איז געקומען דער סקעפּטיקער יום און האָט געענדערט איין טערמין און סקעפּטיציזם איז געוואָרן דער רעזולטאַט. ער האָט פאַר־ביטן דעם טערמין אידייעס אויף סענסאַציעס (איינדרוקן) און דאָס האָט פאַר אים געמיינט, אַז אויסער די אייגענע סענסאַציעס באַזיצט דער מענטש ניט קיין שום וויסן. אַזוי ווי אָבער סענסאַציעס באַשטייען פון סוביעקטיווע איבערלעבונגען, קען מען פון זיי ניט ציען קיין שום שלוס וועגן דער וועלט. יום איז געווען לאָגיש און קאָנסעקווענט, מיט זיינע סקעפּטישע אויספירן רעכנט מען זיך ביזן היינטיקן טאָג טראָץ דעם וואָס אין דער פּראַקטיק רעכענט זיך מיט זיי קיינער ניט: — זיי פירן צו ריינע אַבסורדן.

אַסך האַלטן, אַז זייער היסטאָרישע באַדייטונג באַשטייט אין דעם וואָס זיי האָבן אויפגעוועקט קאַנטן פון זיין דאָגמאַטישן דרעמל. קאַנטן האַלט מען פאַרן וויכטיקסטן דענקער אין דער מאָדערנער צייט אָבער בערטראַנד ראַסעל, מיט וועמענס מיינונג מען מוז זיך רעכענען, האַלט אַז ער איז געווען אַן אומגליק פּשוט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי פאַר־טומלט און פאַרפּלאָנטערט דעם פילאָזאָפישן דענקען, אַז מען קען זיך פונם פּלאָנטער ניט אַרויסדרייען. אויב ס'איז מעגלעך אָנצונעמען, אַז ביידע זיך ווידערשפּרעכענדע מיינונגען זיינען ריכטיק, מעג מען זיי אָנ־נעמען: — קאַנט איז געווען אַ טיפער דענקער; ער האָט געהאַט אַ באַ־שטימענדע ווירקונג אויף דער פילאָזאָפיע און ער ווירקט אויך איצט אַ היפּש ביסל. ער האָט אָבער אויך אַריינגעפירט אַ פּלאָנטער פון וועלכן מען קען זיך ניט באַפרייען.

קאַנט איז ניט געווען קיין סקעפּטיקער; ער האָט אָנגענומען, אַז אַ רעאַליטעט איז פאַראַן, מען קען אָבער ניט וויסן קיין זאַך וועגן איר עצם דערפאַר, וואָס די חושים, צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאַנד, מאָדעלירן זי לויט זייערע אייגענע פאָרמען. מען קען ניט וויסן ווי אַ זאַך זעט אויס ווייל

דאָס אויג, וואָס קוקט אויף איר, צוזאַמען מיטן פאַרשטאַנד, ענדערן זי און דאָס איינציקע וואָס מען קען וויסן איז די געענדערטע פאָרמע. פּשוט מיינט עס, אַז אַלץ, וואָס מען דענקט מען נעמט אויף פון דער אויסער־לעכקייט, איינשליסנדיק דוים און צייט, פאָרמולירט דער מענטש אַליין אין זיינע חושים און אין זיין פאַרשטאַנד. געוויס איז פאַראַן אַן עפּעס, מען קען אָבער בשום אופן ניט וויסן קיין זאַך וועגן דעם עפּעס, ווייל אַלץ ווערט געענדערט דורך דעם אויפנעמענדן און באַנעמענדן אַפּאַראַט.

דאָס האָט געפירט צום אָביעקטיוון אידעאַליזם וואָס, ווי בערטראַנד ראַסעל זאָגט וועגן העגעלס סיסטעם, אַז צוויי זאַכן זיינען בויטיק געווען: גרויסע עם הארצות און ווייניק אויפריכטיקייט.

ווען מען לייענט ווי אומוויסנד ער איז געווען און איז נאָך דערצו ניט געווען אויפריכטיק, וואונדערט מען זיך וויאַזוי האָט זיך אים איינ־געגעבן צו באַהערשן די פילאָזאָפישע וועלט, אָנהויבנדיק אין דייטשלאַנד, שפּעטער אין ענגלאַנד און אַפילו אין אַמעריקע האָט ער געהערשט פאַר אַ צייט. ווי דערקלערט מען עס?

עס ווערן אָנגעגעבן אַסך סיבות פאַר זיין דערפאָלג. די וויכטיקסטע סיבה, דאַרף מען אָננעמען, איז געווען דער בראָך וואָס איז פאָרגעקומען צווישן דער וויסנשאַפט און דעם ספּעקולאַטיוון געדאַנק אינם אָנהויב פון דער מאָדערנער צייט און נאָך דעם צוזאַמענבראָך פון לאָקס קאַפּיע טעאָריע פון וויסן האָט אין ענגלאַנד פאַר אַ צייט אַריינגעטראָטן אַ שטיל־שטאַנד אין פילאָזאָפישן דענקען. פון דער צווייטער זייט האָט אינם אויפגעוואַכטן דייטשלאַנד זיך צעבליט דער ראָמאַנטישער פעריאָד וואָס האָט זיך געלאָזט פליען אויף די פליגל פון דער פאַנטאַזיע. די מערסטע ראָמאַנטיקער האָבן שטודירט אין גלחים סעמינאַרן וואו ס׳האָט געהערשט אַ פאָלשטענדיקע אונוויסנהייט, דאַרף מען זיך ניט וואונדערן וואָס העגעל איז געווען פאָלשטענדיק אומוויסנד אין נאַטור וויסנשאַפטלעכע ענינים. זיין וויסן איז געווען באַגרענעצט מיט געשיכטע, יוריספּרודענץ און ליטעראַטור.

צו פאַרשטיין העגעלן דאַרף מען זיך פריער באַקאַנען מיט די ראָמאַנטיקער און מיט פיכטען און זען וויאַזוי זיי האָבן איבערגעקערט קאַנטן מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָ קען מען זיך דערמיט ניט באַשעפטיקן (דער מחבר האָט עס אויספירלעך באַהאַנדלט אין זיין ווערק „די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן”). ווי באַקאַנט האָט קאַנט אַריבערגעטראָגן אַלץ מיט אַלעמען אינם מענטשלעכן פאַרשטאַנד; דער וועלט האָט ער נאָר איבערגעלאָזט „די זאַך ווי זי איז פאַר זיך אַליין”. איז פאַר די ראָמאַנטיקער, פאַר פיכטען און נאָך זיי פאַר העגעלן, געבליבן די פראַגע: אין וואָס באַשטייט די זאַך פאַר זיך, וואָס ס׳מיינט די רעאַליטעט פון דער וועלט? וויאַזוי ווייסט מען וועגן איר? פאַקטיש איז די דייטשישע ווערזיע פונם אָביעקטיוון אידעאַליזם געווען פאַרטיק פאַר העגעלן; ער האָט נאָר געדאַרפט אַריינפירן אָרדענונג אין איר און דאָס האָט ער געטאָן

אויף אַן אויספּירלעכן אופן און פונם אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָט ער עס געטאָן אויף אַ גאַנץ צופרידנשטעלענדן אופן. אויף דער פראַגע אין וואָס באַשטייט די רעאַליטעט פון דער וועלט, האָבן אַלע דייטשישע אידעאַליסטן באַשטימט אַז דאָס איז דער וועלט גייסט, אָדער גאָט. וויאַזוי אָבער ווייסט מען וועגן דער רעאַליטעט? אויף דעם האָט העגעל געגעבן דעם ענטפער, אַז ווען מיר דענקען, דענקט אין אונדז די רעאַליטעט. ער האָט געשאַפן די דאָקטרין וועגן דער אַנטוויקלונג פונם וועלט גייסט אין דער פאָרמע פון טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעז, וואָס האָט פאַרכישופט די וועלט.

ווי עס איז פריער דערקלערט געוואָרן, האָט דער אידעאַליזם אין פאַרשיידענע פאָרמען געהערשט ביז די ענדערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער ביאָלאָגישער און פיזיקאַלישער וויסנשאַפט.

איצט קען מען צוטרעטן צו אַלעקסאַנדערס דערקענטעניש לערע. אַלעקסאַנדער קען דינען פאַר אַ ביישפּיל פון אַן איבערגאַנג פון אידעאַליזם צו רעאַליזם. ער גופא האָט דעם איבערגאַנג געמאַכט. אויף די סיבות וואָס האָבן געפירט צום איבערגאַנג איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן; זיי דאַרפן ניט איבערגע'חזר'ט ווערן.

מיט דער באַמערקונג אין אויג קען מען איבערגיין צו באַטראַכטן אַלעקסאַנדערס דערקענטעניש לערע מיט דער האָפענונג, אַז דער קורצער היסטאָרישער איבערבליק וועט העלפן צו פאַרשטיין זיין דערקענטעניש לערע (טעאָריע פון וויסן) וואָס, ווי אַלץ אין זיין פילאָזאָפיע, איז גאַנץ שווער.

ער האָט אָנגעהויבן צו בויען זיין סיסטעם פון זיין מעטאַפיזיק וועגן רוים־צייט און ניט פון אַ דערקענטעניש לערע וואָס זאָל פירן צו דער מעטאַפיזיק טראָץ דעם וואָס ס'איז אַסך לייכטער און געוויס פאַרשטענדלעכער, ווען מען הייבט אָן מיטן מענטשלעכן וויסן וועגן דער וועלט און דאָס זאָל פירן צו מעטאַפיזיק, צו דער רעאַליטעט פון דער וועלט. ער האָט אָנגעהויבן פונם שווערערן צוגאַנג און וואָס איז נאָך דערצו דאָגמאַטיש: — מען מאַכט באַהויפּטונגען וועגן דער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט (רוים־צייט), וועלכע דאַרפן גענומען ווערן אָן וועלכע עס איז באַוויזן צי זיי זיינען אמת און ריכטיק, אָדער ניט. פון זיין שטאַנדפּונקט פון דער עמערגענטער עוואָלוציע איז זיין אָנהויב געווען דער ריכטיקער: די רעאַליטעט האָט עקזיסטירט אַסך פריער איידער דער מענטש האָט זיך אַנטוויקלט מיט זיין באַוואוסטזיניק ווערן וועגן איר. ווי אַ פילאָזאָף פון עוואָלוציע האָט ער נאָכגעפאָלגט דעם עוואָלוציע פּראָצעס. די מענטשלעכע דערקענטעניש וועגן דער וועלט, זיין וויסן וועגן איר, איז ניט מער ווי אַ דערגאַנצונג פון זיין מעטאַפיזיק און דערפאַר איז זי ניט דער עיקר אין זיין פילאָזאָפיע. געוויס, ווען דער מענטש וואָלט ניט אַנטוויקלט קיין באַוואוסטזיין, וואָלט ער ניט געקענט וויסן וועגן דער וועלט. אַזויווי ער איז אַ רעאַליסט בעמט אַלעקסאַנדער אָן, אַז די וועלט וואָלט עקזיסטירט

צי דער מענטש וואָלט געוואוסט וועגן איר אָדער ניט, צי ער וואָלט אפילו געווען אויף דער וועלט אָדער ניט.

ווי אַ נעאָ־רעאַליסט האָט אַלעקסאַנדער אַנגענומען, אַז די וועלט איז פֿאַלשטענדיק אומאָפּהיינגיק פֿונעם מעטשלעכן וויסן וועגן איר. זיין וויסן האָט בלויז אַ שייכות צו אים און ניט צו דער וועלט; זי וואָלט געבליבן דיזעלבע אָן אים ווי מיט אים. מיט דער קאַטעגאָרישער באַהויפּטונג, אַז די וועלט איז פֿאַלשטענדיק אומאָפּהיינגיק פֿון דעם מענטשלעכן וויסן וועגן איר, אונטערשיידעט ער זיך ניט נאָר פֿון אידעאַליסטישע דענקער, נאָר אויך פֿון די אַזוי אָנגערופֿענע קריטישע רעאַליסטן, וועלכע האַלטן, אַז דער מענטש איז אַ מין שותף צו דער מאָדעלירונג פֿון דער וועלט, ער טראָגט צו אַ חלק צו איר אַרכיטעקטור.

אַלעקסאַנדער פֿאַרגלייכט די שייכות צווישן דעם מענטשן און דער וועלט צו דער שייכות פֿון אַ ביינקל צו אַ טיש. פֿאַר אַ טיש איז ניט קיין אונטערשייד צי אַ ביינקל שטייט לעבן אים, אָדער ניט. ער איז דער זעלבער טיש מיטן ביינקל ווי אָן דעם ביינקל. אַזוי איז ניט קיין אונטערשייד פֿאַר דער וועלט צי אַ מענטש נעמט זי אויף אָדער ניט. געוויס איז אָן אונטערשייד צווישן אַ מענטשן און אַ ביינקל; דער מענש ווערט באַוואוסטזיניק וועגן דער וועלט אין דער אינערלעכקייט פֿון זיין פֿאַרשטאַנד. האַלט אָבער אַלעקסאַנדער, אַז דער אונטערשייד איז פֿאַרן מענטשן, אין זיין באַוואוסטזיניק ווערן אָבער ניט פֿאַר דער וועלט. זי בלייבט די זעלבע ווי זי איז געווען אָן דעם מענטשן.

דעם מענטשנס באַוואוסטזיניק ווערן רופֿט ער אָן אַן „אַקט“, וואָס ס׳מיינט אינפֿאָרמירט ווערן וועגן עפּעס וואָס געפֿינט זיך אויסער אים. ער נעמט אָן וו. דזשיימס אינטערפּרעטאַציע פֿון באַוואוסטזיין, נעמלעך: אַז ס׳איז ניטאָ אַזאַ עפּעס ווי באַוואוסטזיין פֿאַר זיך גופֿא. באַוואוסטזיין באַשטייט פֿון אַ פֿונקציע; דער פֿאַרשטאַנד ווערט באַוואוסטזיניק וועגן עפּעס וואָס קומט פֿאָר. ווען קיין שום פּאַסירונג, אינערלעך אָדער אויסערלעך, וואָלט ניט פֿאָרגעקומען, וואָלט קיין באַוואוסטזיין ניט אַנטשטאַנען. דער פֿאַרשטאַנד האָט ניט קיין שום אייגנס און ער האָט עס אויך ניט וואו צו נעמען. אַלעקסאַנדער פֿאַרגלייכט דעם באַוואוסטזיניק ווערן וועגן עפּעס צו אַ שפּיגל: דער שפּיגל רעפֿלעקטירט דאָס וואָס ס׳געפֿינט זיך פֿאַר אים און ניט מער. דער אונטערשייד צווישן דעם פֿאַרשטאַנד און אַ שפּיגל איז וואָס אַ שפּיגל רעפֿלעקטירט בלויז, ער גופֿא נעמט ניט אויף דאָס פּרעזענטירענדע. דער פֿאַרשטאַנד נעמט אויף, ער ווערט באַוואוסטזיניק און רעגיסטרירט דאָס פּרעזענטירענדע. ער האָט אָבער ניט קיין אידייעס אין זיך וועגן עפּעס וואָס געפֿינט זיך אויסער אים, ווי לאָק האָט אָנגענומען. די פֿאַרהעלטעניש (רעלאַציע) צווישן דעם פֿאַרשטאַנד און דער זאַך, אָדער דער פּאַסירונג, איז אַ דירעקטע און אוממיטלבאַרע; זי באַשטייט, ווי ער רופֿט עס אָן, פֿון אַ צוזאַמען זיין (קאָמפּרעזענט). דער „אַקט“ פֿון באַוואוסטזיניק ווערן איז אַ דירעקטער דערפֿאַר, וואָס די

רעלאַציע (פּאַרהעלטעניש) איז אַן אויסערלעכע צווישן צוויי אָביעקטן, צווישן דער פּרעזענטירענדער זאַך, אָדער פּאַסירונג ווי אַזעלכע און דעם מענטשנס פאַרשטאַנד דורך זיינע פאַרשיידענע חושים. ער פאַרגלייכט אויך דעם פּראָצעס פון אינפאָרמירט ווערן וועגן עפּעס צו אַ פלאַנץ וואָס ביגט זיך אין דער דירעקציע פון די שטראַלן פון דער זון. די פּרעזענ־טאַציע פון דער זאַך, אָדער דער פּאַסירונג (טעכניש, דער אָביעקט), איז אַ דירעקטע און ניט פון קיין אידייעס, אָדער אימאַגינאַציעס, וועלכע זאָלן אַנטשטיין אויף אַ מיסטעריעזן אופן אינם פאַרשטאַנד און זאָלן קאָרעס־פּאָנדירן (זיין ענלעך) אויף די זאַכן, אָדער פּאַסירונגען, וועלכע געפינען זיך אין דער אויסערלעכער וועלט, ווי דזשאָן לאָק האָט דעם פּראָצעס פאַרשטאַנען.

דאָס ווערט אָנגערופן דירעקטע אפּרעהענציע, דאָס דירעקטע אויפ־נעמען פון זאַכן און פּאַסירונגען פון דער סביבה. עס מיינט אויך נאַטור־ראַליזירן דעם פאַרשטאַנד, אים באַטראַכטן פאַר אַ טייל פון דער רעאַ־ליטעט, וואָס ווירקט און ווערט באַווירקט פון אַנדערע טיילן מיט וועלכע ער איז אַרומגערינגלט און וועלכע ווירקן איין טייל אויפן צווייטן אוי־סערלעך. לויט דער אינטערפּרעטאַציע איז דער פאַרשטאַנד ניט קיין פּריווילעגירטער אַגענט, וואָס זאָל באַזיצן מיסטעריעזע אייגנשאַפטן. ער באַשטייט בלויז פון אַ העכערן נייעם עמערגענט. וועלכער איז מער סענ־סיטיוו און דערפאַר באַזיצט ער אַ נייע קוואַליטעט, נעמלעך: — ער ווערט באַוואוסטזיניק פון דער אָנרעגונג וואָס קומט פון דער סביבה.

ווען מען באַטראַכט דעם פאַרשטאַנד פון דעם שטאַנדפּונקט, באַ־שטייט ער ניט פון מער ווי פון אַ צווייטן אַספּעקט פון דער פונקציע פונם נערוון סיסטעם. אויסערלעך פּרעזענטירט זיך דער נערוון סיסטעם דורך זיין פיזיאָלאָגישער פונקציע און אינערלעך פּרעזענטירט ער זיך דורך באַוואוסטזיניק ווערן פון דער זעלבער פונקציע.

אַלעקסאַנדער נוצט דריי טערמינען צו קלאָר מאַכן דעם כאַראַקטער פון זיין דערקענטעניש לערע. ער נוצט דעם טערמין גענוס (ענדזשוימענט) צו דענאָטירן די אינערלעכע איבערלעבונגען אין דער צייט ווען מען ווערט אינפאָרמירט, אָדער באַוואוסטזיניק וועגן עפּעס. דער טערמין גענוס מיינט פאַר אים ניט מער ווי אַן אינערלעכע איבערלעבונג און ניט גענוס אינם זינען פון פאַרגעניגן בפועל ממש. גענוס באַשטייט פון אַן אָרגאַנישער איבערלעבונג. ער נוצט דעם טערמין „אַקט” בלויז פאַר דענאָטירן דעם באַוואוסטזיניק ווערן וועגן עפּעס וואָס קומט פאַר אין דער סביבה. דער טערמין מיינט, אַז דער פאַרשטאַנד רעגיסטרירט בלויז עפּעס וואָס דער־שיינט פאַר אים, אַליין האָט ער גאָרניט. ער נוצט אַ דריטן טערמין קאָנטעמפּלאַציע (באַאָבאַכטונג, באַטראַכטונג) אין שייכות, אָדער אין רע־פערענץ, צו דער זאַך, אָדער צו דער פּאַסירונג, וואָס רופט אַרויס דעם באַטרעפענדן אַקט, אין שייכות צום אָביעקט וועגן וועלכן מען ווערט באַוואוסטזיניק אין דעם מאָמענט.

מעטאַדאָלאָגיש, אום צו זיין קלאָר וועגן יעדן טייל פונם פּראָצעס פון באַוואוסטזיניק ווערן, איז דידאַקטיש טיילונג זייער וויכטיק; זי איז וויכטיק צו אונטערשיידן צווישן דעם אַקט ווי אַ פּאַסירונג פאַר זיך; דעם רעאַגירן פונם אָרגאַניזם ווי אַן איבערלעבטע איבערלעבונג און וועגן דער זאַך, אָדער דעם אָביעקט וועגן וועלכן די קאָנטעמפּלאַציע, אָדער באַ־טראַכטונג קומט פאָר. געוויינטלעך דענקט מען ניט וועגן דער טיילונג פון אַ פּראָצעס; ווען אָבער מען אַנאַליזירט דעם פּראָצעס פון דער מענטש־לעכער דערקענטעניש וויאַזוי מען ווייסט וועגן עפּעס אין דער סביבה און אין וואָס דער וויסן באַשטייט, איז די טיילונג וויכטיק.

פאַר אַלעקסאַנדערן, דעם נעאָ־רעאַליסט און אויסגעהאַלטענעם מאָניסט, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל און אַ גייסטיקן טייל, וועלכער האַלט, אַז די נאַטור איז איינהייטלעך פון אָנהויב ביזן סוף, איז וויכטיק געוויסע צו דערקלערן דעם כאַראַקטער פון דעם פאַרשטאַנד וויאַזוי ער רעאַגירט דירעקט אויף זאַכן און דער־שיינונגען פון דער אויסערלעכער וועלט און וויאַזוי ער נעמט זיי אויף.

פאַרן נעאָ־רעאַליסט איז דער פאַרשטאַנד (מאַינד) אַן אינטעגראַלער טייל פון דער נאַטור; ער רעאַגירט אויפן זעלבן אופן ווי אַנדערע אָרגאַ־ניזמס אין דער נאַטור. ער איז בלויז ניי אין דעם זינען וואָס ער ווערט באַוואוסטזיניק וועגן זאַכן און פּאַסירונגען, וועלכע געפינען זיך אַרום אים. ער איז ניט אַנדערש פון דעם נערוון סיסטעם, ווי ער זאָל זיין אַן עקזיס־טענץ פאַר זיך; ער באַזיצט אויך ניט קיין שום אייגענס, וועלכעס ער זאָל קענען צוגעבן צו דעם וואָס פּרעזענטירט זיך צו אים. ער ווערט בלויז באַוואוסטזיניק און רעאַגירט אויף דעם וואָס פּרעזענטירט זיך צו אים.

געוויס איז אַלעקסאַנדער ניט געווען נאַאיוו ער זאָל געווען קענען גלויבן, אַז מיט דעם נאָר וואָס געזאָגטן האָט ער אויסגעשעפּט אַלץ וועגן דעם פאַרשטאַנד און זיין אַקטיוויטעט. ער זאָגט אויסדריקלעך, אַז ניט אַלץ קען ער דערקלערן; ער נעמט אָן דעם פּראָצעס, ווי ער פאַרשטייט אים, מיט נאַטירלעכער פּיעטעט. ער גלויבט, אַז ער שטייט פאַר אַ פאַקט, וועלכן ער מוז אָננעמען טראָץ דעם וואָס ניט אַלץ קען ער דערקלערן. ער זאָגט: „דער רעאַליסט נעמט פון דעם פאַרשטאַנד אַוועק זיינע ספּע־ציעלע פּרעטענזיעס; ער נעמט פון אים אָבער ניט אַוועק זיין ווערט, אָדער זיין גרויסקייט. פאַרקערט, אין דער צייט וואָס ער לאָזט איבער פאַר אַנדערע זאַכן דאָס, וואָס באַלאַנגט צו זיי, דעגראַדירט ער דערמיט ניט זיין ווערט. ער איז אין אַן אוניווערס אין וועלכן פאַרשטאַנדן (מאַינדס) באַשטייען נאָר פון ספּעציעלע טיילן; אמת, די טיילן זיינען פּריווילעגירטע, זיי זיינען אָבער ניט באַרעכטיקט צו פאָדערן אַ ספּעציעלע באַדייטונג אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן קענען אַרבעטראַריש קאָנטראָלירן אַלעס איבעריקעס אין דער נאַטור".[1]

[1] „די בייסעס און רעאַליזם", ז. 6, 10.

עס איז דאָ אָנגעוויזן געוואָרן אויף די ערשטע טריט פון אַלעקסאַנדערס דערקענטעניש לערע; עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דעם וויאַזוי דער מענטש נעמט אויף איינדרוקן פון דער אויסערלעכער וועלט דורך די חושים. לויט זיין אינטערפּרעטאַציע איז די פּערצעפּציע אַ דירעקטע און אוממיטלבאַרע; דער פּראָצעס, ווי אַזעלכער, איז אַ נאַטירלעכער אינם זינען פונם רעאַגירן פון אַן אָרגאַניזם אויף אַן אָנרעגונג.

פון דעם ביז אַהער געזאָגטן וועגן דעם אופן ווי דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד נעמט אויף דאָס אַרומיקע דורך זיינע חושים, קען מען קריגן דעם איינדרוק, אַז לויט אַלעקסאַנדערן איז דער פּראָצעס אַ פּאַסיווער; — זאַכן און דערשיינונגען רעגן אָן די חושים און דער מענטש ווערט וועגן זיי באַוואוסטזיניק. באַטירלעך, אַז דאָס איז ניט קיין ריכטיקע מיינונג. ניט אַלעקסאַנדערן און ניט וועלכן עס איז אַנדערן נעאָ־רעאַליסט, האָט געקענט איינפאַלן אַזאַ איינפאַכער געדאַנק. די אָרגאַנישע וועלט איז בכלל אַקטיוו אין דעם פּראָצעס פון רעאַגירן אויף אַן אָנרעגונג און געוויס איז דער מענטש אַקטיוו, אויב ניט אַגרעסיוו, אין זיין אויפנעמען און באַנעמען דאָס אַרומיקע וואָס פּרעזענטירט זיך צו זיינע חושים. אַקטיוויטעט איז אַ פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפט פון דער אָרגאַנישער וועלט. קיין איין אָרגאַניזם וואָלט ניט געקענט בלייבן לעבן, ווען ער וואָלט ניט באַזעסן די אייגנשאַפט צו רעאַגירן אַקטיוו אויף די אָנרעגונגען, וואָס קומען פון דער סביבה. דערהויפּט וואָלט דער מענטש ניט געקענט געווען בלייבן לעבן אין דעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, ווען ער וואָלט ניט באַזעסן די אייגנשאַפט צו קענען אַקטיוו רעאַגירן מיט זיינע פיזישע און פּסיכישע אייגנשאַפטן. דאָס אַלץ איז דאָ אויסגעלאָזט געוואָרן כדי צו קענען באַטאָנען, אַז די רעלאַציע פון דעם מענטשן צו זיין סביבה, איז אַן אויסערלעכע און דירעקטע. דער אויסדרוק גופא: — קאָנטעמפּלאַציע, מיינט אַן אַקטיווע פאָרמע פון רעאַגירן. דער מענטש באַזיצט מער ווי אַן אַקטיווע אייגנשאַפט, נעמלעך ער באַזיצט אַ קוריאָזיטעט, אַ נאַיגער צו וועלן אויפנעמען און באַנעמען באַוואוסטזיניק אַלץ וואָס רינגלט אים אַרום. דאָ איז נאָר געמיינט געוואָרן צו אונטערשטרייכן אַז דער פאַרשטאַנד גופא האָט ניט קיין שום אייגענס ער זאָל עס פון זיך קענען צוגעבן צו דער סביבה און לויט אַלעקסאַנדערן גיט ער ניט צו קיין שום זאַך. דאָס לעצטע, דאָס ניט צוגעבן קיין שום זאַך איז פונדאַמענטאַל, ווייל אויב ער וואָלט עפּעס געקענט צוגעבן, וואָלט עס געמיינט אָננעמען אַ דואַליזם; — איין טייל פון דער רעאַליטעט זאָל באַלאַנגען צו דער נאַטור און אַ צווייטער טייל זאָל באַלאַנגען צום מענטשן, ווי זיין אַ צוגאָב צו דער נאַטור. פאַר אַלעקסאַנדערן און פאַר די נעאָ־רעאַליסטן בכלל, איז קיין אונטערשייד ניט וואו און וויאַזוי מען זאָל דעם דואַליזם אַריינפירן, קיין מאָניזם וואָלט עס שוין ניט געווען. קיין שום דואַליזם קען קיין נעאָ־רעאַליזם ניט דערלויבן. אַלעקסאַנדער, ווי וויטהעד, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל און אַ גייסטיקן טייל. פאַר זיי איז די נאַטור איינ־

הייטלעך פון דעם אָנהויב ביזן סוף און דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז אַן עמערגענטע דערשיינונג אין דער איינהייטלעכער נאַטור.

(דאָ בעט זיך אַ באַמערקונג וואָס האָט שוין לאַנג געדאַרפט געמאַכט ווערן: ווי אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט איז אַלעקסאַנדער געוועזן געניגט צו דער בעהייוועריסטישער פסיכאָלאָגיע. ער האָט זי ניט נאָכגעפאָלגט ווייל זי דערקלערט ניט דעם פּראָצעס פון באַוואוסטזיין. ניט זייענדיק אויס־געהאַלטן האָט ער גענוצט אַ טערמינאָלאָגיע וואָס האָט ווידערשפּראָכן זיין אויסגעהאַלטענעם מאָניזם. דער „אַקט" באַשטייט פון אַ באַגריף וואָס שטימט ניט מיט קיין אויסגעהאַלטענעם מאָניזם. דערפאַר איז ער, ווי אייניגע אַנדערע טערמינען, דאָ געגעבן געוואָרן אין אָנהייב אין קוואָטאַציע צייכנס. צו זיין אויסגעהאַלטן וואָלט זיך געפאָדערט צו נוצן קוואָטאַציע צייכנס אַסך מאָל. ס'איז ניט געטאָן געוואָרן כדי אויסצומיידן דעם אומבאַקוועמען איינדרוק וואָס זיי מאַכן; זיי שטערן אויך דעם לייענער מיטן חשד וואָס זיי ברייינגען אַריין).

פינפטער קאַפּיטל

די קאָגניטיווע רעלאַציע (די באַוואוסטזיניקע פאַרהעלטעניש)

עס איז אַלגעמיין באַקאַנט און עס איז שוין פריער אומדירעקט באַמערקט געוואָרן, אַז ביז דער לעצטער צייט האָט אין דער פילאָזאָפיע געהערשט דער באַגריף אַז וועגן די זאַכן אין דער וועלט קען מען בלויז דענקען לויט זייערע קוואַליטאַטיווע שטריכן (אַריסטאָטעלס קוואַליטאַטיווער בליק, לויט וועלכן זיין לאָגיק איז פאָרמירט, האָט געהערשט ביז דער לעצטער צייט). די פאַרשיידענע זאַכן אין דער וועלט האָבן אָבער אויך אַ שייכות און פאַרבינדונג צווישן זיך. איז כדי צו דערקלערן די שייכות פון זאַכן צווישן זיך אין אַן איינהייטלעכער וועלט, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן בלויז לויט די כאַראַקטער אייגנשאַפטן פון די זאַכן, האָבן די אידעאַליסטישע דענקער באַשטימט, אַז די פאַרהעלטענישע צווישן די זאַכן זיינען „אינערלעכע" וואָס ס׳מיינט, אַז די פאַרהעלטענישע צווישן די זאַכן זיינען טיילן פון די זאַכן גופא (זע דעם מחברס ווערק „די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן", באַנד 2, קאַפּ. „דער פּראָבלעם פון רעלאַציעס").

איצט, ווען רעאַליזם האָט איבערגענומען די אויבערהערשאַפט אין דער פילאָזאָפיע און אַריסטאָטעלס לאָגיק האָט פאַרלאָרן איר אליין הערשאַפט אינם דענקען וועגן דער וועלט, ווערן רעלאַציעס (פאַרהעלטענישע צווישן זאַכן) באַטראַכט פאַר פונדאַמענטאַל אין דער נאַטור און אין דעם מענטשנס וויסן וועגן איר.

אַלעקסאַנדער האָט אָנגענומען די אַזוי אָנגערופענע קאָגניטיווע רעלאַציע פאַרן אויסגאַנגס פונקט. עס מיינט, אַז דער מענטש איז אַ „זאַך" אין דער נאַטור צווישן אַנדערע זאַכן; ער איז אין אַן אויסערלעכער פאַרהעלטעניש מיט אַלע אַנדערע זאַכן. דער אונטערשייד צווישן אים און אַנדערע זאַכן איז נאָר דער, וואָס ער ווערט באַוואוסטזיניק אין זיין פאַרשטאַנד (מאַינד) וועגן זיי. דאָס איז פאַר אים אַ פונדאַמענטאַלער באַגריף. ווי אַ נעאָ־רעאַליסט, וואָס ס׳מיינט אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט,

זיינען פאַר אים די פאַרהעלטענישע (רעלאַציעס) צווישן דעם מענטשן און אַלץ אין דער נאַטור אויסערלעכע. אין זיין באַוואוסטזיניק ווערן וועגן דער נאַטור איז ער ניט קיין אויסנאַם; זייערע פאַרהעלטענישע מיט דעם אַרומיקן זיינען די זעלבע ווי צווישן אַנדערע זאַכן; — ער ווערט באַוואוסטזיניק וועגן זיי, ער גיט אָבער גאָרניט צו צו זיי.

אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן קאָנגנאַציע (וויסן וועגן דער וועלט) ברייגנט ער אַרויס, אַז קאָנגנאַציע שטאַמט אַרויס פון קאָנאַציע (דראַנג, שטרעבן), וואָס איז אַ פונדאַמענטאַלע אייגענשאַפט פון דער אָרגאַנישער וועלט. איפּסאָ פאַקטאָ קען דער פאַרשטאַנד גאָרניט צוגעבן.

ווי אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט, פאַר וועמען דער פאַרשטאַנד באַזיצט ניט קיין שום אייגענס, ער באַזיצט נאָר דעם אַקט פון וויסן: — אַלץ וועגן וואָס ער ווייסט באַלאַנגט צו דער נאַטור, אָן אונטערשייד צי דאָס, וועגן וואָס מען ווייסט, באַשטייט פון אַ נאַטור דערשיינונג, פון אַן אילוזיע, אָדער גאָר פון אַ חלום. וועגן וואָס דער פאַרשטאַנד זאָל ניט האָבן קיין פאַרשטעלונג, באַלאַנגט דער אינהאַלט פון דעם, וועגן וואָס מען שטעלט זיך פאָר, צו דער נאַטור. דאָס איז אַן אַבסאָלוטער פאַקט פאַרן נעאָ־רעאַליסט, וואָס איז מאָניסטיש אויסגעהאַלטן, פאַר וועמען דער פאַרשטאַנד קען ניט האָבן קיין שום אייגענס, ווייל דאָס וואָלט געמיינט שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל, וואָס געפינט זיך אויסער דעם מענטשן און אַ פּסיכישן טייל (פאַנטאַזיעס, חלומות און אַז. וו.), וואָס געפינט זיך אינעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד.

דאָס פירט אים נאָך אַמאָל צו באַטראַכטן די פּרימערע און סעקונ־דערע קוואַליטעטן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיי באַטראַכט אין פאַר־בינדונג מיט די קאַטעגאָריעס אין שייכות צו מעטאַפיזיק, וואָס איז דאָ אויסגעלאָזט געוואָרן; איצט באַטראַכט ער זיי אין שייכות צום פאַרשטאַנד לויט ווי זיי זיינען אין אַן אויסערלעכער רעלאַציע צו אים. איצט וועלן זיי באַטראַכט ווערן.

דער פּראָבלעם וועגן דעם אונטערשייד צווישן די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן איז אַ גאַנץ אַלטער. גאַליליי באַטראַכט אים און ווייזט אָן אויפן אונטערשייד צווישן זיי. דער אונטערשייד איז באַ־טראַכט געוואָרן פון יעדן איין דענקער, וואָס האָט געדענקט וועגן דער רעאַליטעט און וועגן דעם מענטשנס וויסן וועגן איר. אַלעקסאַנדער רעכענט אויס די פּרימערע קוואַליטעטן, אַז זיי זיינען: מאָס, פאָרמע, נומער און די פאַרשיידענע באַוועגונגען. מאַסע, ענערגיע און אינערציע באַ־טראַכט ער פאַר אַ פאָרמע פון קאַטעגאָרישע אייגענשאַפטן (זיי ווערן געוויינטלעך באַטראַכט פאַר פּרימערע קוואַליטעטן). די סעקונדערע קוואַ־ליטעטן זיינען: קאָלירן, קלאַנגען, אַראָמאַטן, געשמאַקן און היץ.

דער אונטערשייד צווישן די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן איז אַ פונדאַמענטאַלער. די פּרימערע קוואַליטעטן באַשטייען פון אייגענ־שאַפטן פון דער נאַטור גופא; זיי מוזן געצומען ווערן ווי זיי פּרעזענטירן

זיך; מען קען זיי ניט אַנאַליזירן און רעדוצירן צו עפּעס מער פונדאַמענ־טאַלעס. זיי ווערן אַרויפגעצוואונגען אויפן פאַרשטאַנד אַזוי גיך ווי מען דענקט וועגן דער רעאַליטעט פון דער וועלט און זיי קענען ניט אָוועקגע־טראַכט ווערן פון דער רעאַליטעט. ווי כאַראַקטער שטריכן איז זייער שייכות צו זאַכן און פּאַסירונגען און זיי זיינען אומאָפּהייניגיק פון דעם מענטשן. ער באַאָבאַכטעט זיי, זייער שייכות איז אָבער צו זאַכן און אויך צו אים ווי אַ „זאַך". זיי ווערן אויך פון אים אויפגענומען דורך מער ווי פון איין חוש. די סעקונדערע קוואַליטעטן האָבן אַ שייכות דירעקט צום מענטשן און ניט צו דער סביבה דירעקט; זיי קענען רעדוצירט ווערן צו באַוועגונגען און זיי ווערן רעדוצירט דורך דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט און זיי קענען אויפגענומען ווערן בלויז דורך איין באַשטימטן חוש. דאָס איז די פּאַקטישע זייט; אין דער זעלבער צייט אָבער ווערן די פּרימערע קוואַליטעטן בלויז באַגריפן דורך די סעקונדערע קוואַליטעטן: — ווי קוואַליטעטן פאַר זיך ווערן זיי דירעקט ניט אויפגענומען דורך די חושים.

דערפאַר וואָס ס'זיינען פאַראַן אַזוינע פונדאַמענטאַלע אונטערשיידן צווישן די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן, ווי קאָלירן, קלאַנגען און אַז. וו., זיינען היסטאָריש די סעקונדערע קוואַליטעטן אָנגענומען גע־וואָרן פאַר סוביעקטיוו צוגעגעבענע פונם מענטשן, אַז דער מענטש פאַר־וואַנדעלט דורך זיינע חושים ליכט וואַלן באַוועגונגען אין קאָלירן און באַ־וועגונגען אין דער לופט ווערן פאַרוואַנדעלט אין קלאַנגען און אַז. וו. ווי דערשיינונגען אין דער נאַטור זיינען זיי אַנדערש, ווי זיי ווערן אויפגענומען.

די אַלטע טיילונג פון קוואַליטעטן אויף פּרימערע און סעקונדערע, וואָס ווערט אויך איצט פאַרטיידיקט פון אַסך דענקער, קען אַלעקסאַנדער, ווי אַ נעאָ־רעאַליסט און אויסגעהאַלטענער מאָניסט, ניט אָננעמען: — „איך קען ניט אָננעמען די אינטערפּרעטאַציע (די טיילונג), זי פאַרלאָזט זיך אויף מיין פאַרשטאַנד און אין דער זעלבער צייט פאַרזעט זי דעם אונטערשייד צווישן דעם אַקט פון אויפנעמען דורך דעם פאַרשטאַנד דאָס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם מעדיאָם אינם ניט־מענטאַלן אויסערלעכן אָביעקט און וואָס האָט געווירקט אויף די חושים. די קוואַליטעט, וואָס דער באַטרעפנדער חוש האָט אויפגענומען, איז אין יעדן איין פאַל ניט אָפּ־הייניגיק פונם פאַרשטאַנד (און אויך ניט פונם פיזיאָלאָגישן אָרגאַן). דער פאַרשטאַנד איז ניט מער ווי אַ פאָרמע, אָדער אַן אינסטרומענט, דורך וועלכן די קוואַליטעט, וואָס באַלאַנגט צו דער אויסערלעכער וועלט און ווערט אויפגענומען דורך די חושים, ווערט אַנטפּלעקט. דער קאָליר, וואָס איז ניטאָ דעמאָלט, ווען קיין ליכט איז ניטאָ, עקזיסטירט ווי אַ קאָליר ווען קיין אויג איז ניטאָ (און ליכט איז פאַראַן)". אויף אַ צווייטן פּלאַץ זאָגט ער: „קוואַליטעטן דאַרפן באַטירט און רעגיסטרירט ווערן, זיי דאַרפן אָבער אָנגענומען ווערן אַן וועלכער עס איז פּרעטענזיע און ניט מאַכן קיין פאַרזוך זיי צו דערקלערן. די איינציקע אויפגאַבע פאַרן פילאָזאָף איז צו באַווייזן, אַז זיי קאָרעספּאָנדירן און זיינען אידענטיש מיט צייט־רוימלעכער

קאָנפיגוראַציע, וואָס איז זייער פונדאַמענטאַלער באַזיס. ער דאַרף נעמען פון די וויסנשאַפטן אַלץ, וואָס ער קען פון זיי לערנען וועגן דער אַקטועלער אָרדענונג, וועלכע עקזיסטירט צווישן זיי כּדי ער זאָל קענען אַרויסברייג־גען דעם פאַקט, אַז די העכערע קוואַליטעט איז פון דעם זעלבן סאָרט ווי די נידעריקערע קוואַליטעט".[1]

עס איז נאָר וואָס באַמערקט געוואָרן, אַז דאָס איז דאָס צווייטע מאָל וואָס אַלעקסאַנדער באַהאַנדעלט די קוואַליטעטן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיי באַטראַכט אין פאַרבינדונג מיט דער רעאַליטעט פון זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק. איצט באַטראַכט ער זיי אין שייכות צום מענטשלעכן וויסן (דערקענטעניש לערע).

אַזוי־ווי אָבער ער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער, פירט ער זיי צו צו זיין מעטאַפיזיק, טראָץ דעם וואָס עס האַנדעלט זיך וועגן דער מענטש־לעכער דערקענטעניש. ער זאָגט אויף אַן אומדירעקטן אופן אַז אים אַרט ניט וואָס ס'איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן פרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן, ער האַלט, אַז דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר דער וויסנשאַפט. ווי אַ פילאָזאָף איז ער פאַראינטערעסירט אין אַריינפירן אָרדענונג צווישן זיי, זיי קאָאָרדינירן און אַריינברענגען אין דער צייט־רוימלעכער קאָנ־פיגוראַציע. פאַר אים איז עס לייכט צו טאָן ווייל ער לאָקאַליזירט זיי סאַי ווי אין דער נאַטור און דאָס מיינט, אַז אַלע קוואַליטעטן זיינען אין אַן אויסערלעכער רעלאַציע צום מענטשן און צו זיין פאַרשטאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז די קוואַליטעטן היינגען ניט אין דער לופטן; זיי באַשטייען פון אַ מאַניפעסטאַציע פון דער רעאַליטעט און זיי זיינען אויך, ווי עמערגענטן, די ערשטע עמפירישע דערשיינונגען פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. דורך זיי (דורך די סעקונדערע קוואַליטעטן) קומט דער פאַר־שטאַנד אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט פון זאַכן און פאַ־סירונגען.

טראָץ דעם וואָס ער זאָגט, אַז דער אונטערשייד צווישן די פרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן איז אַ וויסנשאַפטלעכער פּראָבלעם, איז ער זיכער, אַז ס'איז אויך אַ זייער וויכטיקער פילאָזאָפישער פּראָבלעם, ווייל ער קערט זיך נאָך אַמאָל אום צו אים און באַטראַכט אים. ער זאָגט אין אַ ווייטערדיקער פאַרבינדונג: „דאָ זעט אויס צו זיין דער פּלאַץ זיך אומצוקערן צום פּראָבלעם, וואָס איז פריער אָפּגעלייגט געוואָרן און איצט ווייטער פאַרטיידיקן דעם טעזיס, אַז די סעקונדערע קוואַליטעטן זיינען ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער כאַראַקטער צום פאַרשטאַנד, זיי זיינען בלויז פאַראַנטוואָרטלעך צו אים פאַרן פאַקט, וואָס זיי ווערן פון אים געזען, אָדער פאַרן געשמאַק. אַדאַנק דער היסטאָרישער טראַדיציע איז געווען שווער אָנצוהאַלטן די פּאָזיציע, אַז קאָליר, אָדער היץ, געפינט זיך אין די אויסערלעכע זאַכן גופא ווען די בויטיקע פיזישע צושטאַנדן,

[1] איביד, ז. 74.

ווי אַנווזנהייט פון ליכט איז פאַראַן. די פּאָזיציע איז אַסך שווערער ווען די באַשטימונג ווערט אויסגעברייט פון קאָליר אָדער היץ, אויף געשמאַק און אַראָמאַט״.[1]

נאָך אַ ווייטערדיקער באַטראַכטונג קערט ער זיך צוריק אום צו דער פראַגע און זאָגט: „מיר זיינען געצוואונגען צו ציען דעם שלוס, אַז ניט דער פאַרשטאַנד און ניט די לעבעדיקע חוש אָרגאַנען, גיבן צו צו די סעקונדערע קוואַליטעטן עפּעס פאַר זייער עקזיסטענץ; מיר מוזן באַהויפּטן, אַז זיי האָבן זייער זיך־פּלאַץ אין די מאַטעריעלע זאַכן גופא. מיר מוזן אָננעמען דעם פאַקט, אַז אויסער דעם קאַטעגאָרישן עלעמענט פון זאַכן, געפינט זיך אין זיי אויך די אויסשליסלעך עמפּירישע קוואַליטעט, פון וועלכער די סעקונדערע קוואַליטעטן פון מאַטעריע זיינען אַ ביישפּיל״.[2]

אַזוי ווי די קוואַליטעטן זיינען דער אַקס אַרום וועלכן אַ היפּש ביסל פונם ווייטערדיקן וועט זיך דרייען, וועט אין קורצן איבערגעחזר׳ט ווערן דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן די קוואַליטעטן אין שייכות צו דער קאָגניטיווער רעלאַציע.

אַלעקסאַנדער גיט אָפּ אַסך פּלאַץ צו באַווייזן, אַז די סעקונדערע קוואַליטעטן באַלאַנגען צו דער אויסערלעכער וועלט, אַז דער פאַרשטאַנד גיט צו זיי קיין שום זאַך ניט צו. אַזוי גיך ווי מען נעמט אָן, אַז דער פאַרשטאַנד גיט עפּעס צו צו די קוואַליטעטן, מיינט עס, אַז ער ענדערט זיי און די רעלאַציע איז אַן אינערלעכע: — די פּרעזענטירענדע זאַך ווערט געענדערט דורך דעם פאַרשטאַנד. דאָס באַשטרייט אַלעקסאַנדער. פאַר אים איז די קאָגניטיווע רעלאַציע, אַזוי גוט ווי די רעלאַציע צווישן זאַכן בכלל, אַן אויסערלעכע. דאָס איז פאַר אים זייער וויכטיק צו באַשטימען גלייך אין אָנהויב וועגן די סעקונדערע קוואַליטעטן דערפאַר, וואָס די סעקונדערע קוואַליטעטן זיינען די ערשטע עמערגענטן, וועלכע אינפאָרמירן דעם מענטשן וועגן דער אויסערלעכער וועלט. די פּרימערע קוואַליטעטן, די קאַטעגאָריעס און רוים־צייט, זיינען אינפערענצן, זיי זיינען שלוסן, וועלכע ווערן געצויגן פון דעם וואָס זיי מאַניפעסטירן זיך צוזאַמען מיט די סעקונדערע קוואַליטעטן. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען טיילן פון דער רעאַליטעט, זיי זיינען אָבער קאַטעגאָרישע טיילן און ניט קיין עמפּירישע: — זיי קומען אַ פּריאָרי. עס איז אַ פאַקט, אַז נאָר די סעקונדערע קוואַליטעטן ווירקן אויף די חושים און ווערן פון זיי אויפגענומען.

ווען מען נעמט אָן, אַז די סעקונדערע קוואַליטעטן באַשטייען פון אַ סינטעז פון עפּעס געגעבענעס פון דער נאַטור מיט אַ צוגאַב פונם פאַרשטאַנד, פירט מען אַריין פון איין זייט אַ דואַליזם פון אַ פיזישן טייל, וואָס באַלאַנגט צום פאַרשטאַנד און פון דער צווייטער זייט מיינט עס, אַז די קאָגניטיווע רעלאַציע איז אַן אינערלעכע: — די נאַטור איז ניט ווי זי זעט

[1] איביד, ז. 138.
[2] איביד, ז. 142.

אויס און דער מענטש נעמט זי ניט אויף דירעקט, נאָר ער אינטערפּרע־טירט זי אין זיין פאַרשטאַנד. דאָס פירט צוריק צו לאָקס רעפּרעזענטאַטיווער טעאָריע פון וויסן מיט אירע פּאַטאַלע קאָנסעקווענצן. אַזוי האָט אַלעק־סאַנדער און אַלע נעאָ־רעאַליסטן מיט אים, געדענקט.

דאָס וועט נידעריקער באַטראַכט ווערן אין פאַרבינדונג מיט דער דירעקטער אפּרעהענציע און מיטן אַזוי אָנגערופענעם צוזאַמענזיין (קאָמ־פּרעזענט) לויט דער קאָגניטיווער רעלאַציע. פריער דאַרף די קאָגניטיווע רעלאַציע גופא דערקלערט ווערן: — זי מוז זיין אַן אויסערלעכע און דאָס מיינט, אַז אַלץ קומט פון דער נאַטור, דער פאַרשטאַנד גיט נאָר צו דעם אַקט פון אויפנעמען דאָס אַרומיקע. קוואַליטעטן געפינען זיך אין די פּרע־זענטירענדע זאַכן צו די חושים; דער פאַרשטאַנד גיט צו זיי ניט צו קיין שום זאַך. צו זיין טעכניש מיינט עס, אַז דער אָביעקט פון קאָגנאַציע איז ווי די זאַך איז פאַר זיך אין דער אויסערלעכער וועלט. דאָס רופט אַלעק־סאַנדער אַן דירעקטע אַפּרעהענציע, דירעקט אויפנעמען.

אין דער דירעקטער אפּרעהענציע און דער קאָגניטיווער רעלאַציע פונם צוזאַמענזיין, געפינט זיך אינם פאַרשטאַנד בלויז דער אַקט פון וועלכן מען קריגט אַן אינערלעכן גענוס (ענדזשוימענט) און מען קאָנ־טעמפּלירט (באַטראַכט) דירעקט דאָס פּרעזענטירענדע אין דער אויסער־לעכער וועלט. אַ קאָנקרעטערביישפּיל וועט עס דערקלערן: — ווען מען זעט אַ בוים, זעט מען אים דירעקט אויפן פּלאַץ וואו ער געפינט זיך. דער זען קומט פאָר דורך דעם אויג לויט די אָפּטישע געזעצן. דאָס איז די אויסערלעכע זייט פונם פּראָצעס פון זען דעם בוים. דער זען גופא קומט פאָר אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך (אַרום דעם קאַלקאַרן פיזשור) וואו דער פּסיכישער פּראָצעס פון זען דערשיינט. דאָס לעצטע ווייסט מען אויף זיכער פשוט דערפאַר, וואָס ווען דער טייל פונם מאַרך ווערט צע־שטערט, אָדער דעגענערירט, ווערט מען פּאַלשטענדיק בלינד. וויאַזוי דער דאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר אין דער אינערלעכקייט פון די צעלן איז אַ סוד וואָס קיינער וועט ניט זאָגן, אַז ער ווייסט ווי אים צו דערקלערן.

לויט אַלעקסאַנדערס אינטערפּרעטאַציע קומט אינם מאַרך בלויז פאָר דער אַקט פון זען אַן וועלכן עס איז אינהאַלט פונם געזעענעם בוים. דער אַקט באַשטייט פון באַוואוסטזיניק ווערן, וואָס ער רופט אַן גענוס (ענדזשוימענט); דער זען אָבער פון דעם בוים גופא, וואָס ער רופט אַן קאָנטעמפּלאַציע (באַטראַכטונג אָדער באַנעמונג), קומט פאָר אויפן פּלאַץ וואו דער בוים געפינט זיך און ניט אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך. אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך איז ניטאָ קיין שום אינהאַלט און קען אויך ניט זיין. די אַפּרעהענציע (אויפנעמען) מוז זיין אַ דירעקטע. דאָס איז אַ פונדאַמענטאַלער באַדינג פאַר יעדן נעאָ־רעאַליסט, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו שפּאַלטן די נאַטור אויף צווייען: — אַ פיזישע וועלט און אַ פּסיכישער אינהאַלט אינם פאַרשטאַנד. די נאַטור איז איינע און די רעלאַציע פון דעם מענטשן וועגן דעם וואָס ער נעמט אויף, באַנעמט, אָדער אַפילו וואָס ער

פֿאַנטאַזירט, איז אַ ריין אויסערלעכע: — עס געפינט זיך אין דער נאַטור אויסער אים; ער נעמט עס בלויז אויף.

די דירעקטע אַפּרעהענציע רופט גלייך פון אָנהויב אַרויס צוויי פראַגן (שפּעטער רופט זי אַרויס מער פראַגן). 1) וויאַזוי קומט פאָר דער פּראָצעס פון באַוואוסטזיניק ווערן אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך? און וואָס קומט דאָרט פאָר? און 2) וויאַזוי ווערט דער פּראָצעס פון זען דעם בוים, צום ביישפּיל, לאָקאַליזירט אויפן באַשטימטן פּלאַץ ווען דער אַקט פון זען ווערט אילומינירט אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך? מיט דער ערשטער פראַגע באַשעפטיקט ער זיך כמעט ניט און מען קען צו אים אויך ניט האָבן קיין טענה: — ער האָט ניט געקענט דערקלערן דאָס, וואָס קיינער קען ניט דערקלערן.

דאָס נאָענטסטע וואָס ער קומט צו צו דער פראַגע איז וואָס ער זאָגט אויף אַ פּלאַץ, אַז מען דאַרף די פיזיאָלאָגישע פונקציע אין די נערוון און דאָס באַוואוסטזיניק ווערן, ניט נאָר צוזאַמענברייגען, מען דאַרף זיי אידענטיפיצירן. דאָס איז דער טאָפּעלטער אַספּעקט שטאַנדפּונקט, אַז די פונקציע, וואָס דאָס פּרעזענטירנדע רופט אַרויס פיזיאָלאָגיש אין די נערוון און וואָס ווערט שטודירט אויסערלעך פונם פאָרשער, באַשטייט פון אַ באַוואוסטזיניקער איבערלעבונג פאַרן פאַרשטאַנד. דידאָזיקע אינטערפּרעטאַציע ווערט פאַרטיידיקט פון די קריטישע רעאַליסטן (ר. וו. סעלאַרס, לויד מאָרגען און אַנדערע), אַלעקסאַנדער האָט זי געקענט נוצן אין אַ באַגרענעצטער פאָרמע, אַז דער פאַרשטאַנד קריגט ניט מער ווי דעם אַקט פון באַוואוסטזיניק ווערן. אַזויווי אָבער ער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די דערקענטעניש לערע (טעאָריע פון וויסן) דאַרף דערקלערט ווערן דורך דער מעטאַפיזיק און ניט פאַרקערט, אַז די טעאָריע פון וויסן דאַרף פירן צו מעטאַפיזיק, ווי קאַנט האָט געטאָן, האָט ער די טעאָריע פון וויסן דערקלערט מעטאַפיזיש. זיין אינטערפּרעטאַציע איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז ס׳הייבט אָן שווינדלען אין מוח ווען מען לייענט זי. עס איז די אַזוי אָנגערופענע דירעקטע אַפּרעהענציע, וואָס איז דער ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע: וויאַזוי ווערט דער אָביעקט פון וויסן (דער בוים אין דעם ביישפּיל) לאָקאַליזירט אויפן פּלאַץ וואו ער געפינט זיך. ווען דער אַקט, דער זען, ווערט אילומינירט אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך? דער ענטפער פאַרנעמט ביי אים אַ קאַפּיטל פון פערציק זייטן און ערשט איז דער מחבר פון די שורות ניט זיכער צי ער פאַרשטייט אים ריכטיק.

מיטן באַדינג, אַז זיין דערקענטעניש לערע וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אַזוי פּינקטלעך ווי ער האָט זי, מעגלעך, פאַרשטאַנען, וועט געמאַכט ווערן אַ פאַרזוך זי איבערגעבן אויף אַ ריין סכעמאַטישן אופן. ער האַלט, אַז רוים־ציים, אָדער צייט און רוים, ווי ער דערקלערט אין דער פאַרבינדונג און די קאַטעגאָריעס, ווערן ניט אויפגענומען עמפּיריש פאַר זיך, זיי קומען אָבער „אינטואיטיוו״ (זיין טערמין) צוזאַמען מיט זאַכן (מיט דער עמפּיריק).

אין דער פאַרבינדונג טיילט ער אָפּ רוים פון צייט און ער רעדט בלויז פון רוימלעכער שייכות. צי אַזאַ טיילונג איז פאַר אים דערלויבלעך, ווען ער האַלט, אַז באַזונדער עקזיסטירן זיי ניט, האָט ער באַשטימט, אַז ער קען עס טאָן.

ער זאָגט, אַז ווען מען ווערט אינפאָרמירט וועגן איין פונקט אין דער וועלט, איז אַדאַנק דער קאָנטינואיטעט פון רוים, טראָגט עס זיך איבער צו יעדן פונקט. דערפאַר איז ווען מיר ווערן באַוואוסטזיניק וועגן אונדזער אייגענעם רוים (אינם מאַרך) ווערן מיר גלייכצייטיק באַוואוסט־זיניק וועגן די זאַכן אין דער אויסערלעכער וועלט און פאַרקערט. יעדער איין אינערלעכער געגנוס (ענדזשוימענט), איז אין דער זעלבער צייט אַ קאָנטעמפּלאַציע פון דעם וואָס געפינט זיך אין דער אויסערלעכער וועלט. ער ברענגט אַ ביישפּיל אַז ווען מען זעט אַ קאָלירטע ליניע, צעשפּרייט זיך די ליניע אויף אַלע רוימלעכע פונקטן, געזען ווערט זי אָבער נאָר דורך אַ באַשטימטן פּלאַץ אינם מאַרך. דער געגנוס ווערט איבערגעלעבט דורך דעם מענטשן אין זיין אינערלעכן וועזן, די קאָנטעמפּלאַציע (דאָס אויפ־נעמען) קומט פאַר דאָרט, פון וואַנען די איינדרוקן צו די חושים זיינען געקומען, דאָרט וואו עס געפינט זיך די קאָלירטע ליניע.

פון זיין דערקלערונג ציט ער אַ שלוס, אַז צוזאַמען מיטן פּרעזענ־טירענדן אָביעקט צו די חושים, קומט דירעקטע אינפאָרמאַציע פון דעם ספּעציעלן פּלאַץ פונם באַטרעפנדן רוים גופא. די דאָזיקע דירעקטע אינפאָרמאַציע, וואָס לויט זיין אינטערפּרעטאַציע, לויפט זי פאַראויס פאַרן איינדרוק פונם קאָליר גופא, רופט ער אָן די אינטואיציע פון רוים. עס דאַרף מיינען, אַז די לאָקאַליזאַציע פון אַן איינדרוק דורך די חושים, ווי זען דעם בוים דאָרט וואו ער געפינט זיך אין רוים און ניט ביי זיך אין דער אינערלעכקייט פונם אייגענעם מאַרך, וואו דער באַטרעפנדער איינדרוק ווערט רעגיסטרירט, באַשטייט ערשטנס פון דעם וואָס דער בוים שיקט אַרויס פון זיך אינפאָרמאַציע צו יעדן פונקט אין רוים און דערפאַר דער־גרייכט די אינפאָרמאַציע וועגן דעם באַטרעפנדן רוים גופא צום זעאונגס־צענטער אין דעם מאַרך צוזאַמען מיט דער אָפּטישער אינפאָרמאַציע וועגן דעם בוים גופא און צווייטנס אויך דערפאַר וואָס רוים ווערט אויפגענומען אינטואיטיוו דירעקט און אוממיטלבאַר. דער רעזולטאַט איז זען דעם בוים אויפן פּלאַץ וואו ער געפינט זיך.

אין דער דערקלערונג זיינען איינגעשלאָסן צוויי ענינים: — די דירעקטע אפּרעהענציע, אַז זאַכן ווערן אויפגענומען דירעקט דאָרט וואו זיי געפינען זיך אין רוים און ניט מיט דער הילף פון קאָפּיעס פון די באַטרעפנדע זאַכן, וואָס זאָלן רעגיסטרירט ווערן אינם פאַרשטאַנד; און צווייטנס, כאָטש רוים פאַר זיך ווערט ניט אויפגענומען דורך די חושים, איז ווען עפּעס פּרעזענטירט זיך צו די חושים, לויפט רוים אינטואיטיוו צוזאַמען, אָדער גאָר, פאַר דעם פּרעזענטירענדן.

וועגן דער אַזוי אָנגערופענער אינטואיציע פון רוים זאָגט ער: „ווען

דער פאַרשטאַנד ווערט באַוואוסטזיניק וועגן זיין אייגענעם רוים און צייט, ווערט ער אויך באַוואוסטזיניק וועגן דעם רוים און צייט פון אויסערלעכע זאַכן און פּאַרקערט (וואיסע ווערסע): עס מיינט ווען ער ווערט באַוואוסט־זיניק וועגן רוים און צייט פון אויסערלעכע זאַכן, ווערט ער אויך באַוואוסט־זיניק וועגן זיין אייגענעם רוים און צייט). דאָס איז אַ דירעקטע קאָנסע־קווענץ פון דער קאָנטינוּאיטעט פון רוים־צייט: עס איז אַדאַנק דעם, וואָס יעדער איין פּונקט־מאָמענט איז פריער אָדער שפּעטער פאַרבינדן דירעקט אָדער אומדירעקט מיט יעדן אַנדערן פּונקט־מאָמענט. די רעלאַציע איז מער פאָלקאָמען דערקלערט געוואָרן מיט דער הילף פון דער היפּאָטעזע אַז דער מאָמענט דינט ווי אַ פאַרשטאַנד (מאַינד) פאַרן פּונקט, וואָס דאַרף דינען ווי אַ קערפּער און דערפאַר איז ער (דער מאָמענט) אין ברייטן זינען באַוואוסטזיניק (אווייר) וועגן יעדן איין פּונקט (זיך בלויז באַגרענעצן מיט רוים); מען מעג זאָגן ער איז באַוואוסטזיניק (אווייר) וועגן יעדן אַנדערן פּונקט אויפן זעלבן אופן, ווי יעדער איין פאַרשטאַנד (מאַינד) ווייסט וועגן אַנדערע פאַרשטאַנדן".[1]

עס גלויבט זיך ניט מען זאָל דאַרפן מאַכן אַזאַ קאָמפּליצירטע דער־קלערונג און נאָך נוצן אַזאַ צווייפלהאַפטע היפּאָטעזע, אַז צייט איז דער פאַרשטאַנד (מאַינד, נשמה) פון רוים, כדי צו קענען דערקלערן אַזאַ איינ־פאַכע זאַך, ווי זען אַ בוים (אָדער וואָס ס'זאָל ניט זיין) וואָס געפינט זיך פאַר די אויגן. די קאָמפּליצירטע דערקלערונג איז, אַז די שטראַלן פונם בוים ווערן צעשפּרייט איבער דעם גאַנצן רוים און אייניקע שטראַלן, וואָס געפינען זיך אינם גאַנצן רוימלעכן שטח, זאָלן דערגרייכן דעם זעאונגס פּלאַץ אינם מאַרך און אויף דעם אומדירעקטן אופן זאָל מען דערזען דעם בוים וואָס געפינט זיך פאַר די אויגן. ווען אָבער מען שטודירט די דערקענטעניש לערע (די טעאָריע פון וויסן) פון די אויסגעהאַלטענע מאָניסטן, די נעאָ־רעאַליסטן, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון שפּאַלטן די נאַטור אויף צוויי טיילן, אויף אַ פיזישן טייל אין דער אויסערלעכער וועלט און אַ פּסיכישן טייל אין דער אינערלעכקייט פונם באַוואוסטזיין, זעט מען, אַז זיי זיינען געצוואונגען צו נוצן אַזעלכע אומדירעקטע וועגן צו קענען דערקלערן גאַנץ איינפאַכע דערשיינונגען.

נידעריקער וועט נאָך אויסקומען זיך צו באַקענען מיט מער שטוי־נענדיקע אינטערפּרעטאַציעס: — אום צו מאַכן די אינטערפּרעטאַציעס מער פאַרשטענדלעך, וועלן זיינע עטלעכע טערמינען, וואָס זיינען נאָר וואָס גענוצט געוואָרן, נאָך אַמאָל דערקלערט ווערן. אונטער דירעקטער אַפּרע־הענציע מיינט אַלעקסאַנדער אויפנעמען דירעקט און אוממיטלבאַר אַלץ פון דער סביבה. אונטער אַלץ ווערט פאַרשטאַנען ניט נאָר זאַכן און דער־שיינונגען, נאָר אויך פאַרשטעלונגען, פאַנטאַזיעס און אַפילו חלומות: — דאָס אַלץ איז אין דער אויסערלעכער וועלט, אויסער דעם פאַרשטאַנד: ער,

[1] איביד, באַנד 2, ז. 144.

דער פאַרשטאַנד, האָט ניט מער ווי דעם אַקט פון אויפנעמען און דאָס רעאַגירן. געוויס קען מען זאָגן, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכער שטאַנד־פונקט, מען פאַלט אַריין אין ווידערשפּרוכן און אַפילו אין אַבסורדן; עס איז אָבער אַ קאָנסעקווענט אויסגעהאַלטענער שטאַנדפּונקט. „קאָמפּרעזענט" (צוזאַמענזיין) דערקלערט די דירעקטע אַפּרעהענציע: — עס מיינט, אַז עפּעס מוז זיך געפינען פון דער סביבה פאַרן פאַרשטאַנד ווען ער איז אַקטיוו. ער אַליין האָט קיין זאַך ניט וועגן וואָס צו „קאָנטעמפּלירן" (אויפנעמען, באַנעמען). אַלעקסאַנדער נוצט די טערמינען „קאָנטעמפּלאַציע" און „ענדזשוימענט" (גענוס) צוזאַמען; זיי באַשטייען פון צוויי פאַזן פון איין דערשיינונג.

ווען עפּעס דערשיינט און ווערט אויפגענומען, האָט דער פאַרשטאַנד דערפון אַ גענוס, אַן אינערלעכע איבערלעבונג. אין דער זעלבער צייט קאָנטעמפּלירט ער דאָס פּרעזענטירענדע. ער באַטראַכט עס, אָדער ער דענקט וועגן דעם. עס קענען זיין מיינונגס פאַרשיידנהייטן צי מען דאַרף, אָדער מען קען, מאַכן אַזאַ טיילונג. אַלעקסאַנדער מאַכט זי, דאַרף דער אונטערשייד פאַרשטאַנען ווערן ווען מען שטודירט זיין דערקענטעניש לערע.

אינטואיטיווער וויסן מיינט מער האָבן אַ געפיל ווי האָבן אַן אַקטועלן וויסן. עס איז בעסער ווען אַזאַ טערמין ווערט ניט גענוצט; ער דערקלערט קיין זאַך ניט און העלפט ניט צו לייזן וועלכן עס איז פּראָבלעם אין דער דערקענטעניש לערע. אַלעקסאַנדער נוצט אים, איז ער דאָ דערקלערט געוואָרן.

די קאָגניטיווע רעלאַציע, וואָס איז דער נאָמען פון דעם קאַפּיטל, איז אַ פונדאַמענטאַלער באַגריף. אַלץ, וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן און וואָס וועט נידעריקער דערקלערט ווערן, איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם באַגריף. ווי ער איז שוין פריער דערקלערט געוואָרן מיינט ער, אַז דער מענטש איז אַ זאַך אין דער נאַטור, ווי אַנדערע זאַכן; דער אונטערשייד צווישן אים און אַנדערע זאַכן, באַשטייט אין דעם, וואָס ער ווערט באַוואוסטזיניק וועגן דעם וואָס פּאַסירט אַרום אים. די רעלאַציע צווישן אים און אַנדערע זאַכן, איז אַן אויסערלעכע. זיין וויסן וועגן זיי איז אַ פּאַסירונג פאַר אים, אָבער ניט פאַר די אַנדערע זאַכן; מיט זיין וויסן וועגן זיי און אָן זיין וויסן, בלייבן זיי ווי געווען.

דער באַגריף, אַז די קאָגניטיווע רעלאַציע איז אַן אויסערלעכע איז פונדאַמענטאַל פאַר די נעאָ־רעאַליסטן. מען זאָגט, אַז ער ווערט דיקטירט פון דער סימבאָלישער לאָגיק, די לאָגיק פון פּאַרהעלטענישע, פון וועלכער ב. ראָסעל איז דער ווײַכטיקסטער עקספּאָנענט. דער באַגריף, אַז רעלאַציעס בכלל זיינען אויסערלעכע האָט אויך אַסך קעגנער, דערהויפּט צווישן אידעאַליסטיש געשטימטע דענקער; זיי באַהויפּטן, אַז אויסערלעכע רעלאַציעס פּאָלווערייזירן די נאַטור אויף שטיקלעך און ברעקלעך אַן וועלכן עס איז צוזאַמענבונד, ווייל ס'איז ניטאָ קיין שום קאָנטאַקט צווישן זיי. עס בלייבט ניט קיין שום מעדיאום וואָס זאָל זיי צוזאַמענהאַלטן. אַזוי ווי

אָבער די וועלט האָט אַן איינהייטלעכן צוזאַמענהאַנג איז דאָס, לויט זייער מיינונג, אַ באַווייז, אַז אַן אינערלעכע רעלאַציע עקזיסטירט צווישן זאַכן. וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל ניט האָבן וועגן דעם אַקאַדעמישן שטרייט, האָט ער סאַי ווי ניט קיין שייכות מיט אַלעקסאַנדערן, ווייל ער נעמט אָן רוים־צייט פאַר דער פונדאַמענטאַלער סובסטאַנץ פון דער נאַטור. אַלץ מיט אַלעמען באַשטייט פון עמערגענטע דערשיינונגען און זיי געפינען זיך אין רוים־צייט, וועלכע פאַראייניקט זיי אין איין איינהייטלעכקייט, אין איין גאַנצעס.

די אָפּהאַנדלונג וועגן דער דערקענטעניש לערע אין דעם קאַפּיטל איז באַזירט אויף אַ פאַר זייטן פון אַ קאַפּיטל פון העכער פערציק זייטן אונטערן נאָמען: די וועגן פון באַגרייפן, אָדער אויפנעמען (ווייס אוו אַפּרעהענשן). מען קען זאָגן, אַז בלויז דער אַריינפיר איז באַטראַכט געוואָרן. אין דעם ווייטערדיקן באַהאַנדעלט אַלעקסאַנדער דעם אופן ווי דער פאַרשטאַנד ווערט אינפאָרמירט וועגן די קאַטעגאָריעס, די פרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן, וועגן מאַטעריע, לעבן, וועגן דעם קערפער פאַרשטאַנד פּראָבלעם און אַז. וו. די מערסטע פראַגן האָט ער פריער דערקלערט אין פאַרבינדונג מיט זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק; איצט באַהאַנדעלט ער זיי פון דעם שטאַנדפונקט פון דער דערקענטעניש לערע וויאַזוי דער מענטש ווייסט וועגן זיי. אַזוי אָבער ער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער, וואָס האָט געהאַלטן אַז דער וויסן שטאַמט אַרויס פון דער רעאַליטעט, האָט ער אין זיינע דערקלערונגען דעם מעטאַפיזישן מאָמענט פונם אויג ניט אַרויסגעלאָזט. ער דערקלערט די דערקענטעניש פון דער וועלט אין דער ליכט פון זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק. דאָס מאַכט די אַזוי אויך שווערע דערקענטעניש לערע פון נעאָ־רעאַליזם, אַסך שווערער און קאָמפּליצירטער. דערצו איז ער אויך געווען פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע, ווי אַ צוגאָב צו פילאָזאָפיע (פּסיכאָלאָגיע איז נאָך אין זיין צייט ניט אינגאַנצן אָפּגעטיילט געוואָרן פון פילאָזאָפיע אין ענגלאַנד), איז ער אויספירלעך געווען באַקאַנט מיט דער פּסיכאָלאָגישער זייט פונם פּראָבלעם. ער האָט געזען די פאַרשיידענע אויסזעצונגען קעגן זיין דערקענטעניש לערע און האָט גלייך געענטפערט אויף זיי. דאָס האָט אים געפירט צו דערמאָנען די מיינונגען פון ענגלישע, דייטשישע און אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגן און פילאָזאָפן. מען ווערט ממש פאַרלאָרן אין די איינצעלהייטן, וואָס פאַר פּסיכאָלאָגן זיינען זיי זייער וויכטיק; זיי האָבן אָבער געקענט אויסגעלאָזט ווערן אין אַ מעטאַפיזישן ווערק. ער גופא שווימט אין די ים׳ען פון פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, זייער לייכט; דער לייענער קען אין זיי דערטרינקען ווערן. צווישן די איינצעלהייטן פאַרזעט דער לייענער אָפט דעם צענטראַלן געדאַנק. עס ווערט געמאַכט ווערן אַ פאַרזוך אָנצואווייזן אויף די וויכטיקסטע פונקטן פון זיין דערקענטעניש לערע אויף וויפיל עס איז מעגלעך.

דעם קערפער־פאַרשטאַנד פּראָבלעם (דער פּראָצעס פון באַוואוסטזיין אין שייכות צום נערוון סיסטעם), וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע

פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, אויב ניט דער וויכטיקסטער, דערמאָנט ער ווי פאַרבייגייענד. ער זאָגט: „באַוואוסטזיין מיינט אַז די קוואַליטעט פון די באַשטימטע נערוון פּראָצעסן און די פּראָצעסן פון באַוואוסטזיין, זיינען אי־דענטיש".

נאָך דעם ווי ער דיסקוטירט אַ היפּש ביסל די בעהייוועריסטישע טעאָריע פון באַוואוסטזיין פון די אַמעריקאַנער נעאָ־רעאַליסטן און ער נעמט זי ניט אָן, זאָגט ער: „איך בין געצוואונגען צו איינשטימען מיט סאַנטיאַנען, ווען ער לייגט פאָר, אַז באַוואוסטזיין איז פאַקטיש די זוך־ליכט אַליין. עס איז אַ קוואַליטעט פונם נפש, וועלכער באַזיצט באַוואוסטזיין, ווי לעבן איז די קוואַליטעט פונם נפש, וועלכער באַזיצט לעבן און מאַטעריאַליטעט איז פון מאַטעריע".[1]

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם ציטירטן דערקלערט ער קיין זאַך ניט; ער זאָגט אַרויס אין אַנדערע ווערטער דעם שטאַנדפּונקט פון דער עמער־גענטער עוואָלוציע, אַז ער נעמט אָן דעם עוואָלוציע פּראָצעס מיט נאַטיר־לעכער פּיעטעט און בייגט דעם קאָפּ פאַרן פאַקט, וועלכן ער קען ניט דערקלערן.

ער באַרירט נאָך אַמאָל דעם פאַרשטאַנד, נאַטירלעך, פונם שטאַנד־פּונקט פון וויסן, פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש און חזר'ט איבער דאָס וואָס ער האָט שוין פריער אַסך מאָל געזאָגט, נעמלעך: „ס'איז ניטאָ קיין אַנדער מענטאַלער אַקט אויסער די שייכות גופא צום ניט מענטאַלן אָביעקט. דער פאַרשטאַנד האָט נאָר גענוס אין דער צייט ווען ער קאָנ־טעמפּלירט. די קאָנטעמפּלאַציע איז די סיבה וואָס פאַרשאַפט גענוס".

פּשוט מיינט דאָס ציטירטע: ווען עס איז ניטאָ קיין שום זאַך, אָדער דערשיינונג פאַרן פאַרשטאַנד וואָס זאָל באַטראַכט ווערן, איז ניטאָ קיין באַוואוסטזיניקער פּראָצעס: — דער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין אייגענעם אינהאַלט.

וועגן באַגריפן, אָדער אויפנעמען, מאַטעריע זאָגט ער: „וועגן די פּרימערע קוואַליטעטן פון מאַטעריע איז ניט נויטיק עפּעס צוצוגעבן אין דער פאַרבינדונג. זיי זיינען עמפּירישע באַשטימונגען פון רוים, צייט און באַוועגונג, און זיי ווערן באַגריפן אינטואיטיוו. אָבער דער ענטפער אויף דער פראַגע דורך וואָס פאַר אַ מענטאַלן אַקט מיר נעמען אויף די מאַטע־ריאַליטעט פון מאַטעריע, נעם איך אָן שליסט אין זיך איין מאַאס און ענערגיע. דאָס איז אַ זייער שווערער פּראָבלעם; די פראַגע איז ניט בלויז וועגן דער רעאַליטעט פון מאַטעריע, מאַטעריע איז ניט די איינציק עקזיס־טירענדע רעאַליטעט... אויב איך בין גערעכט אינם אופן פון מיין דענקען, איז מאַטעריאַליטעט אין דערווירקלעכקייט אַן עמפּירישע קוואַליטעט פון אַ באַשטימטן גראַד פון עקזיסטענץ, כאָטש ווי אַלע עמפּירישע קוואַ־ליטעטן לייזט זי זיך אויף אין פאָרמען פון רוים־צייט; מיר דאַרפן אידענ־

---

[1] איביד, ז. 114.

טיפיצירן דאָס באַגרייפן (פון מאַטעריע) אויפן זעלבן אופן, ווי אַנדערע פאָרמען פון מענטשלעכער אַקטיוויטעט. איך גלויב, אַז מיר באַגרייפן עס דורך דעם פילן דעם ווידערשטאַנד וואָס עס גיט צו אונדזערע קערפּערס".

ער בלייבט ניט שטיין ביי דער איינפאַכער דערקלערונג, וואָס ווייט־העד שטעלט זיך מיט איר צופרידן, אַז מיר ווערן באַקאַנט וועגן מאַטעריע דורך איר שטויס קראַפט. פאַר אים איז עס ניט גענוג: — ווי אַ פּסיכאָלאָג גיט ער אַ לענגערע דערקלערונג וועגן דעם „קינעטישן" (באַוועגונג פון מוסקולן) געפיל און אַז. וו. דאָס איז לגמרי ניט נויטיק אין אַ פילאָזאָפישער אָפּהאַנדלונג.

נאָך דעם ווי ער ווערט פאַרטיק מיט דער דערקלערונג וועגן מאַ־טעריע, באַהאַנדלט ער אַ דריטן מאָל די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן. אַזויווי אָבער אין דער אָפּהאַנדלונג איז אויך איינגעשלאָסן דאָס וואָס ער זאָגט אין דער איצטיקער פאַרבינדונג, וועט עס דאָ ניט איבערגע׳חזר׳ט ווערן.

ער האָט אַ לייגערע אָפּהאַנדלונג וועגן קאַוזאַליטעט, אָבער דאָס איז אַ שטרייט־פראַגע וועגן וועלכער עס זיינען געשריבן געוואָרן אָן אַ שיעור ביכער און מען האַלט נאָך אַלץ באַם אָנהויב, וועט עס אויסגע־לאָזט ווערן. דעם מחבר פון די שורות געפעלט נאָך אַלץ מער קאַנטס באַשטימונג פון אַלע אַנדערע מיינונגען. קאַנט זאָגט אַז קאַוזאַליטעט איז אַ באַדינג פאַרן מענטשלעכן דענקען וועגן דער רעאַליטעט. לויט זיין מיינונג, קען מען אויף קיין אַנדערן אופן ניט דענקען וועגן דער רעאַליטעט ווי אין דער פאָרמע פון אורזאַך און פאָלג (סיבה און פועל יוצא). פאַר דער וויסנשאַפט איז דאָס אַ פונדאַמענטאַלער באַדינג; נעמט אַוועק דעם באַגריף, אַז פאַסירונגען פאָלגן איינע נאָך דער אַנדערער אין אַ קאַוזאַלן סדר, וועט די וויסנשאַפט צוזאַמענברעכן. געוויס איז ריכטיק, אַז די פּי־זיקאַלישע וויסנשאַפט אָפּערירט איצט מיט סטאַטיסטישע דורכשניטן, ווי מאַקס פּלאַנק זאָגט, אָבער אַז מען זאָל קענען אָפּערירן מיט די סטאַטיסטישע דורכשניטן, דאַרף מען אָננעמען, אַז אין יעדן איינציקן פאַל פון די דורכ־שניטן הערשט אַ באַשטימטער סדר און ווען מען זאָגט זיך אָפּ פון דעם סדר, האָט מען ניט קיין סטאַטיסטיק פון וועלכע מען זאָל קענען צוזאַמענ־שטעלן דורכשניטן. און איינשטיין זאָגט פּשוט און פראָסט, אַז צו זאָגן דער עלעקטראָן איז פריי איז ריינע שטוסעריי.

פון דער צווייטער זייט האָט מען פאַר זיך יומען און בערטראַנד ראַסעלן, זיין איצטיקן נאָכפאָלגער, וועלכע באַווייזן אַז ס׳איז ניטאָ קיין גרונט אויף וועלכן מען זאָל קענען באַזירן קאַוזאַליטעט, אַז דאָס איז בלויז אַ מענטשלעכע אינטערפּרעטאַציע. דאָס פירט צוריק צו קאַנטן. זאָגט אָבער פאָן וועיצעקער אַז קאַנטס מיינונג קען נאָר זיין ריכטיק אין די גרענעצן פון דער קלאַסישער פיזיק און ניט פאַר דער קוואַנטום פיזיק.

וועגן דעם באַגריף, אָדער וועגן דעם וויסן וועגן לעבן בכלל, זאָגט אַלעקסאַנדער „דער העכערער שטאַפּל נאָך די סעקונדערע קוואַליטעטן

און מאַטעריע, איז לעבן. די קוואַליטעט לעבן ווערט אין אונדז גופא פּאַר־שטאַנען דורך די אָרגאַנישע און קינעסטעטישע סענסאַציעס״ (170). וואָס ס׳מיינט מיר פילן וועגן אונדזער לעבן אין אונדזערע אברים. וועגן דעם לעבן פון אַנדערע זאָגט ער אַז מיר וויסן וועגן דעם דורך אַן אַנאַלאָגיע מיט אונדזער אייגן לעבן. מיט דעם ענדיקט זיך דאָס קאַפּיטל וואָס טראָגט דעם נאָמען ,,די וועגן פון אויפנעמען און באַגרייפן״. עס האָט אין זיך אַסך אומגויטיקע פּסיכאָלאָגיע וואָס מאַכט עס שווער צו לייענען און נאָך שווערער צו סומירן.

זעקסטער קאפיטל

אַספּעקטן (דערשיינונגען)

דער ענגלישער דענקער ברעדלי זאָגט אין זיין קלאַסישן ווערק „אַפּירענס ענד רעאַליטי" (אַספּעקט און רעאַליטעט): „אַספּעקטן וואָלטן ניט געווען, ווען קיין רעאַליטעט וואָלט ניט געווען, ס'וואָלט ניט געווען וואָס ס'זאָל דערשיינען. אַ רעאַליטעט אָן אַספּעקטן מיינט גאָרניט. גאַנץ פּשוט דערפֿאַר, וואָס אויסער אַספּעקטן איז קיין שום זאַך ניטאָ".

דער לאַקאָנישער זאַץ קלינגט ווי אַ סאָפיזם; עס איז אָבער ניט קיין סאָפיזם, עס איז דער צענטראַלער געדאַנק פֿון זיין פילאָזאָפיע. ברעדלי איז געווען אַן אָביעקטיווער אידעאַליסט; ער האָט אָנגענומען, אַז די רעאַליטעט איז איינע און דאָס איז דער אַבסאָלוט, אָדער גאָט. דידאָזיקע רעאַליטעט מאַניפעסטירט זיך צום מענטשן דורך אַספּעקטן, וואָס באַשטייען ניט מער ווי פֿון פּאַסאַדן, דערשיינונגען, אָדער טיילן פֿון דער רעאַליטעט. יעדער טייל פֿאַר זיך איז ניט מער ווי אַן אויסזען (אַפּירענס;— אַספּעקט) פֿון דער רעאַליטעט, אָבער ניט די רעאַליטעט; — אַלע אַספּעקטן צוזאַמען פֿאָרמירן די רעאַליטעט און קיין אַנדער רעאַליטעט, אויסער אַלע אַספּעקטן צוזאַמען, איז ניטאָ. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען קען קיין אַספּעקט פֿון עפּעס (אַ זאַך) ניט באַטראַכטן פֿאַר קיין גאַנצער זאַך און דערפֿאַר קענען ניט זיין קיין באַזונדערע זאַכן אין דער וועלט; די רעאַליטעט איז איינע דער אַבסאָלוט, אָדער גאָט.

אַלעקסאַנדער איז פֿאַר פֿופֿצן יאָר געווען ברעדליס אַ תּלמיד אין אָקספֿאָרד און אויך שפּעטער האָט ער זיך מיט אים קאָרעספּאָנדירט. ווען ער האָט געביטן זיין בליק און האָט אָנגענומען אַ רעאַליסטישן רוים־צייט אויסגאַנגס פּונקט, האָט ער אָנגעהאַלטן זיין אַרט דענקען און אויך די טערמינאָלאָגיע, מיט אַן אַנדער רעאַליסטישן מיין. פֿאַר ברעדלין באַשטייט די רעאַליטעט גופא פֿון אַספּעקטן; פֿאַר אַלעקסאַנדערן באַשטייט די רעאַליטעט פֿון רוים־צייט פֿון וועלכער עמערגענטן אָן אַ צאָל זייענן אַרויסגעקומען. דעם מענטשנס וויסן וועגן זאַכן און דערשיינונגען, מאַניפעסטירט זיך דורך אַספּעקטן. דער אונטערשייד איז אַ פֿונדאַמענטאַלער: — פֿאַר ברעדלין באַלאַנגען די אַספּעקטן צו דער פֿונדאַמענטאַלער רעאַליטעט פֿון דער וועלט און ביי אַלעקסאַנדערן באַלאַנגען זיי צום מענטשנס וויסן וועגן דער וועלט, צו דער דערקענטעניש לערע. דער אַספּעקט איז

בלויז אַ באַגרענעצטע אָנווייזונג אויף אַ טייל פון אַ זאַך, ווען מען באַ־טראַכט זי פון אַ באַשטימטן ווינקל. אין איין פאַל האַנדעלט זיך וועגן דער וועלט גופא, אין דעם צווייטן פאַל האַנדעלט זיך וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשלעכן וויסן און די פאַקטערן, וועלכע דאַרפן גענומען ווערן אין באַטראַכט ווען מען אַנאַליזירט דעם וויסן, איינשליסענדיק די לאָקאַ־ליזאַציע פון פאַרשיידענע דערשיינונגען, פאַקטישע, זכרונות און אילוזיעס און אַז. וו. אַלץ מיט אַלעמען באַלאַנגט צו דער נאַטור, עס ווערט אָבער סינטעזירט פונם פאַרשטאַנד, ווען אַ פאַרזוך געמאַכט ווערן עס צו דערקלערן.

דער אָנהויב ווערט געמאַכט ווערן מיט דער הילף פון אַ דערקלערונג וואָס ער פאַרשטייט אונטער דעם וואָרט פאַרשטאַנד, וואָס ער פאַרשטייט אונטער דעם באַגריף זאַך, ווען מען זאָל זי קענען נעמען אָט ווי זי זאָל זיין פאַר זיך אַליין אָן וועלכן ס'איז צוגאָב פון זייטיקע איינדרוקן און אויך אָן דעם מענטשנס ביאָגראַפיע אין שייכות צו דער באַטרעפענדער זאַך; און דריטנס ווי זי ווערט פאַקטיש אויפגענומען מיט די פאַרשיידענע פאַר־בינדונגען. ער זאָגט: „דער פאַרשטאַנד באַשטייט פון אַ סינטעז, אין דער אינערלעכקייט פון זיין רוים און צייט, פון אַלע זיינע אַקטיוויטעטן אָדער פּראָצעסן. דער פאַראייניקער פון אַן עפּעס, ס'זאָל ווערן אַ זאַך, איז איר (דער זאַכס) רוים־צייט. אָבער ווען מיר באַטראַכטן (די זאַך) אין שייכות צו אַ פאַרשטאַנד, ווי ער קאָנטעמפּלירט זי, ווערט די זאַך געזען אין דער ליכט פון דער אַלגעמיינער טעאָריע, אָדער היפּאָטעזע, אַז זי באַשטייט פון אַ סינטעז פון עמפּינדונגען (סענזא), פּערצעפּציעס, פאַרשטעלונגען (אימאַזשעס), זכרונות און געדאַנקען, אָדער פלענער פון אויסערער גע־שטאַלטונג (קאָנפיגורײשן) צי פונם גאַנצן, אָדער פון טיילן פונם גאַנצן. די אַלע זיינען טיילווייזע אָביעקטן, וועלכע אין זייער סינטעז, שטעלן צוזאַמען די באַטרעפענדע זאַך".[1]

אין דעם אויסצוג צייגט ער אָן אויף דער נעאָ־רעאַליסטישער ליניע, וואָס ער ווערט נידעריקער נאָכפאָלגן ווען ער ווערט דערקלערן די טעאָריע פון וויסן לויט דער אויסערלעכער רעלאַציע, אַז אַלץ באַלאַנגט צו דער נאַטור, אַפילו זכרונות, געדאַנקען און אַז. וו. דער אויסגעהאַלטענער מאָניזם שאַפט פאַר אים אומגעהייערע שוועריקייטן, אויף וועלכע עס ווערט נידעריקער אָנגעוויזן ווערן. פריער ווערט די פּערצעפּציע פון אַספּעקטן באַטראַכט ווערן.

ער רעכענט אויס דריי אַזוי אָנגערופענע אַספּעקטן, אָדער פאָרמען, פון פּערצעפּציאָנעלן אינהאַלט: — אַקטועלע און ריכטיקע דערשיינונגען, וועלכע זיינען אויף אַ לעגיטימען אופן אויסגעקליבן געוואָרן ווי טיילן פון דער באַטרעפענדער זאַך און זיי זיינען אין איר איינגעשלאָסן. דער אויסדרוק איינגעשלאָסן אין דער זאַך דאַרף באַטאָנט ווערן, ווייל לויט אַלעקסאַנ־

[1] איביד, ז. 533.

דערס אינטערפּרעטאַציע און לויט דער אינטערפּרעטאַציע פון אַלע נעאָ־רעאַליסטן, מוז אַלץ זיין איינגעשלאָסן אינם פּרעזענטירנדן. דער פאַר־שטאַנד קלייבט בלויז אויס דאָס, וואָס ער באַטראַכט פאַר אַ טייל און פאַר־אייניקט עס מיט דער באַטרעפענדער זאַך. ער גיט צו איר גאָרניט צו. דאָס איז די נאָרמאַלע פּרעזענטאַציע פון זאַכן און דערשיינונגען. דער צווייטער פּרעזענט־רענדער אַספּעקט צו דער פּערצעפּציע, איז דער וועלכן ער רופט אָן בלויזער אַספּעקט. אונטער דעם בלויזן אַספּעקט מיינט ער אַ דערשיינונג וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ פרעמדן עלעמענט, וועלכער פירט אַריין אַן ענדערונג אין דער זאַך, וואָס איז ניט אירער אַן אַקטועלער טייל, ווי אַ שטעקן זעט אויס אויסגעבויגן ווען ער איז האַלב אינווייניק און האַלב אויסער דער וואַסער. דאָס אויסגעבויגענע איז פרעמד, עס באַלאַנגט ניט צו דער זאַך, צום שטעקן.

דער דריטער אַספּעקט באַשטייט אינגאַנצן פון אַן אילוזיע; עס דער־שיינט אַ פאַלשער איינדרוק, וואָס אין דער אמתן איז עס ניט דאָס, וואָס עס דוכט זיך אויס עס איז.

צוערשט וועט באַטראַכט ווערן די רעאַלע ריכטיקע דערשיינונג פון עפּעס וואָס פּרעזענטירט זיך צו די חושים. אין טעכנישע אַרבעטן ווערט געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן אַ זאַך, וואָס זאָל זיין פאַר זיך אַליין און אַן אָביעקט, וועגן וועלכן מען ווערט באַקאַנט לויט דער זינלעכער דערפאַרונג. דער אונטערשייד וועט דאָ ניט געמאַכט ווערן כדי צו אויסמיידן אומנוי־טיקע קאָמפּליקאַציעס; די צוויי טערמינען וועלן גענוצט ווערן ווי זיי זאָלן מיינען דאָס זעלבע. נאָך אַלעמען קען מען בלויז ריידן וועגן אָביעקטן פון דערפאַרונג ווי זאַכן ווערן אויפגענומען און ניט ווי זיי זיינען פאַר זיך אַליין: — ווי ב. ראַסעל זאָגט, אַז מען קען ניט וויסן ווי אַ זאַך זעט אויס איידער דאָס אויג קוקט אויף איר, ווייל אום זי צו זען, דאַרף מען מיט זיך ברענגען דאָס אויג עס זאָל זי זען.

אין דער פּערצעפּציע פון דער זינלעכער דערפאַרונג דורך די חושים, נעמט מען אויף ניט מער ווי אַספּעקטן פון זאַכן און ניט קיין גאַנצע זאַכן פּשוט דערפאַר, וואָס בלויז אַספּעקטן פּרעזענטירן זיך צו די חושים. אַלעקסאַנדער רופט אָן דאָס אויפנעמען פון זאַכן צוזאַמען מיט זייער לאָ־קאַליזאַציע אינטואיטיווער וויסן, וואָס ס׳דאַרף מיינען אַ דירעקט גע־צויגענער שלוס וועגן אַ גאַנצער זאַך, ווען מען באַקענט זיך בלויז מיט אירן אַן אַספּעקט. צום ביישפּיל, ווען מען זעט אַ מאַראַנץ, זעט מען ניט מער ווי אַ קאָליר און די פאָרמע, ווייסט מען אָבער, אַז ס׳איז אַ מאַראַנץ פון פריערדיקער דערפאַרונג. די פריערדיקע דערפאַרונג ווערט צוגע־טראָגן (צי באַוואוסטזיניק, אָדער אומבאַוואוסטזיניק איז ניט קיין אונטער־שייד) אַדאַנק דער פריערדיקער דערפאַרונג ווייסט מען, אַז ס׳איז אַ מאַראַנץ.

בערגסאָן זאָגט אויף אַ פּלאַץ אַז מיר דענקען מיט אונדזער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט; מער קאָרעקט וואָלט געווען צו זאָגן אַז מיר נעמען אויף

זאַכן און דערשיינונגען, מיט אונדזער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. אַן אייג־פּאַכער ביישפּיל וועט עס דעמאַנסטרירן: — מען צייגט אַ בלום צו דריי מענטשן, איינער איז אַן איינפּאַכער בשר־ודם, דער צווייטער איז אַ באָטאַניקער, אָדער האַרטיקוליסט און דער דריטער איז אַ לאַנדשאַפט־מאָלער. עס איז אָן ספק, אַז יעדער איינער פון זיי וועט רעאַגירן אויפן געזעענעם לויט זיין דערפאַרונג מיט בלומען: — ער וועט זען אין דער בלום אַלץ וואָס ער ווייסט און פילט וועגן אַ בלום. דער ערשטער וועט זי זען אויסערלעך און שמעקן איר אַראָמאַט, דער צווייטער וועט זי זען מיט אַלע אירע טיילן דורך און דורך און דער דריטער וועט ענטציקט ווערן פון איר פּראַכט, ער וועט פילן איר שיינקייט אין אַלע זיינע אברים. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט צוטראָגן עפּעס פון פריער צו דעם וואָס מען זעט אין דעם באַטראַכטענעם מאָמענט. איז די פראַגע: וואו געפינט זיך דאָס פון פריער איצט צוגעטראָגענע?

ער דאַרף ענטפערן אויף אַסך פראַגן וועגן דעם וואו עס געפינט זיך דער אונטערשייד צווישן די פּערספּעקטיוון, ווען מען נעמט אויף אַ זאַך פון פאַרשיידענע אַספּעקטן, אָדער ווינקלען. וואו, צום ביישפּיל, געפינט זיך דער אונטערשייד אין דער גרויס פון אַ זאַך ווען מען זעט זי פון פאַר־שיידענע דיסטאַנצן און זי זעט אויס גרעסער, אָדער קלענער לויט דער דיסטאַנץ פון וועלכן מען זעט זי? וואו געפינט זיך די בלויקייט פון אַ באַרג ווען מען זעט אים פון אַ דיסטאַנץ? וואו געפינט זיך דאָס בילד וואָס מען זעט אין שפּיגל?

מען קען פרעגן אַן אַ שיעור אַזוינע פראַגן. ער ענטפערט: „איך וועל פּראָבירן צו באַווייזן, אַז אין קיין איין פאַל באַלאַנגט ניט דער אויסזען צום פאַרשטאַנדס צוגאָב. אפילו אַן אילוזיע איז ניט מענטאַל אין איר כאַראַקטער; זיי זיינען אַלע גלייך לויטן אויסזען פיזיש. דאָס גרינע, וואָס מיר זעען ווען אַ גרויע פלעק געפינט זיך אויף אַ רויטן, איז אויף אַזויפיל ניט מענטאַל, ווי דאָס רויטע גופא... דאָס אילוזאָרישע אויסזען שטאַמט פון דעם, וואָס דער פאַרשטאַנד ברענגט אַריין נייע אָביעקטן אין דער זאַך".[1]

ער גיט לייגגערע דערקלערונגען פאַר יעדן איין פאַל צו באַווייזן, אַז אַלץ קומט פון דער סביבה; דער פאַרשטאַנד גיט קיין זאַך ניט צו, ער האָט עס ניט פון וואַנען צו נעמען. אויף אַ צווייטן פּלאַץ זאָגט ער: „אַלע פּערספּעקטיוון, לויט וועלכע אַ זאַך ווערט געזען, ווען זי ווערט ניט צעדרייט דורך אַנדערע סיבות, פאָלגן נאָך דעם זעלבן פּלאַן. זיי באַשטייען פון אויסגעקלובענע טיילן פון דער פּרעזענטירנדער זאַך צום אויג... אין דעם זינען איז ריכטיק צו זאָגן, אַז זיי זיינען די זאַך לויט איר אינטואיטיוון כאַראַקטער, וואָס באַשטייט פון דער טאָטאַליטעט פון די פּערספּעקטיוון, וועלכע זיינען איינגעשלאָסן אין איר... עס איז די זאַך, פון

[1] איביד, ז. 185־186.

וועלכע די פּערספּעקטיוון זיינען אויסגעקליבן לויט איר (רוימלעכער) פּאָזיציע. ס'איז אַ טייל פונם ריכטיקן אָדער גאָמעטרישן רוים וואָס סינטעזירט אַלע זיינע פּערספּעקטיוון. פּערספּעקטיוון זיינען ניט אומרעאַל טראָץ דעם, וואָס זיי זיינען בלויז פּערספּעקטיוון; זיי באַשטייען פון טיילן, זיי פאַלסיפיצירן ניט דאָס גאַנצע פון וועלכן זיי זיינען גענומען, און ווען עס איז אַ רוימלעכער טייל, איז ער ניט פאַלסיפיצירט״.[1]

עס איז קלאָר, אַלץ מיט אַלעמען קומט פון דער סביבה; די אָפּרע־הענציע פון זאַכן און דערשיינונגען, איז אַ דירעקטע; זיי ווערן אויפגע־נומען דאָרט, וואו זיי דערשיינען און ווי זיי דערשיינען. יעדער אַספּעקט פון אַ זאַך באַלאַנגט צו איר, ער איז נאָר אָפּהייגיק פון דער פּאָזיציע אין וועלכער ער געפינט זיך אין שייכות צו דער זאַך. יעדע איין זאַך שליסט אין זיך איין אַלץ וואָס גיט אַ מעגלעכקייט פאַר דער דערשיינונג פון אַלע אַספּעקטן. אינטואיטיוו וואָלט מען געדאַרפט קענען אויפנעמען אַלע מעגלעכע אַספּעקטן פון יעדער זאַך. דער מענטש איז אָבער באַגרענעצט אין זיין אויפנאַמס פייעקייט, קען ער עס ניט טאָן.

אין אַ פריערדיקער פאַרבינדונג איז ער ציטירט געוואָרן ווי ער דערקלערט וויאַזוי זאַכן ווערן אינטואיטיוו לאָקאַליזירט אויף זייערע באַטרעפנדע פּלעצער אין רוים־צייט לויט זיין אַלגעמיינער מעטאַפיזיק. אַזויווי די לאָקאַליזאַציע איז אַ רוימלעכע, האָט ער באַטאָנט דעם רוים־לעכן פאַקטער און האָט אויסגעלאָזט פון אויג דעם צייטלעכן מאָמענט. אַזוי לאַנג ווי ער האָט דערקלערט די פּערצעפּציע פון אַספּעקטן פון זאַכן ווי זיי זיינען איינגעשלאָסן אין די זאַכן און אין זייער רעלאַציע צו אַנדערע זאַכן, איז דער מעטאָד צו אַבסטראַאירן דעם צייט מאָמענט און אים אויס־לאָזן פון אויג, געווען באַקוועם און אין אַלגעמיין ריכטיק, הגם די אַב־סטראַקציע גופא איז פון זיין שטאַנדפּונקט ניט קיין באַרעכטיקטע לויט דער רוים־צייט רעאַליטעט.

אַפילו ווען מען לאָזט אויס צייט איז זיין פּאָזיציע אַ שווערע, אויב ניט קיין אוממעגלעכע; ווען ער ברענגט אַריין דעם צייט פאַקטער, ווערט זי אומגלויבלעך פאַנטאַסטיש. ער ווייסט עס; אָבער ווי ער זאָגט, האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט. ער זאָגט: „איך קען זיך ניט העלפן, איך מוז מודה־זיין ווי לייכטער עס וואָלט פאַר מיר געווען און וויפיל שווערע דער־קלערונגען איך וואָלט אויסגעמידן, ווען עס וואָלט געווען אַן אמת, אַז אינטואיציעס און סענסאַציעס זיינען מענטאַל ווי ס'ווערט אַלגעמיין פאַר־דעכטיגט און ווי פשוטער עס וואָלט געווען ווי אונדזער פּראָצעדורע, ווען מיר וואָלטן עס טיילווייז געקענט איבערגעבן צום פאַרשטאַנד, אָדער צו זיין קערפּער. צו זיין זינדיק איז לייכטער, דער וועג צו אומשולדיקייט איז שווער״.[2]

---

[1] איביד, זז. 196־195.

[2] איביד, ז. 199.

ניט אומזיסט האָט ער אָנגעשריבן אַרום אַכט הונדערט געדיכטע גע־דרוקטע זייטן און האָט געניצט זיין גאַנצן פּסיכאָלאָגישן און פילאָזאָפישן וויסן אויף אַזאַ טעכנישן שווערן אופן און האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל; ער האָט געוואוסט וועגן זיינע שוועריקייטן. ער איז אָבער געווען זיכער, אַז ער איז אויפן ריכטיקן וועג; ער האָט געוואוסט אַז ס׳איז ניטאָ קיין אויסגעפּלאָסטערטער קעניגלעכער וועג צום פּאַלאַץ פון וויסן דעם אמת. ער באַקלאָגט זיך אויף דעם, וואָס ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רעאַליטעט פון דער וועלט איז אַסך מער קאָמפּליצירט, ווי מען האָט געדענקט ביז דער לעצטער צייט. זיין פּאָזיציע איז נאָך שווערער און קאָמ־פּליצירטער דערמיט, וואָס ער האָט זיין דערקענטעניש לערע פאַרבונדן מיט זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק, ער האָט זי דערקלערט דורך דער מעטאַפיזיק; זי איז ביי אים אַרויסגעוואַקסן אויף אַן עמערגענטן אופן פון דער מעטאַ־פיזיק.

ער איז שוין פריער ציטירט געוואָרן ווי ער דערקלערט די לאָקאַ־ליזאַציע פון זאַכן מיט דער הילף פון זיין מעטאַפיזיק. איצט, ווען דער צייט פאַקטער דאַרף אַריינגעבראַכט ווערן, וועט ער נאָך אַמאָל ציטירט ווערן אין אַן אַנדער פאַרבינדונג.

ער זאָגט: „מיר האָבן געזען, אַז מיר באַגרייפן רוימלעכע שטריכן אינטואיטיוו דערפאַר, וואָס דער סטימול פון פילן (סענזורי) רעגט אָן פלעצער אין אונדזער מאַרך, וועלכע, ווען מיר ווערן וועגן זיי אינפאָרמירט אין אונדזער באַוואוסטזיין, ווערן מיר גלייכצייטיק אינפאָרמירט וועגן דעם רוים וואו די זאַך געפינט זיך. פאַר דעם זיינען ניט נויטיק קיין לאָקאַלע צייכנס פשוט דערפאַר, וואָס דער סענזאָרישער (וואו פילן ווערט לאָקאַ־ליזירט) פּלאַץ אינם מאַרך ווייסט דעם פּלאַץ פון וואַנען דער איינדרוק איז געקומען. מען קען פרעגן: ווי קענען זיך אונדזערע אינטואיציעס שטענדיק בייטן, ווי זיי טוען, אָן אונטערשייד צי זיי באַשטייען פון פאַלשע צוגאָבן צו דעם וואָס דערשיינט, אָדער ניט? דער מאָנאַד וואָס האָט אַן אינערלעכע שייכות מיט יעדן פּונקט אין דער רעטינע, וואָס ס׳מיינט מיט יעדן פּונקט־מאָמענט, וועלכער געפינט זיך אינם באַטרעפנדן שטח פונם מאַרך, וואו דאָס זעען קומט פאַר, איז אידענטיש מיטן פּונקט אין דער רעטינע. ער (דער מאָנאַד) איז אין קאָנטאַקט מיט יעדן איין פּונקט־מאָמענט אין רוים־צייט; ער איז באַקאַנט, אָדער ער „ווייסט״ יעדע איין ליניע, וועלכע פליסט פאַר דער ליכט צום אויג״.[1]

אין דעם זייער נעפּלהאַפטן אויסצוג האָט ער אַ טערמין, מאָנאַד, וועלכער דאַרף דערקלערט ווערן מען זאָל וויסן וואָס ער זאָגט. פריער אָבער וועט ער ווייטער ציטירט ווערן. ער זאָגט: „מיר נעמען אויף די קוואַליטעטן פון מאַטעריע און פון לעבן, מיר צאָלן אָבער אַ פּרייז: מיר זיינען באַרויבט געוואָרן פון צו קענען באַקאַנט ווערן דירעקט מיט רוים־

---

[1] איביד, ז. 200.

צייט, ווי יעדער מאָנאַד איז באַקאַנט" און ווייטער „אָט ווי מיר באַגרייפן דורך אונדזער באַוואוסטזיין, אַזוי באַגרייפט ער (דער מאָנאַד) דורך זיין אַקטיוויטעט. ער איז באַגרענעצט דורך זיין אייגנטימלעכן כאַראַקטער, ווי מיר זיינען דורך אונדזערע חושים. ער ווייסט בלויז דעם פּונקט־מאָמענט, דעם עלעמענט פון באַוועגונג אָדער רוים־צייט, וואָס איז אין סימפּאַטישער באַרירונג מיט די פּלעצער, פאַרמען און מאָסן פון זאַכן. דאָס „ווייסט" דער איינפאַכער מאָנאַד וועגן רוים־צייט בעסער און מער פון ניוטאָנען, לאַ־פּלאַסן, אָדער פון ראָסעלן. דיין מאָנאַד איז דיין איינציקער נאַטירלעכער מאַטעמאַטיקער, וואָס ניט ער האָט און ניט ער נויטיקט זיך אין מאַטעמאַטישן וויסן. ער לעבט אין מאַטעמאַטיק און אויף דעם אופן חברט ער זיך מיט זיינע פריינט".[1]

אַלעקסאַנדער האָט געשריבן פאַר דער אַקאַדעמישער וועלט. האָט ער, ווי ס'זעט אויס, ניט געדענקט אַז ער דאַרף דערקלערן דעם מיין פונם טערמין מאָנאַד; די פילאָזאָפישע וועלט וועט פאַרשטיין וואָס ער מיינט. נאַטירלעך ווייסט די פילאָזאָפישע וועלט דעם מיין פונם טערמין. מען האָט אָבער אַ רעכט צו פרעגן צי לויט זיין אַלגעמיינעם נאַטוראַליזם האָט מען פון אים געקענט דערוואַרטן אַזאַ מיסטישן שפרונג גלייך אין בערגסאָנס הענט אַריין?

דער טערמין מאָנאַד איז אַזוי אַלט, ווי דער טערמין אַטאָם; דער אונטערשייד צווישן זיי איז, וואָס אונטער אַטאָם ווערט פאַרשטאַנען די קלענסטע מאַטעריעלע איינהייט און אונטער מאָנאַד ווערט פאַרשטאַנען די קלענסטע גייסטיקע איינהייט. לייבניץ האָט דעם טערמין פּאָפּולער געמאַכט; ער האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפיע וואָס ווערט אָנגערופן מאָנאַדן לערע, די אַזוי אָנגערופענע מאָנאַדאָלאָגיע.

אַלעקסאַנדער פאָלגט ניט נאָך לייבניצן לויט זיין מאָנאַדן לערע; ער פאָלגט אויך ניט נאָך בערגסאָנען פון וועמען ער איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן אין דער אייגנאַרטיקער אינטערפּרעטאַציע וועגן דער פונקציע פון צייט. אויף וויפיל מען קען ציען אַ שלוס פון דער פאַרבינדונג, מיינט ער מיטן טערמין מאָנאַד אַ רוים־צייטלעכן פונקט־מאָמענט, וואָס זאָל באַזיצן אַ ספּעציעלן אינטואיטיוון וויסן וועגן יעדן איין פונקט־מאָמענט אין דער וועלט אויף אַ דירעקטן און אוממיטעלבאַרן אופן: — ער האַלט, אַז צייט איז די „נשמה" פון רוים און איז קרעאַטיוו. אַדאַנק דער אייגנ־שאַפט ווייסט דער מאָנאַד און דער מענטש מיט אים, וועגן רוים־צייט, וועגן די קאַטעגאָריעס און וועגן די פּרימערע קוואַליטעטן. דער דאָזיקער וויסן קומט ניט דירעקט פון זיך אַליין; ער קומט צוזאַמען מיט דעם וואָס מען קריגט פון דערפאַרונג דורך די חושים, נעמלעך: מיט די סעקונדערע קוואַליטעטן.

אַלעקסאַנדער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער; ער האָט געשריבן זיין

---

[1] איביד, ז. 205.

ווערק צוליב דעם מעטאַפיזישן טייל. ווי אַ מעטאַפיזיקער מאַכט ער באַ־הויפּטונגען, וואָס מען קען ניט באַווייזן צי זיי זיינען אמתע אָדער ניט. וואָלט מען זיי געקענט באַווייזן, וואָלט דער ענין באַלאַנגט צו דער וויסנ־שאַפט און ניט צו דער פילאָזאָפיע. ער זאָגט, ער זעט זיין פילאָזאָפיע אין איר גאַנצקייט, נויטיקט ער זיך נישט אין קיינע באַווייזן צי זי איז אמת. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם, וואָס לייענט זיין סיסטעם, איז אויב ער וויל, אָדער ער קען, וועט ער די פילאָזאָפיע נאָכפאָלגן אין אירע פונדאַמענטאַלע באַגריפן; אויב ניט וועט ער זיין ווערק אָוועקלייגן און וועט זוכן אַן אַנדער פילאָזאָף וועמען ער וועט קענען נאָכפאָלגן.

אַלעקסאַנדערס אינטואיציע פון רוים און צייט, אָדער רוים־צייט, ווי ער אינטערפּרעטירט זיי, צוזאַמען מיטן „וויסן" פון די מאַנאַדן, דאַרף מען נעמען אויף דעם זעלבן אופן; ער האָט ניט קיין שום באַווייזן צי זיי זיינען אמת, אָדער ניט. דער מחבר פון די שורות פאָלגט אים נאָך אויף וויפיל ס'לאָזט זיך; ער האָט ניט קיין געשמאַק פאַר מיסטישער מעטאַפיזיק. צו אים אַפּעלירט ניט דער אינטואיטיווער וויסן וועגן רוים־צייט. ער נעמט פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט, אַז רוים און צייט קומען צוזאַמען מיט זאַכן און דערפאַר איז מאַטעריע, פון וואָס זי זאָל ניט באַשטיין, אַזוי פונ־דאַמענטאַל ווי רוים און צייט, אָדער רוים־צייט. ביי דעם בלייבט ער שטיין אין דעם מעטאַפיזישן טייל. אויך די דערקענטעניש לערע האָט אַן איראַציאָנאַלן ניט פאַרשטענדלעכן מאָמענט וואָס קען ניט דערקלערט ווערן.

אין דער אָפּהאַנדלונג ביז אַהער איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך אַרויסצוברייינגען וויאַזוי דער מענטש ווייסט וועגן דעם, וואָס ס'געפינט זיך אַרום אים אין דער אויסערלעכער וועלט; וואָס ער ווייסט וועגן דעם און וויאַזוי ער קען וויסן צי דאָס, וואָס ער ווייסט, איז ריכטיקע אינפאָר־מאַציע וועגן דער וועלט.

אַזויווי דער נעאָ־רעאַליסט נעמט אָן, אַז דער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין אייגענעם אינהאַלט, אַז ער גיט ניט צו קיין שום זאַך צום פּרעזענ־טירנדן, אַז אַפילו אַלץ, וועגן וואָס ער דענקט, צוזאַמען מיטן אינהאַלט פון דעם דענקען גופא, באַלאַנגט צו דער אויסערלעכקייט, האָט אַלעקסאַנדער זיך אונטערגענומען צו פאָרמירן אַ פילאָזאָפישן סיסטעם לויט וועלכן יעדער אָביעקט, פון וואָס ער זאָל ניט באַשטיין, באַלאַנגט צו דער אויסערלעכער וועלט.

ביז איצט איז באַטראַכט געוואָרן די פּערצעפּציע פון זאַכן, ווי זיי זיינען אין זייער נאָרמאַלער פאָרמע. עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז דער וויסן באַשטייט פון צוויי טיילן: — פון דעם וואָס ווערט אויפגענומען דורך די חושים, ווי קאָלירן, קלאַנגען, ריחות, געשמאַקן און אַז. וו. פון די אַזוי אָנגערופענע סעקונדערע קוואַליטעטן, וועלכע אינפאָרמירן וועגן דעם עמפּירישן טייל פונם אויפגענומענעם. זאַכן באַשטייען אָבער ניט בלויז פון דעם, וואָס ווערט אויפגענומען דורך די חושים; זיי האָבן אויך

טיילן, וועלכע שטאַמען ניט פון דער עמפּיריק; זיי קומען מיט דער דער־פאַרונג, זיי שטאַמען אָבער ניט אַרויס פון דער דערפאַרונג, וואו זיי פאַר־נעמען אַ פּלאַץ און וועגן רוים גופא אינפאָרמירן אויך ניט די חושים. זיי האָבן פאָרמע און מאָס און זיי באַוועגן זיך אין שייכות צו אַנדערע זאַכן. וועגן אַט דעם אַלעמען ווייסט דער מענטש טראָץ דעם, וואָס די חושים גיבן אים ניט קיין שום דירעקטע אינפאָרמאַציע. איז די פראַגע: וויאַזוי קריגט מען דידאָזיקע אינפאָרמאַציע?

אַלעקסאַנדערס ענטפער איז פריער געגעבן געוואָרן, אַז מען האָט וועגן דעם אַלעמען אינטואיטיוון וויסן, וואָס איז אַ דירעקטער און אומ־מיטלבאַרער וויסן. דער באַוויז, אַז די אינטערפּרעטאַציע איז אַ ריכטיקע, איז דער פאַקט גופא, וואָס יעדע זאַך פּרעזענטירט זיך מיט אַלע אירע איינגשאַפטן, ווי לאָקאַליזאַציע, רעלאַציע און מיט די פּרימערע און סע־קונדערע קוואַליטעטן. אַזוי־ווי אָבער ער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער, וואָס האָט געוואָלט אַלץ דערקלערן, האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דער מאָנאַדן לערע, אַז דער פּונקט־מאָמענט האָט אַן אייגנאַרטיקן „וויסן”, הגם ער אַליין ווייסט ניט, אַז ער ווייסט. דער דאָזיקער „וויסן” קומט אָבער ניט אַליין פון זיך, ער קומט צוזאַמען מיט דער אינפאָרמאַציע, וואָס מען קריגט דורך די חושים. געוויס איז דאָס אַן אינטערעסאַנטער און טרעפלעכער איינפאַל; עס איז אָבער אַ גרויסע פראַגע צי אַ מאָניסטישער רעאַליסט, וועלכער טרעט האַרט ביי דער ערד, קען זיך לעגיטים באַנוצן מיט אַזאַ ניט נאַטוראַליסטישן איינפאַל. וועגן דעם קענען זיין מיינונגס פאַרשיי־דענהייטן.

מיט דעם ענדיקט זיך זיין דערקלערונג ווי זאַכן און דערשיינונגען ווערן אויפגענומען אין זייער נאַטירלעכן צושטאַנד אין רוים. נאָך דעם גייט ער איבער צו דערקלערן ווי עס ווערן אויפגענומען (די פּערצעפּציע) אילוזיעס און אידייעס אין וועלכע צייט נעמט אַנטייל און שפּילט אַן אַקטיווע ראָלע.

ווען די איינפאַכע פּערצעפּציע, דאָס אויפנעמען זאַכן און דער־שיינונגען, ווי זיי קומען פאָר אין רוים, איז אַזוי שווער צו דערקלערן און צו לאָקאַליזירן פאַרן מאָניסט, אַז אַלעקסאַנדער איז געווען געצוואונגען זיך אַרויסהעלפן מיט אַ מיסטישער מאָנאַדן לערע, על־אחת־כמה־וכמה איז קאָמפּליצירטער די פּערצעפּציע, דאָס אויפנעמען פון אילוזיעס, האַלו־צינאַציעס, אימאַגינאַציעס, זכרונות און אידייעס מכל המינים. זיי אַלע האָט אַלעקסאַנדער געדאַרפט לאָקאַליזירן אין דער אויסערלעכער וועלט, אַז זיי זאָלן זיין אין אַן אויסערלעכער רעלאַציע (פאַרהעלטניש) צום מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַסך שווערער צו דערקלערן, ווי די נאָרמאַלע פּערצעפּציע פון זאַכן און דערשיינונגען. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז פאַרן אויסגעהאַלטענעם מאָניסט (נעאָ־רעאַליסט) געפינען זיך אַלע מענטשלעכע דערשיינונגען, וואָס דאַרפן אויפגענומען ווערן דורך די חושים, אויף איין אויבערפלעך אין רוים און עס איז אין דעם זעלבן

מאָמענט אין צייט אָן אונטערשייד צי די אַקטועלע פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער זעלבער צייט, אָדער אין פאַרשיידענע צייטן.

נאָך די אַזוי אָנגערופענע ריכטיקע אַספּעקטן (נאָרמאַלע זאַכן און דערשיינונגען), דערקלערט אַלעקסאַנדער די בלויזע אַספּעקטן, נעמלעך: ווען צוויי פאַרשיידענע פאַקטערן פאָרמירן אַן אילוזאָרישן אַספּעקט, ווי, צום ביישפּיל, ווען אַ שטעקן איז האַלב אין וואַסער און האַלב אין דער לופט, שאַפט עס די אילוזיע פון אַ געבויגענעם שטעקן. די אילוזיע איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער שטעקן געפינט זיך אין צוויי פאַרשיידענע מידיאַמס. ביי זייער צוזאַמענקונפט „בויגט זיך" דער שטעקן: — דער רעזולטאַט איז אַן אילוזיע פון אַ געבויגענעם שטעקן. אַלעקסאַנדער רופט עס אַן בלויזער אַספּעקט און ער אונטערשיידעט די דערשיינונג פון אַן אמתער אילוזיע. אַקאַדעמיש איז אַזאַ טיילונג באַרעכטיקט גאַנץ איינפאַך דערפאַר, וואָס דער שטעקן איז אין דעם פאַל אַ ריכטיקער שטעקן, נאָר ער זעט אויס אויסגעקרומט.

אין אַן אמתער אילוזיע, דערשיינט עפּעס, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט ניטאָ. אין אַ בלויזן אַספּעקט דערשיינט פאַרן פאַרשטאַנד אַ רעזולטאַט, אין אַן אילוזיע נעמט דער פאַרשטאַנד אַנטייל, ער פירט אַריין אַ פרעמדן עלעמענט צום דערשינענעם און דאָס פאָרמירט די אַקטועלע אילוזיע. ער ברענגט דעם ביישפּיל, אויף וועלכן עס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן, ווי ווען אַ גרויער פּאַפּיר ווערט אַרויפגעלייגט אויף אַ רויטן פּאַפּיר, דערשיינט פאַרן אויג גאָר אַ גרינער קאָליר. פאַרשטייט זיך, אַז די צוויי פּאַפּירן בלייבן מיט זייערע אָריגינעלע קאָלירן, דאָס אויג אָבער זעט גרינעס. אַלעקסאַנדער זאָגט אויסדריקלעך, אַז דאָס גרינע באַשטייט ניט פון קיין אילוזיע אינם פאַרשטאַנד, נאָר עס קומט פון דער אויסערלעכער וועלט וואו גרינער קאָליר געפינט זיך. ער זאָגט: „מיין מענטאַלער אַקט ברענגט מיך פנים לפנים מיטן גרינעם אין דער וועלט. שליסלעך פאָרמיר איך ניט דאָס גרינע אין דער אילוזאָרישער סענסאַציע, אָדער אין דער האַלוצינאַציע. דאָס איינציקע וואָס איך טו איז דאָס, וואָס איך רעאַגיר אויף אַ געהעריקן אופן אינם פראָצעס פון זעען. איך קלייב עס אויס פונם גרויסן אויסערלעכן גאַנצן, פינם רוים־צייט, וואָס שליסט אין זיך איין אַלע קוואַליטעטן. דערפאַר איז דער אָביעקט אַ ניט־מענטאַלער; ער באַשטייט פון אַ טייל פון דער וועלט. דער אויסקלייב פון אילוזאָרישע אַספּעקטן איז אַן אויסברייטערונג פון דעם אויסגעקליבענעם וואָס איז איינגעשלאָסן אין אַלע אַספּעקטן".

אום צו זיין זיכער, אַז מען פאַרשטייט אים ריכטיק און מען מאַכט ניט קיין טעות אין זיין אינטערפּרעטאַציע, אילוסטרירט ער עס מיט דעם, וואָס ווען מען זעט פאַר זיך אַ מאַראַנץ, זעט מען בלויז אַ געלן קאָליר מיט אַן אויסזען פון אַ מאַראַנץ און ניט מער; דער פאַרשטאַנד אָבער גיט עס צו פון דער סביבה, פון וועלכער ער נעמט דעם אַראָמאַט מיטן זאַפט

און אויף דעם אופן קריגט מען פאַר זיך אַ גאַנצן מאַראַנץ. אין אַלע פאַלן איז דאָס אַ צוגעגעבענע ניט קיין מענטאַלעס.[1]

ער איז נאָך אַלץ ניט צופרידן; ער מאַכט נאָך אַ טראָט ווייטער און זאָגט עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט גלויבן, נעמלעך: „אין אַ ראַציאָנאַלן חלום געפינען זיך ניט נאָר די אַספּעקטן (אַפּירענסעס) נאָר אויך די זאַכן, וועלכע באַנעמען זיך אין חלום־פּלאַץ אַזוי פּינקטלעך, ווי זיי וואָלטן זיך באַנומען אין דער ווירקלעכקייט. זיי פאָלגן די פיזיקאַלישע געזעצן און דערפאַר זייַנען זיי פיזיש, טראָץ דעם וואָס פאַקטיש באַשטייען זיי אידייאיש פון באַגריפן... יעדע איין זאַך איז רעאַל אינם חלום, דער מאַטעריאַל און זייַנע שייכותן, ער שליסט אין זיך אויך איין די רעאַליטעט פון זייַנע זאַכן. אָבער אין דער ברייטער וועלט געפינען זיי זיך ניט אין דער פאָרמע און דערפאַר שטימען זיי ניט מיט דער ברייטער רעפערענץ".[2]

עס גלויבט זיך ניט ער זאָל לאָקאַליזירן דעם אינהאַלט פון חלומות אין דער אויסערלעכער וועלט, אָבער פון זיין מאָניסטישן אויסגאַנגס פונקט, אַז דער פאַרשטאַנד האָט קיין שום זאַך ניט און האָט דערפאַר אויך קיין פּלאַץ ניט, האָט ער ניט קיין אַנדער ברירה. ער האָט ניט קיין אַנדער פּלאַץ וואו דאָס אַלץ צו לאָקאַליזירן. ער ציט דעם ווייטערדיקן שלוס: „אַלע מאַטעריאַלן פון די אילוזאָרישע פּערצעפּציעס זייַנען רעאַל און אויב די רעאַלע וועלט ווערט גענומען ברייט גענוג, איז די פּערצעפּציע גופא אַ פּערספּעקטיוו פון דער רעאַלער וועלט און איז אויף אַזויפיל אָביעקטיוו און ניט מענטאַל, ווי וועלכע עס איז אַנדערע פּערצעפּציע און אויב עס איז אַ פּערצעפּציע פון פיזישע זאַכן, פאָלגט זי אויס די געזעצן פון דער פיזיק און דערפאַר איז זי ניט נאָר בלויז ניט־מענטאַל אינם זינען וואָס זי איז ניט מענטאַל און ניט פיזיש, נאָר זי איז אויסדריקלעך פיזיש".[3]

ער גיט אָפּ אַסך פּלאַץ צו דערקלערן דעם מהות פון אילוזיעס און אויך פון האַלוצינאַציעס. ער חזר'ט זיך אַ היפּש ביסל מאָל איבער. פאַר אים זייַנען די פאַרשיידענע דערקלערונגען זייער וויכטיק דערפאַר, וואָס דאָס קאַפּיטל דינט פאַר אים ווי אַ בריק צו קענען אַריבערגיין פון פּערצעפּציעס, וואָס ווערן אויפגענומען דורך די חושים, צו קאָנצעפּציעס (באַגריפן) — פון דעם קאָנקרעטן צו דעם אַבסטראַקטן; עס דינט אים אויך ווי אַן אַריינפיר צו די ווערטן באַגריפן, ווי גוט, שיין און אמת, וועלכע ער רופט אָן די דריטע קוואַליטעטן.

דאָס דאָ ציטירטע באַשטייט פון דעם תמצית ווי ער דערקלערט אילוזיעס, איינשליסענדיק האַלוצינאַציעס און אַפילו חלומות. דאָס פירט אים צו דערקלערן אימאַגינאַציעס, זכרונות בכלל, וואָס איז אַן ענין פאַר

[1] איביד, ז. 211.

[2] איביד, ז. 215.

[3] איביד, ז. 247.

זיך. דערוויל בעטן זיך עטלעכע באַמערקונגען וועגן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט ביז אַהער.

קעגן זיין אינטערפּרעטאַציע וועגן אילוזיעס און אַז. וו. אַז זיי זיינען ניט מענטאַל, קען מען אַסך אויסזעצן (דער מחבר פון די שורות האָט עס אַנאַליזירט אין זיין ווערק: „די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן" אינם קאַפּיטל „די רעאַליסטישע דערקענטעניש לערע"). דאָ וועלן נאָר געמאַכט ווערן עטלעכע באַמערקונגען: — די אילוזיע, דאָס זען אַ גרינעם קאָליר, ווען מען לייגט אַוועק אַ גרויעם פּאַפּיר אויף אַ רויטן פּאַפּיר, קען ניט דערקלערט ווערן דערמיט וואָס גרינעס, ווי אַ קוואַליטעט, געפינט זיך אין רוים. אויף דעם פּלאַץ, וואו די אילוזיע פון אַ גרינעם קאָליר אַנטשטייט, איז פאַראַן נאָר אַ גרויער און אַ רויטער פּאַפּיר, אָבער ניט קיין גרינער. נאָך זיין גאַנצער דערקלערונג בלייבט נאָך אַלץ די פראַגע: — וואו געפינט זיך דאָס גרינע פון דער אילוזיע? פון וואַנען איז עס אַנטשטאַנען? פון וועמען איז עס גענומען געוואָרן? און וויאַזוי איז עס אויסגעקליבן געוואָרן? נאָך זיינע לאַנגע און גאַנץ שווערע אָפּהאַנדלונגען, בלייבן נאָך די פראַגן אָפן און ניט דערקלערט. טעותן אין דער פּערצעפּציע (אילוזיעס) איז דער שווער־פּונקט פון דער פאַן־אָביעקטיוויסטישער דער־קענטעניש לערע פונם נעאָ־רעאַליזם. די פראַגע איז:—אויב אַלץ שטאַמט פון דער סביבה און ווערט אויפגענומען דירעקט און אוממיטלבאַר (דירעקטע אַפּרעהענציע), דאַרף עס אויפגענומען ווערן אַט ווי ס'איז און ניט גע־ענדערט ווערן. גרוי און רויט, דאַרף בלייבן גרוי און רויט; עס קען ניט ווערן גרין פשוט דערפאַר, וואָס דער באַדינג איז, אַז ס'ווערט דירעקט אויפגענומען און דאָס מיינט איפּסאָ־פאַקטאָ אַזוי ווי ס'איז. ווען די אילוזיע פון גרין דערשיינט, מוז דער טעות זיך געפינען אין דער פּערצעפּציע, אָדער אינם פאַרשטאַנד און ניט אין דער סביבה.

(באַמערקונג: די אילוזיע פון זען גרין ווען מען לייגט אַרויף אַ גרויעם פּאַפּיר אויף אַ רויטן קען דערקלערט ווערן ווי ניט־מענטאַלעס, אַז ס'קומט פון דער נאַטור, ווען מען נעמט אָן אַז די צוויי קאָלירן (גרוי און רויט) ווירקן אויפן אָפּטישן נערוו עלעקטראָ־כימיש אויף אַזאַ אופן, אַז ער קריגט דעם איינדרוק פון אַ גרינעם קאָליר. אַזאַ אויסטייטשונג פון ניט־מענטאַלעס איז מעגלעך. פון אַלעקסאַנדערס דערקלערונג זעט מען ניט ער זאָל דאָס האָבן געמיינט, מען זעט אַז ער מיינט בפועל ממש אַז דאָס גרינע קומט פון דעם וואָס אין דער וועלט איז פאַראַן אַ גרינער קאָליר).

דידאַקטיקע אינטערפּרעטאַציע קען דער נעאָ־רעאַליסט, אַלעקסאַנדער, ניט אָננעמען; זי פירט אַריין אַ דואַליזם אין דער דערקענטעניש לערע און דערמיט שפּאַלט זי די נאַטור אויף צווייען, אויף אַ פיזישן טייל אין דער אויסערלעכער וועלט און אויף אַ פּסיכישן טייל אינם פאַרשטאַנד; ער ווערט אַן אַגענט און גיט צו אַן אייגענע אינטערפּרעטאַציע אין דער פאָרמע פון אַ צוגאָב צו דעם וואָס איז דערשינען. אַזאַ אינטערפּרעטאַציע איז פאַטאַל פאַרן נעאָ־רעאַליזם: — דער אַבסאָלוטער מאָניזם מוז אָנגעהאַלטן

ווערן פון אָנהויב ביזן סוף אָן אונטערשייד צו וואָס ער זאָל ניט פירן, דער אויסגעהאַלטענער מאָניזם פירט אַלעקסאַנדערן און די נעאָ־רעאַליסטן אין אַלגעמיין, צו אוממעגלעכע און אומפאַרשטענדלעכע אינטערפּרעטאַציעס; זיי האָבן ניט קיין אַנדער ברירה, סיידן זיי זאָלן אויפגעבן די אויסגעהאַלטענע מאָניסטישע דערקענטעניש לערע, ווי אייניקע האָבן עס טאַקע געטאָן ווי עס וועט נידעריקער אָנגעוויזן ווערן.

פון דער אילוזיע ביז דער אימאַגינאַציע (דאָס זיך פאַרגעשטעלטע) זעט אויס צו זיין ניט מער ווי איין טראָט. די אילוזיע באַשטייט פון אַ פאַלש אינטערפּרעטירטער פּערצעפּציע און די אימאַגענאַציע באַשטייט פון אַ צוריק געבראַכטער פריערדיקער פּערצעפּציע, צו צוריק ברענגען אין געדאַנק עפּעס וואָס איז פריער אויפגענומען געוואָרן דורך די חושים פון דער סביבה. פאַקטיש איז דער אונטערשייד צווישן זיי אַ פונדאַמענטאַלער.

אַן אילוזאָרישער איינדרוק באַשטייט פון אַ פאַלשער פּערצעפּציע וואָס איז אַריינגעקומען דורך די חושים. די אָריענטאַציע איז דורכאויס אַ רוימלעכע: — די רוימלעכע דערשיינונג איז פאַלש קאָנסטרואירט. אַן אימאַגינאַציע (פאַרגעשטעלטעס) באַשטייט פון אַ פּרעזענטאַציע אין דעם פאַרשטאַנד גופא פון אַ פריערדיקער פּערצעפּציע, וואָס איז איצט צוריק געבראַכט געוואָרן דורך דעם זכרון. ווי אַ צוריק געבראַכטער פריערדיקער איינדרוק (פּערצעפּציע) איז די קאָנסטרוקציע אין צייט; — מען זעט איצט ניט קלאָר ווי אַ דערמאָנונג פון עפּעס וואָס מען האָט פריער געזען אָדער געהערט. דער פריער מיטן איצט קומען זיך צוזאַמען אין דעם וואָס מען שטעלט זיך פאָר. וואָס מען שטעלט זיך איצט פאָר איז צוריק געבראַכט דורך דעם געדאַנק, עס איז ניט דורך די חושים סענזאָריש אַרויסגעבראַכט געוואָרן. אויב דער זכרון איז ניט קיין גוטער קען צוזאַמען מיטן פאַרגעשטעלטן קומען עפּעס אַ צוגעטראַכטעס וואָס איז פריער ניט געווען. דאָס צוגעטראַכטע באַשטייט פון אַן אילוזאָרישן צוגאָב צו דער אימאַגענאַציע.

אַזוי־ווי אימאַגענאַציעס ווערן דורך דעם געדאַנק אידייאיש צוריק גערופן פונם זכרון, איז מען גענייגט זיי צושרייבן צום פאַרשטאַנד, אַז זיי באַלאַנגען צו אים און ער רופט זיי צוריק ווען ער פאַנטאַזירט. אַלעקסאַנדער דענקט אַנדערש; ער זאָגט אויסדריקלעך אַז די „פאַרגעשטעלטע זאַכן באַשטייען פון אַספּעקטן פון די זאַכן גופא, הגם זיי זיינען ניט קיין פּילבאַרע זאַכן... טראָץ דעם וואָס דער חוש איז שאַרף און אַרויפצווינגענד און דער זכרון, אָדער די דערוואַרטונג, איז בלייך, ניט סטאַבעל און ניט גלויבנס־ווערט, פונדעסטוועגן זיינען די דערמאָנטע און די דערוואַרטעטע אַן צוויפל אויף אַזויפיל עכטע אַספּעקטן פון דער רעאַליטעט, נאַטירלעך, אויף וויפיל זיי זיינען באַגלויבלעך, ווי די וועלכע קומען דירעקט דורך די חושים. זיי באַשטייען פון אָנטפּלעקונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי די פאַרגאַנגענהייט, אָדער פון דער צוקונפט, ווי אַ צוקונפט און צו זיין אַן

אָביעקט פון דער פאַרגאַנגענהייט, מיינט ניט צו פאַרזונקען ווערן אין אַן אומרעאַליטעט, נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט. אויב מיר נעמען אָן, אַז צייט איז רעאַל, איז די פאַרגאַנגענהייט אַ רעאַליטעט, וואָס באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענהייט".

נאָך דעם ווי ער עלאַבאָרירט אויף צוויי זייטען וועגן דעם מיין פון דעם וואָס ער דערקלערט און ער חזר'ט זיך איבער עטלעכע מאָל, דערקלערענדיק דאָס זעלבע פון פאַרשיידענע ווינקלען, ציט ער דעם שלוס: „פאָלגלעך זיינען ניט קיין עמפינדונגען (די סענזא), ניט קיין פערצעפּציעס און ניט קיין זכרונות, מענטאַל לויט זייער כאַראַקטער; אָבער דערפאַר טאַקע, וואָס זיי זיינען ניט־מענטאַל, צווינגען זיי אויף אונדז אַרויף דעם אונטערשייד צווישן דעם וואָס איז אין זיי ריכטיק און רעאַל און דעם, וואָס באַשטייט ניט מער ווי פון פאַרגעשטעלטעס (אימאַגענאַציעס). פון דעם קען מען דירעקט און פאַקטיש זען, אַז דאָס עמפינדלעכע (וואָס קומט דורך די חושים) און דאָס וואָס מען שטעלט זיך פאָר (אימאַזשעס) דאַרף מען נעמען אויפן זעלבן אופן און זיי באַטראַכטן גלייך".[1]

אין דעם ציטירטן איז נאָר פאַראַן איין „אויב" און דאָס איז אויב מיר נעמען צייט פאַר אַ רעאַליטעט. אויפן פלאַץ דערקלערט ער ניט וואָס ער מיינט מיטן אויב; ווען מען נעמט אים אָבער לויט זיין מעטאַפיזיק און מען ווייסט, אַז ער פאָלגט פאַקטיש נאָך בערגסאָנען אין דער אינטער־פּרעטאַציע פון צייט, הגם ער וויל זיין רעאַליסטיש, מיינט דאָס ציטירטע אַז ער לאָקאַליזירט זכרונות און אַלץ, וואָס האָט אַ דירעקטע אָדער אומ־דירעקטע שייכות מיט זכרונות, אין צייט. ער דערקלערט ניט און קען אויך ניט דערקלערן, וויאַזוי זכרונות קענען לאָקאַליזירט ווערן אין צייט, ווען אַפילו מען זאָל נעמען רוים־צייט צוזאַמען. וואָס ס'איז נאָך מער קשה, איז וויאַזוי אָביעקטיווירט ער די סוביעקטיווע פּערזענלעכע ביאָגראַפיע און לאָקאַליזירט זי אויסער דעם פאַרשטאַנד. זכרונות זיינען דאָך ריין סוביעקטיוו, איז וויאַזוי קענען זיי אָביעקטיווירט ווערן? אויב ער דענקט צו פאַרבינדן דעם צייט מאָמענט, אָדער דעם רוים־צייט פּונקט־מאָמענט מיטן מאַרך, קען עס ניט מיינען קיין אַנדער זאַך ווי אַז יעדער איינער זאָל אין זיין מאַרך האָבן פּריוואַטע רוים־צייטן. עפּעס ענלעכעס האָט פאָרגעלייגט ב. ראָסעל, ער האָט זיך אָבער פון דעם גלייך אָפּגעזאָגט. עס איז מעגלעך, אַז ער האָט בלויז געשפּאַסט; ער איז אָפט פּאַראַדאָקסאַל און זאָגט עפּעס, וואָס ער מיינט אין דער אמתן ניט.

פון דעם, וואָס אַלעקסאַנדער זאָגט וועגן רוים־צייט, איז קענטיק, אַז ער האָט אין זינען דעם איינהייטלעכן רוים־צייט, וואָס טיילט זיך אין פאַרשיידענע לאָקאַליזאַציעס. וויאַזוי ער אַנטהאַלט אין זיך אַלץ, וואָס ער שרייבט אים צו, איז ניט דערקלערט און ניט ער האָט עס געקענט דערקלערן. מען קען זיך זיכער, ווען ער וואָלט זיין ווערק געוווען געשריבן נאָך די

[2] איביד, ז. 218־219.

פאַרשונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון פּענפילדן און פון אַנדערע, וועגן דער לאָקאַליזאַציע פון זכרונות און אויך די פאָרשונגען וועגן עלעק־טרישע שטראָמען אין מאַרך, וואָלט ער אַסך פון זיינע השערות ניט געקענט מאַכן. די פאָרשונגען באַווייזן בפועל ממש, אַז זכרונות זיינען לאָקאַליזירט אינעם מאַרך און ניט אין צייט. זיי ווייזן נאָר ניט אָן אויפן אופן וויאַזוי זיי זיינען לאָקאַליזירט. דאָס איז דערווייל אַ סוד וואָס קיינער קען איצט ניט וויסן, ווען און וויאַזוי ער וועט דערקלערט ווערן, אויב ער וועט ווען עס איז וויסנשאַפטלעך קענען דערקלערט ווערן; וואָס מען ווייסט יאָ איז, אַז אַלעקסאַנדערס דערקלערונג שטעלט ניט צופרידן, די צייט העלפט ניט, זי פליסט ניט אויף צוריק.

וועגן זיין פּותר־חלום זיין זאָגט פּראָפעסאָר לאַוודזשאָ, אַז ווען איינער זאָל, נאָכן אָפּעסן אַ שווערן מאכל, חלומען וועגן אַ מאָנומענט אין שיקאַגאָ, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון טיילן פון פאַרשיידענע פלעצער פון דער וועלט, וואָלטן אַלע טיילן געדאַרפט קומען קיין שיקאַגאָ זיך פאַראייניקן צוליב דעם חלום און וואָלטן אין דער זעלבער צייט געדאַרפט בלייבן אין די פאַרשיידענע פלעצער וואו די מאָנומענטן געפינען זיך. נאַטירלעך, אַז אַלעקסאַנדער האָט דאָס ניט געקענט מיינען, זיין שפּראַך איז אָבער אַזאַ, אַז קיין אַנדער מיין קען מען דעם ניט געבן.

וועגן דער נעאָ־רעאַליסטישער דערקענטעניש לערע, ווי אַלעק־סאַנדער דערקלערט זי, וועט געגעבן ווערן די מיינונג פון איינעם פון די ערשטע נעאָ־רעאַליסטן, וואָס ער זאָגט איצט וועגן דער דערקענטעניש לערע; עס וועט געגעבן ווערן דאָס וואָרט צו פּראָפעסאָר מאָנטעגיו, ער זאָגט: „אַ מער פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן מיר און מיינע נעאָ־רעאַליסטישע חברים האָט זיך אַנטוויקלט אין די לעצטע יאָרן. איך האָב קיינמאָל ניט אָנגענומען, אַז די צעדרייטע אָביעקטן, וועלכע דערשיינען אין אילוזיעס און אין האַלוצינאַציעס, עקזיסטירן אין דער ווירקלעכקייט. זיי באַשטייען פון קאָמפּלעקציעס פון עסענצן, וואָס קענען ניט, לויט מיין באַגריף, האָבן וועלכן עס איז פּלאַץ אין רעאַלן רוים אָן וועלכן עס איז אונטערשייד ווי קלאָר זיי זאָלן ניט אויסזען אין דעם מאָמענט ווען מען קריגט וועגן זיי אַ זינלעכע דערפאַרונג. עס איז זיי געגעבן געוואָרן אַ סטאַ־טוס פון עקזיסטענץ פון די וואָס רופן זיך נעאָ־רעאַליסטן. דער רעזולטאַט איז, אַז מען דאַרף דעם רוים, אין וועלכן מיר לעבן און באַוועגן זיך, מאַכן פאַר אַ מיסט־קאַסטן פון אַלע אינהאַלטן פון חלומות, אילוזיעס, ווירקלעכע און מעגלעכע. אונטער אַזאַ דרוק מוז דער רוים צוזאַמענברעכן, און דער נעאָ־רעאַליסטישער רוים האָט געפּלאַצט. ער איז צעבראָכן גע־וואָרן אויף אַ רייע „פּריוואַטע" רוימען און קהל'שע רוימען קאָנסטרואירט פאַר יעדן מענטשן באַזונדער. אַנטשטייט די פראַגע: זיינען פאַראַן אַזויפיל קהל'שע רוימען ווי מענטשן וואָס שטעלן זיי צוזאַמען? דרינגען זיי פאַל־שטענדיק אַריין איינער אינעם צווייטן, אָדער זיי דרינגען אַריין טיילווייז? אָדער זיי שטעלן צוזאַמען אין רוים? אָדער באַזונדערע רוימען אין רוים

לעבן דעם צווייטן? אָדער זיי געפינען זיך אין איין קהל'שן העכערן רוים, וועלכער איז ניט קיין קאָנסטרוקציע? דיזעלבע פראַגע דאַרף געשטעלט ווערן וועגן די פּריוואַטע רוימען און וואו האָבן זיך געפונען די מענטשן אײדער זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט די קהל'שע רוימען? נעמליך, ווען זיי זיינען געווען קינדער און אז. וו. אַן אַ שיעור...

ווען מיר נעמען אַן פּאַר עקזיסטענצן יעדן אין איינדרוק פון די חושים, צי זיי באַשטייען פון אמתע איינדרוקן, אָדער זיי באַשטייען פון אילוזיעס, איז דאָס ניט רעאַליזם, פאַר קיין פאַל ניט. מיר קענען ניט אַנרופן מיט נייע נעמען דאָס געגעבענע צו די חושים, ווי עמפּינדלעכעס אָדער סענסאַציעס, דעם גאַנצן מישמאַש פון די איבהאַלטן פון אונדזער דערפאַרונג און מיט אַ פּרוּמער מינע זיי אַנרופן „פיזישע" אין יעדן זאַץ וואָס מיר נוצן; אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי ניט קיין פיזישע גאַנץ איינפאַך דערפאַר וואָס זיי באַשטייען בכלל ניט פון קיין זאַכן; זיי עקזיס־טירן פּשוט ניט פאַר זיך גופא. נאָך ערגער איז דאָס, וואָס זיי קענען בשום אופן ניט אַריינגעבראַכט ווערן מיט אָרדענונג אין וועלכער עס איז סביבה, ניט אין קיין רוימלעכער און ניט אין קיין צייטלעכער סביבה פון דער רעאַלער וועלט. זיי זיינען ניט מער ווי איינדרוקן, וואָס פאַראַדירן אונטער קלינגענדע נעמען. דאָס איז ניט רעאַליזם, עס איז פענאָמענאַליזם".[1]

דאָס האָט געשריבן איינער פון די ערשטע און וויכטיקסטע אַמעריקאַנער נעאָ־רעאַליסטן אין 1930, מיט אַכצן יאָר שפּעטער נאָך דער צייט וואָס ער האָט מיטגעהאָלפן אַרויסצוגעבן דעם נעאָ־רעאַליסטישן אני מאמין מיטן אויסגעהאַלטענעם מאָניזם, איינשליסנדיק אַ מאָניסטישע דער־קענטעניש לערע (טעאָריע פון וויסן), אַז אַלץ געפינט זיך אין דער סביבה און דער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין אייגענעם אינהאַלט. פון דעם ציטירטן קען מען זען, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין „חטאות נעורים" און שלאָגט זיך „על־חטא". ער האָט איינגעזען, אַז אַן אויסגעהאַלטענע מאָניסטישע דערקענטעניש לערע פירט צו אַבסורדן, ווידערשפּרוכן און אוממעגלעכ־קייטן. צווישן אַסך אַנדערע, וועלכע האָבן איינגעזען די אוממעגלעכקייט פון אַ מאָניסטישער דערקענטעניש לערע, איז געווען ב. ראַסעל; ער האָט געשריבן אַז עפּיסטעמאָלאָגישער דואַליזם איז אויף אַזויפיל זיכער ווי וועלכער עס איז וויסנשאַפטלעכער פאַקט איז ווען עס איז געווען זיכער.

וואָס איז עפּיסטעמאָלאָגישער דואַליזם? דער מחבר פון די שורות האָט אָפּגעגעבן די לעצטע צוויי הונדערט זייטן פונם צווייטן באַנד פון זיין ווערק „די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן" צו ענטפערן אויף דער פראַגע, אָנהויבנדיק מיטן קאַפּיטל „די קריטיש־רעאַליסטישע דערקענטעניש לערע", ביז דעם סוף פון דעם בוך. דאָ קען אַזאַ אויספירלעכער ענטפער ניט געגעבן ווערן; עס וועט געגעבן ווערן אַ קורצער פאָרמאַלער ענטפער.

---

[1] קאָנטעמפּאָראַרי אַמעריקן פילאָסאָפיע, ב. 2, ז. 147־146.

דער אויסגאַנגס פּונקט פון דער נעאָ־רעאַליסטישער דערקענטעניש לערע, וואָס איז פריער געגעבן געוואָרן, באַשטייט פון דירעקטער אַפּרע־הענציע, פון דירעקט אויפנעמען זאַכן און דערשיינונגען, אויפן פּלאַץ וואו זיי געפינען זיך און וויאַזוי זיי זיינען דערשינען. די רעלאַציע (פּאַרהעל־טעניש) צווישן דעם מענטשן און דעם אָביעקט, וועלכן ער נעמט אויף, איז אַן אויסערלעכע אָן וועלכן עס איז אונטערשייד צי ס'איז אַן אַקטועלע זאַך, אַן אילוזיע, אָדער גאָר אַ חלום. דאָס איז אַ פונדאַמענטאַלער באַגריף פון דעם אויסגעהאַלטענעם מאָניסט; אויף דעם אופן מיידעט ער אויס אַ דואַליזם אין דער וועלט און אינם מענטשלעכן וויסן.

עפּיסטאָמאָלאָגישער דואַליזם מיינט אָננעמען אַ דואַליזם, אַ שפּאַל־טונג, אינם אופן ווי מען ווייסט וועגן דער וועלט. דאָס איז דער אויסגאַנגס פּונקט פון די קריטישע רעאַליסטן און אויך אַסך אַנדערע רעאַליסטן, ווי ב. ראַסעל, צום ביישפּיל, וואָס האָט איינגעזען, אַז מען מוז צוגעבן, אַז מען קען קיין דואַליזם ניט אויסמיידן אינם פּראָצעס פון וויסן.

די קריטישע רעאַליסטן זיינען, ווי די נעאָ־רעאַליסטן, מאָניסטן וואָס אָנבאַלאַנגט דער רעאַליטעט גופא (עס זיינען אויך פאַראַן אַנטאָלאָגישע דואַליסטן צווישן די קריטישע רעאַליסטן), זיי פּאַרטיידיקן אַ דואַליזם, אַ טאָפּעלטן אַספּעקט, אין דער דערקענטעניש לערע. זיי נעמען אָן, אַז דער באַוואוסטזיניקער פּראָצעס, דער וויסן וועגן זאַכן און דערשיינונגען, אין דער וועלט קומט פאָר אין דער אינערלעכקייט פון דעם מאָרך און מאַניפעסטירט זיך ווי אַ באַזייטונג וועגן דער זאַך, אָדער דער דערשיינונג, וואָס געפינט זיך אין דער אויסערלעכער וועלט. זיי לייקענען ניט, אַז דידאָזיקע אינטערפּרעטאַציע דערנאָענט זיי צו דזש. לאָקס קאָפּיע טעאָריע פון וויסן; זיי האַלטן אַז לאָק איז געווען גערעכט אין זיין שלוס, ער האָט נאָר ניט געוואוסט ווי אים צו דערקלערן. אין זיין צייט האָט מען ניט באַזעסן קיין גענוג וויסן מען זאָל געווען קענען געבן אַ ריכטיקע דער־קלערונג. דער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין קאָפּיע פונם פּרעזענטירענדן, ער נעמט עס גופא אויף אין דער פאָרמע פון אַ באַדייטונג (אַן אינטער־פּרעטאַציע) אין דער אינערלעכקייט פונם מאָרך און לאָקאַליזירט עס אויף דעם פּלאַץ פון וואַנען דער איינדרוק איז געקומען. עס קומט פאָר אינם באַוואוסטזיין אַ הין און צוריק באַוועגונג פון דער פּרעזענטירענדער זאַך, אָדער דער דערשיינונג.

דער פּראָצעס איז אַן אייגנאַרטיקער, אַזוי האָט ער זיך גענעטיש אַנטוויקלט און אַזוי פונקציאָנירט ער. וויסנשאַפטלעכע פאַקטן פון דער פיזיאָלאָגיע פונם נערוון סיסטעם באַשטעטיקן אים ביז אַ גרויסן גראַד. אין זיין אַנטוויקלונג האָט דער מאָרך אין זיין אינערלעכקייט אַנטוויקלט אַ קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפט ניט נאָר צו קענען רעאַגירן אויף די פּראָצעסן פון דער אויסערלעכער וועלט; ער איז אויך געוואָרן אַן אַקטיווער אַגענט, ער נעמט אָן אַנטייל אין דעם וואָס קומט פאָר אַרום אים. ער איז אויך אַ שאַפענדער כוח און האָט אַנטוויקלט אַ פיאיקייט צו פּרעזערווירן אייג־

דרוקן און זיי צוריקברייגגען ווען ער וויל, אָדער ווען די סיטואַציע פֿאָדערט עס. עס איז זיכער, אַז ער פּרעזערווירט זיי אין דער אינערלעכקייט פֿון זיין נערוון סיסטעם און ווען ער פֿאַנטאַזירט, קריגט אילוזיעס, האַלוציגאַציעס, אָדער ער חלומ׳ט, דאַרף ער זיך ניט ווענדן צו דער אויסערלעכער וועלט זי זאָל אים געבן דעם אינהאַלט פֿון זיינע פֿאַנטאַזיעס, חלומות און אַז. וו. ער האָט זיי ביי זיך אין דער אינערלעכקייט פֿון זיין מאַרך. דאָס איז אַ פֿאַקט, מען ווייסט נאָר ניט וועגן דעם אופֿן ווי ס׳קומט פֿאָר די אָרגאַנישע פֿאַרבינדונג פֿון די זכרונות מיטן מאַרך.

פֿון די עטלעכע קורצע באַמערקונגען קען מען זען דעם אונטערשייד צווישן דער עפּיסטאָמאָלאָגיע, דער טעאָריע פֿון וויסן, פֿון דעם נעאָ־רעאַליסט און דעם קריטישן רעאַליסט. דער ערשטער נעמט אָן די דירעקטע אַפּרעהענציע פֿון דעם וואָס פּרעזענטירט זיך, עס ווערט אויפֿגענומען דירעקט און אוממיטלבאַר ווי עס פּרעזענטירט זיך. אַלץ, וועגן וואָס דער מענטש ווייסט, ער פֿאַנטאַזירט, אָדער ער חלומ׳ט, קומט פֿון דער סביבה; דער פֿאַרשטאַנד האָט ניט קיין שום אייגענס, ער רעאַגירט בלויז; ער קען קיין שום זאַך ניט האָבן פּשוט דערפֿאַר, וואָס, לויט דעם אויסגעהאַלטענעם מאָניזם, האָט ער עס ניט וואו צו האַלטן. דער צווייטער, דער קריטישער רעאַליסט, מיט זיין דואַליזם, אָדער טאָפּעלטן אַספּעקט אין דער דערקענטעניש לערע, נעמט אָן ערשטנס, אַז דער וויסן וועגן זאַכן און דערשיינונגען פֿון דער אויסערלעכער וועלט באַשטייט פֿון אַן אינטערפּרעטאַציע אין דער פֿאָרמע פֿון באַדייטונגען אין דעם באַוואוסטזיין אין דער אינערלעכקייט פֿונם מאַרך און ווערט צוריק לאָקאַליזירט אויף דעם פּלאַץ פֿון וואַנען די איינדרוקן זיינען געקומען און צווייטנס נעמט ער אָן, אַז דער פֿאַרשטאַנד גופֿא איז אַ מין לאַגער אין וועלכן די אייגענע ביאָגראַפֿיע געפֿינט זיך. נאָך מער, דער מענטש איז אַ שאַפֿענדער אַגענט פֿון זיך גופֿא (למען האמת דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז קיין איין נעאָ־רעאַליסט לייקענט עס ניט און געוויס לייקענט עס ניט אַלעקסאַנדער; ער אינטערפּרעטירט עס נאָר).

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך דער קריטישער רעאַליסט האָט זיינע שוועריקייטן און גאַנץ ערנסטע שוועריקייטן; אייניקע דענקען אַפֿילו, אַז אויך זיינע שוועריקייטן זיינען פֿאַטאַלע. זיינע הויפּט שוועריקייטן זיינען: פֿון וואַנען נעמט זיך דער דואַליזם אין דער עפּיסטאָמאָלאָגיע ווען מען נעמט אָן אַ מאָניזם אין דער אָנטאָלאָגיע, אין דער רעאַליטעט פֿון דער וועלט? דער דואַליזם קען דאָך ניט אַרויסקומען פֿון דער רייגער לופֿט? זאָגן, אַז עס איז אייגענטלעך ניט קיין דואַליזם, נאָר אַ טאָפּעלטער אַספּעקט, אַז דאָס וואָס ס׳באַשטייט פֿון אַ פֿיזיאָלאָגישער פֿונקציע אויסערלעך, ווערט באַוואוסטזיניקייט מיט אַן אייגענעם אינהאַלט און ס׳פֿאַרמירט זיך אַפֿילו אַן אַקטיווער אַגענט, מיינט ניט לייזן דעם פּראָבלעם נאָר שאַפֿן אַ שווערערן פּראָבלעם, נעמלעך: וויאַזוי פֿאַרמירט זיך אַ געדאַנק פֿון אַן עלעקטרישן שטראָם? נעמט מען אָן דעם אַלטן אָנטאָלאָגישן דואַליזם פֿון קערפּער

און פאַרשטאַנד ווי פאַרשיידענע עקזיסטענצן, מיינט עס, אָננעמען רעאַליזם אין באַצוג צו דער וועלט און דעם מענטשלעכן קערפּער און אידעאַליזם אין באַצוג צום מענטשלעכן פאַרשטאַנד (מאַינד, נשמה). דער דאָזיקער דואַליזם איז אַזוי אַלט, ווי דער מענטשלעכער דענקען איז אַלט און ער איז קיינמאָל ניט געווען צופרידנשטעלנד, ווייל עס איז ניטאָ קיין שום אופן ווי מען קען אַריינפירן האַרמאָניע אין צוויי פאַרשיידענע עקזיס־טענצן, וועלכע קענען ניט האָבן קיין שום שייכות צווישן זיך.

דער דואַליזם לייזט אויך ניט דעם פּראָבלעם וועגן אַן אויסערלעכער וועלט באַזונדער און אַן אינהאַלט אין דעם פאַרשטאַנד באַזונדער און דורך דעם פאַרשטאַנדס אינהאַלט נעמט מען אויף די אויסערלעכע וועלט און מען לאָקאַליזירט זי דאָרט פון וואַנען די איינדרוקן קומען. זאָגן, אַז דער פאַרשטאַנד קריגט נאָר די באַדייטונג, מיינט מאַכן אַ באַהויפּטונג וואָס האָט ניט קיין פאַקטישן מיין.

פונדעסטוועגן האַלט דער מחבר פון די שורות אַז ב. ראָסעל איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז עפּיסטאָמאָלאָגישער דואַליזם איז אַזוי זיכער ווי וועלכער עס איז וויסנשאַפטלעכער פאַקט איז ווען עס איז געווען זיכער. דער עפּיסטאָמאָלאָגישער דואַליזם, אָדער דער טאָפּעלטער אַספּעקט, שטימט מיט מער פאַקטן און ווידערשפּרעכט ווייניקער פאַקטן, ווי דער נעאָ־רעליסטישער מאָניזם. וואָס ס'איז נאָך וויכטיקער איז דער פאַקט, וואָס ער הייבט אָן מיט די פאַקטן פון דערפאַרונג און וויסנשאַפטלעכער באַ־שטעטיקונג און ענדיקט מיט זיי; ער בלייבט שטיין ביי דעם וואָס מען ווייסט איצט ניט. מעגלעך, אין דער צוקונפט וועט עס דערקלערט ווערן. דער נעאָ־רעאַליזם איז געצוואונגען, דורך זיין פון פאָראויס אָנגענומענער מעטאַפיזיק, צו אָננעמען אַן אויסגאַנגס פונקט אין זיינע דערקלערונגען, וואָס, ווי מאָנטעגיו האָט באַוויזן, אַז ס'איז אַ ריינער אַבסורד. מען קען אָננעמען אַן אויסגאַנגס פונקט, וועלכער פירט צו אַגנאָסטיציזם, אָבער ניט אַזעלכן, וועלכער פירט צו פאַרטיידיקן אַבסורדן.

אַ פאַקטישע באַמערקונג: עקספּערימענטן אויפן נערוון סיסטעם באַשטעטיקן טיילווייס די קריטיש רעאַליסטישע דערקענטעניש לערע. ווען מען טראַנספּלענטירט דעם אָפּטישן נערוו צום אַקוסטישן נערוון צענטער און דעם אַקוסטישן נערוו צום אָפּטישן נערוון צענטער, „זעט" מען אַ קלאַנג און מען „הערט" אַ ליכט שטראַל. די עקספּערימענטאַלע פאַקטן באַווייזן אַז די צענטערן אינם מאַרך סינטעזירן די קאָלירן און די קלאַנגען פון די וואַלן באַוועגונגען פון ליכט און פון די לופט באַוועגונגען וואָס פאַרמירן קלאַנגען. אין וויסנשאַפטלעכער פאַקט איז וויכטיקער פון אַלע ספּעקולאַטיווע מיינונגען.

זיבעטער קאַפּיטל

אמת און טעות (די דריטע קוואַליטעטן)

נאָך דעם ווי אַלעקסאַנדער האָט פאַרענדיקט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן פּערצעפּציעס, וועגן דעם פּראָבלעם ווי מען ווייסט וועגן זאַכן און דער־שיינונגען פון דער אויסערלעכער וועלט און אויך ווי מען ווייסט אילו־זיעס, האַלוציגאַציעס, אידייעס און אַלץ וואָס ער רופט אָן ניט־מענטאַלעס, אויף וועלכן דער פאַרשטאַנד רעאַגירט מיט אַן אַקט, ער רעאַגירט אויף דעם וואָס פּרעזענטירט זיך פון דער סביבה, גייט ער איבער צו באַטראַכטן די דריטע קוואַליטעטן. ער גייט איבער צו דערקלערן די באַגריפן וועגן ווערטן, ווי אמת, שיין און גוט.

דער אויסדרוק באַגריפן וועגן ווערטן צייגט אָן אויפן מיין און כאַראַקטער פון די ווערטן. זיי באַשטייען פון באַגריפן וואָס מענטשן באַ־זיצן. צו קריגן אַ באַגריף וועגן אַ ווערט (וועליו) איז ניט גענוג צו קריגן אַן איינדרוק, עס שליסט איין דאָס רעאַגירן אויפן איינדרוק; עס שליסט איין אַן אָפּשאַצונג און ציען אַ שלוס: — עס איז אמת, עס איז שיין, אָדער גוט. און פאַרקערט: עס איז ניט שיין, ניט אמת, ניט גוט. אין יעדן איינעם פון די פאַלן ווערט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, עס ווערט געגעבן אַן אורטייל וועגן דעם איינדרוק וואָס דאָס, וואָס האָט זיך פּרעזענטירט, האָט געמאַכט. דער אורטייל באַשטייט פון אַן איבערלעבונג. דאָס רעאַגירן מיט אַן אָפּ־שאַצונג באַשטייט פונם מענטשנס אַ בייטראַג צו דער סביבה. געוויס דאַרף עפּעס פּאַסירן, אַז אַן אורטייל זאָל אַרויסגערופן ווערן; דאָס רעאַגירן אָבער באַשטייט פון אַן אָפּשאַצונג; עס באַשטייט אין פאָרמירן אַ באַגריף וועגן דעם ווערט און באַדייטונג און ניט פון אַ בלויזן רעאַגירן אויף אַ פּאַסירונג. דאָס צוגעגעבענע, די אָפּשאַצונג, קומט פונם מענטשן. אַלעק־סאַנדער גיט צו, אַז ס'איז אַ מענטאַלער אַקט, אַז עס באַשטייט פון אַ מענטשלעכן צוגאָב צום דערשינענעם.

די שטריכן, אָדער פאַקטערן, וועלכע רופן אַרויס די אָפּשאַצונג, וואָס רופן אַרויס דעם באַגריף וועגן האָבן אַ ווערט, געפינען זיך אין דעם וואָס דערשיינט; די אָפּשאַצונג באַשטייט פון אַ מענטאַלער פונקציע. די דערשיינונג איז אַ פאַקט פון דער סביבה; די אָפּשאַצונג איז אַ מענטשלעכער

צוגאָב צום פאַקט. די בלום דערשיינט מיט אַלע אירע אייגנשאַפטן; דער אורטייל וועגן איר שיינקייט, איז אַ מענטשלעכער באַגריף. די פּאַסירונג איז אַ בלינדער פאַקט; די באַשטימונג, אָדער דער אורטייל וועגן דער פּאַסירונג, צי זי איז אַ גוטע פּאַסירונג, אָדער אַ שלעכטע פּאַסירונג, איז אַ מענטשלעכע באַשטימונג. זאַכן און פּאַסירונגען, ווי אַזעלכע פאַר זיך גופא, אַנטהאַלטן ניט קיין ווערט (וועליו). באַגריפן וועגן ווערטן באַשטייען פון מענטשלעכע אָפּשאַצונגען, זיי זיינען מענטשלעכע שלוסן, וואָס זיי ציען ווי זאַכן און דערשיינונגען ווירקן אויף זיי און רופן אַרויס די פּאַסנדע רעאַקציע. אַלעקסאַנדער גיט צו, אַז ווערטן (וועליוס), ווי רייך מענטשלעכע באַגריפן, זיינען ניט קיין קוואַליטעטן אינם זעלבן זינען ווי די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן זיינען. זיי ווערן אַרויסגערופן פון שטריכן פון זאַכן און דערשיינונגען וואָס ווירקן אויפן מענטשן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן; ער שאַצט זיי אָפּ און באַשטימט זייער ווערט. אַלעקסאַנדער קאַטעגאָריזירט זיי פאַר קוואַליטעטן דערפאַר, וואָס ווי אַ רעאַליסט, שטרייכט ער אונטער זייער שייכות צו דער וועלט.

פאַרשטייט זיך, אַז ווערטן באַגריפן זיינען ניט אַנטשטאַנען פון דער העלער הויט אינם מענטשן אויף אַ מיסטעריעזן אופן; זיי זיינען פאַראַנקערט אין דער רעאַליטעט, זיי זיינען אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דעם וואָס דער אָרגאַניזם פּאַסט זיך צו אויף אַן אַקטיוון אופן צו דער סביבה. די ווערטן באַגריפן זיינען אַ רעזולטאַט פון דער סעלעקטיווער אַקטיוויטעט פונם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, ווען דער מענטש האָט דער־גרייכט די שטופע צו קענען באַוואוסטזיניק ווערן און צו קענען אויסקלייבן פריי וואָס ער וויל, אָדער וואָס אים אינטערעסירט.

סעלעקציע, ווי אַ צופּאַסונג צו דער סביבה, ווערט אויף אַ רודי־מענטאַרן אופן אויך פּראַקטיצירט פון חיות; ביי חיות איז די סעלעקציע ניט קיין באַוואוסטזיניקע, האָט זי ניט דערגרייכט די שטופע פון באַגריפן. אין חיות האָט זיך דער נערוון סיסטעם אַנטוויקלט צו רעאַגירן דורך די־רעקטער אַקטיוויטעט; ער האָט זיך אַנטוויקלט צו האַנדלען דירעקט אָבער ניט פאַר קוריאָזיטעט פאַר זיך. קוריאָזיטעט איז דער ערשטער טראָט וואָס פירט צום פּראָצעס פון דענקען. געוויס איז אַלעקסאַנדער גערעכט ווען ער זאָגט אַז גענעטיש, אינם היסטאָרישן פּראָצעס האָט אויך דער פּרימיטיווער מענטש רעאַגירט דורך האַנדלונגען. ערשט שפּעטער האָט דער מענטש אָנגעהויבן צו דענקען איידער ער האָט רעאַגירט דורך האַנדלונג.

דאָס האָט אין לויף פון צייט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון ווערטן באַגריפן. גענעטיש איז אויף דעם אופן דער פּראָצעס פאָרגעקומען: דער מענטש האָט מיט דער צייט אַריבערגעשטיגן די שטופע פון רעאַגירן דירעקט און אוממיטלבאַר, אויף דעם אופן איז ער געוואָרן אַ דענקענדער מענטש.

אין זיין אָפּהאַנדלונג קען מען זען ווי אַלעקסאַנדער האָט נאַטור־

ראַליזירט דעם פאַרשטאַנד גופא; ער האָט באַוויזן ווי דער פאַרשטאַנד איז אַ פּראָדוקט פון דעם עוואָלוציע פּראָצעס. נאָך דעם האָט ער אויפן זעלבן אופן אַרויסגעבראַכט וויאַזוי באַגריפן וועגן ווערטן זיינען אַנטשטאַנען אויף אַן ענלעכן אופן. מיט דעם וואָס ער האָט נאַטוראַליזירט די ווערטן האָט ער גאָרניט געמינערט פון זייער באַדייטונג. ער זאָגט: „די מענטשלעכע ווערטן האָבן ניט פאַרלוירן קיין טייל פון זייער באַדייטונג דורך דעם וואָס זיי זיינען פאַרבינדן געוואָרן מיט אַנדערע ווערטן; זיי זיינען מער שאַצבאַר דערפאַר, וואָס זיי זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן פונם מיסטעריעזן. די מענטשלעכע נאַטור פאַרלירט ניט קיין זאַך פון דעם וואָס זי ווערט פאַרשטענדלעך. פאַרקערט, זי ווערט דערהויבן".[1]

אין זיין צווייטן בענדיקער אַרבעט „ספּייס, טיים ענד דייעטי" באַניגענט זיך אַלעקסאַנדער מיט איין קאַפּיטל צו באַטראַכטן די אַנטוויקלונג און דעם כאַראַקטער פון ווערטן באַגריפן, וואָס זיינען די קרוין פון יעדן פילאָזאָפישן סיסטעם; ער באַניגענט זיך מיט אַזוי ווייניק פּלאַץ ניט דערפאַר, דאַרף מען אָננעמען, וואָס ער האַלט אַז זיי זיינען ניט וויכטיק, אין דעם קען מען אים ניט באַשולדיקן: — הייסט דאָך זיין ווערק „רוים, צייט און דאָס געטלעכע" און די ווערטן באַגריפן באַלאַנגען צום געטלעכן. ער טוט עס אין דעם ווערק דערפאַר, וואָס אין דעם ליגט זיין הויפּט אינטערעס אין מעטאַפיזיק און די ווערטן האָט ער באַטראַכט פאַר אַ טייל פון דער דערקענטעניש לערע אין אַ נאַטוראַליסטיש אינטערפּרעטירטער וועלט. (עס איז מעגלעך אַ צווייטע דערקלערונג; זי וועט געגעבן ווערן נידעריקער).

די ווערטן באַשטייען פון איין זייט פון אַ דערגאַנצונג ווי אַ טייל פון דער רעאַליטעט און פון דער צווייטער זייט, ווי באַגריפן, באַשטייען זיי פון אַן אינטערפּרעטאַציע, וואָס איז אַ צוגאָב צום דערשיינענעם, צו דער רעאַליטעט. דער צוגאָב, ווי אַ מענטשלעכער באַגריף, קען און ווערט פאַרשיידן אינטערפּרעטירט.

אין אַ דאָקטאָראַט ווערק (אַ דיסערטאַציע פאַר אַ דאָקטאָר דעגרי) וועגן אַלעקסאַנדערס ווערטן אינטערפּרעטאַציע (אַן די נייטשור און וועליו) וויזט דר. מילטאָן קאָנוויץ אָן, אַז דזש. וו. קראַטש האָט אין אַ ווערק געמאַכט אַ תל פון אַלע ווערטן, אַז זיי האָבן אין דער לעצטער צייט פאַרלוירן וועלכן עס איז מיין און באַדייטונג, אַז פאַרן מאָדערנעם מענטשן מיינען זיי גאָרניט; — ער רעכנט זיך פּשוט ניט מיט זיי. פון דער צווייטער זייט באַוויזט ער, אַז פּראָפעסאָר אורבאַן האָט אין דער זעלבער צייט אין אַ ווערק דערהויבן די ווערטן צו דער העכסטער דערגרייכונג וועגן וואָס מען קען נאָר דענקען. דאָס זיינען צוויי עקסטרעמע מיינונגען.

אַלעקסאַנדער, ווי אַ רעאַליסט און נאַטוראַליסט, מיידעט אויס ביידע עקסטרעמען; פאַר אים זיינען ווערטן און די די באַגריפן וועגן זיי, אויב מען קען מאַכן אַ טיילונג, אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דעם עוואָלוציע

[1] איביד, באַנד 2, ז. 314.

פּראָצעס, זיי האָבן זיך אַנטוויקלט אין דעם פּראָצעס פון דעם מענטשנס צופּאַסן זיך צו דער סביבה; זיי באַשטייען פון אַן אַמאַלגאַמאַציע, פון אַ צוזאַמענמיש, פונם פּרעזענטירנדן אָביעקט מיט דער מענטלעכער שאַצונג וועגן אים. אַזוי ווי דער דענקען בכלל האָט זיך אַנטוויקלט אין דער סביבה אַדאַנק דעם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, אַזוי האָבן זיך אויפן זעלבן אופן אַנטוויקלט באַגריפן וועגן ווערטן. וואָלטן מענטשן ניט געהאַט קיין געזעלשאַפטלעכן פּאַרקער צווישן זיך, וואָלטן קיין ווערטן־באַגריפן ניט געקענט אַנטשטיין. אַ יחיד פאַר זיך פאַלשטענדיק איזאָלירט, אויב מען קען זיך פאַרשטעלן אַ לעבן פון איין מענטשן פאַר זיך אַליין, וואָלט ער, מעגלעך, געקענט קריגן פּערצעפּציאָנעלע איינדרוקן; ער וואָלט אָבער בשום אופן ניט געקענט דערוועריבן קיין באַגריפן וועגן ווערטן. ווערטן באַגריפן זיינען אַנטשטאַנען ווי אַ רעזולטאַט פון קאָמוניקירן איינדרוקן דורך אַ צוזאַמענשטויס פון פאַרשיידענע ווירקונגען. די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, וואָס איז דער אָפּשאַצער פון ווערטן, איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דעם פּאַרקער צווישן מענטשן, אַדאַנק דעם ווירקן און קעגנווירקן פון איין מענטשן אויפן צווייטן. דער איינצל מענטש וואָלט געקענט רעאַגירן אויף דערשיינונגען, ווי אַזעלכע; ער וואָלט אָבער פון זיך זעלבסט ניט געקענט דערווערבן דעם באַגריף צי די באַטרעפנדע דערשיינונג באַשטייט פון אַן אמת, אָדער זי איז פאַלש; צי זי איז גוט, אָדער שלעכט; צי זי איז שיין, אָדער מיאוס. די אַלע באַגריפן וועגן ווערטן זיינען אַ רעזולטאַט פון אַ צוזאַמענשטויס פון פאַרשיידענע באַגריפן אינם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן פּאַרקער און פון די געצויגענע שלוסן, וואָס מען קריגט פון די באַגריפן. מיט איין וואָרט: ווערטן באַגריפן זיינען אַ רעזולטאַט פונם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן.

ווען מען איז אַ רעאַליסט און מען נעמט אָן רוים־צייט פאַרן מעטאַפיזישן פונדאַמענט פון דער וועלט געבידע, ווי אַלעקסאַנדער האָט אָנגענומען און מען נעמט עוואָלוציע פאַרן אויסגאַנגס פּונקט, קען מען ניט פליען אין די הימלען פון דער פאַנטאַזיע, ווי אַן אידעאַליסטישער דענקער קען עס טאָן, ווען ער נעמט אַ וועלט־גייסט פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט און פאַנטאַזירט ווי ווייט זיין פאַנטאַזיע קען גרייכן.

פאַר אַ רעאַליסטישן דענקער זיינען אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, איינשליסענדיק זיינע באַגריפן וועגן ווערטן (אמת, גוט און שיין) אַ רעזולטאַט פון דעם דראַנג זיך צופּאַסן צו דער סביבה, פאַרן אידעאַליסט באַשטייען זיי פון אַ חלק אלוהי ממעל. מיסטיק גיט פליגל צו דער פאַנטאַזיע און דיאַלעקטישער פּלפּול איז דער רעזולטאַט. דער רעאַליסט, פון דער צווייטער זייט, מוז זיך רעכענען מיט פאַקטן, זיי צווינגען אים צו טרעטן האַרט ביי ד'ערד. דאָס איז, מעגלעך, געווען די סיבה פאַרוואָס אַלעקסאַנדער האָט זיך אין זיין מעטאַפיזישן ווערק געקענט באַנוגענען מיט אַ קורצער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם מהות פון ווערטן. ער האָט אויך געהאַט אַ צווייטע סיבה אַ גאַר וויכטיקע, וואָס דאַרף ניט אויסגעלאָזט

ווערן פון אויג: — אויסער אין מעטאַפיזיק איז ער געווען פאַראינטע־רעסירט אין דער פילאָזאָפיע וועגן עסטעטיק. די לעצטע אַכצן יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך כמעט אויסשליסלעך באַשעפטיקט מיט שרייבן עסייען וועגן עסטעטיק. עס איז מעגלעך, אַז דערפאַר האָט ער אין זיין מעטאַפיזישער אַרבעט זיך באַנוגנט מיט אַ קורצער אָפּהאַנדלונג; ער האָט געהאַט אין זינען צו שרייבן וועגן די באַגריפן וועגן ווערטן אין ספּעציעלע עסייען. ער האָט עס געטאָן נאָך דעם ווי ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין מעטאַפיזיק.

נאָך די אַריינפיר באַמערקונגען וועט דער פּראָבלעם וועגן אמת און מאַכן טעותן באַטראַכט ווערן. אַלעקסאַנדער זאָגט: „רעאַליטעט און אמת מיינען ניט דאָס זעלבע; זיי ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים באַגריפן פונם פאַרשטאַנד".[1]

אויבנאויף איז די דערקלערונג ניט איבעריק פאַרשטענדלעך: צוליב וואָס מאַכן אַזאַ דערקלערונג ווען יעדער איינער ווייסט, אַז אמת און רעאַ־ליטעט זיינען פאַרשיידענע באַגריפן. אַזוי דענקט דער דורכשניט מענטש. פילאָזאָפן דענקען אָבער ניט שטענדיק ווי דורכשניט מענטשן. אַלעק־סאַנדער זאָגט וועגן זיך, אַז ביז 1913 האָט ער אָנגענומען, אַז אמת און רעאַליטעט זיינען איינע און דיזעלבע זאַך. אין דעם יאָר האָט ער איינגעזען אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. דאָס קלינגט מאָדנע: אין 1913 האָט שוין אַלעקסאַנדער געהאַט פאַר זיך אַן ערך 40 יאָר פילאָזאָפישן דענקען און פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער געלעבט אין טעות וועגן אַ פונדאַ־מענטאַלן באַגריף. וויאַזוי דערקלערט מען זיין טעות? די דערקלערונג איז, אַז דער ענין איז ניט אַזוי איינפאַך ווי ער קוקט אויס, ווי עס וועט דער־קלערט ווערן.

אַ טיילווייזע דערקלערונג פאַר זיין טעות איז געוויס דאָס, וואָס פאַר אַסך יאָרן איז ער געווען אַן אידעאַליסט אין זיין דענקען, האָט ער אָנגעהאַלטן אידעאַליסטישע באַגריפן אויך שפּעטער ווען ער האָט אָנגענומען אַ רעאַליסטישע פילאָזאָפיע. דאָס איז אָבער ניט געווען די הויפּט סיבה; די הויפּט סיבה איז וואָס וועגן דעם עצם פון אמת הערשן עטלעכע מיינונגען.

דער אידעאַליסטישער פילאָזאָף, בעזאַנקועט זאָגט: „אמת איז, צו דערקלערן אין קורצן, ניט בלויז אַ פאַראויסגייענדער קערפער; ער איז אַ גייסט און אַ פונקציע. דו קענסט אים ניט פאַרשטיין, סיידן דו פאַרשטייסט זיין ווירקונג און דו אידענטיפיצירסט זיך מיט זיין כוח".

דאָס איז איין מיינונג וועגן אמת. אַ צווייטע מיינונג איז טעאָדער דע לאַגונעס. ער זאָגט: „איינע פון די הויפּט באַשעפטיקונגען פון פילאָ־זאָפיע פאַר די לעצטע צוויי דורות איז געווען צו פאַרשן די נאַטור פון אמת. מען איז געווען זיכער, אַז אמת האָט אַ נאַטור. ס'האָט געדאַרפט

---

[1] איביד, באַנד 2, ז. 247.

מיינען, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אַלגעמיינע אייגענשאַפט וואָס אמתע באַהויפּ־טונגען האָבן און פאַלשע באַהויפּטונגען האָבן ניט. איך האָב זיך איבער־צייגט, אַז דידאַזיקע השערה האָט ניט קיין שום גרונט: — אמת האָט ניט קיין נאַטור און ס׳איז ניטאָ קיין שום אייגענשאַפט, וועלכע איז אַלגעמיין כאַראַקטעריסטיש פאַר אמתע פּראָפּאָזיציעס. אמת, גלויב איך, איז אַן אויסדרוק וואָס האָט בלויז אַ מיין ווען ער ווערט באַנוצט. ווען מען זאָגט אַז אַ באַשטימטע באַהויפּטונג איז אַן אמתע, ווייסן מיר וואָס עס מיינט. ווי איך זע אָבער דעם ענין איז אין דעם וואָרט ניטאָ קיין שום מיין, ווען עס ווערט גענוצט פאַר זיך אַליין. איך צי דעם שלוס, אַז ס׳איז לגמרי ניטאָ קיין שום פּלאַץ פאַר וועלכער ס׳זאָל ניט זיין טעאָריע פון אמת״.[1]

מען קען זען, אַז דאָס זיינען צוויי קעגנגעזעצטע מיינונגען, וואָס זיינען סותר איינע די צווייטע. צו זען פאַרוואָס ס׳קענען זיין ווידער־שפּרעכענדע מיינונגען וועגן דעם באַגריף פון אמת, וועט געגעבן ווערן דאָס וואָרט ראָסעלן, ער זאָל אָנווייזן אויף דער סיבה אויף זיין אייגענאַר־טיקן שטייגער. ער זאָגט: „די פראַגע וועגן אמת און פאַלשקייט איז פאַר־וויקלט אין אַן אומנויטיקער מיסטעריע אַדאַנק אַ רייע סיבות. ערשטנס ווילן מענטשן דענקען, אַז זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען זיינען מער פּאַסענד פאַרן אמת ווי ניט, זוכן זיי אַ טעאָריע, וועלכע זאָל באַווייזן, אַז אמת איז נאָרמאַל און פאַלשקייט איז מער אָדער ווייניקער אַ צופאַל. צווייטנס זיינען מענטשן ניט קלאָר און זיכער וועגן דעם וואָס זיי מיינען אונטער די טערמינען איבערצייגונג און אורטייל, כאָטש זיי ווייסן, אַז איבערצייגונגען און אורטיילן באַשטייען פון אָביעקטן צו וועלכע מען שרייבט צו די אייגענשאַפטן אמת אָדער פאַלש. דריטנס איז מען גענייגט צו שרייבן דאָס וואָרט אמת מיט גרויסע בוכשטאַבן, אַז ס׳זאָל האָבן אַ גרויסאַרטיקן מיין וועגן עפּעס וואָס איז דערהויבן און איז אויסגעצייכנט, עס איז עפּעס, וואָס דאַרף פאַרגעטערט ווערן. דאָס לעצטע ברייגגט אַריין מענטשן איז אַזאַ געמיט צושטאַנד, אַז זיי פאַרלירן די פייאיקייט צו דענקען״.[2]

ב. ראָסעלס רעפּוטאַציע איז, אַז ער איז אַפּט פּאַראַדאַקסאַל, ניט אַלעמאָל מיינט ער אַזוי שטאַרק ווי ער דריקט זיך אויס. אַז ער ווייסט וואָס ער רעדט צווייפעלט קיינער ניט און ווען ער רעדט מיט באַקציינער, מעג מען זיכער זיין, אַז ער וואַרפט ניט קיין ווערטער גלאַט אין דער וועלט אַריין. עפּעס אמתעס איז געוויס פאַראַן אין דעם וואָס ער זאָגט.

דזש. דיואי איז געווען אַ זייער אויפריכטיקער מענטש, זאָגט ער אויף אַ פּלאַץ, אַז פילאָזאָפן זיינען ניט שטענדיק אינגאַנצן אויפריכטיק ווען זיי פאַרטיידיקן עפּעס; זיי פאַרטיידיקן אָפט אַ מיינונג וואָס איז זיי באַענט צום האַרצן.

---

[1] זע „קאָנטעמפּאָרערי אַמעריקן פילאָזאָפיע״, באַנד 1, ז. 412.

[2] זע „פילאָסאָפיע״, ז. 254.

מען מעג אָננעמען, אַז ראַסעל און דיואַי ווייסן וואָס זיי זאָגן און זיי ניט נעמען ווערטערלעך. די דערקלערונג איז זיכער ניט די וואָס זיי גיבן אָן. דענקער און וויסנשאַפטלער זיינען זוכער פון אמת און ווי אַזעלכע זיינען זיי אויפריכטיק, ווייל וואָלטן זיי ניט באַזעסן קיין דראַנג צו זוכן דעם אמת, וואָלטן זיי קיין זוכער ניט געווען. זיי וואָלטן געפינען באַשעפ־טיקונגען, וועלכע וואָלטן געווען מער אין איינקלאַנג מיט זייער טעמפּע־ראַמענט. דאָס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך. עס טרעפט אָבער, אַז אין זייער אמת זוכעניש ווערן זיי אַזוי פאַרכאַפּט פון אַן אידייע, אַז זיי גיבן זיך איר איבער מיט לייב און לעבן און מיט דער צייט ווערט זי אַ טייל פון זייער דענקען און זיי קענען ניט, אָדער ווילן ניט, זיך אָפּזאָגן פון דער אידייע, זי ווערט זיי ליב און טייער.

אַזוינע דענקער און אַפילו וויסנשאַפטלער פּאַנאַטיקער, זיינען באַ־קאַנט; זיי זיינען אָבער אַן אויסנאַם און ניט דער כלל. געוויינטלעך גיט צו אַ דענקער, אָדער וויסנשאַפטלער, ווען ער האָט געמאַכט אַ טעות. ער מוז עס צוגעבן, ווען די פאַקטן רעדן קעגן אים. נאָר אין פאַלן, ווען פאַקטן קענען אויסגעטייטשט ווערן פאַרשיידן, הערשן מיינונגס פאַרשיידענהייטן.

פאַר אַזאַ פאַל דאַרפן באַטראַכט ווערן באַזאַנקוועטס און דע־לאַגונעס מיינונגען. באַזאַנקוועט איז געווען אַ נעאָ־העגעליאַנער אָביעקטיווער אידע־אַליסט; פאַר אים איז די רעאַליטעט געווען דער אַבסאָלוט, אָדער גאָט און דאָס איז אויך געווען דער אמת פון דער וועלט. עטוואָס ווייניקער פונם אַבסאָלוט איז פאַר אים געווען ניט רעאַל און ניט אמתדיק. פון דער צווייטער זייט איז דע־לאַגונע געווען אַ סקעפּטיקער און איז געווען פּראַג־מאַטיש געניגט; פאַר אים איז דער קריטעריום פון אמת געווען דער פּראַגמאַטישער באַווייז, אַז די באַטרעפנדע האַנדלונג פירט צו די גע־וואונטשטע רעזולטאַטן. פאַרשטייט זיך, אַז זייערע באַגריפן וועגן אמת זיינען געווען פאַרשיידן; זיי האָבן געהאַט פאַרשיידענע אויסגאַנגס פונקטן און פאַרשיידענע פונדאַמענטאַלע באַגריפן וועגן דער רעאַליטעט און וועגן דעם מענטשלעכן דענקען. וועגן ב. ראַסעלן איז שווער צו זאָגן וואָס ער מיינט; עס איז קענטיק, אַז ער רעדט אין טערמינען פון לאָגיק. ער האָט אָבער אַזויפיל מאָל געביטן זיין מיינונג, אַז ווען מען ווייסט ניט ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ באַשטימטע מיינונג און אונטער וועלכע באַדינגונגען ער האָט זי אַרויסגעזאָגט, קען מען ניט וויסן זיין מיין.

ווי מען קען זען איז דער פּראָבלעם וועגן אמת ניט אַזוי לייכט, ווי עס דוכט זיך אויס. פון איין זייט איז ער פאַרבונדן מיטן באַגריף וועגן דער רעאַליטעט פון דער וועלט, מיט אַ מעטאַפיזיק און פון דער צווייטער זייט איז ער פאַרבונדן מיט דער לאָגיק פונם דענקען גופא. ער האָט אויך אַ ריין פּראַקטישע זייט לויט די אַמעריקאַנער פּראַגמאַטיסטן.

אַלעקסאַנדער, ווי עס איז שוין פריער באַמערקט געוואָרן, איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען ברעדליס אַ תלמיד; ער האָט זיך ניט באַפרייט פון זיין ווירקונג אויך נאָכדעם ווי ער האָט אָנגענומען אַ רעאַליסטישן

אויסגאַנגס פונקט. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען אונטער דער ווירקונג פון בערגסאָנס באַגריף וועגן דער מיסטיק פון צייט. דערצו האָט ער צו יעדן געדאַנק זיינעם מיט זיך מיטגענומען זיין רוים־צייט מעטאַפּי־זיק. צווישן די פאַרשיידענע ווירקונגען, צוזאַמען מיט זיין מעטאַפיזיק, ווערט ער אַ היפּש ביסל שווער און אַפּילו פאַרפּלאָנטערט, דערהויפּט ווען ער דאַרף דערקלערן אַ טונקעלן געדאַנק און דער פּראָבלעם וועגן אמת איז ביי אים אַ היפּש ביסל פאַרפּלאָנטערט מיטן באַגריף וועגן רעאַליטעט, ווי אַן אויסצוג וועט עס דעמאָנסטרירן. ער זאָגט: „צו זיין אין דער ווירקלעכקייט, מיינט צו באַלאַנגען צו רוים־צייט, ווי אונדזער השערה שליסט עס אין זיך איין און די דערפאַרונג באַשטעטיקט עס. דער באַגריף וועגן אמת און וואָס ס׳געהערט צו אמת אויפן גראַד פון פּער־צעפּציע (חושים איינדרוק), ווערט אַ פּראָבלעם ווען מיר סאָרטירן אויס די רוים־צייטלעכע אָביעקטן לויט ווי זיי ווערן גרופּירט, ווייל דעמאָלט געפינען מיר אויס, אַז ניט אַלע אָביעקטן (זאַכן), וואָס זיינען דערשיינען, באַלאַנגען צו רוים־צייט אין דעם זעלבן אופן ווי זיי פּרעטענדירן, אַז זיי באַלאַנגען צו רוים־צייט. אייניקע אָביעקטן זיינען אילוזיעס. ווי פּער־ספּעקטיוון פון רוים־צייט זיינען זיי ווירקלעכקייטן (ריעל) פון רוים־צייט; זיי האָבן אָבער אַן עלעמענט, וועלכן מיר ברייננגען אַריין פון זיך גופא. ער באַלאַנגט ניט צום פּלאַץ אויף וועלכן מען קריגט דעם איינדרוק, אַז ער באַלאַנגט. פון דעם באַקאַנען מיר זיך מיטן אונטערשייד צווישן ריכ־טיקע דערשיינונגען, אילוזאָרישע דערשיינונגען, ווי אויך ניט מער ווי אימאַגענאַציעס. אויף אַן ענלעכן אופן אַנטדעקן מיר, און מיר סאָרטירן אויס, מיר ווערן איבערצייגט, אַז אייניקע פון זיי באַשטייען פון טעות׳ן. אַ טעות איז ניט קיין ליגן; ער אונטערשיידעט זיך פון אַ ליגן מיט דעם וואָס מען גלויבט און מען באַצייט זיך ערנסט צו אים. טראָץ דעם וואָס טעות׳ן, אילוזיעס און אַז. וו. ווי אָביעקטן זיינען פאַרוואָרצלט אין דער רעאַ־ליטעט, באַלאַנגען זיי ניט אויפן פּלאַץ וואָס ס׳דוכט זיך אויס זיי באַלאַנגען. אין אייניקע אורטיילן באַגרייפן מיר די רעאַליטעט ריכטיק, אין אַנדערע אורטיילן מיר פאַלש, אָדער מיר מאַכן טעות׳ן, אין דעם זעט מען דעם אונטערשייד צווישן אמתע און פאַלשע אורטיילן, צווישן ווירקלעכקייט און די אימאַגענאַציעס. זיי אַלע באַלאַנגען צו דער זעלבער אָרדענונג. פּערצעפּציעס פאַר זיך דעזיגנירן מיר ניט מיטן טערמין אמת, זיי אַנט־האַלטן ניט קיין אורטייל״.[1]

ס׳איז זייער שווער אים צו ציטירן ווען מען וויל זיין פּעדאַנטיש פּינקטלעך. אַזויווי לויט זיין אינטערפּרעטאַציע באַלאַנגט אַלץ צו דער אויסערלעכער וועלט, איז אין דעם זינען אַלץ מיט אַלעמען אַן אמתער טייל פון דער ווירקלעכקייט. ניט אַלע זאַכן און אַלע דערשיינונגען, קומען צו דער פּערצעפּציע, צו די חושים לויט דער אָרדענונג ווי זיי באַלאַנגען,

[1] איביד, ז. 249.

איניקע ווערן פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן פון זייער סביבה און דער־שיינען ניט אין דעם ריכטיקן אָרט, אָדער ניט אין דער ריכטיקער צייט. ווען אַזעלכעס פּאַסירט, באַשטייען זיי פון אילוזיעס, אָדער פון פּאַרגע־שטעלטעס; זיי זיינען ניט אמתדיק. אמת באַשטייט פון אַן אורטייל (מיינונג) וועגן אַ זאַך, אָדער אַ פּאַסירונג, צי זי איז אויפן ריכטיקן פּלאַץ, אָדער זי איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט. פּערצעפּציעס זיינען ניט אמת, ניט פאַלש, און ניט קיין טעות׳ן; זיי באַשטייען פון די פאַקטן גופא און ניט פון קיין אורטיילן וועגן די פאַקטן. אמת באַשטייט פון אַן אָפּשאַצונג און דערפאַר באַלאַנגט דער פּראָבלעם פון אמת צו דער קאָנצעפּציע (צום באַגריף) און ניט צו דער פּערצעפּציע; ער באַלאַנגט צום מענטשן ווי אַ צוגאָב צו דער סביבה.

ער זאָגט: דער פאַרשטאַנד גיט פון זיך עפּעס צו; דאָס צוגעגעבענע קען אָבער אָפּט זיין פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער אין דעם זינען וואָס ס׳קען אַריינברענגען אַ טעות. נעמלעך: „ווען אַלע מענטשלעכע פאַרשטאַנדן (מאַינדס) וואָלטן געווען פּערפעקטע אינסטרומענטן אין זייער אויפנעמען און אין זייער באַגרייפן (זאַכן און דערשיינונגען), וואָלטן זיי אויפגענומען די רעאַליטעט ווי זי איז אין דערווירקלעכקייט און וואָלטן ניט געמאַכט קיין טעות. ווען דער אויפנעמען און באַנעמען וואָלט געווען פּערפעקט, וואָלט ניט געווען קיין פּראָבלעם פון אמת, ווייל מען וואָלט ניט געמאַכט קיין טעות. עס איז אָבער ניט אַזוי. פאַרשטאַנדן (מאַינדס) זיינען ניט גלייך אין זייער נאָרמאַלער פונקציע, זיי אונטערשיידן זיך, דערפאַר צווינגט זיי די רעאַליטעט צו מאַכן אונטערשיידן אום זיי זאָלן אויסגעפינען וואָס איז ריכטיק און וואָס איז פאַלש. אויף דעם אופן ווערן אמתן געשאַפן צווישן זאַכן און באַגריפן״.

ער אילוסטרירט עס דורך אַ בייש־פּיל פון אַ קרום־אויגיקן (קאָסאָקן), וואָס צעקרימט זאַכן און זעט זיי אַנדערש ווי זיי זיינען. ענלעכעס קומט פאָר, לויט זיין מיינונג, מיט מענטשלעכע פאַרשטאַנדן (מאַינדס); זיי צע־דרייען אָפּט די רעאַליטעט און פירן אין איר אַריין אַ פרעמדן עלעמענט; זיי צעדרייען די זאַך וואָס פּרעזענטירט זיך און אינטערפּרעטירן זי פאַלש.

די רעאַליטעט פאַר זיך גופא איז ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט אין איר זיינען ניטאָ קיין טעותן. דער טעות קומט פון דעם וואָס דער פאַרשטאַנד פאַלסיפיצירט די באַשטימונג וועגן דער זאַך, אָדער וועגן דער פּאַסירונג. ווען אַ טעות געפינט זיך אינם אָביעקט מיינט עס, אַז אַ פרעמ־דער עלעמענט איז אַריינגעבראַכט געוואָרן. ער זאָגט: אַ טעות ווערט געמאַכט דעמאָלט, ווען אַ טייל פון דעם, וואָס פּרעזענטירט זיך, איז אַ פרעמדער; ער באַלאַנגט ניט צו דער רעאַליטעט, וועלכע פּרעזענטירט זיך. ער גיט צו, אַז דער באַטרעפנדער טייל באַלאַנגט געוויס צו דער רעאַ־ליטעט; ער רעפּרעזענטירט זי אָבער פאַלש.

עס איז אַ מערקווירדיק אויסגעהאַלטענער מאָניסטישער שטאַנד־פּונקט: דער פאַרשטאַנד מאַכט אַ טעות; דער אָביעקט פון דעם טעות באַ־

לאָגנט צו דער נאַטור. דער פאַרשטאַנד קען צעדרייען און מיסרעפּרע־זענטירן דאָס, וואָס דערשיינט; קיין אייגענס האָט ער אָבער ניט.

נאָך די אַלגעמיינע באַמערקונגען פרעגט ער: וואָס מאַכט אַן אמת אין פאַרשיידענע מיינען? ער ענטפערט אַליין: 1) עס קען מיינען וועלכע פּראָפּאָזיציעס (באַהויפּטונגען) מוז איך גלויבן זיינען אמתע. ער דער־קלערט, אַז ס'איז אַ וויסנשאַפטלעכער און פילאָזאָפישער פּראָבלעם: — יעדע וויסנשאַפט באַשטייט פון אַ סיסטעם פון פּראָפּאָזיציעס (באַהויפּטונגען), וועלכע דער פאַרשטאַנד (מאַינד) קאָנטעמפּלירט. עס זאָל מיינען, אַז אויך פּראָפּאָזיציעס באַלאַנגען ניט צום פאַרשטאַנד גופא; זיי ווערן פון אים קאָנטעמפּלירט, זיי באַלאַנגען אָבער ניט צו אים. אַפילו אין פּראָפּאָזיציעס (באַהויפּטונגען), וואָס זיינען ריין געדאַנקלעכע קאָנסטרוקציעס, האָט ער אַן אויסערלעכן פאַקטער, וואָס איז אַ צוגעגעבענער צום פאַרשטאַנד. אָבער דאָס איז שוין פריער באַטראַכט געוואָרן, קען עס דאָ אויסגעלאָזט ווערן.

2) אַ צווייטער מין איז: וואָס מאַכט אַן אמת אמתדיק? אויף דער פראַגע, זאָגט ער, דאַרף די מעטאַפיזיק געבן אַן ענטפער. דעם מעטאַ־פיזישן פּראָבלעם באַרירט ער ניט אין דער פאַרבינדונג, מוז ער אויס־געלאָזט ווערן. 3) די דריטע פראַגע, וואָס דאַרף געענטפערט ווערן פון דער לאָגיק, ווי אַ וויסנשאַפט, איז: וואָס זיינען די אייגנטלעכע פאַר־העלטענישע צווישן פּראָפּאָזיציעס צווישן וועלכער עס איז וויסנשאַפט, אַדאַנק וועלכע זיי נעמען אַן זייער סיסטעמאַטישע פאָרמע? דאָס, זאָגט ער, איז אַן אַבסטראַקטע, אָדער פילאָזאָפישע פראַגע. ער שטעלט די פראַגן און גיט אויף זיי אין פאָרמאַלן ענטפער און דאָס איז די אַזוי אָנ־גערופענע קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע פון אמת: — אַ פּראָפּאָזיציע (באַ־הויפּטונג) באַשטייט פון אַן אמת ווען זי שטימט מיט דער רעאַליטעט; זי איז פאַלש, אָדער באַשטייט פון אַ טעות, אויב זי שטימט ניט מיט דער רעאַליטעט. קיין אַנדער וועג ווי צו פאַרשטיין די רעאַליטעט, אויסער זי צו טעסטן דורך אַנדערע פּראָפּאָזיציעס, איז ניטאָ. און דאָ גיט ער צו עפּעס, וואָס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך, נעמלעך: אויב די רעאַליטעט איז אַנדערש ווי זי דערשיינט צו אונדז דורך די פאַרשיידענע פאָרמען, איז ניטאָ קיין שום וועג ווי מיר זאָלן עס קענען אויסגעפינען.

דאָס איז אַן אַבסאָלוטער באַדינג פאַר די קריטישע רעאַליסטן, וועלכע נעמען אָן, אַז דער וויסן וועגן דער וועלט איז אַן אומדירעקטער, אַז ער באַשטייט פון אַן אינטערפּרעטאַציע אינם פאַרשטאַנד וועגן זאַכן און דערשיינונגען אין דער אויסערלעכער וועלט. אַז דער וויסן באַשטייט פון באַדייטונגען אינם באַוואוסטזיין אינערלעך צום מאַרך, וועלכע ווערן געטראָגן צוריק צו דער זאַך, אָדער צו דער פּאַסירונג, וואָס געפינט זיך אין דער סביבה, אין דעם אַזוי אָנגערופענעם עפּיסטאָמאָלאָגישן דואַליזם. איז די פראַגע: וויאַזוי ווייסט מען אין דער אינערלעכקייט פונם פאַרשטאַנד צי דער וויסן, וואָס מען האָט, קאָרעספּאָנדירט מיט דער

רעאַליטעט, אָדער ניט? ווי רוי וואוד סעלערס זאָגט: „אויב די נאַטור נאָרט אונדז אָפּ אינם פּערצעפּציאָנעלן פּראָצעס, אינם פּראָצעס פון די־רעקטן וויסן, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט פון דער פונדאַמענטאַלער אייגנשאַפט, געמלעך: פון דעם רעאַגירן פון אַן אָרגאַניזם, איז ניט נאָר ניטאָ קיין שום וועג ווי עס צו קאָרעגירן, עס איז אַפילו ניטאָ קיין שום אופן ווי מען קען אויסגעפינען, אַז מען ווערט אָפּגענאַרט".

פאַרן נעאָ־רעאַליסט, וואָס נעמט אָן דירעקטע אַפּרעהענציע, איז דער פּראָבלעם ניט אַזוי שאַרף פּשוט דערפאַר, וואָס ווען ער נעמט אָן, אַז אַלץ מיט אַלעמען ווערט אויפגענומען אויף אַ דירעקטן און אוממיטל־באַרן אופן, איז נאַטירלעך צו ציען דעם שלוס, אַז אַזוי איז עס אין דער ווירקלעכקייט אין דער נאַטור.

דאָ בעט זיך אַ דערקלערונג אַן וועלכער ס'וואָלט געווען שווער צו פאַרשטיין דאָס ווייטערדיקע: אין דעם דענקען און אין דער רעאַליטעט הערשן צוויי טעאָריעס וועגן אמת; עס ווענדעט זיך אין דעם ווי מען באַטראַכט די רעאַליטעט (די דריטע, די פּראַגמאַטישע טעאָריע קען אויס־געלאָזט ווערן). די צוויי טעאָריעס זיינען: די קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע פון אמת און די קאָהערענס (צוזאַמענהיינג, האַרמאָניע) פון אמת. די ווער־טער גופא דערקלערן דעם מיין פון די טעאָריעס. די ערשטע מיינט פּשוט פאַרגלייכן און זען צי עס שטימט און די צווייטע מיינט צוזאַמענ־היינג אָדער האַרמאָניע צווישן די טיילן. דוכט זיך גאַנץ איינפאַך; ווען מען הייבט אָבער אָן לייענען די פאַרשיידענע דערקלערונגען, הייבט אָן שווינדלען אין קאָפּ.

די קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע ווערט גענוצט אין צוויי מיינען: איין מיין איז, אַז אַ פּראָפּאָזיציע (באַהויפּטונג, אורטייל) שטימט מיט אַן עמ־פּירישן פאַקט וועגן דער רעאַליטעט. דער צווייטער מיין איז אַ מער קאָמפּליצירטער, ער קען דאָ אויסגעלאָזט ווערן.

די קאָהערענס טעאָריע (צוזאַמענהיינג) האַרמאָניע פאַרטיידיקט דעם באַגריף, אַז ווען אַ סיסטעם פון פּראָפּאָזיציעס (באַהויפּטונגען, אורטיילן) שטימען צווישן זיך איז דאָס אַ סימן אַז די פּראָפּאָזיציעס זיינען אמתע.

ביידע טעאָריעס האָבן גרויסע חסרונות; דער חסרון פון דער קאָ־רעספּאָנדירונג טעאָריע פון אמת איז וואָס, ווען עס האַנדעלט זיך וועגן דעם אמת פון דער רעאַליטעט פון דער וועלט, צי מען האָט פאַר זיך אַן אמת, אָדער מען מאַכט אַ טעות, איז ניטאָ קיין שום וועג וויאַזוי מען קען עס עמפּיריש באַווייזן. מען קען דאָך ניט פאַרגלייכן די וועלט מיט עפּעס און זען צי דאָס, וואָס מען זאָגט וועגן איר איז אמת, אָדער ניט.

דער חסרון פון דער קאָהערענס טעאָריע (די אידעאַליסטישע) איז וואָס אַ סיסטעם פון פּראָפּאָזיציעס קען שטימען צווישן זיך און זאָל גאָרניט זאָגן וועגן דער רעאַליטעט פון דער וועלט. אום אויסצומיידן די חסרונות ווערן ביידע טעאָריעס גענוצט איינע זאָל דערגאַנצן די צווייטע. אַלעק־סאַנדער נוצט ביידע טעאָריעס זיי זאָלן זיך דערגאַנצן.

זיין דערקלערונג וועגן דער קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע איז אויבן געגעבן געוואָרן, אַז אַן אמתע פּראָפּאָזיציע איז אַזאַ, וועלכע שטימט מיט דער רעאַליטעט: — עס איז ניטאָ קיין אַנדער אופן ווי צו באַווייזן איר אמת. איצט וועט געגעבן ווערן אַ באַווייז פון דער קאָהערענס טעאָריע פון אמת. דער באַווייז וועט געגעבן ווערן אין אַלעקסאַנדערס ווערטער; זיי זיינען אַזוי שווער און קאָמפּליצירט, אַז מען האָט אַ רעכט צו צווייפלען צי מען פאַרשטייט אים און מען גיט אים איבער ריכטיק. ער זאָגט: „אונדזער ענטפער מוז זיין, אַז אין יעדן איין ענין הייבט אָן דער אמת, אָדער דער טעות, פון דעם צי די רעאַליטעט, מיט וועלכער די באַטרעפענדע פּראָפּאָזיציע באַשעפטיקט זיך, דערלויבט, אָדער שליסט אויס די פּראָפּאָזיציע לויט דער אינערלעכער סטרוקטור פון דער רעאַליטעט וועגן וועלכער מען צווייפלט. דער אמת איז באַגריפן געוואָרן דערפאַר וואָס די פאַרשיידענע מיינונגען האָבן געשטימט צווישן זיך: — זיי האָבן באַשטעטיקט די אמתע פּראָפּאָזיציע און האָבן אָפּגעוואָרפן די פאַלשע פּראָפּאָזיציע און דער אמת איז די באַטרעפענדע פּראָפּאָזיציע וואָס איז פּראָבירט געוואָרן און זי האָט איבערגעגעבן דעם קאָלעקטיוון אורטייל. די באַטרעפענדע רעאַליטעט באַשטייט אין דעם וואָס זי פאַרנעמט רוים־צייט אין אַ באַשטימטער קאָנפיגוראַציע. איך רוף עס אַן איר אינערלעכע סטרוקטור. פּראָפּאָזיציעס וואָס ווערן געמאַכט וועגן דער רעאַליטעט באַשטייען פון איר פאַרזיכערטן פּערספּעקטיוו. אמתע פּראָפּאָזיציעס באַלאַנגען צו דער רעאַליטעט; פאַלשע פּראָפּאָזיציעס פירן אַריין פרעמדע עלעמענטן וועלכע באַלאַנגען ערגעץ אַנדערש. דערפאַר זיינען אמתע פּראָפּאָזיציעס אויך ריכטיק אין באַצוג צו דער רעאַליטעט; זייער אמת איז אָבער פאַרשיידן פון זייער רעאַליטעט. אמתע פּראָפּאָזיציעס שטימען צווישן זיך, אָדער בעסער, פאַלשע פּראָפּאָזיציעס האָבן ניט קיין צוזאַמענהאַנג מיט אמתע פּראָפּאָזיציעס און מיר זאָגן זיך אָפּ פון זיי. די רעאַליטעט גופא צווינגט אונדז זיך פון זיי אָפּצוזאָגן, דערפאַר וואָס מיר האָבן דער־פאַרונג פון דער רעאַליטעט און וואָס מיר עקספּערימענטירן אויף איר, ווערן פּראָפּאָזיציעס סאָרטירט אין גרופּעס. די באַטרעפענדע גרופּע, וואָס די אינערלעכע סטרוקטור פון דער רעאַליטעט דערלויבט אונדז אָנצו־האַלטן, איז אַן אמתע. די פון וועלכער מיר זאָגן זיך אָפּ באַשטייט פון אַ טעות".[1]

אינם ציטירטן זיינען פאַראַן עטלעכע ענינים, וועלכע וואָלטן ניט נאָר געמעגט באַטראַכט ווערן באַזונדער, נאָר זיי וואָלטן געדאַרפט באַטראַכט ווערן באַזונדער. דאָס קעפּל פונם ציטירטן הייסט „די קאָהערענס טעאָריע פון אמת" און ווי מען קען זען, האָט ער ניט מער ווי איין זאַץ וועגן דער קאָהערענס טעאָריע פון אמת, נעמלעך: אמתע פּראָפּאָזיציעס זיינען אַזוינע וואָס שטימען צווישן זיך. דאָס איבעריקע באַשטייט פון אַ דערקלערונג

[1] איביד, ז. 252־53.

וועגן דער קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע לויט וועלכער פּראָפּאָזיציעס שטימען מיט דער רעאַליטעט וועגן רוים־צייט מעטאַפיזיק, פון וועלכער אויך די פּראָפּאָזיציעס זיינען אַ טייל, און וועגן דעם אונטערשייד צווישן אמת און דער רעאַליטעט און אויך וועגן דער רעאַליטעט גופא. דאָס אַלץ איז ביי אים אַזוי פאַרקנופּט און פאַרבונדן צווישן זיך, אַז ס'איז ניט מעגלעך עס צו צעטיילן. די סיבה פאַר דער קאָמפּליקאַציע איז זיין אויסגעהאַל־טענער מאָניזם, לויט וועלכן אַלץ דאַרף לאָקאַליזירט ווערן אויף איין אויבערפלאַך ווי די רעאַליטעט, דער וויסן וועגן איר און אין דער זעלבער צייט צו קענען אונטערשיידן צווישן דער רעאַליטעט גופא און אַ באַ־הויפּטונג (פּראָפּאָזיציע) וועגן דער רעאַליטעט וועגן וועלכער זי אינ־פאָרמירט. דאָס אַלץ איז אַזוי קאָמפּליצירט ביי אים, אַז ס'איז כמעט אומ־מעגלעך זיך צו אָריענטירן אין דעם.

פאַרן אידעאַליסטישן דענקער, וואָס נעמט אָן, אַז די רעאַליטעט איז גייסטיק און גלויבט ווי העגעל האָט געגלויבט: — ווען מיר דענקען, דענקט די רעאַליטעט אין אונדז, איז די קאָהערענס טעאָריע פון אמת אויסגעצייכנט. אויב אַ רייע פּראָפּאָזיציעס שטימען צווישן זיך איז דאָס אַ סימן, אַז זיי זיינען ריכטיק, ווייל זיי גופא פּרעזענטירן מיט זיך די רעאַליטעט. גאַנץ אַנדערש איז עס פאַרן רעאַליסט וואָס נעמט אָן אַ פאַר זיך זעלבסט עקזיסטירענדע רעאַליטעט פון וועלכער די פּראָפּאָזיציעס זיינען עמערגענטע באַגרענעצטע דערשיינונגען; ער קען זיך ניט באַ־נוגענען מיט אַ דערקלערונג וועגן פּראָפּאָזיציעס וואָס האַרמאָנירן צווישן זיך. דערצו דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז פאַר אַן אידעאַליסטישן דענקער איז אמת און רעאַליטעט איינע און דיזעלבע זאַך און אַלעקסאַנדער באַ־ווייזט, אַז פון אַ רעאַליסטישן אויסגאַנגס פּונקט קען מען זיי ניט אידענ־טיפיצירן; זיי זיינען פאַרשידן.

דאָס אַלץ דערקלערט ער אין דעם קאָמפּליצירטן אויסצוג, וואָס וועט ניט אַנאַליזירט ווערן דערפאַר וואָס ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם, וואָס איז ביז אַהער דערקלערט געוואָרן, קען מען, מיט אַביסל אָנ־שטריינגונג, אַרויסלייענען זיין מיין פונם ציטירטן, און וואָס ס'וועט בלייבן טונקל נאָך אַן אָנשטריינגונג עס צו פאַרשטיין, איז טאַקע טונקל ביי אים.

אין אַ ווערק וועגן עסטעטיק, וואָס איז געשריבן זייער לייכט און פאַרשטענדלעך, גיט ער דעם אונטערשייד צווישן אמת און רעאַליטעט אין אַ גאַנץ איינפאַכער פאָרמע. ער הייבט אָן מיט דעם, וואָס איז אַלגע־מיין באַקאַנט, אַז דעם מענטשנס קוריאָזיטעט, זיין נאַיגער צו זוכן און פאָרשן, שטאַמט אַרויס פון זיין דראַנג צו זוכן דעם אמת. ער זאָגט: „ווען דער פאַרשטאַנד נוצט אידייעס דורך דער טרייב־קראַפט פון קוריאָזיטעט, שאַפט ער אַ פאַראייניקונג פון אינפאָרמאַציע מיט דערפאַרונג און זיי ווערן געשאַצט פאַר זיך... די טענדענץ פונם פאַרשטאַנד איז זיך צו באַפרייען פון אומרועקייט פון די פאַרשידענע דערפאַרונגען און זיי צו

פּאַראייניקן זיי זאָלן באַקרעפטיקן איינע די צווייטע. ווען מען דערגרייכט צו דער הויכער שטופע פון אידייעס אינם מענטשלעכן לעבן, פאַרמירט מען באַטראַכטונגען וועגן זאַכן אין אַלגעמיין אום צו צופרידנשטעלן די קוריאָזיטעט גופא. די דאָזיקע קוריאָזיטעט פירט צו פאַרמירן וויסנשאַפטן".[1]

אין דעם ציטירטן ווייזט ער אָן, אַז די אינטעלעקטועלע קוריאָזיטעט טרייבט דעם פאַרשטאַנד צו פאַראייניקן אינפאָרמאַציע מיט דערפאַרונג אויף אַזוי פיל, אַז דער פאַרשטאַנד זאָל דענקען וועגן זאַכן בכלל און זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט די פּראַקטישע רעזולטאַטן. דאָס פירט צו וויסנשאַפטלעכער פאַרשונג. עס מיינט אייניפאַך, אַז אמת, ווי אַ קוואַליטעט, איז אַ טייל פון ווערטן דערמיט, וואָס די קוריאָזיטעט צו זוכן דעם אמת אַנטוויקלט דעם פאַרשטאַנד ער זאָל קענען שאַצן זאַכן עסטעטיש און ניט בלויז פּראַגמאַטיש. דאָס איז אַ באַווייז, אַז אמת און רעאַליטעט זיינען פאַרשיידן.

דער געדאַנק, אָדער מיינונג, אַז אמת און רעאַליטעט זיינען ניט איינע און די זעלבע זאַך, איז אַזוי זעלבסט פאַרשטענדלעך פאַרן דורכשניט מענטשן, אַז ער קען אַפילו ניט זען ווי מען קען זיי צוזאַמענמישן. די רעאַליטעט באַשטייט פון דער וועלט, וואָס געפינט זיך אויסער מיר און אמת באַשטייט פון מיין אָפשאַצונג וועגן עפּעס צי ס'איז רעאַל, אָדער איך מאַך אַ טעות; צי ס'איז אמת בכלל, אָדער ס'איז אַ ליגן, אַן אויסגעטראַכטע זאַך. אַזוי דענקט דער דורכשניט מענטש און אַן ערך אַזוי דענקט אויך אַלעקסאַנדער איצט אין זיין ווערק; אָבער פאַר גאַנצע פערציק יאָר פון זיין פילאָזאָפישן דענקען האָט ער געהאַט אַ מיינונג, אַז אמת און רעאַליטעט זיינען איינע און די זעלבע זאַך; און אַפילו איצט, ווען ער נעמט אָן, אַז זיי זיינען פאַרשיידן, גיט ער אָפּ דעם גרעסטן טייל פון די פינף און צוואַנציק זייטן פון דער אָפּהאַנדלונג וועגן אמת און טעות, צו באַווייזן, אַז זיי זיינען פאַרשיידן.

אויב דער אונטערשייד צווישן זיי איז אַ זעלבסט פאַרשטענדלעכער, ווי דער דורכשניט מענטש דענקט, איז צוליב וואָס זיך אויף אַזויפיל באַשעפטיקן עס צו באַווייזן? דער ענטפער איז, אַז דער דורכשניט מענטש איז ניט קיין נעאָ־רעאַליסטישער מאָניסטישער פילאָזאָף, וואָס וויל דערקלערן די גאַנצע רעאַליטעט פון דער וועלט אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס.

פאַרן מאָניסטיש אויסגעהאַלטענעם רעאַליסט, וואָס נעמט פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט, אַז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין אייגענעם אינהאַלט; ער קען בלויז רעאַגירן און אַלץ, אויף וואָס ער רעאַגירט, געפינט זיך אויסער אים און ער איז אין אַן אויסערלעכער רעלאַציע מיטן פּרעזענטירענדן, איז אמת און טעות איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען: — ווען זאַכן און דערשיינונגען וואַלטן אויפגענומען געוואָרן דירעקט און

[1] „ביוטי ענד אדער פאָרמס או וועליו", ז. 193.

אוממיטלבאַר, ווי זיי פּרעזענטירן זיך, אָן וועלכע עס איז ענדערונגען, וואָלטן בלויז געווען פאַקטן פון דער רעאַליטעט און אמת וואָלט ניט געהאַט קיין שום מיין, פּשוט דערפאַר, וואָס קיין טעות׳ן וואָלטן ניט געקענט געמאַכט ווערן. טעות׳ן ווערן אָבער יאָ געמאַכט, האָבן פילאָזאָפן דעם פּראָבלעם צו דערקלערן אין וואָס ס׳באַשטייט דער אמת אין שייכות צו דער רעאַליטעט און וויאַזוי טעות׳ן ווערן געמאַכט. פון דעם קען מען זען פאַרוואָס יעדער איין פילאָזאָפישע שיטה דערקלערט דעם פּראָבלעם פון אמת אויף אַן אַנדער אופן: — עס איז אָפּהיינגיק פון זייער באַגריף וועגן דעם עצם פון דער רעאַליטעט פון דער וועלט און דעם אופן פון דעם וויסן וועגן דער רעאַליטעט; וויאַזוי דער וויסן אַנטשטייט, אין וואָס עס באַשטייט דער אינהאַלט פונם פאַרשטאַנד און וואו עס געפינען זיך אילוזיעס, האַלוצינאַציעס, זכרונות און טאָקע אויך די פאַרשיידענע טעות׳ן? דאָס זיינען אַלץ פּראָבלעמען וואָס אַ פילאָזאָף דאַרף אויף זיי געבן אַן ענטפער.

אַלעקסאַנדער, ווי אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט, וואָס האָט אָנגענומען אַז אַלץ, וואָס פּרעזענטירט זיך, באַלאַנגט צו דער סביבה, האָט אויך די סיבה פון טעות׳ן לאָקאַליזירט אין דער סביבה. זיי נעמען זיך דערפון, וואָס דער פאַרשטאַנד פירט אַריין אַ פרעמדן עלעמענט אין דער באַטרעפנדער דערשיינונג. אַזוי ווי דער פרעמדער עלעמענט האַרמאַנירט ניט מיט די איבעריקע פאַקטערן, ווערט ער אויפגעדעקט דורך דער קאָהערענס (האַרמאָנירן, צוזאַמענהאַנג) טעאָריע פון אמת.

דאָ איז דער פּלאַץ צו ברענגען אַלעקסאַנדערס ביישפּיל, וואָס איז שוין פריער געגעבן געוואָרן, אַז ווען מען לייגט אַרויף אַ גרויעם פּאַפּיר אויף אַ רויטן פּאַפּיר, וועט מען זען אַ גרינעם קאָליר. זיין אינטערפּרעטאַציע איז, אַז דער גרינער קאָליר קומט פון דער סביבה אַזוי גוט, ווי דער גרויער און רויטער קאָליר; דער פאַרשטאַנד האָט אין דעם פאַל אונטערגעשטעלט אַ פרעמדן עלעמענט פון דער סביבה און די אילוזיע גרין איז דער רעזולטאַט.

דאָ בעטן זיך צוויי פראַגן: 1) פאַרוואָס האָט דער פאַרשטאַנד בכלל געדאַרפט אַריינברענגען אַ פרעמדן עלעמענט? וואָס וואָלט אים געאַרט, ווען מען וואָלט געזען דאָס רויטע און גרויע און ניט קיין גרין? און 2) פאַרוואָס פון אַלע קאָלירן אין דער וועלט האָט ער אויסגעקלובן דעם גרינעם קאָליר און ניט קיין אַנדערן? געוויס קען מען געבן דעם ענטפער, אַז דאָס איז אָפּהיינגיק פונם געזעץ פון אָפּטיק, פונם רעזולטאַט פון צוזאַמענגעמישטע קאָלירן. פאַר דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט איז דער ענטפער אַ גוטער, אָבער ניט פאַר פילאָזאָפיע. דער פילאָזאָף דאַרף גענוי דערקלערן פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען דער גרינער קאָליר אויף דעם באַטרעפנדן פּלאַץ אין דער באַשטימטער צייט? אַלעקסאַנדערס ענטפער אויף דער פראַגע איז, אַז אַזוי ווי גרינעס געפינט זיך אין דער וועלט, האָט דער פאַרשטאַנד אונטערגעשטעלט דעם גרינעם קאָליר, וואָס ער

האָט דירעקט גענומען פון דער וועלט. אַז דער ענטפער איז ניט צופרידנ־שטעלענד קען מען זען פונם פאַקט וואָס אַלעקסאַנדער און מיט אים אַלע נעאָ־רעאַליסטן, ראַנגעלט זיך מיט דעם פּראָבלעם.

דאָס איז נאָר איין זייט פון דער פראַגע, הגם זייער אַ וויכטיקע זייט. עס איז אָבער פאַראַן אַ צווייטע זייט פון דער פראַגע, וואָס קען ניט אויסגעלאָזט ווערן און דאָס איז דער עקזיסטענציעלער סטאַטוס פון די פּראָפּאָזיציעס גופא; אויך זיי דאַרפן לאָקאַליזירט ווערן אין דער אויסער־לעכער וועלט. וואָס, צום בײַשפּיל, איז דער עקזיסטענציעלער סטאַטוס פון דער פּראָפּאָזיציע (אורטייל, באַהויפּטונג): ווען מען לייגט אַוועק אַ גרויעם פּאַפּיר אויף אַ רויטן קריגט מען אַ גרינעם קאָליר? אַז זי דאַרף האָבן אַ וועלכן ס'איז פּלאַץ וועט באַשטעטיקן אַן אויסצוג: „פּראָפּאָזיציעס, ווי אַנדערע באַקאַנטע עפּעסן, באַשטייען פון פּערספּעקטיוון פון דער וועלט און ווען זיי זיינען אמתע געפינען זיי זיך אין דער ווירקלעכקייט אין איר; זיי געפינען זיך אין די פּלעצער וואו זיי פּרעטענדירן צו זיין״.[1]

צופיל קלאָר איז דאָס ציטירטע ניט, ווייל וואָס פאַר אַ פּער־ספּעקטיוון זיינען פּראָפּאָזיציעס (מיינונגען, באַהויפּטונגען)? אויף וועלכן אופן און וואו קען מען זיי לאָקאַליזירן? פון דער צווייטער זייט מוז זיי אַ פילאָזאָף געבן אַ וועלכן עס איז סטאַטוס. אויב זיי געפינען זיך ניט אויף וועלכן עס איז אופן אינם פאַרשטאַנד, מוזן זיי זיך געפינען ערגעץ אַנדערש. ער דערקלערט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער אויפן זעלבן פּלאַץ, ווען ער גיט צו: „דאָס מיינט ניט, אַז דער, וועלכער באַזיצט נאַטור ווייסנשאַפט, טראָגט מיט זיך מיט די פיזישע וועלט; ער געפינט זיך מיט איר אין אַ צוזאַמענזיין״.

דער צוזאַמענזיין איז פאַר אים אַ פונדאַמענטאַלער באַגריף; דער פאַרשטאַנד פאַר זיך קען נאָר האָבן געגנוס וועגן זיך. צו קאָנטעמפּלירן (באַטראַכטן, דענקען וועגן עפּעס) מוז עפּעס זיין צוזאַמען מיט אים. אָבער, פרעגט זיך, וואָס געפינט זיך צוזאַמען מיטן נאַטור ווייסנשאַפטלער ווען ער קאָנטעמפּלירט (טראַכט) וועגן דער וועלט? קיין דירעקטן און קלאָרן ענטפער האָט דער מחבר פון די שורות ניט געפונען אין אַלעקסאַנדערס ווערק און ער צווייפעלט צי אַזאַ ענטפער קען געפונען ווערן ווען מען נעמט אַן זיין אויסגאַנגס פונקט פון צוזאַמענזיין (קאָמפּרעזענט).

מעגלעך, ער פאַרטיידיקט דיזעלבע מיינונג, וואָס דער אַמעריקאַנער נעאָ־רעאַליסט ר. ב. פּערי, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אַלץ, וואָס געפינט זיך אין פאַרבינדונג מיטן נערוון סיסטעם, איז אויסערלעך פאַר־בונדן מיטן באַוואוסטזיניקן פּראָצעס. דאָס איז קלאָר, הגם עס איז ניט איבערצייגענד.

אויף וויפיל אַלעקסאַנדער איז שווער און ניט קלאָר, וועלן באַווייזן צווי אויסצוגן פון ווערק וועגן אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע. מילטאָן קאָנ־

---

[1] איביד, ז. 254.

וויץ זאָגט: „קאָהערענס (צוזאַמענהאַנג) איז אַ כאַראַקטער פון רוים־צייט אַליין. עס איז אַ טעסט וועגן אמת דערפאַר, וואָס ס'איז אַ כאַראַקטער פון דער רעאַליטעט. עס איז אָבער אין דער אמת'ן ניט דער טעסט. דער טעסט איז די קאָרעספּאָנדירונג (איבעראיינשטימונג) פונם צוזאַמענהאַנג צווישן פּראָפּאָזיציעס מיטן צוזאַמענהאַנג פון קאָנפיגוראַציעס פון רוים־צייט... די קאָרעספּאָנדירונג פון סיסטעמען פון אידייעס מיט שטיקלעך פון רוים־צייט".[1]

ער זאָגט אויסדריקלעך, אַז צוזאַמענהאַנג איז אַ כאַראַקטער פון רוים־צייט. אויף אַזויפיל איז עס אמת! דער ווירקלעכער טעסט פאַר אמת איז די קאָרעספּאָנדירונג פון פּראָפּאָזיציעס מיט קאָנפיגוראַציעס פון רוים־צייט. צו באַוואָרענען זיך, אַז מען זאָל ניט מאַכן קיין טעות אין זיין צענטראַלן געדאַנק, חזר'ט ער זיך איבער, אַז ער מיינט די קאָרעספּאָנדירונג פון אידייעס מיט שטיקלעך פון רוים־צייט.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער נעמט אָן, אַז אַלעקסאַנדער פאַרטיידיקט די קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע פון אמת.

קומט דזש. מק'קאַרדי און זאָגט אין זיין בוך „די נאַטשוראַליזם און סעמועל אַלעקסאַנדער", אַז „אַלעקסאַנדער וואַרפט אָפּ (רעדזשעקטס) די קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע, אַז זי זאָל גאַראַנטירן דעם אמת פון אונדזער וויסן. די טעאָריע זאָגט אַז אַ פּראָפּאָזיציע איז אמת ווען זי שטימט מיט דער רעאַליטעט, זי איז פאַלש ווען זי שטימט ניט. ער קען דעם טעסט ניט אָננעמען ווייל דער טעסט מיינט, אַז מען דאַרף אָננעמען אַז עס עקזיסטירן צוויי וועלטן, אַ פיזישע וועלט און אַ מענטאַלע וועלט, וועלכע האָבן אַן אינערלעכע שייכות צווישן זיך... דער כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער סיטואַציע איז אַזאַ, אַז מיר קענען נאָר טעסטן אונדזערע איבערצייגונגען דורך אָנווייזונגען אויף אַנדערע פּראָפּאָזיציעס. אונדזער פּראָביר־שטיין איז אין דעם פאַל דער צוזאַמענהאַנג (קאָהערענס) פון פּראָפּאָזיציעס צווישן זיך גופא.

אַדאַנק זיינע אייגענע אין פאָראויס אָנגענומענע מעטאַפיזישע השערות וועגן אַ צעטיילטן אוניווערז, האָט קאָנוויץ פאַרלאָרן אַלעקסאַנדערס גע־דאַנקען גאַנג אין דעם פאַל".

נאָך דעם ווי ער ציטירט דאָס אויבן געגעבענע פון קאָנוויצן, זאָגט ער: „קאָנוויצעס דורכפאַל ניט צו פאַרשטיין אַלעקסאַנדערן ליגט אין די ווערטער, אויף וועלכע מיר האָבן אָנגעדייטעט. אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזיק שליסט אין זיך ניט איין קיין פאַראַלעל פון קערפּער און פאַרשטאַנד, נאָר זי באַשטייט פון אידענטיפיצירן די צוויי ווי אַספּעקטן פון דער זעלבער איינהייטלעכקייט...

ביי אַלעקסאַנדערן באַשטימט די אינערלעכע סטרוקטור פון דער רעאַליטעט דעם אמת, אָדער די פאַלשקייט פון די פּראָפּאָזיציעס. אמתע

[1] „אָן ד ניטשור אָוו וועליו", ז. 110.

פּראָפּאָזיציעס באַלאַנגען צו דער רעאַליטעט, ווייל פֿאַלשע פּראָפּאָזיציעס ברייגנען אַריין אַ פּרעמדן עלעמענט פֿון ערגעץ אַנדערש. אמת באַשטייט פֿון מענטשלעכן וויסן, ווען ער באַנעמט ריכטיק די רעאַליטעט...

די פּראָפּאָזיציעס, וועלכע מיר האַלטן פֿאַר אמתע, אונטערשיידן זיך ניט פֿון דער רעאַליטעט. זיי באַשטייען פֿון ווירקלעכע פֿאַקטן פֿון דער רעאַליטעט און ווען מיר פֿאַרזעען זייער אמת, זיינען זיי די רעאַליטעט".[1]

עס איז אויך קלאָר ווי דער טאָג, אַז מק'קאַרדי האַלט, אַז אַלעקסאַנדער פֿאַרטיידיקט די קאָהערענס טעאָריע פֿון אמת. ער באַווייזט עס מיט פֿאַקטן, אַז אַנדערש קען מען אַלעקסאַנדערן ניט אינטערפּרעטירן. ער ווייזט אויך אָן פֿון וואַנען עס נעמט זיך קאָנוויצעס טעות; ער האָט פּשוט צוגעשריבן זיין אייגענע מיינונג אַלעקסאַנדערן.

עס איז קיין צווייפֿל ניט, אַז מק'קאַרדי איז גערעכט; עס איז שווער צו זען וואו קאָנוויץ האָט גענומען דעם אויסדרוק „סיסטעמען פֿון אידייעס קאָרעספּאָנדירן צו שטיקלעך רוים-צייט". אַלעקסאַנדער האָט אים ניט און האָט אים אויך ניט געקענט האָבן לויט זיין מאָניסטישן אויסגאַנגס פּונקט. ניט אַנדערש, אַז קאָנוויץ האָט עס געשריבן פֿון זכרון, האָט ער געמאַכט אַ טעות. פֿונדעסטוועגן איז קאָנוויץ ניט אינגאַנצן אומגערעכט: — נאָר אַן אידעאַליסט, וועלכער נעמט די גייסטיקע רעאַליטעט פֿאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט און באַטראַכט די פֿיזישע וועלט פֿאַר ניט רעאַל, קען זיך פֿאַלשטענדיק באַנוגענען מיט דער קאָהערענס טעאָריע פֿון אמת; אַ רעאַליסט מוז פֿון צייט צו צייט, דירעקט אָדער אומדירעקט, זיך באַנוצן מיט דער קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע פֿון אמת. אַלעקסאַנדער באַנוצט זיך מיט איר, ווען ער זאָגט: „עס איז פֿאַראַן אַן אופֿן וויאַזוי צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע וואָס מיר זיינען געצוואונגען פֿונם גאַנצן גייסט פֿון אונדזער פֿאָרשונג צו אַנערקענען. דאָס איז די אַזוי אָנגערופֿענע קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע פֿון אמת: — אַ פּראָפּאָזיציע איז אַן אמת ווען זי שטימט מיט דער רעאַליטעט; זי איז פֿאַלש ווען זי שטימט ניט מיט דער רעאַליטעט. אויף וועלכן אַנדער אופֿן קאָנען מיר וויסן די רעאַליטעט און פּראָבירן אונדזערע איבערצייגונגען, אויסער אין דער פֿאָרמע פֿון אַנדערע פּראָפּאָזיציעס?... פֿון דער צווייטער זייט, ווען אמת ווערט געבראַכט צו אַ טעסט דורך אַנדערע פּראָפּאָזיציעס, נוצן מיר ניט דעם טעסט פֿון קאָרעספּאָנדירונג מיט דער רעאַליטעט, נאָר צי די פּראָפּאָזיציעס, וועלכע מיר טעסטן, שטימען אָדער ניט מיט אַנדערע פּראָפּאָזיציעס. דאָס איז דער קאָהערענס טעסט".[2]

פֿונם ציטירטן קען מען זען, אַז ער איגנאָרירט ניט די קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע פֿון אמת; ער באַגרענעצט נאָר איר נוצלעכקייט; ער פֿאַרלאָזט זיך מער אויף קאָהערענס (צוזאַמענהאַנג). ער נעמט זי אויך

[1] איביד, II. 53-54.
[2] איביד, I. 252.

אַז ווען ער זאָגט, אַז דער נאַטור וויסנשאַפטלער טראַגט מיט זיך ניט די וועלט; ער איז מיט איר אין אַ צוזאַמענזיין. דער צוזאַמענזיין קען ניט האָבן קיין אַנדער מין, ווי זיין מיט איר אין באַרירונג געדאַנקלעך, זי אבסטראַאירן אין געדאַנק. ווי מען קען זען, קען זיך אויך אַלעקסאַנדער ניט באַפרייען פון אַ פאָרמע דואַליזם און אויף אַזויפיל איז דר. קאַטוויץ גערעכט. עס דאַרף אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז קאָרעספּאָנדירונג דערמאָנט אַלעקסאַנדער נאָר איין מאָל און וועגן דער קאָהערענס טעאָריע רעדט ער די גאַנצע צייט.

אַלעקסאַנדער האָט גרויס שוועריקייט קלאָר אַרויסצוברענגען דעם אונטערשייד צווישן אמת און רעאַליטעט. חוץ דעם, וואָס זיין שפּראַך איז אַ שווערע און טעכנישע; מען האָט אַ רעכט צו גלויבן, אַז ער פּאַרלירט זיך ממש אין זיינע אייגענע רייד, האָט ער טאַקע אַ גאַנץ שווערע אַרבעט. אַזוי גיך ווי ער נעמט אָן, אַז פּראָפּאָזיציעס געפינען זיך אויפן זעלבן אויבערפלאַך, ווי די רעאַליטעט גופא, איז שווער זיך צו אָריענטירן צווישן דער רעאַליטעט פון אַ פּראָפּאָזיציע און דעם אמת, אָדער דעם טעות, וואָס זי אַנטהאַלט און פון דער רעאַליטעט פון דער וועלט, וועגן וועלכער זי דאַרף געבן דעם אורטייל.

ווי מען קען זען האָט מען פּאַר זיך אַ מין דרייעק פון צוויי רעאַ־ליטעטן: די וועלט און די פּראָפּאָזיציעס, און אַן אמת וועגן זיי ביידן. למען האמת דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז דיזעלבע שוועריקייט האָט יעדער נעאָ־רעאַליסט, ווי דער פריער ציטירטער פּראָפעסאָר מאָנטעגיו האָט עס אַרויסגעבראַכט.

ווי ס'זעט אויס האָט אַלעקסאַנדער פּאַרמאָגט אַ ים מיט געדולד. ער דרייט זיך איבער נאָך אַ מאָל און ווידעראַמאָל און אַנאַליזירט און דערקלערט די זעלבע זאַך פון פאַרשיידענע ווינקלען.

ווען ער ווערט פאַרטיק מיט דער טעאָרעטישער זייט פון דער פראַגע וועגן אמת און טעותן, גייט ער איבער צו דער פּראַקטישער זייט, צום סאָציאַלן מאָמענט, צי מען איז איינשטימיק, אָדער ניט איינשטימיק אין באַצוג צום אמת פון אַ באַשטימטער דערשיינונג. אין זיין סיסטעם גיט ער אָפּ אַסך פּלאַץ דער פראַגע; ער אַנאַליזירט זי אויף דעם זעלבן שווערן אופן. ער וועט דאָ ניט נאָכגעפאָלגט ווערן לויט זיין סיסטעם; ער האָט דאָס זעלבע אין קורצן און אויף אַ לייכטן אופן דערקלערט אין אַן עסיי אונטערן נאָמען „די אַרטיסטרי און טרוט".

מערקווירדיק: — ער האָט אויך געקענט שרייבן לייכט. ווי ס'זעט אויס האָט ער זיין סיסטעם געשריבן אין אַזאַ שווערער שפּראַך, ווייל ער האָט געוואָלט זיין טעכניש אין שפּראַך.

עס וועט ציטירט ווערן אַ קורצער אויסצוג פון דער עסיי. ער זאָגט: „ווען איך זאָג ס'איז אַן אמת, אַז די רויז איז רויט, מיין איך דערמיט, אַז מיין איבערצייגונג שטימט מיט די איבערצייגונגען פון אַנדערע מענטשן, וועלכע קוקן אויף דער רויז און מיט אַלע אַנדערע איינשטימונגען, וואָס

איך און אַנדערע האָבן וועגן די איגענשאַפטן פון רויזן. פון דעם קען מען זען, אַז טעותן באַשטייען פון אורטיילן און מיינונגען, וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין מיט אורטיילן פון אַנדערע מענטשן וועגן אייגעם, אָדער וועגן אַ צווייטן ענין".[1]

ווען עס האַנדעלט זיך וועגן אַזאַ איינפאַכן ענין ווי זען אַ קאָליר איז, אַזוי ווי די מערסטע מענטשן זייַנען ניט קאָליר בלינד, קען מען זיך פאַר־לאָזן אויף דער מיינונג פון דער מערהייט, אַז זי איז ריכטיק. וואָס טוט מען אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגן אַ קאָמפּליצירטן ענין, ווי, צום ביישפּיל, צי די ערד באַוועגט זיך, אָדער די זון, אָדער וועגן וועלכער ס'איז אַנדערער וויכטיקער פראַגע, וועגן וועלכער די מערהייט האָט ניט קיין שום וויסן, דערפאַר אָבער האָט זי אַ היפש ביסל פאָראורטיילן? דזשאָרדאַנע ברונאָ, גאַליליאָ און אַסך אַנדערע מאַרטירער, וואָלטן אים געקענט דערציילן וועגן דעם אמת, וואָס די מיינאָריטעט האָט פאַרטיידיקט. עס איז שווער צו פאַרשטיין ווי אַזאַ טיפער דענקער האָט געקענט מאַכן אַזאַ באַהויפּטונג אָן וועלכע עס איז רעזערוואַציעס, סיידן מען זאָל אָנ־נעמען, אַז ער האָט בלויז אין זינען געהאַט איינפאַכע ענינים ווי צו באַ־שטימען אַן אמת.

נאָך עפּעס, ביז דעם מאָמענט איז זיין באַוויז וועגן אמת באַשטאַנען ווי צו האַרמאָנירן (קאָהערענס) צווישן זאַכן און פאַסירונגען און עמפּירישע פאַקטן ווען ס'איז מעגלעך. איצט נעמט ער דעם סאָציאַלן מאָמענט פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט. דאָס זייַנען צוויי פאַרשיידענע ענינים, וואָס האָבן צווישן זיך קיין שייכות ניט.

ווען ער ווערט פאַרטיק מיט אורטיילן וועגן פּראָפּאָזיציעס אין שייכות צו קאָנטעמפּלאַציע, וועגן די אַזוי אָנגערופענע מענטאַלע אורטיילן וועגן דער אויסערלעכער וועלט, גייט ער איבער צו באַטראַכטן אורטיילן וועגן פּראָפּאָזיציעס וואָס האָבן אַ שייכות מיטן אינהאַלט פונם פאַרשטאַנד גופא; ער גייט איבער צו די אורטיילן וועגן פּסיכאָלאָגיע און לאָגיק, וואָס באַלאַנגען צו די אייגענע איבערלעבונגען (ענדזשוימענטס, געניסן); זיי באַ־לאַנגען אינגאַנצן ניט צו דער אויסערלעכער וועלט. ער זאָגט: „ביז איצט האָבן מיר באַטראַכט פּראָפּאָזיציעס, וועלכע באַלאַנגען צו דער ניט מענטאַ־לער רעאַליטעט; עס זייַנען אָבער אויך פאַראַן מענטאַלע פּראָפּאָזיציעס, וואָס זייַנען ניט קיין אָביעקטן פאַרן פאַרשטאַנד; זיי זייַנען אינם פּינקטלעכן זינען זיין אינהאַלט".[2]

אַזוי ווי זיין שפּראַך איז אין דער פאַרבינדונג קלאָר; ער קען ניט מיינען עפּעס אַנדערש ווי מענטאַלע פּראָפּאָזיציעס, וואָס זייַנען דעם פאַר־שטאַנדס אייגענער אינהאַלט. האָט מען אַ רעכט צו ציען דעם שלוס, אַז ער פירט ענדלעך אַריין אַ דואַליזם פון אַן אינהאַלט אינם פאַרשטאַנד פאַר

[1] היבבאַרט דזשורנאַל, נומ. 23, ז. 254.
[2] בוך 2, ז. 266.

זיך, וואָס באַשטייט ניט פון אַ צוזאַמענזיין מיט דער אויסערלעכער וועלט. ווי ער קען דערקלערן דעם דואַליזם איז אַן אָפענע פראַגע.

ער גיט אָפּ עטלעכע זייטן צו באַווייזן ווי די נאָרמאַטיווע וויסנ־שאַפטן, פסיכאָלאָגיע און לאָגיק, זיינען מעגלעך, אַז זייער אמת קען באַוויזן ווערן טראָץ דעם וואָס זייער אינהאַלט איז אַ ריין סוביעקטיווער; ער איז איינגעשלאָסן אין באַזונדערע פאַרשטאַנדן (מאַינדס), וועלכע האָבן צווישן זיך ניט קיין דירעקטע אינערלעכע קאָמוניקאַציע. זייער פאַרשיי־דענער אינהאַלט קען נאָר איבערגעגעבן ווערן מינדלעך, אָדער שריפטלעך, פון איינעם צום צווייטן און דערפאַר קען דער אינהאַלט ניט ווערן קיין אָביעקטיווער קעגנשטאַנד פאַר אַלגעמיינעם שטודיום.

זיינע באַווייזן, אַז זייער אמת קען באַוויזן ווערן, זיינען: 1) אַזויווי אַבסטראַקטער דענקען איז בכלל געקומען נאָך דעם קאָנקרעטן דענקען, ווי אַן אַבסטראַקציע פון אים, זיינען די מענטאַלע פּראָפּאָזיציעס געקומען נאָך די קאָנטעמפּלירטע פּראָפּאָזיציעס, וועלכע זיינען דירעקט פאַראַנקערט אין דער רעאַליטעט. האָבן זיי אַזוי אַרום געקראָגן די באַשטעטיקונג פון זיי. עס דאַרף מיינען, אַז זיי האָבן נאָכגעפאָלגט די זעלבע געזעצן און דערפאַר ענטהאַלטן זיי אמתן. און 2) קען מען מיט דער הילף פון דער קאָמוניקאַציע, וועלכע מען קריגט פון מענטשן אויף פאַרשידענע אופנים, ציען אַן אַלגעמיינעם שלוס און מיט זייער הילף דעמאָנסטרירן זייער אמת, צי זיי שטימען צווישן זיך, אָדער זיי שטימען ניט. נאָך אַ היפּש ביסל איבערחזרן דעם ענין פון פאַרשיידענע ווינקלען, ציט ער דעם שלוס, אַז כאָטש זיי באַשטייען פון סוביעקטיווע איבערלעבונגען (געגוסן), קען זייער אמת, אָדער טעות באַוויזן ווערן און דערפאַר זיינען פסיכאָלאָגיע און לאָגיק וויסנשאַפטן.

אָנגענומען, אַז פסיכאָלאָגיע און לאָגיק, זיינען אמתע וויסנשאַפטן. דאָס איז אַן ענין פאַר זיך. די פראַגע איז ערשטנס צי אַ פאַרגלייך פון אַ מענטאַלער פּראָפּאָזיציע מיט אַ קאָנטעמפּלירטער פּראָפּאָזיציע פון איין זייט און דער דעת הקהל, די מיינונג פון כלל, פון דער צווייטער זייט, איז גענוג צו באַטראַכטן פאַר אַן אמת די מענטאַלע פּראָפּאָזיציעס? מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז נאָך אַלעמען איז פאַר אים גופא דער באַוויז פון צוזאַמען־זיין (קאָהערענס) ניט גענוג אפילו אין קאָנטעמפּלירטע פּראָפּאָזיציעס; ער רופט צו הילף די קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע פון אמת. אַ פּראָפּאָזיציע קען האַרמאָנירן מיט אַנדערע פּראָפּאָזיציעס און אַלע צוזאַמען זאָלן זיי ניט באַשטיין פון קיין אמת וועגן דער וועלט. זיי קענען זיין פאַנטאַזיעס, חלומות, אילוזיעס און אז. וו. דערפאַר קען מען מיט רעכט פרעגן צי זיינע באַווייזן וועגן די מענטאַלע פּראָפּאָזיציעס זיינען גענוג ווי אַן אמת?

צווייטנס און דאָס איז וויכטיקער, וואָס מיינט ער אין דער פאַר־בינדונג מיט אמת? אמת מיינט צו שטימען מיט דער רעאַליטעט אין זיין מעטאַפיזישער סכעמע. איז די פראַגע: צי שטימען די מענטאַלע פּראָ־

פּאָזיציעס מיט דער רעאַליטעט ווי אַ טייל פון איר? ער זאָגט אין פאַר־בינדונג מיט זיי: „צו יעדן אויסערלעכן אָביעקט קאָרעספּאָנדירט אַ גענוס, אַ פּילן, אויפנעמען (פּערסיווינג) געדענקען, זיך פאָרשטעלן. אורטיילן זיינען ניט קיין אויסנאַם, און דער גענוס וועגן אורטיילן איז אַ מענטאַלע פּראָפּאָזיציע".[1]

איז די פראַגע: וואָס איז דער סטאַטוס אין זיין רוים־צייט מעטאַ־פיזיק פון דער מענטאַלער פּראָפּאָזיציע פון וועלכער מען האָט ניט מער ווי גענוס? מען לעבט זי איבער, מען קאָנטעמפּלירט זי אָבער ניט, ווייל זי איז ניט מער ווי אַן איבערלעבונג אינם פאַרשטאַנד גופא?

ווען עס קומט צום אינהאַלט פונם פאַרשטאַנד זיינען אייגענטלעך אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען אין דער זעלבער שווערער פּאָזיציע; זיי קענען ניט דערקלערן דעם כאַראַקטער פון דעם אינהלאַט. זאָגט דאָך מיט רעכט דער פיזיאָלאָג, אדריאַן, אַז מיר הייבן ניט אָן צו וויסן וויאַזוי דער זכרון איז פאַרבונדן מיטן נערוון סיסטעם און מיר ווייסן ניט צי מיר וועלן עס ווען עס איז וויסן.

דער אונטערשייד אין דעם פאַל צווישן אַלעקסאַנדערן, ווי אַ נעאָ־רעאַליסט און דעם קריטישן רעאַליסט, וועלכער נעמט אָן אַ דואַליסטישע עפּיסטאָמאָלאָגיע, איז וואָס אַלעקסאַנדער האַלט אין איין ריידן, אַז דער פאַרשטאַנד האָט ניט מער ווי אַן אַקט, אָבער ניט קיין אינהאַלט; ווען ער דערמאָנט וועגן אַן אינהאַלט, פילט מען עפּעס ווי אַ ווידערשפּרוך אין זיין דערקלערונג. אָבער ווי זאָגט ב. ראַסעל אויף אַ פּלאַץ: אויב מען געפינט אַ גראָבן ווידערשפּרוך ביי אַן ערשט קלאַסישן דענקער, איז אַ סימן, אַז מען האָט עפּעס פאַרזען אין זיין דערקלערונג: — ערשט קלאַסישע דענקער מאַכן ניט קיין גראָבע טעות'ן.

---

[1] איביד, ז. 266.

אכטער קאפיטל

עסטעטיק (שיינקייט און מיאוסקייט)

רודאָלף מעץ זאָגט וועגן אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע: „ווען מען פאַר־גלייכט זיין פילאָזאָפיע מיט ספענסערס פילאָזאָפיע איז זי גאַנצער אין איר קאָנצעפּציע. זי איז געוואָגטער אין איר ספּעקולאַציע; זי איז מער קאָנ־סטרוקטיוו און מער פּאָזיטיוו אין איר רעזולטאַט... זי ווערט באַטראַכט פאַר אַן העכסט אַמביציעזער אַרבעט פון דער פאַנטאַזיע. אין אַ געוויסן זינען איז די מיינונג אַ גערעכטע. ער גופא וואָלט געווען מער צופרידן ווען מען וואָלט זי באַטראַכט פאַר אַ ריין וויסנשאַפטלעכער שאַפונג. זיין פילאָ־זאָפישער מעטאָד איז אַן עמפּירישער; אין קיין שום הינזיכט איז ער ניט פאַרשיידן פונם מעטאָד פון דער פּינקטלעכער וויסנשאַפט״.

אַלעקסאַנדער האָט געהאַט אַ נשמה פון אַ קינסטלער און אַ פאַר־שטאַנד פון אַ דענקער, אַ מעטאַפיזיקער, אויב מען קען מאַכן אַזאַ אונ־טערשייד. מעגלעך, דער איטאַליאַנער דענקער, בענעדעטאָ קראָטשע, איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז אום צו קענען פילאָזאָפירן דאַרף מען זיין אַ קינסטלער לויט דער נאַטור דערפאַר, וואָס פילאָזאָפיע בכלל און מעטאַ־פיזיק בפרט, איז אַ פּראָדוקט פון אַ רייכער פאַנטאַזיע. און אַלעקסאַנדער ווערט באַטראַכט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע מעטאַפיזיקער וואָס ענגלאַנד האָט אַרויסגעבראַכט פאַר די לעצטע דריי הונדערט יאָר. לאָרד ליסטאָוועל, זיין פאַרעהרער, זאָגט: „ער איז פון אַלעמען געווען אַנערקענט פאַרן פירער פונם גייסט אין דער בריטישער פילאָזאָפיע פון זיין צייט״.

אַלעקסאַנדער איז געווען אַ זייער ראָמאַנטישע נאַטור. ער איז געווען באַהערשט פון שטימונגען. ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט ער מיט זיין זינגען און מיט זיין שטיפן אַלעמען באַלעבט; איז ער אַריינ־געפאַלן אין אַ שלעכטער שטימונג, האָט ער געקענט שוויגן פאַר גאַנצע טעג. זיינע פריינט האָבן געוואוסט ווען ער האָט זיך געפינען אין אַ גע־דרוקטן געמיט צושטאַנד, האָבן זיי אים ניט באַלעסטיקט מיט קיין פראַגן. ווי ס׳זעט אויס האָט ער געליטן פון אַ מילדער פאָרמע פון מאַניע־דעפּרעסיע

אין נאָרמאַלע גרענעצן.

ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט פּאָעזיע און האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַ בוך שירים. ער פלעגט אַרומפאָרן אויף אַ וועליסאַפּעד. איז צו קענען ביי זיך האָבן אַ בוך, האָט ער געמאַכט אַ זייט קעשענע אין זיינע הויזן און האָט שטענדיק מיט זיך געהאַט אַ בוך פון זיין אַ באַליבטן ענגלישן דיכטער; ער האָט אויך אַסך פּאָעמעס געדענקט אויף אויסווייניק.

ווען ער וואָלט ניט געווען אַזאַ טיפער דענקער און וואָלט ניט געדענקט אין סינאָפּטישע בילדער, וואָלט ער, מעגלעך, געווען געוואָרן אַ קונסט, אָדער ליטעראַטור קריטיקער און ניט קיין פילאָזאָף, אַ סיסטעם בויער. ווי ס׳זעט אויס, האָט ער אונטערדרוקט זיין נייגונג צו קונסט ביז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין מעטאַפיזישן סיסטעם. אויך זיין עסטעטיק האָט ער געזען אין דער ליכט פון זיין מעטאַפיזיק.

אויב ער איז געווען אַזאַ קינסטלער לויט זיין נאַטור, קען מען פרעגן: ווי קומט עס וואָס ער איז געווען אַזוי שווער און קאָמפּליצירט, אין זיין שרייבן, דערהויפּט אין זיין סיסטעם? דער איינציקער ענטפער, וואָס קען געגעבן ווערן איז, אַז ער איז געווען אַ גרויסער פּעדאַנט, זיין דראַנג צו זיין פּינקטלעך און טעכניש, זיין פּסיכאָלאָגישער אונטערגרונט און זיין שטרעבונג צו אויסשעפּן דעם קעגנשטאַנד מיט אַלע איינצעלהייטן, האָט אים באַלודן מיט שווערקייט.

ווי אַ ביישפּיל פון זיין פּעדאַנטישקייט קען דינען זיין אַריינפיר צו דער אָפּהאַנדלונג וועגן ווערטן (ווַעליוס); ער זאָגט, אַז דער געפיל פון ווערטן איז ניט באַגרענעצט מיטן מענטשן; ער איז אַפילו ניט באַגרענעצט מיט דער אָרגאַנישער וועלט. עס איז אַ פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפט פון דער נאַטור. לויט זיין מיינונג, איז די אַפיניטעט פון אָקסעדזשין צו הידראָגין, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אַפיניטעט, איז די זעלבע אייגענשאַפט, ווי די וואָס פירט צו פאָרמירן באַגריפן אינם מענטשן. עס זאָל זיין די זעלבע אייגענשאַפט וואָס ציט די בהמה צום גריבעם גראָז און דעם לייב צו פאַרצערן דאָס שעפעלע.

מען דאַרף ווירקלעך זיין אַ גרויסער פּעדאַנט צו ציען אַזעלכע אומגלויבלעכע שלוסן. געוויס האָט מען אַ רעכט צו צווייפלען צי אַזוינע גענעראַליזאַציעס זיינען באַרעכטיקט; ער האָט זיי געמאַכט, זיינען זיי איבערגעגעבן געוואָרן.

ווי אַ מעטאַפיזיקער האָט אַלעקסאַנדער פאַר זיך געזען אַן איינהייטלעכן גאַנג, וואָס האָט ניט און קען ניט האָבן קיין אויסנאַמען; זיינען אויך די פאָרמירטע באַגריפן געווען אַ רעזולטאַט פון דער פונדאַמענטאַלער אייגענשאַפט פונם נאַטור גאַנג. פאַר אים, דאַרף מען אַננעמען, איז עס ניט געווען קיין פאָרמאַלע פראַגע פון אַ בלויזן אַבסטראַקטן פילאָזאָפישן דענקען; עס איז פאַר אים געווען אַן אָרגאַנישע פראַגע. ריין אָרגאַניש, אַזוי צו זאָגן, וואַקסט איין פּראָצעס אַרויס פון דעם צווייטן. ווערטן, ווי

ער האָט אָנגענומען, זייַנען אוניווערסאַל אין דער נאַטור, מאַניפעסטירן זיי זיך אויף פאַרשיידענע אופנים לויט דעם צושטאַנד פון דעם באַטרעפענדן אָרגאַניזם און לויט זייַנע ספּעציעלע אייגנשאַפטן.

דאָס איז זייַן פונדאַמענטאַלער אויסגאַנגס פּונקט. ווען אָבער מען לאָזט אויס זייַן מעטאַפיזישן אויסגאַנגס פּונקט און מען נעמט דעם מענטשנס ווערטן באַגריפן, ווי זיי מאַניפעסטירן זיך בפועל ממש אינם מענטשן, זעט מען פאַר קיין פאַל ניט ווי זיי קענען אויף וועלכן עס איז אופן פאַרבינדן ווערן מיט פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אין דער חיה וועלט. פאַרקערט, מען איז געצוואונגען אָנצונעמען, אַז זיי באַשטייען פון אַן אייגנאַרטיקער דערשייַנונג, וואָס האָט ניט קיין שום פאַרגלייַך אין דער ביאָלאָגישער וועלט. חיות באַזיצן בכלל ניט קיין באַגריפן; זיי שאַצן ניט אָפּ קיין סיטואַציעס. זיי רעאַגירן לויט דעם טרעף און פעל מעטאָד. דאָס איז דער אָנהויב און דער סוף פון זייערע האַנדלונגען און פון זייער באַנעם בכלל. אין דער חיה וועלט זייַנען ניטאָ קיין אמתן אָדער טעותן; ניט קיין גוטעס און ניט קיין שלעכטעס, ניט קיין שייַנקייטן און ניט קיין מיאוסקייטן. מען האָט אַ רעכט צו צווייפלען אין אַסך שלוסן, וועלכע מען ציט פון זייערע האַנדלונגען; מען טייַטשט אין זיי אַריין אַסך מער, ווי מען נעמט פון זיי דירעקט.

אַלעקסאַנדער האָט אַליין ניט געמאַכט קיין עקספּערימענטן מיט חיות. ער האָט נאָר אין עסיי וועגן דעם פאַרשטאַנד פון זייַן אייגענעם הונט און נאַטירלעך, איז ער געווען אַ חכם. זאָגט דער רעדאַקטאָר פון דעם בוך עסייען, אַז ס׳איז געווען אַ גאַנץ נאַרישוואַטער הונט...

לויד מאָרגען, אַלעקסאַנדערס פריינט און חבר, וואָס ווערט אָנגערופן דער פאָטער פון דער פאַרגלייכונגס פּסיכאָלאָגיע, איז געווען אַן ערשט קלאַסישער פעלד פאַרשער. ער גיט איבער אַן אינצידענט מיט אַ קלוגן הונט: זייַנער אַ פריינט, אַ טאַרי, האָט אויסגעלערנט זייַן הונט זיך שטעלן גדלות׳דיק, ווען ער האָט אויסגערופן דיזראַעלי און פאַלן צו דער ערד באַם נאָמען גלאַדסטאָן. נאַטירלעך, אַז ער האָט געקרוגן אַ לעקאַכל פאַר זייַן חכמה. מאָרגען האָט גענומען דאָס לעקאַכל אין האַנט און האָט אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען דיזראַעלי מיט דער אינטאָנאַציע פון גלאַדסטאָן און גלאַדסטאָן מיט דער אינטאָנאַציע פון דיזראַעלי, האָט דער הונט נאָכגעפאָלגט די אינטאָנאַציע און ניט די נעמען און אויס מיט זייַן חכמה.

מאָרגען האָט דעמאָנסטרירט, אַז הינט רעאַגירן לויט דעם קלאַנג פון דער אינטאָנאַציע און ניט לויטן אינהאַלט פון די ווערטער. דער שלוס איז, אַז מען קען ניט ציען קיין שלוסן פון די האַנדלונגען פון חיות אין שייכות צו מענטשלעכע ווערטן באַגריפן. מענטשלעכע באַגריפן זייַנען אייגנאַרטיק און זיי דאַרפן פאַר אַזעלכע באַטראַכט ווערן.

דאָס רופט אַרויס די פראַגע: וויאַזוי דערקלערט מען די דערשייַנונג פון באַגריפן וועגן ווערטן אין דעם מענטשן? דער ענטפער איז אַז נאָך אַלע פאַרגלייכונגס פאָרשונגען, דאַרף מען ציען דעם שלוס, אַז מען שטייט

פאַר אַן עמערגענטער דערשיינונג, וועלכע מען דאַרף נעמען מיט נאַטיר־לעכער פּיעטעט און בויגן דעם קאָפּ פאַרן פאַקט, וועלכן מען מוז אָננעמען טראָץ דעם וואָס מען קען אים ניט דערקלערן. מען דאַרף אים אָננעמען, ווי מען נעמט אָן די פאַרמירונג פון וואַסער פון צוויי גאַזן: — עס איז דער גאַנג פון דער נאַטור.

די פילאָזאָפיע פון עמערגענטער עוואָלוציע דערקלערט קיין זאַך ניט; זי ציינט נאָר אָן אויפן נאַטירלעכן גאַנג. געוויס האָבן מעטאַפיזיקער אַ רעכט צו ספּעקולירן אויף ווי פיל זייער האַרץ גלוסט און שאַפן טעאָריעס לויט זייער געשמאַק. די טעאָריעס דאַרפן אָבער ניט באַטראַכט ווערן פאַר דעמאָנסטרירטע פאַקטן, ווען זיי שטימען ניט מיט דערווירקלעכקייט, אָדער זיי זיינען ניט איבערצייגנד.

די באַמערקונגען זיינען געמאַכט געוואָרן ווי אַן אַריינפיר צו אַלעק־סאַנדערס אינטערפּרעטאַציע פון עסטעטיק דערפאַר, וואָס נאָך מעטאַפיזיק איז עסטעטיק געווען זיין ליבלינג. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין סיסטעם, האָט ער זיין גאַנצע צייט אָפּגעגעבן צו פאָרשונגען וועגן עסטע־טיק (ער איז אויך געווען פּראָפעסאָר פון „פאַין אַרטס").

אויך אין דעם פאַל איז ער געוואָרן אַ מיסיאָנער; ער האָט געהאַלטן רעפעראַטן וועגן דעם אורשפּרונג און כאַראַקטער פון עסטעטיק און האָט זיינע פונדאַמענטאַלע מעטאַפיזישע באַגריפן איבערגעטראָגן אויפן געביט פון קונסט וואו זיי קענען ניט באַנוצט ווערן. עס דאַרף אָבער צוגעגעבן ווער, אַז טראָץ דעם, וואָס אינם אונטערגרונט פון זיין דענקען איז שטענ־דיק געלעגן זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק, איז ער אין זיינע ווערק וועגן קונסט געווען אַ היפּש ביסל פריי. ער באַטראַכט די ווערטן באַגריפן פאַר דריטע קוואַליטעטן אין וועלכע דער פאַרשטאַנד נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל. לויט זיין אייגענער אינטערפּרעטאַציע זיינען זיי פונדאַמענטאַל אַנדערש פון די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן; זיי באַלאַנגען ניט אינגאַנצן צו דער נאַטור. ווען מען נעמט אַוועק דעם מענטשנס צוגאָב בלייבן די פאַקטן, ווי קאָלירן, קלאַנגען, פאָרמען און א. וו. קיין אמתן, שיינקייטן און גוטסקייטן בלייבן ניט; זיי באַשטייען פון אַ מענטשלעכער איבערלעבונג, ווי אַ צוגאָב צו דער נאַטור. נאַטירלעך, אַז דאָס אַלץ גיט אַלעקסאַנדער צו. קונסט באַשטייט פון דער קרעאַטיווער שאַפונג פון דעם קינסטלער און פון דעם צוגעגעבענעם געניוס פונם באַאָבאַכטער, וועלכער האָט אַ געפיל פאַר קונסט: — דער מענטש איז אַ קרעאַטיווער אַגענט.

עס איז וויכטיק אין דער פאַרבינדונג צו באַמערקן, אַז נאָך דעם ווי בענזאנקוועט איז געשטאָרבן איז דער מאַנטל און די קרוין פון קונסט פאַר־שער און קונסט אָפּשאַצער אין ענגלאַנד, איבערגעגעבן געוואָרן אַלעקסאַנ־דערן און קיינער האָט ניט קריטיקירט דעם אויסקלייב. זיין פאַרעהרער, לאָרד ליסטאָוועל, אַליין אַ קונסט פאָרשער און קריטיקער, זאָגט, אַז אים איז ניט באַקאַנט אַ צווייטער, וואָס זאָל געווען זיין אַזוי באַהאַוונט אין קונסט

און וויסן וועגן קינסטלער, ווי אַלעקסאַנדער. ווען מען האָט אין זינען, אַז זיין הויפט אינטערעס איז געווען פילאָזאָפיע און טיילוויס פסיכאָלאָגיע, דאַרף מען אָננעמען, אַז ער איז געווען אַ ריכטיקער בוך־וואָרם און האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון.

איצט וועט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן עסטעטיק באַטראַכט ווערן. דער אָנהויב וועט געמאַכט ווערן מיט עסייען וואָס ער האָט געשריבן וועגן עסטעטיק, נאָך דעם וועט געגעבן ווערן דאָס, וואָס ער זאָגט אין זיין סיסטעם וועגן דעם ענין. כראָנאָלאָגיש איז דער צוגאַנג ניט קיין ריכטיקער, מעטאָדאָלאָגיש איז עס דער ריכטיקער צוגאַנג, ווייל אין די עסייען האָט ער זיין מיינונג אַנטוויקלט און דערקלערט און אינם סיסטעם, האָט ער זי געגעבן אַ פאַרטיקע.

דער אָנהויב וועט געמאַכט ווערן מיט דער עסיי „אַרט ענד די מאַטעריאַל", וואָס, ווי עס זעט אויס, איז עס זיין ערשטע ווערק וועגן קונסט. ער הייבט אָן מיט אַ קריטיק קעגן דעם איטאַליאַנישן דענקער, בענעדעטא קראָטשע, דעם העגעליאַנער, וואָס, ווי אַ פילאָזאָפישער אידעאַליסט, פאַרטיידיקט ער די מיינונג, אַז קונסט איז אַ ריין גייסטיקע שאַפונג פון דער פאַנטאַזיע פונם קינסטלער. דער קינסטלער שאַפט זיינע קונסט ווערק פריער אין זיין פאַנטאַזיע; ערשט נאָכדעם פאַרקערפּערט ער דעם פּראָדוקט אין אַ קאָנקרעטער פאָרמע. קראָטשע האַלט אַז ניט נאָר איז דער מאַטעריאַל ניט וויכטיק, נאָר אַפילו די פאַרקערפּערונג פונם געשאַפענעם אין אַ קאָנקרעטער פאָרמע איז ניט מער ווי קאָנקרעטיזירן דאָס שוין פריער געשאַפענע אין דער פאַנטאַזיע. דער שאַפונגס פּראָצעס באַשטייט פון אַ ריין גייסטיקער קרעאַציע אין דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע; דער מאַטעריאַל דינט דעם קינסטלער פאַר אַן אָפּבילדונג פון דעם וואָס איז שוין פריער געשאַפן געוואָרן.

פאַר אַן אידעאַליסטישן דענקער, פאַר וועמען די רעאַליטעט פון דער וועלט איז פונדאַמענטאַל גייסטיק, איז קראָטשעס אויסגאַנגס פּונקט אַ ריכטיקער. דער אידעאַליסטישער דענקער נעמט ניט אָן אַז די פיזישע וועלט איז פונדאַמענטאַל רעאַל; בלויז דאָס גייסטיקע איז רעאַל און דערפאַר איז דער גייסטיקער פּראָדוקט פונדאַמענטאַל פאַרן קינסטלער.

אַלעקסאַנדער, דער פילאָזאָפישער רעאַליסט, וואָס האָט אָנגענומען רוים־צייט פאַר דער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט, האָט ניט געקענט אָננעמען קראָטשעס מיינונג; ער האָט אָנגענומען, אַז דער שאַפונגס פּראָצעס קומט פאַר אויף אַ קאָנקרעטן אופן אין דער צייט ווען דער קינסטלער שאַפט זיין קונסט. פאַר אים איז דאָס געווען אַ פונדאַמענטאַלער באַדינג, ווייל דער פאַרשטאַנד פאַר זיך אַליין האָט ניט קיין אינהאַלט און האָט אים אויך ניט וואו צו נעמען. אמת, ער זאָגט, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט די דריטע קוואַליטעטן טראָגט דער פאַרשטאַנד צו אַ חלק ווען ער שאַצט זיי אָפּ. אָבער אין דער צייט ווען ער שאַפט מוז ער האָבן דעם קאָמפּרעזענט, דעם צוזאַמענזיין. ער זאָגט: „מיין כוונה איז צו באַווייזן, אַז אין דער אַקטועלער

פיזישער פאַרקערפּערונג, כאָטש בלויז אין דער פאַנטאַזיע, עקזיסטירט ניט קיין אַרטיסטישע דערפאַרונג".

פאַרשטייט זיך, אויך אין דער פאַנטאַזיע, אין דער פאָרשטעלונג, פאָדערט זיך, לויט זיין פונדאַמענטאַלן באַדינג, אַ פאָרמע פון אַ צוזאַמענזיין אין וואָס דער צוזאַמענזיין זאָל ניט באַשטיין. דעם באַדינג האָט ער אין זיין סיסטעם איבערגעחזרט נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל. מען קען וועגן דעם ניט מאַכן קיין טעות.

ער הייבט אָן מיט קראָטשעס אַ מיינונג, וואָס ער נעמט אָן, אַז קראָטשע לייזט ניט דעם פּראָבלעם. ער זאָגט: „אַפילו קראָטשע, וועלכער אידענטיפיצירט די אימאַגינאַציע (אימאַזש), אָדער די אינטואיציע פונם אַרטיסט (אָדער פון וועמען עס איז), מיטן אויסדרוק און שפּאָט פון יענע וואָס ריידן זיך איין, אַז זיי וואָלטן געקענט ווערן ראַפאַעלס, אָדער שעקספּירס, ווען זיי וואָלטן נאָר געהאַט די קענטעניש צו אַרויסברענגען זייערע רייכע פאַנטאַזיעס. טראָץ דעם עצה'ט ער זיי, אַז זיי זאָלן פאַרקערפּערן די אַרטיסטישע דערפאַרונג כאָטש, לויט זיין מיינונג, איז זי ניט מער ווי אַ קאָנקרעטיזירונג פון אַ גייסטיקער שאַפונג, פון וועלכער די פיזישע פאַרקערפּערונג איז בלויז אַ טעכנישער ענין צו איבערגעבן דאָס געשאַפענע פון פריער. איך גלויב, זיך מילד אויסדריקן, אַז זייערע דאָקטרינען זיינען זייער נעפּלדיק און ווען מען פאָרשט זיי גענוג געפינט מען זייערע טעותן".[1]

אויב ריכטיק פאַרשטאַנען, מיינט דאָס ציטירטע, אַז אַפילו קראָטשע, וועלכער האַלט, אַז קונסט איז אַ ריין גייסטיקער פּראָדוקט און די פאַרקערפּערונג איז ניט מער ווי איבערגעבן דאָס פריער געשאַפענע, אַפילו ער עצה'ט צו פאַרקערפּערן די געשאַפענע קונסט. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען פאַרקערפּערט ניט דאָס בילד, וואָס געפינט זיך אינם געדאַנק (מאַינד), פאַנטאַזירט מען.

אַלעקסאַנדער שטעלט זיך מיט דעם ניט צופרידן; ער לייקענט קאַטעגאָריש, אַז דער שאַפונגס פּראָצעס קומט פאָר אויף אַ ריין אַבסטראַקטן אופן אין דער פאַנטאַזיע, אַז די פאַרקערפּערונג זאָל ניט האָבן קיין שום שייכות מיטן שאַפן; פאַרקערט, ער האַלט אַז דער שאַפונגס פּראָצעס קומט פאָר אין דער צייט ווען דער קינסטלער אַרבעט אויף דעם מאַטעריאַל פון וועלכן די געשאַפענע קונסט ווערט אַרויסגעבראַכט דורך דעם קינסטלער. לויט זיין מיינונג ווערט דער דראַנג צו שאַפן סטימולירט אין דער צייט ווען דער קינסטלער אַרבעט אויף דעם מאַטעריאַל פון וועלכן ער שאַפט די קונסט.

ווען מען איז באַקאַנט מיט זיין אַלגעמיינעם פילאָזאָפישן אויסגאַנגס פונקט, אַז אַ צוזאַמענזיין מיט עפּעס איז בכלל נויטיק, אַז אַ פּראָצעס פון דענקען זאָל פאָרקומען, איז דער געדאַנק, אַז דער מאַטעריאַל רופט אינם קינסטלער אַרויס זיין שאַפנדן טאַלאַנט, פאַר אים אַ פונדאַמענטאַלער באַדינג.

---

[1] „פילאָסאָפ. ענד ליטר. פּיעס." ז. 212.

ער גלויבט ניט, אַז דער קינסטלער איז פֿויגלפֿריי אין זיין שאַפֿן, אַז די אינספּיראַציע צו שאַפֿן זאָל קומען פֿון זיך אַליין אָן אַן אָנרעגונג פֿון דעם מאַטעריאַל אין וועלכן די געשאַפֿענע קונסט ווערט קאָנקרעטיזירט. ער זאָגט: „איך נעם אָן, אַז אַרטיסטישע קרעאַציע איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון אַ פֿון פֿריער פֿאָלשטענדיק פֿאַרענדיקטער דערפֿאַרונג, וואָס איז פֿריער געשאַפֿן געוואָרן אין דער פֿאַנטאַזיע און פֿון וועלכער די געשאַפֿענע קונסט איז ניט מער ווי אַן אָפּבילדונג, פֿאַרקערט זי (די קונסט) איז אַ רעזולטאַט פֿון דער ליידנשאַפֿטלעכער אָנרעגונג, וואָס דער קינסטלער קריגט ווען ער אַרבעט אויפֿן מאַטעריאַל. דער דיכטער, ווי דער פֿויגל, זינגט דערפֿאַר, וואָס זיי בײדע מוזן זינגען. די פּאָעמע ווערט אַרויסגערופֿן דורך דער אָנרעגונג וואָס דער פּאָעט קריגט... די פּאָעמע איז פֿאַר קיין פֿאַל ניט קיין קאָפּיע פֿון אַ פֿריערדיקן געמיט צושטאַנד דערפֿאַר וואָס ער (דער פּאָעט) ווייסט עס אַליין ניט אײדער ער זאָגט עס אַרויס; ער ווייסט ניט וואָס ער וויל זאָגן אָדער וויאַזוי ער זאָל עס זאָגן: — צוויי פּאַזן פֿון איין ענין. די איינגעבילדעטע (אימאַזשענייטיוו) דערפֿאַרונג, וועלכע זאָל זיך האָבן געפֿונען אין זיין פֿאַרשטאַנד, עקזיסטירט דאָרט ניט. וואָס ס׳איז דאָרט יאָ פֿאַראַן איז דער קעגנשטאַנד, וואָס האַלט אים צוריק און פּיק־סירט זיינע געדאַנקען און נערט זיין אינטערעס; דאָס וואָס גיט קלאָר צו זיין אויפֿרעגונג און וואָס וואָלט געווען אַנדערש ווען דער קעגנשטאַנד וואָלט געווען אַן אַנדערער. די אויפֿרעגונג איז פֿאַראורזאַכט און ווערט אָנגעהאַלטן דורך דעם באַשטימטן סוביעקט, וואָס ווערט אין דער זעלבער צייט פֿאַרגרעסערט, באַלויכטן און אָנגעצונדן דורך אַ טיפֿן אַרייַנבליק וואָס פֿליסט איבער אין ווערטער אָדער אין באַוועגונגען פֿון דעם פּינזל און אז. וו.[1]

אויף אַט דעם קאָנקרעטן אופֿן, האַלט ער, ווערט קונסט געשאַפֿן: — עס איז נויטיק דער צוזאַמענשטויס פֿון דעם קינסטלער מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס רעגט אים אָן, אַז אַ קונסט שאַפֿונג זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן. ער ברענגט ווייטער אַ ביישפּיל פֿון אַ פּיאַניקן און פֿלינקן הומאָריסט ביי וועמען וויצן קומען אַרויס שנעל איינער נאָכן אַנדערן אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן אָן וועלכע עס איז אָנשטריינגונגען, ספּאָנטאַן און ניט געטראַכט. דער הומאָריסט טראָגט זיך ניט אַרום מיט וויצן אין זיין קאָפּ און פּרעזערווירט זיי פֿאַרן פּאַסענדן מאָמענט זיי אַרויסצוברענגען; זיי קומען צו אים אין דעם מאָמענט, ווען דער צופֿאַל פֿאָדערט, אָדער ער רופֿט זיי אַרויס. זיי קומען מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ; זיי בליצן אויף. ענלעכעס, זאָגט ער, קומט פֿאָר מיטן פּאָרטרעטן מאָלער. דאָס מאָלן גופֿא ווירקט אויף זיינע עמאָציעס פֿון מאָמענט צו מאָמענט און רופֿט אַרויס דעם ענטוזיאַזם וואָס האַלט אים אין איין סטימולירן צו שאַפֿן דאָס באַשטימטע בילד. ער האָט פֿאַר זיך ניט קיין פֿאַרטיקן פּאָרטרעט אין זיין פֿאַנטאַזיע פֿון וועלכן ער

[1] איביד זז. 213־214.

זאָל קאָפּירן אַ פּאָרטרעט אויף דער קאַנווע. דער פּאָרטרעט ווערט פון אים געשאַפן אין דער צייט ווען ער שאַפט.

ער זאָגט ער האָט געמאַכט אַן אַנקעטע צווישן איניקע שרייבער פון דער שיינער און פאַנטאַסטישער ליטעראַטור, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז זייערע בעסערע ווערק זיינען יענע, וועלכע זיי האָבן געשריבן ספּאָנטאַן און ניט מיט קיין צוגעגרייטן אינהאַלט; פאַרקערט, די ווערק אין וועלכע זיי האָבן דעם אינהאַלט דורכגעטראַכט אין פאָראויס, זיינען אַרויסגעקומען בלאַס און בכלל ניט קיין געלונגענע שאַפונגען.

אויף דעם אופן ברענגט ער ביישפּיל נאָך ביישפּיל צו באַווייזן, אַז קונסט ווערק ווערן פון דעם קינסטלער אַרויסגעבראַכט אויף אַ קאָנקרעטן אופן ווען דער אַרטיסט קומט אין באַרירונג מיטן מאַטעריאַל פון וועלכן זיין קונסט ווערק ווערט געשאַפן. נאַטירלעך, אַז דער קינסטלער איז דער שאַפער, דער מאַטעריאַל סטימולירט אים בלויז צו שאַפן.

זיין אינטערפּרעטאַציע וויאַזוי קונסט ווערק ווערן געשאַפן איז זייער נאָענט צום פּראַגמאַטיזם; אַז דענקען בכלל איז אַ רעזולטאַט פון רעאַגירן אויף קאָנקרעטע סיטואַציעס, אַז אין אָנהויב איז דענקען באַשטאַנען פון רעאַגירן אויף אַ קאָנקרעטן אופן צו זאַכן און דערשיינונגען. דער אַב־סטראַקטער דענקען איז געקומען שפּעטער, דערפאַר קען ער באַטראַכט ווערן פאַר אַ פּראַגמאַטיסט.

נאָר אין אָנהויב איז זיין דענקען ענלעך אויפן דענקען פון די פּראַגמאַטיסטן, וואָס אין די גרענעצן פון דעם פּרימיטיוון דענקען איז עס ריכטיק. ער האַלט אָבער ניט, אַז דענקען באַשטייט אין לייזן פּראָבלעמען אין פּראַקטישע סיטואַציעס; ניט זיין אויסגאַנגס פּונקט און ניט זיין באַגריף וועגן דער רעאַליטעט, דערלויבן אים צו האָבן אַזאַ מיינונג. ער איז אַ רעאַליסט פון אָנהויב ביזן סוף און זיין אינטערפּרעטאַציע פון קונסט און קינסטלער, איז אַ רעאַליסטישע און ניט קיין פּראַגמאַטישע.

נאָך דעם, ווי ער ברענגט פאַרשיידענע ביישפּילן צו באַקרעפטיקן זיין מיינונג, אַז דער קינסטלער ווערט סטימולירט און באַגייסטערט דורך דעם שאַפן, קומט ער צוריק צו קראָטשען און ווייזט נאָך אַמאָל אַן אויפן אונטערשייד צווישן זיין פונדאַמענטאַלן באַגריף וועגן דעם שאַפונגס פּראָצעס און קראָטשעס באַגריף. ער זאָגט: „ביז אַהער האָב איך זיך באַשעפטיקט מיט דעם וואָס קען באַטראַכט ווערן פאַר אַ פאַקט און איך האָב פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז קונסט שאַפונג באַשטייט פון אַן אויסדרוק פונם אַרטיסטס לײדנשאַפט, אָדער אויפרעגונג און ניט פון וועלכער עס איז פאַרשטעלונג פונם אַרטיסטס איבערלעבונג. די איבערלעבונג ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער צייט און דורך דעם אויסדרוק גופא.

די פילאָזאָפישע פראַגע אַנטשטייט ווען מיר פרעגן: וואָס איז די שייכות צווישן דעם אויסדרוק און דער איבערלעבונג (עקספּיריענס), וועלכע איז פאַרקערפּערט אין דער פיזישער פאָרמע? לויטן אויסדרוק פון ווערטער שטימט אונדזער רעזולטאַט מיט קראָטשעס דאָקטרין, אַז די אַרטיסטישע,

אָדער וועלכע עס איז אַנדערע אינטואיציע, איז גופא דער אויסדרוק, אין דער ווירקלעכקייט איז זי אַנדערש פון דער דאָקטרין. פאַר אים איז דער אויסדרוק אויף אַזויפיל מענטאַל, ווי די אינטואיציע. פאָלגלעך איז די עקזיסטענץ פונם אויסדרוק אין דער אויסערלעכער פיזישער פאָרמע ניט מער ווי אַ פּראַקטישער ענין און איז ניט וויכטיק פאַר דער אַרטיסטישער איבערלעבונג.

איך נעם זיך ניט אונטער צו עקזאַמענירן די פילאָזאָפיע לויט וועלכער אַזאַ באַהויפּטונג קען באַרעכטיקט ווערן, אויב זי קען בכלל באַ־רעכטיקט ווערן. מיין זאָרג איז וואָס ס'בלייבט פאָלשטענדיק ניט קלאָר דער זינען לויט וועלכן אַן אויסדרוק קען אָנגערופן ווערן אַן אויסדרוק. אינם געוויינטלעכן נוץ פון ווערטער, לויט וועלכע אויסדרוק מיינט, אָדער די באַוועגונגען, וועלכע שטאַמען פון אַ מענטאַלן צושטאַנד, אָדער דער פּראָדוקט פון די באַוועגונגען; קיין שום ריין מענטאַלע פּאַסירונג איז אַן אויסדרוק".[1]

אין דעם ציטירטן זיינען פאַראַן דריי פּונקטן אויף וועלכע עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן. 1) ערשטנס באַגרינדעט ער זיין שטאַנדפּונקט, אַז דער שאַפונגס פּראָצעס קומט ניט פאַר אין דער וויזיע פונם קינסטלער אין אַן אַבסטראַקט מענטאַלער פאָרמע; ער קומט פאַר אינם אויסדרוק פונם אַרטיסטס ליידענשאַפט, אָדער אויפרעגונג אין דער צייט ווען ער שאַפט.

2) צווייטנס וויזט ער אַן אויפן אונטערשייד צווישן זיין באַגריף וועגן דעם שאַפונגס פּראָצעס און קראָטשעס באַגריף טראָץ דעם וואָס זיי קענען נוצן דיזעלבע שפּראַך. פאַר קראָטשען באַשטייט דאָס געשאַפענע גופא פונם פּסיכישן (מענטאַלן) אינהאַלט, ווי די אינטואיציע, וועלכע רופט אַרויס דעם קינסטלערס וויזיע; און 3) פאַרשטייט ער, אַז קראָטשע מיינט, אַז דער אַרטיסטישער אויסדרוק איז אויך מענטאַל און די פיזישע מאַניפעסטאַציע איז ניט וויכטיק.

דאָס מיינט ער ניט און ער קען עס אויך ניט מיינען. אויב דאָס געשאַפענע איז ניט וויכטיק, איז וואו געפינט זיך דאָס קינסטלערישע אין אַ קונסט ווערק? אַלעקסאַנדער גופא זעט איין, אַז עפּעס איז ניט גלאַט אין דעם וואָס ער גיט איבער. ער ציטירט קראָטשעס אַן אַנדער ווערק אין אָריגינאַל וואָס האָט אַ באַמערקונג, אַז קראָטשע זאָל געוועזן מיינען עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס ער לייענט אַרויס פון קראָטשען. דאָס לעצטע, נעמלעך, אַז ער האָט קראָטשעס מיינונג ניט איבערגעגעבן אין קראָטשעס זינען, לייגט זיך אויפן שכל. קראָטשע איז געווען אַ נעאָ־העגעליאַנער אין זיין דענקען. ער האָט געהאַלטן, אַז יעדע פאַרקערפּערונג איז אַ בלאַסע קאָפּיע פונם וועלט גייסט.

ער שליסט די עסיי מיט פאָלגנדעס: „אַפילו נאַטירלעכע שיינקייט

[1] איביד, ז. 219־218.

באַשטייט פון אַ צוזאַמענשמעלצונג פון דעם אָביעקט מיט דעם אָבזערווירנדן פאַרשטאַנד און אַ שיינער פּנים, אָדער די פאַרגייענדע זון, באַזיצן ניט בלויז אַ פיזישע רעאַליטעט, נאָר אויך אַן עסטעטישע רעאַליטעט. אין דעם זעלבן זינען קען מען איבערפראַזירן אַן אַלטן ביישפּיל: הערמעס לעבט און איז געטלעך טראָץ דעם, וואָס פיזיש באַשטייט ער פון אַ שטיקל טויטן מאַרמער. אָבער עס וואָלט פאַרנעמען צופיל פּלאַץ דאָס צו אַנטוויקלען און איך האָב זיך מיט דעם שוין באַשעפטיקט אויף אַן אַנדער פּלאַץ. עס איז ניטאָ קיין דריטע קוואַליטעט שיינקייט וואָס זאָל זיין פאַרצייכנט אויף דער אויבערפלאַך פון דער נאַטור, ווי פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן זיינען פאַראַן. דער נאַטורס דריטע קוואַליטעטן פאָדערן דעם צוגאָב, וואָס מיר שרייבן צו און דעם אַריינדרינגען אין זיי. וואָס אַנבאַלאַנגט דעם חלק פון דער אַנטפּלעקונג און פון דער קרעאַציע דאַרף די באַטאָנונג פאַלן אויף דער אַנטפּלעקונג".[1]

שיינקייט געפינט זיך אינם אָביעקט אַן אונטערשייד צי די נאַטור האָט עס אַרויסגעבראַכט צי אַן אַרטיסט; עס איז אָבער דאָרט פאַראַן פאַרן אָפּשאַצער אין ביידע פאַלן. די נאַטור גופא האָט ניט קיין דריטע קוואַליטעטן פאַר זיך: — שיינקייט באַשטייט פון אַ צוזאַמענזיין פון דעם אָביעקט צוזאַמען מיטן אָפּשאַצער, דעם אָבזערווירערס פאַרשטאַנד.

אין דער ערשטער עסיי וועגן קונסט האָט אַלעקסאַנדער באַטאָנט די וויכטיקייט פונם מאַטעריאַל. זיין אויסגאַנגס פּונקט איז, אַז דער מאַטעריאַל סטימולירט דעם קינסטלער צו שאַפן, ער רופט אין אים אַרויס באַגייסטערונג און די קרעאַטיווע אייגנשאַפטן.

אין זיין צווייטער עסיי „אַרט ענד אינסטינקט" פאַלט זיין באַטאָנונג אויפן קינסטלערס אינסטינקט צו שאַפן, אויף זיין טאַלאַנט, וואָס שטויסט אים צו שאַפן קונסט ווערק. דער טערמין אינסטינקט איז ניט קיין באַליבטער אין אַקאַדעמישע קרייזן; מען שרייבט אים צו מיסטישע אייגנשאַפטן. אַלעקסאַנדער איז געווויס ניט געווען באַגייסטערט פאַרן טערמין, ער האָט אים אָבער גענוצט אויף אַ לויזן אופן צו דענאַטירן די איינגעבאָרענע קרעאַטיווע אייגנשאַפטן פון דעם קינסטלער. דערצו האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, עס איז ניטאָ קיין אַנדער טערמין וואָס וואָלט געקענט גענוצט ווערן אויף זיין פּלאַץ מיט דעם מיין.

אַלעקסאַנדער היבט אָן זיין עסיי מיט דער אַלטער, גאָר אַלטער שטרייט פראַגע, וועגן קונסט לשם קונסט, אַז קונסט דאַרף ניט דינען צו קיין אַנדערע געטער, נאָר צו דעם גאָט פון עסטעטיק. ער ציטירט צוויי קעגנגעזעצטע מיינונגען וועגן קונסט; איין מיינונג איז קונסט פאַר זיך און די צווייטע מיינונג, אַז ביידע שטריכן געפינען זיך אין קונסט שאַפונגען. אין דער זעלבער צייט איז קונסט פריי פון ביידע עקסטרעמען, זי איז אייגענאַרטיק און איז אַ וועלט פאַר זיך אַליין. דאָס קען ניט האָבן קיין

[1] איביד, 232.

אַנדער מיין, ווי, אַז קונסט איז קונסט און דאַרף ווי אַזעלכע באַטראַכט ווערן. דאָס מיינט קונסט לשמה.

נאָך די אַריינפיר באַמערקונגען גייט ער איבער צו דערקלערן דעם צענטראַלן געדאַנק פון זיין עסיי וואָס איז די טרייב־קראַפט פאַר שאַפן קונסט. אַזוי ווי די עסיי באַשטייט פון אַ לעקציע, וואָס ער האָט געגעבן לכבוד דעם אָנדיינק פון ספּענסערן, דערמאָנט ער אים, אַז ער האָט פאַר־טיידיקט די מיינונג, אַז קונסט איז אַ רעזולטאַט פונם שפּיל־אינסטינקט און האָט דעם שורש אין דעם שפּיל אינסטינקט ביי חיות.

נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד ספּענסערן, שטימט ער מיט אים ניט איין. ער האָט געהאַט אַ צו ערנסטע מיינונג וועגן קונסט ער זאָל זיך קענען צופרידנשטעלן מיטן שפּיל־אינסטינקט. קונסט איז פאַר אים געווען פאַרוואָרצלט אין אַ טיפערער איינענשאַפט, ווי בלויז שפּילן זיך, ער זאָגט: „דער טעזיס וואָס איך לייג פאַר איך פאַר איז, אַז דער עסטעטישער אימפּולס און די עסטעטישע עמאָציע, וואָס קומט צוזאַמען מיטן אימפּולס און איז אַן אינטעגראַלער טייל פון אים, שטאַמען אַרויס פונם אינסטינקט צו בויען און שאַפן, וואָס פריער איז ער געוואָרן מענטשלעך און שפּעטער איז ער געוואָרן קאָנטעמפּלאַטיוו. פאָלגלעך וועל איך דערקלערן און דעפינירן דאָס שיינע, אַז שיין איז דאָס וואָס שטעלט צופרידן דעם קאָנסטרוקטיוון אינסטינקט ווען ער האָט דערגרייכט די מדרגה פון קאָנטעמפּלאַציע".[1]

עס מיינט, אַז ווען דער נאַטירלעכער געפיל צו בויען און שאַפן פאַר נוץ און פאַר פּראָטעקציע, וואָס דער מענטש האָט אַנטוויקלט אין זיין קאַמף צו בלייבן לעבן אין אַן אומפריינדלעכער וועלט, האָט דערגרייכט די אינטעלעקטועלע און עמאָציאָנעלע שטופע, ער זאָל קענען זיך אָפּשטעלן און מיט צופרידנהייט באַטראַכטן דעם רעזולטאַט פון דעם געשאַפענעם; אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט עס געטאָן, איז אַנטשטאַנען דער עסטעטישער געפיל. דער עסטעטישער געפיל איז באַזירט אויף דער אייגנשאַפט צו קענען הנאה האָבן פון דעם געשאַפענעם ריין קאָנטעמפּלאַטיוו באַטראַכ־טענדיק דאָס געשאַפענע פאַר זיך און ניט נאָר פאַר נוצן דעם געשאַפענעם פּראָדוקט פיזיש לויט זיין פונקציע.

ווען אַלעקסאַנדער נעמט דעם אינסטינקט פאַר קאָנסטרוקציע, דעם אינסטינקט פאַר בויען און שאַפן, פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט, אַז ער האָט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון עסטעטישע געפילן און איבערלעבונגען, באַגרענעצט ער זיך ניט מיטן מענטשן; ער ווייזט אָן, אַז אויך חיות זיינען בויערס: — בינען, ביווערס און פאַרשיידענע פויגל, בויען פאַר זיך היימען, וואָס קוקן אויס ווי קונסט שאַפונגען.

אַלעקסאַנדער וואָלט געווען גערעכט ווען חיות וואָלטן געקענט בלייבן שטיין און באַוואונדערן דעם פּראָדוקט פון זייערע שאַפונגען, וואָלטן זיי

---

[1] איביד, 236.

געקענט באַטראַכט ווערן פאַר קינסטלער, אויב ניט אינם סטימול פאַר קאָנסטרוקציע, איז אינם עסטעטישן גענוס. זיי קענען עס אָבער ניט טאָן; זיי קענען נאָר בויען און האָבן די נוץ און ווייטער בויען. זייער אינסטינקטיווע אַקטיוויטעט באַשטייט פון אַ קייט פון רעאַגירונגען אין וועלכע איין אַקטי־וויטעט רופט אַרויס די צווייטע אויף אַ דירעקטן און אוממיטלבאַרן אופן. זיי קענען ניט בלייבן שטיין און באַטראַכטן דאָס געשאַפענע. זיי באַזיצן ניט דעם געפיל און ניט דעם פאַרשטאַנד, צו קענען באַנעמען און איבערלעבן זייער קינסטלעכע שאַפונג.

וואָלט דער סאָלאָוויי געקענט הנאה האָבן פון דער זיסקייט פון זיין געזאַנג, און וואָלט זיין זינגען אַרויסגערופן געוואָרן פון אַן עסטעטישן געפיל, וואָלט ער געקענט באַטראַכט ווערן פאַר אַ קינסטלער. ער באַנעמט אָבער ניט דעם פּראַכט פון זיינע טענער; זיין זינגען ווערט אין אים אַרויס־גערופן דורך דעם געשלעכט אינסטינקט זיך צו פּאָרן און דינט דעם צוועק, איז זיין זינגען ניט קיין קונסט: — ער איז ניט קיין קרעאַטיווער אַגענט.

אַלעקסאַנדער האָט באַטאָנט די ענלעכקייט פון דעם אינסטינקט ביי חיות און באַם מענטשן, האָט ער זיך ניט צופיל אָפּגעשטעלט אויפן אונטער־שייד צווישן זייער פונדאַמענטאַלן גאַנג; מעגלעך, ער האָט עס געטאָן דער־פאַר, וואָס שרייבענדיק פאַר דער אַקאַדעמישער וועלט האָט ער דעם אונ־טערשייד ניט געדאַרפט באַטאָנען; ער איז אַלגעמיין באַקאַנט.

עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז זיין מאַניסטישער רעאַליזם האָט אים דיקטירט צו באַטאָנען דעם איינהייטלעכן גאַנג אין דער נאַטור. דאָ וועט ניט זיין איבעריק אָנצואווייזן אויפן אונטערשייד.

דער פונדאַמענטאַלער גאַנג אין די האַנדלונגען פון חיות באַשטייט אין דעם וואָס איין טראַט רופט אַרויס דעם צווייטן און אַז. וו. חיות באַנעמען ניט און קאָנען אויך ניט באַנעמען, קיין טאָטאַלע סיטואַציע. זייער נערוון סיסטעם איז בלויז אַנטוויקלט צום גראַד, אַז איין סטימול אויף די נערוון רופט אַרויס דעם צווייטן און ניט מער. זייערע האַנדלונגען זיינען באַגרע־נעצט פון זייער נערוון סיסטעם און זיי קענען נאָר נאָכפאָלגן דעם אָנגע־צייכנטן גאַנג; זיי קענען ניט מאַכן קיין שום אָפנייג. אויב אַ חיה מאַכט ניט קיין טעות איז דאָס ניט דערפאַר וואָס זי באַזיצט אַן אייגענאַרטיקן מיסטעריעזן וויסן, נאָר איינפאַך דערפאַר וואָס דער פיקסירטער נערוון סיסטעם גיט איר ניט קיין פריייהייט צו קענען ענדערן איר באַגרענעצטן גאַנג.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אירע באַוועגונגען און אַקטיוויטעטן זיינען שאַרף קאָנטראָלירט פון אַ נערוון סיסטעם וואָס גיט איר אַ מעגלעכקייט צו מאַכן איין טראַט נאָכן אַנדערן אין דער פאָרמע פון אַ קאָנדיציאָנעלן רעפלעקס, האָט קיין שום זינען ניט צו צושרייבן צו אירע האַנדלונגען אַ העכערן מיין, ווי דעם פונדאַמענטאַלן גאַנג. פאַר דער זעלבער סיבה איז שווער צו זען אין איר אינסטינקט צו בויען נעסטן א. אז. וו. דעם אָנהויב פון אַן אינסטינקט פאַר קרעאַטיוויטעט, וועלכער זאָל אין דעם מענטשן

פירן צו קינסטלערישער שאַפונג. געוויס רופן אַלעקסאַנדערס ברייטע ספעקולאַציעס אַרויס סימפּאַטיע; דער רעאַליסטיש געשטימטער מענטש וואָלט געוואָלט זען אַן איינהייטלעכן גאַנג אין דער נאַטור. מען מעג אַפילו זיין געניגט צו זיינע ספעקולאַציעס, אַז ס'איז פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן דער חיה'ס אינטינקטיווע אַקטיוויטעטן, ווי אַן אָנהויב פון אַ גראַדאַציע צו דער צוועקמעסיקער אַקטיוויטעט פונם מענטשן און אויף דעם אופן חלומען, אַז אויך דער קאָנסטרוקטיווער אינסטינקט איז דער באַזיס פאַר דער אַנט־וויקלונג פונם עסטעטישן געפיל אינם מענטשן. מען טאָר אָבער דעם פאַרגלייך ניט ציען צו ווייט ווען די פאַקטן דערלויבן עס ניט און די פאַקטן דערלויבן ניט צו איבערגיין פון דעם אינסטינקט פון חיות צו בויען נעסטן און אַז. וו. ביז דעם מענטשנס אייגענשאַפט צו שאַפן און געניסן קונסט, ווען אַפילו מען גיט צו, אַז מעגלעך, די בויען אייגענשאַפט (אינסטינקט) אינם מענטשן האָט געפירט צו שאַפן און געניסן קונסט ווערטן: — דער מענטש איז אַ קרעאַטיווער שאַפער; די חיה איז ניט.

צום באַדויערן מוז די חיה וועלט אויסגעלאָזט ווערן ווען מען באַ־שעפטיקט זיך מיטן פּראָבלעם פון עסטעטיק: — עס איז אַ מענטשלעכע אייגענשאַפט, זי באַלאַנגט ניט צו דער חיה וועלט.

ווען מען נעמט אָן די פילאָזאָפיע פון עמערגענטער עוואָלוציע פאַרן אויסגאַנגס פונקט, ווי אַלעקסאַנדער נעמט אָן, מוז מען דענקען וועגן אַן איינהייטלעכן גאַנג אין דער נאַטור, וואָס האָט ניט און קען אויך ניט האָבן קיין אויסנאַמען. ערגעץ איז געווען, אָדער עס מוז זיין אַ צוזאַמענבונד צווישן דער חיה און דעם מענטשן. טעאָרעטיש קען מען אַנדערש ניט דענקען. לויט אָבער דעם איצטיקן וויסן מוז די פראַגע בלייבן אָפן. אויפן עסטעטישן געביט און אויפן געביט פון די דריטע קוואַליטעטן בכלל, קען מען דעם פּאַראַלעל ניט ציען צו ווייט.

מעגלעך, אַז מיט די באַמערקונגען איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה קעגן אַלעקסאַנדערן. נאָך אַלעמען זעט ער דאָך די אויסזעצונגען, וואָס זיינען דאָ געמאַכט געוואָרן קעגן זיין פאַרזוך צו פאַראייניקן דעם אינסטינקט פון חיות צו בויען מיטן געפיל, אָדער דראַנג, פאַר שאַפן באַם מענטשן. ער גופא ווייזט אָן אויפן אונטערשייד און פונדעסטוועגן האַלט ער אין איין איבער'חזר'ן די ענלעכקייט, אויב ניט די אידענטיטעט, צווישן זיי. מעגלעך, אַז דער מחבר פון די שורות פאַרזעט עפּעס אין זיין דענקען, אָדער ער שאַצט ניט אָפּ געהעריג זיין אינטערפרעטאַציע, וועט אים געגעבן ווערן דאָס וואָרט ער זאָל אַרויסברייננגען דעם פונדאַמענטאַלן געדאַנק וואָס ער פאַר־טיידיקט. ער זאָגט: „אין אַלגעמיין אין דער קאָנסטרוקציע פון חיות גיט יעדער אויסגעפירטער אַקט אַ סיגנאַל צו אויספירן אַ ווייטערדיקן אַקט, אָבער די ווייטערדיקע אַקטיוויטעט איז צוגעגרייט דורך דער אָרגאַניזאַציע פונם אינסטינקט. (ער זעט דעם אונטערשייד; ער באַטאָנט אָבער די ענ־לעכקייט).

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין מענטשלעכן בויען איז דער פאַרגאַראַנ־

טירטער מענטשלעכער צוועק און צוועק דערשיינט נאָר אין אַ באַשאַף (בריאה) וואָס באַזיצט אידייעס, וואָס האָט זכרון און האָפנונגען, אַ באַשאַף, וואָס קוקט אויף צוריק און אויף ווייטער. מיר קענען רעפלעקטירן וועגן דעם טראָט, וואָס מיר ווילן מאַכן און וויאַזוי מיר זאָלן צוזאַמענוועבן אַקטיוויטעטן צו דערגרייכן רעזולטאַטן. דער וויסן וועגן דער באַנעמונג פון זאַכן איז אונדזער וועג־ווייזער...

מיר ברענגען מיט זיך אונדזער דערפאַרונג זי זאָל אונדז העלפן צו דערגרייכן אונדזער צוועק; ווי ס'זעט אויס קענען עס חיות ניט טאָן. זכרון און פּאַראַויסזען גיבן אונדז אַ מעטאָד ווי צו בויען; אַ דאַנק אונדזער דערפאַרונג האָבן מיר פּלענער ווי צו בויען און דערפאַר וואָס מיר האָבן אין זינען אַ צוועק קענען מיר שאַפן נייעקייטן".

ביז אַהער ווייזט ער אָן אויפן אונטערשייד און איצט ווערט געגעבן ווערן דאָס וואָס ס'זעט אויס צו זיין ענלעך. ער זאָגט ווייטער: „דער דאָזיקער מענטשלעכער שטריך פאַר בויען איז ספּעציעל אינטערעסאַנט דערפאַר, וואָס ער ווערט אַריינגעבראַכט אין אַ מער לויזערן און אַ מער אַלגעמיינעם געברויך ווי די נייגונג צו בויען. ווען איך רייד וועגן דעם בויאונג אינסטינקט און זיין מענטשלעכער טראַנספאָרמאַציע, נוץ איך דאָס וואָרט אים זינען פון קאָמבינירן מאַטעריעלע אָביעקטן, ווי פויגל טוען ווען זיי בילדן אַ נעסט... אָדער ווי דער סאָלאָווי טוט ווען ער זינגט"[1]

אין דעם ציטירטן ווייזט אַלעקסאַנדער אָן אויפן אונטערשייד און אויך אויף דער מעגלעכער ענלעכקייט, אין די בויאונגס אייגנשאַפטן פון דער חיה און דעם מענטשן. דער אונטערשייד איז אַ פונדאַמענטאַלער, ווי עס איז בכלל דער אונטערשייד צווישן דער חיה און דעם מענטשן. ער שטעלט זיך אָבער אָפּ באַם מאָמענט פון נוצלעכקייט; דער מענטש איז געוואָרן אַ געשיקטער בויער, זיין שאַפונג איז פאַלקאָמען אין די גרענעצן פון נוצלעכקייט. דאָס מאַכט נאָך ניט דאָס געשאַפענע פאַר קרעאַטיווער קונסט און מאַכט אויך ניט דעם פּייאיקן און פאַלקאָמענעם בויער פאַר אַ קינסטלער. אום אַ בעל מלאכה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קינסטלער און אַ קונסט שאַפער, דאַרף ער אַריבערשטייגן די שטופּע צו שטרעבן צו קריגן דאָס נוצלעכע; ער דאַרף דערוועקן געפילן און באַגריפן, וועלכע זאָלן אים טרייבן צו שאַפן פאַרן עסטעטישן גענוס פאַר זיך אָן אינטערעסן פאַר נוצלעכקייט. ווען דער מענטש האָט זיך געקענט אָפּשטעלן פאַר אַ מאָמענט און פאַרגעסן אין דער נוצלעכקייט פונם געשאַפענעם און באַוואונדערן דאָס שיינע און רייצענדע, איז ער געוואָרן אַ קונסט געניסער (מעגלעך, אַז פריער איז פאָרגעקומען באַוואונדערונג פון נאַטור שיינקייט). ווען ער האָט געקענט אָנהויבן צו שאַפן פאַר ריינעם עסטעטישן גענוס, איז ער געוואָרן אַ קינסטלער.

לויט אַלעקסאַנדערן איז דער עסטעטישער געפיל און גענוס, געקומען

---

[1] איביד, ז. 239־233.

צוזאַמען מיטן שאַפונגס פּראָצעס; ער זאָגט: „ווען איך זאָג מיר האָבן דעם עסטעטישן אימפּולס און די עסטעטישע עמאָציע, אָדער די אויפרעגונג ווען די נייגונג צו בויען ווערט דורכגעטראַכט, מיין איך, אַז דער מעכאַניקער, אָדער דער קינסטלער, האָט זיי ווען ער באַנוצט זיינע בוי מאַטעריאַלן ניט פאַר קיין שום פּראַקטישן צוועק, נאָר פאַרן צוועק פון שאַפן פאַרן עסטעטישן גענוס... דער אינסטינקט צו בויען ווערט אַרטיסטיש דעמאָלט, ווען ער הערט אויף צו זיין פּראַקטיש און ער הערט אויף צו זיין פּראַקטיש דעמאָלט ווען זיין צוועק איז עסטעטישער גענוס".[1]

דערמיט קענען פאַרענדיקט ווערן די באַמערקונגען וועגן דער ספּענסער לעקציע „אַרט ענד אינסטינקט"; כאָטש זי איז אַ גאַנץ לאַנגע. ער גיט אַסךביישפּילן פון דער שיינער ליטעראַטור. ווי זיין שטייגער איז, חזר'ט ער זיך אַסך מאָל איבער, ער זאָגט ער טוט עס דערפאַר, וואָס זיין מיינונג איז ניט גענוג באַקאַנט און נאָך ווייניקער אַנערקענט.

מעגלעך, אין יענער צייט (1927) איז זיין מיינונג ניט געווען פּאָפּולער, מען קען אָבער ניט זאָגן, אַז זי איז איצט ניט אַלגעמיין באַקאַנט. אמת, ער איז ניט אַזוי אַלגעמיין באַקאַנט ווי סאַנטיאַנאַ און קראָטשע; צופיל האָט ער זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן. נאָך אַלעמען איז עסטעטיק ניט געווען זיין הויפּט אינטערעס, זיין הויפּט אינטערעס איז געווען מעטאַפיזיק און ווי אַ פילאָזאָף איז ער מער באַקאַנט ווי סאַנטיאַנאַ און קראָטשע.

די דריטע עסיי לויטן אינהאַלט, וואָס וועט איצט באַטראַכט ווערן, איז וועגן דעם כאַראַקטער פון קונסט, דעם קינסטלער און אין וואָס ס'באַשטייט דער עצם פון עסטעטיק, פון קונסט, ווי אַלעקסאַנדער אינטערפּרעטירט אים. דער נאָמען פון דער עסיי איז דאָס כאַראַקטעריסטעשע פונם שיינעם (קערעקטערס אָוו די ביוטיפול).

דער הויפּט כאַראַקטער שטריך פון קונסט, פונם שיינעם, וואָס באַהערשט די עמאָציעס און וואָס רייצט די פאַנטאַזיע, באַשטייט אין דעם וואָס דער שאַפענדער אימפּולס דאַרף זיך אָפּטיילן פון דעם פּראַקטישן און נוצלעכן און זיך קאָנצענטרירן אויפן קאָנטעמפּלאַטיוון. דאָס איז זיין אויסגאַנגס פּונקט ווען ער טרעט צו צו באַטראַכטן די אייגנשאַפטן פון און דעם אינטערעס אין דעם שיינעם. דעם ערשטן באַדינג, אָדער תנאי, וואָס ער שטעלט איז: ווען מען גייט צו צו קונסט און מען וויל קריגן עסטעטישן פאַרגעניגן, דאַרף מען פאַרגעסן וועלכן עס איז פּראַקטישן אינטערעס: — עסטעטיק, דאָס שיינע, שליסט אויס דעם פּראַקטישן אינטערעס. דער צוגאַנג דאַרף זיין אַ ריין אָביעקטיווער און אין דער אָפּשאַצונג דאַרף זיך ניט געפינען קיין שום עגאָאיסטישער מאָמענט, קיין שום פּערזענלעכער צוועק און קיין שום אייגננוץ. ווען מען זאָגט אויף אַ קונסט שאַפונג: — עס איז שיין, איז דאָס שיינע אין דעם איינגעשלאָסן פאַרן גענוס פאַר יעדן איינעם וואָס באַזיצט דעם עסטעטישן געפיל, פאַר יעדן אײנעם, וועלכער

[1] איביד, II. 237־246.

קען שעפן פאַרגעניגן פון קונסט שאַפונגען.

אין דער אָפּשאַצונג פון קונסט איז ניט איינגעשלאָסן קיין פּערזענ־לעכער, אָדער פּראַקטישער צוועק. ריינע קונסט קען אין זיך ניט איינשליסן קיין שום פּראַקטישן צוועק, ווייל דאָס שיינקייט גופא איז דאָס פון וואָס מען האָט דעם עסטעטישן געניס און דאָס שיינע און דאָס רייצענדע. אין אַ קונסט ווערק געפינט זיך ניט אין דער רעאַליטעט ווי זי איז, נאָר אין דער אילוזיע וואָס די באַטרעפענדע רעאַליטעט אַנטהאַלט אין זיך.

אויבן אויף קלינגט דאָס נאָר וואָס געזאָגטע ווי אַ פּאַראַדאָקס: — דאָס שיינע, וואָס געפינט זיך פאַר די אויגן, דאָס געזעענע אָדער געהערטע, וואָס אַנטציקט די פאַנטאַזיע, איז ניט דאָס רעאַלע, דאָס ממשותדיקע, נאָר דאָס אילוזאָרישע, דאָס וואָס ווירקט אויף דער פאַנטאַזיע און קאָרעספּאָנ־דירט ניט מיט דער באַטרעפענדער זאַך ווי זי איז פאַר זיך. ווען אָבער מען טראַכט זיך אַריין אין דעם עצם פון קונסט, ווען מען דענקט וועגן דעם וואָס רייצט די פאַנטאַזיע און אַנטציקט דעם עסטעטישן געפיל, קען מען זען, אַז ס'איז ניט די מאַטעריע וואָס רופט אַרויס די עסטעטישע געפילן און איבערלעבונגען, נאָר דאָס שיינע וואָס דער קינסטלער האָט אין דער מאַטע־ריע אַריינגעהויכט. דער פריער דערמאָנטער ביישפּיל וועגן דער גריכישער מיטאָלאָגישער פיגור, הערמעס, אילוסטרירט עס אויף אַ בולטן אופן. די סטאַטוע גופא באַשטייט פון קאַלטן מאַרמער און בלייבט מאַרמער אויך נאָך דעם ווי הערמעס איז פון אים אויסגעטאָקט געוואָרן. דער לעבעדיקער הערמעס, וואָס איז פּראַכטפול שיין, שפּילעוודיק און זעט אויס געטלעך אין דער זעלבער צייט, באַשטייט פון דער אילוזיע וואָס דער קינסטלער האָט מיט זיין טאַלאַנט אַריינגעהויכט אינם מאַרמער. די אילוזיע איז ניט קיין אויסגעטראַכטע, ווי אַן אילוזיע געפינט זי זיך אין דער סטאַטוע ווי אַ קינסטלערישע רעאַליטעט. פון דעם שטאַנדפּונקט פון קונסט באַ־שטייט זי פון אַ רעאַליטעט, וואָס דער, וועלכער קען אָפּשאַצן שיינקייט, פילט און לעבט איבער ווען ער זעט די סטאַטוע. עס איז אָבער אַ רעאַלי־טעט וואָס דער קינסטלער האָט צוגעגעבן צום מאַרמער און איז דאָרט בלויז פאַראַן פאַר דעם וואָס האָט אַן עסטעטישן געפיל און קען אָפּשאַצן קונסט. ס'איז ניט מער ווי קאַלטער מאַרמער פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט ניט קיין קונסט און האָט ניט קיין עסטעטישן געפיל. די אילוזיע, וואָס איז איינ־געשלאָסן אין אַ קונסט ווערק, איז ניט קיין אויסגעטראַכטע, ווי אַן אילוזיע ווערט געוויינטלעך פאַרשטאַנען, זי איז אַ רעאַליטעט, וואָס דער קינסטלער האָט געשאַפן און האָט פאַרקערפּערט אין זיין שאַפונג.

צום באַדויערן איז אַלעקסאַנדער געווען אַ טויבער און אויף דער עלטער האָט ער כמעט גאָרניט געהערט; דאָס האָט אים אויסגעשלאָסן פון צו קענען געניסן פון מוזיק און קענען איבערגעבן וועגן דעם געניס פון דער וועלט סימפאָניע. ער ברייינגט ביישפּילן פון אַנדערע צווייגן פון קונסט צו אילוסטרירן זיין מיין. זיין ליבלינג איז אָבער געווען די שיינע ליטעראַטור, דערהויפּט די פּאָעזיע, וואָס ער האָט מיט איר געאָטעמט,

ווענן וואָס ער זאָל ניט געווען ריידן, איז ער אַריבערגעגאַנגען צו פּאָעזיע, ווי דורך סימבאָליק, מעטאַפאָר, אַלעגאָריע, סימעטריע און ריטעם, שאַפט דער פּאָעט אַן אילוזאָרישן מיין און געפיל וואָס באַצויבערט די פאַנטאַזיע און רופט אַרויס באַם געניסער פון פּאָעזיע די זעלבע עמאָציאָנעלע איבער־לעבונגען, וואָס דער פּאָעט האָט איבערגעלעבט ווען ער האָט געשאַפן די פּאָעזיע. אַביישפּיל וועט עס אילוסטרירן: אַ פּאָעט איז באַגייסטערט געוואָרן פון אַ מיידלס שיינער קאָפּ האָר; דריקט ער אויס זיין באַגייסטערונג אויף אַ פּאָעטישן אופן: „פּערל שיטן זיך און פאַלן פון איר שטאָלצער קאָפּ אַראָפּ". די ווערטער „אַך, וואָס פאַר אַ שיינע האָר" זיינען ניטאָ אינם אויסדרוק, מען פילט אָבער די שיינקייט דורך דעם פּאָעטישן מעטאַפאָר אַסך מער, ווי די ווערטער וואָלטן געקענט איבערגעבן. ניט נאָר פילט מען זיין מיין, מען זעט אים און מען לעבט אים עמאָציאָנעל איבער.

דאָס פירט אים צום צווייטן באַדינג וועגן דעם כאַראַקטער פון קונסט, אַז דער מיין פונם געשאַפענעם איז ניט דער זעלבער, ווי פון די ווערטער גופא; ער איז אַ פיגוראַטיווער. אין יעדער פאָרמע פון קונסט נעמען איינ־טייל סימבאָליק, מעטאַפאָר, פאַנטאַזיע, קאָליר, קלאַנג; מיט איין וואָרט אַלץ וואָס קען ווירקן אויף די עמאָציעס און אַריינברענגען דעם געניסער אין דער זעלבער שטימונג, אין וועלכער דער קינסטלער איז געווען ווען ער האָט געשאַפן די קונסט. קונסט שאַפונגען ריידן פריער צו די עמאָציעס און צו דער פאַנטאַזיע און ערשט נאָכדעם צום פאַרשטאַנד.

דער דריטער באַדינג פאַרן כאַראַקטער פון קונסט איז די ווירקונג פון פאָרמע אַרויסצוברענגען דעם מיין פונם קינסטלער, ווי ער האָט גע־פילט אינם באַטרעפענדן מאָמענט און וואָס ער האָט געוואָלט קאָמוניקירן אויף אַ דעסקריפּטיוון אופן גראַפיש.

לויד מאָרגען דערציילט, ער האָט געפרעגט אַ לערער פון קונסט, וואָס איז געווען אַן אַרטיסט, אַ פּאָרטרעט־מאָלער, וואָס איז קונסט? דער לערער האָט געענטפערט מיט ווערטער קען ער עס ניט זאָגן; ער קען עס אים באַווייזן גראַפיש. ער האָט שנעל אויסגעמאָלן אויף דער שוואַרצער וואַנט מיט קרייד אַ מיידל האַלטענדיק אַ באַלאַלייקע און טאַנצן. מיט באַוואונדערונג, זאָגט מאָרגען, האָט ער געפרעגט דעם אַרטיסט ווי קומט עס וואָס ער האָט די אילוזיע, אַז אָט, אָט וועט די מיידל אַראָפּשפּרינגען פון וואַנט און וועט אָנהויבן טאַנצן אין צימער?

„דאָס", האָט געענטפערט דער אַרטיסט, „איז קונסט": — ניט די וואַנט און ניט די קרייד, האָט אין זיך קונסט; נאָר די אַריינגעהויכטע אילוזיע פונם קינסטלערס פינגער, אַז די מיידל לעבט און זי איז גרייט אַראָפּצושפּרינגען פון דער וואַנט און טאַנצן, איז געשאַפענע קונסט. דאָס איז אין אַן אילוסטרירטער פאָרמע אַרויסגעזאָגט געוואָרן, וואָס אַלעק־סאַנדער האָט געזאָגט, אַז דאָס קינסטלערישע, די געשאַפענע קונסט, ליגט אין דער אילוזיע און ניט אין דער רעאַליטעט.

דעם פערטן באַדינג פאַרן כאַראַקטער פון קונסט האָט ער ניט

עלאַבאָרירט, ער האָט אים נאָר געגעבן אין זיין עסיי אין אַ גענעראַלי־זירטער פאָרמע. ווי ס'ווייזט אויס, האָט ער אים באַטראַכט פאַר זעלבסט דערקלערענד, אַז די באַהויפּטונג גופא אַנטהאַלט אין זיך די דערקלערונג. מעגלעך, אַז פאַר אַרטיסטן קינסטלער איז דאָס זעלבסט פאַרשטענדלעך; עס איז ניט געווי דערקלערט פאַרן מחבר פון די שורות. וועט דער באַדינג געגעבן ווערן ווי ער האָט אים געגעבן אין זיינע אייגענע ווערטער. ער זאָגט: „דער כאַראַקטער פון דעם שיינעם, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, באַזיצט קונסט דערפאַר, וואָס זי אַנטהאַלט אייניקייט אין די פאַרשיידענע עלעמענטן".[1]

אויב ריכטיק פאַרשטאַנען, זעט אויס אַז ס'מיינט, אַז האַרמאָניע צווישן די פאַרשיידענע טיילן און עלעמענטן אין אַ קונסט ווערק, איז אַ פונדאַמענטאַלער באַדינג. אויב דאָס איז זיין מיין, איז ער געוויס גערעכט. אָבער דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך: — אַ זאַך וואָס האָט ניט קיין האַרמאָניע און סימעטריע, אין די פאַרשיידענע טיילן, קען ניט אַפּעלירן צום אויג, אָדער צום אויער, אויב עס איז אין קלאַנגען. פּלאַסטישע קונסט איז באַזירט אויף האַרמאָניע, פּאָעזיע האָט אין זיך האַרמאָניע און בילדער דאַרפן געוויס האָבן האַרמאָניע. (דאָס לעצטע איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר מאָדערנער מאַלעריי, וואָס איז סימבאָליש און דרוקט אויס אַ מיין און מוז ניט זיין האַרמאָניש).

אין דער פערטער עסיי לויטן אינהאַלט באַטראַכט ער דעם קרעאַ־טיוון פּראָצעס אינם קינסטלערס פאַרשטאַנד (די קריאייטיוו פּראָסעס אין די אַרטיסטס מאַינד). אייגנטלעך באַטראַכט ער דעם קרעאַטיוון פּראָצעס אין יעדער איינער פון זיינע עסייען; נאַטירלעך, אַז ער חזר'ט זיך איבער אַסך מאָל. דאָס איז אומפאַרמיידלעך ווען מען האַלט פאַרשיידענע לעקציעס אויף פּאַקטיש דער זעלבער טעמע פון אַן אַנדער ווינקל. פון איין זייט איז עס אַ מעלה, עס באַלויכט און פאַרטיפט דעם פּראָבלעם, פון דער צווייטער זייט איז עס אַ חסרון. עס שטערט צו אַנטוויקלען אַן איינהייטלעכן געדאַנק און דער צענטראַלער געדאַנק פאַרלירט זיך אין די איבער'חזר'ונגען.

דער צענטראַלער געדאַנק אין דער עסיי איז, אַז דער קרעאַטיווער פּראָצעס ווערט רעגולירט דורך אַ באַשטימטן אינטערעס און פירט צו קרעאַציע, צו שאַפן קונסט. די פּאַסיווע פאַנטאַזיע באַשטייט פון חלומען און די פאַנטאַזיע פליט וואוהין זי וויל נאָר אַליין.

דאָס איז דער אונטערשייד, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן; עס איז אָבער, לויט זיין מיינונג, פאַראַן אַ טיפערער אונטערשייד צווישן אַ קינסטלערישן קרעאַטיוון פּראָצעס און דעם חלומען אויף דער וואָך. אַ קרעאַ־טיווער פּראָצעס, ווען אַפילו ער געפינט זיך אין דער פאַנטאַזיע, איז גע־ווענדעט צו אַן אָביעקט, ער איז פאַרבונדן מיט עפּעס קאָנקרעטעס; לויט אַלעקסאַנדערס טערמינאָלאָגיע קומט פאַר אַ צוזאַמענזיין פון דער פאַנ־

[1] „ביוטי ענד אַדער פאָרמס אָוו וועליו", ז. 47.

טאַזיע מיטן אָביעקט פון דער פאַנטאַזיע. די פּאַסיווע פאַנטאַזיע וואַנדערט אָן אַ צוועק און פירט אָפּט צו פּאַטאָלאָגישע רעזולטאַטן, ווי די „רעווערי״ (חלומען אויף דער וואַך), וואָס פירט אָפּט צו פּסיכישע קראַנקהייטן. אַלעקסאַנדער באַשעפּטיקט זיך ניט מיט די קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיעס. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין עסטעטיק און ניט פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע. ער דערמאָנט דעם פּסיכאָלאָגישן מאָמענט אין שייכות צו סובלימאַציע, אָדער טראַנספאָרמאַציע, פון איין איבערלעבונג צו אַ צווייטער און ער ברענגט אַ ביישפּיל צו אילוסטרירן זיין מיין; ער זאָגט: „דאַנטעס ליבע, זיינע געפילן און איבערלעבונגען, צו ביטרעסן איז געווען אַ טייל פון דעם מאָטיוו, וואָס האָט גענערט זיין קונסט: — עס איז בלי ספק, אַז די אומרועקייט איז געווען באַהאַלטן אין דעם קינסטלערס אומצופרידענעם לעבן, מעגלעך, אומבאַוואוסטזיניק, האָט ער געזוכט קאָמפּענסאַציע אין אַ פאַנטאַסטישער וועלט פון זיין אייגענער שאַפונג אין וועלכער ער האָט אין זיין צייט געקענט גלויבן״.[1]

אַ צווייטער ביישפּיל, וואָס ער ברענגט, איז ספּינאָזעס „אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט״. נאַטירלעך, אַז ער איז ניט דער איינציקער וואָס נוצט אויס פרוידס ספּעקולאַציע וועגן סובלימאַציע פאַר דער אינ־אינטערפּרעטאַציע פון קינסטלערישע שאַפונגען; — פרויד האָט געמאַכט דעם אָנהויב און אַסך פאָלגן אים נאָך.

פאַר אים איז עס געווען אַ זייטיקער ענין; ער באַרירט אים בלויז פאַרבייגייענד. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצוברענגען דעם איינהייטלעכן גאַנג פון דער נאַטור מיט דער הילף פון זיין טעאָריע פון עסטעטיק. ער זאָגט עס ניט אין די פאַרשיידענע עסייען וועגן קונסט; ער זאָגט עס ערשט אין זיין וויכטיקסטער עסיי, וואָס באַשטייט פון אַ לעקציע וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דער בריטישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. אין איר דערמאָנט ער יעדע איינע פון זיינע עסייען וועגן קונסט און וויזט אָן אויף די פאַקטערן, וועלכע האָבן בייגעטראָגן צו אויפשטעלן זיין פילאָזאָפישן בנין.

אין דער ערשטער עסיי האָט ער אָנגעוויזן, אַז דער מאַטעריאַל איז אַ טייל, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק ער זאָל סטימולירן דעם קינסטלער צו שאַפן. ער פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז דער פּראָצעס פון שאַפן קומט פאָר אין דער צייט ווען דער קינסטלער איז אין באַרירונג מיטן מאַטעריאַל פון וועלכן ער ברענגט אַרויס די קונסט. עס דאַרף פאָרקומען אַ באַרירונג פונם קינסטלער מיטן מאַטעריאַל, אַז דער קינסטלער זאָל סטימולירט ווערן צו קענען שאַפן. פון דער פאַנטאַזיע אַליין ווערט ניט געשאַפן קיין קונסט.

אין זיין צווייטער עסיי דערקלערט ער פאַר וואָס דער מאַטעריאַל איז אומבאַדינגט נויטיק. ער איז אומבאַדינגט נויטיק דערפאַר, וואָס די

[1] איב״ד, ז. 58.

קרעאַטיווע אייגנשאַפט שטאַמט אַרויס פון דעם אינסטינקט צו בויען. דער דאָזיקער אינסטינקט איז ניט בלויז באַגרענעצט מיטן מענטשן; אויך חיות זיינען בויערס. אויך דער מענטש איז אין זיין היסטאָרישן אָנהויב געווען אַ בויער; שפּעטער האָט ער איבערגעשטיגן דעם בויען בלויז פאַר נוץ און איז געוואָרן קאָנטעמפּלאַטיוו; ער האָט אָנגעהויבן צו באַ־טראַכטן דאָס געשאַפענע און קלייבן פון דעם נחת. פון דעם מאָמענט אָן איז ער געוואָרן אַ קינסטלער. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען בויט עפּעס איז מאַטעריאַל אומבאַדינגט נויטיק.

אין דער דריטער עסיי ווייזט ער אָן אויפן כאַראַקטער פון קונסט, וואָס ס'איז נויטיק צו האָבן אין זינען ווען מען שאַפט, אָדער ווען מען שאַצט אָפּ קונסט. אין דער פערטער עסיי זאָגט ער, אַז אַפילו דער פּסי־כישער פּראָצעס אינם קינסטלערס פאַנטאַזיע דאַרף אויף אַן אַקטיוון אופן קומען אין קאָנטאַקט מיטן אָביעקט. פאַנטאַזירן אַליין, ווי חלומען בכלל, איז ניט גענוג צו קענען סטימולירן צו שאַפן קונסט. געוויס זיינען מעגלעך סובלימאַציעס, אָבער אויך זיי באַזיצן קאָנקרעטע פאַקטערן אויך אַפילו דעמאָלט ווען זיי זיינען באַגרענעצט מיטן אַבסטראַקטן פּסיכישן פּראָצעס: — דער צוזאַמען זיין מוז שטענדיק עקזיסטירן.

די פיר עסייען, וואָס זיינען סומירט געוואָרן, זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון די צוויי פאַרעפנטלעכטע ביכער. פאַר דער אַרבעט איז עס גענוג. די רעזיומע וועט געגעבן ווערן פון דער פינפטער און אויך וויכ־טיקסטער עסיי.

דער נאָמען פון דער לעקציע (עסיי) איז „אַרטיסטישע שאַפונג און קאָסמישע שאַפונג" (אַרטיסטיק קרעאיישן ענד קאָסמיק קרעאיישן). דער נאָמען דייטעט אָן אויפן אינהאַלט, וואָס וועט אין קורצן איבערגעגעבן ווערן. ער הייבט אָן מיט דעם וואָס, ווען מען באַטראַכט דעם קאָסמאָס, רופט ער אַרויס באַוואונדערונג. מען ווערט ממש פאַרגאַפט. עס אַנטשטייען די פראַגן: וואָס איז דער קאָסמאָס? און וויאַזוי איז ער אַנטשטאַנען? געוויס ווייסט מען, אַז דאָס זיינען נאַרישע פראַגן, מען ווייסט, אַז מען קען אויף זיי ניט געבן קיין ענטפערס. זיי פרעגן זיך אָבער אַליין סאַי ווי. דער געוויינטלעכער ענטפער איז, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. אויף דער פראַגע: ווער האָט גאָט באַשאַפן איז אויך פאַראַן אַן ענטפער, אַז גאָט איז גייסט. עס זאָל מיינען, אַז דאָס דאַרף צופרידנשטעלן.

ווען מען לאָזט אויס די פראַגע, אַנטשטייט אַ מער איינפאַכע פראַגע: אין וואָס באַשטייט דער פּראָצעס אין דער וועלט? וויאַזוי פונקציאָנירט זי? דירעקט קען מען אויך אויף דער פראַגע ניט געבן קיין ענטפער; אומ־דירעקט קען מען ספּעקולירן און ער ספּעקולירט: „עס זעט פאַר מיר אויס און מעגלעך, עס זעט אויך אויס פאַר אַנדערע, פריער צו פרעגן וועגן דעם עצם פון קרעאַציע אויף אַ געביט מיט וועלכן מיר זיינען באַקאַנט און אַנאַלאָגיש נוצן דעם ענטפער צו אינטערפּרעטירן וואָס קרעאַציע

1 „פילאָסאָפיקל ענד ליטערארי פיעסעס", ז. 158.

דאַרף מיינען ווען מיר ריידן וועגן דעם קרעאַטיוון פרינציפּ אין דער וועלט״.[1]

ווען מען ווייסט, אַז די לעקציע האָט ער געהאַלטן אין דער צייט ווען ער האָט אַנטוויקלט זיין טעאָריע פון עסטעטיק, קען מען זיך אַנ־שטויסן אין וואָס זיין אַנאַלאָגיע ווערט באַשטיין. ער לאָזט לאַנג ניט וואַרטן מיט זיין פאַרגלייך; ער גיט אים גלייך, אַז די וועגן פונם אוניווערס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, קען מען זיי ניט אויסגעפינען: די וועגן פון קונסט שאַ־פונגען זיינען ניט פאַרבייגעגאַנגען; עס איז אַ גוטער רעגל צו נוצן די דערפאַרונג, וואָס מען האָט פאַר אַ פאַרגליך, איידער גלאַט ספּעקולירן אין דער וועלט אַריין. ער גיט איבער די פונדאַמענטאַלע געדאַנקען פון זיין טעאָריע פון עסטעטיק און באַטאָנט די פּונקטן וואָס וועלן אים העלפן צו דערקלערן די אַנטוויקלונג פון דער וועלט לויט זיין רוים־צייט מעטאַ־פיזיק און לויטן עמערגענטן באַגריף.

דער צענטראַלער געדאַנק פון זיין טעאָריע פון עסטעטיק איז, אַז די שאַפונג פון קונסט, און דער פּראָצעס פון קרעאַציע בכלל, איז אַ רעזולטאַט פון אַ צוזאַמענשטויס פון אַ קרעאַטיוון גייסט, דעם פאַרשטאַנד (מאַינד) פונם קינסטלער, מיט דעם מאַטעריאַל אין וואָס דאָס געשאַפענע ווערט פאַרקערפּערט. ער זאָגט: „איך וועל זיך באַגרענעצן מיטן שיינעם אין קונסט. איין זאַך איז פאַר מיר זיכער קלאָר, נעמלעך: אין קונסט שאַפונגען זיינען גייסט און מאַטעריע צוזאַמענגעשמאָלצן אין אַן איינהייט. דער אָביעקט פאַרקערפּערט דעם אַרטיסטס געדאַנקען, אָדער זיין פאַנ־טאַזיע״.[1]

עס איז וויכטיק צו געדענקען, אַז הגם אינם פּראָצעס פון שאַפן קונסט זיינען, לויט זיין מיינונג, ביידע עלעמענטן נויטיק, דער קינסטלער און זיין מאַטעריאַל, ווערט די קונסט, נאַטירלעך, געשאַפן פונם קינסטלער. דער מאַטעריאַל איז פּאַסיוו, ער איז דער קליי, אָדער אַן אַנדער מאַטעריאַל, אין וואָס דער קינסטלער פאַרקערפּערט זיין קרעאַטיוון גייסט. אָן דעם מאַטעריאַל וואָלטן אָבער קיין קונסט שאַפונגען ניט געווען; דער מאַטעריאַל סטימולירט דעם קינסטלער צו ווערן קרעאַטיוו און אַרויסברייינגען קונסט. אַלעקסאַנדער שטרייכט אונטער, אַז דער קינסטלער ווייסט אייגנטלעך ניט וואָס ער וועט באַשאַפן. די בילדלעכע געשאַפענע קונסט אַנטפּלעקט זיך פאַר אים בשעת ער שאַפט. אַלעקסאַנדער ווייסט, אַז מיט דער דערקלערונג איז ער סותר, ער ווידערשפּרעכט לגמרי די הערשענדע מיינונג, אַז דער קינסטלער שאַפט זיין קונסט אין זיין אימאַגינאַציע (פאַנטאַזיע) און ערשט נאָכדעם פאַרקערפּערט ער זי אינם מאַטעריאַל. ער גופא ברייינגט די מעשה, אָדער די לעגענדע, וועגן לעאָנאַרדאָ דע־ווינטשי, אַז ער זאָל האָבן געווען געקוקט דריי טעג אויף דער וואַנט איידער ער האָט אָנגעהויבן מאָלן דעם לעצטן מאָלצייט. ווען מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז מען צאָלט אים פאַר

[1] איביד, ז. 258.

מאָלן און ניט פאַר קוקן אויף דער וואַנט, זאָל ער האָבן געענטפערט, ער שאַפט די גאַנצע צייט.

אַלעקסאַנדער אַרגומענטירט, אַז טראָץ דעם אַקטועלן ווידערשפּרוך האָט לעאָנאַרדאָ ווירקלעך געשאַפן בעת ער האָט געמאָלן דאָס בילד און ניט פריער: — אָן דעם מאַטעריאַל, וואָס רופט אַרויס דעם קרעאַטיוון גייסט, קען מען ניט שאַפן קיין קונסט. ער זאָגט: „די עסענץ, אָדער דער עיקר, פונם קינסטלערס ווערק איז וואָס אין אים זיינען דער קרעאַטיווער גייסט און דער מאַטעריאַל פאַלשטענדיק צוזאַמענגעשמאָלצן אין אַן איינהייט".¹

די באַטאַנונגען און איבער׳חזר׳ונגען, זיינען זייער וויכטיק ניט נאָר פאַר אים, נאָר אויך פאַר דער אָפּהאַנדלונג, פּשוט דערפאַר, וואָס דאָס פירט דירעקט צו זיין פונדאַמענטאַלער צייט־רוים מעטאַפיזיק צוליב וועלכער די גאַנצע אַנאַלאָגיע, מיטן פּראָצעס פון קונסט שאַפונגען, זיינען פון אים אַזויפיל אַריינגעבראַכט געוואָרן. מען האָט אַפילו אַ רעכט אים צו חושד זיין, אַז זיין טעאָריע פון עסטעטיק בכלל איז אין אים אינספּירירט געוואָרן פון זיין צייט־רוים מעטאַפיזיק און פון זיין פילאָזאָפישן דענקען אין אַלגעמיין. זיינע אַלע עסייען וועגן עסטעטיק און איבערהויפּט די לעצטע, פירן צו דעם פּאַראַדאַכס.

ווען ער גייט איבער צום קאָסמישן קרעאַציע פּראָצעס, וועלכן ער פאַרגלייכט אַנאַלאָגיש צום קרעאַטיוון פּראָצעס, ווי דער לעצטער קומט פאָר אינם קינסטלער מיטן מאַטעריאַל, דאַרף מען פאַרזען די פינאַליטעט פון די שותפים פון דער אַנאַלאָגיע און מען דאַרף נעמען דאָס אומענדלעכע פון דער וועלט פאַרן אויסגאַנגס פונקט. ווען מען נעמט דעם אויסגאַנגס פונקט האָט מען פון איין זייט די פאַלשטענדיקע צוזאַמענשמעלצונג ווי אין קונסט; פון דער צווייטער זייט, אַזויווי רוים־צייט זיינען אומענדלעך, קען קיין פריערדיקע, אָדער אויסערלעכע עקזיסטענץ, ווי אַ גייסט, וואָס זאָל זיך געפינען אונטער דער וועלט און זאָל האָבן געוועזן זי באַשאַפן, ניט זיין. קיין שום זאַך קען זיך ניט געפינען פריער פון און אויסער דער אייביקייט: — רוים־צייט, הייסט עס, האָבן אייביק עקזיסטירט.

אין דער אמת׳ן, גיט ער צו, קען די אומענדלעכקייט ניט באַשטיין פון קיין צוזאַמענשמעלצונג; דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד געפינט אַס־פּעקטן אין דער עקזיסטירענדער אומבאַשאַפענער וועלט: — רוים־צייט באַשטייען פון אַן אייביקער איינהייט.

פון דעם פאָרמאַטיוון שטאָף (רוים־צייט) זיינען פאָרמירט געוואָרן ענדלעכע האַלב־זעלבסטשטענדיקע זאַכן ווי אַן אַרויסשטאַמונג פון אים. לויט דער אַלטער טערמינאָלאָגיע דאַרף מען זיי אַליין באַטראַכטן פאַר דער סיבה פון זייער אייגענעם באַשאַף (קאַוזאַ סוי). עס שליסט אויס אַ באַ־שאַפער; זיי אַליין זיינען דער באַשאַפער און דאָס באַשאַפענע.

פון דער עניגמאַטישער דערקלערונג, ווי ער איז דאָ נאָכגעפאָלגט

¹ איביד, ז. 268.

געוואָרן כמעט ווערטערלעך, וועגן דער ענלעכקייט און דער פאַרשיידענ־הייט פון קונסט שאַפונגען און וויאַזוי די וועלט פּראָצעסן זאָלן געווען פאָרקומען, קען מען זען, אַז אין דער עסיי האָט ער ערשטנס דערגאַנצט זיין טעאָריע וועגן עסטעטיק און צווייטנס, און דאָס איז אַסך וויכטיקער, קען מען זען ווי ער דערגאַנצט דורך איר זיין מעטאַפיזיק.

נאָך דער ניט קלאָרער דערקלערונג וועט געגעבן ווערן ווי ער דער־גאַנצט די דערקלערונג אויף אַ קאָנקרעטן אופן; ער זאָגט: „עס איז פאַר־געשלאָגן געוואָרן, אַז רוים־צייט זעלבסט איז דער שטאָף פון דער וועלט; פיזיקער באַטראַכטן רוים־צייט ניט בלויז ווי אַ כלי און אויך ניט בלויז ווי אַ פאָרמע פון פסיכיק (מאַינד), נאָר פאַר אַן עפּעס, וואָס אין אַ געוויסן זינען דאַרף עס באַטראַכט ווערן פאַר מער פונדאַמענטאַל פונם פיזישן. איך וואָג צו דענקען, אַז די מאַטעריע, וואָס פיזיקער פּאָסטולירן ווי אַ צוגאָב (צו רוים־צייט), באַשטייט ניט פון עפּעס פונדאַמענטאַלעס פאַר זיך, נאָר עס שטאַמט אַרויס פון רוים־צייט...

אָט ווי קונסט שאַפונגען באַשטייען פון אַ צוזאַמענשמעלצונג פון מאַטעריע אין ענדלעכע זאַכן, אַזוי געפינט זיך אין רוים־צייט, וואָס איז מער פונדאַמענטאַל ווי אַ צוזאַמענשמעלצונג, אַן עלעמענט, וועלכער קאָ־רעספּאָנדירט צו גייסט און אַן עלעמענט, וועלכער קאָרעספּאָנדירט צו מאַטעריע: — די עלעמענטן באַשטייען פון צייט און רוים. צייט דאַרף מען צוגלייכן צו פאַרשטאַנד (מאַינד), פאַר וועמען רוים באַשטייט פונם קער־פּער... רוים און צייט זיינען אָבער אומטיילבאַרע אינגרידיענטן פון איין רעאַליטעט, וואָס איז רוים־צייט: — זיי עקזיסטירן ניט איינער אָן דעם צווייטן, איינער שליסט איין דעם צווייטן".[1]

ער פאַרגלייכט די רוים־צייט איינקייט צו אַ טייך: — רוים פאַר־גלייכט ער מיטן בעט פון דעם טייך און צייט פאַרגלייכט ער מיט דער פליסענדער וואַסער.ביידע טיילן, די בעט און די פליסענדע וואַסער, פאָרמירן דעם טייך. אויפן זעלבן אופן פאָרמירן רוים און צייט אַן איי־ניקייט; זיי באַשטייען פון צוויי אַספּעקטן פון אַן איינהייט, אָבער זיי מאַניפעסטירן זיך אויף פאַרשיידענע אופנים.

די אַנאַלאָגיע, דער פאַרגלייך פון רוים־צייט, איז טרעפלעך פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט. דער פאַרגלייך האָט אים געהאָלפן אָנצואווייזן אויף אַ דירעקטן אופן אויף די פאַרשיידענע פונקציעס פון רוים און צייט טראָץ דעם וואָס ער דערקלערט זיי פאַר אַן איינהייט. דער רוים אַספּעקט איז באַוועגלאָז און פאַסיוו, ער שאַפט אָבער אַן אָנשפּאַר פאַרן צייט אַספּעקט, זי זאָל זיך קענען באַוועגן, אָט ווי די בעט איז אומבאַדינגט פאַר דער וואַסער זי זאָל האָבן אין וואָס צו פליסן. ער ציט די אַנאַלאָגיע ווייטער: טראָץ דעם וואָס די וואַסער האַלט אין שטענדיקן פליסן און נייע וואַסער פאַרנעמט איר פּלאַץ, פונדעסטוועגן איז דער טייך דער זעלבער, אַזוי

---

[1] איביד, II. 271־272.

באַוועגט זיך צייט פון פריער אויף צוריק און איז אַן אָנהאַלטענדע צייט. הגם ער באַטראַכט רוים און צייט באַזונדער, האַלט ער אין איין איבער־חזר'ן, אַז זיי זיינען אַן איינהייט, אַז באַזונדער עקזיסטירן זיי ניט.

ביי דעם איבערגאַנג פון רוים־צייט, וואָס איז דער פאָרמאַטיווער שטאָף פון דער וועלט, צו די פאַרשיידענע עמערגענטן, וואָס זיינען פאַרמירט פון און אין רוים־צייט, דערמאָנט ער, אַז ער פאָלגט נאָך שפינאָזען אין זיין אינטערפּרעטאַציע, אַז די וועלט איז אַליין שאַפענד. ער נוצט זיין אייגענעם טערמין ניסוס פאַרן שאַפונגס און שטרעבונגס פּראָצעס. ער זאָגט, אַז זיין אינטערפּרעטאַציע איז אויך ענלעך אויף בערגסאָנס וויטאַלן אימפּולס נאַטוראַליסטיש אינטערפּרעטירט און איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער רעאַליטעט גופא.

ווען ער גייט איבער צו די עמערגענטן, צו זאַכן און דערשיינונגען, וועלכע קומען און פאַרשווינדן, זאָגט ער, ער פאָלגט נאָך וויטהעדן און נעמט אָן, אַז די פּאַסירונג (עווענט) איז דאָס געשאַפענע אין דער וועלט. אַזוי אינ־טערפּרעטירט איצט די רעאַליטעט די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט. ער נעמט אָן, אַז די אינטערפּרעטאַציע שאַפט אָפּ דעם דואַליזם פון צוויי פאַרשיידענע רעאַליטעטן. ער חזרט איבער דאָס, וואָס ער האָט שוין פריער באַטראַכט, אַז די שטרעבונג איז אַ פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפט אינם פּראָצעס פון דער נאַטור. די שטרעבונג עקזיסטירט שוין אין דער אומאָרגאַנישער וועלט אין דער פאָרמע פון אַפיניטעט פון עלעמענטן צווישן זיך. זי נעמט אָן אַ העכערע פאָרמע ביי חיות לויט זייער שטופע אויפן עוואָלוציע לייטער, ווי דער בוי אינסטינקט און אַז. וו. די העכסטע שטופע דערגרייכט דער מענטש אין זיין קרעאַטיווער שאַפונג. דער פּראָצעס איז אָבער איינהייטלעך אויף דער גאַנצער ליניע. דערפאַר: — אַרטיסטישע קרעאַציע און קאָסמישע קרעאַציע.

ווען מען טראַכט זיך אַריין אין זיין טעאָריע פון עסטעטיק און מען נעמט זי אין דער ליכט פון זיין מעטאַפיזיק, קען מען זען, אַז ער איז געווען אויסגעהאַלטן פונם אָנהויב ביזן סוף. ער האָט פאַר זיין גייסטיקן אויג געהאַלטן אַן איינהייטלעך בילד און האָט זיין שאַפונג דורכגעטראַכט לויט דעם איינהייטלעכן בילד. מען קען זאָגן, אַז זיין מעטאַפיזיק איז געשאַפן פון אַ ראָמאַנטישן קינסטלער און זיין עסטעטיק איז אַ פּראָדוקט פון אַ טיפן מעטאַפיזיקער און זיי ביידע באַשטייען פון אַן איינהייטלעכן בליק אויף דער רעאַליטעט אין אַלע אירע מאַניפעסטאַציעס. זיין עסטעטיק גיט אַן אַריינבליק אין זיין מעטאַפיזיק און זיין מעטאַפיזיק דערקלערט זיין עסטעטיק.

זיין אויסגאַנגס פּונקט אין זיין טעאָריע פון עסטעטיק איז, אַז דער מאַטעריאַל איז אַן אומבאַדינגטער פאַקטער, אַז אַ פּראָצעס פון שאַפן זאָל קענען פאָרקומען. דער מאַטעריאַל סטימולירט דעם קינסטלער צו שאַפן. דער שאַפונגס פּראָצעס הייבט זיך אָן פונם בוי־אינסטינקט אין דער חיה, פאַקטיש גייט נאָך אַלעקסאַנדער ווייטער; ער שליסט אויך איין די כימישע

אַפיניטעט פון דער אומאָרגאַנישער וועלט. דער פּראָצעס איז אַן אײַנ־הײטלעכער אויף דער גאַנצער קאָסמישער ליניע פונם אָנהויב ביזן סוף.

אַנאַלאָגיש ווי קונסט ווערט געשאַפן פונם קינסטלער; ער אַליין איז דער שאַפענדער אַגענט. ער ווערט סטימולירט דורך דעם מאַטעריאַל צו שאַפן; אויף אַן ענלעכן אופן איז דער עוואָלוציע פּראָצעס פאָרגעקומען אין דער נאַטור. די נאַטור גופא, וואָס ס׳מיינט רוים־צייט, איז דער שאַפענ־דער אַגענט. דאָס שאַפן איז אַן איממאַנענטער פאַקטער אין רוים־צייט גופא.

אַזוי ווי רוים־צייט האָט, לויט זיין אינטערפּרעטאַציע, אייביק עקזיס־טירט ווי אַ פונדאַמענטאַלע איינהייט, איז אין איר ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר עפּעס וואָס זאָל זיך געפינען אויסער איר און זאָל זיין מער פונדאַמענטאַל פון איר.

ווען מען פאַרשטייט גענוי זיין טעאָריע פון עסטעטיק און מען נעמט אָן זיין אַנאַלאָגישע דערקלערונג וועגן דעם קאָסמישן קרעאַטיוון פּראָצעס, אַז דעם קינסטלערס דראַנג צו שאַפן קען דינען ווי אַ זוך־ליכט וואָס זאָל באַלייכטן דעם קאָסמישן קרעאַטיוון פּראָצעס, קען מען צוגעבן, אַז זיין מעטאַפיזיק פון רוים־צייט און דייעטי איז ניט אַזאַ אַרבעטראַרישע שאַפונג, ווי מען איז גענייגט צו אָננעמען. מען קען צוגעבן, אַז ער האָט ניט געבויט זיין מעטאַפיזישן סיסטעם פון שפּין־וועב; זי איז ביי אים אַרויסגעוואַקסן פון זיין איינהייטלעכן בליק אויף אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט.

געוויס דאַרף מען זיין אַ גרויסער ראָמאַנטיקער און אַ טיפער דענקער דערצו, אַז מען זאָל זיך קענען דערטראַכטן צו אַזעלכע גראַנדיעזע גע־דאַנקען. ווען אַפילו מען קען אים ניט נאָכפאָלגן אין זיין מעטאַפיזישן פלי, מוז מען אויף אים קוקן מיט באַוואונדערונג.

איצט וואָלט די באַטראַכטונג וועגן עסטעטיק געדאַרפט דערגאַנצט ווערן מיט דעם וואָס ער זאָגט וועגן דעם ענין אין זיין סיסטעם אונטערן נאָמען „דאָס שיינע און דאָס מיאוסע". די עסייען זיינען אָבער פון אים געשריבן געוואָרן נאָך דעם ווי ער האָט געשאַפן דעם סיסטעם; פאַקטיש זיינען זיי אַרויסגעוואַקסן פון די פונדאַמענטאַלע געדאַנקען מיט וועלכע ער האָט זיך באַשעפטיקט אינם סיסטעם, זיינען זיי שוין אין אַלגעמיין דערקלערט געוואָרן אינם סיסטעם. אין די עסייען האָט ער זיי מער באַ־טראַכט און האָט זיי אויספירלעך דערקלערט.

עס איז אָבער פאַראַן איין אונטערשייד צווישן די עסייען און דעם קאַפּיטל אינם סיסטעם. די עסייען האָט ער געשריבן מיט אַן אויג צו באַקרעפטיקן דעם פונדאַמענטאַלן געדאַנק פון זיין מעטאַפיזיק, ווי עס איז נאָר וואָס אָנגעוויזן געוואָרן אויף דעם. ער האָט זיי געשריבן פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם קרעאַטיוון אַגענט, דעם קינסטלער, ווי ער ווערט אָנגערעגט צו שאַפן קונסט. פונם אינהאַלט, ווי ער דערקלערט אים, האָט ער געוואָלט אַרויסברענגען, אַז אַנאַלאָגיש איז, לויט דער טעאָריע פון

וואַרשיינלעכקייט, די קרעאַציע פון דעם קאָסמאָס פּאַרגעקומען אויף דעם זעלבן אופן; זאָל עס מיינען, אַז דער קינסטלער גיט אונדז אַן אַריינבליק צו קענען זען ווי דער עמערגענטער פּראָצעס איז היסטאָריש פּאַרגעקומען.

אין דעם קאַפּיטל וועגן עסטעטיק (דאָס שיינע און דאָס מיאוסע) האָט ער דעם מעטאַפיזישן מאָמענט אינגאַנצן אויסגעלאָזט; ער האָט זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף דעם כאַראַקטער און אויף דער אָפּשאַצונג פון קונסט, ווי אויך אויפן פּראָביר־שטיין (קריטעריום) וויאַזוי צו באַטראַכטן דאָס שיינע און דאָס מיאוסע.

ער הייבט דאָס קאַפּיטל אָן מיט אַ דערקלערונג „וועגן דעם אונטערשייד צווישן דעם שיינעם און דעם מיאוסן מיין איך דאָס עסטעטישע און דאָס ניט עסטעטישע; אָדער דאָס וואָס שטעלט עסטעטיש צופרידן און דאָס וואָס שטעלט עסטעטיש ניט צופרידן . . . איך רעד וועגן שיינקייט און מיאוסקייט בכלל. מיך אינטערעסירט די פראַגע וואָס פאַר אַן אַקטועלע רעאַליטעט באַזיצט דער עסטעטישער אָביעקט און וואָס פאַר אַ פּלאַץ פאַרנעמט ער אין דער סכעמע פון זאַכן?"

ער דערקלערט, אַז דאָס שיינע באַשטייט פון דעם אילוזאָרישן, וועלכעס ווערט צוגעגעבן פונם פאַרשטאַנד (מאַינד), ווי ער שאַצט אָפּ דאָס וואָס פּרעזענטירט זיך פאַר עסטעטישער אָפּשאַצונג. דאָס איז אויספירלעך פריער באַטראַכט געוואָרן; ער גיט אָבער צו עפּעס זייער וויכטיקעס, וואָס ער האָט אין די עסייען ניט באַטאָנט, יעדנפאַלס באַמערקט מען עס ניט.

ווי באַמערקט, איז ער איצט ניט פאַראינטערעסירט אינם פּראָצעס פון שאַפן, נאָר אין דער אָפּשאַצונג גופא; וואָס אייגנטלעך רופט אַרויס דעם עסטעטישן געניוס און וואָס פאַר אַ ראָלע דער געניסער שפּילט ווען ער שאַצט אָפּ דאָס שיינע? ער דערקלערט עס, ער זאָגט: „אין דעם אָביעקט, וואָס פּרעזענטירט זיך, ליגט די אָפּשאַצונג וועגן דעם שיינעם אין דער האַרמאָניע, אָדער אין דעם צוזאַמענהיינג (קאָהערענס) פון די טיילן. לויט דער אַלטער דאָקטרין באַשטייט עס אין דער אייניקייט פונם פאַרשיידענעם. אייניקע עלעמענטן זיינען אייגעשלאָסן אין דער שיינער זאַך און אַנדערע ווערן צוגעטראָגן פונם פאַרשטאַנד (מאַינד) און אויף דעם אופן ווערן זיי אַ טייל פון דער פּרעזענטירענדער זאַך".[1]

אין דעם אויסצוג זיינען פאַראַן צוויי פּונקטן אויף וועלכע מען דאַרף זיך אָפּשטעלן; זיי זיינען שוין פון אים פריער דערמאָנט געוואָרן; ער דערקלערט זיי אָבער אינם סיסטעם פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, וועט אויף דעם אונטערשייד אָנגעוויזן ווערן. ער הייבט אָן מיט דעם אַז דאָס שיינע געפינט זיך אין דעם צוזאַמענהיינג פון די טיילן. ער נוצט קאָהערענס (צוזאַמענהיינג) ווי אַ באַשטימונג אין וואָס דאָס שיינע באַשטייט, וואָס ס'דאַרף זיין דער פּראָביר־שטיין (קריטעריום) ווי צו אורטיילן וועגן שיינקייט

---

[1] איביד, 293.

(עסטעטיק).

קאָהערענס איז פאַר אים אַ שליסל באַגריף בכלל: — ער האָט גענוצט קאָהערענס ווי אַ באַווייז פאַרן פּראָבלעם פון אמת, וויאַזוי מען זאָל וויסן צי מען האָט פאַר זיך אַן אמת. ער האָט אים גענוצט ווי דער פּראָביר־שטיין (קריטעריום) פאַר מאָראַלישער האַנדלונג און ער נוצט אים אויך איצט ווי אַ קריטעריום צו שאַצן שיינקייט. ער באַטאָנט, אַז קאָהערענס (צוזאַמענהיינג אָדער האַרמאָניע) איז אַ פונדאַמענטאַלער שטריך אין דער נאַטור און אינם מענטשנס דענקען וועגן דער נאַטור, אויב אַזאַ טיילונג קען געמאַכט ווערן.

זיין פונדאַמענטאַלער געדאַנק איז אַ ריכטיקער און וואָלט ער געבליבן שטיין ביי דעם געדאַנק, וואָלט מען אים געמעגט אָננעמען; ער מאַכט אָבער אַ טראָט ווייטער און גיט עפּעס צו, וואָס ניט אַלע וועלן עס אָננעמען. ער זאָגט: „דער אַנאַליז פון דעם שיינעם שליסט אין זיך איין מער ווי צוזאַמענהיינג פון רעאַלע אויסערלעכע עלעמענטן און אויך די וועלכע ווערן צוגעגעבן פונם פאַרשטאַנד (מאַינד), וואָס אין דער זעלבער צייט וואָס זיי באַשטימען דאָס שיינע, אונטערשיידן זיי עפּעס פונם מיאוסן און אויפן זעלבן אופן ווערט אָפּגעטיילט דער יענעגער (מאַינד), וועלכער האָט פאַרגעניגן פונם שיינעם פון דעם יעניגן וועלכער באַזיצט ניט אַזאַ געפיל . . . צוזאַמענהיינג (קאָהערענס) אין דער אינערלעכער אָרדענונג פונם שיינעם איז אויך צוזאַמענהיינג צווישן די יעניגע (מאַינדס), וועלכע שאַצן שיינקייט און עס שליסט אויס די אַנדערע".[1]

ער הייבט אָן מיט אַ געדאַנק וואָס קען אָנגענומען ווערן, אַז האַר־מאָניע אין דער נאַטור שליסט איין האַרמאָניע אינם מענטשלעכן פאַר־שטאַנד (מאַינד). וויאַזוי מען זאָל די שייכות ניט דערקלערן, איז דער געדאַנק אין אַלגעמיינע שטריכן אַ ריכטיקער. ווען מענטשן וואָלטן ניט באַזעסן קיין געפיל פאַר האַרמאָניע, וואָלטן זיי ניט געקענט שטימען צווישן זיך.

דער געדאַנק איז אין אַלגעמיין ריכטיק. ווען אָבער ער ציט פון דעם אַ שלוס אַז קאָהערענס אין דער פאָרמע פון זיין איינשטימונג וועגן קונסט זאָל דינען פאַר אַ פּראָביר־שטיין (קריטעריום) לויט וועלכן מען זאָל קלאַסיפיצירן עסטעטישע באַגריפן און געפילן, וועלן די פאַרשיידענע מיינונגען, וועלכע הערשן וועגן קונסט, דינען פאַר אַ שלאַגענדן באַווייז, אַז די מיינונג איז ניט אינגאַנצן קיין ריכטיקע. עס איז אָבער מעגלעך אַז דער מחבר פון די שורות האָט אים ניט אינגאַנצן ריכטיק פאַרשטאַנען; זיין שפּראַך און זיין דערקלערונג, איז אַ היפּש ביסל קאָמפּליצירט, איז זייער מעגלעך צו מאַכן אַ טעות אין זיין מיין.

איצט אַ באַמערקונג וועגן דעם צווייטן פונקט, וועגן דעם חלק וואָס דער פאַרשטאַנד (מאַינד) טראָגט צו ווען מען שאַצט אָפּ דאָס שיינע. אַלעק־

[1] איביד 294.

סאַנדער האַלט אין איין איבערחזרן וועגן דעם בייטראָג וואָס דער פאַרשטאַנד טראָגט צו, וואָס ס׳דאַרף מיינען אַז דער פאַרשטאַנד איז אַ שותף אין דעם פּראָצעס. ער זאָגט: „עס איז אַ פּאַראַדאָקס וואָס אָנבאַלאַנגט שיינקייט, איר אויסדרוקלעכקייט באַלאַנגט צו דער שיינער זאַך ווי אַזעלכע; זי וואָלט אָבער דאָרט ניט געווען ווען קיין פאַרשטאַנד (מאַינד) וואָלט ניט געווען״.[1]

אין אָנהויב פון זיין אָפּהאַנדלונג וועגן די דריטע קוואַליטעטן זאָגט ער: „די דריטע קוואַליטעטן, ווי די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן, באַלאַנגען צו דער נאַטור. דער אונטערשייד איז אָבער וואָס די דריטע וואָלטן דאָרט ניט געווען ווען ס׳וואָלט ניט געווען דער מענטש ווי אַן אָפּשאַצער פון ווערטן.״ אינם נאָר וואָס ציטירטן חזרט ער זיך איבער דערפאַר, וואָס מיט דער הילף פון קונסט שאַפונגען פון קינסטלער פּראָבירט ער אַנאַלאָגיש צוקומען צו דער קרעאַציע פונם קאָסמאָס.

דאָס פירט צו אַ פונדאַמענטאַלער פראַגע: אין וואָס באַשטייט דער בייטראָג פונם פאַרשטאַנד? און וויאַזוי דערקלערט מען אים? אויף דער ערשטער פראַגע האָט ער גלייך געגעבן דעם ענטפער ווען ער האָט אָנגעוויזן אויפן אונטערשייד צווישן די קוואַליטעטן, נעמלעך: דער בייטראָג באַשטייט אין דער אָפּשאַצונג פון די ווערטן שיין, גוט און אמת. אָן דער אָפּשאַצונג וואָלטן ניט געווען קיין ווערטן.

אויף דער צווייטער פראַגע, וויאַזוי דערקלערט מען דעם בייטראָג? איז פון זיין אויסגעהאַלטענעם מאָניסטישן אויסגאַנגס פּונקט שווער צו ענטפערן. פון איין זייט מוז ער אָננעמען, אַז דער מענטש איז אַן אַקטיווער אַגענט; ער איז אַ פּערזענלעכקייט וואָס האַנדלט מיט אַ פון פאָראויס באַשטימטן צוועק און דאָס מיינט פּרימאַ־פאַסיע אַז דער פאַרשטאַנד האָט אַן אייגענעם אינהאַלט, און פון דער צווייטער זייט קען ער עס ניט צוגעבן, ווייל דאָס מיינט שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל אין דער אויסערלעכער וועלט און אַ פּסיכישן טייל אינם פאַרשטאַנד. איז טאַקע זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער פראַגע ניט קיין צופרידנשטעלנדע. ווי ס׳זעט אויס קען ער זיך קיין עצה ניט געבן מיט דעם פּראָבלעם. פאַרשטייט זיך אַז ער לייקענט ניט אַז דער מענטש איז אַן אַקטיווער אַגענט; דאָס איז אַ פאַקט וואָס מען קען ניט לייקענען. זיין דערקלערונג איז ניט קלאָר און געוויס ניט צופרידנשטעלנד.

* * *

עס וועט דאָ געמאַכט ווערן אַ לייכגערע דערקלערונג וואָס ניט זי האָט אינערלעכע פאַרבינדונגען מיטן אינהאַלט פונם קאַפּיטל און ניט זי איז דירעקט פאַרבונדן מיטן ווייטערדיקן. זי וועט אָבער העלפן צו פאַרשטיין דאָס קאַפּיטל און דעם סיסטעם בכלל.

העגעל ווערט מיט רעכט קריטיקירט פון אַלע זייטן; זיינע זינד זיינען

[1] איביד, ז. 292.

גרויסע און אומפאַרגעבלעכע. ער איז געווען שוידערלעך אומוויסנד וועגן נאַטור וויסנשאַפטלעכע ענינים און אַזויווי פון צופיל איפּריכטיקייט האָט ער ניט געליטן, האָט ער זיך פון איין זייט דערלויבט צו מאַכן שטויגנענדע באַהויפּטונגען וועגן ענינים, וועגן וועלכע ער האָט ניט געהאַט דעם קלענסטן באַגריף. פון דער צווייטער זייט האָט ער ריין געדאַנקלעך אָן וועלכע ס'איז פאַקטן, בלויז מיט דער הילף פונם דיאַלעקטישן מעטאָד פון טעזיס, אַנטי־טעזיס און סינטעז, געשאַפן דעם פילאָזאָפישן סיסטעם פונם אָביעקטיוון אידעאַליזם. די אַנטוויקלונג פונם וועלט גייסט מיינט: ווען מיר דענקען לויט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד, דענקט די רעאַליטעט אין אונדז; פאַלגליך איז די לעצטע מאַניפעסטאַציע פונם וועלט גייסט דער דייטשער שטאַט.

די פילאָזאָפישע וועלט האָט דערבליקט אין העגעלן אַ פּראָדוקטיוון און מעגלעך, אַ ריכטיקן געדאַנק אין זיינע פאַנטאַסטישע ספּעקולאַציעס און דער געדאַנק איז געבליבן ווי אַ בייטראַג צום פילאָזאָפישן דענקען.

אין אַ פריערדיקער פאַרבינדונג איז אָנגעוויזן געוואָרן אויפן צו־שטאַנד אין דער פילאָזאָפיע וואָס האָט געפירט צו דעם אַז העגעל זאָל פאַרנעמען דעם אויבן אָן. עס איז אָבער נאָר געגעבן געוואָרן איין זייט פון דער מטבע, איצט וועט געגעבן ווערן די צווייטע זייט.

ביז העגעלן האָט אין דער פילאָזאָפיע געהערשט אַריסטאָטעלס לאָ־גישער אויסגאַנגס פונקט וועגן אַ סטאַטישער וועלט טראָץ דעם וואָס די וויסנשאַפט האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעגעבן אַריסטאָטעלס אַלגעמיינע באַגריפן. פילאָזאָפן האָבן באַטראַכט די וועלט ווי זי זאָל אייביק האָבן געווען ווי זי איז איצט. העגעל איז געווען דער ערשטער וואָס האָט גענומען אַ דינאַמישן אויסגאַנגס פונקט און האָט באַטראַכט די טאָטאַליטעט פון דער רעאַליטעט לויט אַ שטענדיקער ענדערונג און קומענדעס נייעס.

מאַרקס האָט איבערגעקערט העגעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ, ער האָט אָנגענומען אַז מאַטעריע איז פונדאַמענטאַל און ניט גייסט. דער דיאַלעק־טישער מאַטעריאַליזם איז אַן איבערגעקערטער העגעליאַניזם. ווען מען ווייסט אַז אַלעקסאַנדער איז געגאַנגען אין חדר צו די נעאָ־העגעליאַנער, קען מען זען אַז די מעטאַפיזיק פון רוים־צייט און דאָס געטלעכע, דער ניצוס, די דייעטי און זיין גאָט, וואָס דאַרף קומען, באַשטייען פון העגעלס וועלט גייסט רעאַליסטיש דערקלערט. דאָס האָט אים געגעבן דעם געדאַנק צו ספּעקולירן אַז דער קינסטלער קאָפּירט דעם פּראָצעס פון מעשה בראשית.

עס איז מער ווי זיכער אַז דאַרווין איז ניט באַווירקט געוואָרן פון העגעלס דענקען וועגן דער אַנטוויקלונג פונם וועלט גייסט. עס איז מעגלעך אַז ער האָט אַפילו ניט געוואוסט וועגן העגעלן און וועגן זיין מעטאַפיזיק פונם אָביעקטיוון אידעאַליזם. אַלעקסאַנדער איז אָבער פאַר אַ צייט געווען אַ נעאָ־העגעליאַנער, האָט ער העגעלס געדאַנקען וועגן דעם וועלט־גייסט אויף אַ רעאַליסטישן אופן אינקאָרפּאָרירט אין זיין סיסטעם און דערהויפּט האָט ער די געדאַנקען אַריינגעבראַכט אין זיין אינטערפּרעטאַציע פון עס־טעטיק, וואָס באַשטייט פון אַ דערגאַנצונג פון זיין מעטאַפיזישן סיסטעם.

נײנטער קאַפּיטל

גוטס און שלעכטס (עטיק)

אַלעקסאַנדערס ערשטער בוך איז געװען װעגן עטיק. דער פּריער ציטירטער מען זאָגט אין זײַן קריטיק, אַז זײַן װיזיע האָט אַלעקסאַנדער גענומען בײַ די אידעאַליסטישע דענקער װאָס האָבן אין יענער צײַט גע־הערשט אין ענגלאַנד; זײַן עמפּירישן אױסגאַנגס פּונקט האָט ער גענומען בײַ יומען, ער האָט ניט גענומען זײַן סקעפּטיציזם. זײַן עװאָלוציע אױס־גאַנגס פּונקט האָט ער גענומען פֿון ספּענסערן; ער האָט ניט גענומען זײַן אַגנאָסטיציזם. די טעאָריע װעגן װיסן (עפּיסטעמאָלאָגיע) האָט ער גענומען בײַ די נעאָ־רעאַליסטן; ער איז ניט געבליבן שטײן בײַ איר. זײַן באַגריף װעגן פֿיזיק האָט ער גענומען פֿון דער רעלאַטיװיטעט טעאָריע. ער האָט דאָס אַלץ אינקאָרפּאָרירט אין זײַן פֿילאָזאָפֿיע און האָט עס אױף אַן אײגענ־אַרטיקן אופֿן אינטערפּרעטירט אין זײַן סיסטעם. ער האָט איבעראַל גע־נומען װאָס ס׳האָט זיך געלאָזט; דער סיסטעם איז זײַנער אַן אײגענער.

מען דאַרף זיך ניט חידושן, װאָס מען װײַזט אָן אױף פֿאַרשײדענע קװאַלן פֿון װאַנען אַלעקסאַנדער האָט גענומען מײנונגען, פֿון װאַנען ער האָט גענומען ציגל פֿאַר זײַן געבײדע; — פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען פֿאַלן ניט אַראָפּ פֿון הימל; זײ װערן אױך ניט געשאַפֿן יעדן טאָג. אױסער ספּענסערן, װאָס האָט געהאַט אַ קנאַפּע װירקונג אױף דער אַקאַדעמישער װעלט, איז פֿאַר דרײַ הונדערט יאָר אין ענגלאַנד ניט געשאַפֿן געװאָרן קײן אײן פֿילאָזאָפֿישער סיסטעם.

װעגן זײַן ערשטן װערק, װאָס איז דערשינען אין 1892 אונטער דעם נאָמען „מאָראַל אָרדער ענד פּראָגרעס", זאָגט מען ס׳איז געשריבן געװאָרן פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון עװאָלוציע. צו שרײַבן אַ װערק װעגן עטיק פֿונם שטאַנדפּונקט פֿון עװאָלוציע איז אין יענער צײַט געװען אַ זײער שװערער ענין; טאָמאַס האַקסלי, װאָס האָט געשריבן מיט צען יאָר שפּעטער, האָט געשריבן, אַז די מענטשהײט האָט אַנטװיקעלט עטישע באַגריפֿן ניט לױט דעם עװאָלוציע פּראָצעס, נאָר טראָץ דעם עװאָלוציע פּראָצעס. אַפֿילו איצט האָט אַרטור קײט נאָר װאָס אָנגעשריבן אַ װערק װעגן עװאָלוציע

און עטיק, זאָגט ער אין דעם, אַז עוואָלוציע פירט צו נאַצישער ברוטאַליטעט און ניט צו עטישע באַגריפן.

אַלעקסאַנדערן איז אָבער אין יענער צייט געלונגען אָנצושרייבן אַ בוך וועגן עטיק פון שטאַנדפּונקט פון עוואָלוציע, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן פריינדלעך. דער בוך האָט געהאַט דריי אויפלאַגעס. אין 1912 האָט דער פאַרלעגער געוואָלט אַרויסגעבן אַ פערטע אויפלאַגע. האָט אַלעקסאַנדער ניט דערלויבט, ער האָט באַשטימט אַז דער בוך האָט אָפּגע־לעבט זיין צייט און עס איז פאַר אים צייט צו שטאַרבן. דאָס איז אַ גרויסער פּאַרדרוס: פילאָזאָפישע געדאַנקען און מיינונגען זיינען אַן אויסדרוק פון דער צייט ווען זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, דאַרפן זיי בלייבן און צירקולירן אַזוי לאַנג, ווי ס'איז פאַראַן אַ גענוגענדע פאָדערונג פאַר זיי. ביכער דאַרפן שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט; זיי דאַרפן ניט אונטער־דרוקט ווערן. דאָס, וואָס איצט האָט ער אַנדערע מיינונגען, דאַרף ניט זיין קיין סיבה צו אונטערדריקן אַ ווערק, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַ פריערדיקן פּעריאָד; ער האָט געקענט מאַכן אַ באַמערקונג, אַז איצט האָט ער אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם ענין. די אונטערדריקונג האָט סיי ווי ניט געהאָלפן; מען הייבט אָן אָפּשאַצונגען וועגן אים מיט דעם בוך און מען ווייזט אָן, אַז אין זיינע עיקר'דיקע באַגריפן האָט ער זיך ניט גע־ענדערט; ער האָט בלויז געענדערט דעם אופן ווי זיי צו פאַרטיידיקן.

ווען מען באַקענט זיך מיטן אינהאַלט פון דעם ווערק, זעט מען, אַז ער איז ניט אינגאַנצן געווען אומגערעכט: — דער בוך איז געשריבן גע־וואָרן אויף אַ האַלב פובליציסטישן אופן. עס איז ענלעך אויף ספּענסערס ווערק וואָס ער האָט געשריבן וועגן פּראָגרעס. מעגלעך, אינם שפּעטער־דיקן פּעריאָד האָט ער געוואָלט זיינע ווערק זאָלן זיין פּינקטלעך אין פאָרמע, ווי אינם אינהאַלט. ענדערן דעם בוך האָט ער ניט געקענט, האָט ער אים אונטערדריקט. דאָס איז דער מיין פון זיין באַמערקונג, אַז ער איז מער ניט נוצלעך.

צו שרייבן ווערק וועגן עטיק פונם שטאַנדפּונקט פון עוואָלוציע איז בכלל שווער. עוואָלוציע איז באַזירט אויף קאַמף און עטיק אויף קאָאָפּע־ראַציע און האַרמאָניע. עס זעט אויס, אַז אַלעקסאַנדער האָט איצט געהאַט מער שוועריקייט מיט זיין קורצן קאַפּיטל פון דעם סיסטעם, ווי ער האָט געהאַט אין זיין ערשטן ווערק. דאָס ווערק באַשטייט פון 400 זייטן און ס'לייענט זיך גאַנץ לייכט: דאָס קאַפּיטל פאַרנעמט אינגאַנצן דרייצן זייטן און עס לאָזט זיך ניט לייענען.

דער צענטראַלער געדאַנק וועגן עטיק איז אין דעם קאַפּיטל האַר־מאָניע (קאָהערענס) און אין דעם פעלט האַרמאָניע. זיין אויסגאַנגס פּונקט איז, אַז ווערטן באַגריפן הייבן זיך ניט אָן מיטן מענטשן; אַז אויך חיות באַזיצן ענלעכע באַגריפן. אין וואָס ווערטן באַשטייען אין חיות זאָגט ער ניט אין דער פאַרבינדונג; פון דעם אָבער וואָס ער זאָגט אין אַנדערע פּלע־צער איז קענטיק ער האָט אין זינען זייער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. עס

מיינט, ווען אַ חיה געווינט אַ קאַמף, האָט עס פאַר איר אַ פּאָזיטיוון ווערט, פאַרלירט זי אַ קאַמף, האָט זי געקרוגן אַ נעגאַטיוון ווערט. נאַטירלעך, דער טערמין ווערט האָט אין שייכות צו חיות ניט קיין עטישן מיין, נאָר אַ פּראַג־מאַטישן צו געווינען אינם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ. געוויס ווייסט אַלעק־סאַנדער דעם אונטערשייד, ער זאָגט אויסדריקלעך איך אַ פּלאַץ, מאַכט איז ניט רעכט; פאַרקערט, רעכט איז מאַכט.

ווי אַן ענטפער אויף דער פראַגע ווי ער נוצט דעם טערמין ווערט אין צוויי פאַרשיידענע מיינען, דאַרף מען אָננעמען, ער האָט אין זינען, אַז דער מענטש האָט אנטוויקעלט דעם עטישן באַגריף (ווערט) אין דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ אַדאַנק דעם וואָס ער האָט געהאַט דעם הערד אינסטינקט (געזעלשאַפטלעכקייט). אום צו קענען בלייבן לעבן אין דעם קאַמף, האָט ער געדאַרפט קאָאָפּערירן מיט אַנדערע מענטשן, אַזוי אַרום האָט ער אַנטוויקלט עטישע באַגריפן.

גאַנץ איינפאַך, אום צו געווינען דעם קאַמף פון שטאַרקערע און פלינקערע חיות, האָט דער פרימיטיווער מענטש אים געמוזט פירן גע־מיינשאַפטלעך מיט דער הילף פון אַנדערע מענטשן און דאָס האָט געמיינט אַז ער האָט זיך געמוזט רעכענען מיט זייערע מיינונגען און מיט זייערע אינטערעסן. דאָס לעבן און קעמפן צוזאַמען, האָט געפירט צו אַנטוויקלען רעגעלן לויט וועלכע מען זאָל זיך פירן אינם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענ־לעבן. דאָס איז געווען דער פונדאַמענט פון מאָראַל.

ווי אַן עוואָלוציאָניסט און עמפּיריקער, האָט אַלעקסאַנדער ניט געקענט דענקען אַנדערש וועגן דעם שורש פון מאָראַלע באַגריפן ווי אַז זיי זיינען אַנטשטאַנען אינם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן. דאָס גאַנצע קאַפּיטל וועגן מאָראַל באַשטייט פון איין איבער׳חזר׳ן אַז מאָראַל איז סאָ־ציאַל לויט איר כאַראַקטער. ער הייבט אָן מיט דעם אַז „מאָראַלע גוטסקייט איז אויסשליסלעך מענטשלעך; זי באַלאַנגט צום אויפפיר; זי שטאַמט אַרויס פונם ווילן און איז געזעלשאַפטלעך לויט איר כאַראַקטער".[1]

אי לויט איר אורשפרונג, אי לויט איר כאַראַקטער, איז מאָראַל פאַר־שיידן פון אמת און פונם שיינעם (עסטעטיק). די לעצטע צוויי האָבן זייער שייכות דירעקט מיט דער נאַטור; דער באַגריף וועגן אמת שטאַמט אַרויס פון דער מענטשלעכער קוריאָזיטעט, פון דעם ווען צו פאַרשטיין אַלץ וואָס ס׳קומט פאַר אַרום אים. דער געפיל פאַרן שיינעם האָט דעם אָנהויב, לויט אַלעקסאַנדערן, אינם בוי־אינסטינקט.

מאָראַל אָבער איז אַ ריין סאָציאַלע דערשיינונג; זי האָט איר אָנהויב אינם הערד אינסטינקט, אינם דראַנג פון איין מענטשן צו לעבן צוזאַמען מיט אַ צווייטן. די שייכות איז פון איין מענטשן צום צווייטן און ניט צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור.

אַלעקסאַנדער איז, ווי ס׳זעט אויס, ניט צופרידן פון דעם וואָס ער

---

[1] איביד, ב. 2, ז. 273.

דאַרף ענדערן דעם צוגאַנג; עס שטערט זיין איינהייטלעכן בליק. נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל פּראָבירט ער מאַכן די פאַרבינדונג מיט דער נאַטור און מען קען ניט זאָגן, אַז ס׳געלונגט אים. ער זאָגט: „אין גוטעס און אין אמת הערשט אייניקייט צווישן דעם פאַרשטאַנד און זיינע אָביעקטן, די ניט מענטאַלע רעאַליטעט".[1]

די פראַגע אָבער איז אין וואָס די אָביעקטן באַשטייען. פון דעם וואָס ער זאָגט ווייטער איז קענטיק, אַז ער מיינט דעם גענשטאַנד, וואָס רופט אַרויס דעם מאָראַלן פּראָבלעם: — ער קען באַלאַנגען צו דער נאַטור. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ זייער אומדירעקטע שייכות. דער פאַקטישער מאָראַלער פּראָבלעם איז פון מענטש צו מענטש און ניט צו דער נאַטור; — די נאַטור האָט ניט קיין שום שייכות מיט עטיק.

ס׳איז מעגלעך ער מיינט עפּעס אַנדערש, נעמלעך: אַלץ וואָס פּאַסירט, אַפילו פּאַסירונגען, וועלכע קומען פאַר צווישן מענטשן, איז ניט מענ־טאַלעס פּשוט דערפאַר וואָס דער פאַרשטאַנד האָט ניט קיין שום אייגנס. אויב ער מיינט דאָס, קומט אויס, אַז די מענטשלעכע עטישע באַגריפן זיינען ניט מענטאַל, זיי באַלאַנגען צו דער נאַטור. דאָס קען ער ניט מיינען: — זיין צוגאַנג איז אַ ריין עמפּירישער. ער קריטיקירט קאַנטן צוויי מאָל פאַר זיין קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו. דאָס ערשטע מאָל זאָגט ער: „דער־פאַר וואָס קאַנט האָט געדענקט, אַז מען קען ניט מאַכן קיין אויסנאַמען אַן פּערזענלעכע נוצן, האָט ער זיי אינגאַנצן ניט דערלויבט; ער האָט באַשטימט אַז דער מאָראַלער געזעץ איז אַ־פּריאָרי, ער איז ניט עמפּיריש לויט זיין כאַראַקטער".

דאָס צווייטע מאָל זאָגט ער: „קאַנטס שולד איז ניט באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ס׳קען זיין אַ ווילן אָן וועלכער עס איז שייכות מיטן אָביעקט; נאָר אין דעם וואָס ער האָט געזוכט אַ קרי־טעריום פאַר גוטעס אין די פאָרמאַלע שטריכן פון דעם ווילן גופא, וואָס אין דערווירקלעכקייט האָט ער ניט אַזאַ קריטעריום. ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט באַפרייען מאָראַל פון די זאָרגן וועגן די קאָנסעקווענצן פון האַנד־לונגען, אַז ער האָט ניט געזען, אַז פאַרלאַנגען באַלאַנגען צו דער עמפּירישער וועלט, זיי זיינען אונטערוואָרפן אונטער די עמפּירישע גרענעצן".[2]

פון דער קריטיק קען מען זען, אַז ער האָט ניט געמיינט די נאַטור האָט אַ שייכות מיט עטיק. געוויס האָט ער זיך ניט גענויטיקט אין קאַנטס הילף צו באַווייזן, אַז ער איז געווען אַן עמפּיריקער אין זיין עטיק און אין זיין דענקען בכלל. זיין קריטיק איז סיי ווי וואָגיק: — קאַנטס אַב־סטראַקטע פאָרמאַלע עטיק איז ליידיק; זי האָט ניט קיין שייכות מיטן מענטשלעכן לעבן און מיט מענטשלעכע אינטערעסן.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם ניט מענטאַלן עלעמענט אין זיין עטיק, איז

---

[1] איביד, ז. 278.

[2] איביד, זז. 276, 279.

פונם ווייטערדיקן קענטיק, אַז ער האָט אין זינען די גוטע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען אַ רעזולטאַט פונם מענטשנס עטישע באַגריפן. ער זאָגט: „די ניט מענטאַלע פאַקטן, וואָס זיינען ריין אויסערלעכע אַספּעקטן פון די אינסטיטוציעס, האָבן ניט קיין גוטסקייט ווערט פאַר זיך; זיי פאַרזיכערן בלויז אין אַ געוויסן זינען צו צופרידן שטעלן די מענטשן, וועלכע באַטייליקן זיך אין זיי״.[1] דאָס איז ניט צופיל פאַרשטענדלעך: ווער וועט באַטראַכטן אינסטיטוציעס פאַר זיך פאַר עטיש, אָדער ניט עטיש?

דאָס ניט מענטאַלע קען אויך מיינען די פּראָפּאָזיציעס גופא דורך וועלכע עטישע באַגריפן ווערן אויסגעדריקט. ער רעדט אַסך וועגן פּראָפּאָזיציעס, וואָס דריקן אויס עטישע באַגריפן. דאָס שטימט מיט זיין דערקלערונג וועגן פּראָפּאָזיציעס, אַז זיי זיינען ניט מענטאַל. אויך דאָס איז ניט איבעריק פאַרשטענדלעך: — צוליב וואָס אַריינברייגנען ניט־מענטאַלעס בכלל, ווען ער רעדט וועגן מאָראַלע באַגריפן און האַנדלונגען? די איינציקע דערקלערונג, וואָס לייגט זיך אויפן שכל, איז זיין אייפער צו פאַרבינדן אַלץ מיט אַלעמען מיט זיין מעטאַפיזיק. אויב דאָס איז געווען זיין מיין, האָט ער צוגעגעבן אַן אומנויטיקן באַלאַסט צו דעם אַזוי אויך ניט קלאָרן ענין. עפּעס פעלט, אָדער עפּעס איז איבעריק, אין זיין אינטערפּרעטאַציע פונם פּראָבלעם פון עטיק. עטיק איז בכלל אַ פילאָסאָפישער ענין וואָס באַלאַנגט מער צו סאָציאָלאָגיע ווי צו פילאָזאָפיע.

וועגן דעם עצם פון מאָראַל זאָגט ער: „מאָראַל אַנטשטייט פון אונדזערע מענטשלעכע סימפּאַטיעס און פאַרלאַנגען, וועלכע מיר ווילן צופרידנשטעלן. אייניקע (סימפּאַטיעס) האָבן אַ שייכות צו אונדז גופא; אַנדערע האָבן אַ שייכות צו אונדזערע נאַטירלעכע אַכטונגען פאַר אַנדערע. ווען מיר ווילן צופרידנשטעלן די סימפּאַטיעס און פאַרלאַנגען, ווערן מיר שותּפים מיט אַנדערע מענטשן טיילווייס אין דער פאָרמע פון קאָאָפּעראַציע און טיילווייס דורך קעגנערשאַפט . . . מאָראַליטעט ברענגט מיט זיך די לייזונג פונם פּראָבלעם ווי ער ווערט באַשטימט דורך די פאַקטן. גוטע ווילענס זיינען אַזעלכע וואָס שטימען צווישן זיך און שלעכטע (ווילענס) זיינען די וועלכע פּאַסן זיך ניט אַריין אינם סיסטעם; זיי דאַרפן אויסגעשלאָסן ווערן״.[2]

אין דעם אויסצוג געפינט זיך אַ דערקלערונג וועלכע האַנדלונג ער באַטראַכט פאַר אַ מאָראַלער און ער גיט אויך דעם פּראָביר־שטיין, אָדער דעם באַווייז פאַרוואָס מען דאַרף זי באַטראַכטן פאַר מאָראַליש. די דערקלערונג קען באַטראַכט ווערן פאַר אַ דעפיניציע וואָס מעג אָנגענומען ווערן. דער באַווייז, אַז זי איז ריכטיק, איז דער זעלבער וואָס ער האָט געגעבן ווען ער האָט באַטראַכט דעם פּראָבלעם וועגן אמת, נעמלעך: אַ האַנדלונג איז מאָראַליש ווען זי האַרמאָנירט מיטן באַטרעפנדן סיסטעם; זי איז ניט

[1] איביד, ז. 277.
[2] איביד, ז. 274.

מאַראַלש ווען זי פּאַסט זיך ניט אַריין אינם סיסטעם.

זיין באַוויז וועט באַטראַכט ווערן נידעריקער; דאָ איז וויכטיק אָנ־צוּוואַרפן אַז אין דער פאַרבינדונג באַשטייט אַ מאָראַלע האַנדלונג פון אַ ריין מענטשלעכן, מען קען זאָגן, מענטאַלן אַקט. דאָס איז אויף אַזויפיל ריכטיק, אַז ס'קענען וועגן דעם ניט זיין קיין צוויי מיינונגען. אַביסל ווייטער זאָגט ער אָבער עפּעס, וואָס קען בשום אופן ניט שטימען מיט דעם, נעמלעך, ער זאָגט: „מאָראַליטעט, אַזוי גוט ווי וועלכע ס'איז אַנדערע צייט־רוימלעכע עקזיסטענץ, איז ניט מעגלעך ווי אַ פונקציע ווען זי אַנטהאַלט אין זיך אַ ווידערשפּרוך"[1].

לויט דעם אויסצוג קומט אויס, אַז ער נעמט אָן, אַז מאָראַל באַ־שטייט פון אַ צייט־רוימלעכער עקזיסטענץ. די לעצטע מיינונג שטימט מיט זיין מעטאַפיזיק און מיט זיין דערקענטעניש לערע, אַז אַלץ, מיט וואָס דער פאַרשטאַנד קומט אין באַרירונג, איז ניט־מענטאַל, אַז דער פאַר־שטאַנד האָט ניט קיין אייגענעם אינהאַלט: — אַפילו אַ חלום באַשטייט פון אַ ניט־מענטאַלעס. מיט וואָס איז מאָראַל, וועלכן סטאַטוס מען זאָל איר ניט געבן, ווייניקער רעאַל און מער מענטאַל ווי אַ חלום? דאָס ווערט ניט געפרעגט מיט אַ כיוון גלאַט אים צו קריטיקירן, נאָר עס ווערט געמאַכט אַ פאַרזוך אים ריכטיק צו פאַרשטיין. אויף דער פראַגע צוליב וואָס זיך באַשעפטיקן מיט עפּיסטעמאָלאָגיע, ווען עס האַנדלט זיך וועגן עטיק? איז דער ענטפער: אַלעקסאַנדער ברענגט עס אַריין ווי אַ טייל פון זיין מעטאַפיזיק, דאַרף עס באַטראַכט ווערן באין ברירה.

נאָך עפּעס דאַרף דערמאָנט ווערן וואָס איז שוין באַהאַנדלט גע־וואָרן: פון דעם מאָמענט אָן ווען דער ספּעקולאַטיווער דענקען האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן אַסך דענקער צעטיילט די רעאַליטעט אויף אַ פיזישער וועלט און אַ גייסטיקער וועלט. די טיילונג האַלט אָן ביז איצט. עס זיינען אויך פאַראַן מאָניסטישע דענקער, וואָס האַלטן, אַז די רעאַליטעט איז איינע, אָדער זי איז אַ פיזישע, אָדער אַ גייסטיקע; אָדער רעאַליזם (מאַטעריאַליזם), אָדער אידעאַליזם. עס זיינען אויך פאַראַן דואַליסטן, וועלכע נעמען אָן טיילן פון ביידע. עס זיינען אויך פאַראַן נייטראַליסטן, וועלכע געפינען זיך אין דער מיטן צווישן די קלאַסיפיקאַציעס. עס זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע דענקער, וועלכע נעמען אָן אַ מין לאָגישע רעאַליטעט, וואָס זיי רופן אָן מיט פאַרשיידענע נעמען, ווי סובסיסטענצן, עסענצן, אייביקע אָביעקטן און אַז. וו. אַלעקסאַנדערס ניט־מענטאַלעס, ווי פּראָפּאָזיציעס, זכרונות און אַז. וו. וואָלט געקענט צוגערעכנט ווערן צו דער קאַטעגאָריע. ער רופט זיי אָן ניט־מענ־טאַלע און ניט מיט קיין אַנדער נאָמען, ווייל ער איז אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט, ער וויל ניט שפּאַלטן די נאַטור: — פאַר אים איז זי איינע.

דאָ איז אַם פּלאַץ צו דערמאָנען ב. ראַסעלס דיקטום, וואָס איז שוין געגעבן געוואָרן אין אַן אַנדער פאַרבינדונג, אַז מען זאָל זיך ניט האַלטן

[1] איביד, 282.

צו צושרייבן טעותן, אָדער גלאַט סתירות צו דענקער; זיי האָבן זייערע געדאַנקען דורכגעטראַכט און מען קען זיי ניט כאַפּן ביי גראָבע טעותן, אָדער ווידערשפּרוכן. אויב מען האָט אַזעלכע געפינען איז עס מער אַ סימן, אַז מען האָט עפּעס פאַרזען אין זייער דענקען, ווי זיי אַליין זאָלן עס געווען פאַרזען.

אַלעקסאַנדער איז געווען אַ טיפער דענקער, ער האָט זיך מיט די ענינים, וועגן וועלכע ער שרייבט, באַשעפטיקט זיין גאַנצן לעבן. ער האָט געוויס געוואוסט דעם מיין פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן, ווען דאָ גלייך צוגעגעבן ווערן, אַז ער ווערט ניט באַשולדיקט אין אום־קאָמפּעטענץ: — דער מחבר פון די שורות נעמט אויף זיך די שולד פאַר ניט קענען זיך אָריענטירן אין אים אין אייניקע פלעצער.

איצט צוריק צום ענין. ער הייבט אָן דאָס קאַפּיטל וועגן גוטעס און שלעכטעס מיטן אונטערשייד צווישן וויסנשאַפט, וויסן בכלל, און מאָ־ראַל; דער אונטערשייד איז וואָס וויסנשאַפט איז ספּעקולאַטיוו און מאָראַל איז פּראַקטיש. וויסן באַלאַנגט צום אינטעלעקט און מאָראַל צום ווילן. געוויס איז נויטיק צו פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן גוטעס און שלעכטעס, ווען עס קומט אָבער צו האַנדלונג איז דער וויסן אַליין ניט גענוג, מען דאַרף האָבן אַ גוטן ווילן צו טאָן גוטעס. איינער קען זיין קלוג ווי די וועלט און זיין פאַרדאָרבן ביזן ביין. די גריכן האָבן דאָס ניט גע־וואוסט, פאַר זיי איז וויסן גופא געווען אַ טוגענד, ווי סאָקראַט האָט געזאָגט. איצט איז עס ניט קיין שטרייט פראַגע, מען ווייסט, אַז מאָראַל האָט אַ שייכות מיטן ווילן און שטרעבן, ווי אַלעקסאַנדער זאָגט, נאָכפאָלגענדיק ספּינאָזען, אַז ס'איז אַן ענין פון קאָניישן (שטרעבן) און ניט קאָגנישן (וויסן, אַנערקענען).

מאָראַל איז אַ סאָציאַלער פּראָבלעם, איין מענטש פאַר זיך, ווי אַ יחיד, ווען מען וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל לעבן פאָלשטענדיק איזאָלירט, וואָלט ניט אַנטוויקלט קיין מאָראַלע באַגריפן. מאָראַל איז אַ סאָציאַלער פּראָדוקט, וואָס איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט אינם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן. דער גרעגאַרישער אינסטינקט, דער צוזאַמענלעבן, האָט געפירט צו דער אַנטוויקלונג פון מאָראַלישע באַגריפן, וואָס זיינען אומבאַדינגט ווען מענטשן ווילן לעבן און קעמפן צוזאַמען.

ווען מען נעמט אָן עוואָלוציע פאַרן אויסגאַנגס פּונקט, מוז מען אָננעמען אַן עמפּירישן שורש פון מאָראַל; מען קען ניט אָננעמען קיין קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, אַז מאָראַלישע באַגריפן זיינען אַראָפּגעפאַלן פונם הימל פיקס און פאַרטיק פאַרן מענטשלעכן נוץ. און ווען מען נעמט אָן, אַז מאָראַל, אָדער עטיק, וואָס פּאַקטיש מיינען זיי איינע און דיזעלבע זאַך, איז אַ סאָציאַלע דערשיינונג, דאַרף מען געבן אַ געזעלשאַפטלעכן קריטעריום, אָדער אַ דעפיניציע פאַר עטישער האַנדלונג. דאָס איז איינע פון די שווערסטע זאַכן, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן. וויאַזוי מען זאָל

ניט דעפינירן עטיק, אָדער מאָראַלישע האַנדלונגען, פֿאַלט מען אַריין אין ווידערשפּרוכן פון וועלכע מען קען זיך ניט אַרויסדרייען. עס איז, מעגלעך, מער געשריבן געוואָרן וועגן עטיק, ווי וועגן וועלכן עס איז אַנדערן ענין און מען שטייט באַם אָנהויב. מען קען זיך פונם אָרט ניט רירן, ווייל ווי מען זאָל ניט דערקלערן דעם עצם עטיק, וועט עפּעס בלייבן הייגען אין דער לופטן, וואָס איז ניט דערקלערט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט ווייסט און פילט יעדער איינער אין וואָס עטישע האַנדלונג באַשטייט. פאַר אַ באַוויז, אַז מען ווייסט אין וואָס עטיק באַשטייט ברייינגט אַלעקסאַנדער די עשרת הדברות. ער איז ניט דער איינציקער וואָס ברייינגט זיי פאַר אַ באַוויז. זיי זיינען דער פּערמאַנענטער באַוויז פאַר אַלעמען און פאַר אַלע דורות.

פון איין זייט ווייסט יעדער איינער אין וואָס עטישע האַנדלונג באַשטייט, און פון דער צווייטער זייט פאַלט מען אַריין אין שוועריקייטן און אין ווידערשפּרוכן, ווען מען פּראָבירט דעפינירן און דערקלערן וואָס מען פאַרשטייט אונטער גוט און שלעכט. אַלעקסאַנדער ראַנגעלט זיך מיטן פּראָבלעם; וועט געמאַכט ווערן אַ פּאַרזוך אין קורצן אָנצואווייזן ווי ער פּרוּווט אים דערקלערן.

ווי אינם פּראָבלעם פון אמת און אין דער טעאָריע וועגן עסטעטיק, אַזוי איז וועגן עטיק זיין פּראָבער־שטיין די קאָהערענס (צוזאַמענהיינג) טעאָריע. ער קען אָבער דעם באַווייז ניט נוצן אויפן זעלבן אופן. אין די ערשטע צוויי האָט ער די רעאַליטעט פון דער וועלט, צו וועלכער זיי קענען צוריק געבראַכט ווערן און זיי פאַרגלייכן. אין עטישע האַנדלונגען קען ער צו אַזאַ פאַרגלייך ניט קומען; עס האָט אַ שייכות מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן און ניט מיט דער רעאַליטעט פון דער וועלט פאַר זיך.

אין עטיק האָט די קאָהערענס צו טאָן מיטן קאָלעקטיוון ווילן, וועט אים געגעבן ווערן דאָס וואָרט ער זאָל דערקלערן דעם ענין. ער זאָגט: „מיט דער פראַזע ‚קאָהערענס צווישן ווילנס‘ דערקלערן מיר נאָר אויף אַ מער סכאָלאַסטישן און טעכנישן אופן, דעם סאָציאַלן כאַראַקטער פון מאָראַל. אָבער די באַשטימטע ווילנס, וועלכע מיר האַלטן פאַר גוטע, אָדער שלעכטע, באַשטייען פון ווילנס פאַר באַשטימטע אָביעקטן און זיי ווערן גענומען מיט די באַטרעפנדע אָביעקטן. דער אָביעקט, וועלכער ווערט פאַרלאַנגט, איז אַ וועלכער עס איז פאַקט פון דער אויסערלעכער וועלט, וועלכן איך האָב פריער אין אידייע און דערנאָך רעאַליזיר איך אים אין פּראַקטיק. יעדער איינער פון די אָביעקטן נעמט אָן די פאָרמע פון אַ פּראָפּאָזיציע״.

ער גיט ביישפּילן פון פּראָפּאָזיציעס, וועלכע דענאָטירן איינגענטום וואָס באַלאַנגט צו עמיצן און ווייזט אָן, אַז דאָס מיינט עפּעס וועלן פון דער סביבה און ער ציט דעם שלוס, אַז „די סומע פון די פּראָפּאָזיציעס שטעלט צוזאַמען די באַדינגונגען פון וועלכע מאָראַלע אינסטיטוציעס, ווי איינגענטום, די פאַמיליע, ווערן אָנגעהאַלטן״.[1]

[1] איביד, ז. 276.

דאָס זיינען עס די אַנטוויקעלטע באַדינגונגען פאַר מאָראַלע האַנד־לונגען. איצט צו דער מאָראַלער האַנדלונג. ער זאָגט ווייטער: „דאָס גוטע איז אַזוי אַרום אַ סיסטעם, וואָס שטעלט צופרידן מענטשן דורך אַ גערעכטן ווילן" און ער ציט ווייטער אַ שלוס „אַט ווי אמת איז איינגעשלאָסן אין דער פאַראייניקונג פון דער רעאַליטעט צוזאַמען מיט די יעניקע, וועלכע באַזיצן דעם אמת, אַזוי געפינט זיך גוטסקייט ניט אינם בלויזן צופרידנ־שטעלן דעם אַפעטיט אַליין, און ניט דעם ווילן אַליין, נאָר אין דער פאַר־אייניקונג פון צופרידנגעשטעלטע אָביעקטן, צוזאַמען מיט די ווילנס, וועלכע האַלטן זיי אויף. מיט איין וואָרט: גוטסקייט באַלאַנגט צו די מאָראַלע אינ־סטיטוציעס גופא, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פונם קאָלעקטיוו לויט זיינע פאַרלאַנגען און עמאָציעס".[1]

אין אַלגעמיין איז עס ריכטיק: — גוטע אינסטיטוציעס זיינען דער פאַרקערפּערטער רעזולטאַט פונם גוטן ווילן פונם קאָלעקטיוו וואָס האָט זיי געשאַפן. אונטער אינסטיטוציעס פאַרשטייט ער די פאַמיליע, פרייהייט און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מענטשן. ער דערקלערט, אַז אונטער גוטן ווילן און די פאַרקערפּערונג פונם גוטן ווילן, מיינט ער אַ ווילן וואָס באַשטייט פון דעת הקהל און איז אין פאָלשטענדיקער האַרמאָניע (קאָהערענס) מיטן געזעלשאַפטלעכן סיסטעם.

דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, זיין געזעלשאַפטלעכע מאָראַל; זי דאַרף האַרמאָנירן מיטן כלל. אויב זי האַרמאָנירט ניט, ווערט זי צוריק געוויזן, ווייל זי איז ניט מאָראַליש. אויבן אויף זעט אויס ווי אַלץ שטימט; דאָס איז אָבער נאָר אויבן אויף; אַזוי גיך ווי מען רירט זיך צו דעם צו, צעפאַלט עס ווי אַ קאָרטן שטיבל, ווייל אונטער אַזאַ סכעמע קען אַלץ באַרעכטיקט ווערן; — וואָס עקזיסטירט איז אמת און ריכטיק, ווי העגעל האָט געזאָגט.

אינסטיטוציעס קענען זיין גוט פאַר איין דור און ווערן שלעכט פאַר אַ צווייטן דור, ווען די באַדינגונגען ענדערן זיך. אינסטיטוציעס ווערן אָבער פאַרגליווערט און פיקסירט און מען איז געצוואונגען צו מאַכן רעוואָלוציעס און אומוואַרפן די פאַרעלטערטע אינסטיטוציעס און שאַפן נייע, וואָס זאָלן שטימען מיט די געענדערטע באַדינגונגען. זיין געזעלשאַפטלעכע מאָראַל איז אַ בורזשואַזע מאָראַל; ער האָט פאָלשטענדיק פאַרזען דעם עקאָנאָמישן פאַקטער, וואָס איז פונדאַמענטאַל פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, און ווי זאָגט דזש. מק׳קאַרטי, וואָס האָט געשריבן אַ בוך וועגן אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע, אַז דער נאַצי שטאַט האָט געהאַט אַלע אַטריבוטן פון אַן עטישן שטאַט וואָס אַנבאַלאַנגט קאָאָרדינאַציע און דעת הקהל און געוויס וועט אים אַלעקסאַנדער ניט באַטראַכטן פאַר אַן עטישן שטאַט און די געזעלשאַפט וועט ער ניט באַטראַכטן פאַר אַ מאָדעל פאַר מאָראַל.

דער הויפּט חסרון פון אַלעקסאַנדערס אָפּהאַנדלונג וועגן מאָראַל אין זיין סיסטעם באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זי געוואָלט מאַכן פאַר

[1] איביד. ז. 277.

אַ טייל פון אַ פילאָזאָפישן סיסטעם אין וועלכן מאָראַל פּאַסט זיך לגמרי ניט אַריין; ער האָט געגעראַליזירט וועגן מאָראַל, ווי ער האָט גענעראַליזירט וועגן אמת לויט דער קאָהערענס (האַרמאָניע, צוזאַמענהאַנג) טעאָריע. מאָראַל איז צו אינדיווידועל און צופיל קאַפּריזנע, זי זאָל זיך לאָזן אַריינפּאַסן אין אַ נאַטוראַליסטישן מעטאַפיזישן סיסטעם אָן רעזערוואַציעס. דערצו האָט ער צופיל געהאַט ספּינאָזען אין אויג אין דער אָפּהאַנדלונג וועגן מאָראַל. עס זיינען פאַראַן פּלעצער וואָס דערמאָנען אין ספּינאָזען אַביסל מאָדערניזירט. ער זאָגט „טרינקען ווייַן איז פאַר זיך ניט קיין שלעכטס, צופיל טרינקען איז שלעכט. די ליידנשאַפט איז צופרידנגעשטעלט ביז דער פולער מאָס. דאָס קען זיין לעגיטים אין באַשטימטע קראַנקהייטן, עס איז אָבער ניט דערלויבלעך ווען עס שטערט דעם געזונט צושטאַנד, ווען עס שטערט צו אַרבעטן, אָדער דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן”.[1] ער טראָגט איבער דעם שווער פונקט אויפן יחיד וואָס איז אַן ענין פאַר זיך; עס פילט זיך אין דעם ספּינאָזעס ווירקונג.

עס איז נאָר וואָס באַמערקט געוואָרן, אַז זיין עטיק איז צופיל פאַרבונדן מיט זיין סיסטעם צו וועלכער ער פּראָבירט ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל זי רעדוצירן. ער זאָגט: „וואָס איז מאָראַליש שלעכט, צי אין כאַראַקטער, אָדער ווי אַ רעזולטאַט פון האַנדלונג, איז ענלעך אויף אַ טעות אין ספּעקולאַציע. עס איז אויסגעשלאָסן פונם סיסטעם פון גוטעס. ווי מיר האָבן געזען איז אַ טעות אַ רעאַליטעט, עס איז אָבער ניט קיין אמת. שלעכטקייט איז מער איינפאַך אַ רעאַליטעט, אָט אויף אַזויפיל ווי גוטסקייט; עס איז אָבער ניט גוט און עס האַרמאָנירט ניט מיט דעם וואָס איז גוט”.[2] דאָס איז אַן אָנווייז אויף זיין סיסטעם בכלל און אויף דער קאָהערענס טעאָריע בפרט.

אין 1913 האָט ער אָנגעשריבן אַן עסיי אונטערן נאָמען קאָלעקטיווער ווילן און אמת, וואָס איז באַשטאַנען מער פון פּסיכאָלאָגיע ווי פון פילאָזאָפיע, אויב מען קען מאַכן אַן אונטערשייד צווישן זיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן ענין אין וועלכן זיי זיינען שותפים... דאָס איז געווען מיט יאָרן פריער ווי ער האָט געשאַפן זיין סיסטעם. אין דער עסיי זיינען פאַראַן געדאַנקען, וועלכע ער האָט שפּעטער אינקאָרפּאָרירט אינם סיסטעם.

דער צענטראַלער געדאַנק פון דער עסיי איז, אַז קאָניישן (שטרעבן), וואָס באַלאַנגט צום ווילן, איז געקומען פריער און איז מער פונדאַמענטאַל ווי קאָגנישן (וויסן). שטרעבן איז אַ פּראַקטישער ענין וואָס באַלאַנגט צום לעבן גופא און וויסן איז אַ רעזולטאַט פון אַבסטראַקטן דענקען און איז געקומען שפּעטער לויטן לייטער פון עוואָלוציע. אַזוי ווי עטיק איז אַ פּראַקטישער ענין, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פונם ווילן און שטרעבן, איז עטיק, אין דער פאָרמע פון גוטעס און שלעכטעס, מער פונדאַמענטל

[1] איביד, ז. 280.
[2] איביד, ז. 280.

פון אמת און שיין. ער גיט אָבער צו, אַז אַזאַ טיילונג קען מען נאָר מאַכן טעאָרעטיש און מעטאָדאָלאָגיש און ניט אין ווירקלעכן לעבן וואו אַלע דריי אייגנשאַפטן קומען צוזאַמען. היסטאָריש, האַלט ער אָבער, האָבן גוט און שיין אַרויסגעשטראָמט פון עטישע איבערלעבונגען און שטרע־בונגען. דעם פונדאַמענטאַלן באַגריף, זאָגט ער, האָט ער גענומען ביי ספּינאָזען. אַז די מיינונג איז ניט קיין אָריגינעלע וואָלט מען אויך גע־וואוסט ווען ער זאָגט עס ניט; עס איז אַן אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג. דאָס וואָס ער האָט זי גענומען ביי ספּינאָזען איז וויכטיק דערמיט, וואָס ספּינאָזע איז אין זיין צייט ווירקלעך געווען אָריגינאַל.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז הגם ער אַליין האָט זיך שטאַרק אָנגעלענט אויף ספּינאָזען, זאָגט דער רעדאַקטאָר פון זיינע פאַר־בליבענע שריפטן, אַז אַלעקסאַנדער האָט אים געזאָגט, אַז דער ספּינאָזע קולט איז אין ענגלאַנד געפּערלעך איבערטריבן. עס איז אויך וויכטיק צו באַמערקן, אַז דאָ איז עטלעכע מאָל באַמערקט געוואָרן, אַז אַלעקסאַנדער האָט איבעראַל גענומען געדאַנקען. זאָגט לאָרד ליסטאָוועל, זיין אַ תלמיד און פאַרערער, אַז ער איז געווען אַזאַ גרויסער ענו, אַז ער האָט אַסך פון זיינע אייגענע געדאַנקען צוגעשריבן צו אַנדערע, ביי וועמען ער זאָל זיי האָבן געוווען גענומען. דאָס איז אַ זעלטענער נאָבעלער שטריך, יעדער איינער נעמט געדאַנקען און מיינונגען, וואו נאָר ס׳מאַכט זיך; ער שטעלט זיך ניט אָפּ צו אָנווייזן וואו ער האָט גענומען דעם באַטרעפנדן געדאַנק. אַלעקסאַנדער טוט עס אָפּט; זאָגט טאַקע לאָרד ליסטאָוועל, אַז ער איז געווען פאַרשווענדעריש, ער האָט זיינע אייגענע געדאַנקען צוגעשריבן צו אַנדערע.

אין 1928, נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין אַ לאַנגע צייט באַשעפטיקט מיט שרייבן וועגן עסטעטיק, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן עסיי אונטערן נאָ־מען: „מאָראַליטי עז ען אַרט". דער נאָמען דאַרף ניט גענומען ווערן ווער־טערלעך, נאָר אין אַ ברייטער קאָנאָטאַציע, אַז דער פּראָבלעם פון מאָראַל שליסט אין זיך איין אַן אַרטיסטישן עלעמענט. די עסיי איז געשריבן אין אַ לייכטן פרייעם טאָן, ווי אַלע זיינע עסייען; עס איז אין איר ביטאָ די שטייפקייט און דער פּעדאַנטיזם, וואָס הערשט אַזויפיל אין זיין סיסטעם.

ער הייבט אָן די עסיי מיט: „די מאָראַלישע אייגנשאַפט איז, ווי אמת, אַ קונסט פּראָדוקט; זי איז ניט פון די פיינע קונסט שאַפונגען . . . אין מאָראַל באַשעפטיקן מיר זיך מיט מענטשלעכע עמאָציעס און מיט מענטשלעכע פאַרלאַנגען פאַר מאַטעריאַלע אָביעקטן. דער פּראָבלעם, וועלכן די מאָראַל דאַרף לייזן, דאַרף זיין פּאַסענד צו קענען צופרידנשטעלן די עמאָציעס אויף אַ צווייפאַכן אופן: — אי וואָס אָנבאַלאַנגט דעם יחיד פאַר זיך, אי די פילע האַנדלונגען צווישן מענטשן" און ווייטער „גוטסקייט באַשטייט אין דער אַרטיסטישער אייגנשאַפט פון דעם הערד אינסטינקט; עס איז אַ לויזע אינסטינקט אייגנשאַפט, זי האָט פּלאַץ פאַרן רעוואָלו־

ציאָנערן מאָראַליסט, פאַר דעם וואָס קען אַריינפירן אַ נייעם סיסטעם פון גוטסקייט״.[1]

דאָס אַרטיסטישע אינם גרעגאָרישן אינסטינקט באַשטייט אין דעם, וואָס ער קען זיך אַזוי אָריענטירן, אַז ער זאָל קענען צופרידנשטעלן די עמאָציעס פונם יחיד און זאָל אים אין דער זעלבער צייט מאַכן פּיאַיק פאַר געזעלשאַפטלעכן צוזאַמען לעבן. זיין גוטסקייט באַשטייט אין דעם וואָס ער איז לויז און גיט אַ מעגלעכקייט דעם רעפאָרמער אַריינצופירן ענדערונגען אינם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן פונם מענטשן.

ווי מען קען זען איז אַלעקסאַנדערס צוגאַנג צום פּראָבלעם פון מאָראַל אין דער עסיי אַביסל אַן אַנדערער, ווי אין זיין סיסטעם. אינם סיסטעם האַלט ער אין איין ריידן וועגן קאָאָרדינאַציע, קאָהערענס און איבערהויפּט וועגן שייכותן פונם יחיד צום כלל. דער אַקצענט פאַלט ביי אים אויפן פיקסירטן געזעלשאַפטלעכן סיסטעם אין וועלכן דער יחיד דאַרף זיך אַריינפּאַסן. דער פּראָביר־שטיין פאַר גוטעס באַשטייט אין דער האַרמאָניע און דאָס שלעכטעס באַשטייט אין ניט קענען זיך אַריינפּאַסן אינם סיסטעם מיט די פיקסירטע אינסטיטוציעס.

אין דער עסיי באַטאָנט ער אויסדריקלעך, אַז דאָס גוטע אינם הערד אינסטינקט באַשטייט אין דעם, וואָס ער לאָזט פּלאַץ פאַרן רעוואָלוציאָנערן מאָראַליסט צו קענען רעפאָרמירן דעם סיסטעם און קענען אַריינפירן נייעס אין אים. געוויס איז קאָהערענס (האַרמאָניע) נויטיק פאַר אַ געזעלשאַפט־לעכן צוזאַמענלעבן; עס איז אָבער ניט דער איינציקער קריטעריום פון גוטעס. דאָס גוטע קען גראַדע באַשטיין אינם פאַרקערטן, אין דעם רעוואָ־לוציאָנערן אַקט פונם רעפאָרמער און דערפאַר גלאָריפיצירט ער דעם הערד אינסטינקט וואָס ער האָט געלאָזט פּלאַץ פאַר רעפאָרמען פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאָראַליסט. ער זאָגט: „די ריכטער וועגן דעם וואָס איז רעכט, אָדער אומרעכט, גוט אָדער שלעכט, באַשטימען זיך אַליין; זיי צווינגען אַרויף די צושטימונג אויף די איבעריקע. די וועלכע שטימען ניט איין, ווערן באַשולדיקט אַז זיי זיינען שלעכט, אָדער ניט מאָראַליש. דער סטאַנדאַרט וועגן רעכט איז אידייאיש פאַרקערפּערט אין דעם גוטן מענטשן און דער געוויסן פון יעדן יחיד איז דער רעגענט אין דעם אומפּאַרטייאישן אורטייל״.

אויב דאָס איז ניט אינגאַנצן קלאָר, זאָגט ער אַביסל ווייטער: „אין דער עקספּערימענטירענדער באַוועגונג קען אַרויסקומען איינער, וועלכער זאָל וועלן אַזאַ סכעמע פון לעבן, וועלכע זיינע מיט־מענטשן זאָלן ניט פאַרשטיין און זאָלן מיט איר ניט וועלן סימפּאַטיזירן . . . זיין אידעאַל קען פאַראויסזען אַ נייעם סאָציאַלן אידעאַל און ער זאָל אים פאַרלייגן מיט דער האָפענונג אַז ער וועט אַפּעלירן צו די איבעריקע מענטשן דורך אויפוועקן אַזאַ געפיל. דער נביא פון אַ נייער אָרדענונג ווערט ניט אַנערקענט פון די

[1] איביד: „ביוטי ענד אָדער פאָרמס או וואַליו״, זז. 235, 248.

פאַרעלטערטע מענטשן; אָבער ער קען געווינען זיין וועג און אַנערקענט ווערן שפּעטער".[1]

דאָס ציטירטע זעט אויס צו זיין אַ ווידערשפּרוך צו דער קאָהערענס (האַרמאָניע), וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק באַטאָנט אין זיין סיסטעם, און ווען מען נעמט קאָהערענס אין פּינקטלעכן זינען פון וואָרט, איז עס ווירקלעך אַ ווידערשפּרוך. אַזוי גיך ווי ער זאָגט, אַז דער אינסטינקט גיט דעם רעוואָלוציאָנער פריהייט אַריינצופירן אַ רעפאָרמע און אַז ס'איז אַפילו פאַראַן פּלאַץ פאַרן נביא, וועלכער זאָל קענען פאָראויסזען ענדערונגען, וועלכע מען וועט ערשט קענען אַריינפירן שפּעטער, ווען די געזעלשאַפט וועט רייף ווערן פאַר אַזוינע ענדערונגען, זאָגט ער זיך אָפּ פונם געזעלשאַפטלעכן סטאַנדאַרט פאַר מאָראַלישע האַנדלונגען און נעמט אָן דעם רעפאָרמער און דעם נביא, פאַרן וועג־ווייזער פון מאָראַל.

אין דער פּראַקטיק, אויב ניט אין טעאָריע, דאַרף מען די קאָהערענס טעאָריע ניט נעמען אין דעם איינפאַכן און אַבסאָלוטן זינען; אַפילו אינם סיסטעם, וואו ער האָט אַזוי שטאַרק באַטאָנט דעם געדאַנק פון קאָהערענס, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט זיין אַלגעמיינעם בליק, האָט ער ניט פאַרזען די ראָלע, וואָס דער יחיד שפּילט אין דער געזעלשאַפט. ווען ער זאָגט: „דאָס גוטע באַשטייט, פאָלגלעך, פון אַ סיסטעם פון די צופרידנגעשטעלטע פערזאָנען וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך גערעכטע פאַרלאַנגען", מיינט ער ניט קיין פאַרלאַנגען גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר ער שטרייכט אונטער, אַז זיי דאַרפן זיין גוט אינם מאָראַלן זינען.

דאָס זעט אויס צו זיין אַ פאַרכישופטער קרייז; פון איין זייט נעמט ער אָן קאָהערענס פאַרן סטאַנדאַרט און פון דער צווייטער זייט לאָזט ער דעם יחיד פריי ער זאָל קענען אַריינפירן אַן ענדערונג וואָס זאָל, מעגלעך, צעשטערן די קאָהערענס. זאָגט טאַקע מילטאָן קאָנוויץ אין זיין בוך וועגן אַלעקסאַנדערן אונטער נאָמען „אָן די נייטשור אָוו וועליו".[2] ווי ער זעט דעם ענין, ברענגט אויף דעם פּונקט אַלעקסאַנדערס עטישע טעאָריע צוזאַמען; ער ווייזט אויך אָן, אַז אויך אַנדערע דענקער ליידן פון דעם חסרון.

ס'איז ניט געווען זיין שולד וואָס ער האָט ניט געקענט אויפטאָן מער ווי אַנדערע פאַר אים און נאָך אים, האָבן אויפגעטאָן אויפן שווערן און קאָמפּליצירטן געביט וועגן דעם כאַראַקטער פון עטיק. ב. ראַסעל האָט שוין לאַנג פאָרגעלייגט, אַז עטיק זאָל באַטראַכט ווערן אין ביכער וועגן סאָציאָלאָגיע און זאָל אָפּגעטיילט ווערן פון פילאָזאָפיע. אין דער זעלבער צייט האָט ער אַ קאַפּיטל וועגן עטיק אין זיין ווערק וואָס האָט דעם נאָמען „פילאָסאָפיע". (ער טוט עס אויך אין זיין לעצטן בוך וועגן פּאָליטיק און עטיק).

אַלעקסאנדער האָט פאַר זיך געהאַט מער ווי איין פּראָבלעם אין

[1] „מאָראַליטי עז ען אַרט", זז. 56, 155.

[2] ז. 85.

זיין אָפּהאַנדלונג וועגן מאָראַל: 1) ווי אַ פילאָזאָף פון עוואָלוציע האָט ער אין זיין מעטאַפיזישן סיסטעם געדאַרפט אָנווייזן וויאַזוי עטישע באַגריפן זיינען אינם מענטשן אַנטשטאַנען אין איינקלאַנג מיט דער טעאָריע פון עוואָלוציע. זיין דערקלערונג איז, אַז זיי זיינען אַנטשטאַנען דורך דעם קאַמף וואָס דער מענטש האָט געדאַרפט פירן פאַר זיין עקזיסטענץ און ניט ווי אַ קעגנערשאַפט צום קאַמף, ווי טאָמאַס הוקסלי האָט אָנגענומען. די חיה פירט דעם קאַמף אויף אַ דירעקטן און אוממיטעלבאַרן אופן; דער מענטש האָט, אַ דאַנק זיין גרעגאַרישן אינסטינקט, קאָאָרדינירט זיין אַקטי־וויטעט מיט אַנדערע מענטשן אין געזעלשאַפטלעכן צואַמענלעבן, אַנטוויקלט רעגעלען צו קענען לעבן געמיינשאַפטלעך. עטישע באַגריפן האָבן זיך, לויט זיין אינטערפּרעטאַציע, אַנטוויקלט ווי אַ מיטל צו קענען געמיינ־שאַפטלעך געווינען דעם קאַמף. נאַטירלעך, אַז דער ענין עוואָלוציע איז ניט איינפאַך און דער פּראָצעס איז אויך ניט אַזוי איינפאַך ווי מען שטעלט זיך אים פאָר. אַלעקסאַנדער נעמט אָבער אָן, אַז דער צענטראַלער געדאַנק, ווי ער ווייזט אויף אים אָן, איז אַ ריכטיקער. ער זאָגט אין אַן עסיי לכבוד ע. קאַסירער: „איך נעם אָן, אַז פאַר דעם פאָלקאָמענעם באַגריף וועגן געשיכטע און איר אָנווענדבאַרקייט ניט בלויז אין שייכות צום מענטשנס אנגע־לעגנהייטן, נאָר אין שייכות צו דער גאַנצער נאַטור, דאַרפן מיר דאַנקען דאַרווינען".[1] ווי מען קען זען פירט ער דורך דעם עוואָלוציע באַגריף אויף דער גאַנצער ליניע.

ער האָט אין זיין רעאַליסטיש־מאָניסטישער מעטאַפיזיק געדאַרפט געפינען פּלאַץ פאַר דער קאָמפּליצירטער און קאַפּריזנער מענטשלעכער עטיק מיט אַלע אירע פאַרשיידענע ווידערשפּרוכן און זיך אויסהיטן פון וועלכן ס'איז דואַליזם. ער האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז זי איז ניט־מענטאַל, וואָס דאָס זאָל ניט מיינען.

מען דאַרף ווירקלעך זיין אַ בעלן צו באַטראַכטן עטיק פאַר עפּעס ניט־מענטאַלעס אין דער נאַטור.

עס קענען זיין מיינונגס פאַרשיידענהייטן צי דער פאַרזוך איז אים געלונגען. דער מחבר פון די שורות האַלט, אַז ס'איז אים ניט געלונגען און ס'איז ניט זיין שולד פשוט דערפאַר, וואָס ס'קען ניט געטאָן ווערן: — עטיק איז מענטאַל און קען גאָר אַנדערש ניט זיין. פאַקטיש גיט ער עס אומדירעקט צו.

2) אין זיין אַריינפיר צו די פון אים אַזוי אָנגערופענע, דריטע קוואַ־ליטעטן: אמת, שיינעס און גוטעס, זאָגט ער אויסדריקלעך, אַז די נאַטור האָט די פאַקטן וועגן די דריטע קוואַליטעטן. די אָפּשאַצונג קומט פון דעם מענטשן. די נאַטור האָט די בלום מיט אַלע אירע אייגנשאַפטן. די ריי־צענדע שיינקייט אין דער בלום באַשטייט פון אַ מענטשלעכער אָפּשאַצונג. די זאַכן און דערשיינונגען, געפינען זיך אין דער נאַטור; זייער אמת, אָדער

[1] „היסטאָריסיטי און טינגס", ז. 11.

ניט אמת, באַשטייט פון אַ מענטשלעכער אָפּשאַצונג. די נאַטור גיט דעם רויעם שטאָף פאַרן מענטשלעכן געברויך אינם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן; רעכט און אומרעכט, גוט אָדער שלעכט. זיינען מענטשלעכע עטישע באַגריפן. דער מענטשלעכער צוגאַב, ווי אַן אָפּשאַצונג, קען אויף קיין אַנדערן אופן ניט באַטראַכט ווערן ווי מענטאַל. אויב דאָס זאָל מיינען שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל און אויף אַ פּסיכישן טייל, איז פאַרפאַלן; ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה. עס אָנרופן מיט אַן אַנדער נאָמען וועט ניט ענדערן דעם פאַקט.

3) דריטנס האָט ער געדאַרפט געבן אַ סטאַטוס, אַ קריטעריום, אָדער ווי מען זאָל עס ניט אָנרופן, פאַר עטישע האַנדלונגען פון דעם יחיד, ווי אַ מענטשלעכע פּערזענלעכקייט און צו זיין שייכות מיט דער געזעלשאַפט. פאַר אים, ווי אַ רעאַליסט און אַ מאָניסט, וואָס האָט געדאַרפט קאַטעגאָריזירן מענטשלעכע עטישע האַנדלונגען, איז דאָס אַ גאַנץ שווערער ענין. די קאָהערענס טעאָריע, וואָס איז ניט איבעריקענס צופרידנשטעלנד ווי אַ קריטעריום פאַר אמת (וויסן און דענקען בכלל), און פאַר שיינעס (עסטעטיק), איז לגמרי ניט צופרידנשטעלנד ווי אַ קריטעריום פאַר עטישע האַנדלונגען. ווי עס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן, ברעכט זי ממש צוזאַמען ווען מען נוצט זי צו דעפינירן וואָס איז גוט, אָדער ניט גוט, רעכט, אָדער אומרעכט אינם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן. זיינע דערקלערונגען זיינען ניט ערגער פון די דערקלערונגען פון אַנדערע דענקער; מער ווי דאָס האָט ער ניט געקענט טאָן.

4) פערטנס האָט ער זיך אונטערגענומען צו באַוויזן ווי מאָראַל קען אינטערפּרעטירט ווערן ווי אַן אַרטיסטישע שאַפונג, אַז דער הערד אינסטינקט האָט פון איין זייט געווירקט, אַז מענטשן זאָלן קאָאָפּערירן צווישן זיך און זאָלן אויסאַרבעטן רעגעלן פאַרן געמיינשאַפטלעכן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן און פון דער צווייטער זייט האָט ער געהאָלפן דעם יחיד זיך צו באַפרייען פונם געזעלשאַפטלעכן צוואַנג, ווערן אַ רעפאָרמער און אַפילו אַ נביא און צוגרייטן אַן ענדערונג פאַר דער צוקונפט. דאָס אַלץ האָט ער געדאַרפט קאָאָרדינירן און אַריינברענגען האַרמאָניש אין אַן איינהייטלעכער מאָניסטישער וועלט. ער האָט עס געטאָן אויף וויפיל ס׳איז געווען מעגלעך.

אַלע, וואָס שרייבן וועגן אַלעקסאַנדערן, באַטאָנען אַז ער האָט באַזעסן אַ סינאָפּטישן פאַרשטאַנד: — ער האָט געקענט זען אַלע טיילן פון אַ פּראָבלעם אין זייער צוזאַמענהאַנג און דערפאַר איז אים געלונגען צו שאַפן אַ מעטאַפיזישן סיסטעם, וואָס מיטן אויסנאַם פון ספּענסערן, איז אין ענגלאַנד ניט געשאַפן געוואָרן פאַר דריי הונדערט יאָר.

צענטער קאַפּיטל

ווערטן אין אַלגעמיין.

אַלעקסאַנדער הייבט אָן דאָס קאַפּיטל וועגן ווערטן אין אַלגעמיין: „די דריטע קוואַליטעטן זיינען ניט די איינציקע ווערטן, כאָטש זיי זיינען די באַטרעפענדע ווערטן, וואָס ווען מען נעמט אין איינגען זינען, האָבן זיי אַ רעכט צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען. וועגן אַ ברייטערן זינען פון ווערטן איז דערמאָנט געוואָרן פריער ווען גוטעס און שלעכטעס איז באַטראַכט געוואָרן. אין די מענטשלעכע גרענעצן רעכענען מיר אָריך פאַר ווערטן די קוואַליטעטן דרייסטקייט אָדער דעם געזונט צושטאַנד. עס זיינען אויך פאַראַן אַ טייל עקאָנאָמישע ווערטן. דאָס, וואָס ווערטן קענען אין דעם מענטשן געענדערט ווערן, פירט צום געדאַנק, אַז אינם ברייטן זינען גרייכן ווערטן נידעריקער ווי דער מענטשלעכער מין. ס'איז מעגלעך, אַז ווערטן באַשטייען פון אַן אייגענשאַפט וואָס אַלע פּינאַלע (פיינעטס) באַזיצן".[1]

פון דעם אויסצוג קען מען זען פאַרוואָס ער האָט גענוצט דעם פאַר־קערטן מעטאָד: פריער באַטראַכט ער די דריטע קוואַליטעטן אמת, שיין און גוט און ערשט נאָכדעם באַטראַכט ער ווערטן אין אַלגעמיין. געוויינט־לעך טוט מען דאָס פאַרקערטע, מען דערקלערט דעם עצם און דעם כאַ־ראַקטער פון ווערטן אין אַלגעמיין און נאָך דעם באַטראַכט מען זיי באַ־זונדער. אַלעקסאַנדער האָט גענוצט דעם פאַרקערטן מעטאָד דערפאַר, וואָס מיט דער הילף פון אַן אַנאַלאָגיע איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ ברייטערער השערה, אַז ענלעכעס אויף ווערטן עקזיסטירט אין דער וועלט אין אַלגעמיין.

איידער די ברייטערע השערה וועט באַטראַכט ווערן, וועט אָנגע־וויזן ווערן אויף דער ראָלע וואָס די באַגריפן וועגן ווערטן שפּילן אינם מענטשלעכן דענקען. ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען זיינען זיי אַן אויסשליסלעכע מענטשלעכע אייגנשאַפטן. חיות ווערן אויסגעשלאָסן.

ווי באַקאַנט האָט היסטאָריש די רעליגיע אָוועקגעשטעלט דעם מענטשן אין דעם צענטער פון דער וועלט. גאָט האָט אַלץ אין דער וועלט באַשאַפן צוליב דעם מענטשן; דעם מענטשן האָט ער געגעבן פאַרשיידענע באַגריפן, נאַטירלעך, אויך די באַגריפן וועגן ווערטן. לויט דעם רעליגיעזן

[1] „ספּייס, טיים ענד דייעטי", באַנד 2, ז. 302.

דענקען, וואָס הערשט אויך איצט, זיינען די באַגריפן אַ חלק אלוהי ממעל. ווען מען נעמט גאָט פאַרן אויסגאַנגס פּונקט, האָט מען ניט קיין שוועריקייטן: — וואָס גאָט טוט איז רעכט. געוויס האָט אויך דער רעליגיעזער מענטש ספקות; די רעליגיע האָט אָבער אַ פּאַרטיקן תירוץ אויף אַלע ספקות.

דאָס איז איין וועג ווי באַגריפן וועגן ווערטן ווערן דערקלערט. דער צווייטער אופן איז דער פילאָזאָפישער אידעאַליזם, וואָס האָט געהערשט ביז דער לעצטער צייט. דער אידעאַליסטישער דענקער מוז ניט זיין קיין רעליגיעזער מענטש; עפּעס רעליגיעזעס איז שטענדיק פאַראַן אין זיין דענקען, ווען ער נעמט אָן, אַז די רעאַליטעט איז פונדאַמענטאַל גייסטיק. דער וועלט גייסט, וואָס איז גאָט, לייזט פאַר אים אַלע פּראָבלעמען. אין דער ווירקלעכקייט זיינען די ווערטן זיין אויסגאַנגס פּונקט: — די אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע איז באַזירט אויף דעם באַגריף וועגן ווערטן.

פון דער צווייטער זייט זיינען דער אויפקום און די אַנטוויקלונג פון ווערטן, איינער פון די שווערסטע פּראָבלעמען פאַרן רעאַליסטישן דענקער. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס אַלעקסאַנדער ווייזט נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל אָן אויפן שורש פון ווערטן אין דער אַקטיוויטעט פון חיות. געוויס באַגעגנט ער זיך מיט אַ היפּש ביסל שוועריקייטן: — ער טראַגט איבער מענטשלעכע באַגריפן אין די ספערן פון דער חיה וועלט אין וועלכער ער האָט ניט קיין שום פּאָזיטיוועס מיט וועלכן ער זאָל קענען באַקרעפטיקן זיין פונדאַמענטאַלן געדאַנק. ער קען ניט אָנווייזן אויף עפּעס וואָס זאָל זיין ענלעך אויף ווערטן אינם לעבן און אין דער אַקטיוויטעט פון חיות. ניט האָבנדיק אויף וואָס זיך צו שטיצן, נעמט ער זייערע נאַטירלעכע האַנדלונגען און רופט זיי אָן מיטן נאָמען ווערטן און זאָגט, אַז דאָס איז דער שורש פון וועלכן אינם מענטשן האָבן זיך אַנטוויקלט באַגריפן וועגן ווערטן.

וואָלט אינם באַנעם פון חיות געווען עפּעס קאָנקרעטעס אויף וואָס מען וואָלט זיך געקענט אָנשפּאַרן, וואָלט מען אים מיט פאַרגעניגן געדאַרפט נאָכפאָלגן דערפאַר, וואָס דער געדאַנק, אַז די נאַטור איז איינהייטלעך, איז ווי געוואונטשן פאַר אַ רעאַליסטיש געשטימטן מענטשן. צום באַדויערן איז, אויסער דעם געדאַנק גופא, האָט ער ניט קיין איין ווירקלעכן באַווייז, וועלכן ער וואָלט געקענט נוצן פאַר אַ שטיץ-פּונקט. ער ברייננגט די טעאָריע פון עוואָלוציע זי זאָל באַשטעטיקן זיין מיינונג. ער זאָגט: „מען האָט אָנגענומען, אַז דאַרוויניזם האָט ניט קיין פּלאַץ פאַר ווערטן. דאָס איז אַ טעות; דאַרוויניזם באַשטייט פון דער היסטאָריע ווי ווערטן זיינען דערשינען אין דער לעבעדיקער וועלט. דער דורכשניט מענטש דאַרף זיך ניט אַריינמישן אין דער פראַגע וועגן דעם אופן וויאַזוי דער דערפאָלגרייכער אָרגאַניזם איז אַרויסגעקומען, צי שטופּנווייז ווי דאַרווין האָט אָנגענומען, אָדער דורך מוטאַציעס. די דאָקטרין וועגן דעם נאַטירלעכן אויסקלייב דערקלערט ניט ווי טיפן ווערן פּראָדוצירט, אָדער וויאַזוי זיי האָבן

דערוואָרבן ווערטן. דאָס מיינט ניט, אַז זי איז גלייכגילטיק צו ווערטן, פאַרקערט, ס׳מיינט זי איז זייער פאַראינטערעסירט אין ווערטן. דער אמתער מיין איז, אַז ווערטן אַנטשטייען דורך דעם פאַרזוך פון טיפן אונטער אויסערלעכע באַדינגונגען, צי דורך דעם פאַרזוך, צי דורך זיינע אייגענע פיאיקייטן, אָדער אַדאַנק דעם צוזאַמענשטעל, זאָל אַ נייער טיפּ דערשיינען״.[1]

דער געדאַנק גופא איז אַ סימפּאַטישער; מען פילט אָבער ניט, אַז דער קאַמף צווישן חיות זאָל געווען זיין דער פאַרלויפער פון דער אַנט־וויקלונג פון באַגריפן וועגן ווערטן אין דעם מענטשן. מען זעט ניט קיין אינערלעכע שייכות צווישן דעם אומ׳רחמנות׳דיקן קאַמף און באַגריפן וועגן ווערטן. דער קאַמף האָט אַ ווערט (צוועק) פאַר חיות; די פראַגע איז צי ווען מען נוצט דאָס זעלבע וואָרט אין אַן אַנדער מיין, זאָל מען איגנאָרירן דעם אונטערשייד און מען זאָל זאָגן, אַז זיי מיינען די זעלבע זאַך? דער באַווייז, אַז די באַשטימטע האַנדלונג פון דער חיה האָט געפירט צו ווערטן באַגריפן אינעם מענטשן, ליגט ניט אין דעם טערמין, וואָס מען נוצט, נאָר אין דער באַשטימטער האַנדלונג גופא, אַז די באַטרעפענדע האַנדלונג פון דער חיה אַנטהאַלט אין זיך דעם שורש, וואָס האָט געפירט צום ווערטן באַגריף אינעם מענטשן, אַז צווישן די האַנדלונגען גופא איז פאַראַן אַן אינערלעכע שייכות.

אַלעקסאַנדער מאַכט ניט דעם קלענסטן פאַרזוך צו באַווייזן, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ שייכות צווישן דער חיה און דעם מענטשן. ער זאָגט: „די גראַ־דאַציעס צווישן די פאַרשיידענע פאָרמען פון ווערטן אין מענטשן פון די דריטע קוואַליטעטן, וועלכע זיינען ווערטן אינעם שטרייבגען זינען פון וואָרט, ביז די נידעריקסטע אינסטינקטיווע ווערטן, דורך די פאַרשיידענע גראַ־דאַציעס פון צוזאַמענגעמישטע ווערטן, אַזוי גוט ווי די עקאָנאָמישע ווערטן, גרייטן אונז צו צו אויסגעפינען, אַז ווערטן עקזיסטירן נידעריקער פונעם מענטשן, אָדער אין זיין רעפלעקטיוון באַוואוסטזיין און זיי געפינען זיך אין זייערע עסענציעלע שטריכן אויך אויפן נידעריקן גראַד פון לעבן אין חיות ווי אין פלאַנצן. עס קומט ניט פאָר קיין ענדערונג אין די אינערלעכע שטריכן פון די ווערטן, נאָר אין די אָביעקטן, וועלכע ווערן געשאַצט לויט זייערע פאַרשיידענע גראַדן״.[2]

אויב ריכטיק פאַרשטאַנען, מיינט דער קאָמפּליצירטער אויסצוג, אַז פון די פאַרשיידענע גראַדאַציעס אין ווערטן, ווי אינסטינקטיווע, עקאָ־נאָמישע, ביז דעם רעפלעקטיוון דענקען, זיי אַלע גיבן אַ רעכט צו באַ־שטימען, אַז ווערטן עקזיסטירן אויך אין די האַנדלונגען פון חיות און אַפילו אין פלאַנצן. עס זאָל מיינען, אַז ניט ווערטן ענדערן זיך, נאָר די טרעגער (סוביעקטן) און מיט זיי ענדערט זיך אויך דער כאַראַקטער פון די ווערטן, אָבער ניט דער עצם פון די ווערטן גופא.

---

[1] איביד, ז. 309.

[2] „ספּיס, טיים ענד דייעטי״, באַנד 2, ז. 307.

אַלעקסאַנדערס פריינט און זיין פילאָזאָפישער יורש, דזש. ליירד, האָט געשאַפן אַ טעאָריע פון ווערטן, וואָס גרייכט אַפילו נידעריקער פון לעבעדיקע אָרגאַניזמס; עס זאָל מיינען, אַז אַלע זאַכן אין דער וועלט האָבן אַן אינערלעכע שייכות צווישן זיך אין דער פאָרמע פון כימישער אַפיניטעט. ער רופט זיין טעאָריע אַן „נאַטירלעכער אויסקלויב״ (נעטשוראַל עלעקשן). אַלעקסאַנדער האָט די טעאָריע (דאָקטרין) אָנגערופן דער וויכטיקסטער ביישטייער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו דער פילאָזאָפיע פון ווערטן.

וואָס אָנבאַלאַנגט כימישער אַפיניטעט האַנדלט זיך וועגן אַ פאַקט, וועגן די שלוסן, וואָס ליירד ציט פונם פאַקט און אַלעקסאַנדערס ספּעקו־לאַציעס מיט דער הילף פון אַנאַלאָגיעס בכלל, האָט מען אַ רעכט צו גלויבן, אַז ביי זיי איז דער וואונטש דער פאָטער פונם געדאַנק ביז אַ גאָר גרויסן גראַד.

דאָס פירט צו דער פראַגע: ווי ווייט קענען אַנאַלאָגיעס (פאַרגלייכן) באַטראַכט ווערן פאַר דעמאָנסטרירטע באַווייזן אַפילו אין פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס? אַנאַלאָגיעס זיינען זייער נוצלעך ווען מען וויל אילוסטרירן אַ געדאַנק, זיי העלפן אים אַרויסברייננגען אויף אַ קלאָרן און קאָנקרעטן אופן. זיי זיינען אָבער אָפט פאַרפירעריש ווען מען נוצט זיי פאַר אַ באַווייז אַז דער באַטרעפענדער געדאַנק איז אַ ריכטיקער. זאַכן און דערשיינונגען קענען אויסזען ענלעך און אין דער זעלבער צייט זאָלן זיי זיין פאַלשטענדיק פאַרשיידן. דאָס קען זיין דער פאַל אַפילו ווען די ענלעכקייט איז אַ גענויע, אַ פשיטה שוין ווען זי איז אַן אויבערפלעכלעכע, אויב ניט קיין צוגע־טראַכטע.

אַלעקסאַנדערס אַנאַלאָגיעס באַלאַנגען צו דער לעצטער קאַטעגאָריע; מען האָט אַ רעכט צו צווייפלען אין דעם וואָס ער נעמט אָן פאַר פאַקטן און ער ציט פון זיי שלוסן אַנאַלאָגיש: מען באַטראַכט ניט פאַר קיין פאַקט זיין אָנגענומענעם דואַליזם פון קערפּער און פאַרשטאַנד. געוויס נעמט ער גופא ניט אָן קיין אַקטועלן דואַליזם; ער איז אַן אויסגעהאַלטענער מאָ־ניסט. אָבער אַפילו זיין פאָרמאַלע טיילונג בלויז ווי ספּעקולאַטיוו ווערט ניט אָנערקענט און נאַטירלעך, קענען זיינע אַנאַלאָגיעס, וואָס ער ציט פונם קערפּער־פאַרשטאַנד פאַרגלייך, ניט אָנגענומען ווערן און זיי ווערן ניט אָנגענומען.

זיין אָפּהאַנדלונג וועגן עסטעטיק איז געוויס אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט און אויסלאָזנדיק פאַר אַ מאָמענט זיין אַלגעמיינע טעאָריע, דאַרף מען צוגעבן אַז זיין ביישטראַג איז באַדייטענד כאָטש ער קען ניט פאַרגליכן ווערן מיט קראָטשן און סאַנטיאַנען. וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער זיין אַנאַלאָגישן שלוס וועגן קאָסמישער קרעאַציע, מעג מען באַוואונדערן זיין רייכע פאַנטאַזיע; מען האָט אָבער אַ רעכט צו צווייפלען צי עמיצער דענקט וועגן אים ערנסט.

איצט צו דער אַנאַלאָגיע וועגן דעם אורשפּרונג און כאַראַקטער פון ווערטן בכלל: אַלעקסאַנדער איז געווען אַ זייער ערנסטער דענקער און

האָט באַזעסן אַ גאָר דייכע פאַנטאַזיע. ווען ער האָט אָנגענומען אַ רעאַ־ליסטישן בליק אויף דער וועלט און האָט אָנגעהויבן צו דענקען אין טער־מינען פון קאָסמישער עוואָלוציע, איז געווען נאַטירלעך ער זאָל אָננעמען אַז אַן איינהייטלעכער גאַנג הערשט אין דער וועלט. אַלע נאַטור פּראָצעסן קומען פאָר רעגלמעסיק: — פלאַנצן האָבן אַן איינהייטלעכן גאַנג; חיות באַנעמען זיך אויף אַ באַשטימטן צוועקמעסיקן אופן און מענטשן האָבן אַנטוויקלט פאַרשיידענע באַגריפן וועגן די ווערטן שיין, אמת און גוט. האָט ער געצויגן דעם שלוס, אַז אַלץ איז אונטערוואָרפן אַן איינהייטלעכן גאַנג. אַזויווי די מענטשלעכע באַגריפן וועגן ווערטן באַשטייען פונם לעצטן שטאַפּל פונם עוואָלוציע לייטער, איז פאַרוואָס ניט פּראָבירן גיין גע־דאַנקלעך אויף צוריק און זען וויאַזוי די נאַטור האָט פאַרמירט דעם לייטער? זיין מעטאַפיזישער סיסטעם באַשטייט פון אַן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס ער האָט זיך געשטעלט און זיין ספּעקולאַציע וועגן ווערטן אינם גאָר ברייטן זינען, איז אַ טייל פונם ענטפער וואָס ער גיט.

דאָ בעט זיך אַן אַלגעמיינע דערקלערונג וואָס וועט העלפן קלאָר מאַכן דעם ענין אין אַלגעמיין: דער אידעאַליזם האָט געהערשט אין דער פילאָ־זאָפיע דערהויפּט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ דייטשישער פּראָדוקט וואו ס'איז געווען אַ פאַלשטענדיקע שפּאַלטונג צווישן די וויסנשאַפטלער און די ספּעקולאַטיווע דענקער ווייל די וויסנשאַפט האָט זיך איבערהויפּט שפּעט אַנטוויקלט אין דייטשלאַנד. קיין ענגלאַנד איז דער דייטשישער פּראָדוקט געבראַכט געוואָרן נאָך דעם ווי לאָקס דואַליזם האָט צוזאַמענ־געבראַכן און יום האָט דעם דענקען צוגעפירט צו סקעפּטיציזם. אין דעם לײדיקן פּלאַץ, וואָס איז דורך דעם געשאַפן געוואָרן, האָט זיך אַריינגע־כאַפּט דער נעאָ העגעליאַניזם, וואָס האָט געהערשט ביז דאַרווין האָט געגעבן אַ נייעם שטויס דעם דענקען.

דער דייטשישער אַבסטראַקט־מעטאַפיזישער פּראָדוקט האָט זיך בכלל ניט אַריינגעפּאַסט אינם ענגלישן עמפּירישן דענקען און געוויס האָט ער זיך ניט געפּאַסט צום ביאָלאָגישן אויסגאַנגס פונקט מיטן עוואָלוציע באַגריף.

דער אַלטער מאַטעריאַליזם האָט געהאַט אַ שלעכטן אָנהויב ווייל, ווי אַלעקסאַנדער דענקט, מען האָט אים שלעכט פאַרשטאַנען. אין אַן עסיי אונטערן נאָמען „נאַטוראַליזם און ווערט" (נייטשוראַליזם ענד וועליו) ווייזט ער אָן, אַז הגם ספּינאָזע איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער נאַטוראַ־ליסט, האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ באַגריף וועגן ווערטן, וואָס, ווען מען מאָדיפיצירט אים, איז ער נאָך ריכטיק ביזן הייטיקן טאָג.

די עסיי באַשטייט פון אַן אינטערפּרעטאַציע פון ספּינאָזעס באַגריף וועגן ווערטן. פון איין זייט האָט ער פאַרטיידיקט אַ מעכאַניסטישן בליק (אויסגעשפּרייטקייט) און פון דער צווייטער זייט האָט ער אין דער זעלבער רעאַליטעט געהאַט דענקען, וואָס האָט אים געפירט אַרויסצוברענגען די פּסיכאָלאָגיע פון די עמאָציעס און פון מענטשלעכע ווערטן באַזירט אויף זיי.

אַלעקסאַנדער בלייבט ניט שטיין ביי ספינאָזעס פּסיכאָלאָגישער אינ־טערפּרעטאַציע, ער גייט ווייטער. ער נעמט אָן אַן עפּיסטעמאָלאָגישע אינ־טערפּרעטאַציע לויט וועלכער ער שליסט אייַן דעם קאָנטאַקט מיט דער סביבה (מאַטעריאַל), אַז ווערטן באַגריפן זאָלן אַנטשטיין. דאָס איז פריער דערקלערט געוואָרן ווען די דריטע קוואַליטעטן זייַנען באַטראַכט געוואָרן. אַזאַ אינטערפּרעטאַציע איז אָבער מעגלעך געוואָרן נאָך דעם ווי דער עוואָלוציע באַגריף איז אָנגענומען געוואָרן; ספינאָזע האָט דעם באַגריף ניט געקענט האָבן.

אויך אידעאַליסטישע דענקער האָבן געהאַט שוועריקייטן ווי צו דערקלערן דעם אורשפּרונג און כאַראַקטער פון ווערטן באַגריפן. ווען אָבער מען נעמט אָן, אַז אינם מענטשלעכן דענקען גופא געפינט זיך דער וועלט גייסט און ווען דו דענקסט, דענקט די רעאַליטעט אין דיר, איז דאָס איבעריקע ניט מער ווי אַ פראַגע פון דיאַלעקטיק. אויף אויסטייטשן איז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד אַ מאָדים: — ער האָט שוין ווי עס איז דערקלערט דעם ענין.

דער דריטער אופן ווי צו דערקלערן די ווערטן איז אומדירעקט אָנגעוויזן געוואָרן אין ספינאָזעס אינטערפּרעטאַציע. ווערטן ווערן באַ־טראַכט פאַר זיך אָן וועלכער עס איז דירעקטער פאַרבינדונג מיט מעטאַ־פיזיק.

עס זייַנען פאַראַן אַסך צוגאַנגען ווי צו דערקלערן ווערטן באַגריפן. דער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג פון דער ווינער גרופּע, ווי ברענטאַנאָ, עהרענ־פעלס און מעינונג; ב. ראַסעל קען אויך צוגערעכנט ווערן צו דער גרופּע, אויב ער האָט ניט געענדערט זיין מיינונג. דער עקאָנאָמישער צוגאַנג פונם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, דער פּסיכאָאַנאַליטישער צוגאַנג און דער זעלבסטשטענדיקער צוגאַנג, אַז דער ווערטן באַגריף איז אייגענאַרטיק; וואָס דאַרף גענומען ווערן אָן וועלכער ס'איז דעפיניציע. דער וויכטיקסטער פאַרטיידיקער פון דער מיינונג איז דער ענגלישער דענקער נ. ע. מאָאָר. דאָס וואָס ס'זייַנען פאַראַן אַזויפיל צוגאַנגען צום פּראָבלעם פון ווערטן איז אַ באַווייַז, אַז ער האַלט ניט ביי געלייזט ווערן אַזוי גיך.

אין דער לעצטער צייַט איז צוגעקומען דער רעאַליסטיש־מעטאַ־פיזישער צוגאַנג ווי וויטהעדס מעטאַפיזיק, רוי וואוד סעלאַרס, אַלעק־סאַנדער און וויניקער באַקאַנטע דענקער, האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו דערקלערן דעם אורשפּרונג און כאַראַקטער פון ווערטן. פון אַלע מעטאַ־פיזישע צוגאַנגען איז אַלעקסאַנדערס דער אייַנפאַכסטער; ער איז מער נאַטירלעך און זעט אויס צו זיין דער נאָענטסטער צו די פאַקטן וואָס מען ווייסט.

דער קורצער איבערבליק איז געגעבן געוואָרן כדי אָנצואווייַזן, אַז אַלעקסאַנדער האָט פאַר זיין שטאַנדפּונקט ניט געהאַט קיין צעאַקערטן פעלד; ער האָט געדאַרפט אָנהויבן פון אָנהויב. ווי אַ מעטאַפיזיקער, וואָס איז געווען מער פאַראינטערעסירט אין זיין רוים־צייַט מעטאַפיזיק, אין

די קאַטעגאָריעס און אין דייעטי (דאָס געטלעכע), וואָס דאַרף ערשט קומען, איז ער ניט געווען צו שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די איינצעלהייטן פון זיין סיסטעם. ער גיט זיי אָפּ אַ זייער קליינעם פלאַץ. די אָפּהאַנדלונג וועגן די ווערטן איז זייער אַ מאָגערע אין זיין סיסטעם. ווען אָבער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין סיסטעם, האָט ער זיי דערגאַנצט מיט עסייען.

ווען די דריטע קוואַליטעטן זיינען באַטראַכט געוואָרן זייגען די עסייען גענומען געוואָרן פאַרן אויסגאַנגס פונקט; אויך איצט וועלן זיי גענומען ווערן פאַר אַן אַנהויב אין דער באַטראַכטונג וועגן ווערטן בכלל. פון זיי קען מען זען זיין אויסגאַנגס פונקט מער ווי פונם קורצן קאַפּיטל אין דעם סיסטעם.

דער אַנהויב וועט געמאַכט ווערן מיט איינער פון זיינע לעצטע עסייען; זי טראָגט אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, גיט זי אַן אַריינבליק אין זיין דענקען. דער נאָמען פון דער עסיי איז „היסטאָריסיטי און טיגגס" (דער היסטאָרישער כאַראַקטער פון זאַכן). ער הייבט אָן מיט דעם, אַז „היסטאָריע פאָדערט פון אונדז, אַז ווען מיר נוצן דערפאַרונג וועגן זיך גופא, זי זאָל אונדז העלפן צו אינטערפּרעטירן די וועלט, דאַרפן מיר זיך ניט באַטראַכטן פאַר מער ווי מיר זיינען . . . אָבער היסטאָריע פאָדערט פון אונדז אין דער זעלבער צייט מיר זאָלן זיך ניט נעמען פאַר ווייניקער פון דעם וואָס מיר זיינען. פון אַלע זאַכן אין דער וועלט זיינען מיר צו זיך גופא די נאָענטסטע און ווען מיר זיינען פאַרזיכטיק גענוג קענען מיר זיך לייכט פאַרשטיין. מיר געפינען זיך אינם צענטער. די צענטראַלע דער־פאַרונג, וואָס מיר האָבן וועגן זיך זעלבסט, קען פאַר אונדז באַלייכטן די פּערעפעריע פון דערפאַרונג, וועלכע איז ניט אונדזער אַן אייגענע".[1] עס מיינט, אַז אַזויווי מיר וויסן וועגן זיך מער ווי מיר וויסן וועגן עפּעס, וואָס געפינט זיך אויסער אונדז, דאַרפן מיר אַנאַלאָגיש אָננעמען, אַז אַלץ אין דער וועלט קומט פאַר אויפן זעלבן שטייגער. מיר זיינען אַ טייל פון דער נאַטור און מיר דאַרפן זיך ניט באַטראַכטן פאַר קיין אויסנאַם אין איר.

דעם מעטאָד פון אַנאַלאָגיע (גזירה שוה, איינפאַך: פאַרגלייך) פירט ער דורך אויף דער גאַנצער ליניע פון זיין פילאָזאָפישער ספּעקולאַציע. דער אַנאַלאָגישער מעטאָד דאַרף גענומען ווערן צוזאַמען מיט זיין נאַטור־רעאַליזם און דעם עוואָלוציע באַגריף: די נאַטור איז איינהייטלעך, זי האָט ניט קיין אויסנאַמען. ער נעמט דעם קערפּער פאַרשטאַנד ווי אַ צוויי־איינקייט פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט און פירט דעם פאַרגלייך אויף דער גאַנצער ליניע. רוים, פון רוים־צייט, איז דער קערפּער און צייט איז דער פאַרשטאַנד (מאַינד); מאַטעריע איז דער קערפּער און לעבן איז דער פאַר־שטאַנד און אַז. וו. ווען דייעטי וועט קומען, וועט די גאַנצע וועלט זיין דער קערפּער און דייעטי וועט זיין דער מאַינד.

דאָס איז איין אַנאַלאָגיע. די צווייטע אַנאַלאָגיע ברייננט ער אַריין

[1] ז. פילאָס. ע. היסטאָרי, ז. 22.

אין זיין עסיי „אַרטיסטישע קרעאַציע און קאָסמישע קרעאַציע". אַזויווי מיר זיינען באַקאַנט מיטן פּראָצעס ווי דער קינסטלער שאַפט קונסט, דאַרפן מיר אָננעמען, אַז אויפן זעלבן אופן איז דער קאָסמאָס געשאַפן געוואָרן. דער פּראָצעס איז אַן איינהייטלעכער; דער מענטש איז ניט קיין אויסנאַם אין דער נאַטור. אַלץ אין דער נאַטור איז געשאַפן געוואָרן אויפן זעלבן אופן.

איצט צו דער דריטער אַנאַלאָגיע. אַזויווי מיר ווייסן וועגן דעם אורשפּרונג און דעם כאַראַקטער פון ווערטן באַגריפן אינם מענטשן, דאַרפן מיר אַנאַלאָגיש באַטראַכטן די האַנדלונגען פון חיות אויף דעם זעלבן אופן. די נאַטור האָט ניט קיין אויסנאַמען. געוויס האָבן קיין חיות ניט אַזוינע באַגריפן ווי מענטשן האָבן, דאַרפן זיי גענומען ווערן לויט זייערע האַנדלונגען און די האַנדלונגען אינטערפּרעטירן אויפן זעלבן שטייגער ווי מענטשלעכע ווערטן באַגריפן ווערן אינטערפּרעטירט, נאַטירלעך מער פּרימיטיוו.

אַ פּאָר אויסצוגן וועלן באַווייזן, אַז ער איז גאַנץ ערנסט וועגן זיין מעטאָד צו נוצן אַנאַלאָגיעס פאַר באַווייזן. ער זאָגט: „די ווערט פון נוצן אַנאַלאָגיעס ליגט אין זייער שייכות; זיי זיינען פאַרפירעריש ווען זיי זיינען ניט צוגעפּאַסט צו דער נייער סיטואַציע. אַן אילוסטראַציע פון פּסיכאָלאָגיע און ביאָלאָגיע, באַווייזט ווי אַזאַ פאַרנאַכלעסיקייט האָט געפירט צו דעם, וואָס מען האָט פאַר אַ לאַנגער צייט ניט פאַרשטאַנען, אַז דער אינסטינקט האַנדעלט לויט אַן אויסדריקלעכן צוועק. געוויסע אַבזערוואַציעס, וואָס זיינען באַפרייט פון אַנטראָפּאָמאָרפישע, אָדער פון פּאַטעטישע טעותן, האָבן באַוויזן אַז נידעריקער פונם צושטאַנד פון שטרייגנגען צוועק געפינט זיך עפּעס, וואָס זעט אויס ווי אַ צוועק, אָדער פון וועלכן אַ צוועק איז אַן אויסדריקלעכע פאָרמע, און וואָס איז ניט מער ווי פון פריער אָראַנזשירטעס, לויט וועלכן איין טראַט אין דעם קאָמפּלעקס פון באַוועגונגען גרייט צו און פירט צום צווייטן טראַט. מיר קענען עס אָנרופן ניט באַוואוסטזיניקער צוועק. פון דעם קענען מיר לערנען וועגן אַ צוועק, וועלכן מיר האָבן פריער ניט פאַרשטאַנען".[1]

ווען מען באַפרייט דאָס ציטירטע פון זיין שווערער און קאָמפּליצירטער שפּראַך, מיינט עס איינפאַך: ווען מיר גייען אַראָפּ צו די נידעריקערע שטאַפּלען פונם עוואָלוציע לייטער, דאַרפן מיר אין זינען האָבן, אַז די האַנדלונגען פון חיות שליסן אין זיך איין אינסטינקטיווע אַקטיוויטעטן, וואָס זיינען ענלעך אויף אַ צוועק אין מענטשלעכע האַנדלונגען; זיי זיינען געוויס אין אַ זייער רודימענטאַרער פאָרמע; זיי זיינען אָבער פונדאַמענטאַל ניט פאַרשיידן פון האַנדלונגען, וועלכע שליסן אין זיך איין אַ צוועק. מיר קענען עס אָנרופן ניט באַוואוסטזיניקער צוועק. ווען מיר האָבן דאָס אין זינען, קענען מיר, לויט דעם פאָרשונגס מעטאָד, אויסגעפינען דאָס, וואָס מיר האָבן פריער ניט פאַרשטאַנען.

[1] זע „פילאָסאָפיקל ענד ליטעראַרי פּיעסעס", ז. 268.

אַז דאָס איז זיין מיין וועט איבערצייגן אַ צווייטער אויסצוג אויך אַ שווערער, ווען אָבער מען פאַרשטייט אים, דערקלערט ער דעם ערשטן אויסצוג. ער זאָגט אַביסל נידעריקער: „דאָס שווערסטע איז דאָס וואָס זעט אויס גאַנץ איינפאַך. מיר קענען און מיר מוזן צו דעם צוטרעטן פון דעם, וואָס איז קאָמפּליצירט. אָבער אויב מיר אידענטיפיצירן דאָס איינפאַכע מיט דעם קאָמפּליצירטן, פאַרלירן מיר דעם זינען פוןביידען. ווען מיר נוצן אונדזער וויסן וועגן דעם קאָמפּליצירטן ריכטיג צו אינטערפּרעטירן דאָס איינפאַכע, לאָזן מיר אויס די באַגרינדונגען, וועלכע פאַרמירן דאָס קאָמפּליצירטע. עס איז זייער אַ שווערער ענין, ער פאָדערט אַ היפּש ביסל שווערע אַרבעט". [1]

ניט נאָר איז אַ שווערע אַרבעט צו פאַרשן דעם ענין, ס'איז אַפילו שווער צו כאַפּן זיין מיין. ער מיינט, אַז ווען מיר נעמען דעם מענטשן פאַרן אויסגאַנגס פּונקט, ווי ער האַנדעלט לויט אַ צוועק, וועלכן ער וויל דערגרייכן, דאַרפן מיר אַנאַלאָגיש אויך דענקען אַזוי וועגן דעם אויפפיר פון חיות. אויך זיי האַנדלען לויט אַ צוועק אויף אַ ניט באַוואוסטזיניקן אופן. ווען מען האָט אין זינען דעם אונטערשייד צווישן דעם מענטשן און דער חיה, קען מען איבערגיין פונם קאָמפּליצירטן און פאַרשטענדלעכן צום איינפאַכן און ניט פאַרשטענדלעכן. מיט דער הילף פונם קאָמפּליצירטן, וואָס איז פאַרשטענדלעך, קען מען אינטערפּרעטירן דאָס איינפאַכע אַזוי, אַז ס'זאָל ווערן פאַרשטענדלעך.

דער פּועל יוצא פון דעם שווערן ענין איז, לויט זיין מיינונג, אַז ניט נאָר מעג מען נוצן אַנאַלאָגיעס, נאָר מען מוז זיי נוצן ווען מען וויל דערקלערן דעם עוואָלוציע פּראָצעס. נאַטירלעך, אַז מען דאַרף וויסן וויאַזוי זיי צו נוצן אום זיי זאָלן געבן די ריכטיקע אינפאָרמאַציע. אַלעקסאַנדער איז געווען זיכער, אַז ער האָט גענוצט די אַנאַלאָגיעס אויף אַ ריכטיקן אופן. ניט אַלע וועלן מיט אים מסכים זיין.

ווען מען איז אַ רעאַליסט און מען נעמט אָן דעם עוואָלוציע באַגריף, ווערט דער געדאַנק וועגן אַן איינהייטלעכן גאַנג אין דער נאַטור ממש אַרויפגעצוואונגען. מען קען ניט דענקען וועגן אַ כאַאָטישער וועלט פון פאַרשיידענע עקזיסטענצן, אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע, וועלכע זאָלן ניט האָבן קיין שום שייכות צווישן זיך, ווען אין דער זעלבער צייט איז מיט וואָס מען זאָל ניט קומען אין באַרירונג, צייגט עס, אַז אַן איינהייטלעכער פּראָצעס קומט פאָר אויף ווי ווייט מען קען פאַרשן. דערפון דאַרף מען ציען דעם שלוס, אַז דאָס, וועגן וואָס מען ווייסט ניט, איז לויט דער טעאָריע פון וואַרשיינלעכקייט, אויך אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט אויף דעם זעלבן אופן, ווי דאָס וועגן וואָס מען ווייסט.

דאָס דאַרף מען געוויס אָננעמען; עס מיינט אָבער ניט, אַז מען מוז אַלץ דערקלערן. זאָגט דאָך אַלעקסאַנדער אַליין וועגן אייניקע ענינים, אַז

---

[1] איביד, ז. 269.

ער נעמט זיי אָן מיט נאַטירלעכער פיעטעט און בייגט דעם קאָפּ פאַרן פאַקט כאָטש ער קען אים ניט דערקלערן.

דאָס מעג מען אויך זאָגן וועגן זיין ברייטער גענעראַליזאַציע וועגן דעם פּראָבלעם פון ווערטן בכלל: — זיין גראַנדיעזע גענעראַליזאַציע וועגן אַלץ מיט אַלעמען אין דער וועלט איז געוויס אויסער געוויינטלעך אינטע־רעסאַנט, זי איז אָבער ניט איבערצייגענד. מען מוז ניט גיין אַזוי ווייט מיט אַנאַלאָגיעס, ווען מען האָט פאַר זיך איינפאַכע עמפּירישע פאַקטן, וועלכע קענען אָנצייגן אויפן גאַנג פון דער נאַטור אין אַלע אירע מאַני־פעסטאַציעס, הגם זיי דערקלערן אים ניט.

אַלעקסאַנדער רעגט דעם פאַרשטאַנד און ער גיט פליגל צו דער פאַנטאַזיע. מען דאַרף אָבער זיין אַ ראָמאַנטיקער מען זאָל אים קענען נאָכפאָלגן אין זיינע ספּעקולאַציעס. ווען מען איז ניט קיין ראָמאַנטיקער און מען האָט אַ שטריינג וויסנשאַפטלעכע נייגונג, ווילט זיך טרעטן אויף דער האַרטער ערד און נאָכפאָלגן אַ וויסנשאַפטלער און ניט קיין מעטאַ־פיזיקער. נאָך אַלעמען איז לויד מאָרגען דער טעאָרעטיקער און באַגרינ־דער פון דער פילאָזאָפיע פון דער עמערגענטער עוואָלוציע און כאָטש ער האָט סימפּאַטיזירט מיט זיין פריינדס מיינונגען, האָט ער זיי ניט נאָכגע־פאָלגט, און ער איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. זיין אינטערפּרעטאַציע וועגן דער עמערגענטער עוואָלוציע איז גענומען געוואָרן פאַרן אויסגאַנגס פונקט, ווען זי אויך ווייטער נאָכגעפאָלגט ווערן.

דאָס מיינט אויפגעבן אַלעקסאַנדערס ברייטע ספּעקולאַציע וועגן ווערטן בכלל אין באַצוג צום אויפפיר פון חיות אַנאַלאָגיש צום מענטשלעכן באַנעם, אויפגעבן דעם עטוואָס פאַרפירערישן טערמין ווערט, אַז אַפילו כימישע אַפיניטעט זאָל אָנגערופן ווערן „ווערט" (וועליו) כדי צו קענען פאָרמולירן אָן איינהייטלעכן פּראָצעס אין דער נאַטור און נוצן די נייטראַלע אינטער־פּרעטאַציע פון עמערגענטער עוואָלוציע ווי מאָרגען האָט זי פאָרמולירט אין זיינע ווערק. אויך מאָרגענס פילאָזאָפישע אינטערפּרעטאַציע וועט אויסגע־לאָזט ווערן, נאָר אויף דער עמערגענטער דערשיינונג וועט אָנגעוויזן ווערן.

מאָרגען דערקלערט די עמערגענטע עוואָלוציע, אַז אין יעדן מאָמענט פונם עוואָלוציע פּראָצעס קומט עפּעס נייעס, וואָס איז פריער ניט געווען. דאָס נייע באַשטייט פון אַ נייער קוואַליטעט, וואָס מאַניפעסטירט זיך דורך אַ נייעם סובסטאַנציעלן גאַנג. דער שטאָף איז דער זעלבער וואָס פריער, די סובסטאַנץ, אָדער די קוואַליטעט, איז אַ נייע. עס וועט ווייטער דער־מאָנט ווערן דער ביישפּיל פון וואַסער וואָס באַשטייט פון צוויי גאַזן, הידראָגין און אָקסעשזין. וואַסער, ווי אַ סינטעז, איז פאַלשטענדיק פאַר־שיידן פון די גאַזן אין אַלע אירע אייגנשאַפטן, כימיש אָבער באַשטייט זי פון אַ סינטעז פון די גאַזן. זי איז אויף אַזויפיל ניי און אַנדערש פון די גאַזן, אַז מאָרגען האַלט, אַז ווען מען זאָל אַפילו וויסן אַלע אייגנשאַפטן פון די גאַזן, וואָלט מען ניט געקענט פאָראויסזען, אָדער פאָראויסזאָגן די קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפט פון דער וואַסער, וואָס איז אַ נייער עמערגענט.

ער איז אין די גאַזן ניט געווען. קען דער ניט פּאַראויסזען און דער ניט פּאַראויסזאָגן אויסגעלאָזט ווערן פון איג, וואָס ס'איז וויכטיק איז, אַז וואָסער איז פאַלשטענדיק אַנדערש פון די גאַזן.

דער פאַקט, וויאַזוי מען זאָל אים ניט אינטערפּרעטירן, פירט צו אַ צווייטן פאַקט פון דער פיזיאָלאָגישער וויסנשאַפט, נעמלעך: צו מוטאַציע אין די גינס, אָדער כראָמאָזאָנס. מען ווייסט, אַז אַן ענדערונג אין די גינס פון די רעפּראָדוקטיווע צעלן ברענגט ארויס אַ נייעם, אָדער געענדערטן, טיפּ. דאָס איז אַן עקספּערימענטאַלער פאַקט אין וועלכן מען קען ניט צווייפלען; עס איז דער ביאָלאָגישער אויסגאַנגס פּונקט וואָס דערקלערט דעם עוואָלוציע פּראָצעס.

דער מחבר פון די שורות האָט דעם ענין אָפּגעגעבן אַ היפּש ביסל פּלאַץ אינם ערשטן באַנד פון זיין ווערק „די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן". ס'איז ניט נויטיק עס דאָ צו איבער'חזר'ן. עס איז אָבער נויטיק אָנצעווייזן, אַז ווען מוטאַציע איז דער פאַקטער, וואָס ברענגט אַרויס געענדערטע מינים, דאַרף די דערשיינונג פונם מענטשן מיט זיינע פאַרשיידענע פּסיכישע אייגנשאַפטן, באַטראַכט ווערן ווי אַן עמערגענטע דערשיינונג. עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז דעם מענטשנס מאַרך איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי דער גרעסטער מאַרך פון די מאַלפּעס און די הויפּט פאַרגרעסערונג איז אינם פאָדערשטן טייל פונם מאַרך, וואו די פּסיכישע אַקטיוויטעט קומט מערסטענס פאָר. דער מענטשלעכער גרויסער מאַרך איז די הויפּט סיבה פאַרן אונטערשייד צווישן דעם מענטשן און די חיות. עס איז אַן עמערגענטע דערשיינונג און דאַרף ווי אַזעלכע באַטראַכט ווערן.

פון דעם דאַרף מען ציען דעם שלוס, אַז די מוטאַציע אין די גינס, וואָס האָט געפירט צו דער פאַרמירונג פון אַ נייעם מאַרך, מיט פאַרצווייגטע נייע עמערגענטע אייגנשאַפטן, האָט אַרויסגערופן אַ גייסטיקע רעוואָלוציע, וואָס איז אייגנאַרטיק. די ווערטן באַגריפן, מיטן גאַנצן מענטשלעכן אינטעלעקטועלן באַגאַזש, זיינען אַ רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע.

מען דאַרף געוויס ניט ציען דעם שלוס, אַז דער מענטש איז פאָלשטענדיק אַנדערש פון דער חיה וועלט; ער איז עס ניט. געוויס האָט ער פּסיכישע אייגנשאַפטן און מעגלעכקייטן, וועלכע קיין חיה האָט ניט און קען אויך ניט האָבן. און דערפאַר איז צו ציען אַזאַ פּאַראַלעל, ווי אַלעקסאַנדער ציט, קען נאָר אַ ראָמאַנטישער ספּעקולאַטיווער דענקער, וואָס באַזיצט אַ רייכע פאַנטאַזיע.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיינט ניט אַריינפירן אַ בראָך אינם איינהייטלעכן גאַנג פון דער נאַטור, עס מיינט נאָר נעמען עמערגענטן ווי זיי זיינען פאַרשיידן לויט זייערע אייגנשאַפטן.

אויב דאָס ביז אַהער דערקלערטע זאָל באַטראַכט ווערן פאַר אַ בראָך אין דער איינהייטלעכקייט פונם נאַטירלעכן גאַנג, וואָלט אויך דער אונטערשייד צווישן וואַסער און די גאַזן געדאַרפט אָנגענומען ווערן פאַר אַ

בראַך אין דער גאַנצקייט פון דער נאַטור. פּאַקטיש וואָלט עס געמיינט צו פּולווירייזירן די נאַטור אויף די אומענדלעכע עמערגענטן, וואָס געפינען זיך אין איר. אַזוי־ווי אַזאַ פּולוויריזירונג וועט קיינער ניט פאַרלייגן, דאַרף מען אויך דעם מענטשן ניט באַטראַכטן פאַר אַ פרעמדן אין דער נאַטור טראָץ דעם, וואָס מיט זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן איז ער פאַלשטענדיק פאַרשיידן פון דער חיה וועלט: — עמערגענטן זיינען פאַרשיידן איינער פונם צווייטן; זיי זיינען אָבער אַלע אינם ברייטן זינען איינגרידיענטן פון אַן איינהייטלעכער וועלט.

ווען מען שטרייכט אונטער אונטערשיידן איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז פון דער באַטאָנונג זאָל מען ציען ניט קיין באַרעכטיקטע שלוסן. ווען עס איז דאָ געמאַכט געוואָרן אַן אויסזעצונג קעגן אַלעקסאַנדערס ברייטער גענעראַליזאַציע, אַז דער דראַנג פון דער בהמה צום גראָז און דעם לייבס אָנפאַל אויפן שעפעלע און עס אויפעסן, איז פונם זעלבן כאַראַקטער ווי דעם קינסטלערס דראַנג צו שאַפן קונסט, אָדער גאָר פאַרגלייכן כימישע אַפיניטעט מיט מענטשלעכע גייסטיקע שטרעבונגען, איז ניט געמיינט געוואָרן צו אָפּטיילן דעם מענטשן פון דער חיה וועלט אין זיין סטרוקטור און אין זיינע אַלגעמיינע פונקציעס. דאָס וואָלט געווען פאַלש. עס מיינט, אַז מען דאַרף זיך אויסהיטן פון ציען מעטאַפיזישע שלוסן פון אַנאַלאָגיעס, וועלכע זענען אויס צו זיין באַזירט אויף אַ שפּיל פון ווערטער וואָס האָבן פאַרשיידענע קאָנאָטאַציעס אין דעם באַטרעפנדן פאַרגלייך. דער טערמין ווערט אינם זינען פונם ווערט פון אַ שעפעלע פאַר אַ לייב, וואָס איז הונגעריק, האָט אַן אַנדער מיין, ווי דער זעלבער טערמין ווען ער ווערט באַנוצט אין שייכות צו מענטשלעכע באַגריפן וועגן ווערטן (וועליוס).

אַלעקסאַנדער האָט געוויס געוואוסט, אַז דער טערמין ווערט האָט ניט דעם זעלבן מיין אין די צוויי זאַצן; ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז אונטער די פאַרשיידענע מיינען איז פאַראַן אַן איינהייטלעכער פונדאַמענטאַלער באַגריף. אין דעם פאַל האָט ער גענוצט זיין פאַנטאַזיע זי זאָל פאַראייניקן די צוויי פאַרשיידענע מיינען אין אַן איינהייטלעכן באַגריף.

דער ענין, וואָס ווערט דאָ באַטראַכט, איז זייער אַ וויכטיקער. אַלעקסאַנדער האָט גענומען ספינאָזעס באַגריף וועגן דעם, אַז קאָנאַציע (שטרעבן) איז מער פונדאַמענטאַל פון קאָגנאַציע (וויסן, דענקען), וואָס איז איצט אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרן און האָט פון דעם געצויגן אַ שלוס, אַז אין דעם אויפפיר פון חיות געפינט זיך דער שורש פון מענטשלעכע ווערטן באַגריפן. פונדאַמענטאַל איז דער געדאַנק אַ ריכטיקער. ער קען אָבער אינטערפּרעטירט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים. אַלעקסאַנדער, ווי אַ מעטאַפיזיקער, ציט פון אים ווייט גרייכענדע שלוסן.

דער מחבר פון די שורות איז גענייגט נאָכצופאָלגן לויד מאָרגענס מער קאָנסערוואַטיווע מיינונג; ער האַלט אַז אַלעקסאַנדער איז אין דעם קאַפּיטל אַלגעמיינע ווערטן אַוועק אַסך ווייטער, ווי די פאַקטן דערלויבן צו גיין. דערפאַר האָט ער אַזוי שטאַרק אַרויסגעזאָגט זיין קריטישע מיינונג

טראָץ דעם וואָס ער זעט, אַז אַלעקסאַנדער איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט. דער מחבר פון די שורות פאָלגט נאָך מאַרגענס קענאָן, אַז ווען מען האָט פאַר זיך צוויי אינטערפּרעטאַציעס זאָל מען אָננעמען די איינפאַכע אויב די פאַקטן זיינען איןביידע פאַלן גלייך. די עמערגענטע אינטערפּרעטאַציע, וואָס איז פּאַקטיש אַן אַגנאָסטישע, אַפּעלירט צו אים מער ווי די מעטאַ־פיזישע, וואָס פאָדערט אַ רייכערע פאַנטאַזיע ווי ער פאַרמאָגט. נאַטירלעך, אַז אויך מיט מאַרגענס קענאָן דאַרף מען זיין פאַרזיכטיק: — ניוטאָנס וועלט בילד איז אַסך אַן איינפאַכערע ווי איינשטיינס וועלט בילד און פונ־דעסטוועגן איז איינשטיינס בילד אָנגענומען געוואָרן. אין דעם פאַל איז אָבער אַ פראַגע פון פאַקטן און ניט וועגן ספּעקולאַציע און פאַקטן מוזן אָנ־גענומען ווערן. וואָלט אַלעקסאַנדער געבראַכט וועלכע ס׳איז פאַקטן צו אונטערשטיצן זיינע באַהויפּטונגען, וואָלטן זיי פונם מחבר פון די שורות אָנגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער צופרידנהייט, אָבער אָננעמען אַנאַלאָגיעס פאַר פאַקטן קען ער ניט.

עלפטער קאפיטל

פרייהייט (בחירה)

אַלעקסאַנדער הייבט אָן דאָס קאַפּיטל וועגן פרייהייט מיט „דער מענטש איז פריי; זיין פרייהייט איז אויף איין אופן, אָדער אויף אַ צווייטן אופן, אַנגענומען געוואָרן, אַז ער איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע ברואים פון דער לעבעדיקער וועלט. זיין פרייהייט איז באַטראַכט געוואָרן, אָדער אַז ער איז אינגאַנצן פריי פונם קאַוזאַליטעט פּרינציפּ, אָדער ער איז אויף אַן אַנדער אופן באַווירקט פון קאַוזאַליטעט און דאָס מאַכט אים אומאָפּהייניק פון דעטערמיניזם, וואָס הערשט איבער דער איבעריקער וועלט, אַדאַנק אַ ספּעציעלער פון פאַראויס באַשטימטער סיבה איז ער אַנדערש.

ווען מען וואָלט אַנגענומען די דערקלערונג, וואָלט זי געמיינט, אַז קאַוזאַליטעט קען ניט פּרעטענדירן אַז זי באַשטייט פון אַ קאַטעגאָריע אונטער וועלכער יעדע באַגרענעצטע בריאה איז אונטערגעוואָרפן. מיר זיינען אָבער שוין באַקאַנט מיטן באַגריף, אַז פּסיכישע פּראָצעסן ווירקן איינער אויפן צווייטן קאַוזאַל, אַז פּסיכישע פּראָצעסן קענען זיין די סיבה פון ניט מענטאַלע פּראָצעסן און פאַרקערט, זיי קענען זיין דער רעזולטאַט פון ניט מענטאַלע פּראָצעסן. עס מיינט, מיר דאַרפן באַווייזן אין וואָס עס באַשטייט אונדזער באַוואוסטזיין וועגן דער פרייהייט, וואָס מיר פילן, אַז מיר באַזיצן. מיר וועלן זען, אַז אונדזער פרייהייט איז ניט מער ווי אַ פאָרמע, וואָס אונדזער קאַוזאַלע אַקטיוויטעט נעמט אָן ווען ביידע, אי אורזאַך, אי פאָלג (סיבה און פועל יוצא) באַשטייען פון געגנוס. עס מיינט, אַז פרייהייט באַשטייט פון דעטערמיניזם ווי אַ געגנוס, אָדער אין אַ געגנוס און מענטשלעכע פרייהייט איז אַ באַדינג פאַר עפּעס, וואָס איז אוניווערסאַל, וואָס ווערט געפינען אין יעדן פלאַץ, וואו ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן געגנוס און קאָנטעמפּלאַציע".[1]

דאָס קאַפּיטל וועגן פרייהייט (פרייער ווילן) באַשטייט פון 25 זייטן אין וועלכע ער דערקלערט דאָס נאָר וואָס ציטירטע. דער אינהאַלט איז אַ שווערער און קאָמפּליצירטער דערפאַר, וואָס ערשטנס איז קאַוזאַליטעט איינער פון די שווערסטע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען בכלל און דערהויפּט

[1] זע „ספּייס, טיים ענד דייעטי", באַנד 2, ז. 315.

ווען עס איז אַ פראַגע צי דער מענטש איז פריי פון קאַוזאַלער שייכות אין זיינע האַנדלונגען, אָדער זיי זיינען דעטערמינירט לויט דעם געזעץ פון אורזאַך און פאַלג. ווי מען זאָל ניט באַשטימען פאַלט מען אַריין אין אַ ווידערשפרוך: — אי מען איז פריי צו האַנדלען ווי מען וויל, אי מען מוז אָננעמען דעם קאַוזאַלן געזעץ. צווייטנס איז זיין דערקלערונג ספּעציעל שווער ווייל ער נוצט פּסיכאָלאָגיע מיט דער הילף פון זיין דערקענטעניש לערע פון געגנוס און קאָנטעמפּלאַציע צו דערקלערן אַז דער מענטש איז אי פריי אין זיינע האַנדלונגען, אי ער איז דעטערמינירט און ס'איז ניטאָ קיין ווידערשפרוך אין דעם. זיינע דערקלערונגען זיינען כמעט אַזוי שווער ווי דער פּראָבלעם ווי מען קען אויפעסן דעם לעקעך און ער זאָל אין דער זעלבער צייט בלייבן ניט באַרירט.

איידער ס'וועט אָנגעוויזן ווערן ווי אַלעקסאַנדער ראַנגעלט זיך מיטן פּראָבלעם פון פרייהייט און קאַוזאַליטעט אין שייכות צו מענטשלעכע האַנדלונגען וועט געבראַכט ווערן די מיינונג פון צוויי ערשט קלאַסישע דענקער ווי זיי האָבן אים געלייזט.

ווי באַקאַנט האָט יום געלייקענט, אַז ס'פאַראַן אַזאַ זאַך ווי קאַוזאַ־ליטעט; ער האָט דערקלערט, אַז דאָס, וואָס ווערט אָנגענומען פאַר קאַוזאַ־ליטעט, באַשטייט ניט מער ווי פון דער מענטשלעכער געוואוינהייט. מען איז געוואוינט צו זען ווי איין פּאַסירונג פאָלגט נאָך אַ צווייטע פּאַסירונג איז מען געקומען צו דער מסקנא, אַז ס'איז פאַראַן אַ קאַוזאַלע פאַרבינדונג צווישן די צוויי פּאַסירונגען. אין דער ווירקלעכקייט איז ניטאָ אַזאַ פאַר־בינדונג צווישן די צוויי פּאַסירונגען; עס איז ניט מער ווי אַ געוואוינהייט צו דענקען אין דער פאָרמע פון אורזאַך און פאָלג. יום האָט דעם קאַוזאַלן באַגריף צוגעפירט צו סוביעקטיוויזם און פּסיכאָלאָגיזם, און, נאַטירלעך, צו סקעפּטיציזם.

קאַנט איז ניט געווען קיין סקעפּטיקער, ניט איידער ער האָט גע־לייענט יומען און ניט נאָך דעם ווי ער האָט אים געלייענט און פונדעסט־וועגן זאָגט ער, אַז יום האָט אים באַרויבט פונם דאָגמאַטישן שלאָף פאַר גאַנצע צוועלף יאָר. ער האָט ניט געקענט רוען דערפאַר, וואָס אָן דעם קאַוזאַלן באַגריף קען מען ניט פאָרמולירן קיין וויסנשאַפטלעכע רעגעלן; וויסנשאַפט איז באַזירט אויף קאַוזאַלער פאַרבינדונג צווישן פּאַסירונגען. ווי באַקאַנט, איז די קריטישע פילאָזאָפיע אַ רעזולטאַט פון זיין אומרועקייט.

נאָך זיין לאַנגען טראַכטן איז ער געקומען צום שלוס, אַז קאַוזאַליטעט איז אַ פונדאַמענטאַלער באַדינג פאַרן מענטשלעכן דענקען; מען קען אַנ־דערש ניט דענקען ווי אין דער פאָרמע, אַז איין פּאַסירונג פאַראורזאַכט אַ צווייטע. די קאַטעגאָריע קאַוזאַליטעט איז איינגעשלאָסן אינם מענטש־לעכן דענקען גופא.

ווי מען קען זען האָט קאַנט אייגנטלעך ניט באַוויזן, אַז יום איז אומגערעכט; ער האָט נאָר איבערגעטראָגן דעם באַגריף וועגן קאַוזאַליטעט

פון דער וועלט, וואו פאַסירונגען קומען פאָר, צום דענקען גופא, אַז דער מענטש קען אַנדערש ניט דענקען.

פאַרן אידעאַליסט, מעגלעך, לייזט עס די פראַגע ווייל ער לייקענט אָפּ די רעאַליטעט פון דער וועלט פאַר זיך. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם רעאַליסט, וועלכער נעמט אָן, אַז די וועלט עקזיסטירט אומאָפּהייגניק פון דעם מענטשלעכן דענקען, ער קען זיך מיט אַזאַ אינטערפּרעטאַציע ניט צופרידנשטעלן אײנפאַך דערפאַר, וואָס אין דער וועלט קומען פאָר פאַסירונגען, איז די פראַגע צי צווישן די פאַסירונגען הערשט אַ קאַוזאַלע פאַרבינדונג פון אורזאַך און פאָלג, אָדער ניט? פאַרשטייט זיך, אַז ער קען ניט אָננעמען אַז קיין פאַרבינדונג צווישן פאַסירונגען קומט ניט פאָר. ווייל ערשטנס איז עס קעגן דער מענטשלעכער דערפאַרונג וועגן פאַסירונגען אין דער וועלט און צווייטנס מיינט עס אָננעמען כאַאָס און אויס מיט דער וויסנשאַפט.

איצט וועגן דעם צווייטן דענקער, העגרי בערגסאָן. זיין ערשט ווערק „צייט און פרייער ווילן" באַהאַנדעלט דעם פּראָבלעם אויף אַן אומדירעקטן אופן: דער אויסדרוק פרייער ווילן לייקענט קאַוזאַליטעט אין מענטשלעכע האַנדלונגען. ער זאָגט אומגעפער, ווען מען טראַכט וועגן באַשטימען ווי צו האַנדלען אין אַ באַשטימטער סיטואַציע געפינט זיך אונטער דעם לאָגישן דענקען אַ פונדאַמענטאַלער אונטער טאָן, וואָס רעדט אים נאָמען פון דעם פרייעם ווילן, צוליב וואָס זיך גריבלען ווי אַזוי צו האַנדלען? דער ווילן האָט שוין סײַ ווי באַשטימט ווי צו האַנדלען און די האַנדלונג קען גראָדע זיין קעגן דער לאָגיק פון דעם דענקען, ווייל אַזוי האָט באַשטימט דער ווילן (דאָס איז דאָ געגעבן געוואָרן פריי פונם זכרון; דער געדאַנק איז אָבער אַ ריכטיקער).[1]

ווי מען קען זען זיינען קאַנט און בערגסאָן אין זייערע מיינונגען וועגן מענטשלעכע האַנדלונגען דיאַמעטראַל קעגן איינער דעם צווייטן. קאַנט נעמט אָן, אַז קאַוזאַליטעט איז דער באַדינג פאַרן מענטשלעכן דענקען; מען קען גאָר אַנדערש ניט דענקען, ווי אין דער פאָרמע פון אורזאַך און פאָלג און בערגסאָן זאָגט, אַז דער פרייער ווילן באַשטימט דעם דענקען טראָץ דער קאַוזאַלער לאָגיק. זיי ביידע באַשעפטיקן זיך בלויז מיטן דענקען, ווייל די אויסערלעכע רעאַליטעט ווערט פון זיי מאָדעלירט לויטן דענקען. אַלעקסאַנדער אָבער, ווי אַ רעאַליסט, האָט אָפּגעטיילט די קאַוזאַליטעט אין דער אויסערלעכער וועלט פון זיין דענקען. קאַוזאַליטעט איז פאַר אים איינע פון די פונדאַמענטאַלע קאַטעגאָריעס אין דער וועלט; ער האָט קאַוזאַליטעט אין דער וועלט באַטראַכט צוזאַמען מיט די איבעריקע קאַטעגאָריעס אין דער פאָרמע פון אַ לאָקאַלער באַוועגונג פון רום־צייט אין דער אַבסאָלוטער באַוועגונג פון רום־צייט. אַזויווי דר. בראָאַד האָט זיך מודה געווען, אַז ער פאַרשטייט עס ניט אַפילו נאָך דעם ווי אַלעקסאַנדער האָט עס אים

[1] זע וו. נאַטאַנסאָן „מענטש און קאָסמאָס", ז. 47 און ווייטער.

דערקלערט פּריוואַט אין בריוו און נאָכדעם אין אַן אַרטיקל, איז ער אין די דערקלערונגען דאָ אויסגעלאָזט געוואָרן. איצט אָבער האַנדעלט זיך בלויז וועגן דעם מענטשן צי ער איז אין זיינע האַנדלונגען פריי פון קאַוזאַליטעט.

אַלעקסאַנדער האָט שטענדיק געהאַט ספּינאָזען אין אויג ווען ער האָט באַטראַכט פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען. ספּינאָזע, ווי באַקאַנט, איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער דעטערמיניסט פונדעסטוועגן האָט ער מיט דער הילף פון דער פּסיכאָלאָגיע פון די עמאָציעס דערקלערט די מענטשלעכע האַנדלונגען אַט ווי זיי זאָלן פאַלשטענדיק זיין פריי. אַלעקסאַנדער פאָלגט אים נאָך, נאַטירלעך, אויף אַ מאָדערנעם אופן. ער זאָגט אין דעם ציטירטן, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט מענטאַלע האַנדלונגען אין שייכות צו ניט־מענטאַלע און פאַרקערט, איז קיין פראַגע ניט, אַז אַ קאַוזאַלע (דעטערמיניסטישע) פאַרבינדונג הערשט. אין דעם פאַל האַנדעלט זיך וועגן עמפּירישע פאַקטן, וועגן וועלכע עס קענען ניט זיין קיין מיינונגס פאַרשיידענהייטן. די פראַגע איז וועגן ריין מענטאַלע שייכותן, וועלכע ער רופט אַן גענוסן, ווען ביידע פאַקטערן, אורזאַך און פאָלג, באַשטייען פון גענוסן ריין פּסיכיש, הייסט עס. אין די פאַלן פילט מען אַז די האַנדלונג איז אַ פרייע, זי איז, ווי ער רופט עס אָן, אינעדלעך דעטערמינירט. ער זאָגט: „די פּראָפּאָזיציע, אַז פרייהייט איז באַשטימונג אין גענוס, איז פונם זעלבן סאָרט, ווי אין דער באַקאַנטער דאָקטרין, אַז פרייהייט באַשטייט פון זעלבסט באַשטימונג". ער גיט אַביישפּיל פון באַשטימטע האַנדלונגען און דערקלערט זיי פּסיכאָלאָגיש לויט זיין אייגענער טערמינאָלאָגיע, וואָס באַווייזן, אַז דער ווילן פילט זיך פריי און ער ציט דעם שלוס: „האַנדלונגען לויט אונדזער ווילן זיינען ניט די איינציקע אין וועלכע מיר פילן זיך פריי. צום ביישפּיל, מיר האָבן דעם זעלבן באַוואוסטזיין אין אינסטינקטיווע פּראָצעסן אין וועלכע איין מענטאַלער צושטאַנד פירט צו אַ צווייטן, אָדער וואָס מיר רופן אַן די פרייע שפּיל פון אונדזער פאַרשטעלונג ווי איין פאַנטאַזיע פירט צו אַ צווייטער ווען דאָס וואָרט פריי מיינט ניט בלויז אַז ס'ווערט ניט געשטערט פונם געדאַנק אָדער פונם העכערן זעלבסט".[1]

אויב ריכטיק פאַרשטאַנען מיינט עס, אַז ער נעמט אָן, אַז די קאַטעגאָריע קאַוזאַליטעט הערשט אוניווערסאַל אַן וועלכע עס איז אויסנאַמען: — אַלץ איז דעטערמינירט, איינשליסנדיק די מענטשלעכע האַנדלונגען. עס זיינען אָבער געוויס פאַראַן פאַלן ווען מען איז זיכער, אַז די באַטרעפנדע האַנדלונג איז אַ פרייע, דערקלערט ער עס דערמיט, וואָס אין אַזעלכע פאַלן באַשטייען ביידע טיילן פון דער האַנדלונג, די סיבה און דער פועל יוצא פון אינערלעכע איבערלעבונגען, וועלכע ער רופט אַן גענוסן (ענטדזשוימענטס). אין אַזעלכע פאַלן פילט מען, אַז די באַטרעפנדע האַנדלונג איז אַ פרייע און פאַר פּראַקטישע צוועקן מעג זי באַטראַכט ווערן פאַר אַ

---

[1] איביד, וו. 317, 316.

פרייער האַנדלונג. עמפּירישע פאַקטן פון איין זייט און טעאָרעטישע באַ־טראַכטונגען, פון דער צווייטער זייט, באַווייזן, אַז דער קאַוזאַלער פּרינציפּ הערשט אין יעדן איינעם פון די פאַלן. אַ באַשטימטע פאָרמע פון דעטער־מיניזם געפינט זיך ביי דעם שורש פון יעדער האַנדלונג. דאָס איז, לויט זיין מיינונג, ניט קיין ווידערשפּרוך צום געפיל, וואָס מען האָט, אַז די האַנדלונג איז אַ פרייע; זאָגט ער דאָך גלייך אין אָנהויב אַז דער מענטש איז פריי. ס'ווערט אַ סתירה ווען מען וויל פון דעם וואָס מען פילט, אַז די האַנדלונג איז אַ פרייע, לייקענען דעם קאַוזאַלן פּרינציפּ. דאָס באַקעמפט ער.

אויבן אויף קען זיך אויסדוכטן, אַז אין זיינע דערקלערונגען געפינט זיך אַ היפש ביסל סאָפיזם. ער זאָגט, אַז פאַר פּראַקטישע צוועקן קען מען זיך באַטראַכטן פריי אין די האַנדלונגען; פאַקטיש געפינט זיך אַ באַשטימ־טער דעטערמיניזם אונטער אַלע האַנדלונגען. עס, קען מען זאָגן, מיט דיאַ־לעקטישן פּלפּול קען מען אַלץ דערקלערן; מען קען אַפילו באַווייזן, אַז ווייס איז שוואַרץ און שוואַרץ איז ווייס. אַזוי קען זיך אויסדוכטן. דאַרף מען אָבער אין זינען האָבן, אַז אַלעקסאַנדער איז ניט געווען קיין דיאַלעק־טיקער. אמת, אין זיין מעטאַפיזיק איז פאַראַן אַסך, וואָס קען און מעג באַטראַכט ווערן פאַר אַ פּראָדוקט פון אַ רייכער פאַנטאַזיע; עס איז אויף דעם אָנגעוויזן געוואָרן מער ווי איין מאָל. מען דאַרף אָבער אין זינען האָבן, אַז ער איז געווען אַ באַדייטענדער פּסיכאָלאָג; ער איז געווען באַקאַנט מיט אַלע פאַזן פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט. ער באַקרעפטיקט זיינע מיינונגען מיט פאַקטן וואָס די פּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפט האָט. דערצו דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז זיין גאַנצער דענקען איז מאָטיווירט פון אַ רעאַ־ליסטישער מעטאַפיזיק, וואָס הגם זי מוז ניט אָנגענומען ווערן, ווען זי אַפּעלירט ניט, דאַרף מען זיך אָבער צוהערן צו דעם וואָס ער זאָגט און אים ניט אָוועקמאַכן מיטן האַנט. געוויס איז אַסך, וואָס ער פאַרטיידיקט דאָ ניט אָנגענומען געוואָרן. ער איז אָבער אויסגעהערט געוואָרן מיט געוויעם דרך ארץ, ווי אים קומט.

עס קומען פון צייט צו צייט פאַר ספּאָנטאַנע פּאַסירונגען אינם לעבן פון מענטשן וואָס ענדערן זייער לעבנס גאַנג און אַזוינע פּאַסירונגען, איז מען געגייגט אָנצונעמען, ווי פרייע ניט מעדיטירטע דערשיינונגען, וועלכע קומען מיט אַמאָל פון דער העלער הויט. ער וועט ציטירט ווערן ער זאָל דערקלערן אַזעלכע דערשיינונגען. ער זאָגט: „וואָס עס זעט אויס צו זיין אַן אויסער געוויינטלעכער פאַל איז אַ ספּאָנטאַנער אַרויסשפּרונג פון אַ נייעם מענטאַלן צושטאַנד, וואָס קען מיינען געבן אַ נייע ווענדונג צו אַ מענטשנס לעבן, אָדער אַ נייע ריכטונג צו זיין דענקען, צום ביישפּיל, אַ ספּאָנטאַנע ענדערונג אינם רעליגיעזן גלויבן, אַן אינספּיראַציע ווען אַ נייע אידייע קומט אינם פאַרשטאַנד פון דער העלער הויט מיט אַ לײדענשאַפט־לעכן אויסברוך. אין איין וועג באַשטעטיקן די פאַלן אונדזער באַהויפּטונג, דערפאַר וואָס די מענטשן גופא באַטראַכטן די אומדערוואַרטעטע ענדערונ־גען, אַז זיי קומען פון אַן אויסערלעכן כוח, פון גאָט, צום ביישפּיל און ווערט

אויף זיי אַרויפגעצוואונגען. געוויס קען פּאַסירן, אַז איינער פילט אין אַזעל־כע פאַלן אַ שטאַרקע פערזענלעכע איניציאַטיוו; אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס ער רעכענט זיך ניט מיטן פּאַסיוון, אָדער מענטאַלן ניט פּאַראָוראַכטן שטראָם פון דער אַנרעגענדער עמאָציע און ער איז שטאַרק אויפמערקזאַם אויפן פאַרבייגיין פון דער עמאָציע אַזוי גיך ווי זי איז אים פאַרבייגעגאַנגען אין דער אַקטיוויטעט וואָס ער האָט אָנגענומען. פון דער צווייטער זייט דייטן די פאַקטן אָפּט אָן אַז וואָס איינעמס פירונג, אָדער דענקען זאָל ניט געוועזן זיין, האָט ער פונדעסטוועגן געניג כוח צו אַריינפירן ענדערונגען; ווען מען נעמט עס אַזוי אָן ווערן אַזעלכע פּאַסירונגען באַטראַכט פאַר אַ באַוויז פאַר ניט אומפרייהייט, נאָר פאַרקערט, פאַר פרייהייט. אָבער דאָס, דענק איך, דאַרף ניט באַטראַכט ווערן פאַר ערשט־האַנטיקער דערפאַרונג פון דעם בעטרעפענדן פערזאָן, נאָר ווי אָן אינטערפּרעטאַציע פון דער דערפאַרונג, אָדער אַ טעאָריע וועגן איר. וואָס אָנבאַלאַנגט וועגן דער די־רעקטער דערפאַרונג איז זי צו גינסטן דער פּאַסיוויטעט. דער מיין דערפון איז, אַז ס׳מוז זיך געפינען עפּעס אינעם פערזאָן, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רעוואָלוציע. פונדעסטוועגן איז זייער לייכט צו דרינגען מיט דער הילף פון אַ פאַרקערטער טעאָריע, אַז דידאַקטיקע ניט דערקלערטע קוואַלן קענען געפינען ווערן אין די עלעמענטן פונם מענטשנס גאַנצער נאַטור, איינשליסנדיק זיין קערפּער, וועלכע זיינען נאָך ניט געקומען אין דער אינערלעכקייט פונם גענוס, מיט אַנדערע ווערטער, דער אויפבראויז איז באַשטימט דורך קאָנטעמפּלירטע צושטאַנדן און פון דער דערפאַרונג פון אומפרייהייט, וואָס ער האָט אין דער ווירקלעכקייט, איז אַ באַרעכ־טיקטע״.[1]

דאָס זייער שווערע שטיקל עברי מיינט פשוט, אַז אַפילו די ספּאָנ־טאַנע רעליגיעזע אויפבראויזן, וועלכע פירן צו רעליגיעזע איבערקערענישן אין מיסטישע נאַטורן, זיינען ניט ספּאָנטאַן און אויך ניט פריי פון אַ וועל־כער עס איז סיבה. ווען מען וואָלט אַזעלכע פּאַסירונגען שטודירט גענוי, וואָלט מען געפינען די סיבה, אָדער אין דער ביאָגראַפיע פונם פערזאָן, אָדער אַפילו אין זיין קערפּער. ווייזט מען טאַקע אָן, אַז דער „הייליקער״ פּאָול האָט געהאַט אַ היפּש ביסל קערפּערלעכע פעלערן וואָס האָבן געפירט צום רעליגיעזן עקסטאַז און דער איצט איבעראַל ציט־רטער רעליגיעזער פילאָזאָף, סאָרען קירקעגאָארד, איז געוועזן אַ האַרבאַטער און האָט גע־ליטן פון אַ קראַנקהייט אינעם רוקן־ביין, וואָס האָט אים פאַרקורצט די יאָרן. נאַטירלעך, מען דאַרף ניט זיין פעדאַנטיש אין צושרייבן יעדן ספּאָנטאַנעם אויפבראויז צו אַ קערפּערלעכן פעלער און אַלעקסאַנדער איז געוויס ווייט פון אַזאַ עקסטרעמער אינטערפּרעטאַציע. ער ווייזט נאָר אָן, אַז ווען מען זעט אַפילו אַ ספּאָנטאַנעם אויפבראויז אָן וועלכער עס איז, ווי ס׳דוכט זיך אויס, סיבה, איז ווען מען זאָל זוכן לאַנג גענוג, וועט מען געפינען אַ סיבה.

---

[1] איביד, 320 ־ 319.

ער האַלט, אַז ס׳איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַבסאָלוטער אומדערטעמיניזם: — אַלץ איז אויף איינעם אָדער אויף אַ צווייטן אופן דעטערמינירט. מיינט עס, אַז ער לייקענט אָפּ פרייע האַנדלונג, אָדער וואָס ווערט געוויינטלעך אָנגערופן פרייער ווילן, אַ טערמין וואָס ער מיידעט אויס, ניין, דאָס געוויס ניט, הייסט דאָך דאָס קאַפּיטל: פרייהייט. ער אינטערפּרעטירט נאָר פרייע האַנדלונג, אָדער האַנדלונג לויטן ווילן, אויף אַן אופן, אַז אי די האַנדלונג איז אַ פרייע, אי דעטערמיניזם בלייבט אין קראַפט.

אומדעטערמיניזם הייסט ביי אים האַנדלען אָן אַ סיבה, וואָס זאָל אַרויסרופן די האַנדלונג. דאָס לייקענט ער אָפּ, ווייל ס׳וואָלט געמיינט, אַז דער מענטש איז אַן אויסנאַם אין דער נאַטור, אַז זיינע האַנדלונגען ווערן ניט רעגולירט דורך דעם געזעץ פון קאַוזאַליטעט. דאָס, האַלט ער, איז אוממעגלעך דערפאַר, וואָס קאַוזאַליטעט איז אַ קאַטעגאָריע אונטער וועלכער אויך מענטשן, ווי אַ טייל פון דער נאַטור, זיינען אונטערוואָרפן. אויף דער פראַגע: ווי קען מען זיין דעטערמינירט און פריי אין די האַנדלונגען אין דער זעלבער צייט? ענטפערט ער: פרייע האַנדלונג איז ניט קיין ווידערשפרוך צו דעטערמיניזם. אַ האַנדלונג איז פריי דעמאָלט, ווען די סיבה און דער פועל יוצא געפינען זיך אינעם געגנוס און קיין קאָנטעמפּלאַציע איז ניטאָ.

אויב ריכטיק פאַרשטאַנען, דאַרף עס מיינען, אַז פריי איז דער מענטש דעמאָלט, ווען ער האַנדעלט לויט זיין אייגענער נאַטור. זיין נאַטור איז דעטערמינירט דורך זיין כאַראַקטער, דורך זיין ביאָגראַפיע און דורך דעם פיזישן און פסיכישן צושטאַנד פון זיין קערפּער; ער גופא פילט זיך פריי.

עס וועט פילייכט ניט זיין אויסער פּלאַץ צו באַמערקן, אַז דאָס קאַפּיטל איז איבערגעדרוקט פון אַ לעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דער אַריסטאָטעלער געזעלשאַפט, עס מיינט, אַז ס׳באַשטייט פון אַן אייגענאַרטיקן (מעגלעך, אַן אָריגינאַלן) צוגאַנג צום פּראָבלעם פון פרייהייט, וואָס זאָל שטימען מיט זיין פילאָזאָפיע פון דער עמערגענטער עוואָלוציע לויט זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק און ווי ער זאָגט, ער האָט געוואָלט נאַטוראַליזירן דעם באַגריף פון פרייהייט, אַז זי איז ניט קיין אויסנאַם אין דער נאַטור. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אַ היפּש ביסל געמאַכט שווערער דעם אַזוי אויך שווערן פּראָבלעם.

ער באַשעפטיקט זיך מיטן פּראָבלעם פון דעטערמיניזם און פרייהייט, אַ היפּש ביסל; ער ברייננגט פאַרשיידענע ראיות פון דער אָרגאַנישער און אַפילו פון דער אומאָרגאַנישער וועלט, צו באַווייזן, אַז אי דעטערמיניזם הערשט, אי רעלאַטיווע פרייהייט איז מעגלעך. ווען ער איז צופרידן, אַז ער האָט זיין פונקט געניי דערקלערט, ציט ער דעם שלוס, אַז פאַרזענלעכע מענטשלעכע פרייהייט איז ניט קיין ווידערשפּרוך צום אַלגעמיינעם דעטערמיניזם אין אַ נאַטוראַליסטיש אינטערפּרעטירטער וועלט.

נאָך דעם וואָס ער ציט דעם שלוס האָט ער נאָך אַ היפּש ביסל פּראָבלעמען צו לייזן. אויף אייניקע פון זיי וועט אָנגעוויזן ווערן. ער זאָגט:

ס׳איז פאַראַן אַ נידעריקערער און העכערער געפיל פון פרייהייט. דער נידעריקערער געפיל איז ווען מען טוט שלעכטעס; מען איז טאַקע פריי, מען איז אָבער אַ שקלאַף צו די עמאָציעס. פאַלשטענדיק פריי פילט מען זיך ווען מען טוט גוטעס. אין דעם פאַל האַנדעלט מען לויט דער אייגענע נאַטור, איז דער געפיל פאַר פרייהייט אַ פאַלקאָמענער. מיט דער דערקלערונג צאַלט ער אַ חוב ספינאָזען.

נאָך דעם ווי ער צאַלט אָפּ דעם חוב ספינאָזען, מאָנט ער אויף אַ חוב, פיגוראַטיוו גערעדט, פון פיער לאַ־פּלאַסן. לאַ־פּלאַס, דער באַקאַנטער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, פונם סוף פונם אַכצענטן יאָרהונדערט, איז אויף אַזויפיל געווען זיכער, אַז אַבסאָלוטער דעטערמיניזם הערשט אין דער וועלט, אַז ער האָט געזאָגט: ווען מען זאָל אַ געניאַלן מאַטעמאַטיקער געבן אַלע פאַקטן, וואָלט ער מיט גענויקייט געקענט אויסרעכענען ווי הויך די גראָז וועט זיין אין טראַפאַלגער סקווער אין לאָנדאָן מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער.

אין זיין צייט האָט געהערשט דער מעכאַנישער פיזיש־מאַטעמאַטישער באַגריף וועגן אַ פיקסירטער אורזאַך און פאַלג. דעמאָלט האָט מען געגלויבט, אַז אַלץ איז אַזוי דערטערמיניסטיש באַשטימט, אַז ס׳איז בלויז אַ פראַגע וועגן האָבן די פאַקטן און קענען רעכענען. איצט ווייסט מען, אַז ס׳הערשט ניט אַזאַ שטריינגער פיקסירטער דעטערמיניזם אין דער וועלט; מען נעמט אָן אַן אָרגאַנישן בליק. מען גלויבט אַפילו אינם פרינציפּ פון אומ־דערטערמינירטעס אינם עלעקטראָן. פאַרשטייט זיך, אַז אַלעקסאַנדער האָלט ניט פון לאַ־פּלאַסעס שטרייגגן דעטערמיניזם; ער זאָגט, אַז אין שייכות צו רוים־צייט, ווי אַ גאַנצע, קען מען אָננעמען אַן אַבסאָלוטן דעטערמיניזם. די ענדלעכע, וואָס ענדערן זיך, קענען ניט אונטערוואָרפן ווערן אַזאַ דע־טערמיניזם און געוויס קען מען עס ניט טאָן מיט וואַקסענדע ברואים, ווען זיי ענדערן זיך, ענדערט זיך דער דעטערמיניזם. נאַטירלעך, מיינט עס ניט, אַז זיי זיינען פריי פונם פרינציפּ פון דעטערמיניזם, אין דעם גלויבט ער ניט. מענטשן זיינען נאָר ווייניקער באַגרענעצט פון אַלע אַנדערע מינים.

דאָס פירט צו דער פראַגע פון פאַראויסזען: — אויב אַלץ איז דע־טערמינירט איז די פראַגע: — צי קען מען פאַראויסזען עפּעס, וואָס איז איצט ניטאָ, אָבער עס וועט קומען אין לויף פון צייט? אין דעם איז ער איינפאַרשטאַנען מיט מאָרגענען, אַז אַ צושטאַנד, וואָס איז איצט ניטאָ, קען ניט פאַראויסגעזען ווערן. מען וואָלט ניט געקענט פאַראויסזאָגן לעבן איידער עס איז דערשינען אויף דער וועלט.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם מענטשן אין זיינע האַנדלונגען, צי קענען זיי פאַראויסגעזען ווערן? אויף דעם ענטפערט ער, אַז פאַראויסגעזען ווערן קענען נאָר אַזעלכע האַנדלונגען, וועלכע שטימען מיטן אַלגעמיינעם גאַנג פונם באַטרעפענדן מענטשן. ווען מען ווייסט גענוי איינעמס כאַראַקטער קען מען זאָגן, לויט דער טעאָריע פון וואַרשיינלעכקייט, אַז אַזוי און אַזוי וועט ער האַנדלען. גענוי קען מען וועגן דעם ניט זאָגן. דאָס איז אַזוי

באַקאַנט, אַז זיין מיינונג ענטהאַלט ניט קיין שום נייעס.

אין דער פאַרבינדונג זאָגט ער אויך, אַז דעטערמיניזם מיינט ניט, אַז קיין נייעס קומט ניט פאָר. ער זאָגט: „עס איז ניטאָ קיין שום זאַך אין מענטשלעכער פרייער האַנדלונג, וואָס זאָל ניט קענען צוזאַמענגיין מיט פאַלשטענדיקן דעטערמיניזם. אַזאַ דעטערמיניזם קען אויך שטימען מיט נייע דערשיינונגען פון צייט צו צייט" און ווייטער „ניט נאָר קענען מענטשלעכע האַנדלונגען זיין דעטערמינירט און זיי זאָלן ניט קענען פאָראויסגעזען ווערן; זיי קענען זיין פרייע האַנדלונגען און נויטווענדיק אין דער זעלבער צייט".[1]

אַזוי ראַנגעלט ער זיך מיטן פּראָבלעם הין און צוריק אויף פאַרשיידענע אופנים. אַזוי ווי דאָס איז פון אַ לעקציע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ פילאָזאָפישער געזעלשאַפט, דאַרף מען אָננעמען, אַז אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, האָט אַ ווערט טראָץ דעם וואָס אייניקעס זעט אויס צו זיין זעלבסט פאַרשטענדלעך און דערצו חזר'ט ער זיך אַסך מאָל איבער. ער זאָגט אויף אַ פּלאַץ, אַז ווי אַ פילאָזאָף דאַרף ער אַלץ דערקלערן, ער קען קיין זאַך ניט לאָזן אָן אַ דערקלערונג. איבערהויפּט איז ער געווען פעדאַנטיש און גענוי אין זיינע דערקלערונגען. ער פאַרגעסט אויך ניט קאַנטן מיט זיין גלאָריפיצירן דעם פליכט געפיל. ער זאָגט: „עס איז ניטאָ קיין אַקטועלער אונטערשייד צווישן דעם אינטעלעקטועלן כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער נאַטור און דעם עמפּינדלעכן כאַראַקטער, אַזעלכער, ווי קאַנט האָט אָנגענומען, וואָס איז נויטיק ווי אַ גרונט פאַר פליכט. די מענטשלעכע נאַטור איז פאַלשטענדיק עמפּיריש. פליכט אַנטשטייט אין די עמפּירישע גרענעצן. דאָס באַוואוסטזיניק ווערן וועגן פליכט באַשטייט פון דער באַוואוסטזיניקייט וואָס מיר האָבן, אַז ריכטיקע האַנדלונג איז דער אורטייל פון דעם סטאַנדאַרטעזירטן פאַרשטאַנד; אַז עס איז דער סטאַנדאַרט פון דעם קאָלעקטיוון פאַרשטאַנדס ווילן. דער געפיל פון זינד באַשטייט פון דעם געפיל, אַז אונדזער ווילן געפינט זיך אין אַן אומצופרידענעם צושטאַנד. די דאָזיקע אונטערשיידן אַנטוויקלען זיך אינעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו, אָדער אינעם יחיד, ווען ער רעפּרעזענטירט אין זיך גופא דעם קאָלעקטיוו".[2]

ווען מען איז באַקאַנט מיט די טראַגישע רעזולטאַטן, צו וועלכע קאַנטס אַבסטראַקטע פאָרמולירונג פון פליכט האָט געפירט, איז מען העכסט צופרידן צו לייענען וועגן אַ ריין מענטשלעכער פּראַקטישער דעפיניציע וועגן דעם באַגריף פון פליכט. געוויס וואָלט אַזאַ דעפיניציע געדאַרפט זיין זעלבסט פאַרשטענדלעך; פילאָזאָפן, דערהויפּט דייטשישע, פאַרפליען אָבער אָפט אין דער וועלט פון אַבסטראַקציע און פאַרטומלען די מוחות.

ער פאַרענדיקט, אַז דאָס איז לעצטע קאַפּיטל וועגן דעם איבער־

[1] איביד, 329, 323.

[2] איביד, זז. 2־331.

בליק פון די כאַראַקטער אייגנשאַפטן פון דעם פאַרשטאַנד, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר אייגנאַרטיק. אין יעדן איין פאַל, זאָגט ער, אַז ער האָט באַוויזן אַז זיי באַשטייען ניט פון קיין אויסנאַם; זיי אַנטהאַלטן די נאַטירלעכע שטריכן פון אַנדערע עקזיסטענצן לויט דער שטופע פון זייער גראַד. די נאַטור האָט ניט קיין אויסנאַמען.

עד כאן אַלעקסאַנדערס דערקלערונג וועגן פרייהייט און דעטערמיניזם, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען קאַוזאַליטעט. אַלעקסאַנדערס אָפּהאַנדלונג איז פאַרענדיקט; דער פּראָבלעם גופא איז געבליבן אין זיין גאַנצער אומפאַרשטענדלעכקייט ווי פריער.

דאָ בעט זיך אַ באַמערקונג: טראָץ דעם וואָס אַלעקסאַנדער זאָגט אַז זיין אינטערפּרעטאַציע פון קאַוזאַליטעט שליסט אין זיך ניט איין אַז קיין נייעס קומט ניט פאָר, קריגט מען דעם איינדרוק פון זיין גאַנצער אָפּהאַנדלונג אַז קאַוזאַליטעט און די דערשיינונג פון עמערגענטן האַרמאָנירן ניט צווישן זיך. לויט זיין אינטערפּרעטאַציע פון דעטערמיניזם, וואָס ס'מיינט קאַוזאַליטעט, ענטהאַלט אין זיך דעם באַגריף אַז דער פועל יוצא, דער רעזולטאַט קען ניט זיין גרעסער ווי די סיבה און דער באַגריף וועגן נייע דערשיינונגען שליסט אין זיך איין אַז עפּעס נייעס איז דערשינען וואָס איז אין דער סיבה ניט געווען. לויד מאָרגען האָט דאָס איינגעזען און האָט אויך רעאַגירט אַז אויב דאָס קומענדע נייע האַרמאָנירט ניט מיטן קאַוזאַלן געזעץ, ווי ער ווערט פאַרשטאַנען, דאַרף ער אַמענדירט ווערן אַז ער זאָל האַרמאָנירן מיטן פאַקט אַז נייעס דערשיינט פון צייט צו צייט. און פּראָפעסאָר לאָזדזשאָ האָט דערקלערט אַז מיט דער קלאַסישער אינטערפּרעטאַציע פון קאַוזאַליטעט (אַז דער פועל יוצא קען ניט זיין גרעסער פון דער סיבה) פּרעטענדירט מען אַז מען ווייסט מער וועגן דער נאַטור ווי מען ווייסט אין דערווירקלעכקייט. דאָס לעצטע איז ריכטיק: — די קוואַנטום טעאָריע און הייזענבערגס אינדעטערמיניטעט פּרינציפּ האָבן עס באַוויזן. דער פועל יוצא איז אַז מען דאַרף אָנהויבן פונם פאַקט און ניט פון קיין טעאָריע: אויב נייעס דערשיינט און דאָס קען מען ניט לייקענען, דאַרף די טעאָריע וועגן קאַוזאַליטעט צוגעפּאַסט ווערן צו דעם און ניט פאַרקערט צו אָפּלייקענען דעם פאַקט.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם מענטשנס ווילן, צי ער איז ווירקלעך פריי, אָדער ער איז דעטערמינירט, איז עס, קען מען זאָגן, אַ ריין אַקאַדעמישע פראַגע: — די פאַרשיידענע טעאָרעטישע דערקלערונגען זיינען געוויס אינטערעסאַנט, פּאַקטיש זיינען זיי אָבער ניט וויכטיק. ס'איז לאו־דוקא: — ווי מען זאָל דעם ענין ניט דערקלערן, וועט קיין אונטערשייד ניט זיין. סיי ווי פילט זיך דער מענטש פריי אין זיינע באַשטימונגען אָן אונטערשייד ווי די באַשטימונגען זאָלן טעאָרעטיש ניט אינטערפּרעטירט ווערן.

דאָס פאַרקערטע הערשט, וואָס אַנבאַלאַנגט פּאַסירונגען אין דער דינאַמיק פון דער וועלט; אין איר, ווערט אָנגענומען, הערשט קאַוזאַליטעט אָן אונטערשייד ווי די קאַוזאַליטעט זאָל ניט אינטערפּרעטירט ווערן. ווי

מען קען זען, איז אין בײדע פֿאַלן דער פּראָבלעם מער אַ טעאָרעטישער ווי אַ פּראַקטישער.

אַלעקסאַנדער, וואָס איז אַ רעאַליסט און אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט, וואָס פאַרטיידיקט אַן אײנהײטלעכן גאַנג אין דער נאַטור, פאָלגט נאָך ספּינאָזען אין זײַן דעטערמיניזם אויף דער גאַנצער ליניע, אײַנשליסנדיק דעם מענטשן און זײַנע האַנדלונגען. ער האָט אָבער אַן אייגנאַרטיקע דערקלערונג פאַר מענטשלעכע פרייע האַנדלונגען, וואָס ווידערשפּרעכט ניט דעם אַלגעמיינעם דעטערמיניזם און די קאָסמישע קאַוזאַליטעט.

דאָס איז איין אופן אַנצוהאַלטן קאַוזאַליטעט און לאָזן פּלאַץ פאַר פרייע מענטשלעכע האַנדלונגען, וואָס ס'מיינט אַ פרייעם מענטשלעכן ווילן. הערבערט סעמועל, וואָס איז אויך אַ באַדייטענדער דענקער און נעמט אָן אַן אַנדער פילאָזאָפישע אינטערפּרעטאַציע, דערקלערט דעטערמיניזם און פרייעם ווילן אַנדערש. פילאָזאָפיש פאַרטיידיקט ער דואַליזם. ער נעמט צו הילף דעם באַקאַנטן פיזיאָלאָג, שערינגטאָנען, אַז אויך ער פאַרטיידיקט אַ פונדאַמענטאַלן דואַליזם. אויך ער נעמט אָן קאַוזאַליטעט אין דער דינאַמיק פון דער וועלט אין וועלכער קאָסמישע קאַוזאַליטעט הערשט. ער אינטערפּרעטירט אָבער דעם מענטשן ווי אַ רעזולטאַט פון צוויי ווירקונגען, אַ ברייטע אויסערלעכע ווירקונג וואָס פאַלט אונטער אונטער דעטערמיניזם און אַ שמאָלערן אינערלעכן גאַנג, וואָס אין זײַנע גרענעצן איז ער פריי".[1]

זײַן אינטערפּרעטאַציע איז ניט אַזאַ פּינקטלעכע, ווי אַלעקסאַנדערס, דערפאַר איז זי אויך ניט אַזוי פּעדאַנטיש; דערצו האָט ער געשריבן נאָך דעם ווי הייזענבערג איז אַרויסגעקומען מיטן אונדעטערמיניטעט פּרינציפּ, האָט ער זיך מיט אים געמוזט רעכענען, דערהויפּט נאָך דעם ווי עדינגטאָן איז אַרויסגעקומען מיט זײַן ווערק „די נייטשור אָוו די פיזיקעל וואָירלד" (די נאַטור פון דער פיזישער וועלט) און זײַן פרײַנט, דזשיימס דזשינס, האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט זײַן ווערק „די מיסטיריאָוס אוניווערס" אין וועלכע זיי האָבן זיך, לויט ב. ראַסעלן, ווידערשפּראָכן אין די מאַטעמאַטישע פאַקטן, זיי האָבן אָבער געצויגן די זעלבע שלוסן פון די פאַקטן, נעמלעך, אַז לויט הייזענבערגס אונדעטערמיניטעט פּרינציפּ איז דער עלעקטראָן פריי און דערפאַר שטיצט די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט מער ניט קיין דעטערמיניזם. עדינגטאָן האָט געמאַכט אַזוינע שטויסנדע און אַפילו פאַלשע באַהויפּטונגען, אַזוינע ניט באַרעכטיקטע שלוסן, אַז ער האָט אַרויסגערופן אַ שטורם פון פּראָטעסטן פון דער וויסנשאַפטלעכער און פון דער פילאָזאָפישער וועלט.

אַם שטאַרקסטן האָט זיך געפילט געטראָפן מאַקס פּלאַנק; ער האָט זיך באַטראַכט פאַרן הויפּט שולדיקן ווייל ער האָט פאַרקאָכט די קאַשע מיט דער קוואַנטום טעאָריע, וואָס האָט געפירט צו הייזענבערגס אונדעטערמיניטעט פּרינציפּ. אויך איינשטיין האָט ניט געקענט אַראָפּשלינגען די ניט באַרעכטיקטע שלוסן און האָט רעאַגירט אויף אַ שאַרפן אופן.

[1] זע קאַפּ. „סייענס ענד פילאָסאָפיע" אינם בוך „קרעאַיטיוו מען".

פלאַנק האָט אָנגעשריבן אַ בוך קעגן עדינגטאָנס אַרויסטרעט אונטערן נאָמען „וועהער איז סייענס גויאינג?" (וואוהין גייט די וויסנשאַפט?). ער נוצט זיין וויסן און אַ היפּש ביסל פילאָזאָפיע, צו באַווייזן, אַז דער באַגריף וועגן קאַוזאַליטעט איז פונדאַמענטאַל, אַז ער געפינט זיך אונטער יעדער וויסנשאַפטלעכער דערקלערונג. אין דער וויסנשאַפט קען מען, לויט זיין מיינונג, אַנדערש ניט דענקען. דער גאַנצער בוך באַשעפטיקט זיך מיט דעם ענין. דאָ וועלן געבראַכט ווערן אַ פּאָר אויסצוגן כדי אָנצעווייזן ווי ער פאַרטיידיקט קאַוזאַליטעט אין דער וויסנשאַפט; ער זאָגט: „אויב דער באַזיס וועגן קאַוזאַליטעט איז ניט קיין זיכערער וויאַזוי קענען אָנגענומען ווערן די שלוסן וואָס מען ציט פון אַזאַ באַזיס? דאָס מיינט צו צווייפלען אין דער וואַלידיטעט פון דער וויסנשאַפט". געוויס ווייסט ער, אַז עדינגטאָן צווייפלט ניט צי די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען זיינען אמת׳דיקע. ער זאָגט אָבער, אַז די וויסנשאַפט איז ניט באַזירט אויף קאַוזאַליטעט, נאָר אויף סטאַטיסטישע דורכשניטן. זאָגט פלאַנק ווייטער אַז „די סטאַטיסטישע דורכשניטן זיינען אָפּהייניגיק פון דעם, וואָס מען נעמט אָן, אַז דער שטרייַנגער קאַוזאַלער געזעץ הערשט אין יעדן איין באַזונדער פאַל".[1]

אומדירעקט איז זיין פאַרטיידיקונג פון קאַוזאַליטעט אַ שטאַרקע; עס פילט זיך אָבער אין איר קאַנטסווירקונג, אַז קאַוזאַליטעט איז אַ באַדינג פאַרן מענטשלעכן דענקען וועגן דער רעאַליטעט. פילאָזאָפיש קען עס אָנגענומען ווערן פאַר אַן אַרגומענט, עס לייקענט אָבער ניט הייזענבערגס אונדעטערמיניטעט פּרינציפּ. דאָס האָט פלאַנק ניט געקענט לייקענען. איינשטיין האָט איינגעזען דעם שוואַכן פּונקט און ער רעאַגירט אין אַן עפּילאָג צום בוך; ער זאָגט: „ער (פלאַנק) גיט צו, אַז ס׳איז אוממעגלעך אונטער איצטיקע באַדינגונגען צו נוצן דעם קאַוזאַלן פּרינציפּ אין די אינערלעכע פּראָצעסן פון דער אַטאָמישער פיזיק; ער איז אָבער קעגן דעם טעזיס, אַז דערפאַר, וואָס מען קען אים ניט נוצן, זאָל מען באַשטימען, אַז קאַוזאַליטעט עקזיסטירט ניט אין דער אינערלעכקייט פון דער רעאַליטעט. פלאַנק האָט ניט גענומען קיין שטעלונג אין דער פראַגע".[2]

ער גופא נעמט אַ שטעלונג; ער רופט עס אָן שטות׳עריי, וואָס מיינט קיין זאַך ניט. ער גלויבט ניט, אַז זיי זיינען ערנסט, ווען זיי מאַכן אַזעלכע באַהויפּטונגען. נאָך שאַרפער האָט זיך אויסגעדריקט ב. ראַסעל; ער זאָגט, אַז די שרעק פאַר קאָמוניזם האָט זיי (עדינגטאָנען און דזשינען) געפירט צו מאַכן באַהויפּטונגען אין וועלכע זיי גלויבן ניט און קענען זיי ניט מיינען. עדינגטאָן האָט צוגעגעבן, אַז ער איז געווען לויז אין זיינע באַהויפּטונגען; ער האָט עס אָבער געטאָן דערפאַר, וואָס ער איז אַ סאָלדאַט אין אַ רעליגיעזער אַרמיי, האָט ער געפּריידיקט רעליגיע און אַז. וו.

עס איז אָבער ניט קיין פראַגע וועגן עדינגטאָנען, אָדער עמיצן אַנ־

[1] איביד, זז. 11, 145.
[2] איביד, ז. 210.

דערש, וואָס האָט געצויגן ניט קיין באַרעכטיקטע שלוסן פון די פאַקטן; עס איז אַ פראַגע וועגן די פאַקטן פון אינדעטערמיניטעט גופא צי דער עלעקטראָן איז ניט אונטערוואָרפן אונטער דעם געזעץ פון קאַוזאַליטעט, צי איז ער ווירקלעך פריי. בערטראַנד ראַסעל זאָגט, אַז אין דעם פאַל זיינען צוזאַמענגעמישט געוואָרן צוויי באַגריפן: „אין איין זינען פון וואָרט איז אַ קוואַנטיטעט דעטערמינירט ווען זי ווערט געמאָסטן, אין אַ צווייטן זינען ווערט אַ פּאַסירונג באַשטימט ווען זי ווערט פאָראויסזאָגט. דער פּרינציפּ פון אונדעטערמיניטעט האָט אַ שייכות צו מעסטונגען און ניט צו קאַוזאַליטעט".[1] לויט זיין מיינונג האָט דער אונדעטערמיניטעט פּרינציפּ קיין שום שייכות ניט מיט קאַוזאַליטעט.

אין צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט זיך פּלאַנק צוריק אומגעקערט צו דער פראַגע וועגן קאַוזאַליטעט אין שייכות צו די געענדערטע באַגריפן אין דער אַטאָמישער פיזיק. אין אַ לעקציע וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1946, זאָגט ער, אַז קאַוזאַליטעט דאַרף גענומען ווערן אין שייכות צו דער פונדאַמענטאַלער איינהייט, ווי זי ווערט איצט פאַרשטאַנען און ניט ווי זי איז פאַרשטאַנען געוואָרן אין דער קלאַסישער פיזיק. די איינהייט ווערט איצט פאַרשטאַנען אין דער פאָרמע פון וואַלן צענטערן און אין שייכות צו די וואַלן צענטערן הערשט דער קאַוזאַל פּרינציפּ".[2]

אויב ריכטיק פאַרשטאַנען, איז עס דאָס זעלבע וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין בוך; נאָר איצט נעמט ער עס פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט, אַז דאָס איז די איינהייט וואָס האָט אַ קאַוזאַלע פאַרבינדונג מיט די אַנדערע ענלעכע איינהייטן ווי צענטערן פון אַקטיוויטעט.

אויבן אויף זעט אויס, אַז פּלאַנק, איינשטיין און אַסך וויסנשאַפטלער מיט זיי, האָבן געלייזט דעם פּראָבלעם אין די גרענעצן פון דער וויסנשאַפט. פאַר פּראַקטישע צוועקן האָבן זיי אים אָן צווייפל געלייזט. עס דאַרף אָבער אָנגעוויזן ווערן, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט פּראַקטישע צוועקן האָט קיינער אויך פריער ניט געצווייפלט אין דעם פאַקט. ווען עדינגטאָן האָט געזאָגט, אַז די וויסנשאַפט אָפּערירט מיט סטאַטיסטישע דורכשניטן און ציט פון זיי שלוסן און ניט מיטן פּרינציפּ פון קאַוזאַליטעט, האָט דעם פאַקט קיינער ניט באַשטריטן; מען האָט אָבער דערקלערט, אַז מען דאַרף אָננעמען דעם פּרינציפּ פון קאַוזאַליטעט אום מען זאָל זיך קענען באַנוצן מיט סטאַטיסטישע דורכשניטן. עס זעט אויס, אַז בערטראַנד ראַסעל שטימט ניט איין מיט דער מיינונג, ווי מען קען עס אַרויסלייענען פון זיין בוך „היומען נאַלעדזש, איטס סקאָופּ ענד איטס לימיטס" (דער מענטשלעכער וויסן, זיין פאַרנעם און זיינע גרענעצן).

בערטראַנד ראַסעל איז איינער פון די וויכטיקסטע דענקער אין דער לעצטער צייט. ער ווערט באַטראַכט פאַרן וויכטיקסטן מאַטעמאַטישן לאָ־

[1] פון העוובערט סעמועלס בוך „קרעאייטיוו מאן", ז. 56.

[2] זע „סייענטיפיק אוטאָביאָגראַפיע", ז. 131, איבערגעגעבן פריי.

גיקער, ווי אייניקע נעמען אָן, פון אַלע ציטן. ער איז געגוי באַקאַנט מיט אַלע וויסנשאַפטלעכע פאַקטן, וועלכע האָבן אַ שייכות מיט דעם ענין. דערצו איז ער אַ זייער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער, ער קען דערקלערן דעם שווערסטן ענין אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן. אין דעם דערמאָנטן בוך באַטראַכט ער, וואָס ער רופט אָן, די לאָגיק פון דער וויסנשאַפט. אַ היפשער טייל פונם ווערק באַשטייט פון מאַטעמאַטישע דערקלערונגען וועגן דער טעאָריע פון וואַרשיינלעכקייט (פּראָבאַבילִיטי). עס איז אַ זייער קאָמפּליצירטער און ניט געלייזטער ענין, וואָס נאָר פאַכלייט קענען אים גענוי פאַרשטיין. פון דעם, וואָס קען פאַרשטאַנען ווערן פונם מחבר פון די שורות, זעט אויס, אַז ראַסעל האַלט, אַז די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט האָט ניט קיין שום גרונט זי זאָל קענען פאַרטיידיקן קאַוזאַליטעט אינם אַבסאָלוטן זינען פון וואָרט.

וואָס אַנבאַלאַנגט ראַסעלס מיינונג וועגן קאַוזאַליטעט בכלל איז די מיינונג ניט קיין נייע; מען האָט ניט געדאַרפט וואַרטן אויף דעם בוך מען זאָל זיך מיט איר באַקאָנען. ער האָט שטענדיק פאַרטיידיקט יומס סקעפּטיציזם. אין דעם בוך באַקרעפטיקט ער זיין מיינונג מיט די נייע וויסנשאַפטלעכע פאַקטן ווי אויך מיט די מאַטעמאַטיש־לאָגישע ספּעקולאַציעס פון דער לעצטער צייט. ער ציט דעם שלוס, אַז קאַוזאַליטעט איז קיינמאָל ניט באַוויזן געוואָרן און קען אויך ניט באַוויזן ווערן.

ווי ס׳זעט אויס, איז וואָס אַנבאַלאַנגט דעם קאַוזאַליטעט פּראָבלעם דאַרף מען אָדער בלייבן שטיין ביי יומס סקעפּטיציזם, אָדער מען דאַרף אָננעמען קאַנטס מיינונג, אַז קאַוזאַליטעט איז אַ פונדאַמענטאַלער באַדינג פאַרן מענטשלעכן דענקען וועגן דער רעאַליטעט. דער מחבר פון די שורות, ניט זייענדיק קיין אוטאָריטעט אין דער פראַגע, וואָלט זיך אים געוואָלט אָננעמען קאַנטס מיינונג, וואָס, ווי מען קען זען, איינשטיין און פּלאַנק נעמען אָן, באַגעגענט ער זיך אָבער מיט אַן אוטאָריטעטער מיינונג פון אַ באַדייטענדן פיזיקער, וואָס האָט געשריבן נאָך זיי און ער זאָגט אַז ס׳איז באַוויזן געוואָרן אַז קאַנטס מיינונג איז ניט קיין ריכטיקע. אַזוי ווי עס איז אַ פונדאַמענטאַלע פראַגע וועט ער ציטירט ווערן וואָרטערלעך. עדמאָנד וויטייקער זאָגט: „דער פּראָבלעם איז ענדלעך געלייזט געוואָרן דורך אַ רעזולטאַט פון אַ גרונדלעכער דיסקוסיע פון דער מאַטעמאַטישער טעאָריע פון ראַדיאָאַקטיוויטעט. אַן עלעמענטאַרער באַריכט איז פון מיר געגעבן געוואָרן פאַר דער געזעלשאַפט פון פיזיקער אין לאָנדאָן אין 1943 און אַ פאַלשטענדיקער אַנאַליז קען געפינען ווערן אין פּראָפעסאָר פאָן נאָומאַנס בוך. דער ענטפער איז אַ גענוי באַשטימטער און ער איז צו גונסטן דער צווייטער אַלטערנאַטיווע, נעמלעך: אַז די צייט ווען דער ראַדיאָם אַטאָם ברעכט זיך אָפּ קען ניט נאָר ניט פאָראויסגעזאָגט ווערן אין דער פּראַקטיק, נאָר אויך ניט אין פּרינציפּ; עס איז אַווירקלעכער אונדעטערמיניזם, עס פעלט פאַלשטענדיק דער פאָסטולאַט פון קאַוזאַליטעט. קאַנטס מיינונג אַז דער פאָסטולאַט איז אַ נויטווענדיקער באַדינג פונם דענקען גופא, אומאָפּהייניגיק פון דערפאַרונג,

איז באַוויזן געוואָרן צו זיין פאַלשטענדיק פאַלש און ס׳איז אויף אַ גלענ־צענדן אופן אילוסטרירט געוואָרן אַז אַ מעטאַפיזישע אַקסיאָמע איז אָפּ־הייגניק פון אַבזערווירטע פאַקטן״.[1]

ווי מען קען זען זיינען זיך די וויכטיקסטע וויסנשאַפטלער סותר; זיי ווידערשפּרעכן זיך אין דעם עצם פון קאַוזאַליטעט. פאַרשטייט זיך, אַז אויב ס׳איז ווירקלעך באַוויזן געוואָרן, ווי וויטייקער זאָגט, אַז דער אונ־דעטערמיניזם איז אַן אַבסאָלוטער, וועט די מיינונג אַנגענומען ווערן באין ברירה.

אויך פילאָזאָפן שטימען ניט צווישן זיך וועגן קאַוזאַליטעט. אויפן ניינטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון פילאָזאָפיע איז דעם פּראָבלעם וועגן קאַוזאַליטעט אין דער ליכט פון דער קוואַנטום טעאָריע אָפּגעגעבן געוואָרן די מערסטע צייט און ענדלעך האָט די מערהייט באַשטימט פאַר קאַוזאַליטעט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע פּראָבלעמען ווערן ניט באַשטימט דורך קיין מערהייט, נאָר דורך עמפּירישע און עקספּערימענטאַלע באַוויזן. אויב עס קען בכלל באַוויזן ווערן. פון דעם וואָס דער מחבר פון די שורות האָט געלייענט אין פאַן וועיצזאַקערס בוך „די וואָירלד וויעו אוו פיזיקס״ (דאָס בילד פון דער וועלט לויט דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט) זעט אויס, אַז עקספּערימענטאַל קען עס ניט באַוויזן ווערן: — עס איז אַ פּראָבלעם פאַר די מאַטעמאַטישע פיזיקער און זיי שטימען ניט צווישן זיך. ווי עס זעט אויס מוז די פראַגע נאָך בלייבן אָפן.

---

[1] זע „ספּייס ענד ספּיריט״, ז. 108.

צוועלפטער קאפיטל

דייעטי (דאָס געטלעכע) און גאָט.

דאָס איז דער פערטער טייל פון זיין סיסטעם. ער רופט אים אָן דער פערטער בוך. דער טייל פאַרנעמט קאַרגע הונדערט זייטן; ער באַשטייט פון דריי קאַפּיטעלן. דער אינהאַלט ווערט נאָכגעפאָלגט ווערן אַזוי ווייט ווי מעגלעך.

ער הייבט אָן די באַטראַכטונג מיט „אין אָן אוניווערס וואָס, ווי ס׳ווערט דערקלערט, אַז ער באַשטייט פון זאַכן, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט פון איין רוים־צייט מאַטריקס; אין וועלכן מיר זעלבסט זיינען ניט מער ווי די העכסטע באַגרענעצטע וועזנס, וועלכע זיינען אונדז באַקאַנט דערפאַר, וואָס די עמפּירישע קוואַליטעט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באַוואוסט־זיניקע ברואים, איז באַזירט אויף פינאַלע (פיינאַטס) פון אַ נידעריקערער עמפּירישער קוואַליטעט (איז די פראַגע): וואָס פאַר אַ פּלאַץ איז פאַראַן, און וואָס פאַר אַ פּלאַץ קען צוגעשריבן ווערן צו גאָט?

צוערשט מוז גאָט דעפינירט ווערן ווי דער אָביעקט פון די רעליגיעזע עמאָציעס פון די, וועלכע דינען אים. ער האָט אַן אינערלעכע שייכות צו דער באַטרעפענדער עמאָציע, אָדער סענטימענט, ווי שפּייז האָט אַ שייכות מיטן אַפּעטיט. צו וואָס מיר דינען, דאָס איז גאָט.

דאָס איז דער פּראַקטישער, אָדער דער רעליגיעזער, צוגאַנג צו גאָט. ער איז אָבער ניט גענוג פאַר אונדזערע טעאָרעטישע באַדערפענישן. ער ליידעט פון דעם חסרון וואָס, ווי ווייט רעליגיע גופא קען אונדז פאַרזיכערן, איז דער אָביעקט פון רעליגיע, ווי טיף ער זאָל ניט זיין פאַרוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נאַטור, ווי ווייט ער זאָל ניט אַנטשפּרעכן אירע באַ־דערפענישן, קען ער אָפּגעטיילט ווערן פון דער איבעריקער וועלט. גאָט קען באַשטיין ניט מער ווי פון אַ גאָבעלער פאַנטאַזיע, אַ וועזן, וועלכן מיר אַליין טראַכטן אויס אין אונדזער פאַנטאַזיע און וועז מיר גלויבן, קען ער אונדז אינספּירירן און דערהאַלטן און עס זאָל זיין גענוג באַרעכטיקונג צוליב דער ווירקונג גופא, וועלכע שטעלט אונדז צופרידן. אָבער אין דער אמת׳ן איז ניטאָ אַזאַ רעאַליטעט (אַזאַ גאָט), וועלכע וואָלט געקענט קאָאָרדינירט ווערן מיט אַנערקענטע רעאַליטעטן אין דער וועלט״.[1]

---

[1] איביד, ז. 341.

אין דעם אויסצוג געפינט זיך דער תמצית פון זיין אינטערפּרעטאַציע פון רעליגיע. דער רעליגיעזער געפיל, אָדער די עמאָציע, איז אַזוי פונדאַ־מענטאַל, ווי וועלכער עס איז אַנדער געפיל, אָדער עמאָציע. דער געפיל גופא רופט אַרויס אַ באַדערפעניש צו דינען גאָט און גאָט איז דער, צו וועמען מען דינט. פאַר פּראַקטישע צוועקן איז דאָס גענוג. פּאַקטיש קען דער גאָט, צו וועמען מען דינט, זיין אַ ריינער פּראָדוקט פון דער אייגענער פאַנטאַזיע און היסטאָריש האָט מען געדינט צו פּראָדוקטן פון דער אייגע־נער פאַנטאַזיע; מען דינט איצט אויך צו געטער, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן פון עמיצענס פאַנטאַזיע. געוויס קען דער רעליגיעזער מענטש עס ניט צוגעבן; ער איז זיכער אַז ער דינט צום אמת'ן גאָט. דאָס איז זעלבסט פאַרשטענדלעך. דער געפיל גופא, אָדער די עמאָציע, איז אָבער ניט גענוג זי זאָל קענען אָנגענומען ווערן פאַר אַ גענוגענדן באַווייז אַז גאָט עקזיס־טירט בפועל ממש: — מען האָט געדינט און מען דינט אויך צו געטשקעס וואָס מען מאַכט אַליין, אָדער צו פּראָדוקטן פון דער אייגענער פאַנטאַזיע.

רעליגיע גיט נאָר אַ געפיל וועגן דעם וואָס מען פאַרשטייט אונטער גאָט, אַז ער דאַרף זיין אַ וועזן וואָס איז געטלעך און הייליק. אויך מעטאַ־פיזיק זאָגט וואָס גאָט דאַרף מיינען און אין וואָס זיין עצם דאַרף באַשטיין. דאָס אַליין איז אָבער ניט קיין באַוויז פאַר זייןווירקלעכער עקזיסטענץ.

אַלעקסאַנדער נעמט ניט אָן די היסטאָריש באַקאַנטע באַווייזן אַז גאָט עקזיסטירט. ער האַלט אַז זיי שטעלן ניט צופרידן דעם מאָדערנעם מענטשן; זיי באַשטייען פון קיילעכדיקע דערקלערונגען וואָס שליסן אין זיך איין דאָס, וואָס דאַרף באַוויזן ווערן אַז ס'איז אַן אמת.

די פראַגע איז: וויאַזוי קומט מען פונם רעליגיעזן געפיל און פון דער רעליגיעזער איבערלעבונג, צו אַן עקזיסטירענדן גאָט? אויף דער פראַגע האָט ער געגעבן אַן ענטפער אין אַן עסיי וואָס ער האָט געשריבן מיט יאָרן פריער פאַר זיין סיסטעם. אין דער עסיי זאָגט ער: „אָט ווי דער אימפּולס פון ליבע שליסט אין זיך איין דעם אָביעקט צו וועלכן מען שטרעבט זיך מיט אים צו פאָרן, אַזוי ווי דער הערד אינסטינקט, דער געפיל צו לעבן געמיינ־שאַפטלעך, שליסט אין זיך איין צו זוכן חברים, אַזוי, מעגלעך, שליסט אין זיך איין דער אימפּולס צו דינען גאָט, אַ גאָט וועלכן מיר אַנערקענען ווען מיר זוכן אים".

(עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז ער גיט צו אַז ניט אַלע מענטשן באַזיצן רעליגיעזע געפילן און אַז ער אַליין האָט אַזוינע געפילן זעלטן און ווען אַפילו מען האָט זיי זיינען זיי ניט גענוג, אַז פון די סוביעקטיווע געפילן זאָל מען פּאָסטולירן אַ גאָט. פונדעסטוועגן נוצט ער דעם אופן ווי צו צוקומען צו גאָט אָט ווי ס'זאָל זיין אַ גענוגענדער באַווייז).

זיין סיסטעם איז ביז איצט נאָכגעפאָלגט געוואָרן ווי ער האָט צוגעע־פירט צום געטלעכן. איצט וועט אָנגעוויזן ווערן ווי ער פירט אַריין דאָס געטלעכע; ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן ווי ער באַטראַכט דעם רעליגיעזן געפיל און די איבערלעבונג פאַר אַ פונדאַמענטאַלער אייגנשאַפט, וועלכע נויטיקט

זיך אין גאָט אים צו דינען. דאָס האָט אַ מעטאַפיזישן ווערט וואָס דאַרף ניט איגנאָרירט ווערן. ווי אַ באַווייז וועגן דעם געטלעכן, ווי אַזעלכן, גיט ער צו, איז עס ניט גענוג.

דער זיכערער באַווייז ליגט אין זיין מעטאַפיזיק לויט דעם באַגריף פון דער עמערגענטער עוואָלוציע מיט דער אומרועקייט פון צייט, וואָס טרייבט אַרויסצורופן נייעס דורך דעם ניסוס, וואָס קען ניט בלייבן שטיין ביי דעם וואָס איז ביז איצט אַרויסגעבראַכט געוואָרן. ער זעט ניט אין וואָרום די וועלט זאָל בלייבן שטיין באַם מענטשן און מער ניט שאַפן קיין נייעס, וואָס ס׳מיינט אַרויסברייגגען געטלעכעס.

דער פונדאַמענט פון זיין מעטאַפיזישער געביידע באַשטייט פון רוים־צייט און דער העכסטער פונקט פון דעם בנין איז דייעטי, וואָס דאַרף ערשט קומען.

עס איז עטלעכע מאָל אָנגעוויזן געוואָרן אויף זיין אַנאַלאָגיע, אַז אַט ווי דער מענטש באַשטייט פון אַ קערפּער און אַ מאַינד, אַזוי דאַרף מען נעמען אין יעדן איין צושטאַנד דאָס נידעריקע פאַרן קערפּער און דאָס העכערע פאַרן מאַינד, וואָס קען אויך אָנגערופן ווערן נשמה און אויך דאָס געטלעכע פונם נידעריקערן. די באַגריפן קערפּער און מאַינד, נשמה אָדער דאָס געטלעכע זיינען ניט קיין פיקסירטע באַגריפן. זיי בייטן זיך מיט יעדן העכערן שטאַפּל פונם עוואָלוציע לייטער און פירן אַלץ העכער און העכער, ביז זיי קומען צום געטלעכן, צו דייעטי. ער זאָגט: „דייעטי (דאָס געטלעכע) איז אויף דעם אופן די העכערע עמפּירישע קוואַליטעט, וואָס דאַרף קומען נאָך מאַינד, מיט וועלכער דער אוניווערס איז איצט באַשעפטיקט און דאַרף פון זיך אַרויסברייגגען. ספּעקולאַטיוו זיינען מיר פאַרזיכערט, אַז דער אוניווערס איז טראָגעדיק מיט אַזאַ קוואַליטעט. אמת, איצט קענען מיר ניט וויסן אין וואָס די קוואַליטעט באַשטייט; ניט מיר האָבן פון איר גענוס און געוויס קענען מיר זי ניט קאָנטעמפּלירן. מיר שטעלן נאָך אויף אונדזערע מענטשלעכע מזבחות צו אַן אומבאַקאַנטן גאָט. אַז מיר זאָלן קענען וויסן אין וואָס דייעטי באַשטייט, ווי ס׳פילט זיך ווען מען איז הייליק, וואָלטן מיר פריער געדאַרפט ווערן געטער. דאָס איינציקע, וואָס מיר ווייסן וועגן איר, איז וועגן איר שייכות צו אַנדערע עמפּירישע קוואַליטעטן, וועלכע זיינען געקומען פריער אין צייט. מיר קענען ניט אַריינדרינגען אין איר נאַטור. מיר קענען זי זיך נאָר פאָרשטעלן מיט דער הילף פון אַן אַנאַלאָגיע״.[1]

לויט דעם אויסצוג איז ער זיכער, אַז דער העכערער צושטאַנד פון מאַינד וואָס איז דייעטי, דאַרף און וועט קומען. ער איז זיכער, אַז די וועלט איז טראָגעדיק מיט דייעטי, אין דעם צווייפעלט ער לגמרי ניט. ער איז אין דעם זיכער ספּעקולאַטיוו, וואָס ס׳דאַרף מיינען, אַז דער עוואָלוציע פּראָצעס, וואָס ווערט געטריבן דורך דער אומרועקייט פון צייט, פירט אומבאַדינגט דערצו. מען קען אָבער ניט וויסן אין וואָס די דייעטי וועט

[1] איביד, ז. 347.

באַשטיין, ווען זי וועט קומען, ווייל וועגן דעם, וואָס איז נאָך ניטאָ, קען מען קיין זאַך ניט זאָגן.

דער מעטאַפיזישער מוז, אַז דייעטי מוז קומען און וועט קומען, איז געגוג פאַר אַ פילאָזאָף, וואָס שאַפט אַ מעטאַפיזישן סיסטעם. עס איז ניט גענוג פאַר רעליגיע. רעליגיע נויטיקט זיך אין אַ ברען־פּונקט, וואָס זאָל אָנצינדן די פאַנטאַזיע און קוויקן דאָס האַרץ.

אַלעקסאַנדער האָט עס געזוּאוסט, האָט ער אין זיין דייעטי אויך דעם מאָמענט ניט פאַרזען. ער זאָגט „אין דער רעליגיעזער עמאָציע האָבן מיר די דירעקטע דערפאַרונג פון עפּעס, וואָס איז העכער פון אונדזער פערזאָן; מיר האָבן דאָס, וואָס מיר רופן אַן גאָט, וועלכער פּרעזענטירט זיך ניט צו אונדז דורך אונדזערע חושים, נאָר דורך די רעליגיעזע עמאָציעס. דידאַ־זיקע עמאָציע באַשטייט אין אונדזער אַרויסגיין פון זיך גופא, פון אונדזער פאַרזוך און שטרעבונג צו דעם אָביעקט. ספּעקולאַציע גיט אונדז אַ מעג־לעכקייט צו דערקלערן אין וואָס די הייליקע קוואַליטעט באַשטייט און אַז זי באַשטייט פון אַן עמפּירישער קוואַליטעט, וועלכע פאָלגט לויט דער ריי וואָס די נאַטור פון צייט צווינגט צו פאָסטולירן טראָץ דעם וואָס מיר קענען ניט זאָגן ווי ס'קוקט אויס. אָבער אויסער דער פאַרזיכערונג, וואָס ספּעקו־לאַציע גיט אונדז וועגן דעם פּלאַץ אין וועלכן די הייליקע קוואַליטעט געפינט זיך אין דער וועלט, פרעגט זי אין וואָס די קוואַליטעט ליגט? וואָס איז אייגענטלעך די בריאה, וועלכע באַזיצט דייעטי? מיר וועלן געבן אַ פילאָזאָפישן ענטפער: אונדז אַרט ניט וועגן די פאַרשיידענע פאָרמען, וואָס דער באַגריף וועגן גאָט האָט אָנגענומען אין די פאַרשיידענע רעליגיעס. אונדזער פראַגע איז אַ מער באַשיידענע, נעמלעך: וואָס פאַר אַ באַגריף פאָ־דערט זיך צו האָבן וועגן גאָט אויב דער אוניווערס, ווי רוים־צייט, ברענגט פון זיך זעלבסט אַרויס אין משך פון צייט די ריי עמפּירישע קוואַליטעטן, לויט וועלכע דייעטי פאָלגט אין דער ליניע נאָך מאַינד? גאָט איז די גאַנצע וועלט ווי דער באַזיצער פון דער קוואַליטעט דייעטי. פאַר אַזאַ באַשאַף באַשטייט די גאַנצע וועלט פונם קערפּער און די דייעטי איז דער מאַינד. דער באַזיצער פון דייעטי איז ניט אין דער אַקטואַליטעט, נאָר אין דעם אידעאַל".[1]

די ליינגערע אויסצוגן צו אַרויסברענגען זיין מיין וועגן דעם געט־לעכן (דייעטי), וואָס דאַרף אויך זיין גאָט ווי אַן עמערגענט, זיינען געגעבן געוואָרן פּשוט דערפאַר, וואָס ס'וואָלט געווען כמעט אוממעגלעך צו איבער־געבן פּינקטלעך זיין מיין אין אייגענע ווערטער און וואָלט עס אפילו גע־לונגען, וואָלט דאָס געגעבענע ניט געטראָגן די זיכערקייט, אַז דאָס האָט ער ווירקלעך געזאָגט און געוויס וואָלט ניט געקענט געגעבן ווערן דער אופן ווי ער האָט עס געזאָגט.

איידער דאָס וועט באַטראַכט ווערן, וועט געגעבן ווערן די מיינונג

---

[1] איביד, ז. 353.

פון די צוויי, וואָס האָבן געשריבן ביכער וועגן זיין פילאָזאָפיע. מילטאָן קאָנוויץ, וואָס איז איבערהויפּט קריטיש געשטימט קעגן אַלעקסאַנדערן, זאָגט, אַז די אויפגאַבע פון אַ פילאָזאָף איז צו באַשעפטיקן זיך מיט דעם וואָס עקזיסטירט און אויב ער וויל פאָרמירן אַ סיסטעם, דאַרף ער עס טאָן אין די גרענעצן פונם עקזיסטירנדן. עס איז ניט די אויפגאַבע פון אַ פילאָזאָף צו זאָגן נביאות וועגן דעם וואָס ס׳וועט, מעגלעך, קומען, אויב ס׳וועט קומען.

דזש. מק׳קאַרטי, וואָס סימפּאַטיזירט מיט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע און איז נאָך רעליגיעז געשטימט דערצו, לויבט דעם טייל אין הימל אַריין. ער זאָגט „די טעאָלאָגיע, וועלכע ער פּרעזענטירט, באַשטייט ניט פון קיין צוגאָב צו זיין בריליאַנטענעם מעטאַפיזישן אַנאַליז, נאָר זי איז אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון זיין אָפּהאַנדלונג וועגן רוים, צייט און ווערטן. זיין דערקלערונג וועגן דייעטי איז די קרוין פון אַ פּראַקטפולער פילאָזאָפיע וואָס רעכנט זיך מיט אַלע פאַקטן פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג, אַ פילאָזאָפיע, וואָס שליסט אין זיך איין די וויסנשאַפטלעכע פאַקטן אַזוי גוט ווי רעליגיעזע איבערלעבונגען״.[1]

ווי אַזוי דערקלערט מען דעם ווידערשפּרוך פון צוויי פאָרשער וואָס האָבן געשריבן דיסערטאַציעס וועגן אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע? דער איינציקער ענטפער, וואָס קען געגעבן ווערן איז, אַז זיי האָבן באַטראַכט זיין פילאָזאָפיע פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, האָבן זיי זי געזען פאַרשיידן. דר. קאָנוויץ, כאָטש אַליין איז ער גענייגט צו אידעאַליזם, האָט גענומען אַלעקסאַנדערן ווערטערלעך; ער האָט ניט געזען זיין טיפערן מיין, האָט ער אים קריטיקירט. דר. מק׳קאַרטי האָט, ווי ס׳זעט אויס, אים אינטערפּרעטירט מעטאַפאָריש־רעליגיעז, האָט ער געזען דאָס געטלעכע אין זיין גאַנצער מעטאַפיזיק, איבערהויפּט אינעם לעצטן טייל.

ווען מען נעמט אַלעקסאַנדערס גאָט און דייעטי מעטאַפאָריש זעט מען זיין מעטאַפיזיק אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. ווי ווען מען נעמט אים ווערטערלעך; מען זעט דעם מיין פון דעם, וואָס יעדע העכערע גראַדאַציע, וואָס דאַרף קומען, איז געטלעך פאַרן פריערדיקן. ווען מען כאַפּט דעם גענויעם מיין פון זיינע טערמינען, זעט מען, אַז דאָס, וואָס ער באַטראַכט פאַר געטלעך איידער עס קומט, איז מאַינד ווען עס קומט, אָן אונטערשייד אין וואָס ס׳באַשטייט דאָס וואָס דאַרף קומען, אָדער וואָס איז געקומען. מאַינד איז דאָס העכסטע, וואָס איז איצט פאַראַן און דאָס געטלעכע איז די גראַדאַציע וואָס דאַרף קומען און דייעטי איז דער אידעאַל.

ס׳איז זייער שווער צו כאַפּן זיין גענויעם מיין אין יעדן איין פאַל. ער גיט ווייניק אַנדייטונגען וועגן דעם ריכטיקן מיין פון זיינע טערמינען. עס איז קיין פראַגע ניט, אַז ער האָט זיין מעטאַפיזיק דורכגעטראַכט פונם אָנהויב ביזן סוף. זי לאָזט זיך אָבער ניט לייכט צו דערקלערן. מען מוז אים שטו־

[1] זע „נעטשוראַליזם און סעמועל אַלעקסאַנדער״, ז. 76.

דירן שטופנווייס ביז מען דערגרונטעוועט זיך צו זיין מעטאַפיזיק און ערשט נאָכדעם קען מען מאַכן אַ טעות, אָדער בלייבן שטיין ביי עפּעס, וואָס איז ניט פאַרשטענדלעך, האָט ער דאָך אַליין געטראָטן אויף אַ פינצטערן וועג...

די צוויי אויסצוגן, וואָס זיינען פריער געבראַכט געוואָרן, דער ספּעקולאַטיוו מעטאַפיזישער און דער עמאָציאָנעל רעליגיעזער, זיינען געגעבן געוואָרן איינער נאָך דעם אַנדערן דערפאַר, וואָס זיי דערגאַנצן איינער דעם צווייטן. זיי וועלן אַנאַליזירט ווערן און אַן אַלגעמיינער שלוס וועט פון זיי געצויגן ווערן. אין דעם ערשטן אויסצוג זאָגט ער דאָס, וואָס ער האָט שוין פריער אַסך מאָל געזאָגט, אַז די העכערע גראַדאַציע איז דער פאַרשטאַנד, (מאַינד, נשמה) פון דער נידעריקערער וואָס איז דער קערפּער. ער נוצט בלויז אַ נייעם טערמין, אַז דאָס העכערע דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר געטלעך פאַר דעם נידעריקערן (פאַר מאַינד).

דער נייער טערמין גופא איז פאַר אים וויכטיק צוליב דעם ווייטערדיקן ווען ער וועט אַריינברייננגען גאָט מיט זיין הייליקייט. די געענדערטע טערמינאָלאָגיע ברייננגט דירעקט מיט זיך ניט קיין נייעס, סיידן מען זאָל אָננעמען פאַר וויכטיק די נאָר וואָס געמאַכטע באַמערקונג וועגן דעם מיין פון דעם געטלעכן אין יעדן איין פאַל. דאָס לאָזט זיך גלויבן. עס זיינען אָבער פאַראַן אַ פּאָר טערמינען, וואָס בעטן מען זאָל זיי דערקלערן, זיי זאָלן ניט בלייבן הייגען אין דער לופטן. ער נוצט דעם אויסדרוק אַ העכערע עמפּירישע קוואַליטעט העכער ווי דער מאַינד, וואָס איז איצט נאָך ניטאָ; זי (די קוואַליטעט) וועט קומען אין לויף פון צייט. די פראַגע איז אויב די העכערע קוואַליטעט איז נאָך ניט געקומען, ווי קען זי דעזיגנירט ווערן מיטן טערמין עמפּירישע? עמפּיריש מיינט האָבן דערפאַרונג. ווען אָבער זי איז נאָך ניטאָ, האָט מען פון איר ניט געקענט האָבן קיין דערפאַרונג. זיין דערקלערונג וועגן עמפּירישן וויסן וועגן עפּעס, וואָס איז ניטאָ, אָבער, ער נעמט אָן, אַז ס'וועט אין לויף פון צייט קומען, געפינט זיך אויפן סוף פון דעם ציטירטן, ווען ער זאָגט „מיר קענען עס זיך פאַרשטעלן מיט דער הילף פון אַן אַנאַלאָגיע". עס זאָל מיינען, אַז פון דעם וואָס איז געקומען אויפן לייטער פון עוואָלוציע ביז איצט, קען מען ציען אַ שלוס וועגן דעם וואָס וועט קומען. ער ברייטערט אויס זיין דערקלערונג מיט אַ צווייטער אַנאַלאָגיע. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען נוצט איין אַנאַלאָגיע צו דערקלערן אַ צווייטע אַנאַלאָגיע, בלייבט דער ענין ניט דערקלערט: — מען דרייט זיך אין אַ קייט פון אַנאַלאָגיעס, וואו איינע דאַרף דערקלערן די צווייטע און ביידע בלייבן, נאַטירלעך, ניט דערקלערט.

ווייטער נוצט ער דעם טערמין מיר זיינען ספּעקולאַטיוו פאַרזיכערט וועגן דעם וואָס די וועלט וועט פון זיך אַרויסברייננגען, ווייל, ווי ער זאָגט, איצט איז זי טראָגעדיק מיט דעם וואָס דאַרף קומען. אַ ספּעקולאַטיווע פאַרזיכערונג איז ניט קיין גאַנגבאַרער טערמין פאַר אַ רעאַליסט און עמפּיריקער, וואָס דאַרף אָפּערירן מיט פאַקטן און מיט השערות, וואָס קענען באַזירט ווערן אויף די פאַקטן. וואָלט אָבער אַלעקסאַנדער געוועזן אַזוי שטריינג,

וואָלט ער קיין פילאָזאָפישן סיסטעם ניט געקענט שאַפן. אַפילו אַ רעאַליס־טישע מעטאַפיזיק איז באַזירט אויף ספעקולאַטיווע מיינונגען און ניט אויף קיין פאַקטן.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אַלעקסאַנדער איז פאַר אַ לאַנגער צייט געגאַנגען אין חדר צו די נעאָ־העגעליאַנער אידעאַליסטן; ווען ער האָט זיי ענדלעך פאַרלאָזט און האָט אָנגענומען אַ רעאַליסטישן אַרט דענקען, האָט ער מיט זיך מיטגענומען אַ היפש ביסל פון דער אידעאַליסטישער פאָרמע פון דענקען, אויב ניט קיין אידעאַליסטישע אינטערפּרעטאַציע. זאָגט טאַקע זיין פריינט און תלמיד, לאָרד ליסטאָוועל, אַז אַלעקסאַנדערן איז געלונגען צו שאַפן אַ פילאָזאָפישן סיסטעם דערפאַר, וואָס טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ רעאַליסט, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַן אידעאַליסטישן אַרט דענקען און מיט אַן אידעאַליסטישער פאַנטאַזיע. ליסטאָוועל האַלט, אַז אַלעקסאַנדערס סיסטעם באַשטייט פון אַ סינטעז פון רעאַליזם און אידעאַליזם.

מען האָט אַ רעכט צו גלויבן, אַז אַלעקסאַנדער וואָלט ניט געווען צופרידן פון זיין פריינדס קאָמפּלימענט; ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ שטרייגגן רעאַליסט. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז אַזאַ אויסדרוק ווי ספעקו־לאַטיוו פאַרזיכערט קלינגט ניט שטריינג ווי עמפּירישער רעאַליזם. אַלעק־סאַנדער האָט דעם אויסדרוק גענוצט ווי אַ באַוויז, אַז פון דעם, וועגן וואָס מען ווייסט, האָט מען אַ רעכט צו ציען לאָגישע שלוסן וועגן דעם וואָס מען ווייסט ניט. דאָס איז פאַר אים געווען אַ גענוגענדער באַוויז, אַז די העכערע גראַדאַציע, די דייעטי, אינעם זינען פון געטלעכן, וועט אין לויף פון צייט קומען.

צו אַן ענלעכן שלוס קומט ער אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער רע־ליגיעזער עמאָציע, אָדער וועגן אַ רעליגיעזער איבערלעבונג. ער זאָגט „אין דער רעליגיעזער עמאָציע האָבן מיר די דירעקטע דערפאַרונג פון עפּעס העכערעס פון דעם וואָס מיר גופא זיינען, דאָס העכערע רופן מיר אַן גאָט".

מעגלעך, ער וואָלט צוגעגעבן, אַז די רעליגיעזע עמאָציע פאַר זיך, ווי אַזעלכע, איז ניט גענוג זי זאָל דינען פאַר אַ באַוויז, אַז די איבערלעבונג איז ווירקלעך אַן אמתע אין אַ רעאַליסטישן זינען, נעמלעך: — אַז די עמאָ־ציע טראָגט אין זיך גופא די פאַרזיכערונג, אַז דאָס געטלעכע וועט קומען. ווען אָבער צו דער עמאָציע ווערט צוגעגעבן די ספעקולאַטיווע פאַרזיכע־רונג פון דעם פילאָזאָפישן דענקען, נעמט ער אָן, אַז מען האָט אַ רעכט צו ציען דעם שלוס, אַז מען האָט פאַר זיך אַן אמת פון דער וועלט ניט בלויז פאַרן איצטיקן מאָמענט, נאָר אויך פאַר דער צוקונפט, פאַר יענער צייט ווען די וועלט, צוזאַמען מיט דעם מענטשן, וועלן פון זיך אַרויסברייגגען גאָט, פאַר וועמען די גאַנצע וועלט מיטן מענטשן וועלן באַשטיין פון זיין קערפּער.

אַלעקסאַנדער האָט פאַראויסגעזען, אַז מען קען אים שטעלן אַ פראַגע

אויף זיין גאַנצער פילאָזאָפישער אינטערפּרעטאַציע, האָט ער אומדירעקט געגעבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע. מען וואָלט אים געקענט פרעגן: ווען מען נעמט אָן, אַז רוים־צייט איז דאָס איינהייטלעכע גאַנצע און אַז צייט האָט אין זיך דעם ניסוס, דעם שטויס, וועלכער טרייבט צו שאַפן נייעס, וואָרום זאָל רוים־צייט גופא ניט באַטראַכט ווערן פאַרן שאַפנדעם גאָט און מען זאָל אינגאַנצן ניט דאַרפן וואַרטן אויף גאָט, וועלכער זאָל ערשט שפּעטער קומען? (אָט רופט ווייטהעד אָן דעם פּרינציפּ פון קאָנקרעטיזאַציע און לימיטאַציע גופא — גאָט).

אויף דער מעגלעכער פראַגע האָט ער צוויי ענטפערס, איין ענטפער קען אָנגערופן ווערן אַ דירעקטער און דער צווייטער ענטפער איז אַן אומדירעקטער. דער דירעקטער ענטפער איז, אַז מען קען ניט דינען צו רוים־צייט ווי צו אַ גאָט, אַפילו קאָנט איז ניט געווען צופרידן מיטן אויסגעשטערנטן הימל אַליין, כאָטש ער האָט אים באַטראַכט פאַר אַ וואונדער. ער האָט צו דער באַוואונדערונג פון די שטערן אינם הימל צוגעגעבן די מאָראַלישע געזעצן, וואָס געפינען זיך אין דער אינערלעכקייט פונם מענטשן, ווי אַ קוואַל פון געטלעכער פאַרערונג. צו דער באַמערקונג וועגן קאַנטן גיט אַלעקסאַנדער צו, אַז מען קען ניט איגנאָרירן קיין שום פאָרמע פון דער מענטשלעכער דערפאַרונג ווען מען וויל פאָרמירן אַ קאָסמישעס בילד. ער זאָגט „די רעליגיעזע עמאָציע איז איין טייל פון דערפאַרונג; אַן עמפּירישע פילאָזאָפיע מוז, אין איינער אָדער אין אַ צווייטער פאָרמע, איינשליסן די גאַנצע דערפאַרונג.“

ווי מען קען זען איז דער פאַקט, וואָס מענטשן באַזיצן רעליגיעזע עמאָציעס, פאַר אים אַ גענוגענדער באַווייז, אַז רוים־צייט איז ניט גאָט. רוים־צייט ענטהאַלט אין זיך ניט די אייגענשאַפט, וואָס זאָל קענען אַרויסרופן רעליגיעזע עמאָציעס אינם מענטשן. געוויס ווייסט ער, אַז היסטאָריש האָבן מענטשן פאַרגעטערט פאַרשיידענע נאַטור קרעפטן, ער דערקלערט אָבער, אַז דער פאַקט וואָס צייט ברענגט נייעס, וואָס פּאָטענציעל איז עס איינגעשלאָסן אין דער טאָטאַלער רעאַליטעט, זיינען די רעליגיעזע עמאָציעס גופא אַ טייל פון דער רעאַליטעט ווי זי האָט זיך מאַניפעסטירט אין דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. דער פרימיטיווער מענטש האָט ניט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם קוואַל פון זיינע רעליגיעזע עמאָציעס, האָט ער געדינט צו שטיינער, ביינער און אז. וו. זיינע עמאָציעס, ווי אַזעלכע, שטאַמען פון אַ העכערן קוואַל, ווי די שטיינער און ביינער זיינען.

אומדירעקט קומט דאָ אַריין זיין צווייטער ענטפער, וואָס, זאָל באַמערקט ווערן, איז אַ פונדאַמענטאַלער טייל פון זיין פילאָזאָפיע, פאַרוואָס רוים־צייט קען ניט זיין גאָט פון דער וועלט, נעמלעך: די גאַנצע וועלט דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר גאָטס קערפּער און ווען גאָט וועט קומען, וועט ער זיין די נשמה פון דער וועלט. די דאָזיקע ספּעקולאַציע, לויט זיין אינטערפּרעטאַציע, ווערט דיקטירט פון דעם פּראָצעס פון עוואָלוציע, אַז דאָס העכערע איז די נשמה, אָדער דאָס געטלעכע, פאַר דעם נידעריקערן.

אויבן אויף קריגט מען דעם איינדרוק, אַז עפּעס איז ניט גלאַט אין זיין אינטערפּרעטאַציע. דער געדאַנק, אַז גאָט דאַרף ערשט אַרויסגעבראַכט ווערן פון דער וועלט, זעט אויס ניט צו זיין אין איינקלאַנג מיטן רעליגיעזן דראַנג צו עפּעס קאָנקרעט עקזיסטירנדעס.

אומדירעקט האָט ער געגעבן צווייַ ענטפערס אויף דער פראַגע: — אַ לעקציע וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער בריטישער ראַדיאָ וועגן וויסנ־שאַפט און רעליגיע, האָט ער פאַרענדיקט אומגעפער מיט די ווערטער „אויב איר וועט מיך פרעגן ווי קען מען גלויבן אין אַ גאָט, וועלכער דאַרף ערשט קומען? וועל איך ענטפערן, אַז ס'איז בעסער און געוויס דערהאַ־בענער, צו דענקען וועגן אַ גאָט וואָס די וועלט צוזאַמען מיטן מענטשן האַלטן אין שאַפן און ער דאַרף ערשט קומען, ווי צו דענקען וועגן אַ גאָט, וועלכער שטופּט די מענטשן פון אונטן אַרויף".

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ פּאָעטישער מעטאַפאָר פון אַ ראָמאַנ־טיקער און ניט קיין דערקלערונג וואָס קען צופרידנשטעלן אַ רעליגיעזן מענטשן, וואָס וויל דינען צו אַן עקזיסטירענדן גאָט. ווען אָבער מען איז באַקאַנט מיט זיינע פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע עסייען און מען פאַרשטייט זיין מעטאַפּיזיק געניי, זעט מען, אַז אונטער דעם מעטאַפאָר געפינט זיך אַן אינטערעסאַנטער געדאַנק, וועלכן ער האָט קלאָר אַרויסגעבראַכט אין זיין עסיי „טעאיזם ענד פּאַנטעאיזם".

דאָס איז אַ צווייטער און מער דירעקטער ענטפער אויף דער פראַגע. אין דער עסיי פאַרטיידיקט ער דעם געדאַנק, אַז פּאַנטעאיזם שליסט אין זיך איין טעאיזם און טעאיזם שליסט אין זיך איין פּאַנטעאיזם. דאָס געט־לעכע איז איינגעשלאָסן אין דער נאַטור און איז אין אַ געוויסן זינען אויסער איר און שטייגט אַריבער דאָס איצט עקזיסטירענדע. די נאַטור אַנטהאַלט אין זיך דאָס געטלעכע אויף וויפיל עס איז אין איר שוין איינ־קאָרפּאָרירט געוואָרן דורך דעם עוואָלוציע פּראָצעס; זי איז אָבער אויך, אַזוי צו זאָגן, טראָגעדיק מיטן העכערן און ווייטערדיקן געטלעכן, וואָס זי האַלט אין איין אַרויסברייננגען פון זיך: — די קרעאַציע האַלט אָן. דאָס מיינט, לויט זיין אינטערפּרעטאַציע, דער פּאַנטעאיסטישער טייל פונם געט־לעכן איז איינגעשלאָסן אינם איצט עקזיסטירענדן און צום טעאיסטישן, וואָס האַלט אין קומען, קען דער רעליגיעזער מענטש דינען. (זע ספּינאָזעס נאַטוראַ נאַטוראַטוס און נאַטוראַ נאַטוראַטאַ).

אין דעם איז פון איין זייט איינגעשלאָסן דער טראַדיציאָנעל יידישער מלא הארץ כבודו און ספּינאָזעס אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט, וואָס אַסך ווילן זי פאַריידישן.

געוויס קלינגט די דערקלערונג אַ היפּש ביסל ראָמאַנטיש־פאַנטאַסטיש; מען דאַרף אָבער צוגעבן אַז זי איז אַ היפּש ביסל אינטערעסאַנט ווען זי קומט פון אַ יידישן דענקער. זאָגט מען טאַקע אַז דאָס יידישע אין אים איז אַסך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין מעטאַפּיזיק.

דרייצנטער קאפיטל

דייעטי און רעליגיע.

אַלץ, וואָס איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן וועגן דייעטי, איז באַזירט אויפן ערשטן קאפיטל „דייעטי ענד גאָד". עס דוכט זיך ער האָט שוין אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס מען האָט געקענט זאָגן וועגן דעם ענין און ער האָט שוין אַרויסגעבראַכט זיין באַגריף וועגן גאָט און גאָטס שייכות צו דער וועלט. עס דוכט זיך אויך, אַז ער האָט שוין אַלץ געזאָגט וועגן רעליגיע. אָבער גלייך נאָך דעם קאפיטל קומט אַ צווייטעס און גרעסער קאפיטל וואָס טראָגט דעם נאָמען „דייעטי ענד רעלידזשן" (דאָס געטלעכע און רעליגיע), אין וועלכן ער אַנאַליזירט פאַרשיידענע רעליגיעזע באַגריפן פסיכאָלאָגיש און פילאָזאָפיש. פונם פסיכאָלאָגישן און פילאָזאָפישן שטאַנדפונקט, איז די אָפּהאַנדלונג אַ זייער וויכטיקע; מען זעט, אַז ער האָט געהאַט אַ רעכט צו אָפּגעבן אַזויפיל פּלאַץ דעם קאפיטל, וויפיל ער האָט דעם געגעבן. מען באַקאַנט זיך מיט וו. דזשיימס מיינונג וועגן רעליגיע, מיט העפדינגס מיי־נונג און מיט אַסך אַנדערע מיינונגען. פון דעם אַלעמען ציט ער שלוסן ווי וויכטיק רעליגיע איז אין דער ליכט פון דייעטי.

געוויס חזר'ט ער זיך איבער אַסך מאָל; ווען אָבער מען לייענט אים פאַרזיכטיק, זעט מען, אַז ער חזר'ט זיך ניט איבער גלאַט אין דער וועלט אַריין: — ער גיט עפּעס צו צו זיין פונדאַמענטאַלן מעטאַפיזישן געדאַנק. עס דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז וויכטיק פאַר זיין סיסטעם. אָבער פונם צענטראַלן שטאַנדפונקט, פון וועלכן זיין סיסטעם ווערט באַטראַכט, קענען די זייטיקע ענינים אויסגעלאָזט ווערן און נאָר דאָס, וואָס ענטהאַלט עפּעס נייעס און וויכטיקעס פאַר דער אָפּהאַנדלונג, וועט געגעבן ווערן.

דער אָנהויב וועט געמאַכט ווערן מיט אַ פּאָר קליינע אויסצוגן, זיי פירן דירעקט אַריין אין דער ווייטערדיקער באַטראַכטונג. ער הייבט אָן מיט דייעטי און מיטן רעליגיעזן סענטימענט. ער זאָגט „דער מעטאַפיזישער באַגריף וועגן אַ רעאַליטעט, וועלכע באַשטייט פון דער גאַנצער וועלט ווי זי שטרעבט צו אַ נייער און העכערער עמפּירישער קוואַליטעט, צו אַ קוואַ־ליטעט פון דעם העכסטן, מיט וועלכן מיר זיינען באַקאַנט, ווערט באַשטע־טיקט פונם רעליגיעזן סענטימענט גופא. פאַרשיידענע עמאָציעס נעמען

אַנטייל אינם צוזאַמענשטעל פון דעם רעליגיעזן סענטימענט, ווי שרעק, פאַרערונג, זעלבסט־נעגאַציע, אָבער דער וויכטיקסטער טייל פון דער עמאָציע באַשטייט פון אונדזער געפיל, אַז מיר גייען אַרויס אין אַ ריכטונג, וואָס געפינט זיך אויסער אונדז, וואָס איז גרעסער און געפינט זיך אויף אַ העכערער הויך ווי מיר גופא געפינען זיך און מיט וועלכער מיר זיינען פאַראייניקט. דער דאָזיקער געפיל און די עמאָציע, איז אַנדערש און איז שטאַרקער פון אַלע אונדזערע עמאָציעס גענומען צוזאַמען".

און ווייטער זאָגט ער „מער ווי דאָס, עס איז דער אייגענטלעכער רעליגיעזער אַפּעטיט, וואָס קען פאַרגליכן ווערן מיטן אַפּעטיט צו עסן און טרינקען, וואָס טראָץ דעם וואָס ער שאַפט ניט קיין אָביעקט, אַנטדעקט ער אים. אויך אין דעם פאַל האַרמאָנירט דער רעליגיעזער סענטימענט מיט די אַלע אַנדערע עמאָציאָנעלע סענטימענטן".[1]

דער פאַרגלייך מיט עסן מוז ניט גענומען ווערן פּינקטלעך. אין זיין דענקען איז אָבער איינגעשלאָסן אַ טיפערער פאַרגלייך, וואָס לויפט דורך זיין גאַנצן סיסטעם.

אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן די דריטע קוואַליטעטן האָט ער אָנגעוויזן, אַז דער אינסטינקט צו בויען האָט דעם מענטשן געפירט צו אַנטוויקלען עסטעטישע באַגריפן; דער אינסטינקט פאַר געזעלשאַפטלעכקייט האָט געפירט דעם מענטשן צו אַנטוויקלען עטישע באַגריפן און דער קוריאָזיטעט געפיל האָט געפירט צו אַנטוויקלען פאַרשיידענע באַגריפן וועגן אמת, וואָס ס'מיינט צו וויסנשאַפטלעכן דענקען. אַנאַלאָגיש נעמט ער אָן, אַז דער געפיל (אינסטינקט?) פאַר רעליגיע פירט צו זוכן גאָט. געוויס ווייסט ער, אַז ניט אַלע האָבן דעם רעליגיעזן געפיל, דאָס אָבער האַלט אים ניט אָפּ פון נוצן די אַנאַלאָגיע. זיינען דאָך אויך פאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין געפיל פאַר מוזיק, אָדער קאָליר־בלינדע. די אויסנאַמען, האַלט ער, דאַרפן ניט צוריקהאַלטן פון מאַכן באַשטימונגען לויט דעם כלל. דער כלל האָט די רעליגיעזע עמאָציע, דאַרף מען אָננעמען, אַז זי איז ניט אָראָפּגעפאַלן גלאַט אַזוי זיך פונם הימל, נאָר זי האָט איר וואָרצל אין דער רעאַליטעט אויפן זעלבן אופן, ווי די אַנדערע אינסטינקטן האָבן זייערע וואָרצלען אין דער רעאַליטעט. ווי אַ מעטאַפיזיקער קען ער קיין איין עמפּירישע דערשיינונג ניט איגנאָרירן.

ווי עס איז פריער באַמערקט געוואָרן איז דאָס קאַפּיטל זייער רייך אין אינהאַלט. ער ציטירט אַ היפּש ביסל פילאָזאָפן און פּסיכאָלאָגן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט רעליגיע פון פאַרשיידענע ווינקלען; ער נעמט אָן אייניקע און וואַרפט צוריק אַנדערע. מען קען זאָגן, אַז ער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָבלעם. דער פריער דערמאָנטער דזש. מק־קאַרטי איז באַגייסטערט פאַר דעם טייל; ער גיט אים אָפּ אַ דריטל פון זיין בוך. ער זאָגט, אַז טעאָלאָגן קענען אַסך לערנען פון אַלעקסאַנדערס אינטערפּרעטאַציע פון רעליגיע און גאָט.

[1] איביד, ז. 374.

פון דער צווייטער זייט איז דר. בראָאַד גאָרניט באַגייסטערט פאַר דער אינטערפּרעטאַציע. אין זיין קריטיק זאָגט ער „עס איז קיין פראַגע ניט, אַז ס'איז שווער צו זיין באַגייסטערט פאַר אַ גאָט, וועלכער עקזיסטירט נאָך ניט און וועלכער וועט אויפהערן צו זיין געטלעך אַזוי גיך ווי ער וועט אָנהויבן צו ווערן אַקטועל".[1]

אויף דעם האָט אים אַלעקסאַנדער געענטפערט אין אַן אַרטיקל אינם זעלבן זשורנאַל „דר. בראָאַד פאַרלאָזט זיין וויסנשאַפטלעכע ניכטערקייט פאַר אַ מאָמענט צו „שפּאַסן" וועגן מיין „טעאָלאָגיע"... ער איז ניט פּינקטלעך: וואָס איך זאָג איז, אַז גאָט, ווי אַווירקלעכער באַזיצער פון דייעטי, עקזיסטירט ניט, נאָר ער איז אַן אידעאַל, ער האַלט שטענדיק אין ווערן; אָבער גאָט, ווי דער גאַנצער אוניווערז, וואָס שטרעבט אין דער ריכטונג פון דייעטי, עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקייט".[2]

פאַר זיך איז זיין ענטפער ניט צופיל קלאָר, ווייל וואָס מיינט גאָט, ווי דער באַזיצער פון דייעטי, עקזיסטירט ניט, ער איז אַן אידעאַל וואָס איז אין פּראָצעס פון ווערן און גאָט, ווי דער אוניווערז, וואָס שטרעבט אין דער ריכטונג פון דייעטי, עקזיסטירט יאָ? ווען אָבער מען נעמט דעם ענטפער צוזאַמען מיט זיין גאַנצן סיסטעם און דערהויבט מיט אַן עסיי וואָס ער האָט געשריבן מיט יאָרן שפּעטער אונטער דעם נאָמען „טייאיזם ענד פּאַנטעאיזם", ווערט זיין מיין קלאָר. די עסיי טייאיזם (אַנטפּלעקטער גאָט) און פּאַנטעאיזם (אין אַלץ איז גאָט) איז געשריבן ווי אַ קריטיק קעגן טעאָ־לאָגן, וועלכע נעמען אָן איינס פון די צוויי, אָדער טייאיזם, אָדער פּאַנטע־איזם. ער באַווייזט, אַז טעאָלאָגיע מוז אין זיך איינשליסן ביידע.

דער ענין פון דער עסיי קען דאָ אויסגעלאָזט ווערן, ער האָט ניט קיין שייכות מיט דעם, וואָס ווערט דאָ באַטראַכט. צום סוף אָבער מאַכט ער אַ באַמערקונג, וואָס האָט יאָ אַ שייכות און דאָס וועט ציטירט ווערן. ער זאָגט „גאָטס דייעטי ווערט געשפּייזט פון אַלץ, וואָס שטייגט איר אַריבער. אַזויווי די שפּייז פאַר דייעטי איז אומענדלעך, דערפאַר וואָס זי באַשטייט פון דער גאַנצער וועלט, אַזוי איז גאָטס אייגנאַרטיקע דייעטי אומענדלעך דערפאַר, וואָס זי איז דער אויסדרוק, די פאַרפאָלקאָמענונג און די רעפּרעזענטאַציע, פון אַלץ, וואָס ווירקט זי זאָל אַרויסגעבראַכט ווערן. פון דעם קען מען ציען דעם שלוס, אַז גאָטס דייעטי באַשטייט פון אַ נייער קוואַליטעט אין דעם אוניווערס, וואָס איז אַן עמערגענט אין זיין אָנהאַלטענדן לויף אין צייט".[3]

דער טערמין דייעטי איז אַ גאַנץ קלאָרער, ער מיינט די פּערמאַנענטע שטרעבונג צו פאָלקאָמענהייט. ווען דאָס, צו וואָס מען האָט בעכטן גע־שטרעבט, איז היינט פאַרווירקלעכט געוואָרן, איז שוין פאַראַן אַן אַנדער

[1] זע זשורנאַל „מאַינד", ז. 145.
[2] איביד, ז. 30, ז. 361.
[3] זע „פילאָסאָפיקל ענד ליטעראַרי פּיסעס", ז. 330.

אידעאַל צו וועלכן מען שטרעבט און אז. וו., אָן אַ סוף

ער נוצט דעם טערמין דייעטי אינם זעלבן זינען, ווי דער טערמין פּראָגרעס ווערט גענוצט; דער פּראָצעס בלייבט ניט שטיין. ס׳קומען שטענדיק פאַר ענדערונגען און שטרעבונגען צו ווייטערדיקע נייעס. פאַרשטייט זיך, אַז דייעטי קען קיינמאָל ניט דערגרייכט ווערן, פּשוט דערפאַר, וואָס דער פּראָצעס האַלט אָן און פירט צו עפּעס נייעס: — נייע דעייטי.

דער טערמין גאָט איז ניט קיין קלאָרער דערפאַר, וואָס ער נוצט אים אין פאַרשיידענע מיינען. ער זאָגט, אַז גאָט, ווי דער גאַנצער אוניווערז, וואָס שטרעבט צו דייעטי, עקזיסטירט. עס דאַרף מיינען, אַז דער אוניווערז אין זיין שטרעבן איז גאָט. דאָס איז איין מיין פון גאָט. דער צווייטער מיין איז ווען ער זאָגט, אַז יעדער איינער העכערער צושטאַנד איז גאָט פאַר דעם נידעריקערן צושטאַנד. אין דעם פאַל נוצט ער גאָט אויפן פלאַץ פון מאַינד.

די ביידע באַגריפן וועגן גאָט זיינען פּאַנטעאיסטישע: — גאָט איז אימאַנענט, ער איז איינגעשלאָסן אין דער וועלט. ער איז די וועלט ווען מען נעמט זי לויט איר שטרעבונג.

דער דריטער באַגריף וועגן גאָט איז אַ ריין רעליגיעזער. אַלעקסאַנדער איז גאַנץ ערנסט אין זיין אינטערפּרעטאַציע וועגן דעם רעליגיעזן גאָט באַגריף. דער גאָט פון רעליגיע איז פאַר אים אַ פּאָזיטיווער יש. אין דעם קען מען ניט מאַכן קיין טעות: — ער זאָגט אויסדריקלעך אַז גאָט פון רעליגיע איז טעאיסטיש־טראַנסצענדענטאַל (שטייגט אַריבער די נאַטור); ער קען גאָר אַנדערש ניט זיין: — מען קען ניט דינען צו קיין פּאַנטעאיסטישן גאָט. דאָס האָט אַפילו ספּינאָזע ניט געקענט טאָן: — ער האָט געקענט אינטעלעקטועל ליב האָבן גאָט, דינען אים האָט ער ניט געקענט.

פאַר אַלעקסאַנדערן איז די רעליגיעזע פאָרמע ניט וויכטיק; פאַר אים איז וויכטיק דער רעליגיעזער סענטימענט. ער אַנאַליזירט פאַרשיידענע באַגריפן וועגן רעליגיע ווי אַ סענטימענט און ציט אַ שלוס, אַז די רעליגיעזע איבערלעבונג איז אייגנאַרטיק, זי דאַרף גענומען ווערן ווי זי פּרעזענטירט זיך; מען דאַרף זי ניט צוזאַמען מישן מיט קיין אַנדערע געפילן און סענטימענטן. דער געדאַנק גופא איז ניט קיין נייער; ער גיט אים אַ נייע אינטערפּרעטאַציע לויט זיין מעטאַפיזישן בליק. זיין גאַנצע אַרבעט איז געשריבן געוואָרן כדי אַרויסצוברייגנען דעם אייגנאַרטיקן בליק. ער זאָגט „אַזוי ווי מיר זיינען טיילן פון רוים־צייט, שיקן מיר אַרויס פילערס צו די איבעריקע טיילן און מיר ווערן אויך באַווירקט פון זיי. דער קערפּער פון דער וועלט ווירקט אויף אונדזער קערפּער און דער אָפּרוף אין אונדזער באַוואוסטזיין איז די דאָזיקע עמאָציע (די רעליגיעזע) . . . דער דראַנג (פון דער עמאָציע) צום אָביעקט, צו גאָט, איז ענלעך אויפן דראַנג פונם הונגעריקן נאָך שפּייז״.[1]

[1] איביד, ז. 276.

אינם ווייטערדיקן זאָגט ער אַז ווי טיילן פון דער רעאַליטעט ווירקן מיר אויף איר און זי ווירקט אויף אונדז. אַזויווי ער באַטראַכט די וועלט פאַר גאָטס קערפּער דאַרף עס מיינען, אַז די רעליגיעזע עמאָציעס זיינען אַן אָפּרוף אויפן געטלעכן אין דער נאַטור אָט ווי הונגער טרייבט צו זוכן שפּייז.

צו באַשטעטיקן אַז זיין מיין איז ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן, וועט ער ווייטער ציטירט ווערן. ער זאָגט „די רעליגיעזע עמאָציע, אָדער דער אַפּעטיט, האָט ניט קיין ספּעציעלע אָרגאַנען . . . די עמאָציע איז אָפּהייניגיק פונם גאַנצן אָרגאַניזם, פונם צוזאַמענשטעל פונם קערפּער און מאַינד און באַשטייט פון אַן אָפּרוף פון אונדז אויף דער רעאַליטעט אין איר שטרעבונג (ניסוס) צו אַ נייער קוואַליטעט. אין דעם פּאָראויס־דראַנג, וואָס ווערט געטריבן פון דעם שוואונג פון צייט, ווערן אונדזערע פאַרשטאַנדן (מאַינדס) מיט זייער סובסטראַטום, פאַרכאַפּט. דער רעליגיעזער אָפּרוף איז אַ דירעכטער צייכן, אַז מיר נעמען אַנטייל אין אַ שטרעבונג (ניסוס) און אונדזערע מאַינדס געבן צו דעם צו זייער טייל“.

אויב אונדזער אינטערפּרעטאַציע איז אַ ריכטיקע, איז דער אָביעקט פון דעם רעליגיעזן סענטימענט ניט קיין בלויזער פּראָדוקט פון אונדזער פאַנטאַזיע, וועלכער זאָל באַשטיין פון אַ סוביעקטיווער און, מעגלעך, אילוזאָרישער באַוועגונג אינם מאַינד גופא. פאַרקערט, מיר געפינען זיך שטענדיק צוזאַמען מיטן אָביעקט, וועלכער סטימולירט אונדז. אייניקע פילן אים מער און אַנדערע פילן אים ווייניקער. אַמאָל פילט מען אים און אַ צווייטן מאָל ניט. עס איז אָפּהייניגיק פון אונדזער אייגענעם צושטאַנד. ער קען פאַרגליכן ווערן אויף אַנדערע אַפּעטיטן, וועלכע ווירקן אויף אונדז פון צייט צו צייט...

דער שלוס איז, אַז אונדזערע רעליגיעזע געפילן גופא פירן צום באַגריף וועגן גאָט. ווען מען וואָלט אים אַנאַליזירט מיט דער הילף פון רעפלעקציע, וואָלט מען אויסגעפינען, אַז ער איז דער מיט וועמען די וועלט איז פול מיט דייעטי“.[1]

די עטלעכע אויסצוגן, און אַסך אַזעלכע וואָלטן געקענט געבראַכט ווערן, פירן דורך אַן איינהייטלעכן געדאַנק וועגן דער באַדייטונג פון רעליגיעזע עמאָציעס און דעם רעליגיעזן סענטימעט, אַז זיי באַשטייען פון פאַקטן פון דער אַקטועלער דערפאַרונג פון דער רעאַליטעט, וואָס איז גאָט.

אין זיין גאַנצער אינטערפּרעטאַציע פילט זיך שטאַרק בערגסאָנס ווירקונג; ער פּראָבירט דערקלערן אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן בערגסאָנס מיסטישן אינסטינקט. ער זאָגט: מען דאַרף צוגעבן, אַז דער אינטעלעקט איז ניט דער איינציקער וואָס אינפאָרמירט וועגן דער וועלט. די מטושטשע סענטימענטן דאַרפן אויך ניט איגנאָרירט ווערן, ווייל „די גאַנצע וועלט, מיט איר טענדענץ צו דייעטי, רופט אַרויס פון דער טיפעניש פון אונדזער

[1] איביד, זז. 376, 377, 387.

נאַטור אַ ניט קלאָרן שטרעבן, אָדער פאַרלאַנג, וואָס וואַרפט אַ טונקעלן אָפּ־שיין פונם אָביעקט. ערשט נאָך דעם קומט דער אינטעלעקט און אַנטדעקט פאַר אונדז אין דעטאַלן דעם כאַראַקטער פונם אָביעקט און ער געפינט אויס דאָס, וואָס אין דער אמתן באַשטייט עס פון דער טענדענץ פון דער וועלט צו גיין פאָראויס אין דער ריכטונג פון דער נייער קוואַליטעט״.[1]

דאָס קלינגט אַזוי בערגסאָניש, אַז אויפן ערשטן אויגנבליק איז מען גענויגט צו גלויבן ס'איז אַרויסגענומען פון בערגסאָנס אַ ווערק. ווען אָבער מען טראַכט זיך אין דעם אַריין, זעט מען דעם אונטערשייד. ער איז, נאָך אַלעמען, אַ רעאַליסט וואָס נעמט די רעאַליטעט ווי זי איז און בערגסאָן האָט זי מיסטיש אינטערפּרעטירט.

די רעליגיעזע דערפאַרונג פון איין זייט און די פילאָזאָפישע ספּע־קולאַציע פון דער צווייטער זייט, פירן צו דעם, אַז מען דאַרף אָננעמען, אַז גאָט עקזיסטירט. דאָס איז זיין שלוס.

עס איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן, אַז ביי אים צירקולירן דריי באַ־גריפן וועגן גאָט, וואָס ער האָט ניט סינטעזירט. איין באַגריף איז דער ריין פאַנטעאיסטישער, אַז גאָט איז דער אוניווערז אין זיין שטרעבן צו דייעטי. דער צווייטער באַגריף איז אַז יעדער העכערער עמערגענט איז גאָט פאַרן נידעריקערן עמערגענט. דאָס איז אויך אַ פאָרמע פון פאַנטעאיזם און דער דריטער באַגריף איז דער רעליגיעזער געפיל וואָס קען נאָר דינען צו אַ טעאיסטישן טראַנסצענדענטאַלן גאָט. אין זיין פריער ציטירטער עסיי זאָגט ער אויסדריקלעך, אַז מען קען ניט דינען צו קיין פאַנטעאיסטישן גאָט פון וועלכן מען מוז זיך באַטראַכטן פאַר אַ טייל.

ער איז נאָך ניט פאַרטיק מיט זיינע דערקלערונגען, וועט ער ווייטער דערקלערט ווערן. לויט זיין רוים־צייט אויסגאַנגס פּונקט און לויט דער פונקציע, וואָס ער שרייבט צו צו דער אומרועקער צייט, אַז זי האַלט אין איין אַרויסרופן נייעס, איז אין דעם ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר גאָט; סיידען מען זאָל אָננעמען, אַז ער באַטראַכט דעם ניסוס (שטרעבן) גופא פאַר גאָט.

שרייבט ער אָבער צו די ניסוס פונקציע צו צייט און צייט גופא נעמט ער אָן ווי זי ווערט געוויינטלעך אָנגענומען מיטן אונטערשייד וואָס ער האַלט ניט אַז זי איז אַ קאָסמישער לייזיקגייער, אַז זי קוקט זיך נאָר צו ווי פּראָצעסן קומען אין איר פאָר. דער באַגריף, האַלט ער, איז פאַלש; ער נעמט אָן אַז צייט איז שטענדיק שאַפנד און איצט דאַרף זי אַרויס־ברענגען דייעטי, וואָס וועט זיין גאָטס נשמה און דער גאַנצער אוניווערס וועט זיין זיין קערפּער.

ווען מען באַשעפטיגט זיך מיט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע, דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז ער איז פאַר אַ לאַנגער צייט געווען אונטער דער ווירקונג פון אידעאַליסטישן דענקען און ווען ער האָט געענדערט זיין בליק און האָט אָנגענומען אַ רעאַליסטישן אויסגאַנגס פּונקט, האָט ער מיט

[1] איביד, ז. 377.

זיך מיטגענומען איניקע אידעאַליסטישע באַגריפן און האָט זיי אײַנקאָר־פּאָרירט אינם רעאַליזם. אײנער פון די באַגריפן איז די טאָטאַליטעט וואָס אידעאַליסטן רופן אָן דער אַבסאָלוט, אָדער גאָט. פאַר זיי האָט דער נאָמען געמיינט, אַז די טאָטאַליטעט איז די איינציקע אַבסאָלוטע רעאַליטעט און דאָס איז גאָט. ער האָט דידאַזיקע אײגנשאַפט צוגעשריבן צו רוים־צייט. אין דער זעלבער צייט זאָגט ער אויך, אַז דער אוניווערז איז גאָטס קערפּער און גאָט גופא איז אין דער אינערלעכקייט פון רוים־צייט. עס איז אַ היפּש ביסל קאָמפּליצירט.

איצט צו דער פראַגע: וואָס איז גאָט? „איז גאָט אַ באַשאַפער?" ער ענטפערט: „מיר מוזן זאָגן, אַזויווי ער באַשטייט פונם גאַנצן אוניווערז איז גאָט שאַפענד; אָבער דער אײגנטימלעכער כאַראַקטער פון דייעטי איז ניט שאַפענד, ווי אַן אַרומנעמער פון דער גאַנצער רוים־צייט איז ער שאַפענד דערפאַר, וואָס צייט איז דער באַוועגנדער פּרינציפּ, וועלכער ברײנגט אַרויס די שטענדיקע איבערטײלונג אינם אוניווערז פונם אורשטאָף, וואָס קען פאַרגליכן ווערן מיט ניי געבאָרענע פינאַלע פאָרמען. מער פּינקטלעך: אפילו אין דעם פאַל איז רוים־צייט דער באַשאַפער און ניט גאָט. גאָטס קערפּער שליסט אין זיך איין אַלע שטערבלעכע, וועלכע האָבן זיך ביז איצט אַנטוויקלט אינם לויף פון דער פאַרגאַנגענער צייט און גאָט איז ניט דער באַשאַפער פון די דאַזיקע פינאַלע (פיינעטס). ער איז דער באַשאַפער פון דער קומענדער עמפּירישער קוואַליטעט, וואָס איז דייעטי. עס איז נאָר ווען מיר קוקן אויף צוריק און מיר אידענטיפיצירן גאָטס קערפּער מיט זיינע פריערדיקע גראַדאַציעס און ענדלעך מיט רוים־צייט גופא, קענען מיר וועגן אים ריידן ווי אַ באַשאַפער. גאָט אַליין, וואָס ס'מיינט דער אוניווערז אין זיין שטרעבן צו דייעטי, שאַפט בלויז דייעטי.

פון דער צווייטער זייט דאַרף דייעטי דאַנקען פאַר איר עקזיסטענץ צו די פון פריער עקזיסטירענדע פינאַליטעטן (פיינעטס) מיט זייערע עמ־פּירישע קוואַליטעטן; זי שטאַמט פון זיי אַרויס. פאָלגלעך איז גאָט, אַזוי גוט ווי אַלע פאַרשיידענע זאַכן, אין דער אינערלעכקייט פונם אוניווערז; אָבער רוים־צייט איז ניט אינם אוניווערז אין דער צייט ווען גאָט איז, פשוט דערפאַר וואָס זיין דייעטי איז אַ טייל פונם אוניווערז, דערפאַר איז ער אין איר — און דערפאַר איז ער אין דעם אמת'ן זינען ניט קיין באַשאַ־פער, נאָר אַ באַשאַפענער. ס'איז פאַר מיר ניט נויטיק צו זאָגן, אַז איך מיין ניט ,אַז ער איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער פאַנטאַזיע, אָדער פון אונדזער געדאַנק. ער איז אַן אומענדלעכע באַשעפעניש פונם אוניווערז פון רוים־צייט".[1]

ווען מען זעצט דאָס ציטירטע איבער אויף אַן אײנפאַכער שפּראַך מיינט עס: 1) אַז רוים־צייט איז דער אורשטאָף פון דער וועלט. אַלץ מיט אַלעמען אין דער וועלט שטאַמט פון זיי אַרויס אַדאַנק דער אומרועקער אַקטיוויטעט פון צייט.

[1] איביד, ז. 8־397.

2) גאָט אַנטהאַלט אין זיך אַ מין צוויאייניקייט: ער באַשטייט פונם אוניווערז אין רוים־צייט צוזאַמען מיטן גייסטיקן פּרינציפּ פון אַרויס־ברייגנען דייעטי. 3) דייעטי איז דער גייסטיקער פּראָדוקט און אַן אידייע (פּראָגרעס) וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט דורך גאָט.

עס האָט זיך געפּאָדערט 65 זייטן פונם סיסטעם; 20 זייטן פון זיין עסיי „טעאיזם ענד פּאַנטעאיזם" און 30 זייטן פון דוש. מק'קאַרטיס בוך, אַז דער מחבר פון די שורות זאָל קענען איינזען, אַז אַלעקסאַנדער האָט גע־שריבן מיט אַ פּאַרטיקן פּלאַן אין אויג און האָט ביסלעכוויס אים אַרויס־געבראַכט און געוויס איז ער געווען זיכער, אַז ער האָט אַלץ אינטעגרירט.

עס קען אָנגעוויזן ווערן אויף עטלעכע סיבות פּאַרוואָס זיין צענ־טראַלער געדאַנק און דער פּלאַן, זאָלן ניט באַמערקט ווערן; אָדער צו זיין מער פּערזענלעך — פּאַרוואָס דער מחבר פון די שורות האָט עס ניט באַ־מערקט. זיין ראַדיאַ לעקציע האָט ער לאַקאָניש פּאַרענדיקט: אויב מען וועט אים פרעגן וויאַזוי ער נעמט אָן אַ גאָט, וואָס די וועלט מיט די מענטשן דאַרפן אים ערשט אַרויסברייגנען, אויפן פּלאַץ פון אַ גאָט, וועלכער איז דער באַשאַפער פון דער וועלט? וועט ער ענטפערן, אַז ס'איז מער פּאַסיק און מער צופרידנשטעלענד, אַז די וועלט, מיט די מענטשן, זאָלן צוזאַמען אַרויסברייגנען אַ גאָט צו וועלכן זיי זאָלן שטרעבן, ווי פּאָסטולירן אַ גאָט וועלכער זאָל זיי פאַר זיך שטופּן.

אָט דעם פּאַראיינפאַכטן באַגריף וועגן גאָט האָט דער מחבר פון די שורות געלייענט פריער ווי ער האָט שטודירט דעם סיסטעם און ער האָט געלייענט דעם סיסטעם אין דער ליכט פון דער לעקציע וועגן גאָט. דאָס איז אַביסל פּאַרפּירעריש; — ער האָט עס אָנגענומען ווערטערלעך.

די צווייטע סיבה איז אַלעקסאַנדערס טערמינאָלאָגיע, וואָס האָט ניט אַרויסגעבראַכט זיין געדאַנק קלאָר און פּאַרשטענדלעך, וואָס, ווי ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן, האָט אים דר. בראָאַד אויך ניט פּינקטלעך פּאַרשטאַנען. גאָט און דייעטי, זיינען ניט קיין טערמינען, וועלכע לאָזן זיך לייכט אַב־סטראַאירן, אַז מען זאָל זיי קענען נעמען מעטאַפּאָריש, ווי ער האָט זיי גענומען. ער האָט אויף אַ רעאַליסטיש־מאַגניסטישן אופן אַרויסגעבראַכט עפּעס, וואָס איז ענלעך, אויף העגעלס אַנטוויקלונג פונם וועלט גייסט. אַזוי־ווי ער האָט ניט געקענט נוצן זיין אידעאַליסטישע טערמינאָלאָגיע, וואָס וואָלט אַריינגעפירט אַ דואַליזם, אָדער זי וואָלט אים אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון אידעאַליזם. האָט ער גענוצט די האַרטע און די ניט בויג־זאַמע טערמינאָלאָגיע. ווען מען כאַפּט ענדלעך זיין מיין און מען נעמט אים לויט זיין דינאַמישן אויסגאַנגס פּונקט, קען מען אים פּאַרשטיין.

דאָס זיינען אייגענטלעך ניט די איינציקע שוועריקייטן, מיט וועלכע מען באַגעגנט זיך אין זיין סיסטעם. אַ זייער וויכטיקע שוועריקייט איז וואָס דער אַלטער מאַטעריאַליזם איז געווען אַטעאיסטיש און האָט אַנדערש ניט געקענט זיין. דער מאָדערנער רעאַליזם איז ניט דאָס זעלבע, וואָס דער אַלטער מאַטעריאַליזם; ער ליידעט אָבער פון ענלעכע חסרונות, אויב מען

זאָל זיי באַטראַכטן פאַר חסרונות: — עס איז שווער צו צוזאַמענברענגען רעאַליזם מיט רעליגיע און נאָך שווערער איז אַריינברענגען גאָט אין רעאַליזם.

איידער אַלעקסאַנדער האָט געקענט צוקומען צו גאָט, האָט ער גע־דאַרפט פאַרפעסטיקן רעליגיע אין אַ רעאַליסטישער וועלט. ער האָט עס געטאָן מיט דער הילף פונם אינסטינקט, אַז אַזוי ווי מענטשן האָבן פאַר־שיידענע אינסטינקטן, האָבן זיי אויך אַן אינסטינקט פאַר רעליגיע. געוויס קען דאָס באַשטריטן ווערן דורך דעם פאַקט, וואָס אינסטינקטן קומען פון זיך אַליין, ווען די צייט איז רייף פאַר זיי און קינדער ווערן ניט רעליגיעז פון זיך אַליין, מען דאַרף זיי לערנען רעליגיע.

דאָס איז שוין אָבער קריטיק; ער האָט זיך באַנוצט מיט דער אַנאַ־לאָגיע ווי מיט אַ פאַקט און האָט איר אָפּגעגעבן אַסך פּלאַץ ווי אַן אינס־טינקט. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָט ער, ווי אַ רעאַליסט, געדאַרפט באַווייזן, אַז דער רעליגיעזער אינסטינקט איז ניט דערשיינען פון דער העלער הויט; ער איז אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט דערפאַר, וואָס ער ווערט אַרויסגערופן פון אַ רעאַליטעט, וואָס איז גאָט. הייסט עס, אַז אי רעליגיע, אי גאָט זיינען רעאַליטעטן אין דער וועלט. כדי דאָס צו באַשטעטיקן האָט ער געבראַכט זיין ספּעציעלע מעטאַפיזיק. אויך דאָס האָט ער געמוזט טאָן אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די מיטלאַלטערלעכע באַווייזן, אַז גאָט איז אַ רעאַליטעט.

די אַלע באַגריפן וועגן רעליגיע, גאָט און דייעטי, האָט ער צוזאַמענ־געוויקלט אין איין קנויל און האָט זיי, אין זיין קאָמפּליצירטער שפּראַך, דערלאַנגט דעם לייענער. איז קיין חידוש ניט וואָס מען האָט אים ניט אַזוי לייכט און פינקטלעך פאַרשטאַנען. ער גופא, ווי ער זאָגט, האָט אַלץ גענומען סינטעטיש, ווייל ער האָט עס געזען ווי איין גאַנצעס; דער לייענער האָט אים געדאַפט פאַרשטיין אַנאַליטיש, האָט ער שוועריקייטן.

איצט וועט ער גענומען ווערן לויט זיין סינטעז. ער רופט אַן זיין סיסטעם „רוים, צייט און דייעטי״. רוים־צייט זיינען דער אורשטאָף פון דער וועלט און זיינען אַלץ אומפאַסענד, אַלץ געפינט זיך אין זיי, אויסער זיי איז ניטאָ קיין זאַך. רוים־צייט זיינען דער פונדאַמענט און זיי געבן אויך דעם מאַטעריאַל פאַר דער גאַנצער וועלט געביידע. די אַקטיוויטעט פון צייט רופט אַרויס די שטענדיקע באַוועגונג, דעם ניסוס, וואָס פירט צו העכערע צושטאַנדן, צום שטענדיקן אידעאַל, וואָס איז דייעטי. דייעטי באַשטייט פון אַ שטענדיקן שטרעבן. דייעטי קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל ווען איין צושטאַנד ווערט פאַרווירקלעכט, אַנטשטייט גלייך אַן אַנדער אידעאַל וואָס איז, אַזוי צו זאָגן, די נייע דייעטי. דייעטי וואָלט געקענט אידענטיפיצירט ווערן מיט ניסוס, מיטן שטענדיקן שטרעבן; זי איז אָבער מער ווי דאָס. זי איז דאָס איצט עקזיסטירענדע גאַנצע צוזאַמען מיט אינער־לעכן שטרעבן פון דער וועלט צום געטלעכן, וואָס האַלט אין איין קומען און ווערט אויס גאָט ווען עס קומט.

ווען מען באַטראַכט גאָט אין דעם זינען און מען נעמט אים דינאַמיש ווי אַ פֿון זיך, אָדער פֿון רוים־צייט, אַנטוויקלענדער עצם, האָט ער, לויט אַלעקסאַנדערן, אי די אייגענשאַפֿטן פֿון פּאַנטעאיזם, אי די אייגענשאַפֿטן פֿון טעאיזם און מען קען צו אים דינען.

אויף דער פֿראַגע: וואָס איז גאָט? גיט ער אומדירעקט אַן ענטפֿער, אַז גאָט איז דער כּוח, וועלכער געפֿינט זיך אין דער וועלט און אין דער זעלבער צייט גייט ער פֿאַר איר. ער איז שטענדיק פֿאַרבונדן מיט דער וועלט פּשוט דערפֿאַר, וואָס ער געפֿינט זיך אין דער אינערלעכקייט פֿון רוים־צייט און ניט אויסער זי. עס מיינט, אַז רוים־צייט איז מער פֿונדאַמענטאַל פֿון גאָט. דעם געדאַנק האָט ער אַרויסגעבראַכט אין דעם לאַנגן און היפּשלעך שווערן אויסצוג וואָס איז פֿריער געגעבן געוואָרן.

אויף וויפֿיל גאָט איז אין דער אינערלעכקייט פֿון דער וועלט און ווירקט אין איר און האָט אַרויסגעבראַכט אַלץ, וואָס איז אין איר דער־שינען, איז ער אַן איממאַנענטער טייל פֿון איר. אין דער זעלבער צייט אָבער איז אויף וויפֿיל ער גייט פֿאַר איר, הגם ער איז ניט אויסער איר, ווייל ער געפֿינט זיך אין דער אינערלעכקייט פֿון רוים־צייט, שטייגט ער זי אַריבער. אין דער פֿאַזע, וואָס ער שטייגט זי אַריבער, איז ער העכער און אין אַ געוויסן זינען, אויסער דער באַגרענעצטער ענדלעכער רעאַלי־טעט, וואָס שליסט אין זיך אויך איין דעם מענטשן. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז גאָט איז פּאַנטעאיסטיש ווייל ער איז אין דער וועלט; ער איז אָבער טעאיסטיש מיט דעם וואָס ער שטייגט זי אַריבער.

וואָלט אַלעקסאַנדער ניט געווען דאָס אַלץ געשריבן פֿאַר ווייט־העדן, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ער מיינט דאָס זעלבע וואָס ווייטהעד מיינט ווען ער רופֿט אַן גאָט דער פּרינציפּ פֿון קאָנקרעטיזאַציע און לימי־טאַציע. אָבער אַזוי ווי ווייטהעד איז שטאַרק קריטיקירט געוואָרן פֿאַר דער שאַקירענדער קאָנאָטאַציע, פֿאַר דעם וואָס ער האָט דעם פּראָצעס גופֿא אָנגערופֿן גאָט, האָט ער עס ווייכער געמאַכט. אַזוי ווי אָבער מען ווייסט, אַז ער האָט געשריבן פֿאַר ווייטהעדן, קען מען נאָר זאָגן, אַז פֿון איין זייט איז עס אַ צופֿאַל (מעגלעך אַז ווייטהעד איז פֿון אים באַווירקט געוואָרן), פֿון דער צווייטער זייט איז ער געווען מער סענטימענטאַל און מער רעליגיעז־ראָמאַנטיש פֿון ווייטהעדן, האָט ער גענוצט אַ מער רעליגיעזע שפּראַך.

די דערקלערונג, ווי זי איז ביז איצט געגעבן געוואָרן, ענטהאַלט אין זיך אַ מין צוויי־איינהייט און ניט קיין צוויי באַזונדערע עקזיסטענצן. צו די צוויי פֿאַזן פֿון איין דערשיינונג אין דער רעאַליטעט האָט ער נאָך אַ דריטן צוגאַנג צו גאָט ווען ער (גאָט) דערשיינט אין יעדן אײן מאָמענט פֿונם עוואָלוציע לייטער וואו דאָס העכערע פֿונם איצט עקזיסטירענדן, וואָס דאַרף ערשט קומען, רופֿט ער אַן גאָט. אויך דאָס איז ניט עפּעס באַזונדע־רעס; עס באַשטייט נאָר פֿון אַן אַנדער צוגאַנג צום געטלעכן.

אַזוי אומגעפֿער סינטעזירט ער גאָט אין אַ דרייאיינִיקייט, וואָס אויסערלעך איז עס ענלעך אויף דער קריסטלעכער דרייאייניקייט, וועלכע

ער דערמאָנט טאַקע; ער ווייזט אָבער אָן, אַז די ענלעכקייט איז ניט מער ווי אַן אויסערלעכע. זיין צוגאַנג איז אַ פילאָזאָפישער און אַ פּסיכאָלאָגישער און ניט קיין טעאָלאָגישער. (ער דערמאָנט דערביי, אַז ער איז אַ ייד).

פונדעסטוועגן איז פאַראַן טעאָלאָגיע אין זיין אינטערפּרעטאַציע; אמת, זייער אַ דינע און געלייטערטע טעאָלאָגיע, אַזאַ וואָס קען נאָר צופרידנ־שטעלן אַ פילאָזאָפיש געשטימטן און רעליגיעז פילנדן מענטשן; עס איז אָבער טעאָלאָגיע. דערהויפּט געפינט זיך אַ היפּש ביסל טעאָלאָגיע אין דער אויבן דערמאָנטער עסיי „טעאיזם ענד פּאַנטעאיזם", אין וועלכער ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַווייזן, אַז פּאַנטעאיזם שליסט אין זיך איין טעאיזם און אַז טעאיזם קען ניט זיין אָפּגעטיילט פון דער וועלט אין וועל־כער גאָט ווירקט. פון זיין אויסגאַנגס פּונקט איז ער גערעכט: — מען קען ניט אָפּטיילן גאָט פון דער וועלט. נאַטירלעך, אַז ער זאָגט דאָס זעלבע אין זיין סיסטעם. אין דער עסיי ברייננגט ער עס אַרויס אין אַ ריינער פאָרמע.

זיין שלוס איז, אַז דער טעאיסטישער טייל פון גאָט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, איז דער צו וועלכן דער רעליגיעזער מענטש פילט אַ דראַנג און גאָט גופא זאָל עס אַרויסרופן דעם דראַנג. אַדאַנק דער אינער־לעכער פאַרבינדונג צווישן דעם מענטשן און גאָט, קען מען אים דינען. עס דאַרף מיינען, אַז דער געפיל, וואָס דער רעליגיעזער מענטש פילט צו דינען און בעטן גאָט, באַרעכטיקט די נייגונג אים צו דינען און בעטן: — עס שטעלט צופרידן זיין הונגער און די צופרידנהייט זאָל באַשטיין פון גאָטס אָפּרוף. די דערקלערונג דערמאָנט אין וויל. דזשיימס עסיי „די וויל טו בעליוו" (דער ווילן צו גלויבן), וואָס אַלעקסאַנדער האָט געוויס געלייענט. עס קלינגט אַ היפּש ביסל סאָפיסטיש.

ווען מען לייענט אים פאַרזיכטיק, זעט מען אַז ער איז אַ היפּש ביסל באַהאַוועוונט אין דער פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיע; ער האָט אַסך געטראַכט וועגן דעם ענין און ער ווייזט טאַקע אַרויס אַ היפּש ביסל חריפות אין זיין אָפּהאַנדלונג. ער האָט געמוזט אַסך אַרבעטן אויף דעם טייל דערהויפּט דערפאַר, וואָס ער גיט צו אַז ער אַליין האָט זעלטן רעליגיעזע געפילן און איבערלעבונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ריינע ספּעקולאַציע פון אַ געניאַלן דענקער און דער וואָס קען מיט אים איינשטימען, וועט אים נאָכפאָלגן.

פערצנטער קאפיטל

דייעטי און ווערטן.

אינם לעצטן קאפיטל האָט אַלעקסאַנדער פאַרענדיקט זיין מעטאַפיזיק. אין דעם קאפיטל באַשעפטיקט ער זיך מיט ענינים וואָס וואַקסן אַרויס פון זיין מעטאַפיזיק. אין דעם זינען זיינען זיי אַ טייל פון זיין פילאָזאָפיע און אַפילו פון זיין מעטאַפיזיק.

דער אָנהויב וועט געמאַכט ווערן מיט אַן אויסצוג וואָס איז שוין פריער טיילווייס ציטירט געוואָרן. איצט וועט ער פאַרגרעסערט ווערן און וועט געדאַנקלעך דערגאַנצט ווערן.

ער הייבט אָן דאָס קאפיטל מיט „רעליגיע ווי אַ סענטימענט באַשטייט פון אַ געפיל, פון אַ דראַנג, אַרויסצוגיין צום גאַנצן אוניווערז אין זיין גאַנג פאַראויס צו דער קוואַליטעט פון דייעטי; און פינקטלעך ווי רוים ווערט באַגריפן אינטואיטיוו, די סענסיטיווע קוואַליטעטן ווערן אויפגענומען דורך די איינדרוקן פון די חושים; אוניווערסאַלן ווערן באַגריפן געדאַנקלעך און ווערטן ווערן פאַרשטאַנען דורך אָפּשאַצונגען. אויף אַן ענלעכן אופן ווערט גאָט באַגריפן קאָגניטיוו דורך רעליגיעזע עמאָציעס, דורך דער זיכערקייט וואָס מיר רופן אַן רעליגיעזן גלויבן. צו דעם קומען נאָך צו אַנדערע עלע־מענטן, זיי קלייבן זיך אַרום און פאַרפילפאַכן דעם רעליגיעזן סענטימענט וועמענס הויפט באַשטאַנדטייל האָט אַן אייגנאַרטיקן זאַפט און אַראָמאַט, וואָס קאָרעספּאָנדירט צום אייגנטימלעכן אָביעקט און איז פאַרשיידן פון וועלכער עס איז אַנדערער עמאָציע און דער אָביעקט ווערט באַגריפן אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן, ווי אַנדערע פאָרמען ווערן באַגריפן.

אָבער די דערנאָענטערונג צו גאָט קען פאַרקומען אויף פאַרשיידענע וועגן: מען קען צו אים צוקומען דורך נאַטור דערשיינונגען, דורך זוכן דעם אמת, דורך דעם געפיל פאַר קונסט און דורך דעם מאָראַלן געפיל. ווי אַ פונקציע פון דער מענטשלעכער נאַטור איז דער רעליגיעזער סענטימענט ניט אָפּגעזונדערט פון אַנדערע דערשיינונגען; ער איז פאַרקנופּט און פאַר־בונדן מיט זיי. אַלע אונדזערע דערפאַרונגען קענען אויף זייערע פאַרשיי־דענע אופנים זיין לערער, וואָס זאָלן אונדז לערנען וועגן דער רעאַליטעט פון גאָט״.[1]

---

[1] איביד, ז. 402.

אין דעם אויסצוג זיינען פאַראַן דריי מאָמענטן אויף וועלכע מען דאַרף זיך אָפּשטעלן. ער הייבט אָן מיט אַ דעפיניציע פון רעליגיע, וואָס איז אינגאַנצן אַנדערש ווי רעליגיע ווערט פאַרשטאַנען. זיין דעפיניציע וועט באַטראַכט ווערן אַביסל נידעריקער. ער דערקלערט, אַז רעליגיע פירט געוויס צו גאָט. עס איז אָבער ניט דער איינציקער וועג וואָס פירט צו גאָט.

פון דעם, וואָס ער זאָגט, קומט אויס, אַז אַלע וועגן פירן צו גאָט. דאָס איז דער צווייטער מאָמענט. דער דריטער מאָמענט איז וואָס ער טיילט פאַלשטענדיק אָפּ רעליגיע פון מאָראַל. דאָס לעצטע וועט באַטראַכט ווערן צום ערשטן; עס וועט פירן צו די ערשטע צוויי.

מאָראַל, איז איינע פון די דריטע קוואַליטעטן. ווי אַזעלכע איז זי פריער באַטראַכט געוואָרן. איצט וועט זי גענומען ווערן פאַלשטענדיק אָפּגעטיילט פון רעליגיע לויט אַלעקסאַנדערן. ווען זי איז באַטראַכט געוואָרן איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז זי איז אַ ריין מענטשלעכע שאַפונג און אַ ריין מענטשלעכער באַגריף. ווי אַ מענטשלעכע אייגענשאַפט איז איר שייכות פון מענטש צו מענטש אין דער געזעלשאַפט. זי האָט ניט קיין שטיץ־פונקט אין דער אויסערלעכער וועלט און האָט ניט קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט איר. זי אונטערשיידעט זיך אין דעם פרט פון רעליגיע, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין דער אויסערלעכער וועלט לויט אַלעקסאַנדערס אינטערפּרעטאַציע, וואָס ווערט דאָ איצט נאָכגעפאָלגט. לויט זיין מיינונג האָבן זיי זיך היסטאָריש באַגעגנט און האָבן זיך פאַרבונדן דערפאַר, וואָס זיי ביידע האָבן אַ געמיינשאַפטלעכע געזעלשאַפטלעכע שייכות. זייער פאַר־בינדונג איז אָבער אַ צופעליקע. זיי האָבן אַ ווייניקערע אינערלעכע שייכות צווישן זיך, ווי די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט האָט מיט פילאָזאָפיע. מען טרעפט אָפט טיף רעליגיעזע מענטשן וואָס זיינען אוממאָראַלישע מענטשן. געוויינטלעך רופט מען זיי אָן היפּאָקריטן; זיי קענען אָבער זיין אויפריכטיק רעליגיעז און ניט מאָראַליש. עס זיינען אויך פאַראַן העכסט מאָראַלישע מענטשן, וועלכע זיינען אינגאַנצן ניט רעליגיעז. ער זאָגט „עס זעט אויס צו זיין אַ טאָפּעלטער טעות אי אין דער פּאַקטישער זייט, אי ספּעקולאַטיוו, אָנצונעמען, אַז רעליגיע איז אויף וועלכן ס׳איז אופן אַרויסגעוואַקסן פון מאָראַל. די רעליגיעזע עמאָציע איז אייגנאַרטיק און פאַר זיך גענוגענד אַט ווי דער הונגער אַפּעטיט, אָדער ווי ליבע״.[1]

ער האַלט, ס׳האָט ניט קיין שום זינען צו זאָגן ס׳איז אַ פליכט צו זיין רעליגיעז, ווי ס׳האָט ניט קיין זינען צו זאָגן ס׳איז אַ פליכט צו זיין הונגעריק. דערפאַר האַלט ער קען ניט זיין קיין קאָנפליקט צווישן וויסנ־שאַפט און רעליגיע; ער האַלט, פאַרקערט, ס׳איז פאַראַן אַ האַרמאָנישער צוזאַמענבונד צווישן זיי.

לויט זיין אויסגאַנגס פונקט קען מען זען ווי ס׳קען ניט זיין קיין שייכות צווישן רעליגיע און מאָראַל. מאָראַל באַשטייט פון אַ שייכות צווישן

[1] איביד, ז. 405.

מענטשן אין זייער געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן און האָט ניט קיין שייכות מיט דער אויסערלעכער נאַטור. די רעלאַציע איז צווישן די מענטשן גופא; די נאַטור נעמט ניט קיין אָנטייל אין דער שייכות. פון דער צווייטער זייט איז די שייכות פון רעליגיעזע געפילן און סענטימענטן דירעקט אין דער ריכטונג פון דער אויסערלעכער רעאַליטעט. די צוויי באַזונדערע אייגנשאַפטן, רעליגיע און מאָראַל, האָבן פאַרשיידענע אור־קוואַלן און פאַרשיידענע ריכטונגען, קענען זיי ניט האָבן צווישן זיך קיין שום שייכות. דאָס, וואָס זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און האָבן זיך פאַרבונדן, איז אַ צופאַל און ניט מער. איצט, ווען מען ווייסט, אַז ס'איז אַ היסטאָרישער צופאַל, דאַרף מען ניט אָנהאַלטן דעם טעות.

זיין באַגריף וועגן גאָט איז אַ דינאַמיש פליסענדער און ער בייט זיך. אָט איז ער אַ שאַפער אין דער וועלט און אָט איז ער אַליין אַ געשאַפענער. אויף איין פּלאַץ זאָגט אַלעקסאַנדער „אויב מיר נעמען אין דער ווירקלעכקייט אָן, אַז גאָט מיינט ניט מער ווי דער קרעאַטיווער אימפּולס, וועלכער מאַכט די וועלט גיין איר אומרועקן וועג אין צייט איז אין דעם זינען איז ער געוויס אַ שאַפענדער גאָט".[1]

אויף אַ צווייטן פּלאַץ זאָגט ער „דייעטי דאַרף דאַנקען פאַר איר עקזיסטענץ די פון פריער עקזיסטירענדע ענדלעכע מיט זייערע עמפּירישע קוואַליטעטן און זי שטאַמט אַרויס פון זיי. גאָט איז, ווי אַלע זאַכן אינם פינקטלעכן זינען פון וואָרט, ניט קיין שאַפער, נאָר אַ באַשאַפענער".[2]

איז די פראַגע: וואָס איז גאָט, אַ באַשאַפער צי ער אַליין איז אַ באַשאַפענער? לויט אַלעקסאַנדערן איז ער ביידע זאַכן: אי אַליין אַ באַשאַפענער, אי אין דער זעלבער צייט אַ באַשאַפער; עס ווענדעט זיך אין וועלכע שייכות ער ווערט גענומען. ווען מען נעמט אים אין שייכות צו רוים־צייט, וואָס זיינען דאָס פונדאַמענטאַלסטע פון וואָס אַלץ אין דער וועלט שטאַמט אַרויס, מיינט עס, אַז אויך גאָט איז אַ באַשאַפענער. דאָס זאָגט אַלעקסאַנדער אויסדריקלעך. נעמט מען אים אין דער עקזיסטירענדער וועלט, איז ער דער שאַפענדער גייסט, אַזוי צו זאָגן, טראָץ דעם וואָס אַזאַ טערמין איז ניט פּאַסענד פאַר אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע. מען קען אַפילו ניט האָבן קיין טענה צו אַלעקסאַנדערן פאַרוואָס ער נוצט דעם טערמין גאָט אין אַן אַנדער מיין, ווי אין דער רעליגיע. אַלע נוצן דעם טערמין גאָט אין פאַרשיידענע מיינען, פאַרוואָס זאָל ער אים ניט נוצן? דערהויפּט נאָך ווען ער האָט אין זיין סיסטעם אַ פּלאַץ פאַר רעליגיע. מען קאָן דאָך ניט ריידן וועגן רעליגיע, ווען מען האָט ניט קיין גאָט וועמען מען זאָל דינען.

ווען מען קומט צו באַטראַכטן אַלעקסאַנדערס רעליגיע איז מען אין אַסך אַן ערגערער לאַגע, ווי ווען מען באַטראַכט גאָט. פאַר גאָט האָט ער אַ פּלאַץ וואָס איז ניט אַזוי בכבודיק, ווי אין דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע,

[1] זע „היסטאָריסיטי און טינגס", ז. 15.

[2] זע „ספּייס, טיים ענד דייעטי", באַנד 2, ז. 398.

אָבער פאַרט אַ פּלאַץ מיט אַ באַשטימטער פונקציע. אָבער ווי קען מען דינען צו אַ גאָט וואָס איז אַליין אַ באַשאַפענער, וואָס האַלט זיך אין איין בייטן און וואָס אַלעקסאַנדער אַליין האָט אין אַ לעקציע געזאָגט, אַז ער דאַרף ערשט קומען? ערשטנס ווי האַרמאָנירט מען די דריי באַגריפן וועגן אים: 1) אַז ער איז אַ באַשאַפענער אין צייט; 2) אַז ער איז אַ שאַפער פונם קו־מענדן נייעם; און 3) אַז ער דאַרף ערשט אַרויסגעבראַט ווערן פון דער וועלט? ווען מען פאַרשטייט אים ריכטיק, איז קיין ווידערשפּרוך אין דעם ניטאָ; עס זיינען נאָר פאַראַן שוועריקייטן און זיי נעמען זיך פון דעם, וואָס ער האָט אַן אידעאַליסטישעס וועלט בילד, מיט אידעאַליסטישע באַגריפן, געוואָלט אַריינפּאַסן אין אַ רעאַליסטישן רוים־צייט ראַם און בויען אַ רעאַ־ליסטישע וועלט. ווען מען זאָל אַלץ, וואָס ער זאָגט, אינטערפּרעטירן אידע־אַליסטיש לויט העגעלס אַנטוויקלענדן וועלט גייסט, וואָלטן אַלע שוועריקייטן פאַרשוואונדן און עס וואָלט אַפילו געווען פּלאַץ פאַר רעליגיע.

טרעט מען אָבער צו צו דער פראַגע פון דעם רעאַליסטישן שטאַנד־פּונקט, שטייט רעליגיע ווי אַ ביין אין האַלדז ביז מען פאַרשטייט גענוי זיין באַגריף וועגן רעליגיע און איר פונקציע.

אויבנאויף איז ניט פאַרשטענדלעך וואָרום ער האַלט אין איין באַ־ווייזן, אַז רעליגיע און מאָראַל, זיינען צוויי פאַרשיידענע ענינים, וועלכע דאַרפן ניט צוזאַמענגעמישט ווערן. עס זעט אויס ווי ער רייסט זיך אין אַן אָפענער טיר. עס איז איצט כמעט אַלגעמיין באַקאַנט, אויסער, נאַטירלעך, אין פונדאַמענטאַליסטישע קרייזן, אַז די פאַרבינדונג פון רעליגיע מיט מאָראַל איז אַ היסטאָרישע און ניט קיין אָרגאַנישע. ווען ער ברענגט אָבער גענוי אַרויס זיין אינטערפּרעטאַציע פון רעליגיע, זעט מען איין, אַז פאַר אים איז עס געווען זייער וויכטיק. ער האָט געדאַרפט אָפּטיילן די דריי באַגריפן וועגן ווערטן, וואָס זיינען אַ מענטשלעכער פּראָדוקט, פון רעליגיע, וואָס איז ניט קיין ווערט אינם מענטשלעכן זינען, נאָר אַ פונדאַמענטאַלער סענטימענט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דייעטי און פאָלגלעך, מיט גאָט וואָס שטרעבט צו פערפעקטער דייעטי. ער דאַרף ניט באַווייזן, אַז דער רעלי־גיעזער סענטימענט איז אמתדיק און רעאַל; פאַרקערט, ער איז אַזוי זיכער, אַז דער רעליגיעזער סענטימענט איז פונדאַמענטאַל, אַז ער נעמט אים פאַר דעם וויכטיקסטן באַוויז, אַז גאָט עקזיסטירט און אַז דער סענטימענט איז פאַרבונדן דירעקט מיט גאָט אין דעם שטרעבן צו אַבסאָלוטער דייעטי, וואָס איז דאָס זעלבע, ווי די געטלעכע פערפעקציע. עס דאַרף באַטאָנט ווערן, אַז די שטרעבונג איז זיך צו פאַרבינדן מיטן טעאיסטישן טייל פון גאָט און ניט מיטן פּאַנטעאיסטישן טייל. געוויס קען מען פרעגן צו אַזאַ טיילונג קען געמאַכט ווערן. דאָ איז אָבער ניט קיין פראַגע פון קריטיקירן, נאָר צו פאַרשטיין זיין מיין.

אויב רעליגיע איז ניט קיין קוואַליטעט און באַשטייט ניט אין אַנצעהאַלטן ווערטן, איז די פראַגע: וואָס איז רעליגיע? ער ענטפערט: „רעליגיע איז גלויבן אין דייעטי, אָדער אין גאָט מיט דער קוואַליטעט פון

דייעטי. ווען מען רעפלעקטירט געפינט זיך דייעטי אין דער ליניע פון ווערטן. דער רעליגיעזער געפיל איז אָבער טיפער און מער פּרימיטיוו פון ווערטן; ער דאַרף געגומען ווערן לויט דער דערפאַרונג וועגן אים און ניט לויטן רעפלעקטיוון דענקען . . . אין זיין עסענץ איז דער רעליגיעזער סענטימענט ניט קיין ענין פון ווערט אָדער אָפּשאַצונג בכלל ווען דער פאַר־שטאַנד דערקענט אים אין זיין רויער פאָרמע, דערפילט ער אַן אייגנאַר־טיקע קוואַליטעט, וואָס איז העכער און גאַנץ פאַרשיידן פון זיין אייגענער (דעם פאַרשטאַנד) קוואַליטעט. ער (דער רעליגיעזער סענטימענט) איז אייגנ־אַרטיק, ווי דאָס באַגרייפן קאָלירן, אָדער דאָס לעבן; מיר קענען אָבער ניט זאָגן אויף וואָס די נייע קוואַליטעט איז ענלעך, ווייל זי ווערט ניט אַנט־פּלעקט דורך דעם שכל. מיר זיינען בלויז זיכער, אַז אַזאַ סענטימענט איז פאַראַן״.[1]

לויט זיין אינטערפּרעטאַציע באַשטייט דער רעליגיעזער סענטימענט פון אַ פונדאַמענטאַלן פּרימיטיוון געפיל, פון אַ שטרעבונג זיך צו פאַר־אייניקן מיטן געטלעכן. עס איז אַ געפיל זיך צו באַפרייען פון דעם וואַכע־דיקן טאָג־טעגלעכן און זיך איבערגעבן צו דער רעליגיעזער עמאָציע וואָס, ווי מען פילט זי, פאַראייניקט זי מיט גאָט, וועלכער שטרעבט צו דער פּערפעקציע, צו דער פאָלקאָמענער דייעטי, וואָס איז דער אַבסאָלוטער אידעאַל. טראָץ דעם וואָס דער רעליגיעזער סענטימענט איז פאַרשיידן פון די דריטע קוואַליטעטן, אמת, שיין און גוט, איז ער פאַרבונדן מיט זיי און שליסט זיי איין.

ער באַטאָנט און חזר׳ט אָן אַ שיעור מאָל איבער וועגן דעם אייגנ־אַרטיקן כאַראַקטער פון רעליגיע דערפאַר, וואָס רעליגיע איז דער אַקס אַרום וועלכן גאָט און דייעטי דרייען זיך. עס איז זיין הויפּט באַווייז, אַז זיין מעטאַפיזיק איז אַ ריכטיקע. געוויס איז זיין גאַנצע פילאָזאָפיע באַזירט אויף דער עמערגענטער עוואָלוציע וואָס פירט צו דייעטי: — רופט ער דאָך אָן זיין סיסטעם „ספּייס, טיים ענד דייעטי״. דאָס איז אָבער פאָרט ניט מער ווי פילאָזאָפישע ספּעקולאַציע און רעליגיע, האָט ער אָנגענומען, גיט אים אַ דירעקטן באַווייז, אַז זיין שטאַנדפּונקט איז אַ ריכטיקער. אמת, אויך אין זיין דערקלערונג וועגן דעם עצם פון רעליגיע גיט ער צו דעם אויב זיין אינטערפּרעטאַציע איז אַ ריכטיקע. פון דעם אָבער וואָס ער באַטאָנט אַזוי שטאַרק דעם רעליגיעזן סענטימענט, איז קאָנטיק, אַז ער האַלט אַז אין דעם פאַל איז זיין באַדן אַ פעסטער, ווייל ער איז אומאָפּהייגיק פון אַנדערע מענטשלעכע אייגנשאַפטן; זי איז ניט קיין קוואַליטעט אינם זינען פון אַ מענטשלעכער שאַפונג; זי ווערט אַרויסגערופן פון דער אויסערלעכער רעאַליטעט גופא. אין דער זעלבער צייט ווערט רעליגיע אַרויסגעהאָלפן פון די דריטע קוואַליטעטן, ווייל אויך זיי פירן צו גאָט.

איצט וועגן דייעטי אין שייכות צו די ווערטן (אמת, שיין און גוט).

---

[1] איביד, זז. 417־416.

דירעקט קען מען וועגן דייעטי קיין זאַך ניט זאָגן; וועגן אַ העכערער אייגנ־שאַפט, וואָס איז איצט ניטאָ, נאָר מען שטרעבט צו איר און מען איז זיכער, אַז אין משך פון צייט וועט זי קומען, קען מען ניט זאָגן אין פאָראויס אין וואָס זי וועט באַשטיין. ער רעדט נאָר אין אַלגעמיינע טערמינען; ער זאָגט: „דייעטי באַלאַנגט צום ראַנג פון פערפעקציע. דייעטי באַשטייט פון אַ קוואַליטעט און גאָט, וואָס באַזיצט דידאַזיקע קוואַליטעט, איז אַ וועזן וואָס באַלאַנגט צו אַ העכערן גראַד פון עקזיסטענץ אין דער נאַטור פון זאַכן . . . גאָט איז פאַר אונדז די העכסטע עקזיסטענץ אינם אוניווערס״.

פון דעם ציטירטן דרינגט ער אַרויס, אַז „דייעטי באַלאַנגט צום ראַנג פון פערפעקציע און ניט צו דער קאַטעגאָריע פון ווערטן״ און דערפאַר קען מען, לויט זיין מיינונג, ניט זאָגן אַז „גאָט באַזיצט דעם העכסטן ראַנג אין דער היראַרכיע פון ווערטן; מען קען אים ניט קעגנשטעלן קעגן עפּעס וואָס באַזיצט ניט קיין ווערטן; — ער האָט ניט קיין קאָנקורענטן״.[1]

פשוט מיינט עס, אַז ניט דייעטי, אָדער גאָט, באַלאַנגט צו דער קאַ־טעגאָריע פון ווערטן (ער האָט אין זינען די דריטע קוואַליטעטן: אמת, שיין און גוט). די לעצטע (די ווערטן) באַשטייען פון מענטשלעכע קאָנסטרוק־ציעס, אָדער שאַפונגען, מיט איין וואָרט, צו מענטשלעכע באַגריפן (קאָנ־צעפּציעס). דייעטי און גאָט, האָבן אַ דירעקטע שייכות צום כוח פון דער אויסערלעכער וועלט, וועלכער טרייבט די וועלט צו פערפעקציע. דעם כוח רופט ער אַן ניסוס, אָדער די אומרועקע אייגנשאַפט פון צייט, וואָס טרייבט אַלץ פאַר זיך און ברענגט נייע עמערגענטן און פירט צו גאָט, וואָס איז דער אוניווערז גופא, ווען מען נעמט אין אים אַריין זיין שטרעבונג צו פאָלקאָמענהייט.

מיט דעם פאַרענדיקט ער פאַקטיש זיין סיסטעם. אינם ווערק האָט ער נאָך צען זייטן, זיי באַשטייען אָבער פון ענינים, מיט וועלכע ער האָט זיך פריער אַסך מאָל באַשעפטיקט. ער רעדט וועגן גוטעס און שלעכטעס און אַז דייעטי איז אויף דער זייט פונם גוטן; ער מאַכט עטלעכע באַמער־קונגען וועגן אומשטערבלעכקייט וואָס האָט ניט און קען ניט האָבן, קיין פּלאַץ אין זיין סיסטעם. דערמיט ענדיקט ער.

אום צו פאַרשטיין גענוי דעם לעצטן טייל פון זיין סיסטעם (די דריי קאַפּיטלען), ווי דר. דזש. מק׳קאַרטי באַטראַכט זיי פאַר דער קרוין פון זיין מעטאַפיזיק און צו קענען זיי צוזאַמענשמעלצן מיט די אַנדערע טיילן ווי אַן איינהייט, דאַרף מען גענוי פאַרשטיין וואָס ער מיינט אונטער די טערמינען: רעליגיע, גאָט און דייעטי, און זייער שייכות צום סיסטעם.

הגם די קאַפּיטלען זיינען אויספירלעך סומירט געוואָרן און זיינען געגעבן געוואָרן אַזוי פּינקטלעך ווי ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, און מעגלעך טאָקע דערפאַר וואָס ער איז פּעדאַנטיש נאָכגעפאָלגט געוואָרן, וועט זייער קורץ פריי דערקלערט ווערן דער מיין פון די דריי טערמינען ווי ער איינ־

[1] איביד, II. 410־409.

טערפּרעטירט זיי און אינקאָרפּאָרירט זיי אינם סיסטעם.

אינם לעצטן קאַפּיטל (דייעטי ענד וועליו) דערקלערט ער, אַז ווערטן באַשטייען פון באַגריפן וואָס זיינען אַנטשטאַנען אינם מענטשן אין זיין שייכות מיט דער קאָנקרעטער וועלט ווי זי איז. זיי באַשטייען פון אינטע־לעקטועלע און עמאָציאָנעלע אינטערפּרעטאַציעס וועגן דער וועלט און דעם מענטשנס שייכות צו אמת, שיינקייט און גוטסקייט. רעליגיע באַלאַנגט צו דעם וואָס ער רופט אָן אינסטינקט; ער פאַרגלייכט דעם רעליגיעזן געפיל צום הונגער אָדן דאָרשט דראַנג, ווי אויך צום אינסטינקט פון ליבע. דער רעליגיעזער געפיל איז ניט געווענדעט צו דער וועלט, ווי זי איז אין איר קאָנקרעטער פאָרמע, נאָר צו דעם פאַקטער אין דער דינאַמיק פון דער וועלט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן ווערן און דעם קומענדן נייעם, מיט אַנדערע ווערטער, צו גאָט. אַז אַזאַ גאָט איז פאַראַן, זאָגט ער, אַז ער האָט אַ רעכט אָנצונעמען (ספּעקולאַטיוו) דערפאַר, וואָס גאָט איז דער אָביעקט פון די רעליגיעזע עמאָציעס. ער האַלט, אַז אַזעלכע טיפע רעליגיעזע עמאָ־ציעס און סענטימענטן, וואָלטן ניט אַנטשטאַנען אינם מענטשן, ווען קיין אָביעקט (גאָט) וואָלט ניט געווען אין דער וועלט.

אונטער רעליגיע פאַרשטייט ער ניט בלויז דעם טראַדיציאָנעלן באַ־גריף פון רעליגיע, נאָר עפּעס מער ווי דאָס, נעמלעך: דעם דראַנג צו העכערעס, שענערעס און נאָבעלערעס און דאָס אַלץ זאָל זיין פאַרבונדן מיט גאָט, ווי ער איז אימאַנענט אין דער וועלט ווי טיילן איז ער שוין אינקאָר־פּאָרירט אין דער מענטשלעכער קולטור ווי דאָס עמערגענטע פון גאָט און פון דער דייעטי (דער שטרעבן צו מער געטלעכעס), וואָס זאָל אָנצייגן אויפן טייל פון גאָט וואָס דאַרף ערשט קומען.

ווי געזאָגט, איז פאַר אים די רעליגיעזע עמאָציע דער וויכטיקסטער באַווייז, אַז גאָט עקזיסטירט; ער קען זי אַנדערש ניט דערקלערן ווי אַן אימאַנענטער דראַנג אינם מענטשן. עס איז אָבער ניט דער איינציקער באַ־וויז וואָס ער האָט: — די גאַנצע וועלט, אין איר עמערגענטער פאָרמע, צוזאַמען מיט דער מענטשלעכער קולטור, איז אַ באַשטעטיקונג, אַז גאָט עקזיסטירט.

די דערקלערונג וועגן רעליגיע אַנטהאַלט שוין אויך דאָס, וואָס ער מיינט אונטערן טערמין גאָט. גאָט איז אימאַנענט אין דער וועלט וואָס איז דאָס פּראָגרעסיוו געשאַפענע אינם פּראָצעס פון עוואָלוציע; ער האַלט אָבער אויך אין איין קומען. לויט אַלעקסאַנדערס טערמינאָלאָגיע איז די וועלט טראָגעדיק מיט גאָט. ער זאָגט אָבער אויך, אַז אַזוי גיך ווי גאָט קומט, איז ער שוין אויס גאָט און ער האַלט אין ווייטערדיקן קומען. וויאַזוי דער פּאַראַדאָקס איז מעגלעך, מאַכט ער אַ פּאַרזוך צו דערקלערן אין זיין ענטפער צו בראַאַדן, וואָס וועט נאָך אַמאָל ציטירט ווערן. ער זאָגט: „איך זאָג, אַז גאָט, ווי אַ ווירקלעכער באַזיצער פון דייעטי, עקזיסטירט ניט, נאָר ער איז אַן אידעאַל, ער האַלט שטענדיק אין ווערן; אָבער גאָט ווי דער גאַנצער אוניווערז, וואָס שטרעבט אין דער ריכטונג פון דייעטי, עקזיסטירט

אין דערווירקלעכקייט". גאָט, הייסט עס, איז אי אַ רעאַליטעט וואָס איז איינגעשלאָסן אין דער וועלט, אי ער איז אַן אידעאַל צו וועלכן די וועלט און די מענטשהייט שטרעבט.

איצט איז די פראַגע: ווי קען מען דינען צו אַן אידעאַל וואָס זאָל זיין דער טעאיסטישער טייל פון גאָט? זיין דערקלערונג איז, אַז די צופרי־דענהייט, וואָס מען קריגט דורך דעם געבעט, דאָס דינען אים גופא, דאַרף באַשטיין פון גאָטס אָפּרוף. דאָ איז עפּעס ניט גלאַט, עס קלינגט ווי אַ סאָפיזם. פּסיכאָלאָגיש קען עס זיין פאַרשטענדלעך, אָבער ניט פילאָזאָפיש.

דער טערמין דייעטי לאָזט זיך ניט דעפינירן; ער ענטהאַלט אין זיך מער ווי מען וואָלט אים געקענט פאַרשטיין דורך וועלכער עס איז דעפי־ניציע. מען קען עס זען פון דעם וואָס אַלעקסאַנדער רופט אָן זיין מעטאַ־פיזישן סיסטעם „ספּייס, טיים ענד דייעטי", אויך פון דעם וואָס אין די דריי קאַפּיטלען פון דעם דריטן טייל, וואָס ווערט באַטראַכט פאַרן וויכטיקסטן טייל פון זיין ווערק, געפינט זיך דער טערמין דייעטי אינם נאָמען פון יעדן קאַפּיטל.

אום געענוי צו באַגרייפן די שוועריקייט, וואָס אַלעקסאַנדער האָט צו דערקלערן די דייעטי, דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז ער איז געווען אַן אויסגעהאַלטענער מאָניסט; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שפּאַלטן די נאַטור אויף צווייען, אויף אַ פיזישן טייל און אַ פסיכישן טייל. פאַר אים איז די רעאַליטעט געווען איינע; אַלץ, וואָס ס'געפינט זיך אין איר, שטאַמט אַרויס, אויף אַן עמערגענטן אופן, פון רוים־צייט. דער אַלץ שליסט אין זיך איין גאָט און דייעטי, וואָס פון איין זייט דאַרף די דייעטי באַשטיין פון אַן עפּעס, וואָס אַ רעאַליסט מוז דעם געבן אַ וועלכן עס איז סטאַטוס און פון דער צווייטער זייט איז זי אַ מין אידעאַל, וואָס איז אי איינגעשלאָסן אין דער רעאַליטעט, אי זי טרייבט די רעאַליטעט צו נייע און העכערע פאָרמען. מיט איין וואָרט, דייעטי שליסט אין זיך פון איין זייט איין דעם ניסוס פון צייט און דאָס וואָס ווערט אָנגערופן פּראָגרעס בכלל און פון דער צווייטער זייט דאַרף זי פאַרשטאַנען ווערן אינם זינען וואָס לויד מאָרגען האָט אָנגע־רופן הייליקער צוועק.

דייעטי איז די טרייבענדע קראַפט, וואָס ברייננגט אַרויס דאָס געט־לעכע אויף יעדן שטאַפּל פון דעם עוואָלוציע פּראָצעס. דאָס, וואָס דאַרף קומען איז איצט אין פּאָטענציע גאָט; דייעטי אָבער קומט ניט, זי איז דער שטרעבן און שטויס קראַפט צום געטלעכן. דער עצם פון דייעטי האַלט זיך אין איין בייטן. דייעטי איז איינגעשלאָסן אינם עוואָלוציע פּראָצעס און זי איז זיין דינאַמישער כוח. גאָט איז דאָס צו וואָס דייעטי שטרעבט און דייעטי באַשטייט פון דעם שטרעבן גופא און זיי ביידע זיינען מאַניפעסטאַציעס פון דער נאַטור.

ווען מען פאַרשטייט די דריי קאַפּיטלען וועגן רעליגיע, גאָט און דייעטי, קען מען פאַרשטיין אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזיק פון רוים־צייט און דייעטי; מען קען אויך פאַרשטיין זיין מעטאַפאָר, אַז ווען גאָט וועט קומען וועט די

גאַנצע וועלט צוזאַמען מיטן מענטשן זיין קערפּער און ער וועט זיין די נשמה פון דער וועלט. ער מיינט, אַז ווען מען נעמט עוואָלוציע ערנסט, ווי ער נעמט זי, איז דער מענטש מיט זיין פאַרשטאַנד ניט דאָס לעצטע אין דער נאַטור: — אַזוי לאַנג ווי צייט פליסט און האַלט אָן שאַפן, מוז דער עוואָלוציע פּראָצעס אָנגיין, די מסקנא שטאַמט אַרויס פון זיין אויסגאַנגס פּונקט.

אין דעם נאָר וואָס דערקלערטן געפינט זיך אַן ענטפער אויף דער אויסזעצונג, אַז אַ פילאָזאָף דאַרף ניט זיין קיין נביא און פאָראויסזאָגן וועגן דעם וואָס וועט קומען. אַלעקסאַנדער זאָגט ניט פאָראויס קיין זאַך אינם זינען אין וואָס ס'וועט באַשטיין דאָס, וואָס וועט קומען, ער זאָגט נאָר אַז ס'איז ניטאָ קיין שום גרונט אָנצונעמען, אַז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד (מאַינד) איז דאָס לעצטע אינם עוואָלוציע פּראָצעס; ער האַלט אָן און וועט ברענגען העכערעס נייעס. דעם שלוס האָט ער אַ רעכט צו ציען פון זיין אויסגאַנגס פּונקט.

פופצנטער קאַפּיטל

דערגאַנצונג און באַמערקונגען.

אַלעקסאַנדער איז געווען אַ מעטאַפיזיקער און אַ סיסטעם בויער און ער האָט געוואָלט מען זאָל אים פאַר אַזעלכן באַטראַכטן. די פילאָזאָפישע וועלט האָט צוגעשטימט, אַז ער איז באַרעכטיקט, אַז ער האָט אַ רעכט פאַר אַזאַ צו באַטראַכט ווערן און האָט אים אַנערקענט.

ער איז אָבער ניט געווען פון די דענקער, וועלכע באַגרענעצן זיך מיט אַ ספּעציאַליטעט און פאַרלירן וועלכן עס איז אינטערעס אין וועלכע ס'איז אינטעלעקטועלע ענינים וואָס ליגן אויסער זייער ספּעציעלן געביט. ער האָט באַזעסן אַן אינטעלעקט, וואָס איז געווען פאַראינטערעסירט אין די פאַרשיידענסטע גייסטיקע שטרעמונגען און האָט אויף זיי רעאַגירט.

ער איז געווען דער ראש פון דריי פאַקולטעטן פונם אוניווערזיטעט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען זיין גאַנצע צייט ווי אויך זיין ענערגיע, פונדעסטוועגן האָט ער געפונען צייט צו אָנטייל נעמען אין דער באַוועגונג פאַר פרויען־רעכט און אויך פאַרן ציוניזם און דערהויפּט פאַרן העברייאישן אוניווערזיטעט פון וועלכן ער איז געווען דער פאַרזיצער פון דער ביב־ליאָטעק.

אויך אין זיין שרייבן און אין זיינע רעדעס האָט ער זיך ניט באַגרע־נעצט; ער האָט געשריבן און גערעדט וועגן פאַרשיידענע ענינים און האָט אָנטייל גענומען אין פאַרשיידענע סימפּאָזיומס. פאַרשטייט זיך, אַז דער סאָציאַלער געביט איז אים ניט געווען פרעמד. זיין ערשטער אַרטיקל איז געווען וועגן „פּראָגרעס, אַרעמקייט און לאָגיק" (1884) און זיין ערשטער בוך האָט געטראָגן דעם נאָמען „מאָראַלער אָרדער און פּראָגרעס" (1889).

פון דעם האָט מען אַ רעכט צו ציען דעם שלוס, אַז כאָטש אין זיין פילאָזאָפישן סיסטעם האָט ער דערהויפּט געהאַט אין זינען דעם מעטאַ־פיזישן מאָמענט, האָט ער דעם סאָציאַלן מאָמענט ניט געקענט אויסלאָזן פון אויג. געוויס איז זיין טערמינאָלאָגיע אַזאַ שטייפע, אַז זי לאָזט זיך פריי ניט אינטערפּרעטירן און מעגלעך, אַז ער גופא האָט ניט געדענקט וועגן דעם וואָס ס'וואָלט זיך געוואָלט אין אים אַריינטייטשן, און געוויס איז עפּעס, מעגלעך, גאַנץ אומדירעקט אויף אַן אַבסטראַקטן אופן, פון דעם פאַראַן אין זיין סיסטעם. דער עפּעס געפינט זיך אין די דריי קאַפּיטלען פונם סי־

סטעם. וועגן אַט דעם עפּעס וועלן געמאַכט ווערן עטלעכע באַמערקונגען.

אין די דריי קאַפּיטלען רעדט ער וועגן דייעטי, רעליגיע און גאָט. דאָס זיינען טעאָלאָגישע טערמינען וואָס זייער זינען איז היסטאָריש קענאָניזירט געוואָרן און יעדער איינער איז זיכער, אַז ער ווייסט זייער מיין. אין דער זעלבער צייט אָבער ווערן זיי פּאַקטיש פון יעדן איינעם גענוצט מיט אַביסל אַן אַנדער מיין. אַלעקסאַנדער נוצט זיי אין אַן אַבסטראַקט פילאָזאָ־פישן זינען אויף אַן אייגענאַרטיקן אופן. און כאָטש דאָס, וואָס וועט דאָ געזאָגט ווערן, וועט באַשטיין פון אַן איבער'חזר'ן, וועט עס איבערגע'חזר'ט ווערן.

אַ לעקציע, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אין אַ פריערדיקער פאַרבינ־דונג, וועט איצט אַביסל מער באַטראַכט ווערן. עס וועט העלפן אַרויסצו־ברייגנען דעם געדאַנק, וואָס עס ווילט זיך גלויבן, אַלעקסאַנדער האָט אין זינען געהאַט ווען ער האָט באַנוצט די טעאָלאָגישע טערמינען. די לעקציע איז פון אַ סימפּאָזיום אין וועלכן ער האָט אַנטייל גענומען יאָרן שפּעטער נאָך דעם, וואָס זיין סיסטעם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן און ער איז געוואָרן אַנערקענט.

אַ באַמערקונג וועגן דעם סימפּאָזיום וועט ניט זיין אויסער פּלאַץ. פון די צוועלף אַנטייל נעמער זיינען זעקס געווען טעאָלאָגן, פינף וויסנ־שאַפטלער און אַלעקסאַנדער איז געווען דער איינציקער ספּעקולאַטיווער דענקער. די פּראָפּאָרציע איז ניט געווען קיין גלייכע: עס זיינען געווען צופיל טעאָלאָגן וואָס, נאַטירלעך, זיינען זיי פיקסירט אין זייער גלויבן און אינ־גאַנצן אייך ספּעקולאַטיווער דענקער, ווען דענקער זיינען מער אָדער וויי־ניקער פריי אין זייערע רעליגיעזע באַגריפן. דערצו האָט געפעלט אַ מיינונג פון אַזעלכן, וואָס האָט אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו רעליגיע. איז טאַקע, מעג־לעך, בערטראַנד ראַסעל געווען גערעכט ווען ער האָט אויף זיין אופן רעאַגירט, אַז ס'איז ניט געווען קיין סימפּאָזיום וועגן וויסנשאַפט און רע־ליגיע, נאָר פּראָפּאַגאַנדע פאַר רעליגיע.

דאָס וואָס פון אַלע ענגלישע דענקער האָט מען אויסגעקליבן אַלעק־סאַנדערן מיט זיין פּאָזיטיוון צוגאַנג צו רעליגיע, מעגלעך, באַשטעטיקט ראַסעלס מיינונג. אמת, זיין אינטערפּרעטאַציע פון גאָט און פון רעליגיע איז ניט אַזאַ, וואָס קען צופרידנשטעלן טעאָלאָגן, עס איז אָבער פאָרט אַ פּאָזיטיווע מיינונג.

ליירד זאָגט אין זיין מעמאָראַנדום אַז אַלעקסאַנדער האָט עפנטלעך באַדויערט פאַר וואָס מען האָט ניט איינגעלאַדן קיין אַטעאיסט אַז ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן וויסנשאַפט און רעליגיע.

אַלעקסאַנדער הייבט אָן מיט דעם וואָס ס'הערשט איצט אַ טאָלע־ראַנטערע באַציאונג פון וויסנשאַפטלער צו רעליגיע, ווי ס'האָט געהערשט מיט אַ פּאָר דורות צוריק. ער שרייבט צו די ענדערונג צום פאַקט וואָס די פיזיקאַלישע וויסנשאַפט איז איצט באַזירט אויף מער עלאַסטישע יסודות, ווי זי איז געווען אין יענער צייט. עס איז אין איר פאַראַן מער פּלאַץ פאַר

הייליקייט, אָדער פּאַר גייסטיקעס, וואָס די מאַטעריאַליסטישע קלאַסישע פיזיק (אַטאָמישע) האָט ניט געהאַט. אים שטעלט די טאָלעראַנץ אַליין ניט צופרידן; ער האַלט, אַז וויסנשאַפטלער דאַרפן זיך רעכענען מיט דער פּאָזיטיווער אינפאָרמאַציע וועגן דער רעאַליטעט פון דער וועלט, וואָס רעליגיע קען זיי געבן. ער גייט צו, אַז פיזיקער קענען די דאָזיקע אינפאָרמאַציע ניט אינקאָרפּאָרירן אין זייערע פאָרשונגען; זיי דאַרפן זי אָבער ניט איגנאָרירן. ער זאָגט, אַז יעדע פאָרמע פון אינפאָרמאַציע וועגן דער וועלט דאַרף באַנוצט ווערן ווען מען וויל זי פאַרשטיין.

זיין אינטערפּרעטאַציע פון רעליגיע איז אויספירלעך באַטראַכט געוואָרן אין די לעצטע דריי קאַפּיטלען, איז ניט נויטיק זי נאָכאַמאָל געבן. עס דאַרף נאָר באַמערקט ווערן, אַז ער מאָדיפיצירט אַביסל זיין מיינונג וועגן דעם וויסן, וואָס מען קריגט פונם רעליגיעזן סענטימענט, אָדער פון דער רעליגיעזער עמאָציע. אינם סיסטעם האָט ער גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן דעם וויסן וועגן דער וועלט, וואָס מען קריגט פון דער רעליגיעזער איבערלעבונג, אַז מען האָט ניט געקענט צווייפלען אין דער אינפאָרמאַציע. אין דער לעקציע זאָגט ער אויסדריקלעך, אַז די אינפאָרמאַציע אַליין וואָלט ניט געווען גענוג צו באַשטימען וועגן דער רעאַליטעט; מען דאַרף זי נעמען צוזאַמען מיט דער אינפאָרמאַציע וואָס מען קריגט פון דער וויסנשאַפט, פון קונסט, און אַז. וו. אַלע וועגן פירן צו גאָט, וואָס ער מיינט צו פאָלקאָמענהייט.

נאָך דעם ווי ער ברענגט אַרויס אַז וויסנשאַפט און רעליגיע ניט נאָר דאַרפן ניט באַטראַכט ווערן ווי קעגנער, נאָר אַז רעליגיעזע סענטימענטן און איבערלעבונגען, דאַרפן דערגאַנצן דעם וויסן וועגן דער וועלט וואָס מען קריגט פון אינטעלעקטועלע קוואַלן, וואָס לויט זיין מיינונג, זיינען זיי ניט די איינציקע וואָס געבן אינפאָרמאַציע וועגן דער רעאַליטעט: רעליגיע טראָגט צו אַ בייטראָג.

נאָך דער דערקלערונג גייט ער איבער צו באַטראַכטן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן רעליגיע, וואָס ער רעדוצירט צו צוויי מיינונגען. איין מיינונג איז די, וואָס ער האָט געגעבן און די צווייטע מיינונג רופט ער אָן די מיסטישע. פאַר אַ ביישפּיל פון דער מיסטישער אינטערפּרעטאַציע נעמט ער עדינגטאָנען און דעם טעאָלאָג, רודאָלף אָטאָ. וועגן עדינגטאָנען זאָגט ער, אַז ער סימפּאַטיזירט מיט זיין מיינונג אָבער ניט נאָר האָט ער (עדינגטאָן) ניט קיין באַווייזן, אַז זיין מיינונג איז אַ ריכטיקע, נאָר אַז ער נעמט פאַר זיין אויסגאַנגס פונקט דאָס, וואָס וואָלט געדאַרפט באַוויזן ווערן, אַז ס'איז אַן אמת. עדינגטאָן (ער האָט אַנטייל גענומען אינם סימפּאָזיום) נעמט פאַר אַ באַוויז פאַרן אמת פון רעליגיע און די עקזיסטענץ פון גאָט, זיין אינערלעכע איבערלעבונג, אַז ער פילט גאָט רעדט אין אים און דער געפיל איז פאַר אים וויכטיקער פון וויסנשאַפטלעכע באַווייזן. אַלעקסאַנדער פרעגט אים וויאַזוי קען ער באַוויזן, אַז זיינע איבערלעבונגען באַשטייען ניט פון קיין האַלוצינאַציעס? פאַרשטייט זיך, אַז ער נעמט ניט אָן עדינגטאָנס מיסטיציזם.

וואָס אַנבאַלאַנגט רודאָלף אָטאָן ווערט ער באַטראַכט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע טעאָלאָגן; זיינע ווערק ווערן פון טעאָלאָגן באַטראַכט פאַר קלאַסישע אַרבעטן. זיין צענטראַלער געדאַנק איז, אַז מענטשן באַזיצן אַ ספּעציעלן חוש פאַר הייליקעס (נאַמינוס). ער האָט געשריבן ווערק צו באַווייזן, אַז דער רעליגיעזער חוש איז אַן אמתער און ער פירט דירעקט צום קריסטנטום.

אַלעקסאַנדער קען ניט אָננעמען קיין סעקטאַנטישע רעליגיע; זיין פילאָזאָפיע שליסט אויס אַזאַ אינטערפּרעטאַציע: — זיין רעליגיע איז אַן אוניווערסאַלע. זיין מיינונג איז אַזוי וויכטיק, אַז זי וועט ציטירט ווערן. ער זאָגט „איך דענק ניט, אַז ס'איז פאַראַן אין זאַכן אַזאַ זעלטענע קוואַליטעט וואָס מיר קענען אַנטדעקן און וואָס באַשטייט פון הייליקעס (נאַמינוס), וואָס איז דער אָביעקט פון אַ רעליגיעזן געפיל מען זאָל אים פילן, ווי מען פילט קעלט אין ווינטער. איך האַלט ניט, אַז מיר האָבן אַ וועלכן עס איז אָרגאַן דורך וועלכן מיר זאָלן קענען אויפנעמען הייליקעס. אסך מענטשן באַזיצן ניט קיין רעליגיעזן געפיל; אייניקע מענטשן האָבן ווען עס איז רעליגיעזע איבערלעבונגען (ווי איך, צום ביישפּיל), אָט ווי ס'זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין אויער פאַר מוזיק... איך בין גענייגט אָנצונעמען, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אויף וואָס אונדזערע אָרגאַניזמס רעאַגירן צו דער וועלט ווי אַ גאַנצע; מיר נעמען עס אָבער ניט אויף דורך אַ באַשטימטן חוש... דאָס אַליין פאַר זיך וואָלט ניט געווען קיין גענוגענדער גרונט מען זאָל קענען אָננעמען, אַז די נאַטור גופא ציינט, אַז ס'איז פאַראַן דייעטי".[1]

ווייטער זאָגט ער: ווען מען נעמט אַ גאַר ברייטן בליק וועגן וויסן אין אַלגעמיינע טערמינען געפינט מען אויס, אַז וויסן, וואָס ס'מיינט וויסנשאַפט, ציינט אַן אויף עפּעס אין דער נאַטור, וואָס דערגרייכט ווייטער פון דעם וואָס מען ווייסט שוין אין דער נאַטור".[2]

נאָך דער קריטיק פון דער מיסטישער אינטערפּרעטאַציע פון רעליגיע און נאָך דעם, וואָס ער דערגאַנצט עס מיט זיין צוגאָב, אַז אין דער נאַטור איז ווירקלעך פאַראַן עפּעס וואָס געפינט זיך ווייטער ווי דאָס וואָס מיר ווייסן און וועגן דעם קען דאָך ניט זיין קיין מיינונגס פאַרשיידנהייט, גייט ער איבער צו זיין דערקלערונג וועגן רעליגיע, דייעטי און גאָט. ער זאָגט: „די נאַטור איז היסטאָריש, זי וואַקסט אויף אַן אופן, אַז פון צייט צו צייט קומען נאָך דער ריי עמערגענטע קוואַליטעטן פון וועלכע פאַרשטאַנד (מאַינד) איז דאָס העכסטע וועגן וואָס מיר ווייסן פון דערפאַרונג אין זיך גופא און אין אַנדערע מענטשן. וואָרום זאָל דער פּראָצעס בלייבן שטיין? פון מאַטעריע איז אַרויסגעקומען לעבן און פון לעבן איז אַרויסגעקומען דער פאַרשטאַנד (מאַינד)... דאָס גופא ווייזט אַן אויף אַ העכערער קוואַליטעט ווי פאַרשטאַנד

---

[1] ז. 134.

[2] זע „סייענס ענד רעלידזשן", ז. 133.

(מאַינד) . . . די קוואַליטעט, ווי אַזעלכע, רופֿ איך אַן דייעטי און דעם טרעגער פון דער קוואַליטעט רופֿ איך אַן גאָט... אויב איר וועט מיך פרעגן וואָס איז גאָט? קען איך בלויז ענטפערן, אַז ער איז אַ וועזן, וועמענס קערפער איז די גאַנצע וועלט, ווי מיר שטעלן זיך פאָר זי וועט זיין, ווען זי וועט באַזיצן דייעטי. דאָס מיינט, אַז איצט איז גאָט ניט קיין עקזיסטירענדער אין דער ווירקלעכקייט, ער באַשטייט פון אַן אידעאַל. ער עקזיסטירט בלויז אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס איז פאַראַן אַ טענדענץ אין דער ריכטונג פון זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער צו עקזיסטירן אין דער וועלט... ער עקזיסטירט נאָר אינם שטרעבן פון דער וועלט צו רעאַליזירן זיין דייעטי, צו העלפן, אַזוי צו זאָגן, זיין געבוירין ווערן. מער ווי דאָס: — ער איז ניט דער באַשאַפער פון דער וועלט, ווי ער איז אין די היסטאָרישע רעליגיעס, נאָר ער אַליין איז אַ באַשאַפענער... אויב איר וועט מיך פרעגן וואָס וועט ווערן פונם גלויבן און פון די טעאָלאָגן? און ווי קען מען ליב האָבן און דינען צו אַ גאָט, וועלכער איז ניט קיין רעאַליטעט, צו אַזאַ גאָט, וועלכן די צייט דאַרף ערשט אַרויסברייינגען? וועל איך צוגעבן, אַז ס'איז זייער שווער צו ענטפערן אויף די פראַגן... מיר דוכט זיך אָבער ס'איז לאָגישער (און געוויס נוצלעכער) צו דינען צו אַ וועזן, וועמענס ליבע ציט צו זיך און וועמען מיר העלפן צו אַרויסברייינגען, ווי דינען איינעם וואָס איז ניט אָפּהייגיק פון אונדזער הילף, וועלכער שטופּט אונדז פון אונטער אונדז. מיר באַשאַפן עפּעס, וועלכעס מיר קאָנטראָלירן איידער מיר זאָלן פאָלגן עמיצן וועמען מיר זאָלן דאַרפן אָנערקענען"[1].

ווען אַלעקסאַנדערס אינטערפּרעטאַציע פון רעליגיע און גאָט קען מען זאָגן, אַז ס'איז אַ פאַנטאַזיע פון אַ מעטאַפיזיקער, אַ חלום פון אַ ראָמאַנטיקער, אָדער איינפאַכער קען מען זאָגן אַ שלוס צו וועלכן אַ פילאָזאָף מיט אַ גרויסער וויזיע האָט זיך דערטראַכט. מען קען אָבער ניט זאָגן, אַז ס'איז אַ טעאָלאָגיע: — זיין רעליגיע קען ניט אָנגענומען ווערן פון קיין רעליגיעז גלויביקן און צו זיין גאָט קען מען ניט דינען.

ווען מען לאָזט אויס דעם טעאָלאָגישן מאָמענט און מען באַגרענעצט זיך מיט דער שייכות צווישן פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, קען מען אָננעמען צוזאַמען מיטן פילאָזאָף, מאָנטעגיו, אַז „וויסן און אמת באַשטייען פון אַ פאַרנעם וואָס ציט זיך אין צוויי ריכטונגען; איין ריכטונג גרייכט אַזוי הויך ווי די פאַנטאַזיע קען פליען און די צווייטע גרייכט אַזוי טיף ווי די ווירקלעכקייט קען גרייכן. די ערשטע ריכטונג באַלאַנגט צו דער פילאָזאָפיע, די צווייטע צו דער וויסנשאַפט. ווען די פילאָזאָפיע לאָזט איבער פאַר דער וויסנשאַפט דאָס זיכערע און נעמט פאַר זיך דאָס מעגלעכע, דאַרף זי ניט פאַרלירן איר קאָנטאַקט מיט דער וויסנשאַפט. איר פעלד איז טאַקע די פאַנטאַזיע, זי דאַרף זיך אָבער היטן ניט צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער פּאָעזיע".

---

[1] איביד, ז. 136.

ווען מען באַנוצט די וואָרנונג ווי אַ קריטעריום אין באַצוג צו אַלעק־סאַנדערס מעטאַפיזיק קען מען גאַנץ זיכער זאָגן, אַז ער איז פאַלשטענדיק געווען אין באַרירונג מיט דער וויסנשאַפט. וואָס אַנבאַלאַנגט דער פאָע־טישער פאַנטאַזיע האָט ער צופיל ליב געהאַט פאָעזיע ער זאָל זיך געוועון וועלן אויסהיטן פון איר ווירקונג. צי ס׳איז אַ מעלה אָדער אַ חסרון איז אַן אָפענע פראַגע.

ער האָט געזאָגט, ער זעט זיין פילאָזאָפיע אינטואיטיוו ווי אַ גאַנצע; ער האָט זי גענומען סינטעטיש. ער האָט ניט געדענקט, אַז ס׳איז זיין פליכט זי צו צעברעקלען און אַנאַליזירן. געוויס, ווען מען פאָלגט זיין עצה און מען נעמט זי אין איר גאַנצקייט, מוז מען פון איר זיין באַגייסטערט; אַנאַליזירט מען זי און מען באַטראַכט זי לויט אירע פאַרשיידענע טיילן, געפינט מען אין איר אַסך פעלערן, ווי מען געפינט אין יעדן מעטאַפיזישן סיסטעם. אַלץ קען קיינער ניט דערקלערן.

ווען מען טרעט צו צו מעטאַפיזיק דאַרף מען אין זינען האָבן, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן ענינים, וועלכע זיינען למעלה מן השכל. מען קען ניט באַווייזן צי די גרויסגעזאָגטע מיינונגען זיינען ריכטיקע אין באַצוג צו דער רעאַליטעט: איין השערה קען זיין אַזוי גוט, אָדער אַזוי שלעכט, ווי די צווייטע השערה. יעדע איין מיינונג קען אַרויסרופן מער פראַגן ווי מען קען מיט איר הילף העלפן לייזן. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס מען האַלט אין איין ספעקולירן. פון וואָס מען זאָל ניט אָנהויבן ווען מען דענקט וועגן דעם כאַ־ראַקטער פון דער וועלט און וועגן דעם מענטשלעכן וויסן וועגן איר, וועט מען קומען צו אַ פונקט ביי וועלכן מען וועט בלייבן שטיין אָן אַן אָנווייז וואוהין צו גיין ווייטער אין דעם דענקען. ווייטהעדס עצה איז, אַז אינם ווייטערדיקן דענקען זאָל מען דענקען אין דער זעלבער ליניע, וואָס האָט געפירט צו דעם דענקען, אַז דער פראָצעס זאָל זיין אַן איינהייטלעכער. טעאָרעטיש איז עס אַ גוטע עצה: — מען דאַרף זיין לאָגיש און קאָנסעק־ווענט אין דעם דענקען. אין דער פראַקטיק וועט אָבער יעדער איינער גיין אויף זיין אייגענעם וועג און וועט ברענגען ק׳ן טעמים צו באַווייזן, אַז ער גייט אויפן ריכטיקן וועג. ווער קען אים באַווייזן אַז ניט?

ווען מען טראַכט זיך אַריין אינם עצם פון מעטאַפיזיק, מוז מען פון איין זייט צוגעבן, אַז די וועלט מוז באַשטיין פון אַ גאַנצקייט אין וועלכער עס הערשט אַ באַשטימטע אָרדנונג און פון דער צווייטער זייט קען מען די גאַנצקייט ניט פאַרשטיין און וואָס מען זאָל וועגן איר ניט זאָגן, פאַלט מען אַריין אין ווידערשפּרוכן. דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז אָבער אַזאַ, וואָס וויל ניט, אָדער קען ניט בלייבן שטיין ביי ניט געלייזטע פראָבלעמען. צי מען וויל, אָדער מען וויל ניט, עס דענקט זיך ווייטער. אין דעם ווייטערדיקן דענקען שאַפט מען פילאָזאָפישע סיסטעמען איינעם נאָכן אַנדערן אָן אַ סוף.

די גרויסקייט פון אַ דענקער באַשטייט אין דעם, וואָס אויפן באַזיס פון די פאַקטן, וואָס ער האָט — פאָרמולירט ער אַ סיסטעם, וואָס, ווי

ס׳דוכט זיך, לייזט ער מער פּראָבלעמען ווי וועלכער עס איז אַנדער דענקער און ער פאַלט אַריין אין ווייניקער ווידערשפּרוכן פון אַ צווייטן דענקער. ביז עס קומט אַן אַנדער דענקער און געפינט פאַטאַלע פעלערן אין זיין סיסטעם און שאַפט אַן אויסגעבעסערטן אָדער נייעם סיסטעם און אַז. וו.

די גרויסקייט פון ספּינאָזען באַשטייט אין דעם וואָס ס׳איז אים געלונגען צו שאַפן אַ סיסטעם, וואָס איז מער אויסגעהאַלטן ווי די אַנדערע סיסטעמען און וואָס, מען האַלט, ער לייזט מער פּראָבלעמען פון די אַנדערע סיסטעמען. נאַטירלעך, אַז אויך זיין סיסטעם האָט חסרונות אויף וועלכע מען האַלט אין איין אַנווייזן און זיינע נאָכפאָלגער האַלטן אים אין איין אויסבעסערן. אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע באַשטייט פון אַן אויסבעסערונג פון ספּינאָזעס פילאָזאָפיע און, ווי געזאָגט, באַשטייט זי פון אַ גאַנץ נייעם און מאָדערנעם סיסטעם.

דער הויפּט חסרון פון אַלעקסאַנדערס סיסטעם, וואָס איז אויך דער חסרון פון ספּינאָזעס סיסטעם איז, וואָס ער הייבט אָן פון מעטאַפיזיק, פון דעם וואָס איז למעלה מן השכל און קען ניט פאַרשטאַנען ווערן. דער אָנהויב איז אַ דאָגמאַטישער; עס מיינט, אַז ער מאַכט באַהויפּטונגען וואָס מען קען ניט באַווייזן ניט זייער געטריעם מיין און ניט צי זיי זיינען אמתע. מען קריגט דעם איינדרוק, אַז ער רעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין ווי אַ ראָמאַנטיקער, אָדער ווי אַ פּאָעט, וואָס פאַנטאַזירט גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער הייבט אָן פון רוים־צייט וואָס איז איראַציאָנאַל און קען ניט פאַרשטאַנען ווערן. מען דאַרף אים גלויבן, אַז פון דעם וואָס מען קען פאַר זיך ניט פאַר־שטיין, זאָל אויף אַ ריין עמערגענטן (פון זיך גופא) אופן געווען אַנטשטיין די עמפּירישע וועלט פון וועלכער מען האָט דערפאַרונג און מען ווייסט וואָס זי איז. דאָס לאָזט זיך ניט דערקלערן און ס׳לאָזט זיך אויך ניט אָנ־נעמען.

וואָלט ער געוועןֹ אָנגעהויבן פון דעם, וואָס מען קען פאַרשטיין, פון דעם מענטשלעכן וויסן וועגן דער וועלט (עפּיסטעמאָלאָגיע, דערקענטעניש לערע) און ביסלעכווייז צוקומען צו מעטאַפיזיק, צום איראַציאָנאַלן, וואָס קען ניט פאַרשטאַנען ווערן, וואָלט געווען אַסך לייכטער אים נאָכצופאָלגן און פון דעם, וואָס מען קען פאַרשטיין, וואָלט מען געקענט געדאַנקלעך צוקומען צום אומפאַרשטענדלעכן. מען וואָלט ניט געווען אונטערן איינ־דרוק, אַז ער רעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין און מען דאַרף אָננעמען עפּעס, וואָס מען פאַרשטייט ניט וואָס ס׳איז.

פאַרשטייט זיך, אַז די פאַקטן זיינען די זעלבע צי מען הייבט אָן פון רוים־צייט מעטאַפיזיק און מען פאָלגט נאָך דעם קאָסמישן עוואָלוציע פּראָ־צעס ווי ער זאָל היסטאָריש געווען פאָרגעקומען און מען פירט אַריין דעם מענטשלעכן וויסן, די דערקענטעניש לערע, ווי מען נעמט אָן, זי באַלאַנגט, צי מען נעמט דעם מענטשלעכן וויסן פאַרן אויסגאַנגס פּונקט. דער אונטער־שייד איז אָבער, וואָס די גאַנצע אינטערפּרעטאַציע איז אַן אַנדערע: — מען הייבט אָן פון דעם וואָס מען ווייסט און מען פּראָבירט דערקלערן דאָס

ניט־פאַרשטענדלעכע. דאָס דערלויבט ניט דעם לייענער אַזוי לייכט צו מאַכן טעותן און מיסאינטערפּרעטירן די פאַקטן.

אַלעקסאַנדער האָט צוויי דערקלערונגען פאַר וואָס ער האָט אָנגע־הויבן פון מעטאַפיזיק: ווי אַ מאַגיסט־רעאַליסט האָט ער גענומען דעם פּראָצעס, ווי ער איז פאַרגעקומען. ער האָט אַפילו גענומען צו הילף דעם קינסטלערס שאַפונגס פּראָצעס (אַרטיסטישע קרעאַציע און קאָסמישע קרעַ־אַציע), כדי גראַפיש צו אילוסטרירן ווי דער קאָסמישער פּראָצעס איז פאַר־געקומען. צווייטנס: איז ער געווען פאַראינטערעסירט אין מעטאַפיזיק און ניט אין דער דערקענטעניש לערע, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר ווייניקער וויכטיק.

זיין דערקלערונג מוז, נאַטירלעך, אָנגענומען ווערן. עס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט, אַז דער גאַנצער סיסטעם איז געגעבן געוואָרן אויף אַ ריין דאָגמאַטישן אופן. פאַר אים גופא איז עס ניט געווען קיין חסרון; ער איז געווען אַ גרויסער ראָמאַנטיקער און האָט געהאַט אַ גאַר רייכע פאַנטאַזיע. ער האָט געהאַט אַ סינאָפּטישן פאַרשטאַנד און האָט געדענקט אין בילדער, האָט ער געהאַט הנאה ווען ער האָט געזען זיין סיסטעם.

זיין גרויסע פאַנטאַזיע האָט אים געפירט ניט נאָר צו זען די ווירק־לעכע וועלט ווי זי איז, נאָר אויך זען דעם קומענדן גאָט ווי די שטענדיק ווירקענדע דייעטי וועט אים אַרויסברייגען אינם וויטערדיקן עוואָלוציע גאַנג. די גאַנצע וועלט מיטן מענטשן צוזאַמען וועט זיין זיין קערפּער און ער וועט זיין די נשמה פון דער וועלט.

ווי אַ פאַנטאַזיע פון אַ מעטאַפיזיקער אַ ראָמאַנטיקער איז עס זייער אינטערעסאַנט; וואָס אָנבאַלאַנגט דעם פאַראויסזאָגן דאַרף עס גענומען ווערן מעטאַפאָריש, אַז די וועלט שטייט ניט אויף איין אָרט: — מען דאַרף שטענדיק דערוואַרטן נייעס, אין וואָס דאָס נייע וועט באַשטיין קען קיינער ניט פאַראויסזאָגן.

זיין רעליגיע צו דינען דאָס שיינע און דערהאַבענע אין דער וועלט, וואָס ס׳איז פאַראַן און וואָס ס׳וועט אין לויף פון צייט קומען, דערמאָנט עס אין דער עטישער געזעלשאַפט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון אַ יידן, פעליקס אַדלער און אינם יוניטאַריזם, וואָס באַשטייט פון אַ פאַריידישונג פונם קריסטנטום. דער חסרון אָבער פון די אַלע נאָבעלע פאַרזוכן איז, וואָס יידן לעבן אין אַ קריסטלעכער וועלט, איז וואָס פאַר אַ רעליגיע זיי זאָלן ניט שאַפן, וועט זי אַריינפאַלן אינם ים פונם קריסטנטום.

מען האָט אַמאָל געפרעגט איינשטיינען צי ער גלויבט אין גאָט; האָט ער געענטפערט, אַז ער גלויבט אין ספּינאָזעס גאָט. אויך אַלעקסאַנדער האָט געקענט געבן אַזאַ ענטפער; ער האָט גענומען ספּינאָזעס גאָט און האָט אים באַקליידעט מיט מאָדערנע מלבושים פונם עוואָלוציע באַגריף פון איין זייט און פונם באַגריף וועגן פּראָגרעס פון דער צווייטער זייט. דעם פּראָדוקט האָט ער באַהויכט מיט זיין ראָמאַנטיש־פּאָעטישער פאַנטאַזיע און האָט אים אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט. קיין נאָבעלערן גאָט דאַרף מען ניט זוכן.

דער מחבר פון די שורות וועט זיך דערלויבן צו פאַרענדיקן מיט אַן אויסצוג פון אַ טעאָלאָג, וועלכן ער האָט שוין ציטירט אין אַ פריערדיקן ווערק אין שייכות מיט ספינאָזען. איזווערעך זאָגט: „קיינער קען ניט לייענען די לעצטע דריי ביכער פון דער עטיק אָן אַ טיפער און דורכדרינגענדער עמאָציע, אָדער אָן אַ טיפער איבערצייגונג, אַז ספינאָזע דער מענטש און דער ייד, האָט זיך אָפּגעטיילט פונם פילאָזאָף, פונם אַבסטראַקטן דענקער, פון דעם מענטשן פונם ספעקולאַטיוון געדאַנק און אַז דער גייסט פונם יידישן פאָלק האָט אים באַזיגט...

„ספינאָזע איז געווען אַ ייד און די גאַנצע יידישע אינטענסיוויטעט איז פאַראַן אין זיינע ווערק. מעגלעך, אַז מען קען ניט נאָכפאָלגן די ווירקונג פון יידישע דענקער אין זיין פילאָזאָפישן סיסטעם, אָדער מען קען ניט באַווייזן פון וועמען ער איז ספעציעל באַווירקט געוואָרן פון די דענקער... די אַלגעמיינע ווירקונג אָבער פון ראַסע און נאַציאָנאַליטעט זיינען אין אים קלאָר... אַזוי האָט ספינאָזע, דער ייד, מעגלעך, אַפילו ניט וויסנדיק גע־ירש׳נט דעם גייסט פון די נביאים און מיט דעם גייסט איז אָנגעפילט זיין עטישער סיסטעם״.

אַסך מער ווי צו ספינאָזען פּאַסט זיך דאָס זאָל געזאָגט ווערן וועגן אַלעקסאַנדערן: — איז ער דאָך געווען אַ גאַנצער און אויסגעהאַלטענער ייד. (דר. וויצמאַן זאָגט אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע, אַז אַלעקסאַנדער איז געווען אַלט און קראַנק צו פאַרנעמען אַ פּראָפעסאָר שטעלע אינם ירושלים׳ער אוניווערזיטעט, האָט ער געשיקט זיין בעסטן תלמיד, פּראָפעסאָר ראָטה).[1]

[1] זע „טוייל ענד עראָר״, ז. 117.

זעכצנטער קאַפּיטל

אַ קריטישער אַנאַליז און אַן אײגענער בליק.

עס איז אָנגענומען, אַז נאָך אַן אָפּהאַנדלונג װעגן אַ פילאָזאָפישן ענין זאָל געגעבן װערן אַ שלוס מיט װאָס דער מחבר שטימט איין און מיט װאָס ער שטימט ניט איין. װאָס אָנבאַלאַנגט דעם מחבר פון די שורות איז זײַן צוגאַנג צו אַלעקסאַנדערן געװען דורכאויס אַ קריטישער אין דעם זינען, װאָס די גאַנצע צײַט איז אָנגעװיזן געװאָרן מיט װאָס דער מחבר שטימט איין און װאָס ער קען ניט אָננעמען. פונדעסטװעגן װעט געגעבן װערן אַן אַלגעמיינע מיינונג װעגן דעם סיסטעם װי אַ גאַנצן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס װעט איינשליסן איבערחזורן ענינים, װעגן װעלכע אַ מיינונג איז שוין אַרויס־געזאָגט געװאָרן, װאָס ס׳מיינט, אַז מען דאַרף ניט דערװאַרטן קיין צופיל נײַעס. עס װעט אָבער געמאַכט װערן אַ פּאַרזוך צו באַטראַכטן די ענינים פון אַ ביסל אַן אַנדער װינקל.

עס איז ניט נויטיק צו זאָגן, אַז דער מחבר פון די שורות סימפּאַטיזירט זייער מיט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע, דערהויפּט מיט זײַן רעאַליזם. װאָס אָנבאַלאַנגט דעם טייל, װאָס ער נעמט ניט אָן און קריטיקירט אים אָפילו, איז עס טיילװייס דערפאַר, װאָס אים פעלט פאַנטאַזיע צו קענען נאָכפאָלגן מעטאַפיזיק אין אַלגעמיין און טיילװייס דערפאַר, װאָס ער פאַרשטייט פּשוט ניט אַלעקסאַנדערס אינערלעכן געדאַנקען גאַנג, און, װי ער האָט שוין פריער עטלעכע מאָל דערקלערט, נעמט ער אויף זיך די שולד.

אַלעקסאַנדער נעמט רוים־צײַט װי אַן איינהייט פאַר דער „מאַטריק״ (געבאַר־מוטער) פון דער װעלט, אַז אַלץ מיט אַלעמען אין דער װעלט שטאַמט אַרויס פון דער רוים־צײַט איינהייט. ער גיט אָפּ אַן ערך האַלב פון זײַן ערשטן באַנד צו דערקלערן רוים־צײַט פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן; ער אַנאַליזירט די רוים־צײַט איינהייט פונם פיזישן אַספּעקט, װי דער פיזי־קער באַטראַכט רוים און צײַט, אָדער רוים־צײַט; פונם מאַטעמאַטיקערס אויסגאַנגס פּונקט, װי ער דערקלערט מאַטעמאַטיש די איינהייט און אויך פונם סוביעקטיװ פּסיכאָלאָגישן אויסגאַנגס פּונקט װי אַ ריין פּסיכישע איבערלעבונג. דאָס אַלץ טוט ער ערשטנס צו באַװייזן, אַז זײַן אויסגאַנגס פּונקט איז אַ ריכטיקער און צװייטנס צו איבערצייגן, אַז ער איז ניט אַר־ביטראַריש, אָדער דאָגמאַטיש, װען ער באַטראַכט רוים־צײַט פאַרן פונדאַ־מענטאַלסטן אין דער װעלט.

ווען ער האָט געשריבן זיין סיסטעם איז שוין דער מינאָקאָווסקי־איינשטיין רעלאַטיוועך באַגריף וועגן רוים־צייט געווען באַקאַנט און אַזוי ווי אויבן אויף ווידערשפּרעכט ער די איצט אָנגענומענע מיינונג פון דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט, זאָגט ער, אַז ס'זעט נאָר אויס ווי אַ ווידערשפּרוך. אין דער ווירקלעכקייט, האַלט ער, אַז אונטער דעם רעלאַטיוון רוים־צייט געפונט זיך אַן אַבסאָלוטע רוים־צייט איינהייט, וואָס פאַר אַלגעמיינע צוועקן קען זי באַטראַכט ווערן לויט ניוטאָנס באַגריף, נאַטירלעך, מאָדיפיצירט.

די דאָזיקע רוים־צייט איינהייט, וואָס פון איין זייט דאַרף זי זיין אייגנאַרטיק ווי עפּעס פונדאַמענטאַלעס, וואָס קען ניט דערקלערט ווערן און פון דער צווייטער זייט באַטראַכט ער זי ווי רוים־צייט ווערט געוויינט־לעך פאַרשטאַנען, האָט אייביק עקזיסטירט. זי האָט פון זיך, לויט איר אייגענער ריינער באַוועגונג אָן אַן עפּעס, וואָס זאָל זיך באַוועגן, אויף אַן עמערגענטן אופן אַרויסגעבראַכט אַלץ אין דער וועלט, איינשליסנדיק מאַטעריע. ער ווייסט, אַז מיט דער מיינונג ווידערשפּרעכט ער די אָנגע־נומענע מיינונג פון אַסטראָ־פיזיקער, וועלכע נעמען אָן, אַז מאַטעריע האָט אייביק עקזיסטירט; ער טוט עס אָבער סיי ווי דערפאַר, וואָס דאָס איז פאַר אים אַן אַבסאָלוטער באַדינג: — אַזוי גיך ווי ער וואָלט אָנגענומען, אַז מאַטעריע איז אַ קדמון, וואָלט עס געמיינט, אַז אין דער וועלט זיינען פאַראַן צוויי פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן און רוים־צייט איז אויס מיוחס. דאָס קען ער ניט אָננעמען.

(אין אַ באַמערקונג וואָס אַלעקסאַנדער האָט שפּעטער צוגעשריבן זאָגט ער אַז זיין רוים־צייט, ווי דער פאַרמירער פון מאַטעריע, קען האַר־מאָנירן מיט איינשטיינס אויסגעבויגנקייט פון רוים וואָס זאָל פאַרמירן ענערגיע, אָדער וואָלן צענטערן. ער גיט צו אַז צופיל איז ער ניט באַקאַנט מיטן ענין).

דער פריער דערמאָנטער היסטאָריקער פון דער ענגלישער פילאָ־זאָפיע, רודאָלף מעץ, זאָגט, אַז אַלעקסאַנדער האָט איבערגעטראָגן דעם אידעאַליסטישן אַבסאָלוט, ווי די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט, אויף רוים־צייט מיט אַ צווייענדיקן אונטערשייד: די ענגלישע אידעאַליסטישע פילאָ־זאָפן זיינען אין זייער דענקען געקומען צום אַבסאָלוט שטופן־וויס; זייער אַרט דענקען האָט זיי געפירט צום אַבסאָלוט ווי דער קולמינאַציאָנס פּונקט פון זייער גערדאַנקען גאַנג. זיי האָבן אָנגעהויבן פון בלויזע דערשיינונגען (אַפּירענסעס), וואָס באַשטייען פון אַספּעקטן פון דער רעאַליטעט און די אַלע אַספּעקטן האָבן זיי געפירט צו דער איינציקער אמתער רעאַליטעט און דאָס איז דער אַבסאָלוט, אָדער דער וועלט גייסט, אָדער גאָט.

דער אויסגאַנגס פּונקט איז איין אונטערשייד. דער צווייטער אונטער־שייד איז וואָס אַלעקסאַנדער האָט באַטראַכט רוים־צייט רעאַליסטיש.

פּראָפעסאָר האַרטשאָרן זאָגט וועגן אַלעקסאַנדערס פונדאַמענטאַלן רוים־צייט פּרינציפּ, ווי די רעאַליטעט פון דער וועלט, אַז דער פּרינציפּ האָט אין זיך ניט קיין שום נעגאַטיוועס צוליב וואָס מען זאָל אים באַקעמפן,

דערפאַר האָט ער אויך ניט קיין שום פּאָזיטיווער צוליב וואָס מען זאָל אים אָננעמען: — ער גיט ניט צו קיין שום ממשות׳דיקעס מען זאָל דערמיט עפּעס קענען אויפטאָן. נאָך אַלעקסאַנדערס אַלע דערקלערונגען קען מען זיין רוים־צייט אויף קיין שום אופן פאַר זיך ניט באַגרייפן, אָדער באַנעמען פאַר זיך ווי אַזעלכן און מען קען ניט זען ווי ער זאָל קענען עקזיסטירן אין דער פאָרמע פון ריינער באַוועגונג אָן אַן עפּעס וואָס זאָל זיך באַוועגן. אַלע זיינע דערקלערונגען האָבן קיין זאַך ניט אויפגעטאָן מעטאַפיזיש, אַז ס׳זאָל זיך אַרויפצווינגען אויפן פאַרשטאַנד ווי אַ יש. דאָס איז ריכטיק.

אַלעקסאַנדער זאָגט, אַז מאַטעריע איז אַ קאַטעגאָריע, וואָס רוים־צייט האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט. איז די פראַגע, וויאַזוי קען אַן אומענדלעכעס, אַן אייביק עקזיסטירענדעס, פון זיך אַרויסברענגען אַ פינאַלעס? אַ פינאַלעס (ענדלעכעס) האָט אַן איצט און ס׳קומט און אַן אומענדלעכעס קען ניט האָבן קיין ענדלעכן מאָמענט, קיין איצט (זע די אַנטינאָמיעס). דאָס איז אַ ווערזיע פונם יש־מאין. זיין אָנהויב איז ניט פאַרשטענדלעך.

ווען מען האָט אַלעקסאַנדערן צוגעפרעסט צום וואַנט מיט פראַגן ער זאָל דערקלערן פאַרשיידענע טיילן פון זיין סיסטעם, האָט ער געענטפערט „דעם פילאָזאָפס פונדאַמענטאַלע באַגריפן ווערן ניט באַשטעטיקט; זייער אמת זעט מען. באַוויזן זיינען ניט מער ווי אינסטרומענטן, וועלכע העלפן אַנדערע זיך צו איבערצייגן אין דעם פילאָזאָפס וויזיע״.

אָדער ווי ער האָט געענטפערט בראַאַדן אויף עטלעכע שווערע פראַגן, אַז ער טרעט אויף אַ וועג, אויף וועלכן קיינער האָט פאַר אים ניט געטראָטן, טאָפּט ער אין דער פינצטער. ער זעט זיין סיסטעם ווי אַ גאַנצן, דאַרף ער אים ניט אַנאַליזירן. דער לייענער פּראָבירט אים אַנאַליזירן, פאַלט ער אַריין אין שוועריקייטן אין פאַרשיידענע ניט פאַרשטענדלעכע טיילן. אָדער ווי ער זאָגט אין זיין עסיי אונטער נאָמען „נעטשוראַל פּיעטי״, אַז מען דאַרף וויסן ווען צו בלייבן שטיין און ניט שטעלן קיין פראַגן דער נאַטור. אין דעם לעצטן איז ער, מעגלעך, גערעכט: — בלייבט טאַקע דער מחבר פון די שורות שטיין אויף פאַרשיידענע פלעצער פון זיין סיסטעם און גייט מיט אים ניט ווייטער.

אויף דער פראַגע וויאַזוי ווייסט מען עפּעס וועגן רוים? איז דער ענטפער: פון דער אינפאָרמאַציע וואָס מען קריגט ווען מען באַוועגט זיך פון פּלאַץ צו פּלאַץ. דאָס איז דער עמפּירישער באַגריף וואָס מען האָט וועגן רוים. דעם באַגריף ברייטערט מען אויס ווייטער און ווייטער און מען פאָרמירט אַ געאָמעטרישן באַגריף וועגן אַ דריי דימענציעלן רוים, וואָס איז ניט מער ווי אַ מענטאַלע קאָנסטרוקציע און ניט קיין עמפּירישער באַגריף.

ניוטאָנס באַגריף וועגן רוים איז אַזאַ קאָנסטרוקציע. ער האָט ניט געוווּסט אַז זיין באַגריף איז ניט קיין עמפּירישער, דערפאַר האָט ער געגלויבט, אַז ווען מען וואָלט אַרויסגענומען פון רוים אַלץ, וואָס ס׳געפינט זיך אין אים, וואָלט געבליבן דער ליידיקער רוים. זיין באַגריף איז אַ מע־

טאַפיזישער און ניט קיין עמפּירישער: ער שטאַמט ניט פון דערפאַרונג. ער האָט דאָס ניט געוואוסט, ווי מען קען זען פון זיין באַרימען זיך, אַז ער באַשעפטיקט זיך ניט מיט קיין היפּאָטעזן אין דער צייט וואָס דאָס איז אַ היפּאָטעזע. ערשט קאַנט האָט אויסגעפונען זיין טעות. ענלעכעס קען באַוויזן ווערן ווען מען אַנאַליזירט צייט.

עס איז דער אַזוי אָנגערופענער שכל הישר באַגריף וואָס, ווען מען פאָלגט אים נאָך פאַלט מען אַריין אין ווידערשפּרוכן (אַנטינאָמיעס) פּשוט דערפאַר, וואָס אין דער וועלט, אָדער אינם וויסן וועגן איר, איז פאַראַן אַן איראַציאָנאַלער ניט פאַרשטענדלעכער מאָמענט וואָס קען ניט דערקלערט ווערן לויט דעם גראַדן פאַרשטאַנד.

איינשטיינס רעלאַטיוויטעט טעאָריע איז אַ רעזולטאַט פון די שוועריקייטן און אומפּינקטלעכקייטן אין וועלכע ניוטאָנס וועלט בילד איז אַריינגעפאַלן און האָט ראַדיקאַל געדאַרפט געענדערט ווערן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ קען מען זיך ניט אָפּשטעלן און באַטראַכטן דעם ענין פאַר זיך.

די רעלאַטיוויטעט טעאָריע איז ניט באַזירט אויף קיין מעטאַפיזיק, זי איז באַזירט אויף עמפּירישע פאַקטן. ניט נאָר נעמט זי אַריין מאַטעריע אין דער פאָרמע פון רעלאַטיוו צווישן זיך באַוועגנדע קערפּערס; זי נעמט אויך אַריין ליכט, ווי דער קאָסמישער שליח, וועלכער אינפאָרמירט וועגן די באַוועגנדע קערפּערס.

דער מחבר פון די שורות איז ניט קאָמפּעטענט צו קענען אורטיילן צי אַלעקסאַנדער האָט געקענט אונטערשטעלן אַ מאָדיפיצירטן ניוטאָנישן רוים־צייט באַגריף אונטער דער רעלאַטיווער טעאָריע. מען דאַרף אָננעמען, אַז ער האָט עס געהאַט אַ רעכט צו טאָן. ער איז געווען גענוג קאָמפּעטענט מען זאָל זיך אויף אים פאַרלאָזן, אַז זיין האַנדלונג איז געווען אַ לעגיטימע.

ווען עס האַנדלט זיך וועגן מעטאַפיזיק, קען דער מעטאַפיזיקער טאָן וואָס ער וויל. ווען מען שטימט מיט אים ניט איין, האָט מען די ברירה ניט אָנצונעמען זיין מעטאַפיזיק. געוויס דאַרף מען אָננעמען, אַז ער האָט געוואוסט וואָס ער טוט. עס דאַרף נאָר באַמערקט ווערן, אַז ער האָט געטאָן דאָס פאַרקערטע, וואָס ווערט געוויינטלעך אָנגענומען. מען האַלט, אַז איינשטיינס טעאָריע איז אַן אויסברייטערונג פון ניוטאָנס וועלט בילד און אין שמאָלע גרענעצן קען מען אָנהאַלטן אַ מאָדיפיצירט ניוטאָניש וועלט בילד. אַלעקסאַנדער האָט אָנגענומען דאָס פאַרקערטע. ער זאָגט עס אויסדריקלעך. ער האָט אָנגענומען אַ מאָדיפיצירטן רוים און צייט באַגריף לויט ניוטאָנס אינטערפּרעטאַציע; ער האָט פאַראייניקט רוים מיט צייט און האָט פון איין זייט נאָכגעפאָלגט ספּינאָזען, ווען ער האָט אַמענדירט אונטערשטעלנדיק צייט אויפן פּלאַץ פון דענקען און פון דער צווייטער זייט האָט ער געבאָרגט ביי בערגסאָנען דעם באַגריף וועגן צייט, ווי דער קרעאַטיווער אַגענט פון דער וועלט און אַזוי האָט ער געשאַפן זיין מעטאַפיזיק פון רוים־צייט און דאָס געטלעכע.

דאָס, וואָס איז דאָ איבערגעגעבן געוואָרן אין קורצן וועגן אַלעק־

סאַנדערס מעטאַפיזיק, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט דער כּוונה כּדי אויף אַ קאָנקרעטן אופן אָנצעצייגן פאַר וואָס דער מחבר פון די שורות נעמט ניט אָן זיין רוים־צייט מעטאַפיזיק. ער איז זיכער, אַז דער מאַטע־ריאַלער סובסטראַטום, פון וואָס ער זאָל ניט באַשטיין, איז דאָס פונדאַמענ־טאַלסטע אין דער נאַטור. אויב די נאַטור האָט אייביק עקזיסטירט, און דאָס איז לייכטער אָנצונעמען, ווי אַז זי איז אַ פּראָדוקט פון צייט, האָט מאַטעריע אייביק עקזיסטירט. אונטער דעם טערמין מאַטעריע קען מען פאַרשטיין ווייטהעדס עווענט (פּאַסירונג) און דאָס מיינט, אַז די נאַטור איז פונדאַמענ־טאַל דינאַמיש.

ווען מען נעמט אָן, אַז די נאַטור איז דינאַמיש, מיינט עס, אַז הימלשע קערפּערס געפינען זיך שטענדיק אין אַ רעלאַטיווער באַוועגונג איינער צום צווייטן. דאָס מיינט, אַז רוים און צייט, אָדער רוים־צייט, ענדערן זיך לויט דער רעלאַטיווער באַוועגונג פון די קערפּערס. דאָס פונדאַמענטאַלע איז די סובסטאַנץ און ניט רוים־צייט.

ווען מען נעמט דעם אויסגאַנגס פּונקט, הייבט מען אָן פון דעם וואָס מען ווייסט און מען פּראָבירט צו דערקלערן דאָס, וואָס מען ווייסט ניט, מיט דער הילף פון דעם וואָס מען ווייסט. געוויס, פון וואָס מען זאָל ניט אָנהויבן, וועט מען פריער אָדער שפּעטער קומען צו אַן איראַציאָנאַלן וואָס וועט ניט קענען דערקלערט ווערן פּשוט דערפאַר, וואָס די נאַטור האָט אין זיך עפּעס וואָס קען ניט דערקלערט ווערן; מען וועט קומען צו מעטאַפיזיק, וואָס איז למעלה מן השכל. ווען אָבער מען הייבט אָן פון דעם וואָס מען ווייסט, אָדער פון דעם וואָס מען קען פאַרשטיין, קריגט מען דעם איינדרוק, אַז מען דערוועבט מער און מער וויסן וועגן דער וועלט. הייבט מען אָבער אָן פון מעטאַפיזיק, פון דעם וואָס איז למעלה מן השכל, בלייבט מען גלייך שטיין; מען קען ווייטער ניט גיין.

איינע פון די סיבות, אויב ניט די וויכטיקסטע סיבה, פאַרוואָס אַלעק־סאַנדער האָט גלייך ניט געקראָגן די אָנערקענונג, וואָס ער האָט פאַרדינט לויט זיין גראַנדיעזן מעטאַפיזישן סיסטעם, איז וואָס ער האָט אָנגעהויבן פון מעטאַפיזיק און ניט פון דער דערקענטעניש לערע, וואָס זאָל ביסלעכ־ווייס פירן צו זיין מעטאַפיזיק (דאָס איז אויך געווען די סיבה פאַר וואָס ספּינאָזע איז אַזוי לאַנג ניט פאַרשטאַנען געוואָרן; ער האָט אָנגעהויבן פון מעטאַפיזיק).

ריין טעאָרעטיש, ווי אויך מעטאַפיזיש, איז אַלעקסאַנדער גערעכט וואָס ער האָט אָנגעהויבן פון דעם, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַרן פונדאַ־מענטאַלן, פון רוים־צייט. ער האָט אָנגעהויבן פון דעם וואָס, ער האָט געגלויבט, אַז די נאַטור גופא האָט אָנגעהויבן און ער איז איר נאָכגעגאַנ־גען ווי זי האָט היסטאָריש אַלץ אַרויסגעבראַכט. אַזויווי דער מענטש איז, מיט זיין באַוואוסטזיין, געקומען דער לעצטער לויטן עוואָלוציע לייטער, האָט ער געגומען דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין לויטן פּלאַץ וואו ער באַלאַנגט און האָט אים באַטראַכט ווי אַ מאָמענט אינם עוואָלוציע פּראָצעס.

וואָס קומט אָבער אַרויס פון דעם וואָס טעאָרעטיש איז ער געווען גערעכט. ווען ערשטנס האָט עס געפירט צו שווועריקייטן, וועלכע וואָלטן ביז אַ גרויסן גראַד געקענט אויסגעמידן ווערן, ווען ער הייבט אָן פונם וויסן וועגן דער וועלט און פירט צו אַ מעטאַפיזיק און ניט אָנהויבן מיטן ניט פאַרשטענדלעכן איראַציאָנאַלן, וואָס מען דאַרף אים גלויבן אויפן וואָרט, אַז אַזוי איז דער פראָצעס פאָרגעקומען. צווייטנס, און דאָס איז וויכטיקער, וואָס אין דער ווירקלעכקייט איז דאָס, וואָס מען ווייסט וועגן דער וועלט, באַשטייט פון דעם וויסן, וועלכן מען קריגט דורך די חושים מיט אַ צוגאָב פונם פאַרשטאַנד, וועלכער אַנאַליזירט די דערפאַרונג. דאָס מיינט שוין סיי ווי, אַז דער וויסן וועגן דער וועלט פירט צו דעם, וועגן וואָס מען ווייסט וועגן דער רעאַליטעט פון דער וועלט, וועגן מעטאַפיזיק. זיין סיסטעם וואָלט ניט נאָר ניט געליטן ווען ער וואָלט געווען אָנגעהויבן פון דער מענטש־לעכער דערקענטעניש, זי וואָלט פון דעם אַסך געווינען. יעדנפאַלס דענקט אַזוי דער מחבר פון די שורות.

אין אַסך פלעצער האָט דער מחבר פון די שורות געמאַכט אַ באַמער־קונג, אַז ער פאַרשטייט ניט ווי אַלעקסאַנדער האָט געמאַכט באַהויפּטונגען, וועלכע לאָזן זיך ניט דערקלערן. דאָס קען קלינגען מאָדנע; אמת ער האָט געבראַכט אַ גוטן עדות, דר. בראָאַדן, אַז אויך ער האָט זיך באַקלאָגט. וועט צו דעם געבראַכט ווערן נאָך אַ וויכטיקער עדות פּראָפעסאָר ריטשע. ער זאָגט „לאָמיר צוגעבן פאַר אַ מאָמענט, אַז צייט איז אָן אַגענט, אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט צוגעגעבן, אַז צייט „פליסט איינפאָרמיק״, איז די פראַגע: וויאַזוי פאַרמירט זיך פון דעם איינפאָרמיקן פליסן אַ צאָל ריינע באַוועגונגען, וועלכע אונטערשיידן זיך איינע פון דער אַנדערער אַדאַנק דער פאַרשיידענער שנעלקייט פון זייער פליסן? מיט אַלעקסאַנדערס מעטאַ־פיזיק, אַזוי גוט ווי מיט יעדער אַנדערן גוט דורכגעטראַכטן סיסטעם, זיינען אַלע שוועריקייטן באַם אָנהויב. אויב מיר קענען צוגעבן די ערשטע השערות, וועט דאָס איבעריקע נאָכפאָלגן.״[1]

די צרה איז וואָס מען קען די ערשטע השערות ניט צוגעבן; זיי לאָזן זיך ניט אָננעמען. טראָץ די אַלע אויסזעצונגען, צוליב וועלכע דער מחבר פון די שורות קען ניט אָננעמען זיין מעטאַפיזישן אויסגאַנגס פּונקט, איז ער איינפאַרשטאַנען מיט אַלע אַנדערע קריטיקער, אַז אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזישע געביידע איז איינער פון די שענסטע פילאָזאָפישע טעמפּלען, וואָס זיינען ווען עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן.

אויף וויפיל דער מחבר פון די שורות איז ניט גרייט אָנצונעמען אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזישן אויסגאַנגס פונקט, אויף אַזויפיל איז ער צו־פרידן אָנצונעמען זיין נאַטוראַליזם, זיין עוואָלוציע באַגריף און אַפילו זיין דייעטי, מעגלעך, אַביסל איינפאַכער אינטערפּרעטירט. עס ווילט זיך אים גלויבן, אַז אויף וויפיל עס קומט פאַר אָן אָרגאַנישע עוואָלוציע, אויף אַזוי

[1] זע „עסייעס אין פילאָסאָפיע, ז. 190.

פיל קומט אויך פאַר אַ גייסטיקע עוואָלוציע אינם זינען ווי דער באַגריף וועגן פראָגרעס איז פאַרשטאַנען געוואָרן אינם נײַנצעטן יאָר הונדערט. אמת די לעצטע פופציק יאָר האָבן אַ היפּש ביסל אַ טרייסל געטאָן דעם גלויבן אין פּראָגרעס. אויב אַלעקסאַנדער האָט ווירקלעך געגלויבט אַז היינט־מאָרגן קומט דאָס געטלעכע און אַז משיח קלאַפּט שוין אין טיר, האָט ער די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געדאַרפט זיין אַן ענטוישטער מענטש.

וואָס אַנבאַלאַנגט צייט ווי אַ קרעאַטיווער אַגענט און דעם ניצוס, גלויבט דער מחבר, אַז עוואָלוציע קען דערקלערט ווערן אויף אַן אייג־פאַכערן, מער נאַטוראַליסטישן, אופן ווי נידעריקער וועט אַנגעוויזן ווערן. אָבער ריין נאַטוראַליסטיש האָט מען אַ רעכט אַנצונעמען, אַז צייט איז ניט קיין קאָסמישער לײדיק גייער, פאַרשטייט זיך ניט נאָר ניט אין בערגסאָנס זינען, נאָר אַפילו ניט אין אַלעקסאַנדערס זינען, נאָר פּשוט: עוואָלוציע קומט פאָר אין צייט, וואָס ס׳מיינט שוין סיי ווי, אַז צייט איז אַ מיטווירקנ־דער פאַקטער.

אַז זיינע טערמינען דייעטי, גאָט און רעליגיע קענען אינטערפּרע־טירט ווערן אין פאַרשיידענע מיינונגען באַווייזט דער פאַקט וואָס די צוויי, דר. קאָנוויץ און דר. מק׳קאַרטי, האָבן אים אַזוי פאַרשיידן פאַרשטאַנען, אַז דאָס, פאַר וואָס איינער האָט אים שטאַרק קריטיקירט, האָט אים דער צוויי־טער געלויבט ביזן הימל אַריין, אַז ס׳איז די קרוין פון זיין גאַנצער שאַפונג. אויך דער פריער ציטירטער פּראָפעסאָר, ריטשי זאָגט „אַלעקסאַנדערס בליק האָט אויסגעזען שרעקלעך פאַר אָרטאָדאָקסישע טעאָלאָגן און פאַר אַנדערע סיבות האָט ער אויך שאָקירט פאַרשיידענע דענקער״.

דאָס איז אומפאַרמיידלעך, ווען מען נוצט אַלטע טערמינען מיט אַן אַנדער מיין; דערהויפּט זיינען אַזוינע מיספאַרשטענדענישע מעגלעך אין רעליגיעזע ענינים, וואו עס הערשן סיי ווי פאַרשידענע מיינונגען וועגן די פונדאַמענטאַלע באַגריפן. אַלעקסאַנדער האָט די אויבן אויסגערעכנטע טערמינען ווירקלעך גענוצט אין אַזאַ מיין, אַז זיי האָבן געקענט פאַרשטאַנען ווערן פאַרשיידן.

מיט די טערמינען דייעטי און גאָט איז נאָך ווי צו דערליידן; זיי קע־נען ווי עס איז פאַרשטאַנען ווערן. אַסך שווערער איז מיטן טערמין רעליגיע וואָס פון איין זייט נוצט ער אים, ווי ס׳זעט אויס, מיטן אָנגענומענעם מיין און פון דער צווייטער זייט מוז ער אים אינטערפּרעטירן גאַנץ אַנדערש פּשוט דערפאַר, וואָס אין זיין וועלט בילד איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַרן אָנגע־נומענעם באַגריף: — פאַקטיש האָט ער ניט קיין גאָט פאַרן רעליגיעזן סענ־טימענט.

ווען מען פאַרגלייכט ווי ער דערקלערט דעם רעליגיעזן סענטימענט און די עמאָציע אינם סיסטעם, וואו זיי זיינען די אַקס אַרום וועלכער דייעטי און גאָט באַוועגן זיך, מיט זיין לויזערער אינטערפּרעטאַציע אין דער לעקציע פונם סימפּאָזיום, זעט מען, אַז ער אַליין איז ניט געווען צופיל זיכער צי זיין אינטערפּרעטאַציע איז אַ ריכטיקע. אינם סיסטעם באַטראַכט

ער דעם רעליגיעזן סענטימענט פאַר אַ רעאַליטעט כמעט ווי אַלע אַנדערע רעאַליטעטן אין דער וועלט און אינם סימפּאַזיום זאָגט ער, אַז ניט אַלע מענטשן האָבן דעם רעליגיעזן געפיל און אַז ער אַליין האָט אים נאָר פון פון צייט צו צייט. ער זאָגט אויסדריקלעך, אַז ווען מען נעמט דעם סענטימענט אַליין איז ער ניט קיין גענוגענדער באַווייז, מיר דאַרפן אים נעמען צוזאַמען מיט אַנדערע פאַקטערן פון דערפאַרונג. ווי ס׳זאָל ניט זיין, באַשטייט דער סענטימענט סיי ווי ניט פון מער, ווי פון אַ סוביעקטיווער איבערלעבונג, וואָס קען ניט אָביעקטיוויזירט ווערן און באַטראַכט ווערן לויט די ווּיסנשאַפטלעכע כללים. דאָס גיט ער צו.

ווי מען קען זען, איז שווער צו ענטפערן אויף דער פראַגע צי מען שטימט מיט אים איין אָדער ניט, וועגן דעם רעליגיעזן סענטימענט און דער עמאָציע. ס׳ווענדעט זיך אין וואָס, מען נעמט אָן, דער סענטימענט און די עמאָציע באַשטייען. אויב מען זאָל אים נעמען אינם גאַנץ ברייטן מיין, אַז מענטשן האָבן בייַנקעניש, האָפענונגען און שטרעבונגען צו העכערס, בעסערעס און שענערעס, איז טראָץ דעם, וואָס די ווירקלעכקייט האָט אויף אַזויפיל אָפּגענאַרט די מענטשהייט אין די לעצטע פופציק יאָר, איז די נאַטירלעכע נייגונג פון מענטשן צו גלויבן און צו האָפן. מיינט ער אָבער עפּעס ענלעכעס צו דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין עסיי „טע־איזם ענד פּאַנטעאיזם”, וואָס קען באַטראַכט ווערן פאַר אַ מין מאָדערנער רעאַליסטישער טעאָלאָגיע, קען דער מחבר נאָר זאָגן, אַז אַלעקסאַנדער האָט באַזעסן אַ רייכע פאַנטאַזיע; ער איז געווען אַ גרויסער ראָמאַנטיקער און בעל־חלומות, ער קען אָבער מיט אים ניט מיטגיין.

איצט וועגן אַלעקסאַנדערס אויסגעהאַלטענער מאָניסטישער (נעאָ־רעאַליסטישער) דערקענטעניש לערע, וואו און וויאַזוי מען נעמט אויף די וועלט. דאָס איז אַ זייער וויכטיקער און קאָמפּליצירטער ענין, ווייל לויט דעם ווי מען אינטערפּרעטירט דעם אויפנעמען פון דער וועלט, אַזוי נעמט מען אָן איז די רעאַליטעט.

ווי ס׳איז פריער אַרויסגעבראַכט געוואָרן נעמט אַלעקסאַנדער אָן, אַז דער פאַרשטאַנד (מאַינד) רעאַגירט בלויז מיט אַן אַקט פון אויפנעמען די רעאַליטעט ווי זי איז; ער האָט ניט קיין שום אייגענס און האָט עס אויך ניט וואו צו נעמען. ווי וויטהעד זאָגט „מיר זאָגן זיך אָפּ פון שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל און אויף אַ פּסיכישן טייל: — די גאָלדן־רויטקייט פון דער פאַרגייענדער זון (די סעקונדערע קוואַליטעטן) זיינען אויף אַזויפיל אַ טייל פון דער נאַטור, ווי די פּראָטאָנען און עלעקטראָנען (די פּרימערע קוואַליטעטן), וועלכע פאָרמירן די קאָלירן.

פּראָפעסאָר מאָנטעגיו איז ציטירט געוואָרן ווי ער ווייזט אָן צו וואָס דער אויסגעהאַלטענער מאָניזם פירט און דערפאַר זאָגט בערטראַנד ראָסעל, אַז עפּיסטאָמאָלאָגישער דואַליזם איז אַזוי זיכער ווי יעדער איין ווּיסנשאַפטלעכער פאַקט איז זיכער.

מען קען זען אַז עס שיידן זיך דאָ די וועגן: די נעאָ־רעאַליסטן און

אַלעקסאַנדער מיט זיי, נעמען אָן אַן אויסגעהאַלטענעם מאָניסטישן אויס־גאַנגס פּונקט און די קריטיש רעאַליסטן נעמען אָן דאָפּעלטן אַספּעקט אין דער דערקענטעניש לערע (עפּיסטאָמאָלאָגיע) אינם וויסן וועגן דער וועלט. דער מחבר פון די שורות סימפּאַטיזירט זייער שטאַרק מיטן אויס־געהאַלטענעם מאָניזם; עס ווילט זיך אָננעמען אַן אײנהייטלעכן גאַנג אין דער נאַטור און זי ניט שפּאַלטן. אויב אָבער ער פירט צו דער קאָמפּלי־צירטער דערקענטעניש לערע, ווי זי איז פריער געגעבן געוואָרן לויט אַלעקסאַנדערן, אַז טעותן, אילוזיעס, האַלוצינאַציעס, פאַנטאַזיעס און אַפילו חלומות, מוזן לאָקאַליזירט ווערן אין דער אויסערלעכער וועלט, מיט וועלכער דער פאַרשטאַנד (מאַינד) געפינט זיך אין אויסערלעכער באַרירונג, זאָגט ער זיך אָפּ פון אַזאַ אינטערפּרעטאַציע.

די קריטיש־רעאַליסטישע דערקענטעניש לערע איז זייער אַ קאָמ־פּליצירטע; האַלב פונם צווייטן באַנד פונם מחברס ווערק „די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און דער פּראָצעס פון וויסן״ באַשטייט פון דערקלערן די טעאָריע פון וויסן. דאָ וועט נאָר אָנגעוויזן ווערן אויף צוויי פונקטן: ערשטנס, אַז דער וויסן וועגן דער וועלט באַשטייט פון אַן אינטערפּרע־טאַציע אינם פאַרשטאַנד אין דער אינערלעכקייט פונם מאַרך וועגן די זאַכן און פּאַסירונגען, וואָס געפינען זיך אין דער אויסערלעכער וועלט און ניט פון קיין דירעקטער אַפּרעהענציע אויפן פּלאַץ ווי זיי זיינען אין דער אויי־סערלעכער וועלט. דאָס מיינט, אַז דער פאַרשטאַנד (מאַינד) האָט אַן אינהאַלט אין דער פאָרמע פון באַדייטונגען וועגן דעם, וואָס ס׳געפינט זיך אין דער אויסערלעכער וועלט און צווייטנס באַשטייען די סעקונדערע קוואַליטעטן פון אַ סינטעז צו וועלכן דער פאַרשטאַנד (מאַינד) טראָגט צו אַ חלק.

דער עפּיסטאָמאָלאָגישער דואַליזם (דאָפּעלטער אַספּעקט) האָט זיינע שוועריקייטן; ער קען ניט דערקלערן אין וואָס ס׳באַשטייט דער אינהאַלט אינם פאַרשטאַנד און פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. דאָס זיינען זייער וויכטיקע פראַגן, וואָס קענען ניט דערקלערט ווערן. עס איז נאָך פאַראַן אַ דריטע, הגם ניט אַזאַ וויכטיקע פראַגע, נעמלעך: וויאַזוי ווייסט מען צי דער אינהאַלט אינם פאַרשטאַנד גיט ריכטיק איבער די רעאַליטעט?

דער נאָע־רעאַליסט האָט ניט די שוועריקייט, ווייל ער נעמט אָן, אַז דער אויפנעמען איז אַ דירעקטער אַזוי ווי די זאַך איז, נאַטירלעך, אַז ער האָט אויך שוועריקייטן אויף דעם פונקט. אַלץ צו דערקלערן קען מען ניט. אייניקע דענקער זיינען אַזוי אַנטוישט געוואָרן פון דער דערקענטעניש לערע, אַזוי גוט ווי פון מעטאַפיזיק בכלל, אַז זיי האַלטן, אַז דאָס זיינען פראַגן, וועלכע קענען ניט געלייזט ווערן, דערפאַר דאַרף מען זיך מיט זיי ניט באַשעפטיקן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט קיין פּאָפּולערע מיינונג. אַפילו דער מחבר פון די שורות, וואָס איז ניט קיין מעטאַפיזיקער, האַלט ניט, אַז מען דאַרף זיך אָפּזאָגן צו דענקען וועגן ענינים, וועלכע מען קען ניט אינגאַנצן דערקלערן. ער נעמט אָן, אַז די קריטיש־רעאַליסטישע דער־קענטעניש לערע איז מער אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס מען ווייסט און

ווידערשפּרעכט ווייניקער פראַגן, איז ער געניינגט זי צו אָננעמען טראָץ דעם וואָס זי קען אַלץ ניט דערקלערן.

ווען מען נעמט אָן, אַז די דערקענטעניש פון דער וועלט קומט פאָר אין דער אינערלעכקייט פונם פאַרשטאַנד אין דער פאָרמע פון באַדייטונגען פון דעם, וואָס ס'געפינט זיך אין דער אויסערלעכער וועלט און אַז די סע־קונדערע קוואַליטעטן, ווי קאָלירן און קלאַנגען, באַשטייען פון סינטעזן אין וועלכע דער מענטש נעמט אָן אַנטייל, מיינט עס, אַז זיין אויסערלעכע וועלט איז פאַר זיך גאַנץ אַנדערש, ווי די וועלט וואָס נעאָ־רעאַליזם נעמט אָן, אַז זי איז ווי זי פּרעזענטירט זיך. ווייטהעד איז פריער ציטירט געוואָרן ווי ער זאָגט, אַז די קאָלירן און קלאַנגען זיינען אַזאַ טייל פון דער וועלט, ווי די עלעקטראָנען און פּראָטאָנען. דער קריטישער רעאַליסט נעמט דאָס ניט אָן; ער נעמט אָן, אַז אין דער אויסערלעכער וועלט קומען פאָר ליכט וואַלן באַוועגונגען וואָס דער אויג סינטעזירט זיי אין קאָלירן און אין דער לופט קומען פאָר באַוועגונגען, וועלכע דער אויער סינטעזירט אין קלאַנגען. וואָס אָנבאַלאַנגט די וויסנשאַפטלעכע פאַקטן, קענען זיך ביידע צדדים מיט זיי באַנוצן. עס זעט אָבער אויס, אַז פאַרן קריטישן רעאַליסט זיינען זיי איינפאַכער, ווי פאַרן נעאָ־רעאַליסט טראָץ דעם, וואָס ווייטהעד בייזערט זיך, אַז מיר קענען ניט באַרויבן די נאַטור פון אירע קאָלירן און קלאַנגען.

ווען מען פאַרשטייט געניי דעם אונטערשייד צווישן דער דערקענ־טעניש לערע (טעאָריע פון וויסן, עפּיסטאָמאָלאָגיע) פון דעם נעאָ־רעאַליסט און דעם קריטישן רעאַליסט, קען מען זען, אַז פאַרן לעצטן איז ניט אַזוי לייכט אָנצוהויבן צו בויען זיין וועלט פון מעטאַפיזיק און אַריינפירן די דערקענטעניש פון דער וועלט נאָכדעם. ער דאַרף אָנהויבן פונם מענטש־לעכן וויסן און קומען צו מעטאַפיזיק פשוט דערפאַר, וואָס אין אַ געוויסן זינען איז ער אַ מיטבויער פון דער וועלט; ער סינטעזירט זי ביז אַ געוויסן גראַד.

פון די לויפנדע באַמערקונגען קען מען זען, אַז דער ענין וועגן וויסן דעם עצם פון דער וועלט איז ניט אַזוי איינפאַך, ווי מען איז געניינגט אויבן אויף אָנצונעמען. ווי זאָגט אַלעקסאַנדער: מיר קענען זיך ניט העלפן וואָס ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די וועלט איז אַסך קאָמפּליצירטער, ווי מיר וואָלטן געוואָלט דענקען: — זי איז קאָמפּליצירט.

וואָס אָנבאַלאַנגט די אַזוי פון אַלעקסאַנדערן אָנגערופענע דריטע קוואַליטעטן, וואָס ווערן געוויינטלעך אָנגערופן ווערטן באַגריפן, ווי שיין, גוט און אמת (אייניקע וואָלטן אויך געוואָלט צוגעבן דעם רעליגיעזן געפיל; די מיינונג איז אָבער ניט פּאָפּולער), זיינען עס ריין מענטשלעכע באַגריפן; זיי באַשטייען פון עמערגענטן אינם מענטשן. חיות באַזיצן ניט קיין באַגריפן וועגן ווערטן. אַלעקסאַנדערס פאַרזוך צו צושרייבן ווערטן באַגריפן צו די האַנדלונגען פון חיות און אַפילו אַריינגעמען די כימישע אַפיניטעט פון דער אומאָרגאַנישער וועלט, האַלט דער מחבר פון די שורות, אַז דאָס איז אַ פרומער וואונטש פון אַ מעטאַפיזיקער, וואָס וואָלט געוואָלט אַריינפירן אַן

איינהייטלעכן גאַנג אין דער גאַנצער נאַטור. דער מחבר פון די שורות סימפּאַטיזירט מיטן געדאַנק, ער קען אים אָבער ניט אָננעמען.

די קאַטעגאָריעס, די פונדאַמענטאַלע פאָרמען פון דער וועלט גע־בײדע, וואָס קומען מיט דערפאַרונג, זיי שטאַמען אָבער ניט פון דערפאַרונג, זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן פּשוט דערפאַר, וואָס ווען אַלעקסאַנדערס רוים־צייט מעטאַפיזיק איז ניט אָנגענומען געוואָרן, ווערט זיין דערקלערונג וועגן די קאַטעגאָריעס אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן.

איצט בלייבט נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן דעם עוואָלוציע פּראָצעס. עס איז ניט נויטיק נאָך אַמאָל איבערחזרן, אַז דער מחבר פון די שורות באַוואונדערט אַלעקסאַנדערס גאונות, זיין רייכע פאַנטאַזיע און זיין אַלץ אומפאַסנדן פאַרשטאַנד און שאַפן אַזאַ קאָלאָסאַלן סיסטעם, וואָס וועט בלייבן ווי אַ וואונדער פאַר דורות. ווען אָבער ער זעט אַן איינפאַכע מער נאַטוראַליסטישע דערקלערונג, איז טראַץ זיין באַגייסטערונג פאַר אַלעק־סאַנדערן, איז ער געצוויגט אָנצונעמען די איינפאַכע מער פּראָזייִשע דער־קלערונג.

עוואָלוציע איז איצט אין דער וויסנשאַפטלעכער, ווי אויך אין דער פילאָזאָפישער וועלט, אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ פאַקט, וואָס אויסער רע־ליגיעזע פונדאַמענטאַליסטן, צווייפלט קיינער ניט, אַז אַן עוואָלוציע פּראָ־צעס איז פאָרגעקומען. ווען עס קומט אָבער צו דער אינטערפּרעטאַציע וועגן די סיבות, וועלכע האָבן אַרויסגערופן דעם פּראָצעס, הערשן מיינונגס פאַרשיידענהייטן. וועגן אַן ענין, וואָס האָט גענומען מיליאָנען, אויב ניט ביליאָנען יאָרן, ביז די וועלט איז געקומען צום איצטיקן צושטאַנד, איז נאַטירלעך אַז וויסנשאַפטלער און דענקער, זאָלן האָבן פאַרשיידענע מיי־נונגען. דאָ וועט נאָר אָנגעוויזן ווערן אויף דריי מיינונגען. נאַטירלעך, אַסך מער מיינונגען וואָלטן געקענט געגעבן ווערן. דריי וועט זיין גענוג.

פּראָפעסאָר העראַלד בלום האָט אָנגעשריבן אַ בוך וואָס טראָגט דעם נאָמען „טיימס עררא ענד עוואָלושן" (צייט אָנצייגער און עוואָלוציע). אינם אַריינפיר צום בוך זאָגט ער, אַז דער בוך איז אַ ריין וויסנשאַפטלעכע פאָר־שונג אָן וועלכער עס איז ספּעקולאַציע. דער צענטראַלער געדאַנק פונם בוך איז: ווען מען נעמט דעם צווייטן טערמאָ־דינאַמישן געזעץ צוזאַמען מיט דעם וויסנשאַפטלעכן וויסן וועגן ביאָלאָגישער כימיע און גענעטיקס און מען קאָמבינירט זיי אין מאַטעמאַטישע פּראָפּאָרציעס, גיבן זיי דעם ענערגיע פּאָטענציאַל וואָס האָט אַרויסגערופן דעם עוואָלוציע פּראָצעס. צום באַ־דויערן איז די אַרבעט אַ ריין טעכנישע פון פיר וויסנשאַפטן, וועלכע זיינען קאָמבינירט אין כימישע פאָרמולעס מיט מאַטעמאַטישע רעכענונגען, וואָס נאָר פאַכלייט קענען זיי פאַרשטיין. דאָס איינציקע וואָס דער מחבר פון די שורות האָט פאַרשטאַנען איז, וואָס ער זאָגט, אַז די דאָזיקע וויסנשאַפטן האָבן גענוג פאַקטן, וואָס זאָלן דערקלערן דעם עוואָלוציע פּראָצעס. אייגענט־לעך איז דאָס ניט קיין נייעס, האַלדיין און פישער האָבן שוין לאַנג מאַטע־מאַטיש אויסגערעכנט דעם עוואָלוציע פּראָצעס. דער איינציקער חסרון פון

זייער אַרבעט איז, וואָס נאָר מאַטעמאַטיקער קענען פאַרשטיין זייערע רעכנונגען. מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז ווען מען וואָלט וויסנשאַפטלער געפרעגט אַ מיינונג וועגן צייט ווי אַ קרעאַטיוון אַגענט און וועגן ניצוס, וואָלטן זיי געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס איינשטיין האָט געענטפערט, ווען מען האָט אים געפרעגט צי איטער עקזיסירט. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער קען זיך באַגיין אָן דער היפּאָטעזע; אויך וויסנשאַפטלער קענען זיך באַגיין אָן אַלעקסאַנדערס מאָדיפיקאַציע פון בערגסאָנס מיסטישער צייט.

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָט דער פריער דערמאָנטער פּראָפעסאָר, מאָנטעגיו, אָנגעשריבן אַן עסיי אונטער נאָמען „אַ מאַטעריאַליסטישע טעאָריע פון עמערגענטער עוואָלוציע" אין וועלכער ער דערקלערט עוואָלוציע, ווי ער רופט עס אָן, אויף אַ ריין מאַטעריאַליסטישן אופן. די דערקלערונג איז אַזאַ איינפאַכע און לייכט פאַרשטענדלעכע, אַז ס'ווילט זיך ניט גלויבן, אַז זי איז אַ ריכטיקע, ווייל צוליב וואָס זאָלן זיך וויסנשאַפטלער ברעכן די קעפּ און שרייבן שווערע אָנגעלאָדענע ווערק, וואָס נאָר זיי און זייער גלייכן, קענען פאַרשטיין, ווען מען קען דאָס אַלץ דערקלערן אין אַ פּאָפּולערער עסיי, וואָס יעדער איינער קען פאַרשטיין? אין דער זעלבער צייט איז אין דער עסיי פאַראַן אַ דערקלערונג, וואָס לאָזט זיך אָננעמען, הגם דער פונדאַמענטאַלער געדאַנק איז ניט קיין נייער.

ער הייבט אָן די עסיי מיט דעם וואָס אין דער אומאָרגאַנישער וועלט קומט פאָר דער דינאַמישער פּראָצעס דירעקט אויסערלעך און ענדיקט זיך לויטן צווייטן טערמאָ־דינאַמישן געזעץ, דער געזעץ פון „ענטראָפּי", וואָס ס'מיינט, אַז די ענערגיע גייט באַרג אַראָפּ און קען ניט געענדערט ווערן פון זיך אַליין: — היץ ווערט קעלטער, די וואַרעמקייט ווערט צעשפּרייט. דער צייט מאָמענט שפּילט קיין שום ראָלע ניט, דער פּראָצעס איז אַ ריין אויסערלעכער, די מאַטעריע רעגיסטרירט ניט אין זיך קיין היסטאָריע, אַז עפּעס זאָל אין איר בלייבן.

ווען מען טרעט צו צו דער אָרגאַנישער וועלט און מען באַטראַכט וועגעטאַציע (פלאַנצן) זעט מען, אַז אין זיי ווערט רעגיסטרירט אַ היסטאָריע פון דעם מין, וואָס די צייט האָט אין זיי איינגעקריצט און זיי געבן איבער דאָס איינגעקריצטע (די אייגנשאַפטן פונם מין) פון איין דור צום צווייטן. דאָס איז אַ פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפט פון דער צעל, זי טראָגט אין זיך די ירושה פונם מין. דער פלאַנץ אָבער האָט ניט קיין אייגענע היסטאָריע, ער לערנט ניט פון דערפאַרונג. ווען מען נעמט די חיה זעט מען, אַז זי קריצט אין זיך אַריין עפּעס אין זכרון, זי לערנט פון דערפאַרונג און נוצט עס אין איר אויפפיר, אין איר באַנעמונג (איז עס מעגלעך, אַז מאָנטעגיו האָט פאַרזען אינסעקטן, וואָס לערנען ניט פון דערפאַרונג? זיין ביישפּיל איז אַ הונט). עס מיינט, אַז צום ירושה „זכרון" איז אין דער חיה צוגעקומען אַ פּערזענלעכער זכרון, וועלכן זי נוצט. דער זכרון אָבער בלייבט אויף אַ ריין קאָנקרעטן אופן; חיות קענען ניט אַבסטראַהירן און צוריק ברענגען אַן איבערלעבונג געדאַנקלעך, אַזוי צו זאָגן. דאָס קען נאָר טאָן דער מענטש

און דאָס מאַכט אים פֿאַר אַ פּערזענלעכקייט, פֿאַר אַן אַגענט, וואָס האַנ־דעלט מיט אַן אייגענעם צוועק.

מען קען זען, אַז אין דער חיה וועלט ווערט ענערגיע אַרעסטירט און אקומאַלירט און די אינערלעכע אייגענע ביאָגראַפֿיע וואַקסט ביסלעכ־ווייס אַריבער דעם אויסערלעכן ענערגיע פּראָצעס. איז די פֿראַגע ווי אַזוי ווערט פֿון דער אקומאַלירטער קוואַנטיטעט ענערגיע אַ קוואַליטעטאַטיווע אייגענשאַפֿט און אַ נייער מין אַנטשטייט? מיט אַנדערע ווערטער, וואָס רופֿט אַרויס דעם עמערגענטן עוואָלוציע פּראָצעס? דאָס וועט געגעבן ווערן אין זיינע אייגענע ווערטער, עס פֿאָדערט זיך אַ לייגנגערער אויסצוג אין וועלכן ער וועט דערקלערן דעם פּראָצעס.

ער פֿרעגט: „ווי קען אַ צייט־רוימלעכער אומאונטערבראָכענער פּראָ־צעס פֿון זיך אַרויסברייינגען קוואַליטאַטיווע באַזונדערע לעבעדיקע טיפּן?" ער ענטפֿערט: „ערשטנס דאַרפֿן מיר צוגעבן, אַז די זעלבע צווייי פֿאַקטערן (ער מיינט דער ירושה גאַנג און די אייגענע אקומאַלירטע ביאָגראַפֿיע), קענען אַרויסברייינגען היפּוכ'דיקע פּראָדוקטן לויט דעם, וועלכער פֿאַקטער איז הערשענד און צווייטנס קען די באַטרעפֿענדע ענדערונג פֿון אַ פּראָדוקט אין זיין היפּוך אַרויסגעבראַכט ווערן דורך אַ גראַדיקער פֿאַרגרעסערונג פֿון איינעם פֿון די פֿאַקטערן ביז ער דערגרייכט דעם קריטישן פּונקט ווען ער שטייגט אַריבער אין קראַפֿט דעם פֿריערדיקן הערשער. באַטראַכט די „עוואָלוציע" פֿון וואַסער אין פֿאַרע. אין יעדן איינעם פֿון די פֿאַרשיידענע צושטאַנדן ווירקן ביידע פֿאַקטערן די צוציאונג פֿון די מאָלעקולן און די אָפּשטויסונג. אינם פֿליסנדן צושטאַנד איז די צוציאונג קראַפֿט שטאַרקער פֿון דער אָפּשטויסונג. ווען מען גיט צו היץ, ווערט די אַקטיוויטעט שטאַרקער ביז ס'קומט צום מאָמענט ווען די אָפּשטויסונג איז שטאַרקער פֿון דער צוציאונג. ווען די וואַסער הייבט אָן זידן האָבן מיר די „עמערגענטע עוואָ־לוציע" פֿון גאַז (פֿאַרע) פֿון אַ פֿליסיקייט. אַ קוואַליטאַטיווע באַזונדערהייט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך דעם מידיאום פֿון אַ קוואַנטיטאַטיוו אַנ־האַלטענדער ענדערונג. איצט זע: דער מאַרך פֿון דער מאַלפּע און דעם מענטשנס מאַרך, זיי זיינען טרעגער פֿון דיזעלבע צוויי פֿאַקטערן. אין יעדן איינעם פֿון זיי איז דער ערשטער אינטערעס דער פּערצעפּציאָנעלער איצט, וועמענס שייכות איז דער רוימלעכער קערפּער; דאָס קאָנצעפּציאָנעלע, וואָס איז אָפּוועזנד, דאָס וואָס האָט אַ שייכות צום פֿאַרשטאַנד (מאַינד), אָדער די אינדיווידועלע היסטאָריע אין וועלכער דער צייטלעכער מאָמענט הערשט, האָט אַ ווייניקערן אינטערעס. ווען אָבער די צעלן פֿון דעם פּסי־כישן אינטערעס ווערן פֿאַרגרעסערט אינם אַנטראָפּויד ביסלעכווייס פֿון דור צו דור, קומט אַ מאָמענט ווען אַ „זידן" קומט און דער אינטערעס אינם אָפּוועזנדן ווערט שטאַרקער פֿון דעם אינטערעס אין דער קעגנוואַרט און אַ מענטש קומט אַרויס פֿון דער חיה".[1]

---

[1] זע „די ווי־עס און טינגס", זז. 415־414.

ווי פריער געזאָגט, איז די טעאָריע אַ צו איינפאַכע מען זאָל זיך מיט איר צופרידנשטעלן. זי האָט אָבער אַ פונדאַמענטאַלן געדאַנק, הגם ער איז ניט ניי, וואָס קען ניט איגנאָרירט ווערן דערפאַר, וואָס די וויסנשאַפטלעכע פאַקטן שטיצן אים, נעמלעך: — ער נעמט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער נאַטור פאַר זיין וועג־ווייזער. פּראָפעסאָר מאָנטעגיו איז אַזוי זיכער, אַז זיין סכעמע, אָדער טעאָריע, איז אַ ריכטיקע, אַז ער קריטיקירט אַלעק־סאַנדערן פאַר זיין „נאַטירלעכער פיעטעט". ער זאָגט די פאַקטן זיינען גענוג צו קענען דערקלערן דעם פּראָצעס און מען נויטיקט זיך ניט אין קיין איבערטריבענער עניוות. דערפאַר איז ער דאָ כמעט אויספירלעך ציטירט געוואָרן.

די דריטע טעאָריע איז פונם אַסטראָ־פיזיקער, פּראָפעסאָר געאָרג וו. היל. אין זיין בוך „די רעדיענט אוניווערס" דערקלערט ער אַז אַלץ מיט אַלעמען אין דער נאַטור איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך קאָסמישער ראַדיאַציע. זיין בוך לאָזט זיך לייענען און ער איז בכלל אינטערעסאַנט; ער איז אָבער אַזוי טעכניש אין זיינע דערקלערונגען, אַז נאָר אַסטראָ־פיזיקער קענען אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן זיין אינהאַלט. מען קען אָבער זאָגן, אַז ווען די לייזונג פון אַ פּראָבלעם ווערט צוגענומען פון דער ערד און ווערט אַוועקגעטראָגן אין די הימלען, אַז דאָרט געפינט זיך די לייזונג, מיינט עס פאַקטיש אָפּצוזאָגן זיך פון אַ לייזונג.

פון די אָנווייזונגען קען מען זען, אַז ווען איינער האָט ניט קיין מע־טאַפיזישע פּרעטענזיעס, קען ער זיך באַנוגענען מיט אַ נאַטוראַליסטישער דערקלערונג און אין זינען האָבן, אַז אַלץ קען קיינער ניט דערקלערן און וואָס פאַר אַ דערקלערונג מען וועט געבן וועט אַן איראַציאָנאַלער ניט דער־קלערטער טייל בלייבן.

* * *

עד־כאן אַלעקסאַנדער מיט זיין פילאָזאָפישן סיסטעם. ווען לויד מאָרגען גיט איבער אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזיק, ווייזט ער אָן ווי ווייט ער קען מיט אים מיטגיין. ער פאַרענדיקט אַז אַלעקסאַנדערס גראַנדיעזע מע־טאַפיזיק איז אַסך אימפּאָזאַנטער ווי זיין אָרעמקייט; ער מוז זיך אָבער באַ־נוגענען מיט זיין אָרעמקייט.

אין אַ געוויסן זינען זיינען זיי שותפים וואָס דערגאַנצן איינער דעם צווייטן. אַלעקסאַנדער דערגאַנצט מאָרגענען אין זיין מעטאַפיזישן פלי און אין זיין סיסטעם און מאָרגען דערגאַנצט אים אין דער טעאָריע און אין דער דערקלערונג וועגן דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, ווי אַן אַק־טיוער אַגענט, וואָס האַנדלט מיט אַ פון פאָראויס באַשטימטן צוועק אינם פאַרשטאַנד. אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן עסטעטיק זאָגט אַלעקסאַנדער עט־לעכע מאָל, אַז דער קינסטלער (און דער מענטש בכלל) איז אַן אַגענט, וואָס איז אַ שאַפער פון ווערטן. אַזוי ווי אָבער ער באַטאָנט ווידער אַמאָל און נאָכאַמאָל די ענלעכקייט צווישן דעם מענטשן און דער חיה, באַטאָנט ער ניט דעם אונטערשייד צווישן זיי.

זיין דריטן בוך וועגן דער עמערגענטער עוואָלוציע האָט מאָרגען געשריבן מיטן אויסשליסלעכן צוועק צו אַרויסברייגגען דעם אונטערשייד, ווי מען קען עס זען פונם נאָמען פונם בוך „מאַינד אַט די קראָסוויס" (דער פאַרשטאַנד אויפן שייד־וועג).

ער הייבט אָן דעם בוך מיט דעם אַז ס'זיינען פאַראַן צוויי צוגאַנגען צו דערשיינונגען. איין צוגאַנג באַשטייט פון אַ וויסנשאַפטלעכער אינטערפּרעטאַציע לויטן גאַנג פון דער נאַטור און אירע דערשיינונגען. דער צווייטער צוגאַנג איז אַ דראַמאַטישער וואָס גיט אַ דערקלערונג מיט אַ מיין (עקספּליין) פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַקטיוון אַגענט (דעם מענטשן) וואָס האַנדלט לויט אַ פּלאַן. דעם גאַנצן בוך האָט ער געשריבן פונם וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט ווי די פּסיכיק האָט זיך אַנטוויקלט פונם איינפאַכן אין דער חיה וועלט צום קאָמפּליצירטן ביזן מענטשן. ווי אַ רעאַליסט שטימט ער איין מיט אַלעקסאַנדערן, אַז די רעאַליטעט איז אומאָפּהייניק פונם מענטשלעכן וויסן וועגן איר; ווי אַ קריטישער רעאַליסט צעגייט ער זיך מיט אים; ער נעמט אָן אַז דער מענטש איז אַ שותּף אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דער רעאַליטעט. געוויס וואָלט די וועלט עקזיסטירט אָן זיין וויסן וועגן איר; זי וואָלט אָבער אויסגעקוקט אַנדערש אָן זיין אינטערפּרעטאַציע. עס מיינט, אַז אַפילו אינם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער וועלט נעמט מאָרגען אָן, אַז דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד טראָגט צו אַ חלק צו דער וועלט. אייגענטלעך איז דער דראַמאַטישער מאָמענט איינגעשלאָסן אינם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג פּשוט דערפאַר, וואָס דער מענטש איז אַן אַקטיווער אַגענט (אַ פּערזענלעכקייט וואָס נעמט אָן אַנטייל אינם אויפנעמען און באַנעמען די וועלט), וואָס האַנדלט מיט אַ פּון פאַראויס אויסגערעכנטן צוועק.

ביסלעכוויס גייט מאָרגען איבער פון דער וויסנשאַפטלעכער אינטערפּרעטאַציע לויט דעם נאַטירלעכן גאַנג צו דער דראַמאַטישער דערקלערונג לויט וועלכער דער מענטש איז דער העלד פון דער וועלט דראַמע און ער דערקלערט ווי דער מענטש, וואָס איז אַ פּראָדוקט פונם עוואָלוציע פּראָצעס, ווערט אַליין אַ שאַפענדער דערקלערער פון דעם פּראָצעס. ער שטעלט זיך מיטן פּנים צו דער וועלט און טראַנספאָרמירט זי מיט זיין רעפלעקטיוון דענקען.

דאָס צו דערקלערן, צו דערקלערן וואָס ער מיינט מיטן „פאַרשטאַנד אויפן שייד־וועג" וואָלט זיך געפאָדערט אַ לייגגערע אָפּהאַנדלונג וואָס וואָלט פאַרפירט צו ווייט. וועט נאָר אָנגעוויזן ווערן אויף זיין דערקלערונג וואָס דער מחבר פון די שורות נעמט אָן און אַלעקסאַנדערס דערקלערונג אין וואָס ער צווייפלט (די שייכות צווישן מענטש און דער חיה).

אַלעקסאַנדער איז ווי אַ מעטאַפיזיקער געווען פאַראינטערעסירט אין זיין רוים, צייט און דייעטי סיסטעם ווי אַ גאַנצן. אין דעם סיסטעם איז דער מענטש מיט זיין פאַרשטאַנד (מאַינד) דער העכסטער עמערגענט, אָבער ניט דער לעצטער. דער לעצטער איז גאָט וואָס דאַרף ערשט קומען. געוויס

שפילט דער מענטש מיט זיין קאָגנאַציע, זיין וויסן וועגן דער וועלט, אַ זייער באַדייטענדע ראָלע; ער איז אָבער פאָרט ניט מער ווי אַן עמערגענט צווישן די נידעריקערע עמערגענטן. אַלעקסאַנדער באַשעפטיקט זיך מיטן מענטשן און מיט זיין וויסן די גאַנצע צייט. ער באַטראַכט אים אָבער ניט מער ווי פאַרן וויכטיקסטן רינג איצט און פראָבירט אים צו פאַרבינדן מיט דער איבעריקער וועלט. אמת, ווען ער קומט צו די דריטע קוואַליטעטן דערקלערט ער זיין ספעציעלן סטאַטוס ווי אַ שאַפער פון ווערטן. זיין אינטערעס איז אָבער דער מעטאַפיזישער מאָמענט, שטעלט ער זיך ניט אָפּ אויף דער באַדייטונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט וויאַזוי אַ פּראָדוקט פונם עוואָלוציע פּראָצעס איז טראַנספאָרמירט געוואָרן אין אַ שאַפענדן אַגענט. דאָס טוט מאָרגען אין זיין „פאַרשטאַנד אויפן שייד־וועג״.

דער אונטערשייד צווישן נעאָ־רעאַליזם (אַלעקסאַנדער, וויטהעד) און קריטישן רעאַליזם (מאָרגען, סעלאַרס) איז פריער אַרויסגעבראַכט געוואָרן מער ווי איין מאָל; דאָ איז וויכטיק צו באַטאָנען דאָס, צוליב וואָס דער נאָר וואָס דערמאָנטער בוך איז פון מאָרגענען געשריבן געוואָרן און וואָס אַלעקסאַנדער דערמאָנט נאָר פאַרבייגייענדיק און דאָס איז די רעוואָלוציע וואָס די עמערגענטע עוואָלוציע האָט געמאַכט ווען זי האָט אַרויסגעבראַכט די מענטשלעכע פערזענלעכקייט מיטן רעפלעקטיוון דענקען און דער מענטש איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער דענקער און שאַפער פון פלענער פאַר אַקטיוויטעט. דאָס איז דער מיין פונם נאָמען פון דעם בוך „דער פאַרשטאַנד אויפן שייד־וועג״. דער שייד־וועג באַשטייט אין דעם, וואָס דער פּראָדוקט פון עוואָלוציע, דער מענטש, איז געוואָרן אַ זעלבסט צוועק און אַ שאַפער פון ווערטן. אַלעקסאַנדער האָט זיך אויף דעם ניט געקענט אָפּשטעלן דערפאַר, וואָס דאָס וואָלט געשטערט זיין איינהייטלעכן געדאַנק פון רוים, צייט און דייעטי. פאַר מאָרגענען איז דאָס געווען דער עיקר. עס איז פאַקטיש געווען זיין אויסגאַנגס פונקט. אַדאַנק דעם פאַקט וואָס דער מענטש איז אַ פערזענלעכקייט, אַ פרייער שאַפענדער אַגענט פון ווערטן, אַ צענטער פון רעפלעקטיוון דענקען, האָט מאָרגען געקענט ספעקולירן וועגן אַ געטלעכן צוועק אין דער נאַטור (דער געדאַנק איז ענלעך אויף אַלעקסאַנדערס „אַרטיסטיק קרעאיישן און קאָסמיק קרעאיישן״). עס זאָל מיינען: אַט ווי דער מענטש איז קרעאַטיוו, אַזוי איז גאָט קרעאַטיוו און דער „געטלעכער צוועק״ מאַניפעסטירט זיך אין דער גאַנצער נאַטור. דאָס איז דער זיבען פון זיין דראַמאַטישן צוגאַנג צו די דערשיינונגען פון דער וועלט פונם שטאַנדפּונקט פונם העלד, דעם שאַפער פון דער וועלט דראַמע. אויך ער, ווי אַלעקסאַנדער, נוצט אַן אַנאַלאָגיע פאַר אַ דערקלערונג.

דער מחבר פון די שורות נעמט אָן דעם פאַקט וועגן דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט ווי מאָרגען האָט אים דערקלערט; ער בלייבט אָבער שטיין באַם פאַקט און נעמט ניט אָן די ספעקולאַציע וועגן דעם „געטלעכן צוועק״ אין דער נאַטור. ער זעט ניט אַזאַ צוועק אינם גאַנג. פאַרקערט, ער איז גענייגט צו אָננעמען ב. ראַסעלס מיינונג, וואָס נאָך דעם ווי ער וויזט

אָן אויף די אַלגעמיין פאַרניכטענדע פּראָצעסן אין דער נאַטור בכלל און אין דער חיה וועלט בפרט, זאָגט ער, אַז אויב אין אָט דעם פאַרניכטנדיקן פּראָצעס געפינט זיך אַ געטלעכער צוועק, איז נעראָ געווען אַ פּרינץ און נאָבל־מאַן אין פאַרגלייך מיטן גרויזאַמעם שאַפער פון אָט דעם „געטלעכן צוועק". די טרייסט איז וואָס ס'איז ניטאָ קיין באַווייז פאַר אַזאַ צוועק.

מיט באַדויערן דאַרף מען צוגעבן, אַז ראַסעל איז גערעכט. מען דאַרף אָבער אויך ניט זיין אומגערעכט צו מאָרגענען; ער איז געווען אַ האַרטער וויסנשאַפטלער און אַ נאַטוראַליסטישער פילאָזאָף. ער זאָגט אויסדריקלעך, אַז ער נעמט אָן אַז ס'הערשט אַ נאַטירלעכער גאַנג אויף דער גאַנצער ליניע; ער נעמט ניט אָן קיין בראָך אינם גאַנג פון דער נאַטור אין וועלכער פאָרמע מען זאָל דעם בראָך ניט וועלן אינטערפּרעטירן. דעם גאַנג גופא רופט ער אָן געטלעכער צוועק. ער גיט צו, אַז ווייטער פון דעם גייט ער ניט. עס דאַרף מיינען, אַז מיט טעאָלאָגיע באַשעפטיקט ער זיך ניט. אויף אַ צווייטן פּלאַץ זאָגט ער, אַז ער באַטראַכט רעליגיע פאַרן אָן עמערגענט ווי די ווערטן: שיין, גוט און אמת. מער ווי דאָס זאָגט ער ניט.

איז די פראַגע צי דאַרפן האַרטע וויסנשאַפטלער און נאַטוראַליסטישע פילאָזאָפן, זיך באַנוצן מיט טעאָלאָגישע טערמינען, וואָס ווערן מיט רעכט רעליגיעז אינטערפּרעטירט? ווי אַן אַגנאָסטיקער האַלט דער מחבר פון די שורות, אַז מ'וואָלט זיך ניט געדאַרפט באַנוצן מיט קיין טעאָלאָגישער טער־מינאָלאָגיע; עס איז אָבער כמעט אומפאַרמיידלעך: די גאַנצע פילאָזאָפישע ליטעראַטור באַנוצט זיך מיט די טעאָלאָגישע טערמינען, זיינען זיי אַן איינ־טעגראַלער טייל פון פילאָזאָפישע ווערק. ס'איז נאָך פאַראַן אַ וויכטיקערע סיבה, נעמלעך: רעליגיע הערשט אויך איצט אַ היפּש ביסל און ווי האָט מק'דאָגל געזאָגט, אַז זי הערשט אין די אוניווערזיטעטן, איז נאַטירלעך זי זאָל באַהערשן פאַרשיידענע דענקער: — מאָרגען איז געווען פּרעזידענט פון אַן אוניווערזיטעט.

פאַרשטייט זיך, אַז ער ווערט ניט באַשולדיקט אין אומערלעכקייט: — מאָרגען איז געשטאַנען העכער פון וועלכן עס איז פאַרדאַכט. ער וואָלט אָבער סיי ווי ניט געקענט פאַרדעכטיקט ווערן. ער האָט געמאַכט זיין אַרויסטריט אונטער טאָמאַס הוקסלין, וואָס איז געווען אַן אַגנאָסטיקער. אין זיין ערשטן בוך וועגן דער עמערגענטער עוואָלוציע, וואָס ער האָט געשריבן מיט פופציק יאָר שפּעטער און וועלכן ער האָט געווידמעט צו הוקסלין, דערמאָנט ער, אַז שוין דעמאָלט האָט ער געזאָגט הוקסלין, אַז ער שטימט ניט איין מיט זיין אַגנאָסטישן צוגאַנג צו דער וועלט. דער אַגנאָסטיציזם שטעלט אים ניט צופרידן.

ווען דער מחבר פון די שורות זאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַן אַגנאָס־טיקער, מיינט ער עס הויפּטזעכלעך אינם טראַדיציאָנעל רעליגיעזן זינען. ער האַלט, אַז רעליגיע איז אַ ריין מענטשלעכער פּראָדוקט. די נאַטור האָט דערמיט קיין שום שייכות ניט; ער זעט ניט אַז די נאַטור זאָל אין וועלכן עס איז זינען געבן אַ באַרעכטיקונג פאַר די מענטשלעכע רעליגיעזע געפילן.

אויב די נאַטור האָט אַ מעטאַפיזישע קראַפט, וואָס רעגולירט די פּאַסירונגען אין איר, האָט די קראַפט ניט קיין שום שייכות מיטן מענטשן און מיט זיינע אינטערעסן. ניט זי ווייסט וועגן זיי און ניט זי איז פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס וואָלט אויף וועלכן עס איז אופן געקענט ענדערן דעם נאַטירלעכן גאַנג. דאָס נאָענטסטע, וואָס ער קען אָננעמען פאַר אַזאַ קראַפט, איז ווייטהעדס פּרינציפּ פון קאָנקרעטיזאַציע און לימיטאַציע וואָס ער רופט אָן גאָט און פאַר וואָס מען האָט אים מיט רעכט קריטיקירט אין רעליגיעזע קרייזן, אַז ס׳איז אַ סקאַנדאַל צו אָנרופן אַ נאַטירלעכן פּרינציפּ מיטן נאָמען גאָט. אַזאַ פּרינציפּ איז אַ בלינדע נאַטור קראַפט וואָס ווירקט לויט איר גאַנג און וואָס האָט ניט און קען אויך ניט האָבן, קיין שום שייכות מיטן מענטשן און מיט זיינע אינטערעסן. אַזאַ קראַפט קען דער מחבר פון די שורות אָננעמען ניט מער. מיט דעם איז דער „געטלעכער צוועק” פאַרענדיקט.

אין זיין דערקלערונג וועגן דעם פאַרשטאַנד אויפן שייד־וועג שטעלט זיך מאַרגען אין מיטן פון צוויי געדאַנקען שטרעמונגען וואָס קאָנפליקטירן צווישן זיך און אויף אַן אומדירעקטן אופן, מעגלעך אַפילו ניט דענקענדיק וועגן דעם, שאַפט ער אַ סינטעז צווישן זיי.

פון איין זייט נעמט ער אין אַלגעמיינע שטריכן אָן אַלעקסאַנדערס מעטאַפיזישן אויסגאַנגס פונקט פון רוים־צייט און פאָלגט אים נאָך ביז ער קומט צום מענטשן מיט זיין רעפלעקטיוון דענקען (ער איז אַפילו דער טעאָרעטיקער פון דער עמערגענטער עוואָלוציע). ווען ער קומט צום מענטשן מיט זיין רעפלעקטיוון פאַרשטאַנד שטעלט ער זיך אויפן שייד־וועג און נעמט דעם מענטשן גופא פאַר אַ פרייעם אַגענט וואָס רעאַגירט אויף דער־שיינונגען לויט אַ פון פאָראויס אויסגערעכנטן צוועק צו וועלכן ער שטרעבט צו דערגרייכן: — ער ווערט ניט געשטופּט פון אַ קאַוזאַלער שייכות פון אורזאַך און פאָלג, נאָר זיין האַנדלונג איז אַ פרייע, עס מיינט אַז מענטש־לעכע האַנדלונגען שטאַמען אַרויס פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט גופא און ניט פון קיין אויסערלעכער סיבה: — דער מענטש איז פריי.

מיט דעם וואָס ער האָט באַטאָנט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט און ער דערקלערט דעם אופן פונם מענטשלעכן רעאַגירן, שטעלט ער זיך אַוועק אַזוי נאָענט צום צווייטן צד פונם קאָנפליקט, צום אויסגאַנגס פונקט פון די פּערזאָנאַליסטן, אַז ס׳בלייבט ניט קיין פּלאַץ פאַר אַ קאָנפליקט: — די צוויי געדאַנקען שטראָמען פאַראייניקן זיך לויט זיין סינטעז.

פּערזאָנאַליזם, וואָס שליסט אין זיך איין עקזיסטענציאַנאַליזם פון איין זייט און פּאָזיטיוויזם פון דער צווייטער זייט, קען אָנגערופן ווערן אַ פּראָטעסט באַוועגונג. זיי טרעטן אַרויס קעגן דער פאַרמינערונג פון דער מענטשלעכער חשיבות וואָס איז פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט און זיי האַלטן אַז פאַראַנטוואָרטלעך זיינען: 1) די אַבסטראַקטע מעטאַפיזיק וואָס נעמט דעם קאָסמאָס און ניט דעם מענטשן פאַרן אויסגאַנגס פונקט; 2) די ביאָלאָגישע וויסנשאַפט (עוואָלוציע), וואָס נאַטוראַליזירט דעם מענטשן און זיין פאַרשטאַנד און דריקט אַראָפּ די חשיבות פונם מענטשן; 3) טעכנאָ־

לאָגיע און קאַפּיטאַליזם בכלל, וואָס האָבן רעדוצירט דעם מענטשן צו אַ שרייפל אין אַ גיגאַנטישער מאַשינע; און 4) די אידעאָלאָגיע פון דער הער־שאַפט פונם שטאַט איבער דעם מענטשן (דער טאָטאַליטאַריזם) און אַז. וו. די אויסזעצונגען פון די פּערזאָנאַליסטן זיינען אַזוי פאַרשיידן, אַז זיי קענען בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן צוזאַמען.

וועגן די אויסזעצונגען, וואָס האָבן אַ שייכות מיט וויסנשאַפטלעכע פאַקטן, אָדער טעאָריעס, וועלכע ווערן אַנגענומען ווי פאַקטן (עוואָלוציע) וועלן קיין אויסזעצונגען ניט העלפן. צו פאַקטן דאַרף מען זיך צופּאַסן. דערפאַר איז מאָרגענס סינטעז באַגריסט געוואָרן; ווי אַלעקסאַנדער זאָגט: — דערמיט וואָס דער מענטש איז מיט זיין פאַרשטאַנד נאַטוראַליזירט געוואָרן, האָט דער מענטש ניט פאַרלאָרן פון זיין חשיבות, פאַרקערט, ער האָט געקראָגן מער חשיבות.

דאָס זעלבע מעג מען זאָגן וועגן מעטאַפיזיק: אויסזעצונגען וועלן ניט העלפן. מענטשן האָבן שטענדיק ספּעקולירט וועגן פונדאַמענטאַלע פּראָ־בלעמען און זיי וועלן אַנהאַלטן ספּעקולירן. עס דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן אַז די קריטיק קעגן מעטאַפיזיק איז אויסשליסלעך געווענדעט קעגן דעם דייטשישן אַבסטראַקטן ספּעקולירן, וועלכן מען האַלט ביז אַ גרויסן גראַד פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אומגליק וואָס דאָס דייטשישע פאָלק האָט געבראַכט אויף דער וועלט מיט די צוויי מלחמות און די אכזריות׳דיקע פאַרטיליקונג פון זעקס מיליאָן יידן.

די דייטשישע אכזריות בכלל און דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם בפרט, איז ניט ניי; מען באַגעגנט זיך שוין מיטן דייטשישן ווילדן כאַראַקטער ביי לוטערן, וועמען דער בלינדער גורל האָט באַשטימט צו זיין דער דורכפירער פון דער רעפאָרמאַציע, וואָס, טראָץ זיין פּערזענלעכער ווילדקייט, איז זי געווען אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג.

ער גופא איז געבליבן געטריי צו זיין נאַטור; ער איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די פּרינצן, די אונטערדריקער פון די פּויערים און האָט אַגיטירט קעגן זייערע פאָדערונגען. ער האָט געשריבן אַז מען דאַרף זיי „הרגענען, דערשטעכן און פאַרניכטן . . . די פּויערים מוזן פילן דעם קנאַל פון דער בייטש און דעם סוויסטש פון די קוילן ווען זיי ווילן ניט פאָלגן; — זאָלן די קאַנאָנען קנאַלן צווישן זיי״. דאָס זיינען די ווערטער פון דעם שאַפער פון דער רעפאָרמאַציע.

ווען ער האָט געוואונען זיין קאַמף קעגן רוים האָט ער מיט דער זעלבער ווילדער אַכזריות גערעדט קעגן די יידן צו וועמען ער איז פריער געווען פריינטלעך. העברי וואַלאַס, פון וועמען דאָס איז ציטירט, זאָגט: די דייטשישע שקלאַפעריי צום שטאַט נעמט זיך פון לוטערן.

אין 1915 האָט דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער פילאָזאָף, דזש. סאַנטיאַנאַ אָנגעשריבן אַ בוך אונטערן נאָמען „עגאָטיזם אין דזשוירמען פילאָסאָפיע״ וואָס לויטן אינהאַלט מיינט עס: איינגעגלויבטקייט אין זיך און פעלשונג אין דער דייטשישער פילאָזאָפיע. אויך ער הייבט אָן מיט לוטערס עגאָטיזם

און ווילדקייט; ער גייט איבער צו קאַנטן און זאָגט, אַז זיין קאָמפּליצירטע פילאָזאָפיע באַשטייט אויסשליסלעך אין זיין זיכערקייט אין אינטואיטיוון וויסן. אין זיין קריטישער פילאָזאָפיע באַלאַנגט אַלץ צום פאַרשטאַנד גופא. עס בלייבט אַן עפּעס פאַר זיך, וואָס דער פּראַקטישער פאַרשטאַנד (דער ווילן) קען עס תופס זיין און דאָס פירט צום „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו" אַן אַרויפצוויינגענדע עטיק צו „האַנדלען אַזוי אַז דער גרונט זאָל דורך דיין ווילן ווערן אַן אוניווערסאַלער פּרינציפּ". ניט דיינע מענטשלעכע געפילן און איבערלעבונגען, זיינען עטיש, נאָר דאָס וואָס דו גופא באַשטימסט איז אַן אוניווערסאַלער פּרינציפּ. קאַנט איז געווען אַן עטישער מענטש איז אים ניט איינגעפאַלן אין געדאַנק אַז דער באַשטימער פונם עטישן פּרינציפּ האָט געקענט זיין ניטשע, אָדער היטלער.

גלייך נאָך אים איז געקומען פיכטע און האָט באַשטימט אַז „די זאַך פאַר זיך" איז דער „עגאָ", זיין אייגענער איך אין זיין אייגענער פּערזאָן און ער איז דער באַשטימער פון אַלץ. פונם ווייטערדיקן זעט מען אַז פיכטע האָט געהאַלטן אַז ניט אַלע „עגאָס" זיינען גלייך. ער זאָגט דער „דייטשישער פאַרשטאַנד באַשטייט פון דער זעלבסט באַוואוסטזיניקייט פון גאָט" און ווייטער „דער עגאָ איז אידענטיש . . . מיטן דייטשישן פאָלק . . . ווען נאַפּאָליאָן וואָלט געווען באַהערשט די וועלט, וואָלט דער שאַפנדער גייסט געווען פאַרשווינדן פונם אוניווערס, און אַזיוי גאָט איז פאַרקערפּערט, וואָלט ער גופא געווען פאַרשוואונדן."

אין זיין לעקציע צום דייטשישן פאָלק האָט ער געזאָגט אַז דייטש און כאַראַקטער מיינט דאָס זעלבע. די דייטשן דאַרפן ניט זוכן גאָט אויסער זיך, זיי גופא זיינען גאָט; — זיי זיינען דער אויסדרוק פונם וועלט־גייסט. אין יעדן איין דור מאַניפעסטירט זיך דער וועלט גייסט דורך אַ פאָלק; איצט מאַניפעסטירט זיך גאָט דורך דעם דייטשישן פאָלק.

ער דערקלערט דעם וועלט־גייסט: „וואָס האָט געצוואונגען דעם מאַקאַדאָנישן העלד (אַלעקסאַנדערן) צו זוכן פרעמדע לענדער? וואָס האָט צוגעשמידט זיגן צו זיינע פיס־טרעט און פיינטלעכע אַרמייען זיינען פאַר אים געפאַלן? איז עס געווען אַ צופאַל? עס איז געווען אַן אידייע . . . דער ציוויליזירטער מוז הערשן און דער ניט־ציוויליזירטער מוז פאָלגן אַז גערעכטיקייט זאָל הערשן . . . זאָגט מיר ניט טויזנטער מענטשן זיינען געפאַלן אויף זיין וועג, רעד ניט וועגן זיין יונגן טויט. נאָך דעם ווי די אידייע איז רעאַליזירט געוואָרן וואָס איז גרעסער פון דעם?" (ציטירט פון עגאָטיזם אין שווירמען פילאָסאָפיע).

ער איז געווען דער שאַפער פון דער ראַסן טעאָריע, אַז די דייטשן זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, ווי זייער פּרימיטיווע שפּראַך און כאַראַקטער דעמאָנסטרירן עס. נאָך אים איז געקומען העגעל און האָט דערגאַנצט אַז דער דייטשישער שטאַט איז דער אויסדרוק פונם וועלט גייסט און די העכסטע פליכט איז אים צו דינען. ער איז דער כהן גדול פון די דייטשן.

מען דאַרף אָבער ניט גיין צו דער פאַרגאַנגענהייט צו זוכן דעם אויסדרוק פון דער דייטשישער פסיכיק; אָט וואָס ס׳האָט געשריבן טאָמאַס מאַן אין 1914: „אונדזער מיליטאַריסטישער גייסט איז געקנופּט און געבונדן מיט אונדזער מאָראַל. אין דער צייט וואָס אַנדערע קולטורן האָבן אַ בירגערלעכע מאָראַל אַפילו אין קונסט, איז אונדזער דייטשישע מאָראַל פאַרבונדן מיט אונדזער מיליטאַריזם. די דייטשישע נשמה איז צו טיף, אַז ציוויליזאַציע זאָל פאַר איר זיין דער העכסטער אידעאַל . . . דייטשלאַנדס פאָלקאָמענע שיינקייט און טוגענד דערשיינט אין צייט פון מלחמה״. אמת ער האָט אין היטלערס צייט זיך געשלאָגן על־חטא, דאָס איז אָבער געווען אַ רעזולטאַט פון באַדינגונגען און דאָס ערשטע איז דער אויסדרוק פון דער נשמה.

אין 23 יאָר שפּעטער האָט סאַנטיאַנאַ אַרויסגעגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע פונם בוך און האָט צוגעגעבן אַ צושריפט, וועט פון דעם ציטירט ווערן; ער זאָגט אַז די דייטשן דענקען אַז זייער גייסט איז געטלעך; ער סאַנקציאָנירט אַלע זייערע פאַרלאַנגען, ער טיילט זייערע אַמביציעס און ער פאַרזיכערט אַז זייערע האָפענונגען זאָלן דערגרייכט ווערן . . . די דייטשישע ראַסע איז דער מידיאום דורך וועלכן דער אוניווערסאַלער גייסט מאַניפעסטירט זיך. דערפאַר איז זי די בעסטע און די שטאַרקסטע, די פּראָדוקטיווסטע און אַרטיסטישסטע און דערפאַר דאַרף זי באַהערשן די וועלט. ער פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע: „פאַר וואָס נאַרט איר אָפּ און ברענגט אַריין אין עקסטאַז דאָס דייטשישע פאָלק דורך אויסטראַכטן אַ ראַסיסטישן מיף מיט אַ געטלעכער השגחה און פאַרזיכערטן גליק ווען איר גיט צו אַז דאָס איז ליגן?״[1] דאָס האָט ער געשריבן אין 1939 פאַר דער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע.

עס זיינען נאָר וואָס פאַרעפנטלעכט געוואָרן קאַנצלער קאָנראַד אדענאַורס רעדעס און אין אַ רעצענזיע וועגן זיי ווערט געזאָגט, אַז אַדענאַור האַלט אַז די צוויי מלחמות האָבן די דייטשן אויסגעהיילט פונם נאַציאָנאַליזם. צופיל שטימט עס ניט מיט די פאַקטן: — מען הערט ניט אַז דאָס דייטשישע פאָלק זאָל זיך פילן שטאַרק שולדיק פאַר די שוידערלעכע פאַרברעכנס, וואָס ס׳איז באַגאַנגען. לויט ווי עס איז אינדאָקטרינירט געוואָרן פון קאַנטן אָן, מעג עס טראַכטן אַז אַלץ, וואָס ס׳האָט געטאָן אין דער פאַרניכטונגס אַרבעט, איז באַשטאַנען אין אויספאָלגן אַ „הייליקע פליכט״ וואָס דער „שטאַט פונם וועלט גייסט״ האָט פון דעם געפאָדערט.

די אַלגעמיינע וועלט האַלט אין פאַרגעסן די שוידערלעכע פאַרברעכנס וואָס די דייטשן זיינען באַגאַנגען און מען קען צוגעבן, אַז זי קען זיך ניט העלפן; מען קען ניט איגנאָרירן אַ פאָלק פון אַכציק מיליאָן מענטשן וואָס ס׳געפונט זיך אינם צענטער פונם אייראָפּייִשן קאָנטינענט. ס׳לאָזט זיך ניט איגנאָרירן, דערצו זיינען פאַראַן נייע פּראָבלעמען אויף וועלכע

[1] דאָרט, 156, 157, 158.

מען מוז רעאַגירן און דייטשלאַנד געפונט זיך אינם צענטער פון די פראַ־בלעמען.

דאָס יידישע פאָלק אָבער טאָר ניט פאַרגעסן די שוידערלעכע פאַר־ניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשן. ווען אַ ייד דערמאָנט דייטש־לאַנד אין פאַרבינדונג מיט די פּאַסירונגען פון דער לעצטער צייט, דאַרף ער אויסגיסן זיין צער און צאָרן אויפן פאָלק וואָס האָט עס געטאָן; ער טאָר עס ניט פאַרבייגיין שטיל־שווייגנד. דערמיט ווערט ניט געמיינט צו באַ־טראַכטן אַלע דייטשן פאַר פאַרברעכער; געוויס זיינען פאַראַן אַנשטענדיקע דייטשן. די פאַרברעכנס זיינען אָבער באַגאַנגען געוואָרן דורך זייער געזעצ־לעכער רעגירונג און אַ גרויסער טייל פון זיי האָבן אַנטייל גענומען אין די פאַרברעכנס און דאָס דייטשישע פאָלק האָט ניט רעוואָלטירט, איז עס שולדיק. עס איז מיט אַ כּיוון דאָ גענוצט געוואָרן דאָס דייטשישע פאָלק און ניט די נאַציעס: — עס איז פאַראַן אַ דייטשעס פאָלק און ניט קיין נאַציע פאָלק.

3) וואָס אַנבאַלאַנגט טעכנאָלאָגיע און קאַפּיטאַליזם בכלל, וואָס זאָל האָבן רעדוצירט דעם מענטשן צו אַ שרייפל אין אַ מאַשינע, זיינען די פאַקטן ריכטיקע און די שלוסן זיינען פאַלשע. ס׳איז אַן אמת, אַז אין דער מאָדער־נער פּראָדוקציע און אינם קאַפּיטאַליזם בכלל, איז דער יחיד רעדוצירט גע־וואָרן צו אַ קליינעם טייל פון אַ גרויסעס גאַנצעס. עס איז אָבער ניט קיין אמת אַז די מענטשלעכע חשיבות האָט אין די העכסט אַנטוויקעלטע לענדער דערפון געליטן; פאַרקערט, אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער, וואָס זיינען טעכנאָלאָגיש די העכסט אַנטוויקעלטע, האָט זיך די מענטשלעכע לאַגע און דערמיט די חשיבות פונם יחיד, אַסך פאַרבעסערט. עקאָנאָמיסטן האַלטן אַפילו אַז די פאַרקורצטע אַרבעט־שעהן, אַדאַנק דער טעכניק, פירן צו אַנט־וויקלען די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט און די חשיבות פונם יחיד. די פרייע צייט גיט אים דעם געפיל פון פרייהייט און פּערזענלעכע חשיבות.[1]

די פּערטע סיבה, וואָס איז ביז דער לעצטער צייט באַטראַכט געוואָרן פאַר דער וויכטיקסטער אָנקלאַגע פון די פּערזאָנאַליסטן, די אידעאָלאָגיע פונם טאָטעלאַטאַריזם לויט וועלכער דער יחיד דאַרף דינען דעם שטאַט (העגעל און מאַרקס), איז זי שוין אַביסל אַ פאַרשפּעטיקטע; פון די דריי אייראָפּייעשע לענדער, אין וועלכע דער טאָטעליטאַריזם האָט געהערשט, איז איצט געבליבן רוסלאַנד מיט אירע סאַטאַליטן. אין איטאַליע האָט זיך דער פאַשיזם ניט פאַרוואָרצלט און וואָס אַנבאַלאַנגט דעם נאַציזם האָט דאָס דייטשישע פאָלק גופא אים געוואָלט, ער איז געווען דער אויסדרוק פון זיין נאַציאָנאַלן שאָוויניזם, האָבן זיי ניט געוואָלט קיין רעפּובליק. איצט זאָגט זייער קאַנצלער, אַז די צוויי פאַרלאָרענע מלחמות האָבן זיי אויסגע־היילט פון דער שאָוויניסטישער משוגעת. מען מעג צווייפלען אין זיין מיינונג.

[1] זע דזש. סאָול „טיים פאַר ליווינג״ (צייט צו לעבן).

וואָס אָנבאַלאַנגט רוסלאַנד האָבן זיי דאָרט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פרייהייט. עס איז אָבער אָן שום ספק, אַז די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגיע איז געווען אַ באַשטימענדער פאַקטער.

נאָך דער לאַנגער דערקלערונג דאַרף מען פונדעסטוועגן צוגעבן, אַז די פּערזאָנאַליסטן און די אַנדערע פאַרשיידענע קריטיקער, זיינען ניט אינגאַנצן אומגערעכט. דער אָפּטימיזם, וואָס האָט געהערשט אין דער וועלט ביז מיט אַ פּאָר דורות צוריק וועגן פּראָגרעס און דער ליכטיקער צוקונפט, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן און אַ פּעסימיזם האָט באַהערשט דעם בעסערן טייל פון דער מענטשהייט ווי מען קען עס זען פון דער אַנקעטע אינם לעצטנס דערשינענעם בוך „לעסט טשענס" (די לעצטע געלעגנהייט), אין וועלכן 26 וויסנשאַפטלער, דענקער און גייסטלעכע, פון פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, דריקן אויס זייער שווערע שטימונג.

די סיבה פאַר דער געגנדערטער מיינונג איז אַסך אַ טיפערע ווי די וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן, וועט אויף איר אָנגעוויזן ווערן. דער דענקען פון דעם ליבעראַלן טייל פון דער מענטשהייט איז פאַר די לעצטע צוויי הונדערט יאָר געווען אונטער דער ווירקונג פונם ראַציאָנאַליזם פון דעם אַכצענטן יאָרהונדערט, פון דער אַזוי אָנגערופענער אויפקלערונג, וואָס האָט גענומען פאַרן אויסגאַנגס פּונקט, אַז מענטשן זיינען פונדאַמענטאַל גוט; זיי ווייסן נאָר ניט אין וואָס דאָס גוטע באַשטייט, דאַרף מען זיי אויפקלערן, וועלן זיי אָננעמען דאָס גוטע און אַ גליקלעכערע צייט וועט קומען אויף דער וועלט.

דער אינטעלעקטואַליזם האָט געהערשט אינם דענקען ביזן סוף פונם ניינצענטן יאָרהונדערט ווען אַן אַנטי־אינטעלעקטואַליזם האָט, אונטער דער ווירקונג פון דער ביאָלאָגישער וויסנשאַפט און דעם עוואָלוציע באַגריף, זיך אַריינגעריסן אינם פילאָזאָפישן דענקען. דער וויכטיקסטער עקספּאָנענט פונם אַנטי־אינטעלעקטואַליזם און דער גלאָריפיצירער פונם „אינסטינקט", איז געווען הענרי בערגסאָן. עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער האָט געקראָגן אַ באַדייטענדן נאָכפאָלגער אין דער סאָציאַלער וויסנשאַפט, דעם איטאַליענער א. פּארעטע, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק פון פיר בענד אונטער דעם נאָמען „מאַינד ענד סאָסייעטי" (דער פאַרשטאַנד און די געזעלשאַפט), אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט אַז אַ פונדאַמענטאַלע איראַציאָנאַלע פּסיכישע אייגנשאַפט אין דער פאָרמע פון אַן „אינסטינקט" אָדער אַן עמאָציע, באַשטימט די מענטשלעכע האַנדלונגען און ניט די אַבסטראַקטע ראַציאָנאַלע אידייעס וועגן הומאַניזם אָדער פּראָגרעס. דערפאַר קען אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט ווערן אַ פירער און ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. די מענטשהייט וועט אים בלינד נאָכגיין וואוהין ער וועט זי פירן.

דער געדאַנק גופא איז ניט קיין נייער, ער האָט אים אָבער פאַרטיידיקט אויף אַן אייגענאַרטיקן אופן מיט אַזויפיל איבערצייגענדע באַוויזן, אַז אַפילו זיינע שטאַרקסטע קעגנער געבען צו אַז ער האָט אַרויס־

געבראַכט אַ סך היסטאָרישע אמת'ן. וויכטיקער אָבער פון דער טעאָרעטי־שער דערקלערונג איז די פּאַקטישע זייט וואָס מוסאָליניס פּאַשיסטישע איבערקערעניש אין איטאַליע איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון זיין ווירקונג.

ווען מען גיט צו דעם צו די קאָמוניסטישע איבערקערעניש אין רוסלאַנד און דעם נאַציזם אין דייטשלאַנד, וועלכע קיין איין סאָציאָלאָג האָט ניט פאָראויסגעזען, דאַרף מען צושטימען אַז פעלקער, ווי איינצל מענטשן, קענען היפּנאָטיזירט ווערן אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן נאָכפאָלגן אַ שטאַרקן פירער אין די הרי חושך אַריין.

אויב די סיבה פון די פּאַסירונגען אין דער וועלט ליגט אינם איראַ־ציאָנאַליזם פונם מענטשן גופא און ניט אין אויסערלעכע פאַקטערן, איז דער פּעסימיזם, וואָס האָט באַהערשט דעם דענקען, אַ באַרעכטיקטער. אויסערלעכע פאַקטערן קען מען ענדערן, די מענטשלעכע פּסיכיק קען ניט געענדערט ווערן. דאָס דאַרף מיינען, אַז דער גאַנצער ראַציאָנאַליזם פון די אויפקלערער פונם אַכצענטן יאָרהונדערט מיטן באַגריף וועגן פּראָגרעס און אַז. וו. איז געווען אַ פאַלשער. פּעסימיסטן זיינען פאַראַן אַסך, אַזוי ווייט אין זייער פּעסימיזם וועלן ווייניק דענקער גיין. פאַרקערט, ווערק, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן נאָך פּאַרעטן און נאָך די טראַגישע פּאַסירונגען, זיינען רעזערווירט אָפּטימיסטיש; זיי באַטראַכטן די טראַגישע פּאַסירונגען פאַר אויסנאַם אינצידענטן אינם היסטאָרישן גאַנג. איבערהויפּט איז שווער צו אָננעמען אַזאַ פּעסימיזם ווען דער אַלגעמיינער דענקען איז באַהערשט פונם עוואָלוציע באַגריף. אַלעקסאַנדער איז געוויס ניט געווען קיין פּע־סימיסט ווען ער האָט געגלויבט אינם ניסוס פון דייעטי און אַז גאָט וועט פון דער וועלט, צוזאַמען מיטן מענטשן, אַרויסגעבראַכט ווערן.

קיין אַבסאָלוטע פּעסימיסטן זיינען דעם מחבר פון די שורות ניט באַקאַנט; עס זיינען אים אָבער באַקאַנט אַזוינע דענקער, וועלכע האַלטן אַז די מענטשהייט איז קראַנק, זי נויטיקט זיך אין רפואות און זיי נעמען זיך טאַקע אונטער זי צו היילן. דאָס זיינען עס די פּערזאָנאַליסטן. אויף איניקע פון זיי וועט אָנגעוויזן ווערן: — עס וועלן געגעבן ווערן זייערע רפואות.

איינער פון די וויכטיקסטע דענקער פון דער פּערזאָנאַליסטישער ריכטונג איז דער אַמעריקאַנער רעליגיעזער פילאָזאָף, ריימאָנד ניעבער. ער איז אַ טיפער דענקער, העכסט ליבעראַל און אין דער זעלבער צייט איז ער טעאיסטיש רעליגיעז. פון איין זייט גלויבט ער אין די אידעאַלן פון די אויפקלערער פונם אַכצענטן יאָרהונדערט און פון דער צווייטער זייט האַלט ער אַז דערפאַר וואָס זיי האָבן איגנאָרירט רעליגיע, האָט עס געפירט צו הפקרות און צו אַ געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענבראָך אין דער לעצטער צייט. זיין עצה איז זיך אומקערן צו רעליגיע וואָס ער באַטראַכט פאַרן וויכטיקסטן צעמענטירנדן פאַקטער אין דער געזעלשאַפט. ער פאַר־טיידיקט דעם געדאַנק אין אַלע זיינע ווערק. זיין ווערק „פּעיטה ענד היס־טאָריע“ ווידמעט ער איגגאַנצן דער פראַגע.

אַ צווייטער וויכטיקער רעליגיעזער דענקער פון די פּערזאָנאַליסטן איז דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָף, מאַרטין בובער, וועמען ניעבער האַלט פאַרן וויכטיקסטן יידישן דענקער אין דער לעצטער צייט און וועמען, צוזאַמען מיט פראַנץ ראָזענצווייגן, ער באַטראַכט פאַר די טיפסטע און באַדייטנדסטע טעאָלאָגן פונם יאָרהונדערט. אין זיין נאָר וואָס דערשינענעם ווערק „סעלף ענד די דראַמאַס אָוו היסטאָריע" זאָגט ער אויסדריקלעך אַז ס'איז געשריבן אונטער בובערס ווירקונג. אין פּראָטעסטאַנטישע קרייזן האַלט מען אַז בובער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָגיע.

אויבן אויף זעט אויס מאָדנע אַז אַ נאַציאָנאַלער ייד, אַן אַקטיווער ציוניסט, אַ יידישער טעאָלאָג, וואָס האָט גענומען חסידיזם פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט און האָט געשריבן וועגן רעליגיעזער פילאָזאָפיע פון אַ יידישן שטאַנדפּונקט און וועלכער איז פאַר זיין קולטורעלער אַקטיוויטעט אָנגערופן געוואָרן דער „אחד העם" פונם דייטשישן יידנטום, זאָל מער באַווירקן די פּראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגיע ווי די יידישע. אויב די מיינונג פון איינעם, וואָס איז ניט קיין מומחה אין טעאָלאָגיע, זאָל האָבן אַ ווערט, דענקט דער מחבר פון די שורות אַז די סיבה פאַר דער אַנאָמאַליע איז די וואָס די יידישע טעאָלאָגיע איז באַזירט אויף טראַדיציע און המשך, אין וועלכע דער תלמוד שפּילט אַ באַשטימענדע ראָלע, און בובערס דענקען פליסט ניט אין דער טראַדיציאָנעלער ריכטונג. טראָץ דעם וואָס ער האָט גענומען חסידיזם פאַר זיין אויסגאַנגס פּונקט, איז ער מער באַווירקט געוואָרן פון קירקעגאַארדן און פון די דייטשישע ראָמאַנטיקער, ווי פונם בעל־שם טוב און פון די תנאים. זאָגט דאָך דער דייטשישער טעאָלאָג, וו. מאכל אַז „די דייטשישע וועלט־שעה (וועלט־גורל בלע"ז) לעבט אין אים כאָטש עס זעט אויס אַז ער באַשעפטיקט זיך אויסשליסלעך מיט פּראָבלעמען פונם יידנטום".

דאָס דאַרף ניט מיינען אַז ער זינדיקט קעגן דעם יידישן שטאַנדפּונקט, פאַרקערט, ער לאָזט אים פונם אויג ניט אַרויס: — ווען ער קומט צום פּלאַץ וואו קירקעגאַארד גיט אויף „רעגינען" צוליב זיין ליבע צו קריסטוסן, דערפאַר וואָס די צוויי ליבעס זיינען זיך סותר, זאָגט ער אַז לויט דער יידישער טעאָלאָגיע זיינען אהבת הבורא און די ליבע צו „רעגינען" ניט נאָר זיך ניט סותר, זיי דערגאַנצן איינע די צווייטע. ער מאַכט נאָך אַ טראָט ווייטער און זאָגט אַז די דערנאָענטערונג צו גאָט און די באַהעפטונג מיט אים, קומט פאַר ניט נאָר אינם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, נאָר אין אַ מין צוזאַמענגיסן זיך מיט דער גאַנצער אַרומיקער סביבה. אַסקעטיזם מיינט פאַר אים זיך דערווייטערן פון גאָט. נאָך שטאַרקער טרעט ער אַרויס קעגן קירקעגאַארדס אינטערפּרעטאַציע פון עקידת יצחק, אַז גאָטס וואָרט סוספּענדירט מענטשלעכע מאָראַלישע באַגריפן. ער האָט פאַראַפּנטלעכט אַן עסיי קעגן דעם פאַלשן און שעדלעכן באַגריף.

וואָס אָנבאַלאַנגט זיין „איך און דו" טעאָלאָגיע, מיט וועלכער ער האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער פּראָטעסטאַנטישער וועלט, זעט אויס אַז

זיין פּאָעטישער טאַלאַנט און זיין מיסטישער אופן פון שרייבן, האָט זי פּשוט פאַרכישופט. ווי ס'זעט אויס האָט ער די מיסטישע נאַטורן געגעבן אַ שליסל צו זייער אינטואיטיוון גלויבן.

פאַר זיך איז די „איך און דו" טעאָלאָגיע אַ גאַנץ איינפאַכע; בובער זאָגט ער האָט זי גענומען באַם חסידיזם און האָט זי דערקלערט אויף זיין אייגענעם אופן. זיין אויסגאַנגס פּונקט איז, אַז ס'זיינען פאַראַן צוויי צו־גאַנגען צו דער וועלט: אַן אינטעלעקטועלער צוזאַנג צו דער וועלט (איך און עפּעס), לויט וועלכן מען וויל פאַרשטיין די סביבה. אויך מענטשן זיינען עפּעס וואָס מען וויל פאַרשטיין. און אַ צווייטער צוגאַנג אַן עמאָ־ציאָנעל אינטואיטיווער וואָס שטאַמט אַרויס פונם געפיל זיך צו באַהעפטן און צוזאַמענשמעלצן מיטן אַרומיקן. דאָס איז דער אַזוי פון אים אָנגע־רופענער „איך און דו" צוגאַנג, לויט וועלכן אַלץ אין דער סביבה פולסירט מיט לעבן: — עס איז אַ „דו" ווי דער אייגענער „איך", אַ פּערזענלעכקייט, וואָס רעאַגירט אויף מיין דערנאָענטערונג און באַהעפטעט זיך מיט מיר אינם אין סוף.

מיט אָט דעם איינפאַכן מיסטישן געדאַנק באַשעפטיקט ער זיך אין אַלע זיינע ווערק און, ווי מען קען זען, האָט ער געהאַט אַ באַדייטענדע ווירקונג אויף דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס ער האָט אַסך פילאָזאָפישן וויסן; ער קען דענקען און ער באַזיצט אַזאַ גרויסן שריפטשטעלערישן טאַלאַנט, אַז מען האָט אים פאַרגעשלאָגן פאַר אַ קאַנדידאַט פאַרן נאָבעל פּריז פאַר ליטעראַטור.

אַ דריטער וויכטיקער רעליגיעזער דענקער צווישן די פּערזאָנאַליסטן איז דער פראַנצויזישער טעאָלאָג, זשאַק מאַריטאַין. אויך ער איז אַ ליבע־ראַל און פריינט פון יידן. ער איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט ביזן דרייסיקסטן יאָר ווען ער האָט זיך באַקערט צום קאַטאָליציזם. איצט איז ער אַ נעאָ־טאָמיזט אין וואָס ער זעט די רעטונג פון דער מענטשהייט.

אַ גאַר וויכטיקער רעליגיעזער דענקער פון דער ריכטונג איז געווען דער רוסישער רעליגיעזער פילאָזאָף, ניקאָלאַי בערדיייעוו. אויך ער איז געווען אַ שיינע פּערזענלעכקייט און אַ יידן פריינט; ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ווערטפולן בוך וועגן אַנטיסעמיטיזם. אין זיין רעליגיעזער פילאָזאָפיע האָט ער גלאָריפיצירט די מיסטיק פון סלאַוויאָפילער פּראַוואָסלאַוויע, אין וועלכער ער האָט געזען די רעטונג פון דער מענטשהייט.

געוויס דאַרף דערמאָנט ווערן דער וויכטיקסטער פראַנצויזישער שאַפער פונם עקזיסטענציאַנאַליזם, דער פרייער דענקער (אַטעאיסט) און פּילזייטיקער שריפטשטעלער, זשין סאַרטר. זיין עצה פאַר דער קראַנקער מענטשהייט איז אינערלעכע פרייהייט: — דער מענטש איז פריי.

אַ זייער וויכטיקער עקזיסטענציאַנאַליסט איז דער וויכטיקסטער דייַ־טשישער פילאָזאָף, קאַרל יאַסטראָס. ער האָט געוואָרפן די דייטשן אין פּנים אַריין די באַשולדיקונג, אַז זיי אַלע, זיך אַריינגערעכנט, זיינען פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרניכטונג פון די יידן, זיי אַלע האָבן געוואוסט

וואָס ס׳קומט פאַר; זיי זיינען אָבער געווען טרוסן, זיי האָבן געציטערט פאַר זייער אייגענער הויט. מעגלעך, אַז פאַר זיין אָפּענעם אַרויסטרעט מיט איך באַשולדיק, איז ער איצט פּראָפעסאָר אין שווייצערלאַנד און ניט אין דייטשלאַנד. עס ווערט געווינטלעך אויך דערמאָנט דער אַנטיסעמיטישער דייטשישער פּראָפעסאָר העידיגגער, וואָס אין דער היטלער עפּאָכע האָט ער פאַרנומען יאסטראָסעס פּלאַץ אין היידעלבערג. אויך ער באַלאַנגט צו די עקזיסטענציאַנאַליסטן. וואָס ער פּריידיקט איצט איז ניט באַקאַנט.

עס ווערן אויך דערמאָנט צווישן די פּערזאָנאַליסטן קאַרל מאַנהיים, העראַלד לאַסקי, אלדוס הוקסלי, לואיס מומפאַרד, געראַלד הירד און אַסך אַנדערע. געוויס צעגייען זיי זיך אין זייערע פאַרשיידענע מיינונגען; זיי שטימען אָבער צווישן זיך וועגן דעם פּערזאָנאַליזם.

עס איז פריער באַמערקט געוואָרן אַז אין אַ געוויסן זינען איז פּערזאָנאַליזם אַ פּראָטעסט קעגן מעטאַפיזיק. פאַר זיך איז פּערזאָנאַליזם אַ פּאָזי־טיווע ריכטונג אינם דענקען: — יעדע איין ריכטונג וואָס וועקט דעם מענטשלעכן גייסט און דערמאָנט אין דער חשיבות פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, איז אַ קולטור בייטראָג. דער געדאַנק אָבער, אַז ס׳איז אַ קעגן באַוועגונג צו מעטאַפיזיק איז ניט קיין ריכטיקער: — עס איז ניטאָ און עס דאַרף ניט זיין קיין קעגנערשאַפט פון איין פילאָזאָפישער ריכטונג קעגן דער צווייטער, ווייל עס איז ניטאָ קיין סתירה צווישן פּערזאָנאַליזם און מעטאַפיזיק, פאַקטיש דערגאַנצן זיי איינע די צווייטע ווי לויד מאָרגען האָט עס באַוויזן אין זיין סינטעז. די אויסגאַנגס פּונקטן זיינען פאַרשיידן פּשוט דערפאַר, וואָס די צוויי ריכטונגען באַשעפטיקן זיך מיט פאַרשיידענע ענינים: — איין ריכטונג נעמט די אויסערלעכע רעאַליטעט פאַרן אויסגאַנגס פּונקט און די צווייטע נעמט דעם מענטשן אין זיינע באַגריפן און איבערלעבונגען פאַרן אויסגאַנגס פּונקט. אינם ברייטן זינען פון וואָרט באַשטייען זיי פון צוויי פאַזן פון איין רעאַליטעט.

צום סוף בעט זיך אַ באַמערקונג וועגן די וואָס האַלטן אַז די אייראָ־פּייעשע ציוויליזאַציע גייט אונטער, ווי דאַנילעווסקי, ספּענגלער און טוי־ענבי און אויך וועגן די וועלכע האַלטן אַז דער אייראָפּייעשער פּעריאָד איז פאַרענדיקט, אַמעריקע און רוסלאַנד נעמען איבער די העגעמאָניע. פאַר־שטייט זיך, אַז נאָר פאַכלייט קענען אַרויסזאָגן אַ מיינונג וועגן דעם. אַזיוויי אָבער קיינער האָט ניט פאַראויסגעזען די קאַטאַסטראָפן פון דער לעצטער צייט, מעג מען צווייפלען צי עמיצער קען פאַראויסזאָגן וואָס די צוקונפט וועט ברענגען.

דער מחבר פון די שורות איז גענייגט צו איינשטימען מיט פּראָפּע־סאָר ק. ברינטאָן לויט זיין בוך „איידיעס ענד מען״ און מיט פּראָפּעסאָר מאָריס ר. כהן לויט זיין בוך „די מינינג אָוו היסטאָריע״, אַז הגם טראַגישע אָפּנייגונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער לעצטער צייט דאַרף מען פונ־דעסטוועגן ניט אַריינפאַלן אין קיין יאוש שטימונג וועגן דער צוקונפט: — קיין צווייטע מיטלאַלטער מיט אַ פינצטערער צייט־אַלטער וועט ניט קומען. אין דעם קען מען זיין זיכער.

שלוס באַמערקונגען.

אינם אַנהויב פונם קריטישן אַנאַליז האָט דער מחבר פון די שורות געזאָגט אַז ער נעמט אָן די אַלגעמיינע פילאָזאָפיע אויסער דעם מעטאַ־פיזישן טייל פון דער פילאָזאָפיע. דאָס רופט אַרויס עטלעכע פראַגן, וואָס איז אייגנטלעך איין פראַגע באַטראַכט פון פאַרשיידענע ווינקלען:

1) ערשטנס צי קען מען אָפּטיילן אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע פון זיין מעטאַפיזיק? 2) צווייטנס וואָס מיינט אָפּטיילן און וואָס וועט בלייבן פון איר? 3) דריטנס צוליב וואָס נעמען אַ דענקער פאַר אַן אויסגאַנגס פונקט ווען מען נעמט ניט אָן זיין צענטראַלן געדאַנק? און 4) פערטנס צי קען מען אָפּשאַצן אַ סיסטעם ווען מען נעמט אים ניט אָן?

ווי געזאָגט איז עס איין פראַגע וואָס איז צעטיילט געוואָרן צו קענען זי לייכטער באַטראַכטן. וועגן אָפּטיילן די פילאָזאָפיע פונם מעטאַפיזישן טייל וואָלט אַלעקסאַנדער פאַר קיין פאַל ניט געקענט מאַכן אַזאַ טיילונג: די רוים־צייט מעטאַפיזיק איז אַריינגעוועבט אין אַלע זיינע באַטראַכטונגען און דערצו איז זי פאַר אים דער עיקר. ער האָט געוואָלט מען זאָל אים אָפּשאַצן לויט דעם מעטאַפיזישן טייל. ווען מען וויל אים באַטראַכטן פון זיין שטאַנדפונקט, איז די מעטאַפיזיק אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין פילאָזאָפיע.

אויף דער צווייטער פראַגע: וואָס וועט בלייבן פון זיין פילאָזאָפיע ווען מען וועט אויסלאָזן זיין מעטאַפיזיק? איז די אָפּהאַנדלונג אַן ענטפער. זיין פילאָזאָפיע איז געגעבן געוואָרן אָן דעם מעטאַפיזישן טייל און זי איז אַ היפּש ביסל אַרויסגעבראַכט געוואָרן. עס דאַרף אָבער געמאַכט ווערן אַ באַמערקונג, אַז ווען אַפילו מען נעמט ניט אָן קיין באַשטימטע מעטאַפיזיק מיינט עס ניט, אַז מען לייקענט אַז מעטאַפיזיק געפינט זיך אונטער דער פילאָזאָפיע. דאָס קען מען ניט לייקענען פשוט דערפאַר, וואָס אונטער יעדער פילאָזאָפיע געפינט זיך אַ פונדאַמענט. מען קען נאָר אָננעמען אַן אַגנאָסטישן, אַן איך ווייס ניט שטאַנדפונקט און בלייבן שטיין ביי אַ ניט געלייזטן פּראָבלעם. מען קען אָבער ניט לייקענען, אַז אַ רעאַליטעט, ווי אַ פונדאַמענט, געפינט זיך אונטער יעדער פילאָזאָפישער אָפּהאַנדלונג: — די רעאַליטעט איז אַ מעטאַפיזישע; זי איז למעלה מן השכל.

דער ענטפער אויף דער דריטער פראַגע איז אַז אַלעקסאַנדערס מע־טאַפיזיק איז דאָס נאָענטסטע וואָס אַפּעלירט צום מחבר פון די שורות; ער קען נאָר ניט פאַרשטיין ווי מען קען בויען אַ וועלט אויף אַזאַ לײדיקן

פונדאַמענט ווי רוים און צייט איז אויף וויפיל מען קען זיך זיי פאָרשטעלן. אויב אַלעקסאַנדער מיינט אונטער רוים־צייט עפּעס אַנדערש, ווי מען קען זיי זיך פאָרשטעלן, פאַרשטייט עס דער מחבר פון די שורות ניט. דאָס איינציקע וואָס ער קען זיך פאָרשטעלן איז אַ סובסטאַנציעלן עפּעס וואָס זאָל זיך געפינען מיט רוים־צייט צוזאַמען. שטעלט ער עס טאַקע אונטער אַלעקסאַנדערס רוים־צייט ווי זיין אַן אייגענעם גאַנג און נעמט עס אַן מיט נאַטירלעכער פיעטעט הגם עס קען ניט דערקלערט ווערן. דאָס איבעריקע קען דערקלערט ווערן אויף אַ נאַטירלעכן אופן.

אַלעקסאַנדער זאָגט אַז זיין פילאָזאָפיע באַשטייט פון אַ פירוש אויף ספּינאָזעס פילאָזאָפיע. ווען מען באַטראַכט זיין פילאָזאָפיע באַשעפטיקט מען זיך אומדירעקט אויך מיט ספּינאָזעס פילאָזאָפיע און אויך מיט אַנדערע דענקער פון וועמען ער האָט גענומען פאַרשיידענע אידייעס. זיין פילאָזאָפיע קען גענומען ווערן ווי אַ סקוועער־שניט פאַרן פילאָזאָפישן דענקען פון ספּינאָזעס צייט ביז איצט. אין דעם זינען איז זי גענומען געוואָרן פאַרן אויסגאַנגס פּונקט. זי אַנטהאַלט אין זיך דעם סך־הכל פונם דענקען פונם פעריאָד. מען דאַרף אָבער אויך ניט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען דער איינציקער רעאַליסטישער דענקער וואָס האָט געשאַפן אַ פילאָזאָפישן סיסטעם. דאָס איז געוויס גענוג ער זאָל גענומען ווערן און באַטראַכט ווערן ווען מען וויל אַרויסברענגען עפּעס גאַנצעס אין דער פילאָזאָפיע.

דאָס פירט צו דער פערטער פראַגע צי מען קען אָפּשאַצן זיין סיסטעם ווען מען נעמט אים ניט אָן ווי ער איז אין זיין גאַנצקייט? דער ענטפער אויף דער פראַגע וועט געגעבן ווערן מער אומדירעקט ווי דירעקט. ווייטהעד זאָגט: פילאָזאָפיע הייבט זיך אָן מיט וואונדער און ענדיקט זיך מיט וואונדער. אויף דער פראַגע אין וואָס באַשטייט דער וואונדער? ענטפערט ער: אין דעם וואָס פילאָזאָפיע באַשעפטיקט זיך מיט דער פראַגע: — וואָס מיינט דאָס אַלץ? אין דעם אַלץ מיינט ער די וועלט ווי אַ גאַנצע די טאָטאַליטעט פונם קאָסמאָס.

אַלע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וואָס זיינען ביז איצט געשאַפן געוואָרן, האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים געפּרוּווט געבן אַן ענטפער אויף אָט דער איינפאַכער פראַגע. דער פאַקט, וואָס מען האַלט אַלץ אָן צו שאַפן סיסטעמען, איז אַ באַווייז, אַז די סיסטעמען, וועלכע זיינען ביז איצט געשאַפן געוואָרן, האָבן ניט צופרידנגעשטעלט און דער פאַקט וואָס אַזוי ווייניק סיסטעמען זיינען געשאַפן געוואָרן, איז אַ באַווייז, אַז ס׳איז אַ גאַנץ שווערער ענין צו שאַפן אַ מעטאַפיזישן סיסטעם. נאָך מער, אַפילו די סיסטעמען, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן, האָבן זייער ווייניק געקראָגן אַנערקענונג אין דער פילאָזאָפישער וועלט.

צו שאַפן אַ סיסטעם, וואָס זאָל צופרידנשטעלן, איז בכלל ניט מעג־לעך פאַר עטלעכע טעמים: ערשטנס ווייסט מען ניט אַלץ וועגן דער וועלט. איז דאָס וואָס מען ווייסט ניט, דערגאַנצט מען מיט דער פאַנטאַזיע. אין דאָס וואָס אַפּעלירט צו איינעמס פאַנטאַזיע אַפּעלירט ניט צו אַ צווייטנ

פאַנטאַזיע. צוויטנס זיינען מענטשן פאַרשיידן אין זייער דענקען און אין זייערע באַגריפן. דאָס וואָס איז דער עיקר פאַר איינעם איז ניט קיין עיקר פאַרן צווייטן און דריטנס טראַגט זיך יעדער איין פילאָזאָף אַרום מיט אַ געדאַנק, אַז ער קען עפּעס מחדש זיין. דאָס מיינט שוין סיי ווי, אַז ער קען ניט, אָדער וויל ניט, איינשטימען מיט אַ צווייטן פילאָזאָף: — ער וויל אַרויסברייינגען זיינע אייגענע געדאַנקען און מיינונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע אויסזעצונגען זיינען אויסגעשלאָסן וואָס אַנבאַלאַנגט דעם מחבר פון די שורות: ער באַטראַכט זיך ניט פאַר קיין פילאָזאָף און מאַכט ניט קיין פאַרזוך עפּעס צו מחדש זיין. אים אינטערעסירן וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, באַשעפטיקט ער זיך מיט זיי. ער פאָלגט קיינעם ניט נאָך בלינד; ווען ער זעט אַ שוואַכן פּונקט אין אַ סיסטעם, ווייזט ער אויף אים אָן. ער איז אַן איבערצייגטער רעאַליסט; ער איז זיכער, אַז די וועלט עקזיסטירט אומאָפּהענגיק פונם מענטשלעכן וויסן וועגן איר; ער איז אויך זיכער אַז אין דער וועלט איז פאַראַן אַן איראַציאָ־נאַלער מאָמענט, וואָס קען ניט דערקלערט ווערן: ער איז למעלה מן השכל. ער גלויבט ניט, אַז מעטאַפיזיקער וועט געלונגען צו דערקלערן דאָס ניט פאַרשטענדלעכע און ווען איינעם וואָלט זיך אַפילו איינגעגעבן צו טרעפן אין וואָס ס׳באַשטייט, וואָלט ער ניט געהאַט קיין וועג ניט נאָר צו באַווייזן דעם אמת, נאָר אַפילו צו וויסן אַז ער האָט געטראָפן אין וואָס דער אמת פון דער וועלט באַשטייט. פאַרשטייט זיך, אַז ווען ער אַליין וואָלט ניט גע־וואוסט וועגן דעם אמת, איז ניט שייך אַז מען זאָל אָננעמען זיין מיינונג. דאָס מיינט אַז דענקער וועלן האַלטן אין איין ספּעקולירן אָן אַ סוף.

אַלעקסאַנדערס „פירוש" אויף ספינאָזען איז דאָס נאָענטסטע וואָס צו אים אַפּעלירט. ער באַוואונדערט די ברייטקייט פון זיין פאַרנעם און די טיפקייט און פולזייטיקייט פון זיין דענקען. אין זיינע אויגן איז דער סיסטעם דאָס פאָלקאָמענסטע וואָס מען קען זיך פאַרשטעלן. ער איז זיכער, אַז דורות וועלן אינספּירירט ווערן פון זיין גיגאַנטישן וועלט־בנין און וועלן אים באַוואונדערן ווי מען באַוואונדערט ספינאָזען און די אַלע אַנדערע גע־ניאַלע דענקער און סיסטעם־בויער. אים פאַרדריסט וואָס ער קען מיט אים ניט מיטפליען: — אים פעלט פאַנטאַזיע.

צו לעצט: — הגם גלייך אין אָנהויב האָב איך אָנגעגעבן דעם מאָטיוו פאַרוואָס איך האָב באַטראַכט אַלעקסאַנדערן און ניט קיין אַנדער דענקער און איך האָב דערמיט פאַרענדיקט, האָב איך אויך געהאַט אין געדאַנק אַ צווייטן מאָטיוו וואָס איז אויסגעדרוקט דורך דעם נאָמען: „פון ברוך ספי־נאָזע ביז שמואל אַלעקסאַנדער".

קריסטלעכע דענקער ווייזן אָן אויפן ידישן מאָמענט אין די צוויי דענקער, האָב איך באַטראַכט פאַר מיין פליכט אַז מיין לעצטער ביטראַג זאָל באַשטיין פון אַן אָנווייז אויף אַ ידישן מאָמענט אינם אַלגעמיינעם דענקען.

„גלאסאַרי“

דעפיניציעס און דערקלערונגען פון טעכנישע טערמינען.

אָביעקט: — פשוט מיינט עס אַ זאַך. פילאָזאָפיש מיינט עס אַ זאַך ווי זי דערשיינט פאַר די חושים. אייניקע דענקער נעמען אָן, אַז פאַר זיך גופא זיינען זאַכן אַנדערש ווי די חושים נעמען זיי אויף. די חושים זאָלן ענדערן דאָס פּרעזענטירענדע. ווייטהעד רופט אָן אייביקע פאַרמען און קוואַליטעטן „אָביעקטן“ און זאַכן רופט ער אָן „פּאַסירונגען“ (עווענטס).

אָביעקטיווער אידעאַליזם: — אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז די רעאַליטעט איז איינע (אַבסאָלוט, גאָט); זי איז גייסטיק און ווייניקער פון דער גאַנצקייט איז ניט מער ווי אַ „דערשיינונג“ (אַפּירענס).

אַבסטראַהירן: מיינט אָפּטיילן דעם אינהאַלט פון אַ פּאַסירונג, אים פּרעזערווירן אין זכרון און אים קענען צוריקברענגען פאַרן באַוואוסטזיין אין אַבסטראַקט אָן דער פּאַסירונג; קענען דענקען בכלל אָן וועלכע ס'איז פּרעזענטירענדע דערשיינונגען.

אַבסאָלוט: פאָלקאָמען, אַלץ אין זיך איינשליסנד. אין דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע די גאַנצע רעאַליטעט פונם אָנהויב ביזן סוף. דער אוניווערס אין זיין גאַנצקייט, אויך גאָט. לויטן אָביעקטיוון אידעאַליזם איז וואָס ס'איז ווייניקער פון דער גאַנצקייט (אַבסאָלוט) איז ניט קיין רעאַליטעט, נאָר אַ „דערשיינונג“ (אַפּירענס).

אַגנאָסטיציזם: מיינט נעמען אַ וויסנשאַפטלעכן אויסגאַנגס פונקט אַז באַווייזן קענען נאָר זיין פּאָזיטיווע און ניט קיין נעגאַטיווע: — וועגן וואָס מען ווייסט ניט קען מען גאָרניט זאָגן. וועגן דער עקזיסטענץ פון גאָט קען מען גאָרניט זאָגן: — ס'זיינען ניטאָ קיין באַווייזן ניט פאַר און ניט קעגן. פאַרשטייט זיך אַז אַן אַגנאָסטיקער קען ניט זיין קיין רעליגיעזער מענטש: — ער האָט ניט צו וועמען צו בעטן; ער איז אָבער אויך ניט קיין אַטעאיסט: — פאַר אים איז די פראַגע אָן אָפענע.

אַגענט, אויך קרעאַטיווער, אָדער שאַפענדער אַגענט: עס מיינט שאַפן מיט אַ פון פאָראויס באַשטימטן צוועק. אַ מענטש איז אַ שאַפענדער אַגענט.

אַטריבוט: גרונט אייגנשאַפט, פונדאַמענטאַלער כאַראַקטער שטריך, צייכן אָדער סימן.

אידייע: פאָרשטעלונג, באַגריף אָדער מיין. דער טערמין אידייע ווערט גענוצט אין פאַרשיידענע מיינען. עס ווענדעט זיך וואָס מען האָט אין זינען. פלאַטאָן האָט אונטער אידייעס געמיינט די אַבסאָלוטע רעאַליטעט וואָס ענדערט זיך ניט און לאָק האָט אין זינען געהאַט אַן עפּעס וואָס געפינט זיך אינם פאַרשטאַנד גופא.

אידעאַליסט: פילאָזאָפיש מיינט אידעאַליסט איינער וואָס נעמט אָן אַז די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דער וועלט איז גייסטיק און ניט פון מאַטעריע. דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד (מאַינד), פּסיכיק אָדער „נשמה" זאָל אויך באַשטיין פון דער פונדאַמענטאַלער רעאַליטעט.

אוניווערסאַל: אַלגעמיין, אַלוועלטלעך. לויט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע איז עס אַ קאַטעגאָריע, וואָס קען ניט אָוועקגעטראַכט ווערן פון דער רעאַליטעט און פונם דענקען. אַן אַלגעמיינער כאַראַקטער שטריך, אָדער אַלגעמיינע קוואַליטעט: — אַ כּלל באַגריף פון עפּעס צום אונטערשייד פון פּאַרטיקולאַר וואָס איז אַ פּרט באַגריף.

אַטעאיזם: מיינט לייקענען אַז גאָט עקזיסטירט; פאַקטיש מיינט עס גלויבן אַז ס'עקזיסטירט ניט קיין גאָט.

אידעאַליזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז די רעאַליטעט איז גייסטיק. דאָס מאַטעריעלע איז ניט די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט. אידעאַליזם מיינט איצט אָביעקטיווער אידעאַליזם וואָס נעמט אָן אַז די רעאַליטעט איז איינע און דאָס איז דער „אַבסאָלוט": — די גאַנצע רעאַליטעט; טיילן זיינען „דערשיינונגען" (אַפּירענסעס) און ניט קיין פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט.

אילוזיע: אַ פאַלשע פאָרשטעלונג, זיך אָפּנאַרן אין עפּעס וואָס די חושים נעמען אויף וואָס אין דער אמת'ן איז עס ניט אַזוי ווי עס דוכט זיך אויס ס'איז.

אימאַגינאַציע: אַ פאָרשטעלונג אין דער פאָרמע פון אַ בילד אָדער אַ פאַנטאַזיע.

אימאַנענט: אינעווייניק איינגעשלאָסן ווי אַן אומבאַדינגטער פאַקטער, איינגעשלאָסן. עס געפינט זיך אין דער אינערלעכקייט פון דער זאַך גופא און ניט אויסער איר.

אינגרידיענט: אַ טייל פון אַ סינטעז, אָדער אַ צוזאַמענשטעל.

אינטואיציע: אַן אייגנאַרטיקער אוממיטלבאַרער געפיל צו אויפכאַפּן עפּעס פון דער סביבה און עס באַגרייפן אַן באַווייזע. פאַרשטייט זיך אַז דאָס קען ניט באַטראַכט ווערן פאַר קייןווירקלעכן וויסן.

אינטעגראַלער טייל: אַן אָרגאַנישער טייל פון אַ גאַנצעס וואָס איז אינערלעך פאַרבונדן.

אינטעגראַציע: צוזאַמענגענומען טיילן אין איין גאַנצעס. פאַראייניקן פאַרשיידענעס אין אַן איינהייט.

אינטעלעקטואַליזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז נאָר דער שׂכל (אינטעלעקט) גיט רעאַלע (אמתע) אינפאָרמאַציע וועגן דער וועלט. די

חושים (עמפּירישער וויסן) גיבן ניט קיין ריכטיקע אינפאָרמאַציע.

אינטערפּרעטאַציע: אַ דערקלערונג, אַן אויסטייטשונג פון עפּעס וואָס קען גענומען ווערן אין פאַרשיידענע מיינען.

אינסטינקט: אַ פּרימיטיווער ניט־באַוואוסטזיניקער דראַנג, אַ פונדאַמענטאַלער נאַטור־גאַנג וואָס מען קריגט דורך ירושה.

אינספּיראַציע: געוויין אַ רעליגיעזער טערמין וואָס האָט געמיינט השפּעה אָדער די ווירקונג פון רוח הקודש. מיינט אויך באַגייסטערונג און באַ־ווירקט ווערן פון עמאָציאָנעלע געפילן.

איפּסאָ־פאַקטאָ: לויט דעם פאַקט גופא. דער פאַקט דערלויבט ניט קיין אַנדער אינטערפּרעטאַציע.

איראַציאָנאַל: ניט שכלדיק, דאָס וואָס ליגט זיך ניט אויפן שכל און קען ניט דערקלערט ווערן. די נאַטור האָט איראַציאָנאַלעס וואָס דער מענטש־לעכער פאַרשטאַנד קען ניט באַנעמען אַט ווי דער אָנהויב פון צייט, דער גרענעצ פונם אוניווערס און אַז. וו.

אַלעגאָריע: ריידן אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך דורך משלים. זאָגן עפּעס פאַרשטעלט און ס'זאָל מיינען עפּעס אַנדערש. דערציילן אַ מעשה און מען זאָל פון איר פאַרשטיין אַז מען מיינט אַנדערש, געוויינטלעך, וויכ־טיקערעס.

אַמענדאַציע: אויסבעסערן, אַן ענדערונג וואָס מאַכט בעסער אָדער קלאָרער אַן ענין. עס קען אויך מיינען אַ פּירוש.

אַנאַטאָמיע: די סטרוקטור פון אַן אָרגאַניזם.

אַנאַלאָגיע: אַ פאַרגלייך פון איין סיטואַציע מיט אַ צווייטער און ציען שלוסן פונם פאַרגלייך. פילאָזאָפן טוען עס פון צייט צו צייט. עס איז אַ באַקוועמער מעטאָד צו אילוסטרירן אַ געדאַנק; עס איז אָבער אַ צווייפלהאַפטער מעטאָד צו ציען שלוסן פון איין סיטואַציע אויף אַ צווייטער.

אַנטאַגאָניזם: קעגנערשאַפט, אַרויסרופן אומפריינטלעכקייט דורך קעגנ־שטעלן זיך; אויפרייצן דורך אַ ווידערשטאַנד קעגן אַ צווייטנס מיינונג.

אַנאָמאַליע: זיך אָפּקערן פונם אָנגענומענעם כלל, אָדער גאַנג; ניט קיין געוויינטלעך אָנגענומענעס, ניט דאָס רעגולערע און זעלבסט־פאַר־שטענדלעכע.

אָנטאָלאָגיע: די לערע וועגן דעם עצם פון דער רעאַליטעט פון דער וועלט.

אָנטאָלאָגישער דואַליזם: מיינט איינפאַך צוויי פונדאַמענטאַלע רעאַלי־טעטן וואָס דאַרפן האַרמאָנירן צווישן זיך און ווירקן איינע אויף דער צווייטער.

אַנטי־אינטעלעקטואַליזם: אַ פילאָזאָפישע מיינונג אַז דער אינטעלעקט, דער שכל קען ניט געבן קיין אינפאָרמאַציע וועגן דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט פון דער וועלט. עס איז אַ מערקווירדיקער שטאַנדפּונקט: זיי נוצן דעם ש כ ל צו באַווייזן אַז ער ווייסט ניט.

אַ צווייטער עקסטרעם איז אינטעלעקטואַליזם, אַז דער שכל גופא האָט

אַן אייגענעם וויסן, אַן אַ־פּריאָרי וויסן, וועלכער שטאַמט ניט פון דער־פאַרונג. אויך דער עקסטרעם איז אַ פאַלשער: — דער שכל קען אַנאַ־ליזירן דאָס וואָס ער קריגט פון דערפאַרונג; קיין אייגענעם אינהאַלט האָט ער ניט.

אַנטינאָמיעס: די זיך ווידערשפּרעכענדע פונדאַמענטאַלע באַגריפן וועגן דער וועלט, ווי: איז געווען אַן אָנהויב פון צייט אָדער ניט? איז רוים ענדלעך אָדער אומענדלעך?

אַנאַליזירן: צעגלידערן און גרונטלעך פאַנאַנדערקלייבן.

אַנטראָפּאָמאָרפיזם: מענטשן ענלעך, אין מענטשלעכן געשטאַלט; גע־נומען לויט מענטשלעכע באַגריפן.

אַספּעקט: אַן אויסזען, אַ פּאַסעט. ווען מען זעט אַ טייל פון אַ גאַנצעם האָט מען פאַר זיך אַן אַספּעקט פון דער באַטרעפנדער זאַך. זע „אַפּי־רענס".

אַפאָריזם: אַ קורצער שאַרפער און געלונגענער אויסדרוק.

אַפיניטעט: צוציאונג, אינערלעכע שייכות; אַ שטרעבן פאַר פאַראייני־קונג, קרובה׳שאַפט.

„אַפּירענס": אַן אויסזען; עפּעס וואָס זעט אויס ווי רעאַליטעט, וואָס איז אָבער ניט מער ווי אַ פאַסאַד, אַ טייל פון אַ גאַנצעם. זע אַספּעקט.

אַ־פּריאָרי: אַ מיינונג וואָס איז ניט באַגרינדעט אויף פאַקטן (זי קומט פאַר די פאַקטן) און ווערט אַרויסגעצוואונגען פונם שכל גופא. איצט איז עס ניט קיין פּאָפּולערער טערמין: — מען גלויבט ניט אין קיין אַ־פּריאָרישן וויסן. דער שכל דענקט לויטן געזעץ פון דער לאָגיק; ער אַנאַליזירט, ער סינטעזירט. דעם מאַטעריאַל דאַרף ער אָבער קריגן. געווים קען ער ספּעקולירן, וואָס ס׳מיינט פילאָזאָפירן.

אַפּרעהענציע (דירעקטע) מיינט אויפנעמען זאַכן דורך די חושים וואו זיי זיינען און וויאַזוי זיי זיינען. דער פאַרשטאַנד (מאַינד) גיט גאָרניט צו און ענדערט קיין זאַך ניט.

אַקאַדעמיש: וואָס האָט אַ שייכות צו לערנען, צו דער געלערנטער וועלט; אַ טעאָרעטישער ענין.

אַקאַדעמישע וועלט: מיט דעם טערמין ווערן באַצייכנט מענטשן וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט טעאָרעטישע ענינים.

אַרבעטראַרע: פּרייוויליק, אייגנוויליק, ניט געצוואונגען. עס קען אויך מיינען אָננעמען עפּעס גלאַט אין דער וועלט אַריין אָן וועלכע עס איז באַוויזן.

באַהייווערידם: אַ פּסיכאָלאָגישע לערע וואָס דערקלערט אַלע מענטשלעכע רעאַגירונגען אין קערפּערלעכע (אָרגאַנישע) טערמינען און זאָגט זיך אָפּ צו נוצען דעם טערמין באַוואוסטזיין אפילו ווי אַ פונקציע, אַז אפילו דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן „באַוואוסטזיין" זאָל פּאַקטיש זיין אַ רעאַגירונג פון וועלכע עס איז מוסקולן ווי אין די לעריינגס און אַז. וו.

ביאָלאָגיע: די לערע וועגן דער אָרגאַנישער אָדער לעבעדיקער וועלט: — פלאַנצן און חיות.

גאָט, געטלעכעס: אינם רעליגיעזן זינען: — דער שאַפער און פירער פון דער וועלט. מעטאַפיזישער זינען: — דער פונדאַמענטאַלער פרינציפ וועלכער זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע פּראָצעסן אין דער וועלט. אין דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע: — דער אַבסאָלוט אָדער די טאָטאַליטעט און אויך די סובסטאַנץ און אַז. וו. אַלעקסאַנדער מיינט מיטן טערמין: דאָס העכסטע וואָס דאַרף ערשט קומען.

גינם: די ירושה טרעגער, כאַראַקטער איינהייטן וואָס געפינען זיך אין די „כראָמאָזאָמס" פון דער צעל. זע „כראָמאָזאָמס".

גענעטיש: אַרויסשטאַמונג, אַנטשטייאונג, אורשפּרינגלעך אָפּשטאַמען פון אַ מין, אַ גזע.

גראַפיש: פאָרשטעלן דורך צייכנס און בילדער.

גרעגאַרישער אינסטינקט: דער געפיל פאַר צוזאַמענלעבן וואָס אויך פאַרשיידענע חיות באַזיצן. זע: הערד אינסטינקט.

דאָגמאַטיק (דאָגמע): אָננעמען אַ פונדאַמענטאַלן געדאַנק פאַר ריכטיק אָן באַווייזן ווייל ער ווערט אָנגענומען פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך און קען ניט באַוויזן ווערן. אין מאַטעמאַטיק: אַ פּאָסטולאַט (אַן „אַק־סיאָמע").

דאָפּלטער אַספּעקט: מיינט אַז דער פיזיאָלאָגישער פּראָצעס אינם מאַרך איז איין אַספּעקט און דער באַוואוסטזיניק ווערן אינם פאַרשטאַנד (מאַינד) איז אַ צווייטער אַספּעקט פון דער זעלבער דערשיינונג.

דאָקטרין: אַ טעאָריע וועגן אַ פילאָזאָפישן אָדער סאָציאַלן ענין, אַ לערע בכלל.

דואַליזם: אָננעמען אַז ס'זיינען פאַראַן צוויי פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן וואָס זיינען צוזאַמען אינטעגרירט אינם מענטשן (מאַטעריע און גייסט).

דיאַלעקטיק: דיסקוטירן, פירן אַ דיספּוט; עס פירט אָפּט זיך צו פּלפּולן. העגעלס דיאַלעקטיק איז באַשטאַנען אין „טעזיס" (פּאָזיטיווע באַ־הויפּטונג), „אַנטיטעזיס" (אַ קעגן באַהויפּטונג ווי אַ ווידערשפּרוך) און „סינטעז" (דער פּראָדוקט פון אַ צוזאַמענשמעלצונג פוןביידן). דאָס זאָל זיין דער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פונם וועלט גייסט.

דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם: די אָפיציעלע פילאָזאָפיע אין רוסלאַנד וואָס נעמט אָן אַ מאַטעריאַליסטישן אויסגאַנגס פונקט, אַז מאַטעריע איז דאָס פונדאַמענטאַלסטע אין דער נאַטור און פאַרטיידיקט דעם געדאַנק אַז מאַטעריע האָט אַנטוויקלונגס פייעקייטן ווי העגעלס וועלט גייסט. זע: דיאַלעקטיק.

דייעטי: גאָט, געטלעכעס, הייליקעס. אַלעקסאַנדער מיינט אונטערן טערמין דייעטי דאָס שטענדיקע שטרעבן פונם מענטשן צו העכערן, שענערן און נאָבעלערן. דייעטי באַשטייט אין דעם שטרעבן גופא; דייעטי קען קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן פשוט דערפאַר וואָס דער מענטש

וועט שטענדיק שטרעבן צו העכערעס און שענערעס.

דילעמאַ: אַ פּראָבלעמאַטישער צושטאַנד וואָס ווי מען וועט ניט האַנדלען וועט מען אַריינפאַלן אָדער אין אַ פאַרלעגנהייט, אָדער אין אַ ווידער־שפּרוך און מען קען ניט באַשטימען וואָס מען זאָל טאָן.

דינאַמיק: די לערע וועגן באַוועגנדע קערפּערס אָדער קרעפטן בכלל.

דינאַמישער צוגאַנג: באַטראַכטן זאַכן לויט זייער ווירקונג איינע אויף דער צווייטער. עס איז דער וויסנשאַפטלעכער פּיזיש־מאַטעמאַטישער צוגאַנג צו דער וועלט.

דיקטום: אַ מיינונג וואָס ווערט געוויינטלעך אָנגענומען פאַר אַן אמת.

דעזיגנירט: באַשטימט, באַצייכנט, אָנגעדייטעט. זע: קאַטעגאָריזירט.

דעטערמיניזם: דער באַגריף אַז יעדע דערשיינונג אין דער וועלט האָט אַ סיבה וואָס רופט זי אַרויס; קיין דערשיינונג קומט ניט פון זיך אַליין. ווען מען ציט דעם געדאַנק צום עקסטרים מיינט: צו לייקענען אין פרייען ווילן: — אויך מענטשלעכע האַנדלונגען זאָלן זיין דעטערמי־נירט דורך אַ סיבה.

דענאָטאַציע אָדער דענאָטירן: באַצייכענען, באַשטימען און באַטאָנען אַ באַשטימטן מיין (אַ פּרט באַגריף).

דעסקריפּטיוו: באַשרייבן, באַצייכענען, שילדערן און מאָלן.

דערקענטעניש לערע: די טעאָריע פון וויסן וועגן דער וועלט. זע: עפּי־סטאָמאָלאָגיע.

דריטע קוואַליטעטן: אַלעקסאַנדער רופט אָן באַגריפן וועגן ווערטן (ווע־ליום), ווי שיין, גוט און אמת, דריטע קוואַליטעטן. זיי באַשטייען פון קאָנצעפּציעס און ניט פון פּערצעפּציעס ווי די פּרימערע און סעקונדערע קוואַליטעטן זיינען.

האַלוצינאַציע: אַ קראַנקהאַפטע פאַרשטעלונג פון עפּעס וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט ניטאָ פאַר די חושים.

הייזענבערגס אינדעטערמיניטעט פּרינציפּ: מען קען ניט באַשטימען די פּאָזיציע און די שנעלקייט פונם לויף פון אַן עלעקטראָן אין דער זעלבער צייט.ביידע זיינען נויטיק צו קענען פאָראויסזאָגן עפּעס וועגן דעם עלעקטראָן. דער ענין איז זייער אַ טעכנישער.

היפּאָטעזע: השערה, אַ טעאָריע וואָס איז נאָך ניט באַוויזן געוואָרן. היפּאָטעזן ווערן גענוצט אין דער וויסנשאַפט ווי אויסגאַנגס פּונקטן צו פאָרשן אַן ענין.

העגעליאַנישע טראַדיציע: דער דייטשישער דענקער העגעל האָט אָנ־גענומען אַז אינם דענקען גופא מאַניפעסטירט זיך די רעאַליטעט פון דער וועלט; ער האָט געזאָגט אַז ווען מיר דענקען, דענקט די רעאַליטעט אין אונדז (דער וועלט גייסט מאַניפעסטירט זיך דורך דעם דיאַלעק־טישן דענקען). זע: דיאַלעקטיק.

הערד אינסטינקט: דער סטאַדע געפיל, דער געפיל פון פאַרשיידענע חיות צו לעבן געמיינשאַפטלעך. זע: גרעגאַרישער אינסטינקט.

וויטאַלער אימפּולס: לויט בערגסאָנס פילאָזאָפיע איז די אורשפּרונגלעכע קראַפט אין דער נאַטור (גאָט, „צייט") אַ פאָרמע פון „לעבן"; עס קען אויך אָנגערופן ווערן גייסט און דאָס איז דאָס פונדאַמענטאַלסטע פון וואָס אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט.

ווירוסן אָדער ווירוסן: זייער קליינע אולטראַ־מיקראָסקאָפּישע אָרגאַניזמס וואָס האָבן אייגנשאַפטן אי פון דער אָרגאַנישער אי פון דער ניט־אָרגאַנישער וועלט. מען גלויבט אַז זיי פאָרמירן אַ בריק צווישן די צוויי וועלטן.

ווערטן באַגריפן: אָפּשאַצן, אורטיילן, האָבן אַ מיינונג.

טייאיזם: מיינט פּשוט גלויבן אין גאָט לויטן רעליגיעזן באַגריף. עס שליסט אין זיך אַן אַ וועלכע ס'איז פאָרמע פון געטלעכער אַנטפּלעקונג.

טעאָלאָגיע: די לערע וועגן גאָט אינם רעליגיעזן זינען אַז גאָט איז דער שאַפער און פירער פון דער וועלט. אויך מעטאַפיזיקער באַנוצן אָפט דעם טערמין „גאָט"; עס מוז אָבער ניט זיין דער רעליגיעזער באַגריף, הגם דער אונטערשייד ווערט ניט אָפט באַטאָנט און ער איז טאַקע ניט אַלע מאָל קלאָר און איז אָפט טאַקע זייער דין.

טעזיס: אַ באַהויפּטונג אָדער אַ זאַץ וואָס דאַרף באַוויזן ווערן, אַ טעמע פאַר אַ דיסקוסיע. אין העגעלס פילאָזאָפיע: די באַהויפּטונג וואָס רופט אַרויס אַ קעגן באַהויפּטונג, אַנטיטעזיס און זייביידע פירן צו אַ סינ־טעז, צו אַ שלום.

טעכניש: אַן ענין וואָס פאָדערט פאַכמאַנישע קענטעניש, וואָס פאָדערט צוגרייטונג מען זאָל אים געגנוי פאַרשטיין.

טערמאָ־דינאַמישער געזעץ: איז דער געזעץ וואָס היץ פליסט אין דער ריכטונג פון העכערער וואַרעמקייט צו נידעריקערער און קען ניט פליסן אויף צוריק. אינם פליסן ווערט ענערגיע דעגראַדירט. דער פּראָ־צעס איז שאַפנד. די ענערגיע פאַרלירט אָבער איר פּאָטענציע; דער געזעץ פון „ענטראָפּיע": די צעשפּרייטונג פון היץ.

טערמינאָלאָגיע און טערמין: ווערטער וואָס האָבן אַ באַשטימטן פּיק־סירטן מיין און וועלכע ווערן גענוצט אין וויסנשאַפטלעכע און פילאָ־זאָפישע ווערק פאַרן צוועק צו זיין פּינקטלעך און קאָרעקט אין די דער־קלערונגען.

טראַנספאָרמאַציע: איבערמאַכן, פאַרוואַנדלען איין אין אַנדער פאָרמע.

כראָמאָזאָנס: קאָרעלן ענלעכע שנירלעך אין דער צעל אין וועלכע ס'געפינען זיך די „גינס". זע: „גינס".

לאָגיק: די לערע וועגן די געזעצן פון מענטשלעכן דענקען.

מאַטעריאַליזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז אַלץ אין דער וועלט שטאַמט אַרויס פון מאַטעריע און קען רעדוצירט ווערן צו אַטאָמען.

מאַטריקס: אור־שטאָף פון וואָס עפּעס קומט אַרויס; געבור־מוטער.

מאַינד: אַן ענגלישער טערמין וואָס האָט ניט קיין יידישן טערמין. אינם

רעליגיעזן זינען איז נשמה דאָס נאָענטסטע וואָרט. איך נוץ דאָס ניט פּינקטלעכע וואָרט פאַרשטאַנד.

מאָניזם: אַ לערע וואָס נעמט אָן אַז די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דער וועלט איז איינע. אַ מאָניסט איז אַ דענקער וואָס פאַרטיידיקט דעם מאָניזם.

מאָניסטישער רעאַליזם (זע: נעאָ־רעאַליזם): אַ רעאַליזם וואָס נעמט אָן אַז די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט איז איינע און זי עקזיסטירט אומ־אָפּהייענגיק פונם מענטשלעכן וויסן וועגן איר.

מוטאַציע: פּלוצלעכע ענדערונג פון אַ מין, אָדער אַ טיפּ. די ענדערונג ווערט אַרויסגעבראַכט דורך אַ „מוטאַציע" אין די רעפּראָדוקציע צעלן.

מיסטיציזם: סודות'דיקעס, געהיימניסעס, וואָס זאָל זיך געפינען אין דער נאַטור אונטער די נאַטירלעכע דערשיינונגען און זאָל קענען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן „אינטואיטיוו" אויפגענומען ווערן פון אייניקע רעליגיעזע נאַטורן (מיסטיקער).

מעדיאום: אַ וועלכער עס איז ממשות'דיקער עפּעס אין וועלכן דערשיינונגען אָדער פּראָצעסן זאָלן פּאַרקומען.

מעדיטיים: נאָכדענקען, באַטראַכטן אַן ענין, זיך איבערלייגן ווי צו האַנדלען געדאַנקלעך.

מעטאָדאָלאָגיע: די לערע וועגן די וועגן און אופנים ווי צו פאָרשן אַ וויסנשאַפטלעכן ענין.

מעטאַפאָר: מליצה, אַ בילדלעכע פאָרמע פון ריידן אין וועלכער מען נוצט ווערטער אין אַ סימבאָלישן, ניט פּינקטלעכן, מיין, ווי אַן אייזערנער ווילן, אַ שטיינערנע האַרץ און אַז וו. זע: פיגוראַטיוו.

מעטאַפיזיק: באַשטייט פון דערקלערן די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דער וועלט וואָס איז למעלה מן השכל. פאַרשטייט זיך אַז וועגן דעם קען מען נאָר אַרויסזאָגן מיינונגען, מען קען ניט באַווייזן צי זיי זיינען ריכטיק אָדער ניט.

מענטאַלעם: גייסטיקעס, עפּעס וואָס דער פאַרשטאַנד, די פּסיכיק שאַפט אָדער גיט צו.

נאַטירלעכע פיעטעט: אַ טערמין וואָס אַלעקסאַנדער נוצט ווען ער נעמט עפּעס אָן הגם ער קען עס ניט דערקלערן. עס מיינט אויך אַז מען דאַרף זיין באַשיידן און ניט פרעגן קיין צופיל פראַגן דער נאַטור. מען דאַרף צוגעבן אַז ס'זיינען פאַראַן סודות אין דער נאַטור, וועלכע מען קען ניט פאַרשטיין.

נאָרמאַטיווע, נאָרמע: אַ סטאַנדאַרט, אַ רעגל, אַן אָנגענומענער כלל.

נאָרמאַטיווע וויסנשאַפטן: די וויסנשאַפטן וואָס זיינען באַזירט אויף אַ פאַטערן, אָדער סטאַנדאַרט (נאָרם), ווי לאָגיק, עטיק און עסטעטיק. צום אונטערשייד פון עמפּירישע וויסנשאַפטן, וועלכע זיינען באַזירט אויף דערפאַרונג און עקספּערימענטן.

נאַטוראַליזם: אַ טעאָריע אַז אַלץ אין דער נאַטור שטאַמט אַרויס פון און

דורך נאַטירלעכע סיבות, אַז קיין איבער־נאַטירלעכעס און אויסער־נאַטירלעכעס קומט ניט פֿאָר.

נעאָ־טאָמיזם: די אָפּיציעלע קאַטוילישע פילאָזאָפיע לויט סאַנט טאָמאַס אַקווינוס, וואָס באַשטייט פֿון אַן אינטערפּרעטאַציע פֿון אַריסטאָטעלס פילאָזאָפיע זי זאָל שטימען מיטן קריסטנטום.

נעאָ־רעאַליזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז אַלץ וואָס דערשיינט פֿאַר די חושים באַלאַנגט צו דער נאַטור. די חושים ענדערן ניט קיין זאַך און גיבן ניט צו צו דער נאַטור קיין זאַך: — זיי נעמען אויף זאַכן ווי זיי זיינען. נעאָ־רעאַליסטן זאָגן זיך אָפּ פֿון שפּאַלטן די נאַטור אויף אַ פיזישן טייל און אַ פּסיכישן טייל; זיי זיינען אויסגעהאַלטענע מאָניסטן. די נאַטור איז איינע.

נעוראָלאָגיע: די לערע וועגן דעם נערוון סיסטעם און וועגן נערוון קראַנקהייטן.

סאָפיזם: פּלפּול, אַ שלוס וואָס זעט אויס לאָגיש, וואָס איז פּאַקטיש פֿאַלש, ווייל ער איז באַזירט אויף אַ פֿאַלשער השערה.

סאָציאָלאָגיע: די לערע וועגן דעם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן צו־זאַמענלעבן.

סובסטאַנץ: דער עצם אָדער תמצית פֿון זאַכן. די פונדאַמענטאַלע ניט ענדערענדע רעאַליטעט וואָס זאָל זיך געפינען אונטער אַלע צייט־ווייליקע זאַכן אין דער וועלט.

סובלימאַציע: פּסיכאָלאָגיש מיינט עס צו איבערטראָגן איין ביאָלאָגישע און פּסיכישע נייגונג אויף אַ צווייטער העכערער און נאָבעלערער; אונטערשטעלן איין געפיל, אָדער איבערלעבונג פֿון אַ העכערער קוואַ־ליטעט פֿאַר אַ צווייטן געפיל אָדער איבערלעבונג.

סובסטראַטום: אונטערלאַגע, גרונטלאַגע. עפּעס וואָס ליגט אונטער אַ זאַך.

סובסיסטענצן: לאָגישע באַגריפן וועלכע מען וויל געבן אַן אייגנאַרטיקן עקזיסטענציעלן מיין וואָס מען קען ניט דערקלערן.

סטאַטוס: דער צושטאַנד, די לאַגע, דער עקזיסטענציעלער מיין און באַ־דייט.

סטאַטיסטישע דורכשניטן: מיינט נעמען דעם דורכשניט צאָל פֿאַר אַ רעגל אָט ווי דער רעגל זאָל באַשטיין פֿון אַ געזעץ. אייניקע לייקענען אַז ס׳הערשט אַ געזעץ אין דער פיזישער וועלט פֿון אורזאַך און פֿאָלג; ס׳איז נאָר אַ רעזולטאַט פֿון דורכשניט אומענדלעכע צאָלן. זיי גיבן די אילוזיע פֿון אַ געזעץ פֿון אורזאַך און פֿאָלג.

סימבאָל: אַן עמבלעם, אָדער אַ פיגור, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ באַ־שטימטן מיין.

סימבאָלישע לאָגיק: מיינט צו נוצן סימבאָלן (בוכשטאַבן) אויפן פּלאַץ פֿון געדאַנקען, אָדער באַגריפן און אַרויסברייגגען זייער לאָגישן צו־זאַמענהאַנג אָט ווי מען נוצט בוכשטאַבן אין אַלגעברייעשע פֿאָר־מולעס. זי ווערט אויך אָנגערופן מאַטעמאַטישע לאָגיק.

סינאָפּטיש: קורץ געפאַסטער איבערבליק, אַ קורץ אַלגעמיינער אינהאַלט פון אַ לייִנגערער אַרבעט. עס מיינט אויך זען זאַכן און דערשיינונגען אין זייער אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג, אָדער אין זייער גאַנצקייט, ווי אַ סינאָפּטישער בליק.

סינטעזירן: צוזאַמענשטעלן, פאַראייניקן עלעמענטן אָדער איינפאַכע פאַרמען, אין אַ העכערער און קאָמפּליצירטערער פאָרמאַציע.

סכאָלאַסטיק: שול־לערנען; האָט אַ שייכות צו לערנען בכלל. מיטלאַלטערלעכע פילאָזאָפיע, וואָס איז באַשטאַנען פון אינטערפּרעטירן רעליגיע פילאָזאָפיש, ווערט אָנגערופן סכאָלאַסטיציזם: פּלפּול.

סכעמאַ: אַ פּלאַן, אַ פּראָיעקט, אַן אָנגעוואָרפענע פאַרצייכענונג פון אַ מער קאָמפּליצירטן ענין.

סינאָנים: פאַרשיידענע ווערטער וועלכע האָבן דעם זעלבן מיין, זיי קענען פאַרביטן ווערן איין וואָרט אויפן צווייטן צו ניט איבער׳חזר׳ן דאָס זעלבע וואָרט צופיל מאָל.

סינטעטישע פילאָזאָפיע: ספּענסערס פילאָזאָפיע ווערט אָנגערופן סינטעטישע דערפאַר וואָס ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו סינטעזירן (פאַראייניקן) אַלע דערשיינונגען אין אַן איינהייטלעכן פּראָצעס.

ספּאָנטאַן: וואָס קומט פון זיך אַליין, מיט אַמאָל, פרייוויליק.

סענסאַציעס: איינדרוקן וואָס קומען אַריין דורך די חושים פון דער אויסערלעכער וועלט.

ספּעקולאַטיווע דענקער: מיט דעם נאָמען ווערן באַצייכנט פילאָזאָפן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פּאָבלעמען וועגן וועלכע מען קען האָבן פאַרשיידענע מיינונגען: — מען קען „ספּעקולירן" וועגן זיי, אָבער מען קען זיי ניט לייזן.

ספּעקולאַטיווער דענקען: מיינט פילאָזאָפירן, אַרויסזאָגן שכלדיקע מיינונגען וואָס ס׳קען ניט באַוויזן ווערן צי זיי זיינען ריכטיק אָדער ניט. מען ספּעקולירט וועגן עיקרים, אָדער פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען און מען פּאַלט אַריין אין ווידערשפּרוכן אָדער אומפאַרשטענדלעכקייטן.

סקעפּטיקער: אַן אַלגעמיינער צווייפלער; איינער וואָס צווייפלט אַז ס׳איז מעגלעך צו וויסן פונדאַמענטאַלע אמת׳ן.

עוואָלוציע: אָרגאַנישע עוואָלוציע באַשטייט פון אַ טעאָריע אַז אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען און קומט פאָר אין דער אָרגאַנישער וועלט (אין פלאַנצן און אין חיות) און נייע מינים אַנטשטייען.

„עווענט" איז לויט ווייטהעדס טערמינאָלאָגיע יעדע זאַך און יעדע דערשיינונג אין דער וועלט, אפילו די הימאַלייער בערג. עס איז אַ דינאַמישער און ניט סטאַטישער צוגאַנג צו דער וועלט.

עמאַנאַציע: אויסשטראַלונג, אַרויסקומען. דער טערמין איז געוויינטלעך פאַרבונדן מיט מיסטיציזם.

עמערגענטע עוואָלוציע: באַשטייט פון אַ פילאָזאָפישן באַגריף אַז יעדע נייע דערשיינונג אויפן לייטער פון עוואָלוציע באַשטייט פון אַ נייער

קוואַליטעט, אַן „עמערגענט" וואָס איז אינם פריערדיקן ניט געווען. דער פּראָצעס גופא ווערט גענומען פאַרן אויסגאַנגס פּונקט. (זע: לויד מאָרגען און סעמועל אַלעקסאַנדער).

עמפּיריציזם: דער וויסן וואָס קומט פון דערפאַרונג וואָס ס'מיינט דער וויסן וואָס קומט דורך די חושים: סענזאַרישער וויסן.

עמפּירישער דענקען: עס מיינט נעמען דעם וויסן וואָס מען קריגט פון דערפאַרונג דורך די חושים פאַרן אויסגאַנגס פּונקט און ציען שלוסן פון דער אינפאָרמאַציע וועגן אַלץ מיט אַלעמען אין דער וועלט.

עניגמאַטישער: אומפאַרשטענדלעכער, אומדייטלעכער, אַ רעטעניש.

עסטעטיק: לערע וועגן שיינקייט און געשמאַק. עסטעטיק, דער געפיל פאַרן שיינעם, באַלאַנגט צו די עמאָציעס און צו דער פאַנטאַזיע און ניט דירעקט צום אינטעלעקט. פונדעסטוועגן זיינען די וויכטיקסטע קונסט אינטערפּרעטירער פילאָזאָפן (קראָטשע, סאַנטיאַנע, אַלעקסאַנדער). דאָס איז פאַרשטענדלעך: — פילאָזאָפיע באַשעפטיקט זיך מיט יעדן פּראָבלעם.

עסענץ: דער תמצית, דער עיקר; דער פונדאַמענטאַלער שטאָף, אָדער דער הויפּט געדאַנק.

עפּיסטאָמאָלאָגיע: די לערע וועגן דעם מענטשלעכן וויסן וועגן דער וועלט: — די טעאָריע פון וויסן אָדער די דערקענטעניש לערע.

עפּיסטאָמאָלאָגישער דואַליזם: מיינט אָננעמען אַ מאָניסטישן בליק בנוגע דער רעאַליטעט, אַז זי איז איינע און אַ דואַליזם אין דער דער־קענטעניש לערע, אַז דער וויסן אין דער אינערלעכקייט פונם באַוואוסט־זיין באַשטייט פון אַן אינטערפּרעטאַציע (באַדייטונג) פונם פּרעזענ־טירנדעם צו די חושים; ס'איז אָבער ניט אידענטיש מיט דעם: — ס'איז ניט קיין דירעקטע אַפּרעהענציע.

עקזיסטענציאַנאַליזם: פאַרשיידענע פילאָזאָפישע שיטות וועלכע נעמען דעם מענטשן מיט זיינע באַגריפן און איבערלעבונגען פאַרן אויסגאַנגס פּונקט און זיינען קעגנעריש געשטימט קעגן מעטאַפיזיק. עס ווערט באַטראַכט פאַר אַ פילאָזאָפיע פון אַנטוישונג און דעקאַדענץ : — פּערזאָנאַליזם.

עקסטאַז: דער העכסטער עמאָציאָנעלער צושטאַנד פון באַגייסטערונג, אַן עקזאַלטירטע איבערלעבונג פון וועלכער מען ווערט איבערוועלטיקט.

עקספּאָנענט: אויסטייטשער און דערקלערער; אַ פּאַרטיידיקער פון אַ באַשטימטער אידעאָלאָגיע.

פּאָזיטיוויזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס איז באַזירט אויף פּאָזיטיווע פאַקטן און די שלוסן וואָס מען קען פון זיי ציען. עס איז די פילאָזאָפיע פון דער וויסנשאַפט און איז ניט גענייגט צו מעטאַפיזיק, וואָס זיי נעמען אָן איז ליידיק פון וועלכן ס'איז אמתן מיין. לאָגישע פּאָזיטיוויסטן זיינען געווען די וויענער גרופּע. מען זאָגט אַז זיי האָבן גרויסע פאַר־דינסטן אין לאָגיק, מאַטעמאַטיק און סעמאַנטיק (שפּראַך פאָרשונג).

פּאַטאַל: „טויטלעך", אַ פיגוראַטיווער אויסדרוק וואָס ווערט גענוצט ווען אַן אויסזעצונג ווערט געבראַכט קעגן אַ טעאָריע וואָס איז זי סותר, וואָס ווידערשפּרעכט אָדער ווייזט אַז זי אַנטהאַלט אַן אוממעגלעכקייט.

פּאָטענציע: עקזיסטירט ווי אַ מעגלעכקייט; וואָס איז בכח הגם ניט בפּועל.

פיינאַיט: באַגרענעצט אין צייט און אין רוים לויט די נאַטור געזעצן. געוויינטלעך ווערט דער טערמין גענוצט ווען דעם מענטשנס לימיטאַציעס. דער טערמין פינאַלע ווערט אויך גענוצט. שטערבלעך מיינט אויך, אַז מענטשן, ווי לעבעדיקע באַשעפענישן בכלל, זיינען שטערבלעך, ווי אויך באַגרענעצט אין אַלגעמיין.

פּאַנטעאיזם: אַלץ איז געטלעך מיינט אימאַנענץ, נעמלעך, דאָס געטלעכע געפינט זיך אין דער נאַטור. פּאַנטעאיזם קען אויסגעטייטשט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים.

פּאָסטולאַט: פונדאַמענטאַלער באַגריף וואָס ווערט אָנגענומען אָן באַווייזן און וועלכער קען ניט באַוויזן ווערן. אַ ווייכערער וואָרט ווי אַן „אַקסיאָמע".

פּאָסטולירן: אָננעמען עפּעס פאַר פונדאַמענטאַל און פאַר זעלבסט פאַרשטענדלעך וואָס פאָדערט ניט קיין שום באַווייזן: — אַ פּאָסטולאַט.

פּאַראַדאָקס: אַ מיינונג וואָס זעט אויס צו זיין אַ ווידערשפּרוך צו דער אָנגענומענער מיינונג; אַ פּאַראַדאָקס באַשטייט פון אַ מין סתירה־קייט.

פּערמאַטיוון: פּערמינדערן, באַשטימען, מאַכנדן. אין שייכות צו אַנטוויקלונג.

פּאָרמאַליזם: צו דענקען לויט אַלגעמיינע כללים לויט דער פאָרמע און ניט לויטן אינהאַלט. אַ פּעדאַנט. פאָרמאַלער דענקען איז אָנגענומען אַז ווען אַ געדאַנק שטימט אין דער פאָרמע איז ער ריכטיק אינם אינהאַלט. קאַנטס דענקען ווערט אָפט אָנגערופן פאָרמאַליזם: — „ווען אַ מענטש איז אַ חיה, איז חיה אַ מענטש" און אַז. וו.

פּאַרשטאַנד: אַ טערמין וואָס איך נוץ פאַרן ענגלישן טערמין „מאַינד". עס איז ניט קיין פּינקטלעכע איבערזעצונג; מיר איז ניט באַקאַנט קיין בעסער צוגעפּאַסטער וואָרט.

פיגוראַטיוו: ניט געמיינט אינם בוכשטאַבלעכן זינען פונם וואָרט, אַ בילדלעכער אויסדרוק, ניט קיין ווערטערלעכער מיין.

פילאָזאָפיע: ליבע צו חכמה, צו וויסן. עס איז אַן אַלגעמיינער נאָמען פאַר דיסקוטירן, אָדער ספּעקולירן, וועגן פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען צו וועלכע די וויסנשאַפט קען ניט דערגרייכן און קען ניט געבן קיין ענטפער.

פילאָזאָפיע פון עוואָלוציע: מיינט אויסשפּרייטן דעם באַגריף וועגן ענדערונג אויף אַלץ מיט אַלעמען אין דער נאַטור פונם פּרימיטיוון און איינפאַכן צושטאַנד ביז איצט און ווייטער, אַז אַלץ ענדערט זיך און נייעס אַנטשטייט.

פּיעטעט: אַ געפיל פון הייליקייט וואָס איז ענלעך אויף אַ רעליגיעזער איבערלעבונג. עס דאַרף ניט זיין בוכשטאַבלעך פאַרבונדן מיט רעליגיע.
פּסיכאָאַנאַליז: אַ לערע אין דער פּסיכיאַטריע אַז מען קען דורך לאָזן דעם קראַנקן ריידן אַרויסברייננגען די באַהאַלטענע קאָנפליקטן פונם אונטערבאַוואוסטזיין און אויף דעם אופן זיי לייזן און היילן דעם קראַנקן פון זיין „קאָמפּלעקס“.
פּסיכאָלאָגיע: די לערע וועגן דעם פּראָצעס פונם מענטשלעכן באַוואוסטזיין; אָדער די לערע וועגן דער מענטשלעכער באַנעמונג, אָדער וועגן דעם מענטשלעכן אויפפיר.
פּסיכאָלאָגיזם: דער בליק אַז פּסיכאָלאָגיע, אָדער די פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן, זיינען דער באַזיס פון נאָרמאַטיווע וויסנשאַפטן, ווי לאָגיק, עטיק און עסטעטיק.
פּסיכאָ-פיזישע (פיזיאָלאָגישע) אינטעראַקציע: אַ מיינונג אַז צוויי שטראָמען, אַ פיזיאָלאָגישער אינם מאַרך גופא און אַ פּסיכישער (גייס־טיקער) אינם פאַרשטאַנד (מאַינד), ווירקן שטענדיק איינער אויפן צווייטן הין און צוריק.
פּסיכאָ-פיזישער (פיזיאָלאָגישער) פּאַראַלעליזם: אַ מיינונג אַז אינם מענטשלעכן מאַרך פליסן פּאַראַלעל צוויי שטראָמען, אַ פיזיאָלאָגישער אינם מאַרך גופא און אַ פּסיכישער (גייסטיקער) אינם פאַרשטאַנד (מאַינד). די צוויי שטראָמען באַרירן ניט איינער דעם צווייטן; זיי לויפן אָבער אין פאָלשטענדיקער האַרמאָניע גלייכצייטיק.
פּערזאָנאַליזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס באַטאָנט די חשיבות פונם מענטשן ווי אַ פרייער שאַפנדער אַגענט. זע: עקזיסטענציאַנאַליזם.
פענאָמענאַליזם: אַ פילאָזאָפישע שיטה וואָס נעמט אָן אַז מען דאַרף נעמען דערשיינונגען לויט ווי מען קריגט פון זיי אַן איינדרוק, ווייל וועגן קיין שום אַנדער זאַך ווי די דערשיינונגען (פענאָמענע) ווייסט מען ניט.
פּעדאַנט: איינער וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף קלייניקייטן אין לערנען; איינער וואָס איז מקפּיד, ער איז פּאַרזיכטיק אויף יעדער קלייניקייט.
פּעריפעריע: דער ראַנד פון אַ צירל; דאָס וואָס ס'געפינט זיך באַם סוף, באַם ענד פון אַ שטח. אויך דאָס וואָס איז ווייט פונם צענטראַלן גע־דאַנק, אָדער פון וועלכער ס'איז ווירקונג.
פּערספּעקטיוו: אויפנעמען עפּעס פון אַ באַשטימטן ווינקל אָדער פון אַ באַשטימטער דיסטאַנץ. זען זאַכן אין אַ באַשטימטער ליכט.
פּערצעפּציע: דאָס איפנעמען דורך די חושים. פּערצעפּטיצאָנעלער וויסן באַשטייט פון אַ וויסן וואָס מען קריגט דורך דירעקטן אויפנעמען פון די חושים.
פּראַגמאַטיזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז דער מענטשלעכער דענ־קען איז צוועקמעסיק (פּראַגמאַטיש) און באַשטייט אין לייזן פּראָ־בלעמען אין קאָנקרעטע סיטואַציעס. פּראַגמאַטיזם איז אַ פילאָזאָפישער

מעטאָד ווי דער דענקען קומט פאָר; עס איז ניט קיין סיסטעם. מען קען ניט שאַפן קיין פּראַגמאַטישע מעטאַפיזיק פּשוט דערפאַר וואָס ווייטער פון דער דערפאַרונג (עמפּיריק) דענקט דער פּראַגמאַטיסט ניט.

פּראָפּאָזיציע: באַהויפּטונג, זאַץ, אורטייל. האָט אַ שייכות מיטן פּראָבלעם פון אמת.

פּריימאַ־פאַשיע: אויפן ערשטן בליק, אויבן־אויף. לויטן פאַקטישן צו־שטאַנד איידער דער ענין איז געפּאָרשט געוואָרן.

פּרימערע קוואַליטעטן: פונדאַמענטאַלע שטריכן פון זאַכן וואָס קענען פון זיי ניט אַוועקגעטראַכט ווערן. אַליין ווערן זיי ניט אויפגענומען פון די חושים; זיי ווערן אויפגענומען דורך די סעקונדערע קוואַליטעטן, ווי: מאָס, פאָרמע, צאָל און אַז. וו.

זיי ווערן אויפגענומען פון מער ווי איין חוש און זיי קענען ניט רע־דוצירט ווערן אויף קיין שום אופן.

קאָגנאַציע: דערקענטעניש, פאַרשטיין און באַוואוסטזיניק ווערן וועגן דעם וואָס געפינט זיך אין דער סביבה. וויסן בכלל, אָדער אנערקענען.

קאָגנאַטיווע רעלאַציע: דער צוזאַמענקונפט, די באַרירונג פונם מענטשן (ווי אַ „זאַך") מיט עפּעס פון דער סביבה (אַ זאַך אָדער אַ פּאַסירונג) און ער ווערט באַוואוסטזיניק וועגן דער זאַך, אָדער דער פּאַסירונג. ער ווערט באַוואוסטזיניק וועגן דער פאַרהעלטעניש (רעלאַציע) מיט דעם וואָס פּרעזענטירט זיך פאַר אים.

קאָהערענס טעאָריע (קאָהערענס): האַרמאָניע, צוזאַמענהיינג. אַ באַ־הויפּטונג, אָדער פּראָפּאָזיציע, איז אַן אמת ווען אַלע אירע טיילן זיינען אין לאָגישן צוזאַמענהיינג.

קאַוזאַליטעט: דער צוזאַמענהיינג פון אורזאַך און פאָלג (סיבה און פּועל יוצא). קיין זאַך אָדער דערשיינונג קומט ניט פון זיך אַליין. עס איז שטענדיק פאַראורזאַכט דורך אַ סיבה.

קאַטעגאָריעס: די פונדאַמענטאַלע עלעמענטן פון דער וועלט־געביידע, אָדער פונם מענטשלעכן דענקען וועגן דער וועלט. זיי זיינען דער עצם אין זאַכן און זיי קומען אין און אַרום זאַכן; זיי גופא ווערן אָבער ניט אויפגענומען דורך די חושים (דערפאַרונג), ווי: סובסטאַנץ, רע־לאַציע און אַז. וו.

קאַטעגאָריזירט: באַצייכענט, קלאַסיפיצירט, כאַראַקטעריזירט. זע: דע־זיגנירט.

קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו: אַן ארויפגעצוואונגענער באַפעל. לויט קאַנטן איז דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו אַ מאָראַלישער געבאָט וואָס איז ארויפגעצוואונגען אויפן מענטשן און דאָס זאָל זיין אַ באַוויז פאַרן אמת פון רעליגיע (זיינע דייטשן האָבן באַוויזן אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות).

קאָמפּלעקס: צוזאַמענגעשטעלט, פילזייטיק, קאָמפּליצירט.

קאָמפּעטענט: מומחה, אַן עקספּערט, דערפאַרן. אַן אויטאָריטעט אין זיין פאַך.

קאָמפּענסאַציע: איינפאַך מיינט עס פאַרגיטיקונג פאַר גליטענעם; פיגוראַטיוו מיינט עס ווען מען קען ניט קריגן וואָס מען וויל, זאָל מען שטרעבן צו עפּעס ווי אַ באַלוינונג פאַר דעם.

קאָמפּרעזענט: צוזאַמענזיין. לויט אַלעקסאַנדערס פילאָזאָפיע קען מען נאָר באַוואוסטזיין וועגן עפּעס וואָס פּרעזענטירט זיך צום פאַרשטאַנד. קיין באַוואוסטזיין פאַר זיך אָן אַן עפּעס איז ניטאָ.

קאָנאָטאַציע: אַ כּלל באַגריף אָדער אַלגעמיינע באַצייכענונג, צום אונטערשייד פון ד ע נ אָ ט אַ צ י ע, אַ פּרט באַגריף אָדער באַצייכענונג.

קאָנאָן: אַ לאָגישער געזעץ אָדער רעגל. אַ קלויסטער געזעץ.

קאָנדיציאָנעלער רעפלעקס: אַ רעאַגירן וואָס קומט פון אַ געוואוינהייט צו קומען צוזאַמען מיט אַ נאַטירלעכן גאַנג און וואָס איז פאַרפיקסירט געוואָרן דורך לערנען.

קאָנטינואום: אַן אַבסאָלוטע גאַנצקייט וואָס האָט ניט קיין בלויזן. אַ ניט־אונטערבראָכענע גאַנצקייט, וואָס איז אָנגעפילט איבעראַל.

קאָנטינענטאַלער אינטעלעקטואַליזם: איז דער דענקען וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעקאַרטן אויפן אייראָפּייעשן קאָנטינענט און האָט געפירט צו דער דייטשישער מעטאַפיזיק. וויסן וואָס מען קריגט דירעקט פון דעם שכל (אינטעלעקט). זע: ראַציאָנאַליזם.

קאָנטעמפּלאַציע: באַטראַכטן, באַאַבאַכטן. פאַר זיך איז דער טערמין זעלבסט־דערקלערנד. אַלעקסאַנדער נוצט אים אָבער צוזאַמען מיט אַ צווייטן טערמין „געננוס" (ענדזשוימענט), וואָס מיינט: אינערלעכע איבערלעבונג. ווי אַ מעטאַד איז די שפּאַלטונג באַקוועם פאַר אים. עס איז אָבער אַ פראַגע צי אַזאַ שפּאַלטונג קומט פאַר אין דער אינערלעכקייט פונם באַוואוסטזיין.

קאָנצעפּציע: אַן אַלגעמיינער אַבסטראַקטער באַגריף, אַ שכלדיקער מיין וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט חושים איינדרוקן. אַ שכלדיקער דענקען בכלל.

קאָסמאָס און קאָסמאָלאָגיע: קאָסמאָס איז דער אוניווערס און זיין האַרמאָנישער גאַנצקייט און קאָסמאָלאָגיע איז די לערע וועגן דעם אוניווערס און די מענלעכע געזעצן וואָס רעגולירן אים.

קאָרעספּאָנדירונג טעאָריע: אַ באַהויפּטונג איז אַן אמת ווען זי שטימט מיט דער רעאַליטעט; זי קאָרעספּאָנדירט מיט דער רעאַליטעט.

קוואַליטאַטיווער צוגאַנג: באַטראַכטן זאַכן לויט זייערע אייגנשאַפטן.

קוואַליטעט: כאַראַקטער אייגנשאַפטן פון זאַכן דורך וועלכע זיי ווערן אויפגענומען פון די חושים. אַריסטאָטעלס בליק צו נעמען זאַכן לויט זייערע אייגנשאַפטן האָט געהערשט ביז דער מאָדערנער צייט ווען דינאַמיק האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. קוואַליטעטן זיינען די עמערגענטן אין דער פילאָזאָפיע פון עוואָלוציע.

קוואַנטום טעאָריע: לויט דער טעאָריע, וואָס איז אַלגעמיין אָנגענומען, פליסט ענערגיע אין פיקסירטע איינהייטן. עס קען זיין איין קוואַנטע אין ביליאָנען קוואַנטעס; עס קענען אָבער ניט פליסן קיין טיילן פון אַ קוואַנטע: אָדער ס'פליסט אַ קוואַנטע, אָדער גאָרניט. דאָס האָט גע־פירט צו אַ רעוואָלוציע אינם באַגריף וועגן ענערגיע.

קוואַנטיטאַטיווער צוגאַנג: באַשטייט אין מעסטן, וועגן און רעכענען. עס איז פאַקטיש דער דינאַמישער צוגאַנג.

קולמינאַציע: די העכסטע הויך, אָדער דער העכסטער פונקט; די העכסטע דערגרייכונג.

קריטישער רעאַליזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז די וועלט עק־זיסטירט פאַר זיך, אָבער ניט אַלץ איז אין איר אַזוי ווי די חושים צייגן: — זיי סינטעזירן אייניקעס ווי: קאָלירן, קלאַנגען, אַראָמאַטן און אַז. וו., פון אייגנאַרטיקע נאַטור דערשייענונגען.

קריטעריום: דער פּראָביר־שטיין, די מאָס לויט וועלכער מען שאַצט אָפּ אַ זאַך.

קריטישע פילאָזאָפיע: קאַנטס פילאָזאָפיע ווערט אָנגערופן די קריטישע פילאָזאָפיע דערפאַר, וואָס ער האָט אונטערוואָרפן אונטער אַ קריטישן אַנאַליז די פונדאַמענטאַלע פילאָזאָפיע באַגריפן פון זיין צייט און האָט דורך דער קריטיק צוזאַמענגעשטעלט זיין פילאָזאָפישן בנין.

קרעאַטיווע עוואָלוציע (בערגסאָן). דער קרעאַטיווער פאַקטער, דער שאַפער (וויטאַלער אימפּולס, „צייט“, גאָט) פונם עוואָלוציע פּראָצעס ווערט גענומען פאַרן אויסגאַנגס פונקט.

ראָמאַנטיקער: טרוימער, פּאָעט און בעל חלומות. אַ מענטש מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע.

ראַציאָנאַליזם: שטעלן העכער דעם שכלדיקן דענקען ווי דעם וויסן וואָס קומט פון דערפאַרונג דורך די חושים. די ראַציע (דער שכל) נאַרט ניט אָפּ. די לאָגיק גיט זיכערן וויסן; די חושים אָבער צייגן נאָר „דער־שיינונגען“ (אַפּירענסעס) און ניט די רעאַליטעט.

רודימענטאַר: עלעמענטאַר, אָנהויב, רוי.

רעאַליזם: אַ פילאָזאָפיע וואָס נעמט אָן אַז די וועלט עקזיסטירט פאַר זיך; זי איז ניט אָפּהייענגיק פונם מענטשלעכן וויסן וועגן איר.

רעפלעקטירן: נאָכדענקען, אָפּשפּיגלען, זיך איבערלייגן.

רעפלעקטיווער דענקען: זיך אַריינטראַכטן אין אַן אַבסטראַקטן ענין.

רעפּרעזענטאַטיווער רעאַליזם (דזשׁ לאָק): מיינט אַז דער וויסן וועגן דער וועלט באַשטייט אין וויסן אידייעס (פאָרשטעלונגען, סימבאָלן), וועלכע געפינען זיך אינם פאַרשטאַנד, אַז זיי זאָלן באַשטיין פון ק אָ פּ י ע ס פון די זאַכן פון דער אויסערלעכער וועלט. קעגן דער קאָפּיע־טעאָריע זעצט מען אויס אַז מיט וואָס קען מען זיין זיכער אַז די קאָפּיעס (אידייעס אינם פאַרשטאַנד) רעפּרעזענטירן אַן אויסער־לעכע רעאַליטעט, ווען וועגן דעם קען מען גאָרניט וויסן.

זוכצעטל

א

אַגנאָסטיציזם: 52, 83, 133, 282
אַגנאָסטיקער: 44, 83, 282
אַדריאַן: 25, 26, 28, 29, 30, 32, 35, 37, 155
אידיאַליזם: 36, 56, 57, 60, 71, 73, 133, 190, 204, 232, 244
איינשטיין: 33, 56, 60, 63, 113, 212, 224, 225, 226, 264, 267, 277
אַנטינאָמיעס: 62, 67
אַ־פּריאָרי: 73, 81, 82, 105
אַריסטאָטל: 54, 64, 84, 101

ב

בובער מאַרטין: 290, 291
בוירקלי בישאָף: 93
ביזאַנקוועט: 134, 138
בערגסאָן הענרי: 23, 45, 46, 47, 48, 50, 51, 52, 53, 59, 62, 70, 81, 117, 121, 141, 174, 241, 251, 272, 288
בראָאַד דר.: 68, 71, 76, 78, 84, 215, 239, 244, 254, 268, 271
ברעדלי: 115, 140

ג

גאַליליייאַ: 102
דאַנילעווסקי: 292
דאַרווין: 42, 44, 68, 184, 201,

ד

דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם: 184, 205
דזשיימס וויל.: 57, 59, 247
דיואי דזש.: 139, 140
דע־לאַגונאַ: 138, 140
דעקאַרט: 53

ה

הוקסלי טאָמאַס: 185, 264, 282
הייזענבערג: 222, 223, 224
העגעל: 94, 145, 183, 193, 285, 287
העד הענרי: 23, 24

ו

וואַלטער גריי: 29, 30, 39
וויטעקער עדמונד: 225, 226, 52, 53, 67, 70, 178
ווייטהעד: 45, 58, 77, 82, 85, 86, 87, 99, 113, 205, 235, 246, 262, 270, 237, 275, 281
ווייצמאַן דר.: 265

ט

טאָפּלטער אַספּעקט (דאָבלטער אַס־פּעקט): 37, 39, 107, 132, 133, 274
טויענבי: 292

י

יאסטראס קאַרל: 291
יום דוד: 93, 113, 185, 204, 214, 226

ל

לאנקעסטער רוי: 93
לאָק דזש.: 84, 92, 93, 94, 106, 131, 204
לא־קראַס: 24
לייבניץ: 36, 61, 63, 92, 101, 121
לוטער מאַרטין: 284
ליירד דזש.: 203, 258
ליסטאָוועל לאָרד: 156, 159, 195, 234

מ

מאַטעריאַליזם: 36, 56, 63, 244
מאָנאַד: 120, 121, 243
מאָנטעגיו וויל.: 129, 133, 261, 273, 272, 277, 279
מאַריטאַן זשאַק: 51, 291
מאַרקס קאַרל: 184, 187
מינקאָווסקי הערמאַן: 60, 63, 267
מעץ רודאָלף: 157, 185, 267
מק'קאַרטי דר.: 150, 151, 161, 193, 232, 238, 254, 272

נ

נאַטאַנסאָן וויל.: 213, 215
ניוטאָן: 61, 72, 121, 212, 269
ניעבור ריימאָנד: 289
286
סאַנטיאַנע דזש.: 84, 112, 170, 284,
סאָקראַט: 191
סאַרטר שזין: 291
סינטעטישע פילאָזאָפיע: 42, 43, 44
סעלאַרס רוי: 38, 39, 107, 44, 205, 281
סעמועל הערבערט: 34, 37, 38, 223
ספינאָזע: 53, 54, 59, 61, 69, 174, 167, 191, 194, 195, 204, 205, 216, 220, 223, 235, 240, 263, 265, 269, 270
ספענגלער: 292
ספענסער הערבערט: 42, 43, 44, 45 51, 62, 81, 84, 156, 166, 185, 199

ע

עדינגטאָן: 223, 224, 225, 258
עלעקטראָענסעפעלאָגראַפיע: 29, 30
עפּילעפּסיע: 29, 30, 32
עפּיסטעמאָלאָגיע: 44, 71, 73, 92, 129, 131, 140, 205, 263, 275
עקזיסטענציאַליזם: 283, 291

פּ

פּאַרעטאָ: 288
פּלאַטאָן: 84
פּלאַנק מאַקס: 213, 223, 224, 225, 229
פּסיכאָ־פיזישע אינטעראַקציע: 35
פּסיכאָ־פיזישער דואַליזם: 35, 36
פּסיכאָ־פיזישער פּאַראַלעליזם: 35
פּענפילד: 27, 28, 29
פּערזאָנאַליזם: 283, 288, 292

פ

פיכטע: 94, 285

ק

קאַנט עמאַנועל: 58, 62, 69, 73, 84, 93, 94, 107, 108, 113, 188, 214, 121, 224, 226, 235, 285
קאַטעגאָריע: 38, 60, 69, 71, 72, 73, 74, 75, 76, 190, 206, 219
קאָנוויץ מילטאָן: 136, 149, 150, 151, 232, 264, 285, 286,

קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו: 133, 150, 188, 197, 232, 227
קוואַנטום טעאָריע: 56, 222, 223, 227
קירקעגאארד: 218, 290
קראַטשע: 156, 161, 163, 164
קרעאַטיווע עוואָלוציע: 46, 47, 48, 49, 52

ר

ראָזענקראַנץ פראַנץ: 289
רעלאַטיוויטעט טעאָריע: 60, 63, 185, 269
ראָסעל בירטראַנד: 36, 58, 61, 63, 90, 93, 94 110, 113, 117, 121, 128, 130, 131, 133, 139, 140, 155, 190, 197, 205, 223, 224, 225, 226, 258, 273, 281, 282
רעאַליזם: 37, 58, 162 130, 190, 243, 424, 245

ש

שערינגטאָן: 21, 22, 89, 90, 223